STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03515

TSVISHN YO UN NEYN

Arye Leyb Pilowsky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אריה לייב פּילאָווסקי

צווישן יאָ און ניין

ייִדיש און ייִדיש־ליטעראַטור
אין ארץ־ישראל, 1907—1948

אַרויסגעגעבן דורכן וועלטראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור

תל־אביב

יאַנואַר 1986

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון
וואָלף גאָלדבערג, טאָראָנטאָ — קאַנאַדע.

ARIE PILOVSKY

"ZWISHEN YO UN NEIN"

Edited by
WORLD COUNCIL FOR YIDDISH
AND JEWISH CULTURE
9, Mendele Street
Tel-Aviv 63 431

©
Printed in Israel

דפוס „אורלי" — פרידמן, ת"א, טל. 372062

אינהאַלט

אַ וואָרט פאָרויס 9
הערה צום וואָרט פאָרויס 11

קאַפּיטל איינס: יידיש אין ארץ־ישראל, 1907—1921 . 13

א. דער סטאַטוס פון יידיש אין ארץ ישראל בעת דער צווייטער עליה 13
ב. די פּאָלעמיק איבערן סטאַטוס פון יידיש אין ארץ ישראל פון אָנהייב דריטער עליה ביז 1921
1. דער הינטערגרונט פון דער פּאָלעמיק 31
2. דער ווידעראַנאַנד אַרום דעם מעמד פון יידיש אין א״י, פאַרן פאַרלייגן די אחדות העבודה פּאַרטיי 37
3. די פּאָלעמיק פון אחדות־העבודה מיט די פּועלי־ציון־פּאַרטייען אין אויסלאַנד מכּוח דעם סטאַטוס פון יידיש אין א״י 44
הערות צו קאַפּיטל איינס 69

קאַפּיטל צוויי: דער ווידעראַנאַנד אינעם וועלטפאַרבאַנד פון פּועלי־ציון אַרום דעם מעמד פון יידיש אין ארץ־ישראל, 1923—1925 78
1. ערב דער זעקסטער וועלט־קאָנפערענץ 78
2. פון קאָנפערענץ צו קאָנפערענץ 82
3. די זיבעטע וועלט־קאָנפערענץ 105
הוספה: די שפּראַכן־פראַגע און דער איינשטעל צו פּועלי־ציון אין פּוילן 109
הערות צו קאַפּיטל צוויי 113

קאַפּיטל דריי: די שפּראַכן־פראַגע און דער סטאַטוס פון יידיש אין א״י אין דער קאַמפּאַניע פונעם ליטעראַרישן זשורנאַל 'כּתובים' קעגן ח. נ. ביאַליק אין 1927 . . . 119
הערות צו קאַפּיטל דריי 138

קאַפּיטל פיר: די פּאָלעמיק אַרום דעם פּלאַן צו שאַפן אין 1927 אַ קאַטעדרע פאַר יידיש אין ירושלים . . . 141
1. דער פּראָיעקט פון ניו־יאָרקער צייטונג 'טאָג' צו גרינדן אַ קאַטעדרע פאַר יידיש ביים העברעישן אוניווערסיטעט . 141
2. די קעגנאָפּרופן אין ארץ־ישראל און די עפנטלעכע פּאָלעמיק אַרום דער קאַטעדרע־פראַגע 143
3. די פּרינציפּיעלע באַשטעטיקונג פון פּראָיעקט און זיין פּאַקטישער אָפּשטויס 160

4. קאָנטאַקטן און פאַרהאַנדלונגען נאָכן אַפּליי פון פּראָיעקט . . . 172
הערות צו קאַפּיטל פיר 182

קאַפּיטל פינף: דער סטאַטוס פון יידיש און יידיש־ליטעראַטור אין א״י, פון 1928 ביזן אַרויסגעבן די צייט־שריפט פון לינקע פועלי־ציון אין א״י, ׳נײַעוועלט׳, 1934 . . . 192
1. דער אָנפאַל אויפן קלוב פון לינקע פועלי־ציון אין תל־אָביב . 192
2. דער עפנטלעכער וויכוח איבערן אָנפאַל אויפן קלוב פון לינקע פועלי־ציון אין תּל־אָביב 204
3. דער אינצידענט מיטן יידישן פילם ׳די יידישע מאַמע׳ . 213
4. דער עפנטלעכער אָפּרוף אויף די בראָשורן פון ארץ־ישראלדיקער יידיש־ליטעראַטור 216
הערות צו קאַפּיטל פינף 220

קאַפּיטל זעקס: דער סטאַטוס פון יידיש און יידיש־ליטעראַטור אין א״י, פון זינט ׳נײַעוועלט׳ (1934) ביזן אויפקום פון מדינת־ישראל 227
1. יידיש אין א״י ביזן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה 227
2. יידיש אין א״י זינטן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה ביזן אויפקום פון מדינת־ישראל 240
הערות צו קאַפּיטל זעקס 247

קאַפּיטל זיבן: יידיש־ליטעראַטור אין א״י ביזן אויפקום פון מדינת־ישראל 251
א. יידיש־ליטעראַטור אין א״י ביז 1928 251
ב. מאָדערנע יידיש־ליטעראַטור אין א״י, 1928—1948 . . 276
1. די בעלעטריסטיק פונעם אָפּצווייג 276
2. יידיש־פּראָזע מחוצן אָפּצווײַג 291
3. די פּאָעזיע פונעם אָפּצווײַג 297
4. יידיש־פּאָעזיע אין א״י מחוצן אָפּצווײַג . . . 322
5. יידיש דראַמאַטישע שריפטן אין א״י ביז 1948 . . 332
הערות צו קאַפּיטל זיבן 337
הוספה: יידיש־ליטעראַטור אינעם אַלטן ישוב 348

אַ וואָרט צום סוף 358
ביבליאָגראַפיע 365
זוכצעטל פון נעמען 378

געהייליקט דעם ליכטיקן זכרון פונעם
טאַטן, יעקב ע״ה, און איר צו לאַנגע
יאָר, דער מאַמען, סימע, פון דער
היים רופא, קינדער פון דער ייִדישער
ווילנע וואָס איז אַוועק אין דער
אייביקייט.

אַ דאַנקוואָרט

צווישן יאָ און ניין וואָלט קיין מאָל ניט געדרוקט געוואָרן, ווען ניט די מי און טירחה פונעם באַוווּסטן כּלל־ און קולטור־טוער יצחק קאָרן, פּאַרזיצער פון וועלטראַט פאַר ייִדיש און ייִדי־שער קולטור. מײַן האַרציקסטן יישר־כּח יצחק קאָרנען, פאַרן מיגלעך מאַכן אַרויסצוגעבן דאָס בוך.

צווישן יאָ און ניין באַגרונטיקט זיך אויף מײַן דיסערטאַציע **ייִדיש וספרותה בארץ־ישראל**, ירושלים 1980. מיט דער דיסער־טאַציע האָט אָנגעפירט פּראָפעסאָר חנא שמערוק. מײַן טיפסטן דאַנק פּראָפ. שמערוקן פאַר דעם און פאַר אַלץ וואָס איך האָב זיך בײַ אים געלערנט אין העברעיִשן אוניווערסיטעט.

פּראָפעסאָר דב סדן איז געווען אַזוי גוט מיר אַרויסצוהעלפן מיט ביאָ־ביבליאָגראַפישע מאַטעריאַלן און מיט פּרטים איבער געשעענישן וואָס זענען זיך פאַרלאָפן אין א״י, פון זינט די צוואַנ־ציקער יאָרן. פאַר דעם אַלעם און פאַר דער זכיה צו זײַן זײַנעם אַ תּלמיד, באַדאַנק איך אים מעומקא דליבא.

ווײַטערדיקע אַרכיוון האָבן מיר דערלויבט איבערצוקוקן און באַניצן זייערע מאַטעריאַלן: ארכיון האוניברסיטה העברית, ירושלים; ארכיון מפלגת העבודה, צופית; ארכיון העבודה, תל־אביב; הארכיון הציוני המרכזי, ירושלים; בית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי, מחלקת כתבי־יד וארכיונים, ירושלים; ארכיון החברה ההיסטורית הישראלית, ירושלים; מכון גנזים, תל־אביב; המכון ליהדות זמננו, ירושלים, המדור לתעוד בעל פה, ירושלים.

אַ יישר־כּח די יחידים וואָס האָבן מיר אַרויסגעהאָלפן בײַ דער אַרבעט: י. ארנון, ח. בן־צבי, ש. גאָלדבערג, ש. גאָלדשטיין, א. גילאַרט, מ. דינאַבורג ע״ה, ר. ווייזער, ז. זאַנד, א. לוי, ש. לוי, ו. סעלינגער, פּ. עופרי, ב. קלוגער, י. ריבלין, י. צ. שאַרגעל און ש. שמשון. מײַנע חברים ל. און ש. בילאַטינסקי און א. בערניקער פון ירושלים — אַ וואַרעמהאַרציקן דאַנק פאַר זייער פרײַנד־שאַפט.

אַ יישר כּח דעם פּאָעט אלכסנדר שפּיגלבלאַט פאַרן איבער־לייענען דעם כּתב־יד און פאַר זײַנע ווערטפולע סטיליסטישע אָנווײַזן.

אַ דאַנק דעם דרוקער, ישראל פרידמאַן, און זײַנע מיט־אַרבעטער, פאַר זייער מי בײַם אָפּדרוקן דאָס בוך.

מײַן פרויס מאַמע צינה בר־שלום, מײַן טאַטנס שוועסטער, אסתר קליין און פראַדל שנײַדער, מײַנע ברידער אמיתי און חורין און מײַן מאַמע האָבן זיך די גאַנצע צײַט פאַראינטערעסירט מיטן בוך.

מײַן פרוי, ורדה, האָט איבערגעקוקט דעם כּתב־יד, באַמערקט וויכטיקע הערות און מיר כּסדר דערמוטיקט אין דער אַרבעט.

קרית־ביאַליק, חשון תשמ״ה.

אַ וואָרט פאָרויס

דער סטאַטוס פון יידיש ווי אַ קולטורשפּראַך אין ארץ־ישׂראל, האָט אינעם איצטיקן יאָרהונדערט אויפגערודערט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין משך פון צענדליקער יאָרן. דער נאָכווירק פון דער שפּראַכן־מחלוקה איז פיליק ביז היינט צו טאָג. דאָך, איז וועגן אָט דעם ענין ניט געשריבן געוואָרן קיין אַרומנעמיקע אַרבעט, וואָס זאָל פּרוּוון באַטראַכטן די ראָלע פונעם ׳ריב לשונות׳ אין דער קולטור־פּאָליטישער געשיכטע פונעם יישוב און זיין השפּעה אויף דעם קעגנאַנדיקן צובונד ארץ־ישׂראל — גלות.

אויך די מאָדערנע יידיש־ליטעראַטור אין לאַנד ביז 1948 ווערט ניט ווינציק דערמאָנט, על־פּי־רוב אין שייכות מיט דער שפּראַכן־פראַגע. די כראָנאָלאָגישע רעם פון אָט אָ דער אַרבעט איז ניט אייגנוויליק. די פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין לאַנד האָט אַרויסגעגעבן איר ערשטן פּעריאָדישן אויסגאַב ניט אין העברעיש, נייערט אין יידיש. דער וויכוח אַרום דער אָנפאַנג אין 1907, איז דער אָנהייב פונעם עפנטלעכן ווידעראַנאַנד מכוח יידיש אין ארץ־ישׂראל. מיט דער דאַטע 1948 פאַרענדיקט זיך די אַרבעט, ווייל פון זינט דעם אויפקום פון דער מדינה, איז קענטיק אַ באַטייטיקער שינוי אין דער מאָדערנער יידיש־ליטעראַטור אין לאַנד. אויך אין דעם איינשטעל צו יידיש שפּירט זיך אַ שינוי נאָכן חורבן פונעם יידישן פאָלק אין אייראָפּע.

די דאָזיקע פאָרשונג איז געבויט אויף צוויי מעטאָדאָלאָגישע יסודות. איינער אַ ליטעראַרישער, דער צווייטער אַ היסטאָרישער.

וואָס שייך ליטעראַטור, דאַרף מען קלאָר מאַכן דעם עצם באַגריף יידיש־ליטעראַטור אין ארץ־ישׂראל און געוווּיר ווערן ווער זענען עס געווען די יידיש־שרייבערס אין לאַנד ביז 1948. צי זענען דאָ געווען צוויישפּראַכיקע מחברים? מיט וועלכע זשאַנערן האָט זיך די ליטעראַטור פאַרמאָסטן און וואָס איז געווען איר טעמאַטיק? וואָס זיינען געווען אירע קינסטלערישע אויפטוען? צי איז די יידיש־ליטעראַטור אין א״י געווען פאַרבונדן מיט דער יידיש־ליטעראַטור אין חוץ־לארץ? צי האָבן עקסיסטירט קעגנאַנאַנדיקע באַציִונגען צווישן דער יידישער און דער היגער העברעישער ליטעראַטור?

וואָס שייך דעם פּאָליטיש־קולטורעלן וויכוח, מוז מען דערגיין ווער

זענען עס געווען די בעלי־פּלוגתּא און אין וואָס איז באַשטאַנען די עצם מחלוקה. אפשר איז דעמאָלט געווען אין א״י אַ ייִדישיסטישע באַוועגונג וואָס איז אַרויס קעגן דעם אויפלעב פון העברעיִש? און אפשר רעדט זיך דאָ וועגן אַ וויכּוח צווישן ציוניסטן און אַנטיציוניסטן?

דער עפּנטלעכער ווידעראַנאַנד צווישן ייִדן אַרום דעם סטאַטוס פון ייִדיש האָט זיך ניט אָנגעהויבן אין ארץ־ישׂראל. דאָס איז אַ פראַגע וואָס האָט פון זינט דער השׂכּלה שטאַרק באַשעפטיקט דאָס אַשכּנזישע ייִדנטום. פּאָלעמיקעס וועגן דעם ענין האָבן זיך צעפלאַקערט, פון מאָל צו מאָל, אין פאַריקן יאָרהונדערט. זיי זענען עפטער געוואָרן סוף 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט.[1]

וואָס מערער דער ייִשוב אין לאַנד איז געוואַקסן, אַלץ מערער איז די פּראָבלעם העברעיִש־ייִדיש אין א״י געוואָרן דער שווערפּונקט פון דער שפּראַכן־מחלוקה. ווי דערמאָנט, איז די שפּראַכן־פּאָלעמיק אין לאַנד געווען אַ פּאָליטיש־קולטורעלע. אין לענדער ווי אַ שטייגער בעלגיע, אינדיע און דרום־אַפריקע, זענען די קאָנפליקטן אויף אַ שפּראַכיקן פּאַן פאַרבונדן מיט עטנישע און רעליגיעזע צוזאַמענשטויסן, וואָס לאָזן זיך אויס, לרוב, מיט הרוגים.

די גוואַלד־מעשׂים אין שײַכות מיט ייִדיש אין ארץ־ישׂראל, זײַנען פרײַ געווען פון עטנישע און רעליגיעזע קעגנאַנאַנדן. דעריבער האָבן אַזעלכע מעשׂים ניט געהאַט קיין האַרבע אָדער סכּנהדיקע רעזולטאַטן.

דאָס דאָזיקע בוך שטיצט זיך — בעיקר — אויף אַרכיוו־אַטעסטאַטן און אויף דער פּרעסע פון יענער צײַט.

צו באַמערקן, אַז דאָס רוב ייִדיש־ליטעראַטור געשאַפן אין ארץ־ישׂראל ביז 1948, איז געבליבן פאַרבאָרגן אין פּעריאָדישע אויסגאַבעס. די שאַרפקייט אין די אַרויסזאָגן, איז דער סימן־מובהק פונעם 'ריב־לשונות'. דער סטיל פון די בעלי־פּלוגתּא און דעם אופן פון אויסדריקן זייער אַרגומענטאַציע, האָבן ניט ווינציק געבראַכט דערצו אַז דער שפּראַכן קאַמף זאָל זיך צעפלאַקערן אָבער אַ מאָל און ווידער אַ מאָל. דער דאָזיקער סטיל האָט משפּיע געווען אויף דער דינאַמיק און דעם אינעווייניקסטן מעכאַניזם פון דער מחלוקה. דעריבער פאָדערט זיך צו ציטירן באַשטימטע שטעלן, וואָס העלפן בעסער פאַרשטיין דעם פּאַן, די באַדינגען און די אַטמאָספער אין וועלכע דער 'ריב־לשונות' האָט זיך פונאַנדער־געוויקלט אין ארץ־ישׂראל.

הערה צום וואָרט פּאָרויס

מענדל לעפינס ייִדיש־איבערזעצונג פון ספר משלי האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפן וויכּוח. זען ח. שמערוק, ׳וועגן עטלעכע פּרינציפּן פון מ. לעפינס איבערזעצונג׳, **ייִדישע שפּראַך**, כ״ד (1964), זז׳ 33־34.

וועגן דער פּאָלעמיק אַרום שלום עליכמס די **ייִדישע פֿאָלקסביבליאָטעק** (1888) זען: ג. קרעסל, ׳אַ היסטאָרישע פּאָלעמיק וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור׳, **די גאָלדענע קייט**, נומ׳ 20 (1954), זז׳ 338—355. פּ״גל: אַ. נאָווערשטערן, ׳שלום עליכם און זײַן שטעלונג צו דער שפּראַכן־פּראַגע׳, **דאָרטן**, נומ׳ 74 (1971), זז׳ 171—183. מ. מיזעסעס וויכּוח מיט ב. סאָקאָלאָוון זען: ג. קרעסל, ׳מתתיהו מיזעס און די פּאָלעמיק וועגן ייִדיש׳, **דאָרטן**, נומ׳ 28 (1957), זז׳ 143—163. זען אויך דעם ענטפער פון די רעדאַקטאָרן פון ירושלימער **דער ארץ ישראל יוד** 1890 אויף צעדער־בוימס קריטיק, הלמאי מען גיט אַרויס אַ צײַטונג אין ייִדיש אין א״י, אינעם אַרטיקל דערמאָנט אין הערה 3 צו קאַפּיטל איינס, ז׳ 76. וועגן די וואַקלענישן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד און שײַכות מיט ייִדיש, זען: מ. מישקינסקי, ׳מקורותיה הרעיוניים של תנועת הפועלים היהודית ברוסיה בראשיתה׳, **ציון**, ל״א (תשכ״ו), נומ׳ א־ב, זז׳ 88־89, 101־103. פּרעלימינאַרע פּאַרסך־הכּלען מכּוח דער שפּראַכן־פּראַגע אין 19־טן און 20סטן י״ה, בפרט לגבי דער טשערנאָוויצער קאָנ־פערענץ זען: מ. ווײַנרײַך, געשיכטע פון דער ייִדישער שפּראַך, נ״י 1973, 1, זז׳ 289—301 און Emanuel Goldsmith, Architects of Yiddishism, קאַפּ׳ 2־3.
וועגן דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ זען: די ערשטע ייִדישע שפּראַך קאָנפערענץ, ווילנע, 1931. זען אויך שמואל ראָזנהאַקס אינטערעסאַנטן אַרטיקל העברעיִש־ייִדיש, **די גאָלדענע קייט**, 66, (1969), זז׳ 152—169.

קאַפּיטל איינס:

ייִדיש אין ארץ־ישראל 1907—1921

א. דער סטאַטוס פון ייִדיש אין ארץ־ישראל בעת דער צווייטער עליה

מען מעג קומען צום אויספיר, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד האָט פאַרוואַנדלט ייִדיש אין אַן ענין פאַר אַן עפנטלעכן וויכּוח אין ארץ־ישׂראל. כּידוע, זענען יחידים ביז דערמאָלט געווען אַקטיוו אינעם אויפלעב פון העברעיִש. דער באַקאַנטסטער פון זיי אַלעמען איז אליעזר בן־יהודה. אָבער אַן אָרגאַניזירטע און ברויזנדיקע באַוועגונג, מיט אַ קענטיקן רושם אין לאַנד, וואָס זאָל אַרויסשטעלן פאַר איינער פון אירע הויפּט־עובֿדות דעם אויפלעב פון העברעיִש, איז אויפגעקומען ערשט בעת דער צווייטער עליה.

די מיטגלידער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן אַרײַנגעבראַכט אין לאַנד זייערע וואַקלעניש און ראַנגלעניש אין דער שפּראַכן־פראַגע. ווער פריִער, ווער שפּעטער, שטעלן זיי אַוועק בראָש פון זייערע ווערטן, אויף איינער און דער זעלבער מדרגה, סײַ דעם אויפלעב פון לאַנד, סײַ דעם אויפלעב פון העברעיִש. אַ טייל אַנפירערס פון דער באַוועגונג — בערל כּצנעלסאָן איז די בולטסטע דוגמה [1] — בעת זיי באַשליסן עולה צו זײַן קיין ארץ־ישׂראל, באַשליסן זיי, פאַר איין וועגס, לטובֿת דעם אויס־שליסיקן שטאַנד פון העברעיִש אין לאַנד.

דער אויפלעב פון העברעיִש איז איינער פון די שווערפּונקטן אין דער אידעאָלאָגיע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישׂראל. דער דאָזיקער פּראָצעס ווערט פאַרגעשטעלט ווי אַ גרונט־עלעמענט אין דער ספּעציפישער אויסטיילקייט פון דער באַוועגונג. פון דעם אַלעם דאַרף מען ניט דרינגען, אַז ביז דער צווייטער עליה האָט די העברעיִשע פּרעסע

אין לאַנד ניט דערמאָנט דעם מעמד פון יידיש אין ארץ־ישראל.[2] אָבער אין פּרט פון די ראַנגלעניש‏ן און פונעם אָפּקלאַנג וואָס דער ענין האָט דערוועקט, האָט די אַרבעטער־באַוועגונג אין דער צווייטער עליה געבראַכט צו אַ קערפּונקט בנוגע דעם אָרט און די פונקציעס פון יידיש אין לאַנד.

דאָס אַרויסגעבן פון דער אָנפאַנג, אָרגאַן פון פועלי־ציון אין ארץ־ישראל, תמוז תרס״ז, יולי 1907, איז דער אָנהייב פון דעם דאָזיקן קערפּונקט. אהרן טורקעניעץ איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער אָנפאַנג, אינעם ערשטן געדרוקטן נומער פון הפועל הצעיר, אָרגאַן פון דער הפועל־הצעיר פּאַרטיי. טורקעניעץ האָט באַשולדיקט פועלי ציון אין א״י, אין אומגעטרייַשאַפט צו העברעיש. די דאָזיקע פּאַרטיי וויל 'פאַרפלאַנצן דעם זשאַרגאָנישן קולטוס'. עס איז אַ הייליקער מוז צו צעשטערן אָט אָ דעם קולט. טורקעניעצעס אַרגומענט איז געווען אַ פּראַקטיש־אידעאָלאָגישער: 'פאַרוואַנדלען דעם יישוב אין אַ נאַציאָנאַלער איינהייט'.

מ'דאַרף געדענקען, אַז טורקעניעצעס אַרטיקלען זענען אַרויס אַן ערך דרייַ חדשים נאָך דעם ווי דער אָנפאַנג האָט אויפגעהערט אַרויסצוגיין.[3] לויט די עדותשאַפטן וואָס מען פאַרמאָגט, איז ניטאָ קיין ספק, אַז סייַ טורקעניעץ, סייַ זייַן פּאַרטיי, האָבן געוווסט אַז עס איז געקומען אַ סוף צו דעם אָנפאַנג.[4]

אַחוץ טורקעניעצעס אַרטיקלען, איז הפועל־הצעיר אַרויסגעטראָטן מיט אַן עפנטלעכן פּראָטעסט און ירושלים קעגן דער אָנפאַנג. זיך מערקן, אַז אין יענער צייַט האָט הפועל־הצעיר געפירט אַ טייל פון איר בעל־פה אַקטיוויטעט אין יידיש.[5]

דערקלערנדיק די סיבות פונעם אָפּשטעלן אַרויסצוגעבן דער אָנפאַנג, אונטערשיידט יצחק בן־צבי זייַן אייַנשטעל מכוח דעם זשורנאַל, אין 1907 און 1950. בדיעבד האָט ער געהאַלטן אַז מען האָט געדאַרפט אַרויסגעבן דעם פּאַרטיי־אָרגאַן אויף העברעיש. אין 1907 האָט ער אַנדערש געהאַלטן. בעת דער צווייטער פּאַרטיי־קאָנפערענץ (יפו, פסח תרס״ז), האָבן געווירקט אויפן באַשלוס וואָס שייך דער צייַטונג, דער 'יידישיזם אין רוסלאַנד' און דער פאַקט וואָס די חברים האָבן זיך דעמאָלט נאָך ניט געהאַט אייַנגעוואָרצלט אין לאַנד. עס זענען געווען חברים וואָס האָבן זיך געוואַקלט. אַנדערע האָבן זיך ענערגיש אַנטקעגנגעשטעלט.[6]

יצחק בן־צבי גיט צו, אַז דער אָנפאַנג איז אונטערגעגאַנגען מחמת ׳דוחק אין קראַפטן און מיטלען׳. פון בן־צביס זכרונות גופא און פון די פריִער דערמאָנטע עדותשאַפטן, ווערט קלאָר אַז די שפּראַכן־פראַגע האָט געהאַט די אייבערהאַנט אין דער החלטה אָפּצושטעלן דעם זשורנאַל. בן־צבי ברענגט דאָס אַרויס זייער דײַטלעך: אונדזער מיין איז געווען — בעת דער שפּראַך־דעבאַטע בײַם פאַרשטייער־צוזאַמענפאָר פון פועלי־ציון, יפו תשרי תרס״ח, 1907 — צו באַשטימען אַ פּרינציפּיעלן אײַנשטעל מכּוח דער שפּראַך פון דעם פאַרטיי־אָרגאַן.

לסוף האָט מען מכריע געווען — מיט אַ רוב פון 11 קעגן 5 — אַרויסגעבן עס אויף העברעיִש. די רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן נאָך ׳אַ לאַנגן און אויפגערודערטן וויכּוח, האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה, ניט נאָר אויפן גורל פון דער פאַרטיי, נאָר אויך אויפן גורל פון דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג. איך באַטאָן שטאַרק דאָס וואָרט גאַנצע, ווײַל דווקא אויף יענעם צוזאַמענפאָר האָב איך נאָך געפּרוּווט פאַרטיידיקן דאָס באַניצן זיך מיט ייִדיש, כּדי אָפּצוהיטן די פאַרבינדונגען מיט חוץ־לארץ און כּדי דאָס רוב אַרבעטער אין לאַנד זאָלן זײַן אין שטאַנד צו לייענען די צײַטונג׳.[7]

צו באַטאָנען, אַז סײַ דער אָנגריַף פון הפועל־הצעיר, סײַ די רעזאָלוציע בײַם צוזאַמענפאָר פון פועלי־ציון, זײַנען געווען כּמעט אַ יאָר פאַר דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. פון דעם איז געדרונגען, אַז כאָטש די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט שטאַרק פאַרשאַרפט דעם ׳ריב־לשונות׳, איז איינס פון די עיקרדיקע מחלוקתן אינעם שפּראַכן־וויכּוח אין 20סטן י״ה — און אפשר דאָס עיקרדיקסטע — אויפגעדעקט געוואָרן פאַר דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ.

מ׳ קאָסאָווער איז דער ערשטער פאָרשער וואָס האָט געפּרוּווט פאַרסך־הכּלען דעם מצב פון ייִדיש אין א״י, פון זינט דער צווייטער עליה ביז 1915. קאָסאָווער האָט ריכטיק געהאַלטן, אַז דער דעמאָלטיקער אײַנשטעל צו ייִדיש האָט געהאַט אַן השפּעה אויף די שפּעטערדיקע יאָרן. ער ציטירט, פון אַ ייִדישיסטישן קוקווינקל, כּמעט יעדעס וואָרט וואָס הפועל הצעיר האָט אָנגעשריבן וועגן ייִדיש ביז 1915.[8]

לויט קאָסאָווער, האָט הפועל הצעיר ׳כּסדר געפירט אַ העצע־קאַמפּאַניע׳ קעגן ייִדיש און געהאַט ׳דעם גרעסטן חלק אין אַ סיסטעמאַטיש־אָרגאַניזירטן קאַמף, קעגן ייִדיש אין א״י׳.[9]

דער דאָזיקער אַרגומענט האָט ניט קיין האַפט. די נאָטיצן און אַרטיקלען אינעם זשורנאַל וועגן אָט אַ דעם ענין, זענען זייער באַגרע־נעצט. די וויכטיקסטע פון זיי זענען די אָפּרופן מכּוח דער אָנפאַנג און מכּוח אַ רעפעראַט וואָס ח. זשיטלאָווסקי האָט געזאָלט האַלטן, זומער 1914, אין יפו.

די נאָטיצן און אַרטיקלען אין הפועל הצעיר באַלייכטן, פון איין זייט, דעם פּרינציפּיעלן איינשטעל פון דער פּאַרטיי לטובת העב־רעיִש. פון דער צווייטער זייט, אילוסטרירן זיי ווי אַזוי הפועל־הצעיר האָט אויסגעניצט די שפּראַכן־פראַגע ווי אַ כּלי־זיין אין איר פּאָליטישן קאַמף קעגן פּועלי־ציון.

קאָסאָווער האָט איגנאָרירט דעם פאַקט, אַז דאָס רוב מיטגלידער פון פּועלי־ציון האָבן דורכויס אונטערשטיצט העברעיִש ווי די אויס־שליסיקע קולטור־שפּראַך פון ייִדן אין א״י. האחדות, דער פּאַרטיי־אָרגאַן, האָט אַרויסגעבראַכט אַזאַ איינשטעל, פון זינט ער האָט אָנגע־הויבן אַרויסצוגיין (תר״ע—1910).

קאָסאָווער האָט איינגעטיילט די מאַטעריאַלן, אין דריי קאַטעגאָריעס. א) קאַמף קעגן עפּנטלעכע אַרויסטרעטונגען אין ייִדיש. ב) קאַמף קעגן דער ייִדיש־פּרעסע אין א״י.[10] ג) קאַמף קעגן טעאַטער־פאָרשטעלונגען אין ייִדיש.[11]

וואָס שייך די ערשטע קאַטעגאָריע, ברענגט קאָסאָווער כּמעט יעדעס וואָרט וואָס הפּועל הצעיר האָט געדרוקט ביז 1915, ניט דער־קלערנדיק זייער קאָנטעקסט. אַזוי למשל האָט דער פאָרשער אַרויסגע־נומען פון אַ בריוו, צוויי זייטן די לענג, אַ שטעל אין וועלכן דער מחבר באַקלאָגט זיך אַז אין פּתח־תקוה רעדן זשאַרגאָן, סיי חדר־ייִנגלעך, סיי די קינדער אין די שולן. אויף אָט אַ דעם סמך, און אויפן סמך פון צוויי נאָך אַזעלכע שטעלן, האָט קאָסאָווער געדרונגען אַז הפועל הצעיר האָט געפירט די השגחה איבער דער ׳שפּראַכלעכער כּשרות׳ אין די קאָלאָניעס און אין די שטעט.[12]

קאָסאָווער האָט זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט אויף ח. זשיטלאָווסקיס וויזיט אין לאַנד, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן אַפּריל און יולי 1914.[13]

געוויינטלעך באַשרייבט מען זשיטלאָווסקיס וויזיט ווי אַן אָפּגע־האַקטער און איבעראייליקער, מחמת די העברעיִסטישע קנאים האָבן זשיטלאָווסקין ניט דערלויבט צו האַלטן עפנטלעכע רעפעראַטן אין

יידיש. די קראָניקע פון האחדות — קאָסאָווער באַנוצט זיך מיט איר — מאַכט קלאָר אַז זשיטלאָווסקי האָט רעפערירט אין יידיש, ברבים, אין יפו, חיפה און ירושלים.[14]

פאַר זיין אָפּפאָרן האָט זשיטלאָווסקי געזאָלט האַלטן (דעם 10טן יולי 1914) אַ רעפעראַט אין יפו. אויף די פאַרבעטונגען איז בפירוש געשטאַנען געשריבן, אַז דער רעפעראַט וועט פאָרקומען אין יידיש, אין אַ קאַפעהויז.

עטלעכע שעה פאַרן רעפעראַט האָבן די תלמידים פון הרצליה־גימנאַזיע, בראָש מיט זייער צייטווייליקן פאַרוואַלטער, ד״ר בוגראַשאָוו, אַרומגערינגלט דאָס הויז ווו זשיטלאָווסקי איז איינגעשטאַנען. אַ דעלע־גאַציע האָט געפּרוּווט אים איבערצייַגן, ער זאָל ניט האַלטן דעם רעפעראַט. זשיטלאָווסקי איז אויף דעם ניט איינגעגאַנגען. בוגראַשאָוו האָט צעריסן דעם קאָלנער, די גימנאַזיסטן די העמדער און געשריִען האָבן זיי צו זשיטלאָווסקין ׳אויף אונדזערע קערפּערס וועסטו איבערטרעטן׳. לסוף האָט זשיטלאָווסקי איבערגעגעבן, אַז ער ציט זיך צוריק פונעם רעפעראַט. בוגראַשאָוו האָט געהייסן די תלמידים זיך אומקערן אין גימנאַזיע און צוגעגעבן, אַז אויב דער אָוונט וועט פאָרט פאָרקומען, וועט פועלי־ציון טראָגן דאָס אחריות אויף דעם ׳און מיר וועלן שוין וויסן ווי אַזוי זיך אָפּצורעכענען מיט זיי׳. ווען מ׳האָט זיך דערוווּסט וועגן אינצידענט ׳האָט דער כעס ביים עולם [וואָס האָט געוואַרט אויף זשיטלאָווסקין] דערגרייכט זיין הויכפּונקט. מען האָט דעמאָנסטרירט און געשריִען: נידער העברעיִש, זאָל לעבן יידיש אא״וו. דער טומל איז געווען גרויס און גורם געווען נעגאַטיווע אַרויסווייזן מצד די אַרבעטער׳.

נאָך דעם אַלעם האָט זשיטלאָווסקי איבערגעגעבן ראשי־פּרקים פונעם רעפעראַט אינעם ׳אַרבעטער־קלוב׳.[15]

די אָפּרופן וועגן דעם אינצידענט אין די זשורנאַלן פון הפועל־הצעיר און פועלי־ציון, שפּיגלען אָפּ — אין אַ גרויסער מאָס — די האַלטונג פון ביידע פּאַרטייען לגבי דעם מעמד פון יידיש אין לאַנד. פאַר איין וועגס, באַלייכטן זיי דעם היסטאָרישן פּאָן פונעם איינשטעל צו יידיש אין א״י, אין די וויַיטערדיקע יאָרן. דער באַריכט פון הפועל הצעיר אילוסטרירט דעם אופן ווי אַזוי די פּאַרטיי האָט אַטאַקירט פועלי־ציון אויפן סמך פונעם שפּראַכנקאַמף. די נאָטיץ באַשרייבט, זייער שאַרף, די אויפפירונג פונעם עולם וואָס איז געקומען הערן זשיטלאָווסקין. די דאָזיקע

אויפפירונג האָט אַ סך צוגעטראָגן צום טומל. די אונטערשטע שורה אינעם באַריכט איז, אַז דער רעפערענט איז ניט געווען קיין איזאָלירטער, צופעליקער אַרויסוויַיז, ׳נייערט דער אָנהייב פון אַ זשאַרגאָניסטישער שיטה וואָס מיר מוזן באַקעמפן מיט דער גאַנצער קראַפט׳.[16]

דאָס באַניצן זיך מיט ייִדיש כּדי צו אַטאַקירן פּועלי־ציון, ווערט נאָך קלערער, ווען מען לייענט דורך דעם פּראָגראַמאַטישן אַרטיקל ׳טענות ישנות׳ (׳אַלטע טענות׳). דעם אַרטיקל האָט אָנגעשריבן יוסף אַהרנאָוויטש, איינער פון הפּועל־הצעיר הויפּט אָנפירערס.[17] אַהרנאָוויטש רעדט אַרום די פּראָיעקציעס פון שפּראַכנקאַמף אין לאַנד און אין גלות. ער וואַרפט אָפּ די אַרגומענטאַציע פון פּועלי־ציון אַז הפּועל־הצעיר ׳פאַרשטאָפּט די אויערן צו די ליַידן פון מיליאָנען אין גלות און טרייסט זיי נישט אין זייער שפּראַך׳. עס זענען פאַראַן פאַלן ווען עס איז ׳לטובת דעם געטרייסטן׳, זיך פירן מיט אים ׳אַכזריותדיק׳. שטעלנדיק אַ רעטאָרישע פראַגע וועגן אַ ׳זשאַרגאָנישער געפאַר׳ אין א״י, באַטאָנט אַהרנאָוויטש, ׳פאַרן הונדערטסטן מאָל׳, וואָס באַטיַיטן פאַר אונדז ארץ־ישראל און העברעיִש׳. מעגלעך אַז עס זענען פאַראַן גינציקערע ערטער פאַר קאָלאָניזאַציע ווי א״י, נאָר דער היסטאָרישער צובונד צו איר איז מכריעדיק. דאָס איכות פון א״י, איז ניט קיין פאָרויסבאַדינג, ׳נאָר אַ תּנאַי לאחר מעשה׳. דאָס זעלבע לגבי העברעיִש. דער נוץ וואָס זי ברענגט ווי אַ בריק צווישן די פאַרשיידענע עדות, איז ניט קיין פאָרויסבאַדינג. דער פאָרויסבאַדינג איז אַז העברעיִש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם פאָלק, וואָס דריקט אויס זיַין גיַיסט ׳אין משך פון אַלע דורות׳. בלויז אין העברעיִש איז מעגלעך ׳אויסצומעקן פונעם פאָלק זיַין ציגייַנישער חותם׳ און באַשענקען אים מיט דער ׳געשטאַלט פון אַ קולטור־פאָלק׳. עס קען זיַין אַז די דאָזיקע אַרגומענטן זענען קעגן דער לאָגיק און דער וויסנשאַפט, נאָר דער מענטש האָט ׳ווערטן וואָס שטייען איבער אַלע לערעס פון דער וועלט... מיר שפּירן אין אונדזער נשמה די נויט אויפצולעבן אונדזער לאַנד און אונדזער היסטאָרישע שפּראַך און זיך אויסלעבן אין זיי׳.

אַהרנאָוויטש אַנאַליזירט דעם עפנטלעכן סטאַטוס פון העברעיִש און ייִדיש אין לאַנד און שאַצט אָפּ זייערע צוקונפטיקע אויסקוקן.

די רעאַליטעט אין לאַנד איז קעגן ייִדישן פאַרטום, קעגן ייִדישער אַרבעט, קעגן העברעיִש. אין ארץ־ישראל איז פאַראַן אַ ׳זשאַרגאָנישע

סכּנה׳. ניט זשיטלאָווסקי און ניט ׳די צענדליקער אימיגראַנטן [לעצטנס אָנגעקומען אין לאַנד], האָבן אָרײַנגעבראַכט דעם זשאַרגאָן אין א״י׳. לעולם איז יידיש דאָס לשון פון טויזנטער מענטשן, בשעת העברעיִש ׳לעבט אין די מײַלער פון הונדערטער אידעאַליסטן-קנאים׳. כּל-זמן יידיש איז ניט קיין אידעאַל אין לאַנד, איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר איר. טאָמער אָבער, וועלן זיך געפינען ׳חובבים׳, וואָס וועלן פּרוּוון אײַנפירן זשאַרגאָן אינעם גײַסטיקן לעבן פון לאַנד, דענסטמאָל וועלן די טויזנטער מנצח זײַן, ווײַל זיי זענען ׳שטאַרקער פון הונדערטער וואָס קלעטערן אויף גלאַטע ווענט׳.

יידיש ווערט פּאַקטיש געשטיצט סײַ דורכן אַלטן, סײַ דורכן נײַעם יישוב. נאָר אַ מיעוט אינעם נײַעם יישוב האַלט מיט העברעיִש. דאָס רוב איז בלויז פּלומרשטיק פאַר העברעיִש. די ׳חובבי הז׳רגון׳ געפינען זיך ניט נאָר צווישן ׳דעם אומבאַוווּסטזיניקן המון-עם אין נוה-שלום׳ [אַ געגנט לעבן יפו], נײַערט אויך צווישן די אינטעליגענטן ,די קולטור-טרעגערס אין לאַנד׳. פּועלי-ציון, למשל, דערקלערן אַז זיי זענען פאַר העברעיִש, נאָר זיי דערקלערן ניט, אַז ז׳ איז ׳אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך׳. אַהרנאָוויטש חוזקט אָפּ פון דער פּילצאָליקער געטרײַשאַפט פון פּועלי-ציון. בײַ זיי זענען ׳דער׳, ׳דאָס׳ און ׳ה׳, ׳אַראָפּ צוזאַמען פון די הימלען פון [נאַציאָנאַלער] אויפלעבונג. געמיינט האָט ער מיט דעם, די פּעריאָדישע אויסגאָבן פון פּועלי-ציון — דער אָנפאַנג, דאָס לאַנד און האחדות.

די ׳חובבי הז׳רגון׳, אין לאַנד זענען ווייניק. זיי רעכענען זיך מיט ׳אונדזער מה יאמרו׳, וואָס האָט בשעתו ׳אויסגעמעקט דער אָנפאַנג פון אונטער די הימלען׳. פון דעסטוועגן, דאַרף מען זיך היטן פאַר דער מעגלעכקייט אַז ׳דער קלענסטער פונק׳ זאָל ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ׳גרויסן פלאַם׳.

זיך מערקן, אַז אַהרנאָוויטשעס חשש פאַר ׳טויזנטער זשאַרגאָן-רעדערס, מיט זשאַרגאָנישער טראַדיציע, מיט ליבהאָבערס, מיט קנאים און מיט אַ זשאַרגאָנישער באַוועגונג׳, באַלײַכט אַ פענאָמען וואָס חזרט זיך איבער אין משך פון צענדליקער יאָרן. יעדעס מאָל ווען מ׳האָט זיך געריכט אויף אַ כוואַליע פון יידישער אימיגראַציע — און 1914 איז געווען אַזאַ יאָר[18] — פלעגט באַהערשן די ציוניסטישע פירערשאַפט אין לאַנד דער חשש, אַז אַ געוויסער פון יידיש-רעדערס וועט צו נישט מאַכן העברעיִש אין ארץ-ישראל. צו באַטאָנען, אַז אַהרנאָוויטשעס צוגאַנג

צום עפנטלעכן סטאַטוס פון ייִדיש אין לאַנד אין 1914, איז געווען אַנדערש ווי זײַן צוגאַנג אין 1910. זומער 1910 האָט מען אין יפו אײַנגעאָרדנט אַן אָוונט לכּבוד דעם שרײַבער ז״י אנכי. אויפן אָוונט האָבן געזאָלט אַרויסטרעטן די שרײַבערס ש. בן־ציון, י״ח ברענער, א. קאַבאַק און דער אַקטיאָר מ. גנעסין. אנכי האָט געזאָלט לייענען פון זײַנע ווערק אין ייִדיש.

די לערער־אָרגאַניזאַציע האָט פאַרבאָטן די שילער און לערערס פון הרצליה־גימנאַזיע בײַצוזײַן אויפן אָוונט. ד״ר יוסף לוריא, אַ לערער אין גימנאַזיע, האָט פאַרלאַנגט אַז מען זאָל רעדאַגירן דעם פאַרבאָט אַזוי, אַז די לערערס, ווי יחידים, זאָלן זיך קענען באַטייליקן אינעם אָוונט. היות ווי מען האָט די בקשה אָפּגעוואָרפן, האָט לוריא דעמיסיאָנירט פון דער גימנאַזיע.

אַז דאָס איז באַקאַנט געוואָרן, האָט מען באַשלאָסן אײַנצואָרדענען אַן אַנדער אָוונט. אין שײַכות מיט דער פּרשה, האָט אהרנאָוויטש געשריבן אין הפּועל הצעיר, אַז דער נײַער אָוונט איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן, כּדי אויסצומײַדן דעם אײַנדרוק, אַז עס זענען פאַראַן מענטשן וואָס זענען ניט אַזוי געטרײַ צו העברעיִש ווי די לערערס. אַזאַ אײַנדרוק וואָלט געהאָט פאַרוואַנדלט די לערער אין ׳הייליקע וואָס פירן אַ קאַמף לטובת העברעיִש, קעגן אונדז, די זשאַרגאָניסטן׳.

אויף דעם נײַעם אָוונט האָט גערעדט י. ח. ברענער אין העברעיִש און אנכי האָט געלייענט פון זײַנע ווערק אין ייִדיש.

אהרנאָוויטש טאַדלט די צײַטונג האור און איר רעדאַקטאָר, אליעזר בן־יהודה, פאַרן אויסניצן די מסיבה כּדי צו שילדערן ׳זשאַרגאָניסטישע טריומפן׳ און בכדי אָנצוגרײַפן לוריאַן.[19] אין בן־יהודהס אַטאַקע וואַרפט זיך אין די אויגן אייגנער פון די בולטסטע שטריכן אינעם ׳ריב־לשונות׳: דער אומבאַדאַכטיקער און עקסטרעמער באַניץ מיט אימאַזשן און ציטאַטן פון די מקורות: בן־יהודה טענהט אַז דער אָוונט פאַר אנכין האָט ׳דורכגעבראָכן די וואַנט פון העברעיִש׳. היות ווי די מסיבה איז פאָרגעקומען אין תּמוז, האָט בן־יהודה זי פאַרבונדן מיט י״ז בתּמוז.[20]

אהרנאָוויטש האָט געהאַלטן אין 1910, אַז דאָס אויפלעבן העברעיִש פאָדערט ניט קיין צוואַנג־מעשׂים, נײַערט קנאות פון ׳יהרג ובל יעבור׳. שפּראַכצוואַנג קען נאָך ברענגען דערצו, אַז עס זאָל אויפקומען אַ ׳לאַגער

פון פּרינציפּיעלע זשאַרגאָניסטן' אין לאַנד. פאַרווערן די תּלמידים פון גימנאַזיע ביי־צוזיין 'דעם זשאַרגאָנישן אָוונט', מחמת דער זאָרג אַז אַן איינמאַליקער וויזיט זאָל קאַליע מאַכן זייער איינשטעל צו העברעיִש, מיינט אָנערקענען אַז אונדזער 'גאַנצע פּראַצע איז אומזיסט'. אַזאַ אָוונט וועט ניט זיין סכּנהדיקער פאַר די תּלמידים, ווי דאָס לערנען פרעמדע שפּראַכן אין גימנאַזיע. די פּרעטענזיע אַז זשאַרגאָן איז געפערלעכער פון אַנדערע לשונות, ווייל ער פּרעטענדירט צו זיין אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך,[21] איז נאָר אַ פּילפּול. די פרעמדע שפּראַכן זענען געפערלעכער פון זשאַרגאָן, 'ווייל מען לערנט זיי אין די שולן און זיי פאַרמאָגן שיינע ליטעראַטור וואָס ציט צו די תּלמידים'. זשאַרגאָן, פאַרקערט, 'האָט ניט קיין שום זאַך וואָס זאָל אים מאַכן באַליבט ביי די שילער'. מען דאַרף ניט מורא האָבן פאַר די פרעמדע שפּראַכן, ווייל 'די העברעיִשע דערציִונג און דאָס נאַציאָנאַלע באַוווסטזיין... וועלן באַשיצן די תּלמידים'.

אין זיין אָנגריף אויף פּועלי־ציון אין 1914, האָט אַהרנאָוויטש גערעדט וועגן אומגעטריישאַפט צו העברעיִש און וועגן 'זשאַרגאָנישער סכּנה', היינו, די זעלבע באַשולדיקונגען וואָס בן־יהודה האָט אַרויסגעזאָגט אין 1910. עס איז ניט קיין חידוש וואָס בן־יהודה ציטירט אַהרנאָוויטשעס אַרטיקל פון 1914. דערצו האָט בן־יהודה אַריינגערעכנט זשאַרגאָן צווישן די כמאַרעס וואָס פליִען איבער די 'בלוילעכע הימלען פונעם יישוב'.[22]

צו באַמערקן אַז אין 1914 איז אַהרנאָוויטש אַרויסגעטראָטן קעגן די מיטלען מיט וועלכע עס האָבן זיך לעצטנס באַנוצט די תּלמידים פון גימנאַזיע און אַנדערע דעמאָנסטראַנטן. געמיינט איז דאָ, ניט נאָר דער זשיטלאָווסקי־אינצידענט, נאָר אויך דאָס אויפריַיסן אַן עיפּוש־באָמבע ביים פאַרשטעלן גאָלדפאַדענס שולמית אין יידיש, צוויי וואָכן פאַר דעם.[23]

אַהרנאָוויטש איז געווען קעגן יענע מיטלען, ניט צוליב זייער 'אומקולטורעלקייט', נאָר בלויז 'מחמת פּראַקטישע טעמים'. עס וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז בשעת אין 1910 איז אַהרנאָוויטש געווען קעגן גוואַלד־מעשׂים כּלפּי יידיש, סיי צוליב טאַקטיק, סיי צוליב פּרינציפּ, איז זיין קעגנערשאַפט צו אַזעלכע מעשׂים אין 1914, געווען נאָר אַ טאַקטישער ענין.

אַהרנאָוויטשעס איינשטעל אין 1914 איז וויכטיק, ווייל ער כאַראַקטעריזירט אַ צוגאַנג וואָס האָט ניט אָפּגעוואָרפן, פּרינציפּיעל, דאָס באַניצן

גוואַלד־מעשׂים כּלפּי עפּנטלעכע אַרויסטרעטן אין יידיש אין א״י. פּערצן יאָר שפּעטער (זען קאַפּיטל פינף), האָט אַהרנאָוויטש שטאַרק געטאַדלט דעם אָנפאַל אויפן קלוב פון די לינקע פּועלי־ציון אין תּל־אָביב, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אויפן פאַן פון ׳זשאַרגאָנישער געפאַר׳.

ווי געזאָגט, האָט פּועלי־ציון ווידער אַ מאָל פאַרגעשטעלט איר פּרינציפּיעלער האַלטונג צו דער שפּראַכן־פראַגע, בעת זשיטלאָווסקיס וויזיט. די דאָזיקע האַלטונג האָט די פּאַרטיי געהאַט באַשטימט אין תשרי תרס״ח (זען ז׳ 15). אַחוץ דעם, האָבן אַלע רעדנערס אויף אַ פּאַרטיי־באַראַטונג, פאַרגעקומען סוכּות תרע״א, געשטיצט די העגעמאָניע פון העברעיִש אין ארץ־ישׂראל.[24]

וואָס שייך די צוקונפט פון יידיש אין לאַנד, האָט מען סוכּות תרע״א אַרויסגעזאָגט צוויי מיינונגען. זרובבל האָט געהאַלטן, אַז עס איז פאַראַן אַן אויסבליק, אַז העברעיִש און יידיש זאָלן זיך אַנטוויקלען צוזאַמען און דערגרייכן אַ כּמעט גלייכוווערטיקן מעמד. די רעפּרעזענטאַטיווע שפּראַך כּלפּי חוץ וועט זיין העברעיִש. קעגן זרובבלס מיינונג איז אַרויסגעטראָטן דוד בן־גוריון. ער האָט געהאַלטן אַז העברעיִש מוז זיין די אויסשליסיקע שפּראַך פונעם יישוב.

זרובבלס אַרגומענטאַציע, וואָס האָט פאַר איין וועגס אַנגערירט פּרינ־ציפּיעלע און פּראַקטישע ענינים, איז געווען סתּירהדיק. פון איין זייט האָט ער דערקלערט אַז ׳העברעיִש איז אָן ספק, לכל־הדעות, אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך... די חברים זיינען איינשטימיק, אַז מיר זאָלן זיך באַניצן מיט יידיש בלויז ווי אַ פּראָפּאַגאַנדע מיטל׳.[25] פון דער אַנדערער זייט דאַרף מען זיך רעכענען מיט יענע אַרבעטער וואָס יידיש איז זייער מאַמע־לשון. ׳אַ גרויסער טייל פון זיי וועט אויך להבא זיך אויסלעבן אין יידיש׳.[26] עס קען געמאָלט זיין אַז אַ שפּראַך זאָל זיך מיט דער צייט פאַרוואַנדלען פון ׳אַן אויסערלעכן מיטל׳, אין אַ טייל פון דעם ׳גייסטיקן איך׳. אַזאַ מין פּראָצעס ׳קען אויך פאָרקומען מיט יידיש אין ארץ־ישׂראל׳.

אין זיין רעדע האָט בן־גוריון אונטערגעשטראָכן, אַז מיט דער הילף פון ׳אונדזער איינציקער נאַציאָנאַלער שפּראַך דאַרף מען צעשטערן מחיצות און פאַראייניקן ריסן׳. בן־גוריון איז געווען גרייט אַז די פּאַרטיי זאָל ניצן אַנדערע שפּראַכן אין דער בעל־פּה — אַקטיוויטעט. ׳אין אונדזער

קולטור־אַרבעט מעגן מיר באַניצן בלויז העברעיִש... וואָס שייך לשון, קען מען זיך ניט רעכענען בלויז מיט פּראַקטישע און צײַטווײַליקע אַרגומענטן. דאָס איז אַ גרונטפּראַגע... פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום און פון אונדזער צוקונפט ווי אַ געזונט, פּאַראייניקט פאָלק [וואָס לעבט אויף זײַן אייגענעם] לאַנד׳.[27] זיך מערקן אַז נאָך דעם סקאַנדאַל בײַ דער פאָרשטעלונג שולמית (אויבן, ז׳ 21), האָט זרובבל געפּרוווט דערקלערן דעם מעמד פון ייִדיש אין ארץ־ישׂראל ווי אַ ׳קלאַסן־קאָנפראָנטאַציע׳ צווישן תּל־אָביב, ׳דאָס מאַטעריעלע און אינטעלעקטועלע זעמלמעל פונעם ייִשובֿ׳ און נוה־שלום ׳דער פּראָלעטאַרישער געגנט בײַם אַרײַנגאַנג צו יפו׳.[28]

להיפּוך צו זײַן קוק אום סוכּות תרע״א, האָט זרובבל אַצינד גע־האַלטן, אַז ייִדיש איז אַ מיכשול וואָס מען דאַרף בײַקומען מיט אַ ׳כּסדרדיקער, פּאָזיטיווער קולטור־אַרבעט צווישן פאָלק׳. פּונקט אַזוי ווי גוואַלד־מעשׂים אויפן קולטור געביט זענען אַ פאַלשער טריט, אַזוי איז אויך אַ פאַלשער טריט דער קאַמף ׳מיט שווערד און פײַער׳ קעגן דער [ייִדישער] בורזשואַזיע אין לאַנד. ׳דאָס איז דער דרך פון די אוטאָ־פּישע אַנאַרכיעס׳. דער תּל־אביבער באַיקאָט אויף ייִדיש איז אַן ׳אויפלע־בונגס־וואַנדאַליזם׳. ניט די פרעמדע שפּראַכן באַיקאָטירט מען, נײַערט אַ ייִדישע שפּראַך. דאָס פאָלק האָט געשאַפן ייִדיש, ווײַל ׳מחמת היסטאָ־רישע טעמים האָט עס ניט געקענט אויפהיטן העברעיִש׳. דאָס פאָלק האָט אַרײַנגעלייגט אין ייִדיש ׳זײַן גאַנצן גײַסט... ביז ייִדיש איז בײַ אים געוואָרן אַ סם־החיים׳. זרובבל האָט ניט פאַרגיינט קולטור־אַרבעט אין ייִדיש בײַ ׳פּשוטע ייִדן׳. אייגנצײַטיק, האָט ער אייגנטײַטשיק באַטאָנט, אַז מען דאַרף ניט ׳אַנטוויקלען ייִדיש אין ארץ־ישׂראל׳.[29]

אין שײַכות מיטן זשיטלאָווסקי־אינצידענט, האָט אלעקסאַנדער כּאַשין אָנגעשריבן צוויי ביז גאַר טיפע אַרטיקלען וועגן דער שפּראַכן־פּראַגע. געמיינט זענען דאָ דעם עדיטאָריאַל ׳למה רגשו?׳ (׳פאַר וואָס רודערן?׳ תּהילים ב, א) און דעם מאמר ׳תּחיה של מעלה ותחיה של מטה׳ (׳הימלשע און ערדישע אויפלעבונג׳).[30] אין ׳למה רגשו׳? אונטערשיידט כּאַשין צווישן דעם סטאַטוס און די פונקציעס פון העברעיִש און ייִדיש אין גלות און אין ארץ־ישׂראל.

וואָס שייך דעם גלות, האָט כּאַשין שאַרף קריטיקירט די יפוער גימ־נאַזיע, וואָס לערנט פײַנט צו האָבן דעם גלות און זײַן לשון. דאָס ווערט

געטאָן מיט אַ היסטאָרישן שפּרונג פון חורבן בית־שני ביזן אויפבוי פון ראשון לציון. ביי אַזאַ שפּרונג, צעברעכט מען דעם נאַקן׳. אויף אַזאַ אופן פסלט מען דאָס פאָלק ׳וואָס לעבט זיך אויס מיליאָנענווייז׳ אין גלות און מען מעקט אים אויס פון ׳ספר־החיים׳. אַזאַ דערציִונג גראָבט אונטער אַ תהום צווישן דער יוגנט אין לאַנד און דעם פאָלק אין גלות. אַרויס־טרעטנדיק קעגן אָט דער דערציִונג, באַמערקט כאַשין אַז ׳נאָר פון די טיפענישן פון פאָלק וועלן אויפשטיין די לעגיאָנען בויער וואָס מיר נייטיקן זיך אין זיי׳. ייִדיש פילט אויס אין גלות אַ וויכטיקע ראָלע אינעם קאַמף קעגן אַסימילאַציע. ׳וואָס וואָלט מיט אונדז געווען ווען אין אַ שיינעם פרימאָרגן וואָלטן די ייִדישע מאַסן זיך אָפּגעקערט פון ייִדיש?׳ כאַשין האָט געהאַלטן אַז עס איז ׳שווער צו האָפן אַז דאָס פאָלק אין גלות וועט זיך איינשאַפן העברעיִש׳ [ווי די עיקר־שפּראַך]. די פאַרבינדונגען מיטן גלות טאָרן זיך ניט איבעררייסן. כאַשין זאָגט נישט אַרויס בפּירוש אַז מען וועט אָט אַ די פאַרבינדונגען אָנהאַלטן אין ייִדיש, אָבער אַזאַ אויספיר איז אויגנשיינלעך. וואָס שייך העברעיִש און ייִדיש אין ארץ־ישראל, האָלט כאַשין אַז ניט געקוקט אויף דער נאַציאָ־נאַלער ווערט פון ייִדיש, בלויז אין העברעיִש וועט דאָס פאָלק ׳פולשטענ־דיק אויסדריקן זיין נאַציאָנאַלן מהות׳.

דער נאַציאָנאַלער צענטער דאַרף זיך צוריקבויען אויף נייע יסודות און ממילא אויפן יסוד פון העברעיִש... העברעיִש לעבט אין ארץ־ישראל [אַ דאַנק] ׳דעם נייעם פּאָזיטיוון גרונט און ניט אויפן סמך פון פאַרביינען זשאַרגאָן׳. דער שפּראַכנקאַמף איז אַ ׳משפּחה־זאַך׳ וואָס דאַרף זיין פריי פון ׳אַנטיפאָלקישער שינאה... צום פאַרשאַלטענעם זשאַרגאָן׳. וואָס שייך די היפּאָטעטישע מעגלעכקייט פון אַ קאַמף קעגן העברעיִש אין לאַנד, האָט כאַשין געהאַלטן — אַזוי ווי אַהרנאָוויטש אין 1910 — אַז מען וועט אויף דעם מוזן רעאַגירן ׳מיט גייסטיקע, קולטורעלע מיטלען׳. דאָס פאָדערט זיך, ניט נאָר צוליב פּרינציפּיעלע טעמים. גוואַלד־מעשים קענען אַרויסברענגען קעגנאַנאַנדיקע גוואַלד־מעשים. דער סוף פון דעם אַלעם וועט זיין ׳אַנטוישונג, חילול־השם און קעגנזייטיקע צעשטערונג׳.

אין שייכות מיטן אינצידענט גופא, דערקלערט כאַשין אַז דער ׳בלינדער, דענערווירנדיקער פאַנאַטיזם פון דער גימנאַזיע׳, האָט גורם געווען צווישנרופן פון ביטול קעגן העברעיִש. ׳קומען אַהער, ווו דער עולם הייליקט זיינע בעסטע זין און קראַפטן פאַר העברעיִש, דאָ, ווו

די שפּראַך איז דער קדש־הקדשים פונעם כּלל... מיט אַזעלכע צווישנרופן, איז אַ וואַנדאַליזם פונעם ערגסטן מין׳.

איינצײַטיק טאַדלט כּאַשין די פּירער פון דער גימנאַזיע און די ׳תל־אביבער קאַמפּאַניע׳, וואָס פּרווון אַריבערפּעקלען קיין א״י, די אָפּ־פרעמדונג וואָס די ׳חובבים׳[31] ווײַזן אַרויס צום פאָלק, די ׳פאַרשטיקנ־דיקע אַטמאָספער, מיט דער גאַנצער פּוסטקייט פון די העברעיִסטן אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע׳. פאַרסך־הכּלענדיק באַמערקט כּאַשין, אַז דער מעמד פון העברעיִש אין לאַנד איז אַ פעסטער. דאָס רוב ייִדן רעדן ייִדיש אָדער דזשודעזמאָ, אָבער דאָס זענען שפּראַכן וואָס דינען בלויז ׳די גאַס און דעם מאַרק׳.

העברעיִש, להיפּוך, ׳הערשט אין דער קולטור און כּמעט אינעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן׳. ייִדיש ׳האָט דאָ ניט קיין דינאַמיק׳. זי האָט נישט קיין המשך און זי אַנטוויקלט זיך ניט, נישט קולטורעל און נישט געזעלשאַפטלעך׳.

דער טומל אַרום זשיטלאָווסקיס רעפעראַט איז אַ באַליידיקונג פאַר העברעיִש. ׳אויב נאָך אַלע אירע נצחונות אין לאַנד וועט העברעיִש ציטערן פאַר יעדן ייִדיש־רעדנער אָדער ייִדיש־אַקטיאָר, אין וואָס באַ־שטייט איר כּוח, מיר זאָלן האָפן און פאָרויסזען איר אַ צוקונפט?׳

׳תחיה של מעלה ותחיה של מטה׳ איז אַן ענטפער אויף חיים זשיט־לאָווסקיס באַנעם וועגן דער שפּראַכן־פראַגע. זשיטלאָווסקי האָט זײַן באַנעם פאָרגעשטעלט אינעם אַרטיקל ׳לשאלות הייִשוב׳ (׳צו די פּראָבלע־מען פון ייִשוב׳).[32]

זשיטלאָווסקי פּרווט באַווײַזן — אונטערשטרײַכנדיק דעם קעגנאַ־נאַנדיקן פאַרבונד צווישן א״י און גלות — אַז ייִדיש דאַרף זײַן דאָס לשון פון ייִדן אין ארץ־ישׂראל. זשיטלאָווסקי האָט אָנגעשפּאַרט זײַן אַרגומענטאַציע פאַר אַ כּמעט אויסשליסיקער העגעמאָניע פון ייִדיש בײַ ייִדן, אויף פּראַקטישע, נאַציאָנאַלע און קלאַסן־טעמים. זשיטלאָווסקי פאַר־שטייט ניט פאַר וואָס האָט מען דאָ פאַרוואַנדלט העברעיִש אין אַ ׳לעבנס־יסוד׳. דרײַ דערקלערונגען האָט ער אויף דעם געקראָגן: א) העברעיִש איז דער שליסל צו אונדזער אַלטצײַטיקער קולטור ב) העברעיִש פאַר־אייניקט דאָס פאָלק. ג) העברעיִש דאַרף רעפּרעזענטירן דעם ייִשוב כּלפּי חוץ.

דעם ערשטן אַרגומענט קענען אָננעמען אַזעלכע מענטשן ווי אחד־

העם, וואָס זעען אין דער נאַציאָנאַלער אָפּזונדערונג, אַ פּולשטענדיקן תּוכן. אַזאַ מין אָפּזונדערונג מיינט קולטורעלער איינשרומפּ, מחמת דעם איבעררייס פון דער אַלגעמיינער מענטשלעכער שאַפונג. דער שליסל צו דער קולטורעלער עשירות שטעקט ניט נאָר אינעם תּנך, נאָר אויך אין דער גריכישער און לאַטייִנישער ליטעראַטור.

זשיטלאָווסקיס דיאַלעקטיק פירט צו אַ פּאַראַלעל צווישן העברעיִש און די קלאַסישע לשונות: אַזוי ווי די אייראָפּעיִשע פעלקער האָבן זיך באַפרייט פון גריכיש און לאַטייִן און אָנגענומען די 'לעבעדיקע שפּראַכן פון די מאַסן', אַזוי קען אויך דער 'רייכער עבר' אונדז ניט צווינגען אַז מיר זאָלן אָפּרייסן די מאַסן פון זייער לעבעדיקן לשון... זייער היינטי־קער 'שפּראַך־נשמה'. העברעיִש דאַרף מען לערנען אין די ייִדישע שולן, אָבער יענע וויכטיקע ווערק וואָס מען האָט געשאַפן אין העברעיִש, דאַרף מען איבערזעצן אויף ייִדיש.

וואָס נוגע דעם צווייטן אַרגומענט, איז ייִדיש די שפּראַך פונעם גרעסטן טייל פאָלק. דעריבער דאַרף דער מיעוט איינשטימען אַז ייִדיש זאָל זיין זיין שפּראַך.[33]

העברעיִש קען צייטווייליק רעפּרעזענטירן דעם ישוב כּלפּי חוץ. אַ ווייטערער קוק פאַרלאַנגט אָבער, אַנטוויקלען 'די פּאַסיקערע שפּראַך פאַר אונדזערע באַדערפטיקייטן־ייִדיש.

וואָס שייך זיין אייגענעם באַנעם, האָט זשיטלאָווסקי געהאַלטן, אַז ס'איז אוטאָפּיש צו גלייבן אַז מען קען אויפלעבן העברעיִש צווישן די ייִדישע אַרבעטער [אין גלות]. זייער פרייַע צייט איז באַגרענעצט און זיי מוזן אויסלערנען זיך די לאַנדשפּראַך. פּרינציפּיעל, האָט זשיט־לאָווסקי צוגעגעבן, איז העברעיִש קיין מאָל ניט געווען קיין 'אָביעקטיווער נאַציאָנאַלער קליי'. זי קען דאָס ניט זיין, ווייל זי איז אַ 'קינסטלעכער עלעמענט'. העברעיִש פאָדערט — פּונקט אַזוי ווי די ייִדישע רעליגיע — אמונה. ייִדיש, להיפּוך, איז אַ 'נאַטירלעכע, נאַציאָנאַלע אייבערקראַפט, וואָס שטייט העכער פון מיינונגען און אמונה'.

די העברעיִשע באַוועגונג שטיצט, ניט ווייסנדיק, די אַסימילאַציע. בשעת אין רוסלאַנד און אַמעריקע שאַפט מען ייִדיש־קולטור, וואָס באַקעמפט די אַסימילאַציע, טרייבט דער איינשטעל פון די 'חובבי שפת עבר' כּלפּי ייִדיש, צו אַסימילאַציע. אויף דער וואָר ווערט העברעיִש אויסגעמעקט פון זייער לאָזונג 'עברית או רוסית'.

דער אויפלעב פון העברעיִש אין ארץ־ישׂראל קען חלילה צעשפּאַלטן דאָס פאָלק, ווײַל ייִדיש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך אין גלות.

זשיטלאָווסקי האָט אויך מורא געהאַט אַז העברעיִש וועט אָפּרײַסן דעם ייִשוב פון דער אייראָפּעיִשער קולטור און אים אַרײַנשלעפּן אין אַ 'מזרחישער לעטאַרגיע'. ער האָט אַרויסגעבראַכט נאָך אַן אַרגומענט פאַר דער העגעמאָניע פון ייִדיש אין ארץ־ישׂראל. עס קען געמאָלט זײַן, אַז אַראַביש, וואָס איז אַ מין לאַנדשפּראַך, זאָל אַרײַנשלינגען העברעיִש. טאָמער, אָבער, וועט העברעיִש בײַשטיין אַראַביש, קאָן דאָס אַרײַנברענגען אַראַביש אין סכּנה, אַ זאַך וואָס קען פאָדערן 'אַ הויכן פּרײַז'. אַזאַ מצב וועט אויסגעמיטן ווערן, אויב ייִדיש זאָל זײַן די שפּראַך פונעם ייִשוב.

עס איז צו האָפן אַז דאָס ייִדישע פאָלק וועט זיך פאַראייניקן אַרום איין שפּראַך און איין קולטור, אַ קולטור אויף וועלכער ארץ־ישׂראל וועט שפּילן אַ הויפּטראָלע.

ענטפערנדיק זשיטלאָווסקין, טענהט כּאַשין אין 'תחיה של מעלה ותחיה של מטה' (זען ז' 23), אַז דער 'ראַציאָנאַליסמוס' איז דער סימן־מובהק פון זשיטלאָווסקיס לערע און פון דעם ייִדישיזם בכלל. אָט אָ דער ראַציאָנאַליזם איגנאָרירט די געשיכטע, די 'פּסיכאָלאָגיע פונעם כּלל... און אַ סך אַנדערע אין גאַנצן ניט לאָגישע און בלינדע כּוחות... און באַשטימט דעם גאַנג פון דער צוקונפט און דעם [נאַציאָנאַלן] אויפלעב'.

דער ייִדישיזם איז 'אַ ניט־געראָטענע קאָפּיע פון די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען בײַ די קליינע, אונטערדריקטע פעלקער אין אייראָפּע'. אַחוץ דעם פּאָליטישן יסוד, באַהערשן אָט די פעלקער, אויף אַ באַשטימטער טעריטאָריע, 'אַלע עלעמענטן פון זייער עקסיסטענץ'. דעריבער זענען זיי פאַראינטערעסירט אין דער 'רעאָרגאַניזאַציע' פון זייערע געזעצלעכע באַדינגען און ניט אין קיין 'רעוואָלוציע'.

דער ייִדישיזם, להיפּוך, 'זעט ניט דעם אָרגאַנישן חסרון פון אונדזער לעבן... דאָס פעלן אַ טעריטאָריעלן אָנשפּאַר... און פון דער הייך קומט ער פאַרריכטן אונדזער לעבן, לויט דער „לאָגישער" שיטה פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע כּלפּי חוץ און קולטורעלן אויפלעב כּלפּי פּנים'.

אָפּוואַרפנדיק זשיטלאָווסקיס אויפוואַרף אַז פּועלי־ציון אין לאַנד פאַרניינען דעם גלות, קלײַבט כּאַשין פונאַנדער די קאָמפּליצירטקייט און פאַרוויקלעניש פונעם קעגנזײַטיקן צובונד צווישן גלות און נאַציאָנאַלן

אויפלעב, ׳ניט פון פאַרניינונג און ניט פון צושטימונג האַלטן מיר. דער גלות איז אַ מין ׳כראָנישע קראַנקייט׳ וואָס וואַרפט יידן אַרונטער אונטער דער פרעמדער קולטור. אָט די פרעמדע קולטור נעמט ביי זיי צו ׳זייער אינערלעכער פרייהייט און נאַטירלעכקייט׳. דאָס פרעמדע לעבן באַווירקט אַן ׳אָפּשטויס און אַ צוציכוח׳ און שאַפט היפּאָכדיקע שטרעמונגען: נאַציאָנאַליזם און אַסימילאַציע. די דאָזיקע שטרעמונגען געפינען זיך אין אַ כּסדרדיקן און ניט־אַנטשיידטן ווידעראַנאַנד. ׳דער גלות איז ניט קיין גסיסה ווי עס שרייען די ציוניסטן און ער שטייט ניט אויף תחית־המתים ווי עס שאַלן די יידישיסטן. דער גלות איז אַן אומהויפּהערלעכער פּלאָנטער פון באַוועגונג און פאַרגליווערטקייט, אַנטוויקלונג און ירידה, באַלוין און היזק אין איינעם׳.

דער טעריטאָריעלער צענטער איז ניט קיין ׳צולאָג צום גלות׳ אָדער אַ ׳קאָרעקטור׳ צום גלות־לעבן, ווי עס האַלט זשיטלאָווסקי. דער טעריטאָריעלער צענטער איז דער קערן פונעם נאַציאָנאַלן לעבן, וואָס אים וועט ער אומקערן זיין נאַטירלעכקייט און זיין אינעווייניקסטע פרייהייט. דאָס איז בנוגע דער צוקונפט. אין שייכות מיט דער איצטיקייט, דאַרף מען געפינען אַן אויסלייז, ניט ׳לויט אַ שיינער טעאָריע׳, נייערט ׳ביי די סאָציאַלע כּוחות און פאַקטאָרן וואָס ווירקן אויף אונדזער לעבן און פורעמען אים אויס׳.

מחמת דער צווייייקייט וואָס שטעקט אין אונדזער קיום איז פאַראַן אַ שטענדיקער ווידעראַנאַנד צווישן ׳דעם גוי און דעם ייד׳, וואָס געפינען זיך אין יעדן איינעם פון אונדז. פון דעם נעמט זיך די צווייייקייט אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, די צווייייקייט אין אונדזער מלחמה קעגן דער אָביעקטיווער צווייייקייט. סיי די יידישע בורזשואַזיע, סיי די יידישע דעמאָקראַטיע [פּראָלעטאַריאַט], שטייען צווישן דעם האַמער און דער קאָוואַדלע פון אַסימילאַציע און נאַציאָנאַליזם. יעדער לאַגער קעמפט פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום, אויף באַזונדערע אופנים.

די מאַסן, ניט קענענדיק קיין פרעמדע לשונות, מוזן איינעטעמען ׳די נייע ווינטן וואָס בלאָזן אין דער פרעמדער וועלט׳, ניט פונעם רעכטן צאַפּן, נאָר אויף דער שפּראַך וואָס זיי זענען אין שטאַנד צו פאַרשטיין. דאָס צווינגט ׳די יידישע דעמאָקראַטיע׳ צו אַנטוויקלען יידיש ׳קעגן איר ווילן און קעגן איר באַוווּסטזיין׳. די מאַסן נייטיקן זיך אין אַ נאַציאָנאַלער איצטיקייט, אַפילו אַ פּעלערדיקע, אַבי זי זאָל זיין קאָנקרעט. די מאַסן

װעלן באַפרידיקן זייער פאַרלאַנג ניט אויף העברעיִש, נײַערט אויף ייִדיש. ייִדיש איז אַ ׳פּשרה צווישן דער נויטווענדיקייט זיך צוצופּאַסן צום פרעמדן לעבן און דעם ווילן פונעם נאַציאָנאַלן קיום, וואָס האָט זיך געבונטעוועט קעגן אָט דעם צופּאַסן זיך׳.[34] ׳די באַוועגונג פאַר דער אויפקלערונג פון די מאַסן האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ קאַמף קעגן דעם [ייִדישן] נאַציאָנאַליזם... דאָס האָט גורם געווען נאַציאָנאַלן ניהיליזם וממילא דאָס אָפּבײנען העברעיִש׳.

להיפּוך צו די מאַסן, האָבן די ׳בורזשואַזע קלאַסן׳ אײַנגעזאַפּט אין זיך די פרעמדע שפּראַך און אירע אוצרות. די פרעמדע סביבה אָבער, האָט זיי ניט אַרײַנגענומען צו זיך. היות ווי די בורזשואַזע קלאַסן זענען אָפּגעריסן פון דער נאַציאָנאַלער איצטיקייט, ווענדן זיי זיך צו ׳חיי עולם׳, צום עבר אָדער צו דער נאַציאָנאַלער צוקונפט. זייער אײנציקער צובונד צום פאָלק איז ׳דער נאַציאָנאַלער היסטאָרישער באַוווסטזײַן, די טראַדיציע־קייט פון דורות. די דאָזיקע טראַדיציע־קייט געפינען זיי אויס... נאָר אין העברעיִש׳. פון דעם נעמט זיך אויך זייער קאַמף קעגן זשאַרגאָן. עס איז דאָ אַ צוזאַמענשטויס צווישן ייִדישיזם און העברעיִש. דער ייִדישיזם איז אין זײַן מהות אַ געצווונגען קינד פון דעם נאַציאָנאַליזם [וואָס] פּרוּווט פאַרמינערן די געשטאַלט פון נאַציאָנאַליזם. העברעיִש איז די ׳היסטאָריש־נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק׳, וואָס פאַרלייקנט די ׳צײַט־ווײַליקע תּקנה וואָס האָט רעגולירט אונדזער נאַציאָנאַלן קיום־ווילן׳. בײַ אָט דער היסטאָריש־נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק זעט ייִדיש אויס צו זײַן אַ פּלאָג פאַר העברעיִש, אַ צײַטווײַליקער ליקוי פונעם נאַציאָנאַלן ליכט.

אַ מאָל האָט אַזאַ צוזאַמענשטויס ניט עקסיסטירט. העברעיִש און ייִדיש ׳האָבן געלעבט בשלום בײַם פאָלק אין האַרצן... יעדע שפּראַך האָט געוווּסט איר אָרט און דאָס אָרט פון איר באַלייטערין... די האַרנטע און די שיפחה האָבן געשלאָסן אַ שטילן בונד, ניט אַרויסטרײַבן אײנע די אַנדערע, נאָר זיך אַרויסהעלפן און דערגאַנצן׳. די דאָזיקע פעלערדיקע האַרמאָניע, וואָס דאָס פאָלק האָט אויסגעקליבן אָן דעם וויסן און אָן דער הילף פון תרפ״ט באַוועגונגען און טעאָרעטיקער, איז דער נאַטירלעכסטער און וואָרהאַפּטיקסטער אויסלייז פונעם ׳ריב־לשונות׳. נאָך אַזאַ אַנאַליז, וואָס דוכט זיך אַז עס איז ניטאָ זײַן גלײַכן אין די פּאָלעמישע אַרויסזאָגן וואָס ווערן געבראַכט אין דעם דאָזיקן בוך, ענטפערט כּאַשין אויף זשיטלאָווסקיס קשיות. כּאָטש ׳תּחיה של מעלה׳... איז אַרויס בלויז

טיילוויַז,[35] איז כאַשינס באַנעם אַ קלאָרער. ער האַלט אַז בײַ דער איצטיקער עת־צרה, נייטיקט זיך דאָס פאָלק אין דער הילף און אין דעם שוץ פון יידיש. פאַר איינס, נייטיקט זיך דאָס פאָלק אין העברעיִש, כדי 'אויפצובויען אונדזער נאַציאָנאַלע צוקונפט אין א"י... די היסטאָרישע צוקונפט וועט קענען אויפגעבויט ווערן נאָר אויפן יסוד פונעם היסטאָרישן עבר'.

עס איז אַ וווּנדער וואָס מען האָט אויף זשיטלאָווסקיס אײַנווענד איבערן אויפלעב פון העברעיִש ניט געענטפערט 'דעם פּשוטסטן און עיקרדיקסטן ענטפער: העברעיִש איז אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך'. כאַשין שיידט פונאַנדער ציוויליזאַציע, וואָס איז אין איר מהות קאָסמאָפּאָליטיש, און קולטור, וואָס איז אין איר מהות נאַציאָנאַל.[36]

איין קולטור קען משפּיע זײַן אויף אַ צווייטער, נאָר עס איז ניט מעגלעך אַז איין קולטור זאָל אויפנעמען פון אַ צווייטער, איר אינערלעכע מאָטיוואַציע און די אויסשליסיקע שטריכן פון אירע שאַפערס. די שפּראַך איז דער ערשטער און דירעקטער אויסדרוק פון יעדער קולטור און אַן אומאָפּרײַסלעכער פאַקטאָר אין דער נאַציאָנאַלער קולטור 'פון איר אָנהייב ביז איר סוף'. אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך ווערט געשאַפן דורכן בײַשטײַער פון דורות און תקופות. די נאַציאָנאַלע שפּראַך ווערט ניט גענומען 'מן ההפקר' און איז ניט עלול 'זיך בײַטן פון צײַט צו צײַט'. קריטיקירנדיק זשיטלאָווסקין, האָט כאַשין פאַרסך־הכּלט זײַן אייגענעם אײַנשטעל צו העברעיִש. וואָס שייך זשיטלאָווסקיס אַנאַלאָגיע צווישן העברעיִש און די קלאַסישע לשונות, באַמערקט כאַשין אַז בשעת לאַטײַן איז געווען אָפּגעריסן פונעם לעבן', האָט זיך העברעיִש שטענדיק גענערט פונעם פאָלקס נשמה... מיט דער הילף פון דער דעמאָקראַטישער יידישער רעליגיע... האָט זיך העברעיִש באַהעפט מיטן פאָלק'. כאַשין איז אויך אַרויסגעטראָטן קעגן אַ געדאַנק וואָס זשיטלאָווסקי האָט ניט אַרויסגעזאָגט: אַז די קלאַסישע ליטעראַטורן זענען ווערטיקער ווי דער תּנך. כאַשין שיידט פונאַנדער די אָביעקטיווע ווערט פונעם תּנך און די קלאַסישע ליטעראַטורן און דעם גײַסטיקן צובונד פון יידן צו עשׂרים וארבע. 'אויב מיר ווילן ניט מוותּר זײַן אויפן תּנך, על־אחת־כּמה־וכמה ווילן מיר ניט מוותּר זײַן אויף העברעיִש... כּל־זמן איר נשמה לעבט צווישן אונדז'.

ב. די פּאָלעמיק איבערן סטאַטוס פון יִידיש אין ארץ־ישראל פון אָנהייב דריטער עליה ביז 1921

1. דער הינטערגרונט פון דער פּאָלעמיק.

נאָך די שווערע יאָרן וואָס דער יִישוב האָט דורכגעמאַכט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן די פּריוויליקע פון דעם יִידישן לעגיאָן, געשאַפן אַ לעבעדיקע בריק צווישן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

צווישן די סאָלדאַטן פון אַמעריקע וואָס האָבן געהערט צו יִידישע פּאַרטייען, האָבן די פּועלי־ציון־חברים פּאַרגעשטעלט מיט זיך דאָס רוב. אַ טייל פון זיי זײַנען געווען פּרינציפּיעלע יִידישיסטן. ניט געקוקט אויף דעם, קען מען ניט אָננעמען דעם דערקלער פונעם ספר תולדות ההגנה: 'ז. ווײַנפּער דערציילט אַז ער און זײַנע פרײַנד זענען אַוועק [מיט דעם לעגיאָן] בכדי צו זײַן די פּאַרטיידיקערס פון יִידיש ווען דאָס לאַנד וועט אויפגעבויט ווערן'.[37]

די פּריוויליקע וואָס זענ׳ען באַוווסטזיניק אַרײַן אינעם לעגיאָן, האָבן דאָס געטאָן, דערעיקרשט, צוליב נאַציאָנאַלע טעמים. דער ענין יִידיש אין א״י האָט זיך דערוועקט אין לאַנד ווי אַ פּועל־יוצא פון אַ פּאָרויס־באַשטימטן אײַנשטעל צו דער שפּראַכן־פראַגע.

אָנהייב 1919 האָט זיך צעפלאַקערט אַ שאַרפע פּלוגתא, וואָס האָט זיך געצויגן אָנדערטהאַלבן יאָר לערך. די פּאָלעמיק איז געווען פאַר־בונדן, צום אַלעם ערשטן, מיטן באַשלוס צו באַגרענעצן דאָס רעכט צו ווערן אויסגעוויילט אין דער פּאַרלייג־אַסאַמבלעע פונעם יִישוב. דאָס דאָזיקע רעכט איז באַשטימט געוואָרן בלויז פאַר מענטשן וואָס באַהערשן העברעיִש.

אויף בײַם פאַרלייגן די אחדות־העבודה־פּאַרטיי (פעברואַר 1919), האָט מען זיך אַ סך געאַמפּערט איבערן מעמד פון יִידיש אין א״י. דעמאָלט האָבן די חברים פון פּועלי־ציון־פּאַרטיי געפירט אַ טאָפּעלן וויכוח: פון איין זײַט, מיט זייערע קאָלעגעס וואָס זענען געקומען פון אויסלאַנד מיטן יִידישן לעגיאָן, און פון דער אַנדערער זײַט, מיט הפּועל־הצעיר.

מ׳דאַרף געדענקען, אַז אין יענער צײַט האָט מען אין דער ציוניס־טישער אַרבעטער־באַוועגונג צוגעשריבן דער שפּראַכן־פראַגע אַן איבער־וועגנדיק חשיבות. היות עס זענען דעמאָלט פאָרגעקומען אין אַ גאָר

קורצער צײַט פאַראייניקונגען און שפּאַלטונגען אין דער באַוועגונג, מוז מען זײַן שטאַרק אָפּגעהיט מיט דער כראָנאָלאָגישער רעם אין וועלכער דער וויכוח איז אָנגעגאַנגען. עס וועט ווײַטער קלאָר ווערן, אַז דאָס רוב דיספּוטאַנטן האָבן געוווסט וועגן וואָס מען אַמפּערט זיך, אָבער כמעט קיינער פון זיי האָט קיין אָנונג ניט געהאַט ווי אַזוי די מחלוקה האָט זיך צעפלאַמט. דאָס באַווײַזט ווי אַזוי דער פון פּאַרויס באַשטימטער אײַנשטעל פון די העברעיִסטן און יידישיסטן צום ענין ייִדיש אין ארץ־ישׂראל, האָט גורם געווען אַז זייער ערשטער ממשותדיקער צוזאַמענטרעף זאָל זיך באַלד פאַרוואַנדלען אין אַ שאַרפער פּלוגתא.

אויפן סמך פון דער היגער פּרעסע מעג מען דרינגען, אַז פאַרן ערשטן מאָל אינעם 'ריב־לשונות' אין א״י, באַציִען זיך די צדדים דירעקט צו די אַרגומענטן פונעם צד־שכּנגד.

אַ רעזאָלוציע בײַ דער עלפטער קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון אין אַמעריקע (פילאַדעלפיע, 25־29סטן דעצעמבער 1918), באַצייכנט דעם אָנהייב פונעם וויכוח. אין דער רעזאָלוציע ווערט געזאָגט, אַז ניט באַשליסנדיק איבער דער פּרינציפּיעלער פראַגע פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך אין א״י, פאָדערט מען גלײַכע רעכט פאַר ייִדיש, דאָרטן, סײַ אין חינוך, סײַ אין געריכט־לעבן, סײַ אין דער אַליין־פאַרוואַלטונג. דער דאָזיקער באַשלוס שטימט מיט דער פּשרה־ריכטונג פון דער פּאַרטיי צו אָנערקענען העברעיִש און ייִדיש אין דער בחינה פון 'ייִדישע שפּראַכן'.[38] די נאָווענע איז דאָ צו פאָדערן גלײַכע רעכט פאַרביידע לשונות אין א״י.

וואָסערע באַדינגען האָבן געבראַכט צו אַזאַ מין באַשלוס? דער נומער אידישער קעמפּפער ווו די החלטה ווערט דערמאָנט, איז ניט בנמצא. דעריבער איז אינטערעסאַנט ברוך אָסטראָווסקיס עדות פון אַפּריל 1919.[39] אָסטראָווסקי שרײַבט, אַז מען האָט דעם באַשלוס אָנגענומען ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער 'באַגרענעצונג וואָס עס האָט אײַנגעשטימט די קאָסטיטואַנטע [אין א״י]'. אויב דאָס איז ריכטיק, רעדט זיך דאָ וועגן דער צווייטער קאָנסטיטואַנטע (ז׳ בתמוז תרע״ח, דעם 5טן יולי 1918). אַנדערש קען מען ניט דרינגען, מחמת דער רעזאָלוציע פון דער דריטער קאָנסטיטואַנטע (19־23סטן דעצעמבער 1919), דער אַזוי גערופענער 'שפּראַכצענז' איז באַקאַנט געוואָרן אין אַמעריקע אין מאַרץ 1919 (זען ווײַטער, ז׳ 44). אָסטראָווסקי האָט צוגערעכנט די פילאַדעלפיער־החלטה מ. בראָון און ח. פײַנמאַנען. צו באַמערקן, אַז פײַנמאַן האָט געשריבן איבער

דעם 'שפּראַכצענז' דעם 2טן מײַ 1919, ווי וועגן אַן ענין וואָס איז אים נאָר וואָס באַקאַנט געוואָרן.[41]

נ' טווערסקיס אַרטיקל 'אסיפה לאומית', געדרוקט דעם 22סטן נאָוועמבער 1918, באַגרונטיקט, אין פלוג, אָסטראָווסקיס עדות.[42] טווערסקיס אַרטיקל שאַפט דעם אײַנדרוק אַז בײַ דער צווייטער קאָנסטיטואַנטע האָט מען אָנגענומען, איינשטימיק, אַ צענז וועגן קענטעניש פון העברעיִש. דאָס איז אַן ענין וואָס האָט אַ 'נאַציאָנאַלע ווערדע פון דער העכסטער מדרגה'.

דער פּראָטאָקאָל פון דער צווייטער קאָנסטיטואַנטע באַווײַזט, אַז מען האָט דאָרטן נישט געפירט קיין דעבאַטעס וועגן אַ 'שפּראַכצענז'. לויט בערל כּצנעלסאָנס פאָרשלאָג, וואָס האָט זיך באַצויגן צו דער צוקונפט, האָט מען באַשטימט אַז ווען די לעגיאָנערן וועלן אָנקומען אין לאַנד, וועלן זיי קריגן שטימרעכט צו די וואַלן פון דער פאַרלייג־אַסאַמבלעע.

דער פּראָטאָקאָל פון דער דריטער קאָנסטיטואַנטע באַווײַזט, אָן ספק, אַז דאָרטן האָט מען באַשלאָסן וועגן דעם שפּראַכנצענז. אין אַן אַרטיקל פון סוף יוני 1919 [44] שרײַבט כּצנעלסאָן, אַז מען האָט דעם צענז אָנגענומען אָן קיין שום קעגנערשאַפט.

דער פּראָטאָקאָל ווײַזט אויף, אַז די וויכּוחים וועגן שפּראַכצענז און וועגן דער רעכט פון פרויען אויסגעקליבן צו ווערן, האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער קאָנסטיטואַנטע.

די דעבאַטע איבערן צענז איז געווען זייער שאַרף, סײַ אין פּלענום, סײַ בײַ דער פּערמאַנענטער קאָמיסיע. מען האָט דעם באַשלוס טאַקע אָנגענומען איינשטימיק, אָבער נאָך דעם ווי מען איז ניט לײַכט מושווה געוואָרן. דער פּראָטאָקאָל לאָזט ניט צו קיין ספק, אַז אַלע בעלי־פּלוגתּא האָבן געוווּסט אַז ייִדיש איז דער ציל פונעם 'צענז'.

דער לכתּחילהדיקער פאָרשלאָג האָט דערמאָנט צוויי באַגרענעצונגען: 1) כּדי צו וויילן האָט מען געפאָדערט 'עלעמענטאַרע קענטעניש אין לייענען און שרײַבן העברעיִש'. 2) כּדי אויסגעקליבן צו ווערן האָט מען געפאָדערט 'קענען רעדן העברעיִש'.[45]

צוויי לאַגערן האָבן זיך געפילט געטראָפן פונעם צענז: די אָרטאָדאָקסישע קרײַזן און פּועלי־ציון.

אַפּוואָרפנדיק דעם צענז, האָבן די שלומי־אמוני־ישראל דערמאָנט

די טענות, וואָס מען וואַרפט זיי אויף: זיי קענען ניט קיין העברעיִש, זיי באַניצן ניט די שפּראַך אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן און זיי נעמען ניט אָן דעם 'עברית בעברית־מעטאָד'. צו דער רעליגיעזער מחנה באַציט מען זיך מיט אַ צווייַיקער מאָס: מען וויל 'אַרויסטרייַבן די היטערס פון יִדישקייט' אין דער צייַט ווען אין 'די הייַזער פון די הייַנטוועלטיקע אין תל־אביב רעדט מען אַלע שפּראַכן, אַחוץ העברעיִש'. אויב העברעיִש וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טאָג־טעגלעכער שפּראַך, וועט דאָס פאָלק פאַרגעסן העברעיִש, אַזוי ווי עס וועט פאַרגעסן דעם תּנך, מחמת די 'ספורי המקרא'. דערצו האָט דער צענז נאָך אַ כּוונה: אויסצומייַדן אַז די ירושלימער פרויען זאָלן אַנטשיידן די וואָלן 'קעגן די פרייַע'.[46]

ס'איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז א. בלומענפעלד־בלאָך, אַ פירער פון דער פועלי־ציון פאַרטיי, איז אַרויסגעטראָטן מיט אַן אַרגו־מענטאַציע, וואָס איז היפּש ענלעך צו די טענות פון די רעליגיעזע פאַר־טרעטער. בלומענפעלד האָט געהאַלטן, אַז די פאַרלייגערס פונעם צענז — וואָס רעדן בייַ זיך אין דער היים פרעמדע שפּראַכן — ווילן צונעמען די מאַכט בייַ די מאַסן.[47]

אויך אינעם אַזוי גערופענעם 'בירגערלעכן לאַגער', זייַנען ניט אַלע פאַרשטייערס מסכּים געווען מיטן צענז.

דער שרייַבער ש. בן־ציון (גוטמאַן) האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז אויב מען וואָלט אים געבן אויסצוקלייַבן צווישן דעם 'יִשוב אָן העברעיִש און 'ניט יִשוב', וואָלט ער אויסגעקליבן די צווייטע מעגלעכקייט. פאַר איינס איז ער ניט געווען אייַנשטימיק מיט די וואָס 'האָבן מורא פאַרן שטראָם... וואָס וועט אויסשווענקען [העברעיִש]... ווער עס גלייבט אינעם כּוח פון ארץ־ישראל און יִשוב ארץ־ישראל, דער גלייבט אויך אינעם כּוח פון אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך'. בן־ציון איז ניט גרייט געווען 'מקריב צו זייַן די רעכט פון מענטש צו מענטש, מחמת שרעק [פאַר יִדיש]'. די באַגרענעצונג וועט ניט דערוועקן די ליבע פון פאָלק צו העברעיִש. 'צוויי ריזן' ראַנגלען זיך בייַ בן־ציונען: 'דעם מענטשנס רעכט און די נאַציאָנאַלע באַדערפטיקייטן. עס איז מיגלעך אַז דער נאַציאָנאַלער צד וועט מכריע זייַן. פון איין זייַט וועל איך זיך פרייען. פון דער אַנדערער, וועל איך באַדויערן וואָס מיר מוזן זיך אייַנשאַפן אונדזער נאַציאָנאַליזם מיט אַזאַ טייַערן פּרייַז'.[48] עס זענען אויך אַרויסגעטראָטן פאַרן צענז ד"ר יפה, שילער, שפּרינצאַק, לוידויפאָל, אליהו בערלין און נ. טוראָוו.[49]

די דאָזיקע כּלל־טוערס האָבן אָנגעהערט דעם ׳בירגעלעכן לאַגער׳ און הפּועל־הצעיר.

ניסן טוראָוו האָט געטענהט אַז דער אויפלעב פון העברעיִש האָט ניט צו טאָן מיט קיין פּעדאַגאָגישן מעטאָד. דאָ האַנדלט זיך אין אַ ׳נאַציאָנאַלן עיקר׳. עס קען זיך נאָך שאַפן אַ מצב אַז צענדליקער טויזנטער מענטשן וואָס קענען ניט קיין העברעיִש זאָלן אויפשטעלן אַ געזעץ קעגן העברעיִש. מען מוז אַרויפצווינגען העברעיִש אין ארץ־ישׂראל און באַיקאָטירן די וואָס אָנאַרקענען ניט העברעיִש ווי ׳די איינציקע נאַציאָ־נאַלע שפּראַך׳. אַנדערע מיטלען, ׳מאָראַלישע, העלפן ניט׳.[50] היות ווי דער וויכּוח האָט זיך געצויגן אָן אַ שיעור, האָט מען געמאַכט טוראָוון און בן־גוריונען פאַר ׳הויפּטרעדערס׳, זיי זאָלן פאַרסך־הכּלען די דיסקוסיע. זיך מערקן אַז בײַם אָנהייב דעבאַטע האָבן די דיספּוטאַנטן אונטערשיידט צווישן אַ באַגרענעצונג אויף אויסצוקלײַבן און אויף אויסגעקליבן צו ווערן. אַזוי, אַ שטייגער, איז בן־צבי געווען קעגן ביידע באַגרעזעצונגען, בשעת בן־גוריון האָט אונטערגעשטיצט די באַגרענעצונג אויף אויסגע־קליבן צו ווערן.[51] וואָס מערער דער וויכּוח איז אָנגעגאַנגען, אַלץ מער איז מטושטש געוואָרן די נפקא־מינה אין די באַגרענעצונגען. מחמת דעם, איז שווער זיך צו דערגרונטעווען צו די מיינונגען פון די פאַרשיידענע רעדנער, אַחוץ שפּרינצאַק און בן־צבי.

להיפּוך צו זײַן אײַנשטעל בײַ דער פריערדיקער זיצונג, האָט בן־גוריון געהאַלטן, ווי אַ ׳הויפּטרעדנער׳, אַז עס איז קלאָר געוואָרן אַז מען באַרעכטיקט דעם צענז מיט דעם וואָס ער וועט ׳פּאַרפעסטיקן העב־רעיִש. דאָס איז אַ ׳באַליידיקונג פאַר דער שפּראַך׳. די ׳שונאים פון פאָלק׳ — די לערער, די מיטגלידער פון ׳האזרח׳ און די קאָלאָניסטן אין זכרון־יעקב — ׳זענען מודיע אַז העברעיִש האָט ניט קיין לעבנסקראַפט און אַז זי קען זיך אַנטוויקלען בלויז דורך באַגרענעצונגען און באָיקאָטן׳. ס׳איז אַ ליגן אַז די מאַסן זענען קעגן העברעיִש. קעגן איר זענען ׳באַר ד״ר זשיטלאָווסקי און נאָך עטלעכע מענטשן׳. דער פאָרשלאָג פון דער ׳שוואַרצער רעאַקציע׳ וועט אויפבונטעווען ניט בלויז געציילטע ייִדישיסטן, נאָר אויך ׳די גאַנצע מאַסן׳.[52]

אין זײַן רעדע האָט טוראָוו אויפגעוואָרפן אַז די אויסלענדישע פּועלי־ציון־פּאַרטייען זענען ׳פאַר זשאַרגאָן און קעגן העברעיִש׳. זיי וועלן פּרווון אײַנפירן זשאַרגאָן אין לאַנד, נאָר דאָס וועט קיין מאָל

ניט געשען. ביי אַזאַ ענין גיט מען זיך ניט אונטער דעם רוב. להיפּוך צו פּועלי־ציון, היטן הפּועל־הצעיר און די לערערס אָפּ העברעיִש אין לאַנד. טוראָוו האָט פֿאַרגעלייגט אַז עס זאָלן באַקומען שטימרעכט די וואָס אָנאַרקענען העברעיִש ווי 'אונדזער איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך'. פֿון דעסט וועגן, ווער עס פירט אָן אַ באַרדעל, 'אפילו ווען ער קען העברעיִש', וועט ניט קריגן קיין שטימרעכט.[53] נאָך טוראָווס און בן־גוריונס רעדעס, האָט מען אין נאָמען פֿון דער וואַלן־קאָמיסיע איבער־געגעבן, אַז קיינער אין דער פּערמאַנענטער קאָמיסיע איז ניט געווען דערקעגן אַז העברעיִש זאָל זיין אַ תּנאַי אויסגעקליבן צו ווערן אין דער פֿאַרלייג־אַסאַמבלעע פֿונעם יִשוב.

פֿון דער פּערמאַנענטער קאָמיסיע האָט מען דערקלערט, אַז נאָך אַ לאַנגן וויכּוח, וואָס איז געווען 'ניט ווינציק ברויזנדיק ווי [דער וויכּוח] דאָ', זענען ניין פֿון די צוועלף קאָמיסיע־מיטגלידער געווען פֿאַרן באַ־גרענעצן דאָס רעכט אויסגעקליבן צו ווערן. דריי חברים האָבן געהאַלטן פֿאַר אַ טאָפּעלער באַגרענעצונג. לסוף האָט מען איינשטימיק באַשלאָסן אַז בלויז ווער עס קען לייענען, שרייבן און רעדן העברעיִש וועט קענען אויסגעקליבן ווערן אין דער פֿאַרלייג־אַסאַמבלעע.[54]

פֿון די אויבן געבראַכטע דאָקומענטן ווערט קלאָר דער אונטערשייד צווישן די באַשלוסן פֿון די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון און פֿון דער דריטער קאָנסטיטואַנטע. פּועלי־ציון אין אַמעריקע האָבן געהאַפּט אויף אַ 'ריטער־לעכער' הסכּמה, באַגרונטיקט אויף פּרינציפּן פֿון דעמאָקראַטיע און קול־טוררעכט, וואָס זאָל אָנאַרקענען גלייכע רעכט פֿאַר העברעיִש און יִידיש אין ארץ־ישׂראל.

דער צענז, להיפּוך, דריקט אויס דעם אומפּשרהדיקן ווילן צו פֿאַר־וואַנדלען העברעיִש אין דער אויסשליסיקער שפּראַך פֿון יִידן אין ארץ־ישׂראל. דער צענז דעקט אויף, צו גלייך מיט דער צוגעבונדקייט צו העברעיִש, דעם חשש אַז יעדער עליה־שטראָם פֿון מיזרח־אייראָפּע וועט מיט זיך ברענגען אַ יִידישיסטישן פֿלייץ, וואָס זאָל פֿאַרשווענקען העברעיִש און שטעלן איר קיום אין סכּנה.

פֿון אַ היסטאָרישן קוקווינקל, איז ניט שייך צי אַט אָ דער פּחד, אַן אַנערקענטער צי אַן אָפּגעלייקנטער, איז געווען באַגרינדעט צי ניין. וויכטיק איז, אַז ער איז גורם געווען, מען זאָל אין לאַנד אָננעמען מיטלען, כּדי איינצוצאַמען אַן אַט־אָטיק יִידישיסטיש געוויסער. מען מוז באַטאָנען,

אַז ניט דער פּחד פֿאַר יידיש האָט איינגעוואָרצלט העברעיִש אין ארץ־ישׂראל. כאָטש דער דאָזיקער פּחד איז טאַקע געווען אַ סטימולירנדיקער און באַהעפֿטנדיקער פֿאַקטאָר אין דער טעטיקייט פֿאַרן אויפֿלעבן העברעיִש, איז זיין ראָלע אין אָט דעם פּראָצעס געווען טפֿלדיק. דער מכריעדיקער גורם בײַם אויפֿלעבן העברעיִש אין ארץ־ישׂראל, איז געווען דער דור־כּויסיקער צובונד צו אַן אידעאָלאָגיע, וואָס האָט אָנגעוועקגעשטעלט אויף איר סאַמע מיטלפּונקט, צוויי גלײַכוועַרטיקע עיקרים: ארץ־ישׂראל און העברעיִש.

2. דער ווידעראַנאַנד אַרום דעם מעמד פֿון יידיש אין א״י, פֿאַרן פֿאַרלייגן די אחדות־העבודה־פּאַרטיי.

די רעזאָלוציע פֿון דער אַמעריקאַנער פּועלי־ציון פּאַרטיי (אויבן, ז׳ 32), האָט תּיכּף אַרויסגערופֿן אָפּקלאַנגען אין ארץ־ישׂראל. די דאָזיקע אָפּקלאַנ־גען האָט מען אָפּגעדרוקט אין הפּועל הצעיר פֿון 21סטן פֿעברואַר 1919.

דער נאָמען פֿון נ. טווערסקיס אַרטיקל ׳שווי זכויות׳ (׳גלײַכבאַרעכטי־קונג׳) ווײַזט אויף אַז ער איז אַ דירעקטער אָפּרוף אויף דעם פֿילאַדעלפֿיער באַשלוס. אַרומרעדנדיק וועגן ׳ריב־לשונות׳, האַלט טווערסקי אַז אין א״י איז דאָ אַן אָרט נאָר פֿאַר איין נאַציאָנאַלער [יידישער] שפּראַך. טווערסקי שאַפֿט דעם אײַנדרוק אַז די היגע פּועלי־ציון און זייערע קאָלעגעס אין אויסלאַנד האָבן כּמעט איינעם און דעם זעלבן אײַנשטעל צו יידיש. אַזוי, אַ שטייגער, פֿאַרבינדט טווערסקי דעם ׳איצטיקן עקסטרע־מען יידישיזם׳ פֿון ׳פּועלי־ציון אין רוסלאַנד׳ מיטן אַרויסגעבן... **דער אָנפֿאַנג.**

טווערסקי פֿירט דעם לייענער צו דער מסקנא אַז דאָס וואָס די היגע פּועלי־ציון דערקלערט, אַז זי איז פֿאַר העברעיִש אין ארץ־ישׂראל, און אין אויסלאַנד שטיצט זי יידיש, עפֿנט דעם וועג פֿאַרן אַרײַנדראַנג פֿונעם יידישיזם אין לאַנד.

היות ווי ׳פּועלי־ציון האָט פֿאַרוואַנדלט יידיש אין אַ קולטוס און בוקט זיך צו איר׳, (פ״גל אויבן, ז׳ 14), איז צו דערוואַרטן אַז זי וועט זיך ניט אָפּזאָגן פֿון יידישיזם נאָך דעם ווי אירע חברים וועלן עולה זײַן אין לאַנד. טווערסקי ברענגט צוויי ראיות פֿאַר זײַן אַרויסזאָג: דעם פֿילאַדעלפֿיער באַשלוס און ׳די קללה פֿון טאָפּלשפּראַכיקייט וואָס עס

האָבן אַרײַנגעפּירט אין אונדזער לעבן וואָסערע פּריַוויליקע פונעם אַמע־ריקאַנער לעגיאָן׳.

די דאָזיקע טאָפּלשפּראַכיקייט קען גורם זײַן אַז ׳צוויי פעלקער זאָלן געבוירן ווערן אין ארץ־ישראל׳. דער שפּראַכנקאַמף איז עלול זיך אָנהייבן אין לאַנד פון דאָס נײַ, מחמת אַ סך עלטערע ייִדיש־ריידערס וואָס וועלן עולה זײַן, וועלן זיך זייער שווער אויסלערנען העברעיִש.

טווערסקי דערשרעקט זיך ניט פאַר אַ שפּראַכנקאַמף. דער צובונד ארץ־ישראל־העברעיִש איז ניט איבערצורײַסן. פּונקט ווי מען איז גובר געווען אין דער פראַגע ׳ארץ־ישראל־טעריטאָריע׳, אַזוי וועט מען גובר זײַן אין דער שפּראַכן־פראַגע, ׳ווײַל דאָס זעלבע אָרט וואָס עס פאַרנעמט בײַ אונדז א״י... פאַרנעמט אויך העברעיש׳. ׳אינעם פולשטענדיקן איבער־בײַט פון [אונדזער] לעבן, פאַרנעמט דער שפּראַך־איבערבײַט דעם סאַמע אויבנאָן׳. אָט דער פראַצעס וועט פאַרשאַפן אַ סך לײַדן. זיי וועלן זײַן ניט אַנדערש ווי די ׳לײַדן פון אַ הונדערט דורותדיקן שטאָט־אײַנוווינער וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פּויער׳.

די דאַטע פון טווערסקיס מאמר איז ניט געווען קיין צופאַל. דער אַרטיקל איז אַרויס געציילטע טעג פאַר דער ׳פאַראייניקונג־קאָנפערענץ׳. אויף דער קאָנפערענץ האָבן געזאָלט זיך צוזאַמענגיסן, אין איין פּאָליטי־שער קערפּערשאַפט, הפּועל־הצעיר, פּועלי־ציון און די ׳אומפּאַרטייִשע׳, מיט בערל כצנעלסאָן בראש.

די אָנפירערס פון הפּועל־הצעיר האָבן מורא געהאַט, אַז די נײַע אָרגאַניזאַציע וועט אײַנשלינגען זייער פּאַרטיי. מחמת זיי האָבן געהאַלטן פּועלי־ציון פאַר אַ פּאַרטיי וואָס שטיצט דעם קלאַסנקאַמף, האָבן זיי אָפּגעפרעגט דעם געדאַנק, אַז די פאַרגעלייגטע פאַראייניקטע אָרגאַניזאַציע זאָל זיך אײַנשליסן אינעם וועלטפאַרבאַנד פון פּועלי־ציון.

אַ צענטראַל אָרט אין דער אַרגומענטאַציע קעגן דער פאַראייניקונג, האָט פאַרנומען דער ענין ייִדיש אין ארץ־ישראל. אָפט מאָל האָט מען די דאָזיקע פראַגע פאַרגעשטעלט ווי די עיקר־סיבה וואָס האָט באַווירקט הפּועל־הצעיר ווײַטער אָנצוהאַלטן איר זעלבשטענדיקע עקסיסטענץ.

צו באַמערקן, אַז אַ וואָך פאַר טווערסקיס ׳שווי זכויות׳, האָט הפּועל הצעיר געדרוקט אַן אַרטיקל אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים מקרי, וואָס האָט פּאַקטיש אָפּגעשלאָגן די פאַראייניקונג.[55] יוסף שפּרינצאַק האָט פאַרעפנטלעכט, לעבן טווערסקיס ׳שווי זכויות׳, דעם מאמר ׳מתוך התסיסה׳

(׳פונעם קאָך און גערודער׳). שפּרינצאַק באַטאָנט דעם אונטערשייד צווישן הפּועל־הצעיר און פּועלי־ציון — אַ פּאַרטיי מיט אַ ׳קלאַסן־געפּיל און טראַדיציע׳.ביידע פּאַרטייען האָבן צוזאַמענגעאַרבעט אין די שווערע טעג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַצינד אָבער, דעקט זיך ווידער אויף די ׳מאָדנע ציוניסטישע פּיזיאָגנאָמיע פון פּועלי־ציון אין רוסלאַנד, זייער נעגאַטיוון איינשטעל צו העברעיִש, זייער פאָדערן גלייכע רעכט פאַרן זשאַרגאָן אין ארץ־ישראל, אַן ענין וועלכן מ׳האָט באַשלאָסן אויף דער קאָנפערענץ... פון פּוע״צ אין אַמעריקע... דאָס [אַלץ] שיידט אָפּ׳.

נאָך צוויי דאָקומענטן אילוסטרירן ווי אַזוי הפּועל־הצעיר האָט אַרויסגעשטעלט דעם מעמד פון ייִדיש אין ארץ־ישראל, ווי אַ גאַר וויכטיקער גורם אין איר נעגאַטיוון באַשלוס מכּח דער פאַראייניקונג.

אינעם זעלבן נומער הפּועל הצעיר ווו עס זענען פאַראַן טווערסקיס און שפּרינצאַקס אַרטיקלען, זענען דאָ שטעלן פון אַ נאָטיץ געדרוקט אין די נייַע צייַט, אָרגאַן פון פּועלי־ציון אין אַרגענטינע.[56]

די איבערגעזעצטע שטעלן און די הערה פונעם איבערזעצער אילוסט־רירן צוויי ענינים:

א) דעם אופן ווי אַזוי הפּועל־הצעיר האָט גענוצט די שפּראַכן־פראַגע כּדי אָנצוגרייפן פּועלי־ציון.

2) די שטימונג פון די ייִדישיסטישע קרייַזן אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אויסלאַנד. בייַ די דאָזיקע קרייַזן האָבן די העברעיִסטן אויסגעזען ווי גרויסהאַלטערס און בעל־גאַוועניקעס. די העב־רעיִסטן ווערן פאַרגעשטעלט ווי דער היפוך ׳פון אונדז, פּשוטע בשׂר־ודם׳.

דער מחבר פון דער נאָטיץ איז חושד די העברעיִסטן, אַז זיי ווילן אַסימילירן, אין העברעיִש און אין גייַסט פון דער ׳אַלטער טראַדיציאָ־נעלער באַביצע׳, די קינדער פון די אַרבעטער וואָס וועלן עולה זייַן קיין ארץ־ישׂראל. די אַרבעטער־עולים וועלן זיך אָרגאַניזירן אין לאַנד אין ראַדיקאַלע אַנשטאַלטן פאַר קולטור און בילדונג, ווי למשל שולן און פאָלקס־אוניווערסיטעטן. די לימוד־שפּראַך וועט דאָרטן זייַן ייִדיש. אין די ייִדיש־שולן וועט מען ניט זייַן דערקעגן, מען זאָל אויך לערנען העברעיִש.

דער מיין פון פאַרלייגן אַ העברעיִשן אוניווערסיטעט איז צו פאַר־שטעלן ייִדיש דעם וועג און הייבן דעם פּרעסטיזש פון העברעיִש. אין ארץ־ישׂראל וועט מען פירן ׳אַ שווערע מלחמה פאַרן רעכט צו רעדן

אויף אונדזער נאַטירלעכער שפּראַך׳. דאָס לעבן וועט אַרויסהעלפן די ייִדישיסטישע עולים ׳זיך אויסלעבן און אַנטוויקלען זיך אויף אַ פרײַען אופן׳. צו די שטעלן, וואָס האָבן אַן אינטערעס פאַר זיך, האָט דער איבער־זעצער צוגעגעבן אַ קלאָרע, אַקטואַליסטישע הערה: ׳מיר, וואָס ניט תמיד גייען מיר נאָך דעם שטראָם, וועלן קענען... בײַקומען אָט די דאָזיקע צרה און פאַרוואַנדלען „פּאַלעסטינע״ פון די נײַע צײַט אין אַ העברעיִשן ארץ־ישׂראל׳.

דער אַנדערער דאָקומענט וואָס ווײַזט אויף דער מכריעדיקער וואָג וואָס הפּועל־הצעיר האָט דעמאָלט צוגעשריבן דעם ענין ייִדיש אין ארץ־ישׂראל, איז דער לעצטער טייל פון מרדכי קושנירס מאמר ׳הגיגים׳ (׳קלערענישן׳). קושניר שרײַבט, לערך אַן אַנדערטהאַלבן יאָר נאָכן פאַרלייגן אחדות־העבודה, אַז דער צוזאַמענטרעף מיט די לעגיאָנערן פון אַמעריקע האָט אַנטוועקט די פאַראייניקונג פון דער ארבעטער־באַוועגונג אין לאַנד. די אָנפירערס פון הפּועל־הצעיר האָבן מלכתחילה פאַרנײַנט דעם פּלאַן, בעת זייערע חברים וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אינעם לעגיאָן, האָבן געשטיצט די פאַראייניקונג. די קענגערס האָבן צווישן אַנדערן גע־טענהט, אַז ׳בן־גוריון און בן־צבי ווערן געטריבן אין זייער פּאַרטיי, מחמת זייער העברעיִשקייט׳. קושניר זאָגט עדות דאָס די שפּראַכן־פּראַגע איז געווען איינער פון די שווערפּונקטן בײַם פאַרהאַנדלען דעם אויפקום פון אחדות־העבודה. פּועלי־ציון זענען געווען פאַר דער פאַראייניקונג. איינער פון די הויפּטאַרגומענטן איז געווען ׳די זאָרג פאַרן גורל פון העברעיִש בעת דער קומענדיקער עליה און די נייטיקייט זיך צו שטאַרקן און פאַרבינדן זיך מיט אַ גרויסן כּלל, וואָס איז געטרײַ צו העברעיִש. קעגן דער פאַראייניקונג זענען אַרויסגעטראָטן... געציילטע ייִדישיסטן...׳

לויט קושניר, זענען די אַרגומענטן פון הפּועל־הצעיר פאַרן המשך פון איר זעלבשטענדיקן קיום, געווען לערך: ׳די סכּנה פון זשאַרגאָן; דער פעדעראַטיווער בונד פון פּועלי־ציון מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל; דער חשש זיך צוזאַמענצומישן מיט דער מאַסע און דאָס וועלן אויפהיטן די אינעווייניקסטע פאַרזיכדיקייט, בכדי צו פאַרשטאַרקן העברעיִש...׳

די פּראָטאָקאָלן פון די פאַרשיידענע קאָנפערענצן וואָס זענען פאָר־געקומען פאַר דער פאַראייניקונג — פעברואַר 1919 — באַשטעטיקן קוש־נירס עדותשאַפט. דעם 24סטן און 25סטן פעברואַר 1919 איז פאָרגע־קומען די ׳ערדאַרבעטער־קאָנפערענץ׳. די קאָנפערענץ האָט געזאָלט באַ־

שליסן נאָר וועגן איין־און־איינציקער פראַגע: ׳פאַרלייגן אַן אַרבעטער־פאַראיין אין א״י׳. אין דער קאָנפערענץ האָבן אָנטייל גענומען די דריי שטרעמונגען וואָס האָבן זיך געזאָלט פאַראייניקן: הפועל־הצעיר, פועלי־ציון און די „אומפאַרטייִשע׳. ש. יבנאלי, פון די ׳אומפאַרטייִשע׳, האָט גערעדט כמעט אינעם זעלבן נוסח פון קושנירס אַרטיקל. דערצו האָט בן־גוריון פּראָטעסטירט קעגן די אָנפירערס פון הפועל־הצעיר, וואָס האָבן אין פאָרויס באַשלאָסן אָפּצושלאָגן די פאַראייניקונג. פועלי־ציון איז זיך מתחייב ׳אויסצולערנען העברעיִש די חברים וואָס וועלן עולה זייַן׳. שפּרינצאַק האָט אויף אַן אָרט באַמערקט, אַז אויב פועלי־ציון וועט קעמפן פאַר ׳בנין הארץ׳ און פאַר העברעיִש ׳וועלן ממילא הפועל־הצעיר און פועלי־ציון אָפּגעשאַפט ווערן׳.[58]

געציילטע טעג פאַר דער ׳ערד אַרבעטער־קאָנפערענץ׳, איז פאָרגעקומען די דרייַצנטע און לעצטע קאָנפערענץ פון פועלי־ציון אין ארץ־ישׂראל (21סטן — 24 סטן פעברואַר 1919). בן־צבי האָט דאָרטן באַטאָנט: ׳די שפּראַכן־פראַגע לאָזט מיר ניט שלאָפן׳. די שטעלונג פון פועלי־ציון אין א״י צו ייִדיש איז אַ פּרינציפּיעלע. וועגן דעם ענין איז ניטאָ וואָס צו דיסקוטירן. אַזאַ דיסקוסיע וועט נאָר ברענגען צו אַ ריס. פאַר די חברים אין מיזרח־אייראָפּע איז ייִדיש ׳אַ נאַציאָנאַל מיטל קעגן אַסימילאַציע׳. דאָס דאָזיקע מיטל האָט מען מיט דער צייַט פאַרוואַנדלט אין אַ ציל. דאָס וואָס איז דער עיקר אין אַנדערע ערטער, איז ניט דער עיקר אין ארץ־ישׂראל.[59]

נאָך בן־גוריונס אַ פּראָגראַמאַטישער רעדע, האָט מען געפירט אַ דעבאַטע. כמעט אַלע דעלעגאַטן האָבן אָנגערירט די שפּראַכן־פראַגע. אַ סך לעגיאָנערן פון אויסלאַנד האָבן געהאַלטן אַז העברעיִש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך אין א״י. פאַר איינס האָבן זיי פאַרלאַנגט, אַז דער צוקונפטיקער ׳אַרבעטער־פאַרבאַנד׳ זאָל פירן זייַן טעטיקייט אויך אין ייִדיש. זייער ווייניק דעלעגאַטן האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער פאַראייניקונג, מחמת דער האַלטונג לגבי ייִדיש אין א״י. אַלע דעלעגאַטן, אַחוץ איינעם, האָבן צוזאַמענגעבונדן די שפּראַכן־פראַגע מיטן סאָציאַליסטישן מהות פונעם פאַרבאַנד. קויש אַרויסזאָג ביי דער קאָנפערענץ (פ״גל ז׳ 72, הערה 37), כאַראַקטעריזירט דעם קוק פון די ייִדישיסטישע לעגיאָנערן. קויש האָט דערקלערט אַז דאָס רוב פועלי־ציון־חברים וואָס וועלן עולה

זײַן זענען ייִדישיסטן. האָט ער געוואָלט געוווּסט ווערן 'צי מען וועט אונדז געבן די מעגלעכקייט צו דרוקן ביכער און צײַטונגען אין ייִדיש'.[60]

פאַרסך־הכּלענדיק די דעבאַטע האָט בן־גוריון אָנגערירט, ראשית־כּל, די שפּראַכן־פראַגע. 'אפילו ווען מיר זאָלן בלײַבן ניט פּאַראייניקט, ווי פריער, האָבן מיר אַ קלאָרן און אַבסאָלוטן ענטפער, אַ פּרינציפּיעלן און אַ פּאַקטישן: פאַר אונדז איז ניטאָ קיין שפּראַכן־פראַגע. אונדזער שטעלונג איז באַקאַנט יעדן איינעם: מיר פאָדערן העברעיִש... מיר האָבן קיין שום אַנדער שפּראַך אַחוץ העברעיִש'.[61]

לסוף איז בן־גוריון אַרויסגעטראָטן קעגן ד"ר שמיד, אַ לעגיאָנער פון אַמעריקע. דער דאָזיקער אַרויסטרעט אילוסטרירט, אָבער אַ מאָל, די ראָלע פון שפּראַך ווי אַ מאַכטיקער קאַטאַליזאַטאָר בײַ פּאָלעמיקעס מיט אַ נאַציאָנאַלן פּאָן. דאָס מאָל האָט די שפּראַכן־פראַגע אַרויסגעהויבן ווידער־אַנאַנדיקע קוקן לגבי דעם צובונד פון דער אַרבעטער־באַוועגונג מיטן גלות.

שמיד איז אַרויסגעטראָטן קעגן בן־גוריונס אַרויסזאָג אַז די פאַר־אייניקונג איז אָט־אָטיק. לויט שמיד וועט דער נעגאַטיווער אײַנשטעל צו ייִדיש און צום סאָציאַליזם מצד אַ טייל בעלנים אויף דער פאַראייני־קונג, שעדיקן די באַציִונגען מיטן גלות. 'ווײַזט אויס אַז מ'האָט פאַר־געסן אַז ס'איז פאַראַן אין גלות אַ פאָלק, ניט נאָר געלטער וואָס מען שיקט פון דאָרטן'. שמיד האָט צוגעגעבן אַז ער האַלט ניט ייִדיש 'פאַר אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך'.

בן־גוריון האָט, דערמאָנענדיק שמידס קריטיק, אַרויסגעהויבן: 'אויב דער חבר שמיד וויל מיר זאָלן זיך אָפּרײַסן פון גלות, פרייען מיר זיך דערמיט, ווײַל מיט דעם ציל זענען מיר אַהער געקומען'. עס איז אינ־טערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אין זײַן רעדע אַ טאָג פאַר דעם, האָט בן־גוריון געזאָגט: 'מיר נייטיקן זיך אין דער גײַסטיקער און פיזישער הילף פון אונדזערע חברים אין אויסלאַנד. דאָס וואָס די [ייִדישע] אַרבעטער אָרגאַניזירן זיך אין ארץ־ישׂראל איז ניט גענוג. מיר נייטיקן זיך אין אַ סך שותּפים און זיי געפינען זיך נאָך אין אויסלאַנד. אַפילו ווען זיי וועלן קומען... וועלן זיי ניט זײַן גענוג אויף אויסצופילן די גאַנצע אַרבעט'.[62]

בײַ דער זעקסטער זיצונג האָט די קאָנפערענץ געזאָלט באַשליסן וועגן צוויי פונקטן: די שפּראַכן־פראַגע און דעם נאָמען פונעם פאַרבאַנד. ווײַזט אויס אַז בן־גוריון און בן־צבי זענען ניט געווען אײַנשטימיק

וועגן דער שפּראַך־רעזאָלוציע. בן־גוריון און אַנדערע דעלעגאַטן האָבן פּאָרלאַנגט, די קאָנפערענץ זאָל באַשטימען די האַלטונג פון דער פּאַרטיי צו ייִדיש. בן־צבי איז געווען קעגן דעם. ער האָט געהאַלטן אַז די קאָנפערענץ דאַרף בלויז דעצידירן צי פירן פּאַרטייִישע פּראָפּאַגאַנדע אויף ייִדיש צי ניין.

עס קען געמאָלט זײַן, אַז בן־גוריון האָט געשטרעבט צו אַן אײנ־טײַטשיקן באַשלוס איבער דער שפּראַכן־פראַגע, בעת בן־צבי האָט גע־וואָלט אויסמײַדן אַ קאָנפליקט מיט פּועלי־ציון אין אויסלאַנד. נאָך אַ וויכּוח וואָס מען האָט ניט אַרײַנגעשריבן אין פּראָטאָקאָל, האָט די קאָנ־פערענץ געשטימט פאַר בן־צביס פאָרלייג.[63]

וואָס שייך ייִדיש, האָט מען פאָרגעשלאָגן, די פּאַרטיי זאָל זיך רע־כענען מיט די חברים וואָס קענען ניט קיין העברעיִש און זאָל אויך פירן פּראָפּאַגאַנדע אויף ייִדיש, שריפטלעך און בעל־פּה. לסוף האָט מען דעם פאָרלייג געענדערט. מיט צוואַנציק שטימען קעגן פופצן האָט מען באַשטימט אַז 'ווען ס'וועט זײַן נייטיק וועט מען באַזאָרגן מיט פּאַרטייִישער אינפאָרמאַציע אין אַנדערע שפּראַכן אויך'.

דער געדרוקטער פּראָטאָקאָל פון דער קאָנפערענץ דערמאָנט ניט אַ פּרט וואָס ווערט אונטערגעשטראָכן אין אַ ייִדישיסטישן באַריכט. ווען די קאָנפערענץ האָט זיך אָנגעהויבן, האָט מען פאָרגעלייגט אויסצוקלייבן אויך אַ סעקרעטאַר וואָס זאָל פאַרשרײַבן אַ באַזונדערן פּראָטאָקאָל אויף ייִדיש. נאָך אַ שטורעמדיקער דיסקוסיע וואָס האָט זיך געצויגן שעהען, האָט מען דעם פאָרלייג אָפּגעוואָרפן מיט איין און צוואַנציק שטימען קעגן צוואַנציק.[64]

כאָטש דער אײַנשטעל פון פּועלי־ציון אין ארץ־ישראל צו ייִדיש איז געווען איינטײַטשיק, איז דער דאָזיקער ענין ניט אַראָפּ פון סדר־היום בײַ דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד. אויף דער 'פּאַראייניקונג־קאָנפערענץ' האָט זיך ניט געפונען אפילו איין־און־איינציקער ייִדישיסט וואָס זאָל אויפהייבן די פראַגע פון ייִדיש אין ארץ־ישראל. ניט געקוקט אויף דעם, האָט דוד רמז, אַ מנהיג פון די 'אומפּאַרטייִשע', פּלוצעם דערקלערט: 'אויך פאַר די זשאַרגאָניסטן האָב איך ניט קיין מורא'. פון יענער רגע אָן, האָבן כּמעט אַלע רעדנערס זיך אָפּגעשטעלט אויף דער שפּראַכן־פראַגע.[65] דאָס באַווײַזט אויף ווי ווײַט דער דאָזיקער ענין האָט דעמאָלט אויפגערודערט די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג.

3. די פּאָלעמיק פון אחדות־העבודה מיט די פּועלי־ציון־פּאַרטייען אין אויסלאַנד מכוח דעם סטאַטוס פון ייִדיש אין ארץ־ישראל.

מאַרץ 1919 איז די ידיעה וועגן צענז דערגאַנגען קיין אַמעריקע.[66] האָט אידישער קעמפער רעאַגירט דערוועגן מיט שאַרפע אַרטיקלען.

דעם 21סטן מאַרץ האָט דוד פּינסקי געטענהט, אינעם מאמר 'יונקעריזם אין ארץ־ישראל', אַז מען אַנערקענט דאָס רעכט צו ווערן אויסגעקליבן אויף דער 'פאַרלייג־אַסאַמבלעע', בלויז פאַר די וואָס זענען מודה אַז העב־רעיִש איז די איינציקע שפּראַך פון ייִדן אין ארץ־ישראל. פּינסקי האָט ביטערלעך באַמערקט, אַז אַ פאָלק וואָס איז ביז אַהער געווען אַזוי שטאַרק אונטערדריקט, וועט אַנהייבן זײַן אומהאָפּענגיקן [קיום], באַדריקנדיק און באַרויבנדיק רעכט. עס איז דאָ שייַנקייט און ראָמאַנטישקייט אינעם אויפ־לעב פון העברעיִש, נאָר דאָס פאָלק, זײַן רעכט אויף אַנטוויקלען זיך, זענען דער עיקר. צו דערגיין אָט אַ דעם עיקר נייטיקט מען זיך אין אַ זעלבשטענדיק לאַנד. העברעיִש איז ניט קיין מוז־תּנאַי פאַר דעם, בעת ייִדיש איז ניט קיין מניעה צו אָט דעם הויפּטציל. דער נאַרישער און אומזיניקער קאַמף קעגן ייִדיש קען באַליידיקן אַ סך סימפּאַטיקער און דערווײַטערן זיי פון ארץ־ישראל, אַזוי ווי ער דערווײַטערט אין ארץ־ישראל גופא די לעגיאָנערן פון חוץ־לארץ. אַ סך געטרײַע העברעיִסטן, אַמעריקאַנער פּועלי־ציוניסטן, האָבן זיך דערשראָקן און שעמען זיך פאַרן צוואַנג אין ארץ־ישראל. די העברעיִסטן דאָרטן זענען ניט קיין בעסערע ייִדן ווי די וואָס רעדן ייִדיש. די העברעיִסטן האָבן ליב בלויז זייער אָפּגאָט, די העברעיִשע שפּראַך, נאָר דאָס פאָלק האָבן זיי נישט ליב. ווען זיי וואָלטן עס ליב האָבן, וואָלטן זיי ליב געהאַט אַלץ וואָס עס האָט געשאַפן און וואָלטן זיך באַגאַנגען צו ייִדיש ניט אַזוי גראָב. ייִדיש איז אַ שפּראַך אויף וועלכער דאָס פאָלק האָט אומגעהײַער אויסגעדריקט זײַן גײַסט. די העברעיִסטן האָבן האָלט בלויז דקדוק און האַלטן זיך ניט אָפּ פון צעשפּאַלטן דאָס פאָלק. דאָס אַריבערגיין אויף העברעיִש, אַז ענין וואָס וואָלט במילא געשען צוליב 'אווירא דישראל', וועט זיך יעצט פאַרהאַלטן מחמת דעם העברעיִשן יונקעריזם.

אינעם זעלבן נומער אידישער קעמפער, איז געווען געדרוקט דער עדיטאָריאַל 'אַ טרויעריקער אָנהויב'. דעם עדיטאָריאַל האָט משמעות אָנגעשריבן חיים זשיטלאָווסקי. דער שפּראַכצענז באַשטעטיקט די קלאַנ־

גען, אַז עס איז פֿאַראַן אַ 'העברעיִסטישע אָליגאַרכיע אין ארץ־ישׂראל. די ציוניסטישע סטאַראַפּן האָבן נושׂא־חן געווען בײַ די ענגלישע מיניסטאָרן און געקראָגן פֿון זיי אַ טייל מאַכט. האָבן אָט די סאַטראַפּן פּראָקלאַמירט העברעיִש ווי די הערשנדיקע שפּראַך אין ארץ־ישׂראל, ניט ווען ס'וועט אויפֿשטיין אַ יִידישע מדינה, נאָר אַצינד, ווען זי איז נאָך אין די ווינדעלעך. דערמיט איגנאָרירט מען [די רעכט] פֿון דרײַצן מיליאָן [יִידיש]־יִדן. מען פּסלט אַ סך וויכטיקע מענטשן, מחמת דעם וואָס זיי קענען ניט דאָס לשון וואָס אַ בינטל ווילדע פֿאַנאַטיקער זעט אין אים די איינציקע זאַך אינעם יִדישן מהות וואָס איז כּדאי פֿאַר אים צו שטאַרבן און צו לעבן.

דאָס יִדישע פֿאָלק לעכצט נאָך ארץ־ישׂראל, ווײַל עס האָפֿט אַז דאָרטן וועט מען אויפֿבויען אַ נײַע וועלט, פֿרײַ פֿון אַל דאָס מיאוס און נידעריקס וואָס עס איז פֿאַראַן אין דער אַלטער. דאָס פֿאָלק שטרעבט צום לאַנד פֿון די נביאים, וווּ עס וועלן ניט געוועלטיקן קיין קריוודעס, קיין צוואַנג און קיין גראָבקייט.

די ציוניסטישע דיקטאַטאָרס, אויפֿן שוועל פֿונעם נײַעם נאַציאָנאַלן היים, גראָבן אויס אַ קבֿר פֿאַר די גרונט־יסודות פֿון דער דעמאָקראַטיע. דאָס פֿאָלק וויל ניט אַ לאַנד ווו אַ בינטל עקסטרעם קאָנסערוואַטיוו־פֿאַנאַטישע פּרנסימלעך וועלן רײַטן אויפֿן רובֿ בנין און רובֿ מנין פֿון דער באַפֿעלקערונג. אויב ארץ־ישׂראל וועט ניט געהערן צום פֿאָלק, נײַערט צו אַ גרופּע 'מאַכט־פֿאַרכאַפּערס', טעלער־לעקערס פֿון די פֿרעמדע הערשערס, וועט דאָס יִדישע פֿאָלק ניט פֿאָרן אַהינצו און דאָס לאַנד וועט בלײַבן פּוסט, לער און אין חורבות ווי ביז איצט.

פֿון די דאָזיקע אַרטיקלען, ביז אידישער קעמפּפער האָט אויפֿגעהערט אַרויסגיין אין אויגוסט 1920, איז דער ענין יִדיש אין ארץ־ישׂראל ניט אַראָפּ פֿון סדר־היום און געשפּילט אַ צענטראַלע ראָלע אין די באַציִונגען צווישן פּועלי־ציון אין אַמעריקע און אחדות־העבֿודה.

אינעם זעלבן נומער אידישער קעמפּפער פֿון 21סטן מאַרץ 1919, איז אַרויס אַן אויפֿרוף געחתמעט פֿון ח. זשיטלאָווסקי, ס. עלסבערג, ב. אָסטראָווסקי, מ. י. בודיש, י. לעווין, מ. קאַנטאָראָוויטש, י. ב. ביאַלאָס־טאָצקי און י. שטיינבוים. עס זאָגט זיך דאָרטן, אַז עס קומען אָן פֿון ארץ־ישׂראל האַרצרײַסנדיקע בריוו אַז די פֿאַנאַטישע העברעיִסטן שטערן צו שאַפֿן אַ 'יִדישע סבֿיבֿה'. אַזאַ מין אומטערדריקן, שטעלט אין סכּנה

דאָס אויפבויען אַ פרייַען ייִשוב אין ארץ־ישראל. עס פאָדערט זיך צוונויפצוזאַמלען געלט כדי איַינצושאַפן ביכער און צייַטונגען אין ייִדיש און זיי איבערשיקן קיין א״י. דאָרטן דאַרף מען פאַרלייגן ייִדיש־ביבליאָטעקן און קלובן. מען נייטיקט זיך אויך אין געלט אויף אַרויס־צוגעבן, פון צייַט צו צייַט, אין ארץ־ישראל, העפטלעך אין ייִדיש.

אין שייַכות מיטן אויפרוף האָט די רעדאַקציע באַמערקט, אַז עס איז ניט יושרדיק אויסצוניצן די מערכה פון די אויסלענדישע לעגיאָנערן, אויף צו פירן ייִדישיסטישע פראָפּאַגאַנדע אין א״י. עס איז אויך ניט יושרדיק צו טענהן, אַז נאָר אויף ייִדיש קען מען שאַפן אַ ׳ייִדישע סביבה׳. די רעדאַקציע דרוקט דעם אויפרוף, אַזוי ווי ער שטייט און גייט, נאָר צוליבן פּרינציפּ פון ׳פרייַער פּרעסע׳. אויף דער דאָזיקער הערה האָט זיך אָפּגערופן, צווישן אַנדערע, חיים זשיטלאָווסקי. לויט זשיטלאָווסקי איז די שפּראַכן־פראַגע די קאַרדינאַלע פראַגע פון זייַן צייַט. דער סאַמע עיקר פאַר די ייִדישע אַרבעטער אין דער גאַרער וועלט איז ייִדיש זאָל הערשן אין ארץ־ישראל, אָדער לכל־הפחות, זי זאָל דאָרטן זייַן גלייַכבאַרעכטיקט מיט העברעיִש. אַ ייִדישע סביבה קען מען שאַפן נאָר אויף ייִדיש. זשיטלאָווסקי האָט קריטיקירט די ׳צענזור פון דער רעדאַקציע׳ און צוגעזאָגט צו פירן, אומעטום, פראָפּאַגאַנדע פאַר זייַנע מיינונגען.[67]

זיך מערקן אַז ניט בלויז די ייִדישיסטישע קרייַזן בייַ די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון האָבן אויסגעדריקט זייער אומצופרידנקייט מחמת דעם צענז. דער פאַרטיי־סעקרעטאַר, חיים פייַנמאַן, אַ געטרייַער אָנהענגער פון אחדות־העבודה, האָט אין זייַן מאמר (אויבן, ז׳ 33), שטאַרק געלויבט דאָס פאַרלייגן אחדות־העבודה. ניט געקוקט אויף דעם, האָט ער זי קריטיקירט פאַרן שטיצן דעם צענז. דער צענז אונטערדריקט גרינטלעכע דעמאָקראַטישע רעכט און איגנאָרירט דעם פּראָצעס פון שפּראַכן־איבער־בייַט וואָס די מאַסן מאַכן דורך אין ארץ־ישראל.

קעגן דעם צענז האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט די פערצנטע קאָנפע־רענץ פון פּועלי־ציון אין ענגלאַנד (לידס, אַפּריל 1919). דער צווייטער פּאַראַגראַף פון די באַשלוסן — אַ פשרה־רעזאָלוציע — טאַדלט דעם צענז פאַרן שטעלן אין סכנה, סייַ דעם נאַציאָנאַלן קאַמף פון ייִדן אין גלות, סייַ דאָס פאַרשטאַרקן העברעיִש אין ארץ־ישראל. אויב מען נעמט אין אַכט אַז אויך פּועלי־ציון אין אַרגענטינע האָבן פּראָטעסטירט קעגן

צענז, ווערט קלאָר אַז דער דאָזיקער ענין האָט שווער געווירקט אויף די פועלי־ציון־פּאַרטייען אין אויסלאַנד.[68]

סוף 1919, האָט קונטרס, דער אָרגאַן פון אחדות־העבודה, געדרוקט צוויי מאמרים פון בערל כּצנעלסאָן און א. ש. וואַלדשטיין, וואָס האָבן דירעקט רעאַגירט אויף די אַרטיקלען און רעזאָלוציעס אין אויסלאַנד מכּוח דעם צענז.

דרײַ ענינים ווערן דערמאָנט אין בײדע מאמרים. א) די קריטיק אין חו״ל שפּאַרט זיך אָן אויף ׳אַ ליגן וואָס עס האָבן אויסגעטראַכט אַ ביסל ייִדישיסטן אין א״י׳. אין דער אמתן האָט מען דעם צענז באַשטימט ׳מיט דער פולער הסכּמה פון די אַרבעטער אין לאַנד׳. דער ביטול און די שפּעטרייד כּלפּי העברעיִש און ׳אירע דינער׳, דערמאָנט ׳די טעג פון טעריטאָריאַליזם עליו השלום׳. די ציוניסטיש סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג איז בײַגעשטאַנען דעם טעריטאָריאַליזם און זי וועט אויך בײַשטיין דעם ׳שפּראַכלעכן אוגאַנדיזם׳. ב) העברעיִש פאַרנעמט אַן אויסשליסיק אָרט אין דער ייִדישער געשיכטע. ׳די געשיכטע... האָט איינמאָליק באַשאַנקען אונדזער פאָלק מיט ארץ־ישׂראל און העברעיִש. דאָס פאָלק וועט פולשטענדיק אויפלעבן [ווען עס וועט] באַנײַען זײַן לעבן אין זײַן לאַנד און אין זײַן לשון׳. וואַלדשטיין האָט פון זײַן זײַט באַמערקט אַז די נאַציאָנאַלע צווייִקייט, אַ פועל־יוצא פון די שווערע באַדינגען אין גלות, ברענגט דערצו מען זאָל פאַרבינדן דעם עבר און די צוקונפט פון פאָלק [מיט דער הילף] פון דער גלותדיקער איצטיקייט — ייִדיש. בעת ייִדיש איז אַן איבערגאַנג־שפּראַך... האָבן מיר, די ארץ־ישׂראלדיקע, אָפּגעריסן דעם פאָדעם פון איצטיקייט... וואָס האָט זיך אַרײַנגעפלאָכטן אין גלות און דערמאָנט דאָס גלות־לעבן און זײַן אונטערטעניקייט׳. ג) אין ארץ־ישׂראל איז ניטאָ קיין שפּראַכן־פראַגע. כּצנעלסאָן האַלט אַז עס איז נאָר פאַראַן אַ פּראַקטישע פראַגע: ׳ווי אַזוי צו פאַרשנעלערן דעם אויפלעב פון העברעיִש בײַם גאַנצן פאָלק׳.

צו באַמערקן אַז כּצנעלסאָן האָט געזוען אינעם צענז אַ מיטל כּדי צו צעשטערן, אין פאָרויס, די כּוונה פון די וואָס רעדן ניט קיין העברעיִש, צו ׳אָבסטרויִרן און פאָדערן אַן אַנדער שפּראַך׳.[69]

פון דעם אַלעם איז קלאָר אַז מען האָט דעם קריזיס פון די לעגיאָנערן פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט דער שפּראַכן־פראַגע. פועלי־ציון אין אַמעריקע האָט באַשלאָסן אויפצושטעלן אַ קאָמיסיע פון דרײַ מענטשן

וואָס זאָל פאַרשן דעם מעמד פון ייִדיש אין ארץ־ישׂראל. אין איר באַריכט — געדרוקט דעם 6סטן יוני 1919 — האָט די קאָמיסיע טאַקע צונויפגעבונדן ייִדיש מיטן מצב פון די לעגיאָנערן אין לאַנד. אָנשפּאַרנ־דיק זיך אויף בריוו דערהאַלטן פון א״י, האָט די קאָמיסיע געדרונגען, אַז אָנשטאָט צו זאָרגן פאַר די לעגיאָנערן, פאַרנעמט מען זיך אין א״י, מיט צוויי אָפּגעטער: העברעיִש און קולטור. דער באַריכט חזרט איבער די טענה אַז רודפן ייִדיש איז אַ סכנה פאַר דער צוקונפט פונעם יישוב. עס איז געווונטשן אַז בײַם אַרויסשיקן געלט קיין א״י, זאָל מען קלאָר מאַכן אַז מען דאַרף זיך רעכענען מיטן פּילאַדעלפיער באַשלוס (אויבן, ז׳ 32).

צו באַמערקן אַז סײַ דער באַריכט, סײַ דער אויפרוף (אויבן, ז׳ 45), האָבן זיך געשטיצט אויף בריוו. בריוו זענען געווען דער עיקר־מיטל אויף צו פירן די פּאָלעמיק צווישן אחדות־העבודה און די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון. דעם 13טן יוני 1919 האָט אידישער קעמפער געדרוקט נאָך בריוו איבערן מצב פון ייִדיש אין ארץ־ישׂראל. קויש (זען אויבן, ז׳ 41), האָט זיך באַקלאָגט אַז אין א״י אונטערדריקט מען ייִדיש אויף אַ ׳פּוילישן אופן׳. וואַלדשטיין האָט געלייקנט אַז מען ענטפערט ניט אויף ייִדיש די לעגיאָנערן וואָס קענען ניט קיין העברעיִש. אין אַ דריטן בריוו שרײַבן אַמעריקאַנער לעגיאָנערן אַז די באַשולדיקונגען אין שײַכות מיט ייִדיש אין ארץ־ישׂראל זענען שווא־שקר. דער דאָזיקער שאַרפער דאָקומענט באַטאָנט — אָנרירנדיק דירעקט די שפּראַכן־פראַגע — אַז אָפּאָרטוניסטישע לעגיאָנערן זענען געפאָרן קיין ארץ־ישׂראל בלויז כדי זיך אַרויסצודרייען פון אַ שווערערן פראָנט. צו באַמערקן, אַז די דאָזיקע באַשולדיקונג איז געווען ניט יושרדיק.[70]

אין ראָם פון דער ׳עפּיסטאָלאַרער פּאָלעמיק׳ האָט אידישער קעמפער אָפּגעדרוקט דעם 18טן יולי 1919, אויף דער ערשטער זײַט, אַ בריוו פון יצחק בן־צבי, וואָס לייקנט אָפּ אַז עס איז פאַראַן אַ באָיקאָט אויף ייִדיש־ביכער און צײַטונגען וואָס מען שיקט קיין ארץ־ישׂראל. עס איז פונקט פאַרקערט. דער דאָזיקער מאַטעריאַל איז זייער וויכטיק. עס איז אויך ניט אמת אַז מען האָט דיסקרימינירט ייִדיש־רעדנדיקע לעגיאָנערן בײַם פאַרטיילן אַרבעט.[71] צווישן אויגוסט און אָקטאָבער 1919 האָט אידישער קעמפער געדרוקט בריוו און אַרטיקלען וואָס האָבן געפאָדערט אָפּשאַפן דעם פּילאַדעלפיער באַשלוס. זיי האָבן אַרגומענטירט אַז די

שפּראַכן־פּראַגע איז טפלדיק און קען צעשטערן די גאַנצקייט פון דער פּאַרטיי.

נאָך אַ באַראַטונג פון צענטראַל־קאָמיטעט (סעפּטעמבער 1919), האָט דער אַלגעמיינער סעקרעטאַר, חיים פיינמאַן, דערקלערט אַז עס איז לטובת דער פּאַרטיי וואָס די באַראַטונג איז ניט אויסגעפאַלן אין מיי אָדער יוני. וואָלט זי געהאַט פאַרגעקומען דעמאָלט, וואָלט די שפּראַכן־פּראַגע געהאַט אויפגעברויזט די געמיטער. איצט ווייזט זיך אַרויס, אַז די טענות אַז אין ארץ־ישׂראל אונטערדריקט מען ייִדיש, זענען געווען איבערגעטריבן. היות ווי אַלע פּועלי־ציוניסטן אין אַמעריקע זענען קעגן רודפן ייִדיש אין א״י, מיינט עס, פּאַקטיש, אַז די פּראַגע איז אַראָפּ פון סדר־היום.[72] מ. קאַנטאָראָוויטש, פונעם לינקן פליגל אין דער פּאַרטיי, איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דאָ רעדט זיך ניט וועגן אַ וויכּוח איבער העברעיִש און ייִדיש. עס רעדט זיך דאָ וועגן באַזונדערע באַנעמען פון סאָציאַליזם און ציוניזם. דער לינקער פליגל לייגט דעם טראָפּ אויפן סאָציאַליזם און פאָדערט מען זאָל זיין אַקטיוו אויף דעם געביט, אומעטום ווו עס זענען פאַראַן ייִדישע אַרבעטער. דער רעכטער פליגל, פאַרקערט, קאָנצענטרירט זיך אַרום דעם סאָציאַ־ליזם אין א״י.[73]

אין יענער צייט (24סטן סעפּטעמבער — 5טן אָקטאָבער 1919) האָט דער אַלוועלטלעכער פאַרבאַנד פּועלי־ציון אָפּגעהאַלטן אין שטאָקהאָלם זיין דריטע באַראַטונג. אויף דער באַראַטונג, וואָס איז געווען געווידמעט א״י, האָבן זיך צונויפגעטראָפן, דאָס ערשטע מאָל זינטן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, דעלעגאַציעס פון א״י, אוקראַיִנע, אַמעריקע, דייטשלאַנד און פּוילן. ביים צוזאַמענטרעף האָט זיך די דיסקוסיע מכּוח ייִדיש אין ארץ־ישׂראל פאַרברייטערט. אַחוץ דעם, האָט מען דאָרטן אויך אַרומגערעדט דעם פּאָליטישן מהות פון אחדות־העבודה.

גלייך נאָכן אָנהייב פון דער באַראַטונג האָט בערל כּצנעלסאָן גע־שריבן צו זיינע קאָלעגעס אין לאַנד, אַז די ׳פּוילישע׳ זענען שטאַרק אין כּעס אויף אחדות־העבודה. די ערשטע סיבּה דערפון, דערקלערט כּצנעלסאָן, איז ׳די רדיפות אויף ייִדיש און די וואַלן־גזירה׳...[74]

נחום ניר שרייבט אין זיינע זכרונות, אַז די הויפּטפראַגע ביי דער באַראַטונג איז געווען קלאָר צו מאַכן דעם סטאַטוס פון אחדות־העבודה אינעם פאַרבאַנד. ער גיט צו, אַז די פּלאַטפאָרמע פון אחדות־העבודה

האָט ניט דיַיטלעך באַשטעטיקט 'די ראָלע פון דעם קלאַסנקאַמף'.

נירס זכרונות קלערן אויף פאַר וואָס דער צענז האָט אויפגעבראַכט די אויסלענדישע פּועלי־ציון־פּאַרטייען. מ'דאַרף געדענקען אַז דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פאַר קולטורעלער, נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער אויטאָנאָמיע פון מיעוטים, אײַנגעפונדעוועטע אין לענדער וואָס זייערע פּאָליטישע גרענעצן זענען באַשטימט געוואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין פּוילן איז דאָס קענען פּויליש געווען אַ תּנאַי פאַר שטימרעכט. היות ווי מען האָט געזען אין אָט אָ דעם תּנאַי אַ שיקאַנע קעגן ייִדן, האָט זיך דער צענז אַרויסגעוויזן ווי אַ תּנאַ דמסייע קעגן קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער ייִדישער אויטאָנאָמיע אין מזרח־אייראָפּע.[75]

אין שייַכות מיט דעם איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז ווען מען האָט זיך דערוווּסט אין אַמעריקע וועגן צענז, האָט מען אין ניו־יאָרק באַטראַכט צו פאַרווערן דאָס באַניצן פרעמדע שפּראַכן.[76] דער מגע־ומשא אַרום דעם צענז און די פּשרה וואָס מען האָט דערגרייכט, כאַראַקטעריזירן דעם אופן ווי אַזוי אחדות־העבודה האָט זיך דערשלאָגן צו דער פּירערשאַפט פון דער באַוועגונג. די דעלעגאַציע פון אחדות־העבודה האָט זיך געהאַלטן, סיַי שטרענג, סיַי מאָסיק. איר הויפּט־עובדא איז געווען מען זאָל אייַנשטימיק אָננעמען אחדות־העבודה אינעם פאַרבאַנד. פון איר זייַט, איז די דעלעגאַציע געווען גרייט צו אָנאַרקענען אַז דער צענז איז אַ טעות. אויף דעם סמך טאָקע, האָט מען אײַנגעשלאָסן אחדות־העבודה אינעם פאַרבאַנד. ניר, וואָס האָט וועגן דעם געדאַרפט אָנטשיידן, האָט געשטעלט פאַר אַ תּנאַי, אַז צו די באַשלוסן זאָל מען צוגעבן צוויי דערקלערונגען.[77] די פּוילישע פּועלי־ציוניסטן האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז די וועלט־קאָנפערענץ דאַרף באַשטעטיקן אַז מען נעמט אחדות־העבודה אַריין אין פאַרבאַנד. די דעלעגאַציע פון אחדות־העבודה האָט זיך מודה געווען אַז דער צענז איז אַ טעות. דער עיקר אין איר דערקלערונג איז געווען אַז 'אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך, העברעיִש, ווערט אין ארץ־ישׂראל דאָס לשון פון לעבן'.

די פאַרטרעטערס פון אחדות־העבודה האָבן געשפּירט אַז זייער אַרויסזאָג וועגן צענז וועט אויפהייבן אַ טומל אין ארץ־ישׂראל. עס איז קיין חידוש ניט, אַז פאַר איינס מיטן באַריכט אין קונטרס וועגן דער באַראַטונג, איז געווען געדרוקט אַ מסירת־מודעה, וואָס האָט באַטאָנט אַז די דעלעגאַציע האָט געבראַכט קיין אויסלאַנד אַ טאָפּלטע בשׂורה:

א) דאָס אויפלעבן העברעיִש איז אַן 'אינטעגראַלער טייל פונעם סאָציאַ־ליסטישן ציוניזם'. ב) דער ייִדישער אַרבעטער [אין א"י] איז גרייט צו פאַרטיידיקן און דינען... די העברעיִשע אַרבעטער־קולטור ביז מסירת־נפש'. אַנשטאָט דעם נעגאַטיוון און באַליידיקנדיקן נוסח פונעם צענז, וואָלט מען געהאַט געדאַרפט באַשטעטיקן 'אַז די שפּראַך פון דעם ייִדישן פּאַרלאַמענט קען זײַן און וועט זײַן נאָר העברעיִש'.[78]

די דאָזיקע מסירת־מודעה האָט ניט אויסגעמיטן מען זאָל קריטיקירן די דעלעגאַציע פאַר איר 'וותּרנות'. א. מ. קאָלער האָט געשריבן, אַז די דעלעגאַציע האָט זיך אונטערגעגעבן די מאַסן וואָס באַקעמפן העברעיִש און זענען אירע אָפענע קעגנערס. קאָלערס מסקנות זענען געווען ניט אַנדערש ווי טווערסקיס (אויבן, זז' 37—38). דער באַמערק פון ל', אַז דער צענז איז געווען געווענדט קעגן 'לינקע עלעמענטן', אילוסטרירט צוויי ווײַזגעבונגען: א) דאָס אידענטפיציִרן די ייִדישיסטן מיטן לינקן פליגל פון פּועלי־ציון. ב) כמעט אַלע בעלי־פּלוגתּא האָבן אַליין ניט געוווּסט ווען און ווי אַזוי מען האָט דעם צענז באַשטימט.[79]

בלי־ספק, האָט ל. מיט 'לינקע עלעמענטן' געמיינט די מפּ"ס־פּאַרטיי (מפלגת פּועלים סוציאַליסטיים־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי. וועגן מפּ"ס זען ווײַטער, זז' 53, 56—60, 65—67).

צו באַמערקן אַז דעם צענז האָט מען בשטעטיקט צוויי חדשים פאַר דעם ווי די ראַדיקאַלע חברים פון פּועלי־ציון, וואָס זענען געווען קעגן פּאַרלייגן אחדות־העבודה, האָבן אָנגעהויבן זיך צו אָרגאַניזירן. צו גלײַך דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז דער צענז האָט אויך אָנגערירט די אָרטאָ־דאָקסישע קרײַזן אין לאַנד.

אויך יוסף אַהרנאָוויטש (אויבן, זז' 18—22), איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפן עדיטאָריאַל קעגן דער דעלעגאַציע. אָנהייב 1920 האָט אַהרנאָ־וויטש ווידער שטאַרק קריטיקירט אחדות־העבודה פאַר איר וותּרנות כּלפּי ייִדיש. דאָס איז געשען בעת אַ פאַרש־קאָמיסיע פון פּועלי־ציון איז געקומען צו גאַסט אין לאַנד.[80] אויף אַהרנאָוויטשעס אָנגריף האָבן רעאַ־גירט ח. קאַמענעצקי, א. מ. קאָלער און ש. יבנאלי. קאַמענעצקי האָט, צווישן אַנדערן, פאַרגעוואָרפן אַהרנאָוויטשן און זײַנע קאָלעגעס אַז זייער אײַנשטעל צו פרעמדע לשונות און צו ייִדיש איז טאָפּל־פּנימדיק. אַהרנאָוויטש און זײַנע קאָלעגעס באַזוכן רעפעראַטן אויף פרעמדע

לשונות און נעמען אַן אַ פול מויל מיט וואַסער. ווען עס האַנדלט זיך וועגן ייִדיש, טרעט מען אַרויס מיט אַ שאַרפער קריטיק.[81]

א. מ. קאָלער האָט אַצינד געשריבן פּונקט דעם היפּוך צו דעם וואָס ער האָט אָנגעשריבן מיט דריַי חדשים פריִער (אויבן, ז׳ 51). ייִדיש קען ניט שעדיקן דעם פעסטן מעמד פון העברעיִש אין לאַנד. ניט קיין באַיקאָט און ניט דאָס ׳פאַרשטאָפּן די מיַילער׳, נאָר ׳ליבע און רחמנות׳ זענען דער גאַנג אין ׳אונדזער מלחמה פאַר איינעם פון די עיקרים אין אונדזער אויפלעב־העברעיִש׳.

ענלעכע געדאַנקען, אין אַן אַנדער נוסח, האָט אַרויסגעבראַכט ש. יבנאלי. ער האָט פּראָטעסטירט קעגן אַ צירקולאַר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער צירקולאַר, פון אב תרע״ט, האָט באַשטימט, צווישן אַנדערן, אַז ׳דער מאַראַלישער זכות עולה צו זיַין קיין ארץ־ישראל איז אין פאַרויס באַדינגט פון אויסלערנען זיך רעדן העברעיִש׳. די וועלט־אָרגאַניזאַציע פון הפּועל־הצעיר און צעירי־ציון האָט געפאָדערט, אַז פון דער בכורה עולה צו זיַין קיין א״י, זאָל געניסן ווער עס קען העברעיִש. לויט יבנאלי מיינט אַזאַ פאַרלאַנג אַראָפּנידערן העברעיִש צו אַ ׳מקח־מדרגה׳. עס מאַכט ניט אויס צי דאָ רעדט זיך פון אויסמיַידן אַן אינעווייניקסטן קאַמף צווישן העברעיִש און ייִדיש אין ארץ־ישראל, אָדער וועגן אַ ׳קליינלעכן פּאָליטישן מיין׳.[82]

דער אונטערשייד צווישן די אויבן דערמאָנטע ציטאַטן און כצנעל־סאָנס און וואַלדשטיינס אַרויסטרעטן (אויבן, ז׳ 48). וואַרפט זיך אין די אויגן.. פון דעססט וועגן דאַרף מען אין דעם ניט זען קיין מהותדיקן בײַט אין אחדות־העבודהס שטעלונג צו דער שפּראַכן־פראַגע אין לאַנד. דאָ רעדט זיך וועגן אַ טאַקטישן בײַט. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז אחדות־העבודה האָט געוואָלט אויסמיַידן איבעריקע וויכוחים מיט אירע קאָלעגעס אין אויסלאַנד. אַזעלכע וויכוחים האָבן געקענט פאַרשאַרפן די סיַי־ווי־סיַי אָנגעשפּאַנטע באַציִונגען מיט זיי. מען דאַרף געדענקען, אַז אין יענער צײַט האָט געזאָלט פאָרקומען די וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון, וואָס האָט געזאָלט אָננעמען אחדות־העבודה אינעם וועלט־פאַרבאַנד. דער טאַקטישער בײַט אינעם ׳ריב לשונות׳, האָט ניט געביטן אויף אַ האָר דעם פּרינציפּיעלן באַנעם פון דער פּאַרטיי. אחדות־העבודה האָט ווײַטער געהאַלטן פונעם אויסשליסיקן סטאַטוס פון העברעיִש אין לאַנד. אַנשטאָט צו פאַרטיידיקן דעם שפּראַכצענז האָט די פּאַרטיי אַצינד

געפריידיקט אײַנוואָרצלען העברעיִש אין לאַנד 'מיט ליבשאַפט'. אָבער ניט נאָר אין די באַציוּנגען מיט די אויסלענדישע פּאַרטייען, דאַרף מען זוכן די סיבה פון אחדות־העבודהס פּירונג. עס וואַרפט זיך אין די אויגן דאָס וועלן אָפּשיידן זיך פון הפועל־הצעירס שטרענגן גאַנג, אין אַ צײַט ווען דער אָנקום פון טויזנטער ייִדיש־רעדנדיקע עולים האָט זיך אויסגעוויזן אַט־אָטיק.

דערצו דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז דעמאָלט איז אין לאַנד געווען אַקטיוו נאָך אַ פּאָליטישער גורם, וואָס האָט קריטיקירט דעם אײַנשטעל פון אחדות־העבודה צו ייִדיש. עס רעדט זיך וועגן מפּ"ס (אויבן, ז' 51). דער געביטענער טאָן פון אחדות־העבודה אין דער שפּראַכן־פראַגע, האָט אויך געזאָלט צעשטערן די פּרוּוון פון מפּ"ס צוצוציִען, דורך ייִדיש, אַ טייל פּאָטענציעלע מיטגלידער פון אחדות־העבודה.

זיך מערקן אַז די פּאָלעמיק מיט די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון איז ווײַטער אָנגעגאַנגען נאָכן שטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר. אין איינעם מיט בריוו וואָס האָבן בלויז איבערגעחזרט פריערדיקע אַרגומענטן,[83] זענען אַצינד פאַראַן בריוו וואָס אילוסטרירן געוויסע אַרויסזאָגן פון די דיס־פּוטאַנטן. דער לעגיאָנער פּריזאַנט, באַמערקנדיק אַז זײַנע קאָלעגעס האַלטן אים פאַר אַ העברעיִסט, דערקלערט אַז ניט די פּראָפּאַגאַנדע פון די ייִדישיס־טישע לעגיאָנערן האָט אַרויסגערופן די ייִדיש־פראַגע אין ארץ־ישׂראל. די ערשטע וואָך נאָך דעם ווי ער איז אָנגעקומען אין לאַנד, איז הפּועל־הצעיר אַרויס מיט אַ צירקולאַר צו אירע חברים, פּײַן אויפצונעמען די 'אידיעאַליסטישע לעגיאָנערן' און רעדן צו זיי 'נאָר העברעיִש'.[84]

די ייִדישיסטן בייטיקן זיך ניט צו פאַרשפּרייטן ייִדיש אין ארץ־ישׂראל. יעדער איינער קען דאָרטן ייִדיש. ניט געקוקט אויף דעם, האַלטן ניט די ארץ־ישׂראל־ייִדן אַז ייִדיש איז 'אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך'. זייער ווונטש איז אויפצולעבן העברעיִש. די לעגיאָנערן קערן זיך אום קיין אַמעריקע, ניט מחמת מען רודפט ייִדיש, נאָר מחמת דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע וואָס הערשט אין ארץ־ישׂראל.

אין שײַכות מיטן דין־וחשבון פון דער 'דרײַ־קאָמיסיע' (אויבן ז' 49), האָבן רעאַגירס, גאָר שאַרף, דוד בן־גוריון און זעקס און נײַנציק לעגיאָנערן.

בן־גוריון שרײַבט אַז די קעגנערשאַפט צו אחדות־העבודה מצד אַ טייל חברים אין אַמעריקע, שטאַמט פון זייער שׂינאה צו העברעיִש.

בנוגע דער עצה מען זאָל ניט שטיצן די וואָס רודפן ייִדיש אין א״י, באַטאָנט בן־גוריון אַז זיינע קאָלעגעס וועלן זיך ניט פאַרקויפן פאַר געלט און ניט אָננעמען קיין דיקטאַטן ווי אַזוי זיך צו באַניצן מיט די געלטער וואָס מען שיקט קיין א״י.[85]

אין אַן אָפענעם בריוו צו דער רעדאַקציע, וואַרפן אָפּ זעקס און ניינציק לעגיאָנערן, ׳די נאַרישע בלבולים׳ וואָס מען פאַרשפּרייט, סיסטע־מאַטיש און ׳אָן געוויסן׳, אַז מען רודפט לעגיאָנערן, ווייל זיי זענען ייִדישיס־טן. די רעדאַקציע אידישער קעמפּפער האָט געדרוקט די געציילטע בריוו וועגן רדיפות און איגנאָרירט הונדערטער בריוו וואָס האָבן דאָס אָפּ־געלייקנט. די ׳דריי־קאָמיסיע׳ איז געווען אַנאָנים. אירע מיטגלידער זענען ייִדישיסטן וואָס האָבן אָנגעקלאָפּט אין די פּושקעס לטובת אַ ייִדיש־סביבה אין ארץ־ישׂראל. נאָך אַן אָנצוהערעניש אַז די געלטער וואָס מען זאַמלט אין אַמעריקע פאַר ייִדיש אין א״י דערגרייכן ניט זייער ציל, חזרן איבער די זעקס און ניינציק לעגיאָנערן כּצנעלסאָנס און וואָלד שטיינס אַרגומענטן. (אויבן, ז׳ 48).

די רעדאַקציע אידישער קעמפּפער האָט באַמערקט, אַז זי וועט ניט נאָכגיין דעם סטיל פון די זעקס און ניינציק לעגיאָנערן. זי ברענגט ביישפּילן כּדי צו באַווייזן אַז זי ווייזט ניט אַרויס קיין פּראָטעקציע צו די ייִדישיסטן. די ׳דרייקאָמיסיע׳ האָט געמעגט דרינגען מסקנות. עס איז ניט יושרדיק צו פאַרטייען אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט ניט אָנגענומען די פאַרלייגן פון דער קאָמיסיע. די פילאַדעלפיער שפּראַך־רעזאָלוציע איז געווען אַ פּרינציפּיעלער באַשלוס און ניט קיין גערנוויליקער זשעסט צו די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, וואָס האָבן זיך מיט אַ קורצער צייט צוריק געהאַט אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי.[86]

נאָכן בריוו פון די זעקס און ניינציק לעגיאָנערן, גייט דער וויכוח אונטער. די אָנהענגערס פון אחדות־העבודה אין אַמעריקע האָבן געקראָגן די אייבערהאַנט איבער דער פּאַרטיי. זיי האָבן געהאַלטן די פראַגע העברעיִש־ייִדיש פאַר אַן אינערלעכן ענין פונעם יישוב. אַזוי האָבן זיך אויסגעדריקט נחמן סירקין און פּ. גינגאָלד, וואָס האָט, פעברואַר 1920, זיך אומגעקערט פון ארץ־ישׂראל. גינגאָלד האָט געשריבן, אַז די מנהיגים פון אחדות־העבודה האַלטן אַז נאָר אין א״י איז דאָ אַן אָרט פאַר אַ קאַמף צווישן העברעיִש און ייִדיש. אין גלות שפּילט ייִדיש אַ לעבעדיקע און שעפערישע ראָלע.[87]

צו באַמערקן אַז דער לינקער פליגל פון פועלי־ציון אין אַמעריקע איז געווען קעגן אָנאַרקענען אחדות־העבודה ווי דער המשך פון דער פועלי־ציון־פּאַרטיי אין ארץ־ישראל. דער לינקער פליגל האָט אָנגעגריפּט אחדות־העבודה אין אַ ריי אָפּאָזיציע־צײַטשריפטן. די אַרגומענטן זענען געווען אידענטיש צו די טענות וואָס מען האָט אַרויסגעבראַכט בעתן צוזאַמענפאָר אין שטאָקהאָלם.[88] אין שײַכות מיטן בריוו פון די זעקס און נײַנציק לעגיאָנערן, האָט נ. קויש (אויבן, ז' 41) שטאַרק קריטיקירט בן־גוריונען. קויש גיט איבער אַז בײַ אַ רעפעראַט פאַר לעגיאָנערן, האָט מען בן־גוריונען געשטעלט אַ פראַגע וועגן די רעכט און דעם סטאַטוס פון די אַראַבער אין לאַנד. ענטפערנדיק אויף דעם, האָט בן־גוריון באַמערקט אַז ער איז גרייט מסכּים צו זײַן מיטן פאַרלאַנג פון די ייִדישיסטן צו באַקומען אַן אָפיציעלן מעמד אין ארץ־ישראל. בן־גוריון האָט געשטעלט ווי אַ תּנאַי, די ייִדישיסטן זאָלן זיך דערקלערן פאַר אַ באַזונדער פאָלק. דערצו האָט בן־גוריון געפירט די לעגיאָנערן פאָרן נאָז. ער האָט זיי איבערצײַגט ניט אָנטייל צו נעמען אין דער קאָנסטיטואַנטע. לסוף האָט ער דאָרטן געשטיצט דעם שפּראַכצענז.[89]

דאָס פאָרמאַלע אחדות אין דער אַמעריקאַנער פועלי־ציון־פּאַרטיי האָט אָנגעהאַלטן ביז דער פּיטסבורגער קאָנפערענץ (26סטן יוני — 3טן יולי 1920). דעמאָלט האָט מען באַשלאָסן ניט צו דערלויבן פראַקציעס אין דער פּאַרטיי. וועגן דער שפּראַכן־פראַגע אין ארץ־ישראל, האָט מען געמאַכט אַ פּשרה. מען האָט באַשלאָסן אַז דאָס ייִדישע פאָלק מוז האָבן איין נאַציאָנאַלע שפּראַך, נאָר מחמת חילוקי־דעות האָט די קאָנפערענץ ניט באַשטימט וועלכע ס'איז די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך בײַ ייִדן. די שפּראַכן־פראַגע אין א״י וועט זיך לייזן מיטן אַנטוויקלען דאָס נאַציאָנאַלע לעבן און מיטן אויספאָרמירן סאָציאַליסטישע כּוחות אין לאַנד. אינעם אויטאָנאָמען לעבן פונעם יישוב וועלן ביידע שפּראַכן זײַן גלײַכבאַרעכטיקט. די שפּראַכן־פראַגע מוז מען מכריע זײַן אויף אַ קולטורעלן אופן. חיים זשיטלאָווסקי האָט אונטערגעשטיצט די פּשרה־רעזאָלוציע, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן מיט 32 שטימען קעגן 15. אויף ווי ווײַט דאָס איז געווען אַ צײַטווײַליקע פּשרה, דערווײַזט זשיטלאָווסקיס אַרויסזאָג בעתן פאַרטיידיקן די רעזאָלוציע: אויב ארץ־ישראל וועט זײַן העברעיִש, וועלן מיר זי אָפּוואַרפן.[90]

די דאָזיקע פּשרה און דאָס דערווײַטערן דעם לינקן פליגל פון דער

פּאַרטיי, דערקלערן פאַר וואָס אין משך פון אַ האַלב יאָר האָט די צײַט, אָרגאַן פון פּועלי־ציון אין אַמעריקע, דערמאָנט די שפּראַכן־פראַגע אין ארץ־ישׂראל צוויי מאָל. איין מאָל האָט דאָס געטאָן, אומדירעקט, נחמן סירקין און דאָס צווייטע מאָל, בפירוש, יצחק זאַר.[91] זאַר האָט פאַרטראַטן די פּאַרטיי אויף דער ווינער קאָנפערענץ, וווּ די באַוועגונג האָט זיך צעשפּאָלטן אויף לינקס און רעכטס. זאַר האָט געוואָלט דערווײַזן, ניט בלויז אַז דער יידישיזם און דער לינקער פליגל זענען היינו־הך, נאָר אויך אַז דער יידישיזם איז אַ 'אידעע־פיקס' פון עטלעכע אינטעליגענטן אין אַמעריקע. די לינקע עלעמענטן אין דער אַמעריקאַנער פּועלי־ציון־פּאַרטיי האָבן געהאַלטן מיט מפ״ס, ווײַל אחדות־העבודה 'רודפט יידיש' און איז ניט סאָציאַליסטיש. צום סוף, נאָך דער שפּאַלטונג אין ווין, האָט דער לינקער פאַרבאַנד פון פּועלי־ציון ניט אָנגענומען מפ״ס און בכלל ניט באַהאַנדלט די פראַגע פון יידיש אין ארץ־ישׂראל.[92]

היות ווי מפ״ס ווערט דערמאָנט אַ סך מאָל אין לויף פון דער פּאָלעמיק (אויבן, ז׳ 51), דאַרף מען פּרווון קלאָר מאַכן איר אײַנשטעל צו דער שפּראַכן־פראַגע אין לאַנד.

עס איז אָנגענומען אַז מפ״ס איז דער אָנהייב פון דער קאָמוניסטי־שער באַוועגונג אין לאַנד. דאָס וואָרט מפ״ס — אַרויסגערעדט מאָפּס מחמת ביטול — איז געוואָרן אַ סינאָנים פאַר קאָמוניסט.

ווען אין פעברואַר 1920 האָט מען זיך דערוווּסט אין אַמעריקע אַז מען האָט פאַרלייגט מפ״ס, האָט מען דעם ענין פאַרבונדן מיטן יידישיזם.[93] אַזוי ווי די דאָזיקע מיינונג איז פאַרשפּרייט ביז הײַנט צו טאָג, מוז מען זי באַטראַכטן אויפן סמך פון אַ שטרענגן כראָנאָלאָגישן סדר. דאָס פאָדערט זיך, ווײַל אין יענער טומלדיקער תּקופה זענען פאַר־געקומען, אין גאָר קורצע צײַט־אָפּשניטן, גוואַלדיקע שינויים אין די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען, הן אין לאַנד, הן אין אויסלאַנד.

מפ״ס, מפלגת הפועלים הסוציאליסטים בא״י, (פּועלי־ציון), (סאָ־ציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי אין א״י, [פּועלי־ציון]), איז פאַרלייגט געוואָרן, סוף סוכּות תר״ף (15טן—17טן אָקטאָבער 1919).

י. סלוצקי איז דער ערשטער פאָרשער וואָס האָט געפּרוּווט זיך דערגרונטעווען צום אָנהייב פון דער פּאַרטיי. סלוצקי האַלט, אַז דער ערשטער יסוד פון מפ״ס איז געווען 'דער יידישיזם'. ער שפּאַרט אָן זײַן אויספיר אויפן בריוו פונעם אַמעריקאַנער לעגיאָנער אַ. אַראָנאָוו.[94]

די דערמאָנטע דאָקומענטן וועגן דער לעצטער קאָנפערענץ פון פועלי־ציון אין לאַנד (הערות 59—63), באַווייזן אַז מען האָט דאָרטן אויפגעהויבן די ייִדיש־פראַגע ווי אַ בייזאַך. די עיקר־פראַגע איז דעמאָלט געווען, דער סאָציאַליסטישער מהות פון דער געפּלאַנטער פּאַרטיי. אָראַנאָוו זאָגט דאָס אַרויס בפירוש: ׳מיר זײַנען אויסגעשפּראָכענע קעגנער צו דער אחדות־העבודה, סײַ אַלס ייִדישיסטן און נאָך מער אַלס סאָציאַליסטן׳.[95]

סלוצקי האַלט אַז די אַמעריקאַנער לעגיאָנערן זענען געווען די הויפּטטוערס בײַם גרינדן מפ״ס. זיי האָבן געשאַפן ׳אידישע ליטעראַרישע פאַראיינען׳ און אַרויסגעגעבן אַ בראַשור, **דאָס אידישע אַרבייטער וואָרט**. לויט סלוצקין, נאָר אין דער פראַגע פון ייִדיש אין ארץ־ישׂראל איז דאָס געווען אַן אָפּאָזיציע־בראַשור. והא ראיה, דער וואָרעמער אָפּרוף אין דער כראָניק, איבערן עטאַבלירן אחדות־העבודה.[96]

היות ווי די מאַטעריאַלן וועגן אָנהייב מפ״ס זענען ווינציק ביז גאָר, קען טאַקע די דאָזיקע בראָשור העלפן באַלײַכטן אָט אָ דעם ענין. די בראָשור איז ניט אײנהייטלעך. פון איין זײַט זײַנען פאַראַן אַ התלהבות־דיקער ציוניסטישער אַרטיקל פון א. שומרוני און אַ ייִדישיסטישער מאמר פון א. הגלילי, וואָס באַרירט ניט קיין פּאָליטישע פראַגעס. פון דער צווייטער זײַט, איז פאַראַן מאַטעריאַל וואָס שפּאַרט אָן דעם אויספיר אַז מפ״ס האָט זיך אָרגאַניזירט, דער עיקרשט צוליב אידעאָלאָגישע, ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישע טעמים. דער הויפּטאַרטיקל אין **דאָס אידישע אַרבייטער וואָרט** מאַכט דעם אײַנדרוק אַז דאָס איז דער שריפטלעכער נוסח פון אַ רעדע. דאָס רוב רעדע־מאמר[97] באַהאַנדלט דעם נעגאַטיוון אײַנשטעל צו ייִדיש אין א״י. אַזאַ אײַנשטעל איז גורם געווען, עס זאָל זיך ניט שאַפן קיין פרוכפּערדיקע, קעגנזײַטיקע השפּעה צווישן דעם פאָלק און דער אינטעליגענץ אין לאַנד. די אונטערשטע שורה פונעם מאמר פירט אָבער, מיט גרויסער דיאַלעקטישער פלינקייט, צו אַזאַ שלוס־וואָרט: אונדזער לעצטער ציל איז די פרײַע, ליכטיקע, סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, צו וועלכער עס וועלן מאַרשירן, זיכער און אין גיכן, די פּראָלעטאַריער פון ארץ־ישׂראל צוזאַמען מיט דעם אַרבעטערקלאַס פון דער גאַנצער וועלט. אויף זײַט 31 גיט איבער, ווער עס האָט אונטערגעשריבן מיטן פסעוודאָנים א. היגער, אַז אין יפו האָט מען געעפנט אַ ׳אידיש ליטעראַרישער אַרבייטער־קלוב׳. א. היגער באַטאָנט די שׂינאה

צו ייִדיש אין לאַנד און זאָגט צו אַז אין קלוב וועלן זיַין ביכער און ציַיטונגען אין ייִדיש און מען וועט דאָרטן זינגען פאָלקסלידער אין ייִדיש. די אונטערשטע שורה אין דער גאַנציץ איז געווען אַז עס פאָדערט זיך אין ארץ־ישׂראל אַ בימה פאַרן סאָציאַליזם, אין ייִדיש. אַזאַ בימה וועט דערמעגלעכן צו פירן אַרומנעמיקע פּראָפּאַגאַנדע צווישן ייִדן.

איַיזמאַן, אַ חבר אין צענטראַל־קאָמיטעט פון מפ״ס, זאָגט עדות, אין 1920, אַז אין אָנהייב האָבן די 'אידישע ליטעראַרישע פאַראיינען' און די גרופּעס וואָס האָבן זיך ניט איַינגעשלאָסן אין אחדות־העבודה, ניט געקענט דורכקומען צווישן זיך.

ביַי יענע גרופּעס האָט זיך נאָך ניט געהאַט קריסטאַליזירט דער 'לינקער געדאַנק'. יענע גרופּעס האָבן געהאַט פאַרנעפּלטע אידעען איבער דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס אין ארץ־ישׂראל. זיי האָבן געחלומט איַינצופירן דעם מאָסקווער קאָמוניזם אין יפו, פאַרכאַפּן די געביַידע פון ועד־הצירים און אַנדערע אַבסורדן פון אָט דעם מין. פון זינט מען האָט פאַרלייגט מפ״ס איז מען אַקטיוו מיט רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע צווישן ייִדן און ניט־ייִדן. מען שטיצט דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, מען איז קעגן דעם ציוניסטישן קאָנגרעס און אַנדערע בורזשואַזע אַנשטאַלטן. צו גליַיך, האַלט מפ״ס פון שפּראַכן־פריַיהייט.[98]

די פריִער דערמאָנטע דאָקומענטן באַוויַיזן אַז מפ״ס איז אויפגעקומען מיטן מיין וויַיטער אָנצופירן מיט אַ פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין א״י, ווי אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וואָס שטיצט דעם קלאַסנקאַמף.[99] דער מעמד פון ייִדיש אין לאַנד איז געווען אַ ביַיזאַך צו אָט דעם ראַדיקאַל פּאָליטישן מיין. עס קען געמאָלט זיַין, אַז ביַי אַ טייל חברים פון מפ״ס האָט ייִדיש פאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אידעאָלאָגישן יש. פאַר איינס, אין די ייִדיש־פראַגע געווען אַ מיטל כּדי צוצוציִען נײַע מיטגלידער צו דער פּאַרטיי און כּדי צו באַקומען מאַטעריעלע שטיצע פון אויסלאַנד.[100]

די שפּראַכן־פריַיהייט וואָס איַיזמאַן דערמאָנט, איז דער אויסדרוק וואָס יעקב מאירזאָן האָט באַנוצט אין דער פּראָגראַמאַטישער רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן ביַים פאַרלייגן מפ״ס. אַזוי ווי עס איז אָנגענומען אַז מאירזאָן, די בולטסטע פּערזענלעכקייט אין מפ״ס, איז געווען אַ ייִדישיסט,[101] איז כּדאַי זיך אָפּשטעלן אויף דער דאָזיקער רעדע. דאָס איז איינער פון מאירזאָנס געציילטע דאָקומענטן וואָס האָבן זיך אָפּגעהיט.

לויט מאירזאָן, זענען דער העברעיִזם און דער יידישיזם אַ 'בטלני־שער, בלינדער פאַנאַטיזם'. אין דער שפּראַכן־פראַגע איז פאַראַן, אַי פּראַקטיש, אַי פּאָליטיש, אַ סך 'אַליין־אָפּנאַר'. ביידע צדדים ווייסן גאַנץ ווויל, אַז די וואָרצלען פון די צוויי שפּראַכן שטעקן טיף אינעם 'פּאָלקס־הארץ'. דאָס פּאָלק וועט זיך ניט אָפּזאָגן פון העברעיִש און יידיש, 'ניט פון זייַן פרייַען ווילן און ניט מחמת אַ קאָמאַנדיראָווקע פון דער הייך'. לכל־הפחות בײַ איין יידישן קיבוץ וועט העברעיִש זייַן די 'ערשטע צווישן די גערעדטע שפּראַכן. די אייבערשטע, אָבער ניט די הערשנדיקע אינעם זינען פון רודפן און אונטערדריקן אַנדערע לשונות'. אַזאַ קיבוץ קען זייַן דער יישוב אין ארץ־ישׂראל. העברעיִש האָט אין לאַנד אַ פעסטן באָדן. פון דעסט וועגן דאַרף מען שטיין אויף דער וואַך, ווײַל דער פאַנאַטיזם פון דער אינטעליגענץ, קען פאַרמיאוסן העברעיִש בײַ די 'בויער וואָס וועלן קומען'. פאַרסך־הכּלענדיק זייַן רעדע האָט מאירזאָן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר 'שפּראַכן־פרייַהייט'. 'זאָל קומען דאָס פאָלק און דאָס וואָס איז אים ליב און טייַער, זאָל עס דערווייַזן מיט מעשׂים'.[102]

פאַקטיש האָט די שפּראַכן־פרייַהייט געמיינט אַנאַרקענען אַן עפנטלעכן סטאַטוס פאַר יידיש אין ארץ־ישׂראל, וואָס וואָלט דערמעגלעכט אַנצופירן, אומגעשטערטערהייט, אַן אָפּאָזיציאָנעלער אַקטיווּיטעט קעגן אחדות־העבודה. היות ווי עס איז קלאָר געווען אַז אחדות־העבודה וועט בשום־אופן ניט מסכּים זייַן אויף דעם, איז דער ציל פון דער 'שפּראַכן־פרייַהייט' געווען אַ טאָפּעלער. פון איין זייַט, אַרויסהייבן דעם קעגנאַנאַנד צווישן ביידע פאַרטייען. פון דער צווייטער זייַט, צוציִען הילף פאַר מפ״ס, סײַ אין לאַנד, סײַ אין חוץ־לארץ.

אין אַ בריוו צום לינקן פליגל פון פּועלי־ציון אין אַמעריקע, געשריבן משמעות סוף יאַנואַר, אָנהייב פעברואַר 1920, ווערט דערציילט, אַז די אָפּאָזיציע בײַ דער פּאַרש־קאָמיסיע פון פּועלי־ציון (אויבן, ז' 51), פּרוּווט מאַכן אַ פּשרה צווישן מפ״ס און אחדות־העבודה, אָבער דער [אידעאָלאָגישער] שלום איז נאָך העט ווײַט.

די אונטערשטע שורה אינעם בריוו איז אַ בקשה אויף פינאַנציעלער הילף, כּדי אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל. אַ שליח פון מפ״ס איז אַרויס קיין מצרים כּדי אָפּצוזוכן אַ דרוקערייַ וואָס זאָל אין שטאַנד זייַן צו דרוקן אויף יידיש.[103]

אין אײַזמאַנס בריוו (אויבן, ז' 58) איז פאַראַן אַ 'פּראָגנאָז' וועגן

מפ״ס אַקטיוויטעט. דער דאָזיקער פּראָגנאָז באַגרונטיקט נאָך מער די סברה אַז די ענדערונג אין צוגאַנג פון אחדות־העבודה צו ייִדיש אין ארץ־ישׂראל איז געווען אַ טאַקטישע. איינזמאַן האָט געהאַלטן אַז עס וועט זײַן זייער שווער פאַר מפ״ס צו אַקטיווירן בײַ די ערד־אַרבעטער. פון דער אַנדערער זײַט, זענען די שטאָט־אַרבעטער אַ פּאַרוואָרלאָזטער און לחלוטין איזאָלירטער עלעמענט. קיינער קוקט זיך ניט אײַן אויף זיי. ׳די תּל־אביבער אחדות־העבודה־אינטעליגענץ׳ זאָרגט ניט פאַרן בעל־מלאכה פון נוה שלום, וואָס האָט זיך נאָך ניט אויסגעלערנט ׳די שפּראַך פון די נביאים׳. אַצינד איז אחדות־העבודה גרייט זיך צו ווענדן צו זיי, טאָמער וועלן דאָס טאָן אַנדערע פאַר איר. אַזאַ שריט וועט ניט געראָטן. אחדות־העבודה און די שטאָט־אַרבעטער זענען באַזונדערע שפּראַכיקע עלעמענטן, וואָס וועלן קיין מאָל ניט אויסקומען צווישן זיך.

מען דאַרף באַטאָנען אַז די שפּראַכן־פראַגע ווערט כּמעט ניט דער־מאָנט אין דער בּראָשור ׳אונזער אמת׳, וואָס מפ״ס האָט אַרויסגעגעבן אין יפו אין אַפּריל 1920.[104] עטלעכע פאַררופן אויף ייִדיש באַלײַכטן געוויסע טענות וואָס מען האָט אויפגעהויבן אין פאַרלויף פון דער פּאָלע־מיק.[105] עס איז כּדאַי אָפּצושטעלן זיך אויף דער נאָטיץ ׳אַ פאַרשוויגענע קאָנפערענץ׳. ׳אונזער אמת׳ גיט איבער, אַז מיט דער הילף פון דער שפּראַכן־פראַגע האָט מען אַרויסגעשטופּט מפ״ס פון דער אָנפירערשאַפט אין דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די באַן־אַרבעטער. אויף דער קאָנ־פערענץ פון די באַן־אַרבעטער (יפו, אָנהייב מאַרץ 1920), זענען געקומען ׳קאַפּריזנע ייִנגלעך׳ און געפאָדערט מען זאָל פירן די דעבאַטן אויף העברעיִש. זיי האָבן דאָס געטאָן, כאָטש זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט אַז דאָס רוב דעלעגאַטן קענען ניט די שפּראַך. דעם פאָרלייג האָט מען אָנגענומען מיט אַ רוב פון איין שטים. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז הינטער די קוליסן האָבן געצויגן די פעדעם הפּועל־הצעיר און אחדות־העבודה. ביידע פּאַרטייען האָבן באַגריסט ׳די זיגערס׳ וואָס האָבן ׳אָפּגע־שטויסן דעם פײַנט׳. אויף אָן אָרט האָט מען באַשלאָסן וועגן אַ נײַעם רעגולאַמין, וואָס האָט באַגרענעצט די חברשאַפט אין פאַראיין בלויז פאַר ייִדן. העברעיִש איז באַשטימט געוואָרן ווי די שפּראַך פונעם פאַר־איין.[106]

לויט דער שאַרפקייט פון דער פּאָלעמיק מכּוח ייִדיש אין ארץ־ישׂראל און איר פאַרנעם, האָט מען געקענט פאַראויסזען אַז די שפּראַכן־

פראַגע וועט צערודערן די געמיטער אויף דער פינפטער וועלט־קאָנ־פערענץ פון פועלי־ציון.

בערל לאָקער, וואָס האָט אַזוי געמיינט, האָט אָנגעשריבן, פאַר דער קאָנפערענץ, דעם אַרטיקל 'צו אונדזער שפּראַכן־פּראַגע אין ארץ־ישׂראל'.[107]

דער דאָזיקער דאָקומענט און דער וויכוח וואָס וועט באַהאַנדלט ווערן אינעם קומענדיקן קאַפּיטל, מאַכן קלאָר אַז דאָס אידענטיפיצירן דעם לינקן פליגל פון פועלי־ציון מיט ייִדיש און דעם רעכטן מיט העברעיִש, האָט ניט קיין גרונט.

לאָקער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז ער וועט נאָר אַנאַליזירן די פראַגע פון ייִדיש אין ארץ־ישׂראל. די פועלי־ציוניסטן ווייסן שוין פון לאַנג אַז דער העברעיִזם אין גלות איז אַן אַנטינאַציאָנאַלער און אַנטיסאָ־ציאַלער כוח, וואָס שעדיקט די מאַסן און גראָבט אונטער דעם יסוד פונעם נאַציאָנאַלן קיום. פון דער אַנדערער זײַט, די צאָל פאַנאַטישע ייִדישיסטן אין דער באַוועגונג, וואָס באַציִען זיך צו העברעיִש ווי צו אַ טויטער ירושה פונעם עבר, איז נישטיק.

בנוגע דער טעטיקייט אין גלות זענען דאָ פיר פונקטן וואָס די באַוועגונג נעמט אײַנשטימיק אָן:

א) ייִדיש איז די שפּראַך וואָס דריקט אָפיציעל אויס, כּלפּי די פאַרשיידענע רעגירונגען, די אויטאָנאָמישע רעכט פון די ייִדן.

ב) ייִדיש איז די אָפיציעלע שפּראַך פון דער אַליין־הנהגה בײַ ייִדן.

ג) ייִדיש איז די לערנשפּראַך אין די ייִדישע שולן.

ד) העברעיִש איז אַ וויכטיקער יסוד אינעם קולטורעלן לעבן פון ייִדן און זי דאַרף פאַרנעמען איר פּאַסיקן אָרט ווי אַ לימוד אין די ייִדישע שולן.

אַנדערש איז דער מצב אין ארץ־ישׂראל. צוזאַמען מיט פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע פּראַגעס און מיט דער פראַגע פונעם אײַנשטעל צום ציוניסטישן קאָנגרעס, (פ״גל אויבן ז' 58), פאַרנעמט די שפּראַכן־פּראַגע אין א״י דעם אויבנאָן אין דער פועלי־ציון־פּעריאָדיק, און איבערהויפּט אינעם באַוווסטזײַן פונעם רוב חברים. וואָס שייך דעם פאַקטישן צושטאַנד אין ארץ־ישׂראל, וועט עס שטיין אין סתירה צום פועלי־ציוניסטישן באַנעם, צו אַרגומענטירן אַז די ייִדישע אײַנוווינער דאָרטן זענען סוווערען צו באַשליסן וועגן דער פראַגע לויט זייער אייגענעם ווילן. דער פּלאַץ וואָס

ארץ־ישׂראל פֿאַרנעמט אינעם ייִדישן לעבן ווערט ניט באַשטימט לויט איר איצטיקער באַפֿעלקערונג, נײַערט לויט דער צוקונפֿטיקער עובֿדא פֿון א״י: אויפֿנעמען אַ ייִדישע מאַסן־אימיגראַציע. ייִדן אין ארץ־ישׂראל דאַרפֿן געניסן פֿון פֿרײַהייט אין זייער קולטור־פּאָליטיק. די דאָזיקע טאָפּעלע פֿרײַהייט דאַרף מען אָבער באַגרענעצן אויף צוויי אופֿנים: א) מען מוז אָפּהיטן די אינטערעסן און פֿאַרלאַנגען פֿונעם מיעוט ב) מען מוז זיך רעכנען מיטן פֿרײַען ווילן פֿון די צוקונפֿטיקע עולים.

אויפֿן סמך פֿון דער פּועלי־ציוניסטישער פּובליציסטיק פֿון יענער צײַט, האָט לאָקער געדרונגען עטלעכע אויספֿירן איבערן שטאַנד פֿון העברעיִש און ייִדיש אין ארץ־ישׂראל. לויט זײַן מיינונג, איז העברעיִש אין אַ גרויסער מאָס אַ קינסטלעכע פֿלאַנץ, וואָס וואַקסט אַ דאַנק דעם אידעאַליזם פֿון אַ טייל ייִשובֿ. די צאָל תּלמידים וואָס לערנען זיך אין די העברעיִשע שולן ווערט יעדעס מאָל גרעסער. דער ייִדישיזם האָט אין לאַנד ניט קיין קראַפֿט. דאָס וואָס ס׳רובֿ ייִדן רעדן ייִדיש און לאַדינאָ האָט גאָרניט צו טאָן מיט שפּראַך־אידעאָלאָגיע. בײַ די איצטיקע באַדינגען איז העברעיִש דאָס איינציקע לשון וואָס קען דינען ווי אַ שפּראַכלעכע בריק פֿאַר די פֿאַרשיידענע עדות. וואָס שייך די צוקונפֿט, איז לאָקער געווען קעגן פֿאַרוואַנדלען העברעיִש אין אַ סאָרט רעליגיעזער דאָגמע. אויב אחדות־העבֿודה וועט אין גלות גיין האַנט בײַ האַנט מיטן העב־רעיִזם וועט איר דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט ניט נאָכגיין. עס איז פֿאַראַן אַ טראַגישער ווידעראַנאַנד אינעם ציוניסטישן העברעיִזם. דער ציו־ניסטישער העברעיִזם קוקט אַרויס אויף אַ מאַסן־עליה, דער עיקרשט פֿון מיזרח־אייראָפּע, און אין דעם טאָקע באַשטייט די צרה. אַזאַ מין אימיגראַציע וועט זײַן אַ סכּנה פֿאַרן קינסטלעכן העברעיִשן בנין. מחמת דעם, פּירט מען זיך מעשׂה ׳הבה נתחכמה׳. מען פֿאַרלאַנגט אַז ווער עס קען העברעיִש זאָל האָבן די בכורה צו קומען אין לאַנד. (פּ״גל אויבן ז׳ 52). כּצנעלסאָן באַרעכטיקט אין אַ גרויסער מאָס דאָס פֿאַרלייגן אחדות־העבֿודה, מיט דער דערציערישער טעטיקייט וואָס די פּאַרטיי אַנטוויקלט צווישן די נײַע עולים. די הויפּט עובֿדא אין אָט אַ דער טעטיקייט איז ׳די אַרבעט וואָס האָט ניט איר גלײַכן אין אחריות, שווערקייט און חשיבֿות, אָן אַרבעט וואָס אַזוינס איז ניט געווען, ניט אין דער פֿאַר־גאַנגענהייט פֿון אונדזער פֿאָלק און ניט בײַ אַנדערע פֿעלקער: צוריק־ברענגען דאָס פֿאָלק צו זײַן שפּראַך׳.[108]

לאָקער האָט געהאַלטן, אַז אַ מאַסן־אימיגראַציע פון געבילדעטע אַרבעטער וואָס זייער שפּראַך איז יידיש וועט, אָביעקטיוו און סוביעקטיוו, פאַרפּאַמעלעכן די בליץ־העברעיִזאַציע צווישן די עולים. דער ווילן־כּוח וועט אויף אַזאַ פּראָצעס קיין שליטה ניט האָבן. אויב אחדות־העבודה וועט זיך באַציִען צו די דאָזיקע עולים ווי צו אַ יידישיסטישער אינוואַזיע, קען זיך די שפּראַכן־פראַגע צעפלאַקערן אין לאַנד, שטאַרקער און איינגעשפּאַרטער ווי אין חוץ־לארץ.

דאָס קען שטערן דעם סטאַטוס פון יידיש אין ארץ־ישׂראל סײַ בנוגע דער קאָלאָניאַלער מאַכט, סײַ בנוגע די אַראַבער, וואָס מיט זיי דאַרף מען קומען צו אַן אויפריכטיקער און גערעכטער פאַרשטענדעניש (פּ״גל אויבן, ז׳ 27). לאָקער איז אויך אַרויסגעטראָטן קעגן אחדות־העבודה פאַרן ניט אויספילן איר צוזאָג וועגן צענז (זען אויבן, ז׳ 50). דערצו, זאָרגט ניט אחדות־העבודה די תּלמידים זאָלן זיך אין די שולן באַקענען מיט יידיש. יידיש איז, היינט צו טאָג, די שפּראַך פון פאָלק, מער ווי העברעיִש. אחדות־העבודה וויל אויסמײַדן, אין פּאַרויס, אַז עלטערן וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין דעם, זאָלן אויסהאַלטן, אויף זייער חשבון, יידיש־שולן אין א״י. אַזאַ מין אונטערדריקן, עקסיסטירט ניט אַפילו אין פּוילן. (פּ״גל אויבן, ז׳ 48). לאָקער האָט פאַרלאַנגט פרײַע אַנטוויקלונג פאַר העברעיִש און יידיש אין א״י. געמיינט האָט דאָס, צווישן אַנדערן, אָנאַרקענען, לעגאַל, דעם סטאַטוס פון יידיש אין לאַנד און דאָס רעכט צו לערנען יידיש. לאָקער האָט ניט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט אַז העברעיִש און יידיש זאָלן צעגאַפּלען זייערע פונקציעס און דינען, זאַלבענאַנד, די יידישע אײַנוווינערס אין לאַנד.

לאָקערס אַרטיקל איז וויכטיק מיט דעם וואָס ער פאַרסך־הכּלט די שטעלונג צו דער שפּראַכן־פראַגע מצד דער פירערשאַפט פון די רעכטע פּועלי־ציוניסטן אין מיזרח־אייראָפּע. עס איז גאָר אינטערעסאַנט אַז לאָקער, וואָס האָט עטלעכע מאָל אונטערגעשטראָכן אַז אַ סך עולים וועלן ניט זײַן יידישיסטן, האָט געגלייבט אַז די סטיכיע פון לעבן וועט מכריע זײַן די שפּראַכן־פראַגע אויף אַזאַ אופן, אַז עס קען געמאָלט זײַן אַז יידיש זאָל ווערן די הערשנדיקע יידישע שפּראַך אין ארץ־ישׂראל. (פּ״גל אויבן, ז׳ 22).

ווי מען האָט זיך געריכט, איז די שפּראַכן־פראַגע אַרויף אויפן סדר־היום פון דער פינפטער אַלוועלטלעכער קאָנפערענץ (ווין, 27סטן יולי —

8טן אויגוסט 1920). היות קיין פּראָטאָקאָל פון דער קאָנפערענץ האָט זיך ניט אויפגעהיט, שטאַמען דאָס רוב ידיעות וועגן צוזאַמענפאָר פון דער כראָניק אין קונטרס.[109]

דער פּאָליטישער סיכסוך פון אחדות־העבודה און אירע אָנהענגערס מיטן לינקן פליגל פון פּועלי־ציון, אַרום די באַציונגען מיטן דריטן אינטערנאַציאָנאַל און דעם אײַנשטעל צום ציוניסטישן קאָנגרעס (פ״גל אויבן ז׳ 58), איז געווען אַזוי פּראַגנטיק, אַז די שפּראַכן־פראַגע איז פאַר־בליבן אין אַ ווינקל. ניט געקוקט אויף דעם, האָבן סײַ די אָנהענגער פון אחדות־העבודה, סײַ אירע קעגנערס, זי קריטיקירט פאַר איר אײַנשטעל צו ייִדיש. די הויפּט־טענה איז געווען אַז אחדות־העבודה ברענגט שאָדן דעם קאַמף לטובת דעם מלוכישן סטאַטוס פון ייִדיש אין מיזרח אייראָ־פּע.[109] יצחק טאַבענקין האָט אויף דעם געענטפערט, אַז שפּראַכן־בייטראָ־ליטעט איז ניט צו דערלײַדן. דער ׳קעמפנדיקער אַרבעטער [אין א״י], וואָס האַלט מיט העברעיִש, פאַרזיכערט איר צוקונפט. זאָלן די ייִדישיסטן עולה זײַן קיין א״י און קעמפן דאָרטן פאַר ייִדיש ׳מיט די זעלבע מיטלען און מיטן זעלבן ערנסט וואָס מיר קעמפן פאַר העברעיִש׳. מעגלעך אַז זיי וועלן האָבן דערפאָלג. דירעקטיוון וועלן גאָרניט ענדערן׳.[110]

ווי פריער דערמאָנט (אויבן, ז׳ 56), האָבן די רעכטע, ניט די לינקע פּועלי־ציון, באַהאַנדלט די שפּראַכן־פראַגע נאָך דער ווינער שפּאַלטונג. דער רעכטער פאַרבאַנד האָט נאָך דער קאָנפערענץ אַרויסגעגעבן די בראָשור די פינפטע וועלט־קאָנפערענץ. באַריכט און רעזאָלוציעס. אויף זייט זיבעצן ווערט באַשריבן די דיסקוסיע וועגן ייִדיש. מ. זינגער און ב. לאָקער האָבן איבערגעחזרט די טענות קעגן אחדות־העבודה. בערל כצנעלסאָן האָט דערקלערט, אַז אין ארץ־ישראל מעג מען רעדן ייִדיש פרײַ. בײַ דער קאַמפּיין פאַר די וואַלן צו דער פאַרלייג־אַסאַמבלעע, האָט מען קיין איין קאַנדידאַט ניט פאַרבראַקירט פאַרן ניט קענען קיין העב־רעיִש. כצנעלסאָן האָט פאָרויסגעזען דעם נצחון פון העברעיִש, ווײַל זי איז דער קולטורעלער כוח אין ארץ־ישראל און דאָס לשון פון די דאָר־טיקע אַרבעטער.

4. נאָכקלאַנגען פון דער פּאָלעמיק

ווי געזאָגט (אויבן, ז' 54) האָט זיך די פּאָלעמיק מיט פּועלי־ציון אין אַמעריקע אײַנגעשטילט. אין לאַנד האָט מפ״ס קריטיקירט מאַירזאָנס עקסטרעם לינקן אַרויסטריט אין ווין.[111] די פּאַרטיי איז געווען פאַרנומען אין פאַרבינדן זיך מיט די פּועלי־ציון־חברים, וואָס זענען אין יענער צײַט אָנגעקומען אין לאַנד. פאַר דער פאַרלייג־קאָנפערענץ פון הסתדרות (דעצעמבער 1920), איז אויפגעקומען מפס״ע (מפלגת הפועלים הסוציא־ליסטים העברים פּועלי־ציון).[112] די שפּראַכן־פראַגע איז דערמאָנט גע־וואָרן אויף דער הסתדרות־קאָנפערענץ. דאָס מאָל, אָבער, איז די פראַגע ניט געווען קיין גורם וואָס זאָל ברענגען צו אַ ריס, ווײַל אַלע פּאַרטייען זענען פאַראינטערעסירט געווען אויפצושטעלן די הסתדרות. פון דעסט־וועגן איז פאָרגעקומען אויף דער קאָנפערענץ אַן אינצידענט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן 'ריב לשונות' אין לאַנד. גרשון דוא־באָגען, פון מפס״ע, האָט גערעדט ייִדיש. אין זאַל איז געוואָרן אַ טומל. דער פּאָרזי־צער, יוסף שפּרינצאַק, האָט געפרעגט דעם רעדנער צי ער קען העב־רעיִש. דוא האָט געענטפערט אַז ער וועט רעדן אויף דער שפּראַך וואָס אים איז באַקוועם. זײַן קאָלעגע חלדי האָט באַמערקט, אַז ער האָט אין פאָרויס געמאָלדן אַז דוא קען ניט קיין העברעיִש, טאָר אים דער פאָר־זיצער ניט איבעררײַסן. דער טומל אין זאַל איז שטאַרקער געוואָרן. שפּרינצאַק האָט דעמאָלט דערקלערט: 'איך האָב געוואָלט אַז [חלדיס] אַרויסזאָג זאָל זײַן אַן עפנטלעכער.'[113] דאָס פונאַנדערלאָזן זיך פון מפ״ס נאָכן יפוער פּאָגראָם (מײַ 1921), פאָדערט אַ באַזונדערע פאָרשאַרבעט. ניט געקוקט אויף דעם, דאַרף מען באַמערקן, אַז פּראָקאָמוניסטישע קרײַזן אין מפ״ס־מפס״ע האָבן פון דאָס נײַ אויפגעהויבן די דעבאַטע מכּוח ייִדיש אין ארץ־ישׂראל. דער וויכּוח, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַפּריל 1921, איז געווען קורץ און האָט גאָרניט באַנײַט אין דער מחלוקה פון 1919—1920. דער דאָזיקער עפּיזאָד באַווײַזט אָבער, די פּיליקייט פון דער שפּראַכן־פראַגע אין די קעגנאַנאַנדיקע באַציִונגען פון די ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען אין יענער צײַט.

דעם 13טן אַפּריל האָט די צײַט געדרוקט א. וואָלינערס אַרטיקל 'איז דאָס אמת?' וואָלינער שרײַבט, אַז אין דער אַמעריקאַנער לינקער ייִדיש־פרעסע, באַשולדיקט דוא־באָגען אחדות־העבודה אין רודפן ייִדיש. דוא־באָגען דערמאָנט פיר פאַקטן. א) אין דער הרצליה־גימנאַזיע האָט דער

לערער ד״ר מטמון־כהן געהאַלטן אַ דרשה פאַר אַקטיוריקע קינדער און געפאָדערט זיי זאָלן קעמפן קעגן ייִדיש ביזן ׳לעצטן טראָפּן בלוט׳. אויף צו מאָרגנס האָט מען געפרעגט די קינדער מיט וואָסער שפּראַך האַלטן זיי. אַ מיידל וואָס האָט געענטפערט אַז זי איז פאַר בײדע שפּראַכן האָט מען אַרויסגעטריבן פון שול. ב) דער לערער אָרלאָוו, בראש פון הונדערטער תּלמידים, באַוואָפנט מיט שטעקענער, האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין באָראָכאָוו־קלוב, אין יפו, ווו מען האָט אײַנגעאָרדנט אַ ליטעראַרישן אָוונט אין ייִדיש. ג) אחדות־העבודה דערלויבט ניט צו פאַרדינגען זאַלן פאַר פאַרזאַמלונגען פון מפּ״ס און ייִדישיסטן. ד) די ייִדישיסטן און די מפּ״סיסטן ווערן אַרויסגעטריבן פון דער אַרבעט. וואַליבער, וואָס האָט געפאָדערט אַן ענטפער פון אחדות־העבודה, האָט אַרײַנגעבראַכט אינעם שפּראַך־וויכוח אַ נײַעם פאַרגלײַך. די מעטאָדן קעגן ייִדיש אין ארץ־ישׂראל זענען אַזוי ווי די מעטאָדן וואָס מען האָט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געניצט קעגן די סאָציאַליסטן אין אַמעריקע. דעמאָלט האָבן די ׳פּאַטריאָטישע׳ קרײַזן חושד געווען די סאָציאַליסטן אין אומ־טרײַשאַפט צו דער מלוכה. אין די צײַט פון 16טן אַפּריל 1921, האָט נחמן סירקין געשריבן אַז די תּלמידים האָבן אַרויסגעוויזן אין יפו די העכסטע מדרגה פון פאַנאַטיזם לטובת אַ אידעע. דער ייִדישיזם איז טאָלעראַנט, ווײַל ער גלייבט ניט אין זײַן אַבסאָלוטן אמת. אַ שפּראַכן־קאַמף איז אַזוי ווי אַ מלחמה צווישן רעליגיעס. ווער עס איז פאַר טאָלע־ראַנץ, דער פאַרלאָזט זײַן פּאָזיציע. די ייִדישיסטן דאַרפן זיך אָראָפּנעמען אַ בײַשפּיל פון די העברעיִסטן. ווען ניט דער העברעיִשער פאַנאַטיזם אין ארץ־ישׂראל, וואָלט העברעיִש געזונקען צו דער זעלבער מדרגה אויף וועלכער עס זינקט ייִדיש אין גלות. עס איז ניטאָ מער ווי איין נאַציאָנאַלע שפּראַך.[114]

דעם 20סטן אַפּריל 1921 האָט די צײַטונג געדרוקט אַ בריוו פון א. הגלילי (אויבן, ז׳ 57), ווו ער האַלט אַז די באַשולדיקונגען וואָס וואַליבער האָט דערמאָנט, זענען ריכטיק. הגלילי, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון ארץ־ישׂראל מיט דרײַ חדשים צוריק, זאָגט עדות אַז מען האָט דאָרטן אַרויסגעטריבן פון שול די קינדער פונעם דרוקער וואָס האָט אַרויסגע־געבן דאָס אידישע אַרבייטער וואָרט (אויבן, ז׳ 57). מ׳האָט זיי אַנגענומען פון דאָס נײַ, נאָך דעם ווי זייער טאַטע האָט צוגעזאָגט מער ניט צו דרוקן בראָשורן אין ייִדיש. אַ צווייטן נומער דאָס אידישע אַרבייטער וואָרט

האָט מען ניט געקענט פּובליקירן, מחמת מען האָט געסטראַשעט די דרוקערס.[115]

דעם 24סטן אַפּריל 1921 האָט די צײַטונג איבערגעגעבן אַז זי שטעלט אָפּ די דיסקוסיע, ביז דער וועלט־פאַרבאַנד פון פּועלי־ציון וועט ענטפערן אויף די פראַגעס וואָס עס האָט געשטעלט דער צענטראַל־קאָמיטעט אין אַמעריקע אין שײַכות מיט די באַשולדיקונגען.[116]

דער 'מעמאָראַנדום פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּועלי־ציון) אין ארץ־ישראל', געוואָנדן 'צו אַלע ייִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין דער גאַנצער וועלט', פון ערשטן מאַרץ 1921, דערקלערט די פאַרהעלטענישן פונעם וויכוח אין צײַט. דער מעמאָראַנדום ברענגט כמעט וואָרט בײַ וואָרט די באַשולדיקונגען וואָס וואַלינער האָט געלייענט אין דער לינקער ייִדיש־פּרעסע אין אַמעריקע. צו באַטאָנען: אינעם מעמאָראַנדום איז מפּ"ס זיך מודה, אַז די אַנגרײַפן קעגן איר זענען דער עיקרשט ניט צוליב ייִדיש, נאָר מחמת דעם וואָס מפּ"ס איז קאָמוניסטיש געשטימט.[117]

אַז מפּ"ס טענות האָבן געשטערט אחדות־העבודה, באַווײַזט אַ פראַגמענט פון כּצנעלסאָנס אַ בריוו צום וועלט־פאַרבאַנד. כּצנעלסאָן שרײַבט, זייער שאַרף, אַז דווקא אין די טעג פון יפוער פּאָגראָם, זענען אָנגעקומען די נומערן פון די צײַט, מיט וואַלינערס און הגליליס באַשולדיקונגען. כּצנעלסאָן טרעט אַרויס קעגן פּועל־ציון אין אַמעריקע, פאַרן צעטראָגן 'די מסירות פון מפּ"ס'.[118]

דער לעצטער שטאַפּל פון דער פּאָלעמיק אין יענער צײַט, איז פאַרבונדן מיט בערל כּצנעלסאָנס באַזוך אין אַמעריקע, סוף 1921. כּצנעלסאָן איז דעמאָלט געקומען בראש פון אַ הסתדרות־דעלעגאַציע. י"ל מאַגנעס האָט אין פאַרוואָרטס אַרויסגערופן די אַמעריקאַנער ייִדן צו שטיצן די אידעאַלן וואָס די דעלעגאַציע פאַרטרעט. זשיטלאָווסקי, וועמענס פרווו אַז פּועלי־ציון זאָל באַשליסן פאַר דער בכורה פון ייִדיש אין א"י און אין גלות איז דורכגעפאַלן,[119] האָט געפאָדערט אָפּצוּוואַרפן מאַגנעסעס רוף. זשיטלאָווסקי האָט געשריבן, אַז דער אידעאַל פון דער דעלעגאַציע איז 'איין לאַנד, איין שפּראַך', דהײַנו, דער אַבסאָלוטיסטיש העברעיִסטישער אידעאַל.[120] כּצנעלסאָן האָט רעאַגירט אויף זשיטלאָווסקיס אַרויסטרעט מיט דרײַ אַרטיקלען. ער האָט באַדויערט וואָס ער דאַרף אָבער אַ מאָל אַרומרעדן די שפּראַכן־פראַגע. ער איז אין דעם ניט נײַטראַל

און וואָרט ניט אַז ׳דאָס לעבן׳ זאָל דעם ענין מכריע זײַן. דאָס לשון איז בײַ אים קיין מאָל ניט געווען אַ ציל פאַר זיך. דאָס פּאַסט פאַר די ׳חובבי שפת עבר׳ אָדער פאַר די ׳חובבי שפת אידיש׳. ווען זשיטלאָווסקי פּסלט העברעיִש, פּסלט ער די ארץ־ישׂראל־אַרבעטערשאַפט.

אינעם צווייטן אַרטיקל שפּעט כּצנעלסאָן פון זײַנע בני־פּלוגתא, וואָס אָנשטאָט דורכצופירן פּראַקטישע אַרבעט פאַר ארץ־ישׂראל, באַהאַנדלען זיי די פראַגע פון ייִדיש אין א״י. זיי טראַכטן אויס בילבולים אויף אחדות־העבודה, ווייסנדיק אַז דער עולם וועט אין זיך עפּעס אײַנזאַפּן פונעם שקר. כּצנעלסאָן האָט אומדירעקט אָנערקענט אַז דער צענז איז געווען אַ טעות. ער האָט צוגעגעבן, אַז ס׳איז ניט אמת אַז ער האָט געשטימט פאַרן צענז. ער האָט בכלל ניט גענומען קיין אָנטייל אין דער קאָנסטיטואַנטע וואָס האָט וועגן דעם באַשלאָסן.[121]

פאַרסך־הכּלענדיק זײַנע אַרגומענטן האָט כּצנעלסאָן קיין נײַס ניט אַרויסגעבראַכט,[122] אַחוץ צוויי באַווײַזן מכּוח דער פולער פרײַהייט פאַר ייִדיש אין ארץ־ישׂראל. א) אין ירושלים גייט אַרויס די צײַטונג מחזיקי הדת. ב) מען קען צונויפשטעלן אַ רייסטער אויסגאַבן אין ייִדיש וואָס מען דרוקט אין ירושלים און צפת.

צו באַמערקן אַז כּצנעלסאָן האָט ניט געגעבן קיין שום אָנצוהערעניש אַז מחזיקי הדת איז אַ צווייִשפּראַכיקע, מאָגערע, ניט רעגלמעסיקע צײַטונג פון עדת־החסידים, איינער פון די אָרטאָדאָקסישסטע קרײַזן אין ירושלים. די מחלוקה צווישן די פרײַע ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען מכּוח ייִדיש אין ארץ־ישׂראל, איז דער עדת־החסידים בכלל ניט אָנגעגאַנגען. דאָס ביסל ייִדיש וואָס מען האָט געדרוקט אין עטלעכע נומערן פון איר צײַטונג, איז געווען געדרוקט צוליב פּראַקטישע באַדערפטיקייטן און ניט צוליב אידעאָלאָגישע טעמים.

וואָס שייך די ירושלימער און צפתער דרוקן, זענען זיי ניט בנמצא.

צו באַטאָנען אַז כּצנעלסאָנס דרײַ אַרטיקלען ווײַזן אויף, אַז דער שטאַנד פון אחדות־העבודה אינעם וועלטפאַרבאַנד פון פּועלי־ציון האָט זיך שטאַרק פאַרפעסטיקט זינט דער שטאָקהאָלמער באַראַטונג (אויבן, ז׳ 49). אָקטאָבער 1921 האָט כּצנעלסאָן געשריבן פון ווין, בעת אַ באַראַטונג פון וועלטפאַרבאַנד, וועגן אַ ׳פולשטענדיקן נצחון׳. אַ היפּשער טייל פונעם בריוו באַשרײַבט ווי מען האָט דאָרטן באַהאַנדלט די שפּראַכן־פראַגע.

לאָקער האָט פאָרגעלייגט אַ רעזאָלוציע, וואָס אירע צוויי הויפּט־

פונקטן זענען געווען: א) מען זאָל אויף אַן 'אײדעלן אופן' דערמאָנען דעם חוב פון אחדות־העבודה לגבי ייִדיש אין א"י און מען זאָל מיט סאַטיספאַקציע באַמערקן אַז זי נעמט ניט קיין אָנטייל אין די 'רדיפות קעגן ייִדיש'. ב) מען זאָל אַרויסשטעלן אויפן סדר־היום פון דער קומענדי־קער וועלט־קאָנפערענץ די שפּראַכן־פּראַגע אין ארץ־ישראל. דער המשך פון כּצנעלסאָנס בריוו רעדט פאַר זיך אַליין: 'מיר האָבן געשטורעמט. די רעזאָלוציע... אויפגעריסן אויף בראַכטיילן... מיר האָבן אַרײַנגעבראַכט צוויי אַנדערע רעזאָלוציעס: א) אָפּוואַרפן אַלע בלבולים קעגן אחדות־העבודה. ב) אַוועקשטעלן אויפן סדר־היום פון דער קומענדיקער וועלט־קאָנפערענץ די שפּראַכן־פּראַגע אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לארץ אין איר גאַנצן פאַרנעם'. כּצנעלסאָן האָט געהאַלטן אַז ביידע פּונקטן זענען זייער וויכטיק, ווײַל די שפּראַכן־פּראַגע וועט 'אויפהערן צו זײַן אַן ענין וואָס מען פאָדערט בײַ אחדות־העבודה און וועט אָנהייבן צו ווערן אַ זאַך וואָס אחדות־העבודה פאָדערט פון די ייִדישע אַרבעטער.[123]

דער ווײַטערדיקער קאַפּיטל וועט פּרווון אויספאָרשן ווי אַזוי אחדות־העבודה האָט געשטורעמט די אָנפירערשאַפט פון וועלטפאַרבאַנד. דאָס איז געשען, אין אַ גרויסער מאָס, מיט דער הילף פון דער 'שפּראַכן־פּראַגע אין איר גאַנצן פאַרנעם'.

הערות צו קאַפּיטל איינס

1. זען: ברל כצנלסון, 'דרכי לארץ', אין העליה השניה, תש"ז, זז' 73־77. זען אויך: יהודה שרת, אין אגרות ברל כצנלסון, תר"ס—תרע"ד, 1961, זז' 92—98.
2. זען ג. טלפירס אַרטיקל, 'ראשית המודרניזם בארץ', גזית, כ"א (כסלו—אדר תשכ"ד), ז' 15.
3. דער צווייטער און לעצטער נומער דער אָנפאַנג איז אַרויס אין אב תרס"ז. זען: א. ל. פּילובסקי, 'עיתונות יידיש בארץ ישראל מתחילתה ועד הופעת נייַוועלט (1934)', קתדרה 10 (טבת תשל"ט), זז' 82—84. זען טורקעניעצעס אַרטיקלען: הפועל הצעיר, חשון תרס"ח, זז' 5 און 14־[15]. טורקעניעץ האָט געחתמעט נץ און אבי־ברק. זען: מפתח להפועל הצעיר, זז' 246 און 26.
4. טורקעניעץ איז געווען בן־צביס שכן אין יפו. ער האָט מיט אים אַרומגערעדט די מיגלעכקייטן צו דרוקן הפועל הצעיר אינעם אימפּראָוויזירטן דרוק פון דער אָנפאַנג. זען: יצחק בן־צבי, „פּועלי ציון" בעליה השניה, תש"א, ז' 41. טורקעניעץ האָט אין 1904 געשפּילט אין יפו די הויפּטראָלע אין שלום־עליכמס 'צעזייט און צעשפּרייט'.

5. אַז מען האָט געפרעגט דעם שרײַבער ש. צמח, הלמאי פּראָטעסטירט הפועל־הצעיר קעגן דער אָנפּאַנג, אין דער צײַט ווען די פּאַרטיי האָט אָפּגעהאַלטן איר קאָנפערענץ אויף יידיש, האָט ער געענטפערט אַז דאָס וואָס הפועל־הצעיר מעג, טאָר נישט פּועלי־ציון. זען: ז. אשור, 'דער אָנפּאַנג', עתון הפועלים הראשון באַ"י, אסופות 4 (תשי"ד), ז' 67 און ג. קרסל, 'הפועל הצעיר', דאָרטן, ז' 47.

6. זען: בן־צבי, דאָרטן, ז' 39. וועגן חברים וואָס האָבן געספּקט שרײַבט בן־גוריון ('הסולל נתיב חדש', הפועל הצעיר, נ' (תשי"ז), נומ' 38, ז' 7): 'איינער אַ חבר האָט מיר געזאָגט, איך האַלט פאַר העברעיִש אַזוי ווי דו, נאָר איך קען דאָס ניט באַגרינדן מיטן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם'. ישראל שוחט שרײַבט אַז ער און בן־גוריון זענען געווען קעגן דער אָנפּאַנג. זען 'שליחות ודרך' אין ספר השומר, תשי"ז, ז' 12.

7. זען: בן־צבי, דאָרטן, זז' 39, 50, 53.

8. זען: 'מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון קאַמף קעגן יידיש אין א"י, ארץ ישראל שריפטן, 1937, זז' 139—164.

מיטן אויסבראַך פונעם ערשטן וועלטקריג איז די טעטיקייט פון די פּאַרטייען אין לאַנד שטאַרק איינגעשרומפּן געוואָרן. דער אָרגאַן פון פּועלי־ציון, האחדות, האָט אויפגעהערט אַרויסצוגיין אין דעצעמבער 1914. הפועל־הצעיר, וואָס איז אין 1915 אַרויס אומרעגלמעסיק, האָט זיך אין אָקטאָבער אין גאַנצן אָפּגעשטעלט.

9. דאָרטן, זז' 141—143.

10. דאָרטן, זז' 158—164. פ"גל מיט מײַן אַרטיקל (אויבן, הערה 3).

11. קאַסאָווער, דאָרטן, ז' 146, גיט איבער אַז ער וועט דרוקן דעם אַרטיקל 'מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין ארץ־ישראל', אין צווייטן באַנד פון אַרכיוו צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע. אָט דער צווייטער באַנד איז ניט אַרויס. פּרטים וועגן יידיש־טעאַטער אין א"י, זען אין מײַן דיסערטאַציע, 'יידיש וספרותה באַ"י 1907—1948', ירושלים, תש"ם, ז' 295.

12. זען: הפועל־הצעיר, 1 (אדר שני תרס"ח), זז' 11־12; 2 (תרס"ט), זז' 8־9; 3, (תר"ע), נ' 20־21, זז' 21־22 און קאַסאָווער (אויבן, הערה 8), ז' 149.

13. זען י. זרובבלס ברוך־הבא, האחדות 5 (תרע"ד), זז' 25־26. קאַסאָווער דער־מאָנט פאַרשיידענע דאַטעס. פ"גל דאָרט, זז' 150—152. די דאַטע אויף ז' 152 איז די ריכטיקע.

14. זען: ז. רייזען, לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור... ווילנע, 1928, 1, ז' 1131 (ווײַטער אָנגערופן רייזען), לעקסיקאָן פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור, 3, זז' 699־700 (ווײַטער אָנגערופן לעקסיקאָן); האחדות, 5 (תרע"ד), נומ' 35, ז' 31 און נומ' 32־33, ז' 58.

15. זען: נ. ינשוף, 'מכתבים מיפו', האחדות 5, (תרע"ד) נומ' 37, זז' 24—26. נ. ינשוף איז דער שרײַבער אהרן ראובני. זען: מפתח ל'האחדות', ז' 7. פ"גל מיט מערי יציבס באַשרײַבונג אין ספר העליה השניה, זז' 567־568. זי שרײַבט, צווישן אַנדערן, אַז זי איז געגאַנגען דרײַ שעה פון פּתח־תקווה קיין יפו כדי צו הערן דעם רעפעראַט.

וועגן די ראשי־פּרקים אין אַרבעטער־קלוב, זען: האחדות, דאָרטן, ז' 27.

16. זען: **הפועל הצעיר** 7 (תרע״ד), נומ׳ 37, ז׳ 16.
17. זען: דאַרטן, דאַרטן נומ׳ 38, זז׳ 3־4; נומ׳ 38־39, ז׳ 9. וועגן י. אהרנאָוויטשן זען: קרסל, 1, ז׳ 32. קרסל, לכסיקון הספרות העברית (ווײַטער אָנגערופן קרסל), 1, ז׳ 32.
18. זען: ד. גורביץ, א. גרץ, **העליה, הישוב והתנועה הטבעית של האוכלוסיה בארץ ישראל**, תש״ה, ז׳ 21 און פ״גל, **הפועל הציר**, 7 (תרע״ד), נומ׳ 35, ז׳ 18.
19. זען: דאַרטן, 3 (תר״ע), נומ׳ 20־21, זז׳ 21־21 און נומ׳ 22, ז׳ 4. אַהראָנאָוויטש האָט געחתמעט א. און תמידי. וועגן לוריאַן, געוועזענער רעדאַקטאָר פון דער יוד, זען: **לעקסיקאָן**, 5, זז׳ 27—29.
20. זען: האור, 1, (תר״ע), נומ׳ קכ״ה, ז׳ 3 און דעם עדיטאָריאַל ׳הפרצה הראשונה׳, דאַרטן, נומ׳ קכ״ו.
21. די אָנצוהערעניש אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ איז קלאָר.
22. די אַנדערע כמאַרעס וואָס בן־יהודה דערמאָנט זענען די פײַנדלעכע באַציִונג פון די אַראַבער און די פראַגע פון די יִדישע אַרבעטער זען: **האור**, 32 (תרע״ד), נומ׳ 3, ז׳ 6 און נומ׳ 2, ז׳ 1.
23. זען: **החרות** 6 (תרע״ד), נומ׳ 209; **הפועל הצעיר** 7 (תרע״ד), נומ׳ 36 ז׳ 18.
24. זען: **האחדות**, 2 (תרע״א), נומ׳ 2־3, זז׳ 13—14; 27—31.
25. זען: דאַרטן, ז׳ 30. זרובבל, דאַרטן ז׳ 13 און יוסף, ז׳ 27 האָבן באַטאָנט אַז אַ סך חברים זענען ניט אין שטאַנד צו לייענען **האחדות**, ווײַל זיי קענען ניט קיין העברעיִש.
26. די רעדאַקציע האָט דאָ באַמערקט (ז׳ 13): ׳די דאָזיקע מיינונג איז אויף [זרובבלס] פולער אחריות׳.
27. זען: דאַרטן, זז׳ 29־30.
28. זען: דאַרטן, 5 (תרע״ד) נומ׳ 32, זז׳ 5—11.
29. זען: דאַרטן, נומ׳ 37, (זרובבל האָט געחתמעט סגי נהור) און נומ׳ 32, ז׳ 15.
30. וועגן א. כאַשין־אַווערבוך זען: **לעקסיקאָן** 4, זז׳ 390—392 און י. ברגר־ברזילי, **הטרגדיה של המהפכה הסובייטית**, זז׳ 62—89. זען ׳למה רגשו׳, **האחדות**, 5 (תרע״ד), נומ׳ 37, זז׳ 1—5 (אונטערגעשריבן אל־ר). זען ׳תחיה של מעלה ותחיה של מטה׳, דאַרטן, נומ׳ 40־41, זז׳ 3—13 (אונטערגעשריבן אלכסנדר). זיך מערקן אַז קאַסאָוער (אויבן הערה 8), ציטירט ׳למה רגשו׳ באריכות און איגנאָרירט ׳תחיה של מעלה...׳ לחלוטין.
31. כאַשין מיינט דאָ די ׳אגודת חובבי שפת עבר׳. פ״גל כאַשינס אָנגריף אויף דער אַדעסער בראַנזשע פונעם פאַרבאַנד, **האחדות**, 5 (תרע״ד), נומ׳ 24, ז׳ 7. זען אויך דאַרטן, נומ׳ 27, זז׳ 29־30.
32. זען: דאַרטן, דאַרטן, נומ׳ 38־39, זז׳ 13—22. דער אַרטיקל איז, משמעות, דער רעפעראַט וואָס זשיטלאָווסקי האָט ניט געקאָנט האַלטן. צו ׳תחיה של מעלה...׳ האָט כאַשין באַמערקט: ׳דאָ ווערן געבראַכט די הויפּט — [גערדאַנקען] וואָס איך האָב אַרויסגעזאָגט... אין יפו און מײַן ענטפער צו ד״ר זשיטלאָווסקי׳.
33. ׳פאַר וואָס זענען מיר, דער רוב מנין ורוב בנין פונעם פאָלק, מחויב זיך אונטערצוגעבן דעם מיעוט פון תימנים און ספרדים?... העברעיִש איז בײַ זיי ניט קיין ממשותדיקע, לעבעדיקע שפּראַך... און אויב זי ווערט בײַ זיי

אַ ביסל אויפגעהיט, איז צוליב אַט דעם שוואַכן עלעמענט מוזן מיר פאַרלאָזן די שפּראַך פון די מיליאָנען?' דאָרטן, דאָרטן, זז' 16־17.

34. כאַשין פאַרגלײַכט 'די מאַסן וואָס באַפרידיקן זייערע גײַסטיקע באַדערפ־טיקייטן אין יידיש', מיט דער העלדין פון פּרצעס 'אַראָפּגעלאָזטע אויגן'. פּונקט ווי די העלדין האַלדזט דעם יידישן מאַן און אין האַרצן מיינט זי דעם יונגן פּריץ, אַזוי האַלדזן די מאַסן יידיש און אין זייערע הערצער לעכצן... זיי נאָך 'יפתס צויבער'. זען 'תחיה של מעלה...' (אויבן, הערה 30, ז' 7).

35. דאָרטן, ז' 13, שטייט 'סוף קומט'. שפּעטער מיט צען נומערן האָט האחדות אויפגעהערט אַרויסצוגיין און כאַשינס מאַמר איז געבליבן ניט געענדיקט. כאַשין האָט געזאָלט דערקלערן אַז יידיש ווערט פאַרגעסן בײַ אַ גרויסן טייל פונעם פאָלק.

36. 'דאָס איז אפשר דער טראַגישער טעות פונעם סאָציאַליזם, וואָס האָט אָוועק־געשטעלט דאָס גאַנצע לעבן אויף דער ציוויליזאַציע און האָט ניט געשפּירט די קולטור ווי געהעריק.'

37. זען: דאָרטן, 1, צווייטער טייל, ירושלים תשי"ז, ז' 493. ספר תולדות ההגנה שטיצט זיך אויף זישע ווײַנפּערס זכרונות מיטן יידישן לעגיאָן, ניו־יאָרק, 1942, ז' 27. ווײַנפּער דערציילט דאָרטן אַז זײַן חבר נתן קויש האָט אים אַזוי דערקלערט זײַן אײַנשליסן זיך אינעם לעגיאָן: 'עס גייען צופיל העב־רעיִסטלעך. אַז מען וועט דאַרפן אָנהויבן בויען דאָס לאַנד וועט מען דאַרפן האָבן קעמפער פאַר יידיש'. ווײַנפּער שרײַבט אַז דער אַרגומענט האָט אים אויסגעזען לאָגיש, אָבער ניט צוליב דעם האָט זיך ווײַנפּער פאַרשריבן אינעם לעגיאָן. וועגן קוישן זען: אגרות ברל כצנלסון, תרפ"ב—תרצ"א, ז' 105.

38. זען: געשיכטע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, נ"י, 1955, 2, זז' 324־325 און 1, ז' 188. פעברואַר 1917, האָבן שיינקין און זשיטלאָווסקי געפירט אַ פּאָלעמיק איבער העברעיִש און יידיש. די הערה פון דער רעדאַקציע אידישער קעמפער, אַז דער וויכוח איז איבעריק, ווײַל סײַ העברעיש סײַ יידיש זענען נאַציאָנאַלע לשונות, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּשרה־ריכטונג פון דער פּאַרטיי. זען דאָרטן, 2, ז' 322.

39. זען: אידישער קעמפער, 11טן אַפּריל 1919, ז' 6. וועגן אָסטראָווסקין זען: לעקסיקאָן, 1, זז' 136־137 און תדהר, אנציקלופדיה לחלוצי הישוב ובוניו (ווײַטער תדהר), ג, ז' 1291.

40. די דרײַ קאָנסטיטואַנטעס זענען אַ שטאַפּל אין דעם אויפקום פון 'הועד הלאומי לכנסת ישראל בארץ ישראל', דער 'פּאַרלאַמענט' פונעם יישוב פאַר 1948.

בעת דער ערשטער קאָנסטיטואַנטע, האָט מען ניט באַהאַנדלט די שפּראַכן־פראַגע.

41. זען אידישער קעמפער, דאָרטן, ז' 2. וועגן ח. פײַנמאַן און מאיר בראָון זען: אגרות ברל כצנלסון, תרע"ט—תרפ"ב, 1919—1922, זז' 366, 380.

42. זען: הפועל הצעיר, 12 (תרע"ח), נומ' 1, זז' 2־3. וועגן נ. טווערסקין זען: תדהר, ז', ז' 2955.

43. זען דעם פּראָטאָקאָל אין צענטראַל־ציוניסטישן־אַרכיוו, ירושלים, טעקע J/1/8763, זז' 51, 154. אַ דאַנק דעם אַרכיוו פאַרן דערלויבעניש זיך צו באַניצן מיטן פּראָטאָקאָל.

כדאי צו באַמערקן, אַז דער רוב לעגיאָנערן זענען נאָך געווען אין קאַנאַדע און אייראָפּע אין אויגוסט 1918. זען אגרות דוד בן־גוריון, 1, תרס"ד—תר"פ 1904—1919, זז' 383—386 און 402.

44. זען: 'אמר הקונטרס', קונטרס, נומ' ה, (27סטן יוני 1919), זז' 28—30. בּצנעלסאָן האָט ניט געחתמעט. דער אַרטיקל איז אויך אַרויס אין כצנעלסאָנס שריפטן, ב' 1, זז' 148—150.

45. זען דעם פּראָטאָקאָל פון דער דריטער קאָנסטיטואַנטע, דאָרטן (הערה 43), טעקע 8766 J/1, ז' נ"א.

46. זען הרב טוקאַטשינסקי, דאָרטן, זז' ל"ז־ל"ח; הרב תאומים־פרענקעל, דאָרטן, זז' נ"ו־נ"ז; י. א. שירמאַן, ז' ס'. 'ספורי המקרא' מיינט די לערנביכער וואָס ביאַליק, ראַווניצקי און ש. בן־ציון האָבן אַרויסגעגעבן אין אָדעס, אָנהייב יאָרהונדערט.

47. דאָרטן, ז' קט"ו.

48. דאָרטן, ז' פּ"ב. זען אויך זז' ס' און קי"ד.

49. זען דאָרטן, זז' ס"ו, פּ"ו, קט"ו—קי"ז, קכ"ד, קכ"ה, קכ"ח־קכ"ט, כ"ז־כ"ח.

50. זען דאָרטן, ז' קס"ב. אין עטלעכע חדשים אַרום האָט טוראָוו פאַרלאָזט א"י, און זיך באַזעצט אין אַמעריקע. וועגן טוראָוון זען: קרסל, לכסיקון הספרות 2, זז' 17־18.

51. זען דאָרטן, זז' נ"ד־נ"ה.

52. זען דאָרטן, זז' קי"ט־ק"כ.

53. זען דאָרטן, זז' קכ"א—קכ"ג.

54. זען דאָרטן, זז' קכ"ח, קנ"ג־קנ"ד, קס"ב.

55. קרסל, מפתח להפועל הצעיר, ז' 235 אידענטיפיצירט מקרי ווי יוסף שפּרינ־צאַק. יוסף שאַפּיראָ, הפועל הצעיר, ת"א, תשכ"ז, ז' 290 האַלט אַז מקרי איז נ. טווערסקי.

56. זען: הפועל הצעיר, 21סטן פעברואַר 1919, ז' 26. די נאָטיץ אין די נײַע צײַט איז אַרויס דעם 14טן יוני 1918.

57. זען: האדמה, י־י"א, תמוז־אב תר"פ, זז' 446—453. וועגן מ. שניר (קושניר), זען: קרסל, ב, זז' 963־964.

58. זען: אחדות העבודה, יפו, תרע"ט, זז' 90—92, 102־103, 106־107. צוויי טעג פאַר דער 'ערדאַרבעטער קאָנפערענץ', האָט הפועל־הצעיר באַשלאָסן, אויף אַן אויסערגעוויינטלעכער קאָנפערענץ, אָפּצושלאָגן די פאַראייניקונג. די הפועל־הצעיר־דעלעגאַטן האָבן מודיע געווען וועגן דעם באַשלוס אין פאַר־לויף פון דער 'ערדאַרבעטער־קאָנפערענץ'.

59. דער פּראָטאָקאָל פון דער לעצטער פּועלי־ציון־קאָנפערענץ אין לאַנד געפינט זיך — אין צוויי נוסחאות — אין אַרבעטער־אַרכיוו, תל־אביב (טעקע IV, 28 403). אויפן סמך פוןביידע נוסחאות האָט י. ארז געדרוקט דעם פּראָטאָקאָל אין ילקוט „האחדות", תל־אביב, 1961, זז' 573—604. זען בן־צביס אַרויסזאָג דאָרטן, זז' 574־575. אין דעם איצטיקן בוך ווערן בן־צביס רייד דערמאָנט, לויט נוסח א', ז' 9 און נוסח ב', ז' 7.

60. זען: ילקוט „האחדות", זז' 589 און זז' 585־586; 588, 591־592, 594. זען אויך דעם פּראָטאָקאָל, נוסח א', ז' 28.

61. זעט, דאָרטן, זז׳ 594־595. צו באַמערקן, אַז אַלע ארץ־ישראלדיקע דעלעגאַטן וואָס האָבן אָנגעריררט די שפּראַכן־פראַגע, האָבן אונטערגעשטראָכן אַז העבּ־רעיִש איז די אויסשליסיקע שפּראַך פון ייִדן אין ארץ־ישראל. זעט: דאָרטן, זז׳ 587 ; 589—591 ; 593.
62. זעט: דאָרטן, זז׳ 583—585 און 595.
63. זעט: נוסח א׳ פונעם פּראָטאָקאָל, ז׳ 52.
64. זעט: דאָס אידישע אַרבייטער וואָרט, ז׳ ט״ו. וועגן דעם שטימען זעט: נוסח א׳, ז׳ 11. פון דעסט וועגן האָט מען צום סוף אויסגעקליבן אַ ״ייִדיש־סעקרעטאַר״. זײַן עובדא איז געווען איבערצוגעבן אַ תּמצית פון די העברעיִשע רעדעס.
65. די ״פּאַראייניקונג קאָנפערענץ״ איז פאָרגעקומען צווישן 26סטן פעברואַר און דעם 2טן מאַרץ 1919. זעט: אחדות העבודה, יפו, תרע״ט, ז׳ 31. זעט רמזעס אַרויסזאָג, דאָרטן ז׳ 121. זעט די אַנדערע אַרויסזאָגן וועגן ייִדיש, דאָרטן, ז׳ 123.
66. זעט: התרן ו, (1919), נומ׳ 3, ז׳ 15.
67. זעט: אידישער קעמפּער, 11טן אַפּריל 1919.
68. זעט: אונדזער וועג (לאָנדאָן), 1, נומ׳ 2, 16טן מײַ 1919, ז׳ 12 און 10. וועגן פּועלי־ציון אין אַרגענטינע, זעט קונטרס, כ״ב 12־טן יאַנואַר 1920, זז׳ 15־16.
69. כּצנעלסאָנס מאמר איז דער מאמר דערמאָנט אויבן, הערה 44. וואַלדשטיינס אַרטיקל איז אַרויס אין קונטרס ה, זז׳ 55—57 און ו, זז׳ 45—47. וועגן וואַלדשטיינען, זעט: לעקסיקאָן, 3, זז׳ 269־270.
70. די געצײַלטע ייִדישיסטן צווישן די לעגיאָנערן זענען געווען פרעמדע בירגער און בכלל ניט געווען מחויב צו דינען. די אַרגענטינער לעגיאָנערן זענען געקומען פון זייער אייגענער איניציאַטיוו. אַרגענטינע איז געווען נייטראַל בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. זעט: ווײַנפּער (אויבן, הערה 37), זז׳ 22־23 און 30 און ספר תולדות ההגנה (אויבן, הערה 37), ז׳ 496.
71. אין שײַכות מיט דעם ענין זעט אידישער קעמפּער, 11טן יולי 1919, ז׳ 5 און אינעם העברעיִשן אָפּטייל פון דער בראשור אונדזער אמת (יפו, 1920), ז׳ 6.
72. זעט די בריוו פון ליפשיץ און לעוו, אידישער קעמפּער, 8טן אויגוסט 1919, ז׳ 2 און די נאָטיצן פון יואל ענטין און חיים פײַנמאַן, דאָרטן, 19טן סעפּ־טעמבער 1919, ז׳ 1 און 3טן אָקטאָבער 1919, ז׳ 5. וועגן דער שטימונג אין דער פּאַרטיי, יוני 1919, זעט דאָרטן, 20סטן יוני 1919, זז׳ 5־6.
73. זעט: דאָרטן, 24סטן סעפּטעמבער 1919, ז׳ 5.
74. זעט: אגרות ברל כצנלסון, תרע״ט—תרפ״ב (1919—1922), ת״א, 1970, ז׳ 42. כּצנעלסאָנס שפּאָט און בטול צום רוב דעלעגאַטן אויף דער באַראַטונג, וואַרפט זיך אין די אויגן. זעט אויך דאָרטן, זז׳ 44—46, 48, 124.
75. זעט: וואָנדערונגען, תל־אביב,1966, ז׳ 60.
76. זעט דעם עדיטאָריאַל פון אידישער קעמפּער, 11טן אַפּריל 1919.
77. זעט: וואָנדערונגען, זז׳ 59—61.
78. זעט: קונטרס, נומ׳ י״ט, 30סטן דעצעמבער 1919, זז׳ 13—15.
79. זעט דאָרטן, נומ׳ כ׳ זז׳ 29־30. מפתח לקונטרס דעשיפרירט ניט די ראשי־תיבות ל׳ און י. ב. י. ב. שרײַבט דאָרטן, אַז דער צענז איז באַשטימט געוואָרן בעתן גרינדן אחדות־העבודה. לויט מײַן השערה י. ב. איז יצחק יציב, וואָס האָט רעדאַגירט קונטרס. וועגן יציבן זעט: קרסל, 2, ז׳ 103.

80. זען: 'דברים ברורים', הפּועל הצעיר, י"ג (תר"ף), נומ' 10, זז' 5־6. זען: 'תשובה על שאלה', דאָרטן, נומ' 18, זז' 12־13. פּ"גל: ניר, וואַנדערונגען, זז' 142־143 און אידיש סאָציאַליסטישע מאָנאַטשריפט, נומ' 7, יולי 1920, ז' [33].
81. זען: 'שאלה שלא במקומה ולא בזמנה', קונטרס, כ"ו, 19טן פעברואַר 1920, זז' 28־29.
82. זען: 'איזוהי הדרך', דאָרטן, כ"ח, י"ד באדר תר"ף, זז' 20—23 און 'אב דבר ותולדה', דאָרטן, מ"ד, כ"ח בתמוז תר"ף, זז' 17—21. וועגן קאַלערן זען: קרפּל, 2, ז' 743, וועגן יבנאלי זען דאָרטן, 2, זז' [59־60].
83. זען י. בן־צבי'ס בריוו, אידישער קעמפּער, 14טן נאָוועמבער ז' 3 און מ. יאַר־בלומס, דאָרטן, 21סטן נאָוועמבער 1919, ז' 6.
84. פּ"גל: הארץ והעבודה, העפט ה, שבט תרע"ט, זז' 88־89.
85. זען דעם באַריכט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון אַמעריקאַנער פּועלי־ציון, אידי־שער קעמפּער, 28סטן נאָוועמבער 1919 און דאָרטן, 12־טן דעצעמבער 1919.
86. עס איז אינטערעסאַנט וואָס די רעדאַקציע האָט ניט דערמאָנט אַז שוין דעם 11טן אַפּריל 1919 האָט מען זי באַשולדיקט אַז זי נייגט צום ייִדישיזם. די רעדאַקציע האָט געענטפערט, אַז אין טעאָרעטישע פּראַגעס דערלויבט די פּאַרטיי פרייִע דיסקוסיעס און צוגעגעבן אַז דער 'ריב לשונות' האָט קיין מאָל קיין גוטס ניט געבראַכט.
87. זען: אידישער קעמפּער, 23סטן יאַנואַר 1920 און 20סטן פעברואַר 1920. וועגן גינגאָלדן זען: לעקסיקאָן, 2, זז' 222־223.
88. זען: אידיש סאָציאַליסטישע זאַמלביכער, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 1919, זז' 4, 6־7, 40־41.
89. זען: 'נאָך אַ מאָל וועגן לעגיאָנערן', אידיש סאָציאַליסטיש מאָנאַטשריפט, (1920), נומ' 1, זז' 23—27.
90. זען: אידישער קעמפּער, 9טן יולי 1920, ז' 4 און פּ"גל אויבן ז' 45. וועגן זשיטלאָווסקיס שטימען זען וו. נאַטאַנזאָנס אַרטיקל, דאָרטן, ז' 2. זשיטלאָוו־סקיס איינשטעל ווייזט ווידער אויף אַז מען דאַרף ניט אידענטיפיצירן דעם ייִדישיזם מיטן לינקן פליגל פון פּועלי־ציון אין אַמעריקע. די דאָזיקע שטרע־מונג האָט קריטיקירט זשיטלאָווסקיס האַלטונג אויף דער קאָנפערענץ. זען: אידיש סאָציאַליסטישע מאָנאַטשריפט, נומ' 7, ז' 33.
91. זען דעם עדיטאָריאַל פון 17טן אָקטאָבער 1920, ז' 4 און 'לינקיזם אויף דער און אויף יענער זייט ים', 17טן נאָוועמבער 1920, ז' 4. די ציַיט האָט אָנ־געהויבן אַרויסגיין דעם 29סטן אויגוסט 1920, אַנשטאָט אידישער קעמפּער, וואָס איז אַרויס פון דאָס ניַי זינט 1932.
92. די רעזאָלוציעס פונעם לינקן פאַרבאַנד אין ווין (זען אַרכיוו פונעם ייִדישן סאָציאַליסט, בערלין 1921 זז' 6—8) און דער באַריכט אין קונטרס ב"א, (2טן סעפּטעמבער 1920, זז' 16—20) פאַרשטאַרקן זאָרס אַרויסזאָג.
93. זען: ייִדישער קעמפּער, 6 פעברואַר 1920, ז' 5 און 13 פעברואַר 1920, ז' 2.
94. זען סלוצקיס אַרטיקל 'מ.פּ.ס.ע. בוועידת היסוד של „„ההסתדרות"', אסופות, סדרה חדשה 1 (תשל"א), ז' 140. אַראָנאָווס בריוו, געשריבן אין יולי 1919, איז געווען געדרוקט אין אידיש סאָציאַליסטישע זאַמלביכער, זז' 91—93.
95. זען: דאָרטן, ז' 92.
96. זען: סלוצקי, דאָרטן, דאָרטן. ווי דער אַרויסגעבער פון דאָס אידישע אַרביי־טער וואָרט דערמאָנט די 'אידיש־ליטער. אַרבייטער פאַראיין אין ארץ־

ישראל׳. דער רעדאַקטאָר איז געווען דער אַמעריקאַנער לעגיאָנער א. הגלילי. זען: די צײַט, 20סטן אַפּריל 1921, זז׳ 5־6.

97. זען: דאָרטן, זז׳ א—ג. די הויפּטטײלן פון זז׳ ב׳ און ג׳ הײבן זיך אָן מיטן אויסרוף ׳חברים!׳ אויף ז׳ א׳ איז דאָ אַ דירעקטע ווענדונג צו אַן עולם צוהערערס. דער רעדנער האָט דערציילט וועגן ניט־געראָטענע פּרוּוון צו פאַרלייגן פאַראײנען וואָס האָבן געזאָלט, צווישן אַנדערן, פאַרטיידיקן ייִדיש אין לאַנד. עס רעדט זיך וועגן דעם ׳קולטור־פאַראײן׳, עטאַבלירט אין יפו, נאָך זשיטלאָווסקיס באַזוך אין 1914 און וועגן ׳פרײַער סאָציאַליסטישער פאַראײן׳ אין גליל. מכּוח דעם לעצטן פאַראײן האָט דער רעדנער ניט איבערגעגעבן קײן פּרטים.

98. זען: אידיש סאָציאַליסטישע מאָנאַטשריפט, נומ׳ 4־5, אַפּריל־מאַי 1920, הינטערן שער־בלאַט.

99. זען מ. חלדיס אַרויסטרעט אויף דער לעצטער פּועלי־ציון־קאָנפערענץ אין לאַנד, ילקוט „האחדות״ (אויבן, הערה 59), ז׳ 585. חלדי איז געווען דער סעקרעטאַר פון מפ״ס. מ׳דאַרף דערמאָנען אַז מפ״ס איז ניט געווען קײן צופעליקער נאָמען. מפ״ס איז ענלעך ביז גאָר צו מפלגת הפועלים הסוציא־ליסטים העברים בארץ ישראל, דער נאָמען וואָס די קאָנפערענץ האָט באַשטימט מיט אַ גרויסער מערהייט פאַר דער פּאַרטיי וואָס לסוף האָט געהייסן אחדות־העבודה.

100. זען אַראָנאָווס בריוו (אויבן, הערה 94), זז׳ 92־93. אַראָנאָוו באַשטעטיקט אַז מען האָט באַקומען דאָס געלט וואָס עס האָט אַרויסגעשיקט פון ניו־יאָרק דער קאָמיטעט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון ייִדיש אין ארץ־ישראל. אַראָנאָוו בעט דאָרטן, מען זאָל וואָס גיכער אַרויסשיקן אַ שרײַבמאַשין, אַ העקטאָגראַף און אַ קלײנע זעצמאַשין.

101. אַזוי האָט מיר איבערגעגעבן דער שרײַבער א. בלײַ־צפּורי, וואָס איז געווען מאירזאָנס שוואָגער. אַזוי האַלט אויך ד. זכאי, אין אַ הערה צו ש. יהלומיס אַרטיקלען ׳יעקב מאירזון ודרך תשובתו׳, דבר, 24סטן דעצעמבער 1956, 4טן און 11טן יאַנואַר 1957.

מאירזאָן, וואָס איז אַוועק אין ראָטן־פאַרבאַנד אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, איז דאָרטן לסוף געוואָרן אַ בעל־תשובה. זיך מערקן אַז צבי לבון, פון די עלטסטע לינקע פּועלי־ציוניסטן אין לאַנד, זאָגט עדות אַז מאירזאָן האָט זיך באַנוצט מיטן ייִדישיזם כּדי צו קאַמופלירן די אָפּאָזיציע צו אחדות־העבודה. זען די עדותשאַפט אינעם אינסטיטוט פאַר הײַנטצײַטיקער ייִדישער געשיכטע, העברעיִשער אוניווערסיטעט אין ירושלים, אָפּטייל פאַר בעל־פּה־דאָקומענטאַציע, טעקע 85.

102. זען מהאסיפה הכללית, יפו, 1919, זז׳ 17—20.

103. זען: אידיש סאָציאַליסטישע מאָנאַטשריפט, נומ׳ 3, מאַרץ 1920, זז׳ 27־28.

104. אַזוי ווי אונזער אמת איז געווען באַשטימט ניט נאָר פאַר א״י, נאָר אויך פאַר חוץ־לאָרץ — אַ שטריך וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ייִדיש־פּרעסע און ארץ־ישראל — האָט מען די בראָשור געדרוקט צווייִשפּראַכיק: פאַר אויסלאַנד — אויף ייִדיש. פאַר ארץ־ישראל — אויף ייִדיש און העברעיִש.

105. זען אויבן, הערה 71. אונזער אמת באַשטעטיקט בן־צביס אַרויסזאָג און מאַכט קלאָר, אַז די ייִדיש־צײַטונגען פון אויסלאַנד וואָס אחדות העבודה

האָט ניט צוגעשטעלט צום עולם, זענען געווען לינקע צײַטונגען.
זען אויך ז׳ 4 פונעם העברעיִשן טייל אין אונזער אמת, אַ באַמערקונג וועגן דעם אײַנשטעל פון אחדות־העבודה צו ייִדיש ווי אַן ענין פון טאַקטיק. מ׳דאַרף געדענקען, אַז ביידע פּאַררופן זענען ניט אַרויס אינעם ייִדישן טייל פון אונזער אמת.

106. פ״גל מיט מײַן אַרטיקל (אויבן, הערה 3), ז׳ 97.
107. זען: אונדזער גערעַנק, בערלין, יולי 1920, זז׳ 91—111.
108. זען אחדות העבודה (אויבן, הערה 58), ז׳ 15.
109. זען: קונטרס, מ״ט, 20סטן אויגוסט 1920, זז׳ 4 און 6. פ״גל, ווײַטער, ז׳ 78.
110. זען: קונטרס, דאַרטן, ז׳ 7. וועגן י. טאַבענקין זען: קרסל, 2, זז׳ 4־5.
111. זען זײַן בריוו, געדרוקט ווי אַ בראָשורקע, אונטערן טיטל נאָך דער ועלט־קאָנפערענץ. ווין, אויגוסט 1920. וועגן ייִדיש, זען דאָרטן, ז׳ 8. פּועלי־ציון
112. זען: סלוצקי (אויבן, הערה 94), זז׳ 147—149.
113. זען דעם פּראָטאָקאָל, רעדאַגירט פון י. סלוצקי, אסופות, סדרה חדשה 1, זז׳ 11־12. אַנדערע אַרויסזאָגן מכּוח ייִדיש, זען, דאָרטן, זז׳ 15, 24־25. וועגן דוא־באָגען זען זײַן בוך די אומפאַרגעסלעכע, וואַרשע 1955 זז׳ 1—5 און לעקסיקאָן, 1, ז׳ 204.
114. וואַלינער האָט געענטפערט סירקינען אין די צײַט, 19טן אַפּריל 1921, ז׳ 4.
115. זען אויך מײַן אַרטיקל (אויבן הערה 3), ז׳ 95, הערה 129.
116. זען דעם עדיטאָריאַל, דאַרטן. די רעדאַקציע האָט פון דאָס נײַ זיך אַרויס־געזאָגט פאַר גלײַכע רעכט פאַר העברעיִש און ייִדיש אין ארץ־ישראל. די רעדאַקציע האָט אָפּגעוואָרפן די עקסטרעמע שטעלונגען וואָס זשיטלאָווסקי און סירקין האָבן ׳לעצטנס׳ אויסגעדרוקט. געמיינט זענען דאָ די אַרטיקלען געדרוקט דעם 10טן, דעם 16טן און דעם 23סטן אַפּריל 1921.
117. זען דעם מעמאָראַנדום אין אַרבעטער־אַרכיוו ת״א, טעקע IV/408.
118. זען: אגרות ברל כצנלסון, תרע״ט—תרפ״ב, ז׳ 231.
119. ערב דער פּועלי־ציון־קאָנפערענץ, סוף יוני 1921, האָט זשיטלאָווסקי אָפּ־געדרוקט אין די צײַט — 12טן און 16טן יוני, זז׳ 7 און 4 — אַן אַרטיקל און פאַרגעלייגט אַ רעזאָלוציע וועגן דער שפּראַכן־פראַגע. זשיטלאָווסקי האָט אָפּגעשלאָגן די מיגלעכקייט פון אַ טעריטאָריעלן פונדאַמענטאַל צווישן העב־רעיִש און ייִדיש. ער איז אויך געווען קעגן זייער בשותּפותדיקן קיום אין א״י. אויב ייִדיש וועט ניט זײַן די שפּראַך פון א״י, וועט זיך דאָס פאָלק אָפּזוכן אַן אַנדער טעריטאָריע (פ״גל אויבן, ז׳ 45). דער עדיטאָריאַל פון 30סטן יוני, האָט געהאַלטן פאַרן פּיטסבורגער באַשלוס (אויבן ז׳ 55). די פּאַרטיי האָט טאַקע פון דאָס נײַ באַשטעטיקט דעם באַשלוס. זען דאַרטן, 8טן יולי 1921, ז׳ 8.
120. זשיטלאָווסקי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף לאַקערס אַרטיקל (אויבן, ז׳ 61). זען זשיטלאָווסקיס אַרטיקל, דאַרטן, 10טן דעצעמבער 1921.
121. אינעם פּראָטאָקאָל פון דער דריטער קאָנסטיטואַנטע (אויבן, הערה 43), ז׳ VII, איז פאַרשריבן אַז בערל כּצנעלסאָן, איז געווען אַ ׳פאַרבעטענער מיטגליד׳ אין דער פּערמאַנענטער קאָמיסיע פונעם צוזאַמענפאָר.
122. זען כּצנעלסאָנס אַרטיקלען, די צײַט, 18טן און 25סטן דעצעמבער 1921 און 1טן יאַנואַר 1922.
123. זען: אגרות ברל כצנלסון, תרע״ט—תרפ״ב, זז׳ 309־310, 303, און 335.

קאַפּיטל צוויי:

דער ווידעראַנאַנד אינעם וועלטפאַרבאַנד פון פועלי־ציון אַרום דעם מעמד פון יידיש אין ארץ־ישראל: 1923—1925

1. ערב דער זעקסטער וועלט־קאָנפערענץ

דער וויכּוח אַרום דעם סטאַטוס פון העברעיִש און יידיש, סײַ אין א״י, סײַ אין גלות, האָט זיך צעפלאַקערט אין 1923 — נאָך אַ קורצן טעכנישן איבעררײַס אין 1922 — שטאַרקער ווי פריִער.

די שפּראַכן־פראַגע איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן ווי די הויפּט־מניעה צו פאַראייניקן די וועלט־פאַרבאַנדן פון פועלי־ציון און צעירי־ציון. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּאָלעמיק — זי באַנײַט זיך פאַר אַ צוואַ־מענטרעף פון די פועלי־ציון פּאַרטייען.

היות ווי דאָ האַנדלט זיך וועגן אַן עפנטלעכער פּאָלעמיק, געפינען זיך אירע מקורים — איצט ווי פאַר דעם — על־פּי־רוב אין דער פּאַרטייי־שער פּרעסע פון יענער צײַט. איבערהויפּט ווערט די דיסקוסיע באַהאַנדלט אין קונטרס. דאָס באַווײַזט אויף ווי ווײַט אחדות־העבודה האָט זיך פאַר־נומען מיט דער שפּראַכן־פראַגע.

דאָס רוב פעריאָדישע אויסגאַבן פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג אין אויסלאַנד זענען הײַנט ניט בנימצא. דאָס ביסל אַרכיוו־מאַטעריאַלן פון פועלי־ציון וואָס האָבן זיך אויפגעהיט,[1] פילן ניט אויס, בדרך־כּלל, דאָס וואָס עס פעלט אין די צײַטונגען. ניט געקוקט אויף דעם, מעג מען דרינגען, אַז די שפּראַכן־פראַגע איז דעבאַטירט געוואָרן, כּמעט אויסשליסלעך אין דער פּאַרטייישער פּרעסע.

דער המשך פונעם וויכּוח איז דירעקט פאַרבונדן מיטן דרוק פון אחדות־העבודה פאַר אַ באַלדיקער פאַראייניקונג מיט צעירי־ציון. די מערהייט צעירי־ציון זענען אידעאָלאָגיש געווען נאָענט צו אחדות־העבודה.[2] געוואָלט האָבן זיי פאַרשטאַרקן די השפּעה פון אחדות־העבודה אינעם

וועלט־פאַרבאַנד און ברענגען דערצו, אַז די פירערשאַפט אין דער באַ־וועגונג זאָל אַריבערגיין אין די הענט פון דער ארץ־ישׂראלדיקער פּאַרטיי. אין אַ בריוו צו ש. קאַפּלאַנסקי (1טן יאַנואַר 1923), זאָגט ב. לאָקער בפירוש עדות וועגן אָט אַ דעם דרוק: 'מיר זענען אונטער דער דיקטאַ־טור פון אחדות־העבודה'.[3]

צוגרייטנדיק זיך צו דער וועלט־קאָנפערענץ אין 1923, האָט אחדות־העבודה פּובליקירט אין קונטרס קב״ז, זז' 4־5 (כ״ה באייר תרפ״ג) אַ באַריכט פון אַ באַראַטונג געהאַלטן עטלעכע טעג פאַר דעם. בײַם סוף באַריכט איז פאַראַן אַ 'פאַרלייג צו דער וועלט־קאָנפערענץ', אין שײַכות מיט דער 'ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פאַראייניקונג'. כדי צו פאַרשטיין דעם דאָזיקן פאַרלייג ווי געהעריק, דאַרף מען אים פאַרגלײַכן מיט אַ צירקולאַר פונעם פאַרבאַנדס־ביוראָ.[4] דאָרטן, אויף ז' צוויי, איז דאָ אַ דאָקומענט, אָן אַ דאַטע. פון ז' פיר דערוויסט מען זיך אַז עס רעדט זיך וועגן אַ פּלאַטפאָרמע, פון יאַנואַר 1923, מכוח דער פאַראייניקונג צווישן פּועלי־ציון און צעירי־ציון. עס איז אָן אַ ספק, אַז די רעזאָלוציעס אויף דער באַראַטונג פון אחדות־העבודה, זענען אַ דירעקטער ענטפער אויף דער פּלאַטפאָרמע פונעם פאַרבאַנדס־ביוראָ.[5]

דער פאַרבאַנדס־ביוראָ באַניצט אין זײַן דאָקומענט אַ ראַדיקאַלע טערמינאָלאָגיע, רעדט פון קלאַסנקאַמף, האַלט, פאַקטיש, אַז דאָס אָנטייל נעמען אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן איז נ׳ט קיין מוז און רעדט וועגן באַציִונגען מיטן ווינער אינטערנאַציאָנאַל.[6]

דער באַשלוס פון אחדות־העבודה דריקט אויס, פון איין זײַט, אַ קלאָרע ניט מאַרקסיסטישע שטעלונג און, פון דער צווייטער זײַט, דעם אַזוי גערופענעם 'פּאַלעסטינאָצענטרישן־קאָנסטרוקטיוויזם' פון דער פּאַר־טיי. אין די רעזאָלוציעס איז ניטאָ קיין זכר פון קלאַסנקאַמף; דער ווינער אינטערנאַציאָנאַל ווערט ניט דערמאָנט; עס ווערט געפאָדערט זיך באַטיי־ליקן אין די 'אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע אַנשטאַלטן' (ציוניסטישער קאָנ־גרעס, קרן היסוד און אַנדערע).

אחדות־העבודה האָט באַטאָנט צוויי פּונקטן וואָס דער ביוראָ האָט ניט דערמאָנט: פּראָדוקטיוויזירן דאָס ייִדישע לעבן אין א״י און אין גלות און אַנטוויקלען דעם חלוציזם — אידעאָלאָגיש און פּראַקטיש.

די סתירות אינעם געזעלשאַפטלעכן און ציוניסטישן באַנעם פון ביידע דאָקומענטן וואַרפן זיך אין די אויגן. אָבער ניט דווקא אַרום זיי, נײַערט

אַרום דער שפּראַכן־פּראַגע, האָט אחדות־העבודה געפירט איר קאַמף פאַר דער העגעמאָניע אינעם פאַרבאַנד.

אין די רעזאָלוציעס פון אחדות־העבודה ווערט געזאָגט, אַז די פּאַרטיי איז דורכויס קעגן די שפּראַך־פּאַראַגראַפן וואָס דער פאַר־באַנדס־ביוראָ האָט באַשטעטיקט. דער פאַרבאַנדס־ביוראָ האָט ניט קיין אויטאָריטעט צו באַשליסן וועגן ׳פּרינציפּיעלע פּראַגעס׳. אַזאַ אויטאָריטעט פאַרמאָגט בלויז די וועלט־קאָנפערענץ פון פּוע״צ. אחדות־העבודה האָט געוואָרנט אַז די פאַראייניקונג וועט אויפקומען נאָר מיט דעם שותפות פון דער באַוועגונג אין א״י. די פּאַרטיי האָט אויך געפאָדערט אָנטייל צו נעמען אין צוויי עקסטרע קאָנפערענצן: איינע פון צעירי־ציון און די צווייטע פון פּועלי־ציון. אַ דריטע קאָנפערענץ, אַ בשותפותדיקע, האָט געזאָלט באַשיידן די איבערגעבליבענע חילוקי־דעות.

היות ווי אחדות־העבודה האָט אָוועקגעשטעלט די שפּראַכן־פּראַגע בראש פון איר קעגנערשאַפט צו דער פּלאַטפאָרמע פונעם ביוראָ, פאָדערט זיך איבערצוקוקן וואָס ווערט דאָרטן געשריבן וועגן אָט אַ דער פּראַגע. עס ווייַזט זיך אַרויס אַז דער ביוראָ איז געווען זייער אָפּגעהיט אין דעם ענין און פאַקטיש איבערגעחזרט די באַקאַנטע שטעלונג פון די פאַרשיידענע פּאַרטייַען מכּוח דער פּראַגע.

עס ווערט דאָרטן געזאָגט, אַז דער פאַרבאַנד האָט ביז איצט ניט באַשלאָסן וועגן דעם שפּראַכן־ענין. וועט מען דאָס טאָן אויף דער זעקס־טער וועלט־קאָנפערענץ. עס איז אָנגענומען אַז די לימוד־שפּראַך אין גלות איז ייִדיש. דערפאַר טאַקע פאָדערט מען אַז ייִדיש זאָל זייַן דאָס לשון פון דער [ייִדישער] נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. העברעיִש ווערט געלערנט אין אַ ברייטער מאָס. די פּאַרטייען שטערן ניט זייערע מיט־גלידער, ווי יחידים, אין זייער איינשטעל צו דער העברעיִשער קולטור. אַזאַ פירונג וועט אויך קענען דינען דעם פאַראייניקטן וועלט־פאַרבאַנד פאַר אַ דוגמא.

וואָס שייך ארץ־ישׂראל, האַלט, ׳אונדזער פּאַרטיי׳, דאָרטן, אַז העברעיִש איז די איינציקע שפּראַך פונעם יישוב. אַ טייל פּאַרטייען (אַמע־ריקע,[7] ענגלאַנד, מיזרח־גאַליציע) זענען אַרויס קעגן דעם און געפאָדערט געוויסע רעכט פאַר ייִדיש אין ארץ־ישׂראל. היות ווי די פּראַגע וועט באַהאַנדלט ווערן אויף דער זעקסטער קאָנפערענץ, קען דער פאַרבאַנד ניט שטעלן קיין באַדינגען צעירי־ציון בנוגע דעם מעמד פון ייִדיש אין

ארץ־ישׂראל. אויף דער פֿאַראייניקונג־פּלאַטפֿאָרמע דאַרף ניט זײַן קיין פּאַראַגראַף וועגן דעם, סײַדן מיט דער הסכּמה פֿון צעירי־ציון.

להיפּוך צו אָט דעם פֿאַרנעפּלטן און פֿשרהדיקן פּרווו צו רעגולירן די שפּראַכן־פֿראַגע אין פֿאַרבאַנד, האָט אחדות־העבֿודה אָוועקגעשטעלט דעם ענין אין סאַמע אויבנאָן. אחדות־העבֿודה האָט געפֿאָדערט, דער פֿאַר־באַנד זאָל אָנערקענען העברעיִש ווי די שפּראַך פֿונעם ייִשובֿ און גלײַכ־צײַטיק ניט באַשטימען קיין אייַנהייטלעכן פּראָגראַם פֿאַר אַלע לענדער און פּאַרטייען.

אויף די באַשלוסן פֿון דער אחדות־העבֿודהס באַראַטונג (אויבן, ז׳ 79), האָט געענטפֿערט דער ביוראָ אין מײַ 1923. דער ביוראָ האָט באַגריסט דאָס פֿאַראייניקן פּועלי־ציון און צעירי־ציון אין פּוילן[8] און באַטאָנט אַז די פֿאַרהאַנדלונגען פֿאַר דער אַלגעמיינער פֿאַראייניקונג וועט מען פֿירן לויט די פּרינציפּן פֿון דער פּלאַטפֿאָרמע פֿון יאַנואַר 1923 (אויבן ז׳ 80). דער ביוראָ האָט פֿולע רעכט צו באַשליסן וועגן פּרינציפּיעלע פֿראַגעס. אַזאַ רעכט שפּאַרט זיך אָן אויף ׳תּקנות פֿונעם פֿאַרבאַנד און אויף דער רעזאָלוציע פֿון דער בערלינער באַראַטונג פֿון סעפּטעמבער 1922׳. דער ביוראָ האָט אָפּגעפֿרעגט דעם פֿאַרלאַנג פֿון אחדות־העבֿודה, אַז עס זאָלן פֿאָרקומען דרײַ קאָנפֿערענצן און מען זאָל דערלויבן אַ פּאַרטיי פֿון איין פֿאַרבאַנד זאָל זיך באַטייליקן אין דער קאָנפֿערענץ פֿונעם אַנדערן פֿאַרבאַנד.

אַ בריוו פֿון י. שפּיגלמאַן־יציב,[9] אילוסטרירט וואָס פֿאַר אַ וואָגי־קייט אחדות־העבֿודה האָט צוגעשריבן דער שפּראַכן־פֿראַגע. דער בריוו, דאַטירט דעם 2טן יולי תּרפּ״ג [!], גיט איבער אַז דער צענטראַל־קאָמי־טעט פֿון אחדות־העבֿודה האָט אַרומגערעדט די רעזאָלוציעס פֿונעם ביוראָ ׳פֿון 27־29 [מײַ 1923]׳. מען האָט באַשלאָסן צו שיקן אַ דעפּעש, אַז דער אײַנשטעל פֿונעם ביוראָ מכּוח דער שפּראַכן־פֿראַגע האָט ניט קיין לעגאַלן גרונט. דאָס האַלט אָפּ די פֿאַראייניקונג און שטעלט אין סכּנה די גאַנצקייט פֿון פֿאַרבאַנד.

צו באַמערקן, אַז יציב דערקלערט, אַז די דעפּעש איז זיכער ניט אָנגעקומען, ווײַל מען האָט זי בכלל ניט אַרויסגעשיקט. די קאַסע פֿון אחדות־העבֿודה איז ליידיק. פֿאַרשטייט זיך אַז ס׳איז אויך ניטאָ קיין געלט כּדי אַרויסצושיקן אַ דעלעגאַציע אויפֿן ציוניסטישן קאָנגרעס און אויף דער וועלט־קאָנפֿערענץ.[10] יציב האָט צוגעגעבן אַז אויף אַ באַראַטונג

אין תל־אביב (זען קונטרס קל"ו, ז׳ 11), האָט אחדות־העבודה אָפּגעפּרעגט דעם ענטפער פונעם ביוראָ און פון דאָס נײַ באַשטעטיקט די באַשלוסן אָנגענומען אין פּתח־תקוה (אויבן, ז׳ 79).

דער אויבן געבראַכטער מאַטעריאַל באַווײַזט אַז די שפּראַכן־פראַגע, אָנגעלאָדן מיט די פּאַרוויקלסטע געפילן און פאַרמאָגנדיק אַ פּאָלעמישן טרײַב־כּוח, האָט אַן איבערריײַס געדינט ווי דער מיטלפּונקט און די אַרענע אינעם ווידעראַנאַנד פאַר דער העגעמאָניע אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג.

די סיבה פונעם ווידעראַנאַנד האָט געשטעקט אין היפּוכדיקע אידעאָ־לאָגישע באַנעמען, סײַ אין ייִדישע, סײַ אין ניט־ייִדישע ענינים. ניט קוקנדיק אויף דעם, האָט זיך די פּלוגתּא אויסגעדריקט, כּלפּי־חוץ, אויף אַ שאַרפן, אויפגעבראויזטן, אומפאַרמיטלטן אופן, אין שטורמישע וויכּו־חים איבער די רעכט פון ייִדיש אין ארץ־ישׂראל און פון העברעיִש אין גלות. דערפאַר איז קיין חידוש נישט, וואָס אויף דער זעקסטער וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון (בערלין 26סטן—30סטן יולי 1923), האָט די שפּראַכן־פראַגע געשפּילט אַ הויפּטראָלע.

2. פון קאָנפערענץ צו קאָנפערענץ

די רעדעס פון פיר דעלעגאַטן שפּיגלען אָפּ די פאַרשיידענע אײַנ־שטעלן מכּוח דער שפּראַכן־פראַגע אויף דער זעקסטער וועלט־קאָנפערענץ.

בערל לאָקער און אַנשל רײַס האָבן פאַרטראָטן די פּאַרטייען וואָס האָבן געפאָדערט רעכט פאַר ייִדיש אין ארץ־ישׂראל. בערל כּצנעלסאָן האָט גערעדט אין נאָמען פון אחדות־העבודה. נחמן סירקין איז אַרויס־געטראָטן מיט אַ יחיד־מיינונג. אין לאָקערס, רײַס׳ און כּצנעלסאָנס אַרויס־זאָגן איז פאַראַן אַ שותּפותדיקער שטריך: דאָס אָנאַרקענען אַ ׳טעריטאָ־ריעלן צעטייל׳ אין דער הערשאַפט פון ייִדיש און העברעיִש.

לאָקער האָט פאָרגעלייגט, דער פאַרבאַנד זאָל דערקלערן אַז ייִדיש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך אין גלות און העברעיִש די שפּראַך פון ארץ־ישׂראל. העברעיִש וועט מען לערנען אין די שולן פון פאַרבאַנד אין אויסלאַנד און אין ארץ־ישׂראל וועט מען ווײַזן טאָלעראַנץ צו ייִדיש און לערנען ייִדיש אין די שולן.[11]

אַנשל רײַס, איינער פון די פּועלי־ציון־פירער אין מיזרח־גאַליציע, איז געווען קאַטעגאָרישער ווי לאָקער. לויט רײַס, איז די שפּראַכן־פראַגע דערעיקרשט אַ פּאָליטישע פראַגע. פּ"גל ווײַטער, ז׳ 154). ער האָט ניט

געהאַלטן פון לאָקערס גרייטקייט צו דערלויבן אַז יחידים און גרופּעס זאָלן פירן אַ פרייַע שפּראַכן־פּאָליטיק. עס איז ניט גענוג מען זאָל טאָלע־רירן ייִדיש אין א״י. מען דאַרף פאַר דעם קעמפן. דאָס מיינט ניט אַז מען דאַרף אַרויפצווינגען ייִדיש אויף די אַרבעטער אין ארץ־ישׂראל, אָדער שטערן, די קולטורעלע אַקטיוויטעט פון אחדות־העבודה. אחדות־העבודה ׳באַגייט זיך צו ייִדיש מיט גוואַלד־מעשׂים׳. רייַס האָט איבערגעחזרט צוויי אַרגומענטן, וואָס די אָנהענגערס פון ייִדיש האָבן דערמאָנט אין אַלע וויכּוחים איבער ייִדיש אין ארץ־ישׂראל. א) די אַנטוויקלונג פון די אַרבעטער וואָס קענען ניט קיין העברעיִש גייט אויף צוריק. ב) די העברעיִסטישע פּאָליטיק [אין ארץ־ישׂראל] קען שאַפן אַ מחיצה צווישן די אַרבעטער דאָרטן און די אַרבעטער אין גלות. רייַס האָט געוואָרנט פאַר דער סכּנה, אַז מיטן צוואָקס פון דער עליה זאָל מען אייַנפירן העברעיִש מיט מעטאָדן, וואָס אַפילו אחדות־העבודה וועט מיט זיי ניט אייַנשטימען. ׳דעמאָלט וועט אויסישקין האָבן גענוג כּוח צו פירן די מלחמה [פאַר העברעיִש] אויף זייַן גייַסט און שטייגער׳. לסוף האָט רייַס געפאָדערט אַרייַנפירן ייִדיש ׳אין די שולן, ביבליאָטעקן און לייענזאַלן׳ [אין א״י].[12]

בערל כּצנעלסאָן [13] האָט אָנגעהויבן זייַן רעדע מיט אַ באַמערק, וואָס כאָטש ער איז געווען געווענדט צו זייַנע קעגנערס, איז ער גילטיק פאַר דער גאַנצער שפּראַכן־פּאָלעמיק. כּצנעלסאָן, וואָס האָט געוווּסט אַז דאָס רוב שפּראַך־דיספּוטאַנטן זענען ניט מקיים זייערע דעקלאַראַציעס וועגן אייַנטייַטשיקן ייִדישן שפּראַך־מאָניזם, האָט פאַרגיינט זייער רעכט אַרויס־צוזאָגן אַ מיינונג מכּוח דער שפּראַכן־פראַגע. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָ רעדט זיך ניט נאָר וועגן אַ ריין קולטורעלער, נאָר אויך וועגן אַ פּאָלי־טישער פראַגע, וואָס איז ניט פאַרבונדן מיטן קלאַסנקאַמף. ׳דער פאַקט וואָס די דאָזיקע פראַגע ברויזט אויף די געמיטער, מער ווי יעטוועדער אַנדערע פראַגע און דאָס וואָס בייַ מיר דערוועקט זי די גרעסטע אינער־לעכע איבערראַשונג, איז אַ באַווייַז אַז די וואָרצלען פון דער פּראָבלעם זענען טיפער ווי די געזעצן פון דער לאָגיק׳. פאַרן אַרומרעדן דעם ענין, האָט כּצנעלסאָן איבערגעגעבן אַ היסטאָרישן איבערבליק, וואָס איז פאַק־טיש געווען אַ שאַרפע קריטיק קעגן פּועלי־ציון. פּועלי־ציון האָט זיך צו־געפּאַסט צו די ׳באַגריפן פון דער ייִדישער גאַס׳. דערפאַר פּסלען אַ סך פון אירע חברים ׳דעם געדאַנק פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע׳. פון דעם נעמט זיך, צווישן אַנדערן, דאָס פאַרניינען העברעיִש.

וואָס שייך די צוקונפט פון דער פראַגע אין א״י, דאַרף מען וויסן אַז ביי אַ ממשותדיקער סאָציאַלער באַוועגונג, ווי די וואָס עקסיסטירט אין ארץ־ישראל, זיינען ניטאָ קיין חילוקי־דעות מכּוח שפּראַך. העברעיִש איז דאָרטן 'אַ הייליקער פּאַרמעגן'.[14] עס איז ניט אמת אַז אחדות־העבודה האַלט זיך גרויס. דער צונויפבונד מיטן גלות איז זייער וויכטיק, אָבער די חברים מוזן איינזען, אַז העברעיִש אין ארץ־ישראל איז אַ ווירקלעכקייט, וואָס מען קען ניט בייקומען. ייִדיש וועט מען בשום־אופן ניט לערנען אין א״י.

וואָס שייך דעם גלות, האָט כּצנעלסאָן געהאַלטן, אַז העברעיִש וועט משפּיע זיין אויף אים. דער 'ייִדישיסטישער פּראָגנאָז' האָט ניט קיין גרונט. יעדע פּאַרטיי דאַרף באַשטימען וועגן דער שפּראַכן־פראַגע לויט איר אייגענעם ווילן.[15]

נחמן סירקין האָט באַמערקט, אַז ער ברענגט מיט זיך אַ פּשרה־פאָרלייג פון פּוע״צ אין אַמעריקע. דער אָנהייב פונעם פאָרלייג איז זייער, דער סוף, זשיטלאָווסקיס. עס קען זיין אַז די קאָנפערענץ וועט אָננעמען די דאָזיקע פּשרה, וואָס איז ביז היינט ניט אַרומגערעדט געוואָרן ווי געהעריק. ער אַליין, סירקין, וועט שטימען קעגן.[16]

סירקין האָט געזען אין דער שפּראַכן־פראַגע, אַ קולטורעלן, ניט קיין פּאָליטישן ענין. ער האָט פונאַנדערגעשיידט צוויי צוגאַנגען צו דער שפּראַכן־פראַגע: אַ טעאָרעטישן און אַ פּראַקטישן. פון אַ טעאָרעטישן קוקווינקל דאַרף די באַוועגונג, פּאָליטיש, שטיצן ייִדיש, ווייל זי איז די שפּראַך פון די מאַסן. קולטורעל, אָבער, איז מעגלעך אַ פולע און פּאָזי־טיווע באַציִונג צו אַ לשון, בלויז ווען עס גייט אין 'דער שפּראַך פון לעבן און דער שפּראַך פונעם פאָלקסהאַרץ'. טשעכיש און ליטוויש זענען אַ ביישפּיל פון דעם, כאָטש דייטש און רוסיש האָבן זיי אַרויסגעשטויסן ווי 'שפּראַכן פון לעבן'. להיפוך צו זיי, ייִדיש, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו דער 'פּאָלקס־נשמה', ניט מחמת אַ דרויסנדיקן דרוק, נאָר 'מחמת די צרות פון לעבן', איז קיין מאָל ניט געוועזן די שפּראַך פון 'פּאָלקסהאַרץ Lingua del Core'. 'די מאַסן האָבן שטענדיק באַגלייט ייִדיש מיט אַ געפיל פון טיפער קריטיק און ניט געשאַצט דאָס לשון וואָס זיי האָבן גערעדט בעל־כּורחם'. כאָטש זייער ווייניק ייִדן קענען העברעיִש, לעבן ביים המון אַ סך 'פּסוקים פון דער העברעיִשער פּאָעזיע'. ניט

געקוקט אויף דעם וואָס מיליאָנען קענען ייִדיש, האָבן זיך 'לידער אין ייִדיש נישט אויפגעהיט אינעם זכרון פונעם פאָלק'.

וואָס שייך דעם פּראַקטישן צוגאַנג, האָט סירקין אָפּגעפרעגט די טענה, אַז דאָס פאָלק וויל ייִדיש. 'דאָס פאָלק אַליין זאָגט קלאָר אַז ער וויל העברעיִש'. ניט נאָר א"י באַווייַזט דאָס, ביַיערט אויך ליטע, ווו דאָס רובֿ ייִדן האַלט מיט העברעיִש. סירקין האָט פאַרגלייַכט אַז עס איז פאַראַן קלאַסנקאַמף אין קולטור־ענינים, ווי שפּראַך למשל. אין אַט אָ דעם תחום איז מכריע די עליט וואָס פירט מיטן פאָלק.[17]

סירקין האָט געפאָדערט וואָס אַפילו אחדות־העבודה האָט ניט פאַרלאַנגט: 'דערקלערן העברעיִש פאַר דער שפּראַך פונעם ייִדישן פאָלק'. דאָס פאַרוואַנדלען העברעיִש אין דער גערעדטער שפּראַך פונעם גאַנצן פאָלק, וועט זייַן 'איינער פון די קולטורעלסטע און רעוואָלוציאָנערסטע מעשׂים אויף דער גאָרער וועלט'. די ייִדישע יוגנט ווייַכט פונעם פאָלק וואָס רעדט ייִדיש'. זאָל דאָס פאָלק געוועזן רעדן העברעיִש, וואָלטן 'מאַרקס און הייַנע' ניט געהאַט פון אים אַוועק. 'זאָל דאָס פאָלק געוועזן רעדן העברעיִש', וואָלט עס געוואָרן אַזאַ קולטורעלער כּוח, אַז 'מיר וואָלטן זיך ניט געשעמט צו רעדן אין אונדזער שפּראַך, ווי מיר שעמען זיך הייַנט מיט ייִדיש. להיפּוך. ניט־ייִדן וואָלטן זיך געשעמט אונדז ניט צו פאַרשטיין. אין דער שפּראַכן־פראַגע ווענדט זיך אויב מיר וועלן אַרויסהייבן דאָס פאָלק צום זעניט פון דער מענטשלעכער קולטור, אָדער מיר וועלן מיט אים פאַרבלייַבן, אויף דורות, אינעם חשכות פון געטאָ'.

נאָך דער אויבן דערמאָנטער דעבאַטע, איז די באַשלוסן־קאָמיסיע ניט דערגאַנגען צו אַן איינשטימיקער רעזאָלוציע. רייַס און אַנדערע דעלעגאַטן האָבן פירגעלייגט צו באַהאַנדלען די פאַראייניקונג מיט צעירי־ציון. כּצנעלסאָן און בן־צבי האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט, 'ווייַל די פאַראייניקונג הענגט אָפּ פון דער שפּראַכן־פראַגע'. אין שייַכות מיט דעם, האָט פון דאָס נייַ אויסגעבראָכן 'אַ שטורמישער וויכּוח'.

אחדות־העבודה האָט געפאָדערט, אַז בייַם אָפּשטימען זאָל זי קריגן מער שטימען ווי אירע קאָלעגן, מחמת זי איז די גרעסטע פאַרטיי אינעם פאַרבאַנד און 'ארץ־ישׂראל איז דער צענטער פון דער טעטיקייט'. לסוף האָט מען אָנגענומען אחדות־העבודהס פאָדערונגען און זי האָט געקראָגן פופצן שטימען, בשעת 'די אַנדערע גרעסערע פאַרטייען' האָבן באַקומען צו צוועלף שטימען יעדער איינער.

אין אַזעלכע ווילטיקע פראַגעס ווי 'די אַרבעט אין א״י, און קפא״י (קופּת א״י, די קאַסע פאַר א״י), האָט מען זיך אויסגעגלײַכט. די שפּראַכן־פראַגע, פאַרקערט, האָט מען געדאַרפט אַריבערפירן אויפן פּלענום. דאָרטן האָט זיך די דיסקוסיע באַנײַט, ביז מען איז געגאַנגען אויף אַ פּשרה. מען האָט אויסגעמעקט דאָס וואָרט אָרגאַניש פונעם פאָרלייג אַז 'דער קאַמף פאַר די נאַציאָנאַלע־ און קלאַסנרעכט [אין גלות] איז פאַרבונדן, אָרגאַניש, מיט יידיש'. מען האָט אויך באַשטעטיקט צוויי פאָרלייגן פון אחדות־העבודה: א) מען זאָל באַשטימען 'אַ געוויסע נאָרמע פון לערנען העברעיִש אין די פאַרבאַנדשולן אין גלות'. ב) מען זאָל ניט צווינגען די מיטגלידער פון פאַרבאַנד אָנצונעמען 'אַן אייגהייטלעכן פּראָגנאָז פאַרן קולטורעלן לעבן און פאַר דער שפּראַכן־פראַגע אין א״י און אין גלות'.[18]

רײַס האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער פאָדערונג מען זאָל לערנען יידיש אין א״י. אחדות־העבודה האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פאָדערן 'רעכט פאַרן מיעוט אָנצופירן די קולטורעלע טעטיקייט לויט זײַן ווילן'.[19]

צו אָט דער געצוווּנגענער פּשרה האָט מען בײַגעלייגט סקאַרבאָווע דעקלאַראַציעס. אחדות־העבודה האָט דערקלערט 'אַז העברעיִש איז די איינציקע שפּראַך פון די אַרבעטער אין א״י'. אַלע אַנדערע פּאַרטייען האָבן געפּאָדערט אַז אחדות־העבודה זאָל אַרויסטרעטן 'קעגן אומטאָלעראַנץ און שפּאָט צו יידיש אין א״י און דערציִען אירע חברים אָפּצושאַצן די קולטורעלע ווערטן וואָס די מאַסן שאַפן אין גלות'.[20]

היות ווי מען האָט זיך ניט פאַראייניקט מיט צעירי־ציון, האָט מען באַשלאָסן אַז אַ 'דרײַ־קאָמיסיע' זאָל אַרומרעדן דעם דאָזיקן ענין.

אליהו גאָלאָמב, וואָס האָט, ווי געזאָגט, אָנגעשריבן דעם באַריכט פון דער קאָנפערענץ, האָט אויך געדרוקט אַן אַרטיקל וועגן דעם צוזאַמענפאָר.[21] דער דאָזיקער אַרטיקל מאַכט קלאָר, אויף אַ דורכזעיִקן אופן, ווי אַזוי די שפּראַכן־פראַגע האָט קאָמפּלירט די פּרינציפּיעלע חילוקי־דעות אינעם פאַרבאַנד. גאָלאָמב, וואָס איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער פּשרה־רעזאָלוציע, צעטיילט דעם פאַרבאַנד אויף צוויי צדדים. איין צד איז פאַרנומען מיט שאַפן און בויען [אין א״י] און מיטן אויפלעבן העברעיִש. דער אַנדערער צד — געמיינט פּועלי־ציון — איז אַן אינסטרומענט אויף 'אײַנצונעמען די מאַסן' פאַרן 'בנין הארץ'. אַנשטאָט אויסצופילן זייער מיסיע, לויפן נאָך די פּועלי־ציוניסטן נאָך 'לייִדיקער סאָציאַליסטישער כשרות און מאַכן נאָך דעם בונד און די קאָמוניסטן'. אַזאַ דרך קען זיי

פאַרפירן צו 'נאַציאָנאַלער פאַרניינונג און צו אַליין־ליקווידאַציע'. כאַטש גאָלאָמב באַשולדיקט פּועלי־ציון אַז זייער 'לעבנס־תּוכן איז דער ייִדיי־שיזם', איז קענטיק — פון דעם אַרטיקל גופא — אַז ער גרייַפט זיי אָן, הלמאַי זיי זענען ניט געגנוג אַקטיוו לטובת א"י; זיי זאָגן זיך ניט אָפּ פון אָנפירן מיט קפא"י און זיי ווילן זיך ניט פאַראייניקן מיט צעירי־ציון.

גאָלאָמב האָט צוגעשריבן אַז צעירי־ציון אין פּוילן קאָנקורירן מיט פּועלי־ציון אין פּראָלעטאַרישקייט, היינו, 'אַנטי־חלוציזם און שפּאָט צו בעלי־הבתּישע זין — יענער כּוח וואָס האָט ביז איצט אויסגעפּילט און וועט ווייַטער אויספּילן די רייען פון די אַרבעטער אין א"י'. דער דאָזיקער אַרויסזאָג אילוסטרירט זייער בולט די סאָציאַל־קולטורעלע אָנגעצויגנקייט צווישן דעם רוב פון פּועלי־ציון און צעירי־ציון אין פּוילן און יענע חברים פון אחדות־העבודה, אַביטוריענטן פון גימנאַזיעס אין א"י און אויסלאַנד, ווי גאָלאָמב גופא, דב האָז און משה שרת. עס איז דערפאַר טאַקע קיין חידוש ניט, וואָס צווישן משה שרת און דב־בער מלכּין איז אויסגעבראָכן, אויף דער זעקסטער וועלט־קאָנפערענץ, אַ שטורמישער וויכּוח.[22]

פון גאָלאָמבס אַרטיקל דערוויסט מען זיך אויך, וועגן חילוקי־דעות אין דער אחדות־העבודה דעלעגאַציע מכּוח דעם אייַנשטעל צום וועלט־פאַרבאַנד פון פּועלי־ציון. אחדות־העבודה איז צוגעגאַנגען צו דער זעקסטער וועלט־קאָנפערענץ מיט אַ פעסטן באַשלוס צו צעשפּאַלטן דעם וועלטפאַרבאַנד אויב די פּועלי־ציון־פּאַרטייען וועלן זיך ניט פאַראייניקן מיט צעירי־ציון. גאָלאָמב האַלט, אַז די דעלעגאַציע איז געווען 'שוואַך' און מסכּים געווען אויף פּשרות, וואָס עס איז ניט זיכער 'צי מען וועט זיי אָננעמען אין ארץ־ישׂראל' (פּ"גל אויבן, ז' 51). די דעלעגאַציע האָט זיך אַזוי געפירט 'מחמת די באַציִונגען מיט דער באַוועגונג זענען 'אַ מוז'. אויב די דריי־קאָמיסיע (אויבן, ז' 86) וועט ניט „פאַרווייכערן' די אינטערפּרעטאַציע פון דער רעזאָלוציע מכּוח די שפּראַכן און ניט ברענגען צו אַ פאַראייניקונג, דאַרף זיך אחדות־העבודה צוזאַמענקומען און 'קריטיקירן די דעלעגאַציע'.

אַ בריוו וואָס בערל כּצנעלסאָן האָט אין יענער צייַט אַרויסגעשיקט צו דער פּאַרטיי, באַלייַכט גאָלאָמבס אַרטיקל און באַריכט. לויט כּצנעלסאָן, איז די קאָנפערענץ געווען 'זייער אַ שווערע'. מען האָט דאָרטן אַרויסגעוויזן 'שׂינאה צו אחדות־העבודה און מען האָט זיך אין איר

געוואָלט נוקם זײַן׳ [23] עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די באַציונגען מיטן פאַרבאַנד, וואָס אין דער דעלעגאַציע פון אחדות־העבודה איז געווען אַרײַנגערעכנט י. שווײַגער. שווײַגער איז געווען, איינציײַטיק, אַ חבר אין אחדות־העבודה און אַ מיטגליד אינעם וועלטפאַרבאַנד פון צעירי־ציון. אַזאַ פּירונג איז געווען אין פולער סתירה צו אַ בפירושן באַשלוס פון פאַרבאַנד־ביוראָ.[24] די פאָדערונג פונעם ביוראָ, אַז שווײַגער זאָל ניט אָנטייל נעמען אין דער קאָנפערענץ, האָלט כּצנעלסאָן פאַר אַ מין וועלן ׳פּראָוועו אַ סקאַנדאַל׳. כּצנעלסאָן אָנאַרקענט אַז די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען דאָס רוב פאָדערונגען פון אחדות־העבודה און באַהאַנדלט צוויי פראַגעס: דעם שפּראַכן־ענין און די פאַראייניקונג מיט צעירי־ציון.

וואָס נוגע די לשונות איז די רעזאָלוציע געווען כּמעט ׳אַ גוטע׳. ׳מען האָט געמאַכט אַ סוף צו דער גלײַכבאַרעכטיקונג פון די שפּראַכן אין א״י׳.

לגבי דעם גלות, האָט מען, אַ דאַנק ׳אונדזער דרוק׳, עפּעס דער־גרייכט. אָבער דאָס איז ניט גענוג. עס פאָדערט זיך ׳גלײַכע רעכט, סײַ פאַר די יידיש־שולן סײַ פאַר די העברעישע׳. די פאַרשיידענע מיינונ־גען וועגן אָט דעם ענין ׳שטעלן די פאַראייניקונג אין סכּנה׳. כּצנעלסאָן גיט צו אַז די חילוקי־דעות אין דער דעלעגאַציע, האָבן גורם געווען זי זאָל זיך ׳אונטערגעבן און אַראָפּנעמען איר פּאָן׳.

דער בריוו גיט צו פאַקטן וואָס גאָלאָמב האָט ניט דערמאָנט. עס ווײַזט זיך אַרויס אַז די דעלעגאַציע האָט צוויי מאָל פאַרלאָזט די קאָנפערענץ. איין מאָל, נאָך דעם ווי רײַס׳ פאָרלייג צו לערנען יידיש אין א״י איז אָנגענומען געוואָרן. ׳קאַפּלאַנסקי האָט אונדז אָנגעהויבן נאָכ־לויפן... און רײַס האָט זיך צוריקגעצויגן פונעם פאָרלייג׳.

דאָס צווייטע מאָל האָט די דעלעגאַציע פאַרלאָזט די קאָנפערענץ בשעת מען האָט דיסקוטירט די פאַראייניקונג. ׳דאָס איז געווען אַ שוידער־לעכע נאַכט... נישט געשלאָפן, נישט גערוט. די געמיטער זענען געווען אויפגעברויזט׳. אַ טייל חברים האָבן געפאָדערט צו צעשפּאַלטן דעם פאַרבאַנד. אַנדערע האָבן געהאַלטן פאַר אַ פּשרה. כּצנעלסאָן האָט פּיר־געלייגט צו פאַרלאָזן די קאָנפערענץ, ניט צו צעשפּאַלטן דעם פאַרבאַנד און ׳ברענגען דעם ענין קיין ארץ־ישׂראל... דעמאָלט האָט אָנגעזאָגט בן־צבי (ב.[25] האָט דאָס געטאָן פאַר דעם), אַז ער פאַרלאָזט ניט, אַפילו ווען די דעלעגאַציע זאָל פאַרלאָזן. צעשפּאַלטן די פּאַרטיי אויף דער

קאָנפערענץ האָב איך ניט געוואָלט, און דערפאַר און בלויז דערפאַר, האָבן די רעזאָלוציעס באַקומען די איצטיקע פורעם... מיר זענען געווען צעבראָכן און דערשלאָגן. ביי אַזאַ מצב האָט מען אָנגענומען די רעזאָלוציע וואָס פאַרלאַנגט פון אחדות־העבודה דיסציפּלין׳.

כּצנעלסאָנס בריוו מאַכט אויך קלאָר אַז די ׳דריי־קאָמיסיע׳, איז אויפגעקומען לויטן אולטימאַטיוון פאָדערן פון אחדות־העבודה. די קאָמיסיע האָט געזאָלט פאַרענדיקן איר שליחות, אין דער צייט וואָס די דעלעגאַציע פון אחדות־העבודה האָט געוויילט אין אויסלאַנד.

עס וואַרפט זיך אין די אויגן, ווי ענלעך עס זענען געווען די קריטיק און דאָס קאָכעניש אין אחדות־העבודה נאָך דער שטאָקהאָלמער באַראַטונג (אויבן, ז׳ 51) און נאָך דער זעקסטער וועלט־קאָנפערענץ. אויך כּצנעלסאָנס פאַרענטפערן זיך, איז ביידע מאָל געווען זייער ענלעך. דערצו איז דורכזעיק, אַז די חברים וואָס האָבן געוואָלט פאַרלאָזן דעם פאַרבאַנד, זענען קיין מאָל ניט געווען קיין מיטגלידער אין דער פּועלי־ציון פּאַרטיי אין א״י. להיפּוך צו זיי, בן־צבי און בלאָך, פון די עלטסטע פּועלי־ציון חברים אין לאַנד, זענען בשום־אופן ניט מסכּים געווען אַרויסצוטרעטן פונעם פאַרבאַנד.

בן־צביס אַ בריוו צו קאַפּלאַנסקין (25סטן אָקטאָבער 1923), זאָגט עדות וועגן דער שטימונג וואָס עס האָט געהערשט אין אחדות־העבודה נאָך דער קאָנפערענץ. בן־צבי שרייבט, אַז דאָס ניט־פאַראייניקן זיך מיט צעירי־ציון האָט אויפגעהויבן גרויס אומצופרידנקייט אין דער פּאַרטיי. די אַבסאָלוטע מערהייט[26] אין אחדות־העבודה שטאַמט פון צעירי־ציון. אַ טייל אַלטע פּועלי־ציוניסטן אין לאַנד זענען אויך קעגן די רעזאָלוציעס פון דער קאָנפערענץ. ׳די עיקר־מניעה איז ווי אַזוי אויסצוטייטשן דעם שפּראַכן־באַשלוס׳.

בן־צבי און אויך בלאָך האָבן געהאַלטן, אַז אויב מען וועט דערלויבן פולע פרייהייט פאַר העברעישער טעטיקייט אין גלות, וועט מען קענען שטעלן אַן אולטימאַטום צעירי־ציון, אַז אין נאָמען פונעם פאַראייניקטן פאַרבאַנד זאָל מען אַרויסשטעלן אויף אַ בולטן אָרט, דאָס וואָרט פּועלי־ציון.

עס זענען פאַראַן צוויי מיינונגען אין אחדות־העבודה: חברים וואָס ווילן זיך פאַראייניקן ׳דע פאַקטאָ׳ מיט צעירי־ציון און ניט פאַרלאָזן

פּועלי־ציון; אַנדערע, ווילן אָפּטרעטן פון פּועלי־ציון און זיך ניט פאַר־אייניקן מיט צעירי־ציון.

בן־צבי גיט צו, אַז ער און בלאָך קעמפן קעגן ביידע שטרעמונגען. ׳אויב איר וועט מותּר זײַן, וועט מען קענען היטן סײַ די גאַנצקייט פון אחדות־העבודה, סײַ די גאַנצקייט פונעם פאַרבאַנד׳. לסוף האָט בן־צבי מודיע געווען, אַז אין גיכן וועט פאַרקומען אַ ׳מכריעדיקע קאָנפע־רענץ׳ און געבעטן אַז עטלעכע חברים פונעם ביוראָ זאָלן בײַזײַן אויף דעם צוזאַמענפאָר.

אין דער זעלבער צײַט האָבן קאַפּלאַנסקי און לאָקער עפנטלעך מודיע געווען,[27] אַז דעם 19טן אויגוסט 1923, האָבן זיי איבערגעריסן די פאַרהאַנדלונגען פון דער ׳דרײַ־קאָמיסיע׳. (זען אויבן, ז׳ 86). דער דאָזיקער אינצידענט באַלײַכט, אָבער אַ מאָל, די באַציִונגען צווישן אח־דות־העבודה און פּועלי־ציון. כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט אַ די באַציִונ־גען איז דער פאַקט, וואָס די ארץ־ישׂראלדיקע פּאַרטיי האָט באַשטימט דוד רמזן ווי איר פאַרטרעטער אויף דער קאָמיסיע. רמזס נעגאַטיווער אײַנשטעל כּלפּי פּועלי־ציון איז ניט געווען קיין סוד. (פ״גל אויבן, ז׳ 43). פון לאָקערס און קאַפּלאַנסקיס קאָמוניקאַט דערוויסט מען זיך, אַז דער איבעררײַס איז געשען נאָך אַ באַגעגעניש מיטן פאַרשטייער פון די ליט־ווישע צעירי־ציון. לאָקער און קאַפּלאַנסקי טענהן, אַז צעירי־ציון אין ליטע זײַנען ווײַט פון סאָציאַליזם. זיי פירן זייער דערציִערישער אַרבעט בלויז אויף העברעיִש, אין רעם פון דער ׳שאָוויניסטיש העברעיִסטישער תּרבות־אָרגאַניזאַציע׳. דאָס באַווײַזט אַז ׳די נייט... פון די ייִדישע אַר־בעטער אינטערעסירן צעירי־ציון ווייניק׳. די קעגן־טענות פון דוד רמז דערווײַזן דעם פּילפּולישן אופן אויף וועלכן מען האָט געפירט די פּאָלע־מיק. ביידע צדדים האָבן זיך געגריבלט אין איטלעכער רעזאָלוציע וואָס דער פאַרבאַנד האָט אָנגענומען זינטן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. רמז האָט געפּאָדערט זיך צו פאַראייניקן מיט די ליטווישע צעירי־ציון, אויפן סמך פון די ׳מיעוטים־רעכט׳, וואָס מען האָט אָנאַרקענט אויף דער זעקסטער וועלט־קאָנפערענץ. לאָקער און קאַפּלאַנסקי האָבן אין רמזעס פאַרלאַנג געזען אַן ׳אומלאָיאַלן אײַנשטעל צו די באַשלוסן פונעם העכסטן אינשטאַלט אין דער באַוועגונג און אַ פּרווו צו צווינגען זיך פאַראייניקן מיט גרופּעס וואָס פּאַסן זיך ניט צו צו די באַדינגען פון

דער וועלט־קאָנפערענץ׳. מחמת דעם האָבן זיי איבערגעריסן די פאַר־האַנדלונגען.

אין זײַן ענטפער [28] באַקלאָגט זיך רמז, אַז לאָקער און קאַפּלאַנסקי האָבן באַקאַנט געמאַכט זייער חילוקי־דעות, איידער זיי האָבן זיך צו אים געוואָנדן. צעירי־ציון פאַרמאָגן אין ליטע אַ ברייטע שול־אָרגאַני־זאַציע אויף העברעיִש. קיין בעלנים אויף אַ ייִדיש־שול זײַנען דאָרטן ניטאָ. רמז האָט שאַרף אָנגעגריפֿן דעם אײַנשטעל פון פּועלי־ציון צו דער ׳גײַסטיק־נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע׳ וואָס איז פאַרבונדן מיט העב־רעיִש. דאָס רעכט פון צעירי־ציון אין ליטע אויף קולטורעלער אומאָפּהענ־גיקייט, איז ׳אַ נאַטירלעך, גרונטיק רעכט, וואָס מען קען ניט צונעמען פון קליינע גרופּעס... אַזאַ באַנעם פון מיעוט־רעכט פאַרמאָגט אין זיך יושר, אמת, ערלעכקייט און געטרײַשאַפט צו די גרונטיקסטע פּרינציפּן פון יעדער סאָציאַליסטישער באַוועגונג׳.

די מכריעדיקע קאָנפערענץ וואָס בן־צבי האָט דערמאָנט אין זײַן בריוו (אויבן, ז׳ 90), איז די פערטע קאָנפערענץ פון אחדות־העבודה, וואָס איז פאָרגעקומען אין עין־חרוד (ה־ט״ז באייר תרפ״ד).

ערב דער קאָנפערענץ האָט לאָקער געדרוקט אין קונטרס [29] אַן אַרטיקל, וווּ ער פאַרסך־הכּלט די פּאָלעמיק מיט אחדות־העבודה. אין פלוג, האָט לאָקער צוגעשריבן דער שפּראַכן־פראַגע דעם סאַמע אויבנאָן אין דער פּאָלעמיק. אין דער אמתן, האָט ער זייער דײַטלעך דערקלערט, אַז עס גייט דאָ אין אַ וויכּוח וועגן דער העגעמאָניע אין דער באַוועגונג צווישן צוויי היפּוכדיקע אידעאָלאָגישע שטרעמונגען. לאָקער האָט פאַר־שטאַנען, אַז דער וויכּוח וועגן די שפּראַכן און וועגן דער פאַראייניקונג איז אַ פּועל־יוצא פון אחדות־העבודהס קאָנצעפּציע אַז ׳דער איינציקער תּוכן פון דער באַוועגונג איז דער אויפבוי פון דער אַרבעטנדיקער א״י׳. אַזאַ קאָנצעפּציע לאָזט ניט איבער קיין אָרט פאַר קיין אַנדער זאַך אַחוץ א״י. צעירי־ציון האַלטן זיך פאַר שליחים פון אחדות־העבודה אין גלות. זיי באַציִען זיך צו אחדות־העבודה ווי די פרומע קאָמוניסטן צום קאָ־מינטערן. עס איז ניט קיין וווּנדער אַז, פאַר אַ טייל חברים אין אחדות־העבודה איז דאָס פאַראייניקן זיך מיט צעירי־ציון פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַבסאָלוטן מוז, ׳פּונקט אַזוי ווי העברעיִש׳.

׳פּועלי־ציוניזם איז פאַר אונדז ניט נאָר די אַרבעט לטובת א״י, נאָר אויך דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַמף פאַרן סאָציאַליזם; דער פּאָלי־

טישער און פּראָפעסיאָנעלער קאַמף פון די ייִדישע אַרבעטער אומעטום; דער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע; דאָס איינאָרדענען די ייִדישע עמיגראַציע... אויב א"י פאַרנעמט ביי אונדז דעם אויבנאָן איז דאָס ווייל מיר פאַרבינדן מיט אָט אָ דעם דאָזיקן לאַנד די פּערספּעקטיוו פאַרן ראַדיקאַלסטן באַשייד פון אַלע אויבן דערמאָנטע פראַגעס — לטובת דעם גרעסטן טייל פונעם ייִדישן פאָלק'.

ניט געקוקט אויף דער קלאָרקייט מיט וועלכער ער האָט אַנאַליזירט די סיבות פון דער פּאָלעמיק, האָט לאַקער פאַרסך־הכלט דעם אַרטיקל אַרום פיר פונקטן, אַלע געקניפּט און געבונדן מיט דער שפּראַכן־פראַגע. א) מען דאַרף צעטיילן די השפּעה פון העברעיִש און ייִדיש לויטן שליסל, העברעיִש — ארץ־ישׂראל; ייִדיש — גלות. פון דעסטוועגן דאַרף מען לערנען ייִדיש אין א"י און העברעיִש אין גלות. ב) מען דאַרף אונטער־שיידן צווישן העברעיִש, איינער פון די וויכטיקסטע אוצרות פון דער ייִדישער קולטור און דעם העברעיִזם, וואָס גראָבט אונטער אונדזער נאַציאָנאַלן קיום... ווייל ער וויל אַרויסרייסן פון אונדזערע מיילער... דעם לעבעדיקסטן סימן־מובהק פון אונדזער עקסיסטענץ ווי אַ פאָלק. ג) מען טאָר ניט מקריב זיין די נאַציאָנאַלע און סאָציאַליסטישע אינטערעסן פון דער באַוועגונג אין גלות, לטובת דער 'עקסטער ארץ־ישׂראלדיקער העב־רעיִשקייט' פון אחדות־העבודה. אַזאַ שריט וועט נאָר ברענגען שאָדן ארץ־ישׂראל און אַרויסהעלפן די 'שונאי־ציון פון אַלע פאַרבן'. ד) די חילוקי־דעות מיט צעירי־ציון שטעקט ניט בלויז אין דער שפּראַכן־פראַגע, נאָר אויך אין דער קאָנצעפּציע פון סאָציאַליזם. צו באַמערקן, אַז די רעדאַקציע קונטרס האָט ווי אַ קעגנוואָג צו לאַקערס אַרטיקל גע־דרוקט, לעבן אים, צוויי בריוו וואָס האָבן געפאָדערט זיך באַלד פאַראיי־ניקן מיט צעירי־ציון.

וועגן דער עין־חרודער קאָנפערענץ האָט קונטרס איבערגעגעבן אַ לאַנגן באַריכט. דער איינציקער פונקט וואָס ווערט דאָרטן ניט דער־מאָנט איז 'די באַוועגונג אין אויסלאַנד'. מיט זיבן חדשים שפּעטער, האָט קונטרס געדרוקט די רעדעס פון כצנעלסאָן און לאַקער אין שייכות מיט אָט דעם ענין.[30]

אחדות־העבודה האָט אַרויסגעגעבן אַ פולן פּראָטאָקאָל פון דער קאָנפערענץ, מיט צוויי יאָר שפּעטער,[31] נאָך דעם ווי ביידע פאַרבאַנדן האָבן זיך שוין געהאַט פאַראייניקט. די איינציקע פראַגע וואָס איז דאָרטן

ניט פאַרשריבן געוואָרן — אַחוץ לאַקערס און כצנעלסאָנס רעדעס — איז געווען די פראַגע פון די באַציִונגען צווישן אחדות־העבודה און פועלי־ציון. ביַים אַנהייב פונעם פראָטאָקאָל ווערט באַמערקט, אַז היות ווי מ'האָט זיך פאַראייניקט, 'האָבן מיר... אָפּגעקירצט דעם לאַנגן וויכּוח וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער קאָנפערענץ איבער אָט דעם ענין'.

זיך מערקן אַז אַחוץ כצנעלסאָן און לאַקער האָבן זיך באַטייליקט אין דער דיסקוסיע שוויַיגער, מערמינסקי, טאַבענקין, רמז, בן־צבי, קאַפּ־לאַנסקי און בן־גוריון. דער דאָזיקער רייסטער רעדנערס באַוויַיזט אויף ווי וויַיט די שפּראַכן־פראַגע האָט אויפגערודערט די עין־חרודער קאָנ־פערענץ. די דאָזיקע פראַגע איז ווידער אַ מאָל געווען, דרויסנדיק, דער הויכפּונקט אינעם וויכּוח אַרום די באַציונגען פון אחדות־העבודה מיט פועלי־ציון. עס איז אַ חידוש פאַר וואָס האָט מען געוואָרט כּמעט גאַנצע זיבן חדשים, ביז מען האָט געדרוקט כצנעלסאָנס רעדע אין עין־חרוד. כאָטש עס האָבן זיך וועגן דעם ניט אויפגעהיט קיין דאָקומענטן, קען מען אויפן סמך פון קונטרס, פּרוּוון ענטפערן אויף דער דאָזיקער קשיא. פריִער פאַר אַלץ דאַרף מען זיך באַקענען מיט יענע רעזאָלוציעס פון דער קאָנפערענץ, וואָס טראָגן דעם טיטל 'די טעטיקייט אין אויסלאַנד'. אָט אַ די רעזאָלוציעס האָט מען האַלבירט אויף צוויי פּאַראַגראַפן: א) די פאַראייניקונג. ב) די וועלט־קאָנפערענץ.

דער ערשטער פּאַראַגראַף הייבט זיך אָן מיט אַן אויפרוף זיך צו פאַראייניקן מיט צעירי־ציון. צום אויפרוף האָט מען צוגעגעבן דעם זעלביקן טיַיטש צו דער שפּראַכן־פראַגע, וואָס האָט גורם געווען די 'דריַי־קאָמיסיע' זאָל זיך פונאַנדערלאָזן (אויבן, ז' 90). אגב־אורחא, האָט מען דערמאָנט דעם 'לעת־עתהדיקן ווערט פון יִידיש אין גלות'. דערצו האָט מען באַשטימט אַן אולטימאַטיוון טערמין פון דריַי ביז פיר חדשים אויף צו פאַראייניקן זיך מיט צעירי־ציון.

אין דעם צווייטן פּאַרגראַף האָט אחדות־העבודה געפאָדערט 'אויס־צוגליַיכן די ריכטונג פון דער ארץ־ישראלדיקער טעטיקייט' אין אַלע פּאַרטייען פונעם פאַרבאַנד. אַלע פּראַקטישע רעזאָלוציעס וואָס מען וועט אָננעמען אין שיַיכות מיט החלוץ, קרן־קיימת, קרן־היסוד, ציוניסטישן קאָנגרעס... דאַרפן חל זיַין אויף אַלע פּאַרטייען אינעם פאַרבאַנד.[32]

די אויבן דערמאָנטע פּאַראַגראַפן כאַראַקטעריזירן דעם אופן ווי אַזוי אחדות־העבודה האָט געפירט דעם וויכּוח מיטן פאַרבאַנד. די הויפּט־

עובדא פון אחדות־העבודה איז געווען אַז איר ׳פּאַלעסטינאַ־צענטרישער קאָנסטרוקטיוויזם׳ זאָל באַקומען די אייבערהאַנט איבער דעם ראַדיקאַל סאָציאַליסטישן, צום גלות אָריענטירטן פּועלי־ציון־פאַרבאַנד.

צו באַמערקן אַז דאָס צילן דעם וויכוח דירעקט אויפן וועלטבאַנעם פונעם פאַרבאַנד, האָט געקאָנט ברענגען צו אַ פולשטענדיקן ריס אין דער באַוועגונג. דאָס אַריבערפירן די פּרינציפּיעל אידעאָלאָגישע מחלוקה אויף דער שפּראַכן־פראַגע איז געווען ריזיקאַליש, מחמת איר גרויסן צינד־כוח. אין איין וועגס האָט דער שפּראַכן־ענין פאַררוקט די סכנה פון אַ צעשפּאַלטונג, ווײַל קיינער וואָלט ניט באַרעכטיקט צעשטערן דעם פאַרבאַנד צוליבן ׳ריב לשונות׳.

אָן אַ ספק איז דער צווייטער פּאַראַגראַף געווען געוואַנדן, צום אַלעם ערשטן, קעגן פּועלי־ציון אין מיזרח־גאַליציע, אַ פּאַרטיי וואָס אחדות־העבודה האָט געוואָלט אַרויסשטויסן פונעם פאַרבאַנד.[33] עס וואַרפט זיך אין די אויגן אַז דער דאָזיקער פּאַראַגראַף איז געווען געבונדן מיט אַן איינזײַטיקן אויסטײַטש פון די באַשלוסן אויף דער זעקסטער וועלט־קאָנפערענץ. לויט אָט דעם אויסטײַטש האָבן אַלע פּועלי־ציון־פּאַרטייען געמוזט שטיצן די העברעיִשע טעטיקייט פון אחדות־העבודה אין א״י.

אַחוץ דעם האָט דער פּאַראַגראַף געדופן ממשיך צו זײַן די פאַר־בינדונגען מיט צעירי־ציון, אַן ענין וואָס די וועלט־קאָנפערענץ האָט בפירוש פאַרווערט. פּועלי־ציון אין מיזרח־גאַליציע האָבן אויף זייער קאָנפערענץ, פיר חדשים נאָך דעם עין־חרודער צוזאַמענטרעף, רעאַגירט אויפן אויבן דערמאָנטן פּאַראַגראַף, פּונקט אַזוי ווי מען האָט עס געקענט מאָלן אין פאָרויס. זיי זענען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן אחדות־העבודה, מחמת איר אײַנשטעל צו דער שפּראַכן־פראַגע און צו דער פאַראייניקונג. אויב אחדות־העבודה וועט זיך ניט צוריקציען פון איר שטעלונג, קען מען מיט איר ׳ניט בלײַבן אין איין פאַרבאַנד׳.

גאָלאָמב, וואָס האָט איבערגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון אין מיזרח־גאַליציע, שרײַבט אַז עס איז איבעריק אויפ־צורײַסן די באַציִונגען מיט מיזרח־גאַליציע, ווײַל סײַ ווי סײַ עקסיסטירן זיי ניט. ׳די פּאַרטיי דאָרטן האָט פאַרלאָרן יעדן ציוניסטישן אינהאַלט און איז געוואָרן אַזוי ווי דער בונד... זי האָט ניט אַרויסגעשיקט קיין ארץ־ישׂראל אַפילו צען חברים׳.

עס וואַרפט זיך אין די אויגן אַז, להיפּוך צו זײַן אָנגרײַף אויף מיזרח־

גאַליציע, האָט גאַלאַמב געשריבן וועגן פּועל״צ אין פּוילן, פּאַרזיכטיק און איַינגעהאַלטן. דער דעלעגאַט פון פּוילן אויף דער קאָנפערענץ אין מיזרח־גאַליציע, האָט דאָרטן געהאַלטן אַז די באַשלוסן פון אחדות־העבודה [אין עין־חרוד], האָבן איר פּאַקטיש אויסגעשלאָסן פונעם פאַרבאַנד. לאַ־לאַמב שטוינט אויף דעם, ווײַל פּועל״צ אין פּוילן האָבן אַ פּאָזיטיוון איַינ־שטעל צו א״י. להיפּוך צו זײַן באַשולדיקונג נאָך דער זעקסטער וועלט־קאָנפערענץ (אויבן, ז׳ 86), שרײַבט אַצינד גאַלאַמב, אַז דאָס וואָס צעירי־ציון און פּועלי־ציון אין פּוילן האָבן זיך פּאַראייניקט, איז זייער גע־ווונטשן. די פּאַרטיי ׳הייבט אָן אויפצולעבן אַ דאַנק דעם באַנײַטן צוזאַמענ־בונד מיט ארץ־ישראל׳. גאַלאַמב חזרט איבער דעם אַרגומענט, אַז די סיבה פון דער פאַרבינדונג מיט פּועל״צ איז אַ תּכליתדיקע: די גויט אויפצובויען די אַרבעטער־געזעלשאַפט אין א״י. אַנדערש וואָלט דער בעסטער באַשייד צו צעשפּאַלטן דעם פאַרבאַנד. אומקערנדיק זיך צו דער שפּראַכן־פראַגע, האַלט גאַלאַמב, אַז ׳דער אויפלעב פון העב־רעיִש איז אַ לעבנס־יסוד, אַזוי ווי דאָס אומקערן זיך קיין א״י און צו [פּראָדוקטיווער] אַרבעט׳. דער ײדישיזם, להיפּוך, האָט ניט צוגעטראָגן קיין חלוצישע קראַפטן פאַר א״י.[34]

עס ווײַזט אויס אַז שלמה קאַפּלאַנסקיס צוריקקערן זיך אין לאַנד, סוף 1924, איז געווען פאַרבונדן מיטן באַשלוס צו דרוקן כּצנעלסאָנס רעדע אויף דער עין־חרולער קאָנפערענץ (אויבן, ז׳ 93,ח י״ח בכסלו תרפ״ה האָט קאַפּלאַנסקי אַרײַנגעשיקט אַן אָפענעם בריוו צו אחדות־העבודה.[35] דער דאָזיקער דאָקומענט איז זייער וויכטיק, ווײַל ער ברענגט אַרויס, קורץ און קלאָר, די פּרינציפּיעלע חילוקי־דעות צווישן פּועלי־ציון און אחדות־העבודה. קאַפּלאַנסקיס בריוו באַווײַזט, אַז די שפּראַכן־פראַגע איז געווען די שטורמישע און עפנטלעכע בינע פונעם ווידעראַנאַנד צווישן צוויי היפּוכדיקע אידעאָלאָגישע באַנעמען.

קאַפּלאַנסקי טענהט, אַז פאַר אַ געטרײַען פּועלי־ציוניסט איז שווער זיך אַרײַנשליסן אין אחדות־העבודה, מחמת דער פּאַרטייס אײַנשטעל צום וועלטפאַרבאַנד. קאַפּלאַנסקי פאַרסך־הכּלט דעם פאַרשיידענעם קוק פונעם פאַרבאַנד און אחדות־העבודה אין שײַכות מיטן סאָציאַליזם.

א) בײַ אחדות־העבודה הערשט די אידעאָלאָגיע אַז אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין א״י, איז ניט קיין ציל פאַר זיך, נאָר אַ מיטל און אַן אינסטרומענט לטובת דער קאָאָפּעראַטיווער און פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַ־

ניזאַציע [געמיינט די הסתדרות]. אַנשטאָט די פּאַרטיי זאָל ווירקן אויף דער אָרגאַניזאַציע, ׳איז מטושטש געוואָרן דאָס פּאָליטישע און סאָציאַ־ליסטישע פּנים פון אחדות־העבודה׳. די עקסיסטענץ פון אַן אַלגעמיינער אומפּאַרטייִשער אָרגאַניזאַציע איז אַ ׳מוזבאַדינג אין דער באַפרייִונגס־מלחמה פון דעם אַרבעטער־קלאַס׳. עס פּאָדערט זיך, אָבער, אַז אַ סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטיי זאָל אָנפילן די הסתדרות מיט אינהאַלט און באַשטי־מען איר ריכטונג.

ב) וואָס שייך די פּאַראייניקונג, נייגט אחדות־העבודה צו די רעכטע, וואָס דערוויַיטערן זיך פונעם געדאַנק פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם׳. אמת, עס פּאָדערט זיך פּאָליטישער מיטאַרבעט, אָבער צוליב דעם דאַרף מען ניט מוותּר זיַין ׳אויף אונדזער פּאָליטיש סאָציאַליסטישער אומאָפּהענ־גיקייט. די פולע פּאַראייניקונג מיינט פולע פּאַרווישעניש׳.[36]

׳די פּאַרטייִשע דעמאָקראַטיע אין אחדות־העבודה איז שוואַך... עס איז ניט פאַראַן קיין פולע און אָביעקטיווע אינפאָרמאַציע... וויכטיקע זאַכן ווערן געטאָן אָן אינסטרוקציעס׳. צוליב אָט דעם אַלעם זענען די באַציונ־גען מיטן וועלטפאַרבאַנד דערגאַנגען צו צווייפּנימדיקייט, אומגעטרייַשאַפט און ניט־חברישקייט׳. אחדות־העבודה גרייט זיך צו קומען אויף דער זיבעטער קאָנפערענץ מיט אולטימאַטיווע פאָדערונגען און מען איז דער־גאַנגען צו אַ שפּאַלטונג־סכנה. לויט קאַפּלאַנסקי, איז ניטאָ קיין אָביעק־טיווער יסוד פאַר אַ שפּאַלטונג. די שפּראַכן־פראַגע און די פאַראייניקונג זענען ניט די סיבה פון דער מחלוקה: ׳זיי זענען נאָר די סימפּטאָמען פון דעם קריזיס׳. פּונקט אַזוי ווי זי איז מבטל די ווערט פון סאָציאַליזם אין א״י, אַזוי איז אחדות־העבודה מבטל די ווערט פונעם וועלטפאַרבאַנד. אויפן אָרט פונעם וועלטפאַרבאַנד, לייגט זי פאַר ׳אַן אַלגעמיינעם פאַר־באַנד — אָן אַ פּאָליטישן פּרינציפּ — פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס וואָס ווילן העלפן ׳אויפבויען דאָס פאָלק און דאָס פאָטערלאַנד׳.

דער איַינשטעל פון אחדות־העבודה צום פאַרבאַנד שטאַמט ניט נאָר פון איר איַינשטעל צום סאָציאַליזם. עס איז אויך דאָ ׳אַן איבערגעטריי־בענע שטרעבונג צו אַ מין אומבאַגרענעצטער סוווערעניטעט... וואָס רעדט הויכהאָפערדיק וועגן הערשאַפט, העגעמאָניע... אַנשטאָט צו שטרעבן אַז א״י זאָל מיטאַרבעטן מיטן גלות׳. אַזאַ מצב איז סכנהדיק, וויַיל אָן אַ שטאַרקן פּוע״צ־פאַרבאַנד ׳וועט זיך ניט שאַפן קיין אַרבעטער־באַווע־גונג אַרום ארץ־ישראל׳.

קאַפּלאַנסקי האָט אויך אַרומגערעדט צוויי ספּעציפישע ענינים. וואָס שייך די פאַראייניקונג, וואָלט מען זי שוין פון לאַנג געקענט דערגרייכן, ווען אחדות־העבודה וואָלט ניט אונטערגראָבן דעם פאַרבאַנד מיט דער הילף פון צעירי־ציון.

וואָס שייך די שפּראַכן־פראַגע, איז קאַפּלאַנסקי אַרויסגעטראָטן קעגן 'העברעיִסטישע' און 'יידישיסטישע' פּאַרטייען אינעם פאַרבאַנד. די רע־זאָלוציעס אין עין־חרוד האָבן 'קאַליע געמאַכט', ווייל זיי האָבן דער־וועקט 'אַ יידישיסטישן ווידערקול אין מיזרח־אייראָפּע... מיר דאַרפן זיך אַנטקעגנשטעלן יעדן פּרווו אַוועקצושטעלן די שפּראַכן־פראַגע אין צענ־טער פון דער פּאַרטיי און פאַרוואַנדלען דאָס לשון־קנאות אין אַ דאָגמע פון אחדות־העבודה. אונדזער באַוועגונג... דאַרף זיך אַנטקעגנשטעלן ענג־נאַציאָנאַליסטישע השפעות... אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַ לאַנד וואָס איז פול מיט נאַציאָנאַלע קאָנטראַסטן'.

לסוף האָט קאַפּלאַנסקי פאַררופן די פּועלי־ציוניסטן אין לאַנד־ניי־געקומענע און אַלט־געזעסענע — זיך איינשליסן אין אחדות־העבודה, בכדי צו קעמפן 'פאַר איר פאַרבעסערונג און גאַנצקייט און אויך פאַר דער גאַנצקייט פון די אידעאַלן פונעם פאַרבאַנד. אויף קאַפּלאַנסקיס בריוו האָט געענטפערט, אויף אַן אָרט, גאָלאָמב.[37] גאָלאָמב האָט אין קורצן באַרירט קאַפּלאַנסקיס אידעאָלאָגישע תרעומתן. דער עיקר־טייל פון זיין ענטפער אָבער, איז געווען געווענדן צו דעם פאַרבאַנד.

די פּועלי־ציון־פּאַרטייען זענען 'מאָגער און מצומצדיק'. זיי לעבן 'מיט דער אילוזיע' אַז זיי זענען 'אַ סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד פונעם יידישן אַרבעטער־קלאַס'. די קליינע פּוע"צ־פּאַרטייען,[38] וואָס 'פאַרמאָגן ניט קיין אַרבעטער', דערלויבן זיך צו רעדן אין נאָמען פון אַרבעטער־קלאַס'. להיפוך צו זיי, לעבט איבער אחדות־העבודה אַ 'פּראָצעס פון באַנייונג'. נאָכן איבערחזרן זיינע געדאַנקען וועגן שפּראַכן־פראַגע, האָט גאָלאָמב צונויפגעבונדן קאַפּלאַנסקיס פּראַקטיאַנעלע טעטיקייט מיטן... יידישיזם. אויפן סמך פון אַ פּילפּולישן אויסטייטש פון פּאַרטייאישע דיס־קוסיעס און רעזאָלוציעס, ווערט קאַפּלאַנסקי באַשולדיקט אין 'עקסטרע־מען יידישיזם אָדער נאָך ערגער, אין צופּאַסן זיך צו די עקסטרעמע יידישיסטן'.

צו באַמערקן, אַז גאָלאָמב איז געווען דער ערשטער פאַרטרעטער פון דער העברעיִסטישער שטעלונג אין דער פּאָלעמיק, וואָס האָט גע־

טענהט אַז דער אויפלעב פון העברעיִש אין א״י, האָט געבראַכט דערצו, אַז טויזנטער דערוואַקסענע זאָלן 'באַגרענעצן זייער פעיִקייט זיך אויס־צודריקן און פאַראָרעמען זייערע קולטורעלע באַגריפן'.

מען מעג זיך משער זיַין אַז מחמת די אָנגעשאַרפטע באַציִונגען פון אחדות־העבודה מיט פּוע״צ און מחמת קאַפּלאַנסקיס פּראַקציאָנעלער טעטיקייט, האָט מען באַשלאָסן אָפּצודרוקן כּצנעלסאָנס רעדע אויף דער עין־חרודער קאָנפערענץ.

כּצנעלסאָן האָט אין זיַין רעדע קלאָר געמאַכט, אַז 'להיפוך צו אַנ־דערע חברים', האַלט ער ניט אַז די 'ווייטיקדיקע פראַגע' פון די באַציונ־גען מיט פּוע״צ איז די 'צענטראַלע פראַגע פון אחדות־העבודה'. אָפּ־שאַצנדיק דאָס איַינשליסן זיך פון אחדות־העבודה אינעם פאַרבאַנד, האָט כּצנעלסאָן אָנגעגריַיפט דעם בונד און די קאָמוניסטן. זיַין קריטיק אויף פּוע״צ איז געווען שאַרף ביז גאָר (פּ״גל אויבן, זז' 68, 88) און כאַראַקטע־ריסטיש פאַר דער השׂגה אַז פּועלי־ציון האָט געזאָלט זיַין אַ צוגאָב־שותּף צו אחדות־העבודה. די עובדא פון אַזאַ שותּף האָט געדאַרפט זיַין צו שטעלן 'פינאַנציעלע, פּאָליטישע און פּערזענלעכע הילף' פאַר דער ארץ־ישׂראל־דיקער פּאַרטיי.

די פּוע״צ־פּאַרטייען ווייסן ניט וואָס סע טוט זיך אין דער באַווע־גונג. זיי זענען פאַרנומען מיט לאָזונגען ווי 'סטיכישע עליה', נאָר לטובת ארץ־ישׂראל זענען זיי ניט אַקטיוו. נאָך אין שטאָקהאָלם איז געווען אַ געפיל 'אַז אומזיסט פאַרשווענדן מיר אונדזער ענערגיע אויף פאַרפרעמדטע אויערן'. די שפּאַלטונג אין ווין (אויבן, ז' 64), האָט אין דער לעצטער מינוט געראַטעוועט פּועלי־ציון פון שאַנד און פון דער פאַרדאַרבנדיקער פויל־קייט וואָס האָט געפרעסן איר לייַב'. דער פאַרבאַנד איז פאַרנומען מיט 'געטריַישאַפט צו דער סאָציאַליסטישער טראַדיציע', און באַנעמט ניט אַז 'די יונגע חלוצישע באַוועגונג — דאָס איז דער אָנשפּאַר'. אַנשטאָט צו דערנענטערן צעירי־ציון, האָט מען באַשאָנקען די פּאַרטיי אין מיזרח־גאַליציע מיט פּריווילעגיעס (פּ״גל אויבן, ז' 85). דער איַינשטעל צו דער שפּראַכן־פראַגע האָט געשטערט צו דער פאַראייניקונג. עס פאָדערט זיך אויסריַיניקן דעם פאַרבאַנד פון זיַין גאַנצער פוילקייט. דאָס וועט בשום־אופן ניט דערפירט ווערן 'אויפן חשבון פון אונדזער שפּראַך'. דער 'סקאַנדאַליאָזער' מצב פון 'אויסלאַכן' אחדות־העבודה דאַרף קומען צו אַ

סוף. די ייִדישע יוגנט וועט ניט נאָכגיין אַ פאַרשווענדטע און צעפאַלענע באַוועגונג, אַ באַוועגונג פון 'אַדוואָקאַטן און קאַריעריסטן'.

כּצנעלסאָן האָט געשטעלט צוויי באַדינגען פאַר דער ווייַטערדיקער עקסיסטענץ פונעם פאַרבאַנד: א) אַרויסשטויסן די מיזרח־גאַליציע פּוע״צ־פּאַרטיי ב) פרייַע טעטיקייט אויפן שפּראַכן־געביט אין גלות. די מכריעדיקע צייַט אין שייכות מיט דעם איז לעת־עתה ניט אָנגעקומען. 'עס שטייט פאַר אונדז אַ לאַנגער קולטורקאַמף'. אַזאַ קאַמף וועט דאַרפן געפירט ווערן מיט 'קולטורעלע מיטלען'.

אחדות־העבודה האָט פאַר זיך צוויי אויסוועגן: 'אַ פאַראייניקטע... צ.ס.־באַוועגונג... וואָס נעמט אַרום אַלע קראַפטן, אין גייַסטיקער האַרמאָניע מיטן אַרבעטער אין ארץ־ישׂראל. דאָס איז דער וועג פון אויסוואַקס'. דער אַנדערער וועג, 'דער וועג פון פאַראָרעמונג', איז אָפּהיטן 'דעם ענגן פאַרבאַנד־פּאַטריאָטיזם... זייַט זיכער: אין דער מכריעדיקער שעה וועלן מיר וויסן וואָס אויסצוקלייַבן'.

די דאָזיקע רעדע איז געקניפּט און געבונדן מיט כּצנעלסאָנס רעדע בייַם דערעפענען די קאָנפערענץ. ער האָט דעמאָלט אייַנטייַטשיק דערקלערט, אַז זייַן פּאַרטיי שטרעבט צו באַהערשן די פּועלי־ציון־באַוועגונג: 'אונדזער שטאַרקסטע שטרעבונג איז צו קריגן די העגעמאָניע איבער אַלע פליגלען פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג... אַ מאָראַלישע העגעמאָניע אויפן סמך פון אימפּרעזע און אָרט. ארץ־ישׂראל פאַרנעמט דעם גלות... די דאָזיקע העגעמאָניע איז דער ממשותדיק היסטאָרישער וועג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישׂראל... עס איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט 'אָנצופירן אַ באַוועגונג אין גלות אָן יניקה פון ארץ־ישׂראל'.[39]

ווי געזאָגט איז כּצנעלסאָנס הויפּטרעדע אין עין־חרוד געדרוקט געוואָרן ווען די שפּאַלטונג אין פאַרבאַנד האָט אויסגעזען אָט־אָט. די אָנגעשפּאַנטקייט וואָס האָט באַגלייט די צוגרייטונגען צו דער זיבעטער וועלט־קאָנפערענץ שפּיגלט זיך אָפּ אין אַרטיקלען, באַריכטן און אַ ביסל אַרכיוו מאַטעריאַלן.

קונטרס האָט איבערגעגעבן אַז די באַשלוסן פון פּועלי־ציון אין פּוילן זענען ענלעך צו די פון מיזרח־גאַליציע. דערצו האָבן זיי דערקלערט אַז עס דערנענטערט זיך די הערשאַפט פון ייִדיש אויך אין א״י.[40]

דעם 17טן יאַנואַר 1925 האָט לאָקער געשריבן בלאָכן, אַז אַ שפּאַל־

טונג מחמת דער שפּראַכן־פּראַגע וועט זײַן אַ שווערער קלאַפּ פאַר פּוע״צ. די עין־חרודער רעזאָלוציע טאָר בשום־אופן ניט דינען ווי אַ באַזע פאַר אַן איינשטימיקן סך־הכל.[41] וואָס שייך אַ צווייטן באַנד פון אונדזער געדאַנק (פּ״גל אויבן, ז׳ 77, הערה 107), איז לאָקער ניט גרייט געווען צו שרײַבן דאָרטן איבער דער שפּראַכן־פּראַגע, ווײַל דער דאָזיקער ענין איז אים ׳נמאס געוואָרן׳.

דער וויכטיקסטער דאָקומענט אויף צו באַנעמען די אַטמאָספער וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אינעם פאַרבאַנד, איז דער פּראָטאָקאָל פון אַ זיצונג פאָרגעקומען אין ת״א, י״ז באדר תרפ״ה [1925].[42] עס זענען דאָרטן בײַגעווען קאַפּלאַנסקי, בן־צבי, יוריס, כּצנעלסאָן, בלאָך און שז״ר.

בן־צבי האָט געהאַלטן אַז דער פאַרבאַנד אַרבעט ניט ווי געהעריק. עס פאָדערט זיך אַריבערצופירן דעם פאַרבאַנד־ביוראָ קיין ארץ־ישׂראל. די וועלט־קאָנפערענץ דאַרף זיך צונויפטרעפן אין א״י.

כּצנעלסאָן האָט אָנגעגרײַפט אי דעם פאַרבאַנד, אי קאַפּלאַנסקין. ׳איך לייען אַלע אונדזערע צײַטונגען און זע באַשײַמפּערלעך אַז מיר האַלטן בײַם צעשפּאַלטן זיך. עפּנטלעך וועל איך דאָס ניט אַרויסזאָגן׳.

קאַפּלאַנסקי האָט אָפּגעפרעגט די באַשולדיקונגען קעגן דער אָפּאָזיציאָנעלער פראַקציע ׳האבוקה׳ (׳דער שטורקאַץ׳).[43] איבערן פאַרבאַנד האָט ער באַמערקט: ׳אפשר מאָל פאַרשטיי איך נישט אויב דאָס איז נאַיִווקייט פון אײַער זײַט. דער מצב איז קאַטאַסטראָפאַליש׳. אויך קאַפּלאַנסקי האָט פאָרויסגעזען אַז די באַוועגונג וועט זיך צעשפּאַלטן. קונטרס העצט קעגן דעם פאַרבאַנד און דרוקט ניט קיין אַרטיקלען וואָס מען שיקט פון דאָרטן. כּצנעלסאָנס רעדע אין עין־חרוד האָט מען יאָ פּובליקירט, אָבער ניט זײַן אַרויסטרעט און די רעדעס פון לאָקער און שז״רן. (פּ״גל אויבן, זז׳ 92—93).

לסוף האָט מען באַשטימט אַ ׳דרײַ־קאָמיסיע׳ (בן־צבי, קאַפּלאַנסקי און כּצנעלסאָן) וואָס האָט געזאָלט באַרויִקן די געמיטער אין שײַכות מיט דער שפּראַכן־פּראַגע.

צו באַטאָנען, אַז פאַר דער זיבעטער קאָנפערענץ, האָט קונטרס געשריבן מיט גרויס אָפּגעהיטקייט, אַז דער גורל פון דער באַוועגונג אין לאַנד איז אין ניט קיין קלענער מאָס אָפּהענגיק אין דעם גורל פון דער באַוועגונג אין אויסלאַנד. דער פאַרבאַנד האָט אַ גרויס ווערט און זײַן עקסיסטענץ איז אַ מוז. אחדות־העבודה האָט ניט קיין שום כּוונה צו

צעשעדיקן די באַציִונגען מיטן גלות. פאַרקערט. אחדות־העבודה איז פאַראינטערעסירט מען זאָל פאַראייניקן די באַוועגונג אין הסכם מיטן אידעאָלאָגישן גאַנג פון אחדות־העבודה. צו באַמערקן אַז די שפּראַכן־פראַגע איז דאָ שטאַרק אונטערגעשטראָכן געוואָרן.[44]

אינעם זעלבן נומער האָט לאָקער זיך באַקלאָגט, אַז זײַנע אַרטיקלען ווערן צענזורירט און שטאַרק געענדערט. די געדאַנקען זײַנע ווערן אויך פאַרגעשטעלט אויף אַן אײנזײַטיקן אופן. די רעדאַקציע האָט אויף דעם געענטפערט, צווישן אַנדערן, אַז זי האָט ניט געדרוקט לאָקערס רעדע אויף דער עין־חרודער קאָנפערענץ, מחמת 'רעדאַקציאָנעל־טעכנישע סיבות'.[45]

ווי דערמאָנט (אויבן, ז' 93), האָט מען לאָקערס רעדע געדרוקט, 'פאַרן פּראָטאָקאָל', אין צוויי יאָר אַרום. לאָקער חזרט דאָרטן איבער אַ סך פון זײַנע פריִערדיקע אַרויסזאָגן. פון דעסט וועגן דאַרף מען דערמאָנען עטלעכע אינטערעסאַנטע פּונקטן אין זײַן רעדע: א) ענטפערנדיק כּצנעל־סאָנען, אויף אַן אָרט, האָט דער רעדנער אויפגעוואָרפן זײַנע קאָלעגעס פון אחדות־העבודה אַז זיי ווייסן ניט אָפּצושאַצן אויף ווי ווײַט די שפּאַלטונג אין 1920 (אויבן, ז' 64) איז געווען טראַוּמאַטיש. עס איז ניט ריכטיק אַז צוליבן 'נאָכלויפן די מאַסן' האָבן זיך די פּוע״צ־פּאַרטייען דערווײַטערט פון א״י און פאַרוואַנדלט עס אין אַ בלויזער פאָרמל. פאַרקערט. דווקא די צוגעבונדנקייט פון פּועלי־ציון צום ארץ־ישׂראל־געדאַנק — וואָס 'אַן אים איז פאַר אונדז ניטאָ קיין יִדישער סאָציאַליזם' — איז די מחיצה וואָס זונדערט אָפּ דעם פאַרבאַנד פון די מאַסן. לטובת א״י, איז דער פאַרבאַנד גרייט מוותר צו זײַן אויף די מאַסן און זײַן 'אַ מיעוט אין דער יִדישער אַרבעטער באַוועגונג'.

ב) עס איז ניט ריכטיק אַז נאָר די פּאַרטיי אין מיזרח־גאַליציע איז 'אַנטיקאָנגרעסיסטיש'. פאַר אַ סך פּועלי־ציוניסטן איז דאָס אַנטייל נעמען אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן 'אַ קרבן וואָס מיר מוזן בײַקומען'.

ג) לאָקער האָט אַזוי ווי קאַפּלאַנסקי געהאַלטן (פּ״גל זז' 95—97), אַז די מחלוקה מיט אחדות־העבודה, איז אַן אידעאָלאָגישע. פאַר פּוע״צ איז שווער זיך צו פאַראייניקן מיט החלוץ און צעירי־ציון, ווײַל אָט די ביידע באַוועגונגען זענען ניט דורכגעדרונגען מיטן גײַסט פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם' און זענען ווײַט פון די 'אינטערעסן און טאָג־טעגלעכער מלחמה פון דעם יִדישן אַרבעטער־קלאַס אין גלות'. להיפוך

צו זיי אָריענטירט זיך פּועלי־ציון 'צום יידישן פּראָלעטאַריאַט און צום קלאַסנקאַמף אין ארץ־ישׂראל און אין גלות'. אַזאַ אָריענטאַציע דיקטירט די 'קולטורעלע פּאָליטיק' פונעם פאַרבאַנד. לאָקער האָט איבערגעחזרט פריערדיקע אַרגומענטן אין שייַכות מיט דעם, און איז שאַרף אַרויסגע־טראָטן קעגן כּצנעלסאָנס אַרויסזאָג, אַז העברעיִש וועט זייַן די שפּראַך פון די יידישע אַרבעטער אין גלות. 'דאָס איז אַ שעדלעכע אילוזיע'. אחדות־העבודה האָט ניט מקיים געווען דעם צוזאָג אַרויסצוטרעטן קעגן די רדיפות וואָס מען רודפט יידיש אין א"י און קעגן דעם ביטול וואָס מען ווייַזט דאָרטן צו איר אַרויס. 'עס איז ניט צום גלייבן אַז איר פאַרבינדט יידיש מיט דער פאַררעטערישער טעטיקייט פון דער אַרבעטער־פּראַקציע [גע־מיינט די קאָמוניסטן אין א"י]'.[46]

ד) לאָקער האָט אָנערקענט די העגעמאָניע פון אחדות־העבודה בלויז אין יענע 'ענינים וואָס האָבן אַ דירעקטע שייַכות מיטן בויען דאָס אַר־בעטנדיקע ארץ־ישׂראל'.

צו באַמערקן אַז כּאָטש די זיבעטע קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין אויגוסט 1925, האָט לאָקער, דער אַלגעמיינער סעקרעטאַר פון דער וועלט־באַוועגונג, נאָך ניט געוווּסט דעם 4טן יולי, ווען די קאָנפערענץ וועט זיך צוזאַמענקומען.[47] פאַר דער קאָנפערענץ האָט אחדות־העבודה ווידער דערמאָנט, לויט איר קוקווינקל, די באַציונגען מיט די פאַרשיידענע פּועלי־ציון־פּאַרטייען. צו באַטאָנען, אַז אחדות־העבודה האָט אויסגעמיטן אָנצונעמען מיטלען קעגן קאַפּלאַנסקיס פּראַקציע 'האבוקה' (הערה 43). דאָס באַווייַזט אויף ווי ווייַט די פּאַרטיי איז געווען אָפּגעהיט אין איר 'כּמעט־שפּאַלטונג־פּאָליטיק'. וואָס שייך פּועלי־ציון אין אַמעריקע, האָט קונטרס פאָרויסגעזען אַז זי וועט גיין האַנט בייַ האַנט מיט אחדות־העבודה, בשעת דייַטשלאַנד וועט מיט איר אייַנשטימען כּמעט אויף אַלץ. וואָס וועלן טאָן די פּאַרטייען פון אַרגענטינע און פּוילן — ווייסט מען ניט. 'אין רומעניע זענען פאַראַן אָפּצווייַגן וואָס זענען גינסטיק צו אונדז, אָבער די צייַטונג דאָרטן שפּיגלט עס אָפּ אַנדערש'. אין עסטרייַך און מיזרח־גאַליציע 'איז ניטאָ קיין נייַעס'.[48]

כאָטש די מאַטעריאַלן וואָס האָבן זיך אויפגעהיט זענען זייער באַגרע־נעצט, מעג מען דרינגען אַז די פאַרשיידענע פּועלי־ציון־פּאַרטייען האָבן ניט געהאַט קיין מאָנאָליטישן אייַנשטעל צו דער שפּראַכן־פּראַגע. די אַרגענטינער פּאַרטיי, וואָס קונטרס רופט אָן 'ניט ווינציקער פרעמד ווי

מיזרח־גאַליציע', האָט אין אַ בריוו פון 30סטן יאַנואַר 1924 געשריבן, אַז מען דאַרף ווײַטער פירן פאַרהאַנדלונגען מיט צעירי־ציון. די שפּראַכן־פראַגע דאַרף ניט זײַן קיין מניעה אין דעם.[49]

די פּאַרטיי אין אַמעריקע האָט טאַקע געשטיצט אחדות־העבודה,[50] אָבער דער געוועזענער אַלגעמײַנער סעקרעטאַר, ה. ערנרײַך, האָט קריטיקירט די ארץ־ישׂראלדיקע פּאַרטיי, וואָס פּאָדערט נייטראַליטעט פאַר די שפּראַכן אין גלות, בשעת אין א"י טאָר מען אַזאַ נייטראַליטעט ניט דערמאָנען. דער פאַרבאַנד האָט פאַקטיש שלום געמאַכט מיטן באַליידיקנדיקן אײַנשטעל פון אחדות־העבודה לגבי ייִדיש.[51]

די פּאַרטיי אין רומעניע האָט ווידער אַ מאָל באַשטעטיקט די רעזאָלוציע פון דער זעקסטער קאָנפערענץ. וואָס שייך דעם סטאַטוס פון די שפּראַכן אין א"י, איז די הערשאַפט פון העברעיִש פאַרבונדן מיט אידעאָלאָגישע סתירות און פּראַקטישע שוועריקייטן, הן אין גלות, הן אין א"י. אין גלות דערציט מען דעם אַרבעטער, ער זאָל קעמפן פאַר ייִדיש. אין איין וועגס ווענדט מען אים אָן קיין א"י, ווו ער ווערט אָפּגעשניטן פון ייִדיש. די מאָדנע היסטאָרישע ווײַזגעבונג פון אַרויפּצווינגען העברעיִש אין ארץ־ישׂראל, איז 'איינער פון די טראַגישסטע קעגנאַנאַנדן' פון בנין־הארץ, אַ פועל־יוצא פון דער 'ניט־נאָרמאַלער' ייִדישער ווירקלעכקייט. ניט געקוקט אויף דעם, האָט פּועלי־ציון אין רומעניע באַשלאָסן, אַז מען דאַרף אויסמײַדן 'אַ שפּראַכן־מלחמה' אין א"י. דער דאָזיקער באַשלוס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף צוויי טעמים: א) דער קאַמף פאַר העברעיִש אין לאַנד האָט אין זיך ניט קיין נעגאַטיווע בײַרעזולטאַטן, אַזוי ווי אין גלות (אומדירעקטע הילף פאַר אַסימילאַציע), און זי 'האַלט ניט אָפּ' די אַנטוויקלונג פון די קינדער. ב) העברעיִש איז אַ שפּראַכלעכער יסוד, וואָס פאַראייניקט די ייִדן אין א"י. צוליב אָט אַ די טעמים האָט די פּאַרטיי אין רומעניע אויסגעפירט, אַז די 'פּאַקטישע בויערס פונעם ייִשוב דאַרפן באַשיידן דעם שפּראַכן־ענין.'[52]

וועגן דער פּאַרטיי אין מיזרח־גאַליציע דערוויסט מען זיך פון אַ רעדע וואָס י. שאַפּיראַ האָט געהאַלטן אין תּל־אביב.[53] שאַפּיראַ האָט דערציילט אַז אין מיזרח־גאַליציע איז פאַראַן אַ מיעוט וואָס איז קעגן דער 'לינקער פאַרוואַלטונג'. ניט געקוקט אויף דעם, איז דאַרטן ניטאָ קיין חילוקי־דעות מכּוח דער שפּראַכן־פראַגע און מכּוח דער פאַראייניקונג. דאָס נעמט זיך פונעם סאָציאַלן צונויפשטעל פון דער פּאַרטיי. דאָס רוב חברים זענען

אַרבעטער, בשעת די אינטעליגענץ שליסט זיך איַין אין די אַלגעמיינע ציוניסטן און אין דער 'התאחדות'.[54] דער חילוק צווישן פּוע"צ און די אינטעליגענט־העברעיִסטישע פּאַרטייען שפּיגלט זיך אָפּ, דער עיקר, אין קולטור־פּראָגעס. די קעגנערשאַפט צום 'פּאַלאַניאַ־העברעיִזם' מיינט ניט קיין קאַמף קעגן העברעיִש. כאָטש פּועלי־ציון אין גאַליציע פירן אַ שווערן קאַמף מיטן 'בונד', מיט 'פּילפּאַרביקע רויטע' און מיט די לינקע פּוע"צ, קענען זיי זיך ניט פּאַראייניקן מיט זייערע אָפּאָנענטן אין דער שפּראַכן־פראַגע. אַזאַ פּאַראייניקונג וועט ברענגען דעם גאַנצן פּאַרבאַנד צו גרונט. פּועלי־ציון אין מיזרח־גאַליציע שאַצן אָפּ די וויכטיקע טעטי־קייט פון אחדות־העבודה, נאָר זיי קריטיקירן זי, וויַיל אירע חברים 'זענען ניט פּועלי־ציוניסטן און זיי אַרבעטן מיט מיט דער בורזשואַזיש־ציוניסטישער יוגנט' (פּ"גל אויבן, ז' 87). פּאַר איין וועגס האַלט זיך אחדות־העבודה פרעמד צו די מאַסן. אחדות־העבודה באַציט זיך צו די אויסלענדישע פּאַרטייען ווי צו אַ 'מעלקעדיקער קו און קליַיבט זיך אויס די וואָס גיט מער מילך'. די שפּאַלטונג 'איז די איינציקע רעטונג פאַר דער באַוועגונג... אַזאַ שטימונג הערשט אויך אין רומעניע און פוילן'.

אַ בריוו פון פּועלי־ציון אין מיזרח־גאַליציע צום פּאַרבאַנד־ביוראָ (10טן יולי 1925),[55] אילוסטרירט די קולטורעל־סאָציאַלע אָנגעצויגנקייט אין די באַציונגען פון אַ טייל פּועלי־ציון־פּאַרטייען מיט אחדות־העבודה. איבערבליקנדיק דעם מצב רעדט דער בריוו אַרום (ז' 3) די שפּראַכן־פראַגע, און באַשטעטיקט, צווישן אַנדערן:

א) די מאַסן פאַרשטייען ניט וואָס עס קומט פאַר אין א"י און האָבן ניט דאָס געפיל, אַז דאָס לאַנד וועט באַפרידיקן זייערע קולטורעלע באַ־דערפטיקייטן.

ב) עס איז פאַראַן אַ קעגנאַנאַנד צווישן דעם 'עם־הארץ', דאָס הייסט 'דער מענטש פון דער שווערער פּראַצע', און דעם אינטעליגענט, וואָס פּאַרט קיין א"י, כדי צו ווערן דאָרטן אַן 'אינטעליגענטער עם־הארץ'. אַן אינטעליגענטער עם־הארץ, וואָס זיַין שפּראַך איז העברעיִש, קוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די מאַסן אין גלות.

ג) דער פּאַרבאַנד דאַרף אַרויסטרעטן קעגן די 'שפּראַך־גזירות' פון עטלעכע ארץ־ישׂראלדיקע אַנשטאַלטן. מחמת אָט אַ די גזירות, האָבן העברעיִש־רעדערס די פאַרהאַנט עולה צו זיַין קיין א"י (פּ"גל אויבן, ז' 52). דאָס ווערט געטאָן, הגם זיי זענען פּראָפעסיאָנעל און פיזיש ווינ־

ציקער פעיִק ווי הונדערטער און טויזנטער אַרבעטער, וועלכע מען פאַר־שטעלט דעם וועג, ווײַל זייער שפּראַך איז ייִדיש.

ד) די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, מיט אירע גרויסע פינאַנציעלע מיט־לען האָט געטאָן אַל דאָס מעגלעכע, כּדי צו צעגלידערן דאָס ייִדישע פאָלק אויף צוויי נאַציאָנאַלע, שפּראַכלעך־אָפּגעזונדערטע גופים.

אַ נאַציאָנאַל־פּראָלעטאַרישער קולטורקאַמף וועט סוף־כּל־סוף אָפּ־שאַפן דעם דאָזיקן צעגלידער. פּועלי־ציון האָבן פאַר זיך אַן אומגע־הײַערע נאַציאָנאַלע עובדא: פּאַראייניקן, שפּראַכלעך, דאָס ייִדישע פאָלק. אַ געזונט עקאָנאָמיש לעבן אין א״י קען ברענגען דערצו אַז עס זאָלן דאָרטן אויפקומען גײַסט־אוצרות. כּדי די אוצרות זאָלן ווירקן אויפן גלות און דינען ווי אַ קוואַל פון נאַציאָנאַלער התלהבות פאַר די מאַסן, דאַרפן זיי געשאַפן ווערן אויף דער נאַציאָנאַלער שפּראַך [פון די מאַסן].

די שפּראַכן־פראַגע ווערט אויך באַהאַנדלט אין אַ ריי אַרטיקלען געשריבן האַרט פאַר דער וועלט־קאָנפערענץ. אין די דאָזיקע אַרטיקלען איז קיין נײַס ניטאָ.[56] צו באַמערקן אַז אַ קורצע צײַט פאַר דער קאָנפע־רענץ איז אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין פּוילן אַ בריוו צו ד״ב מלכּין, אין נאָמען פון פּוע״צ־חברים, וואָס זענען עולה געווען קיין א״י. דער בריוו וואָרנט, אַז דער ייִדישיזם זאָל ניט פּרווון שפּאַלטן די באַוועגונג. די זיבעטע קאָנפערענץ טאָר ניט אָננעמען קיין באַשלוסן וועגן ייִדיש אין א״י.[57]

3. די זיבעטע וועלט־קאָנפערענץ

אויף דער זיבעטער וועלט־קאָנפערענץ, פאָרגעקומען אין אויגוסט 1925 אין ווין, האָבן ביידע צדדים איבערגעחזרט זייער באַקאַנטן אײַנ־שטעל מכּוח דער שפּראַכן־פראַגע. די לאַנגע דעבאַטע אַרום דעם דאָזיקן ענין, האָט ווידער אָפּגעשפּיגלט די אידעאָלאָגישע מחלוקה איבער ציוניזם און סאָציאַליזם, וואָס ביידע מחנות האָבן געפירט זינט יאָרן. אויך דאָס מאָל דערוויסט מען זיך וועגן וויכּוח פון גאָלאָמבּס אַ באַריכט (פ״גל אויבן, זז׳ 86, 94). די פּלוגתא האָט זיך איצט אָנגעהויבן נאָך מלכּינס אַ רעדע וואָס איז פאַרשריבן געוואָרן בלויז טיילווײַז.[58]

אָן ספק אַז דער אַרויסזאָג פון אַ פאָרשטייער פון דער ׳אבוקה׳־פראַקציע (אויבן, ז׳ 100), אַז אין דער תּל־אָביבער בראַנשע פון אחדות־העבודה האָבן געשטימט אַכט און פופציק חברים פאַר ייִדיש אין גלות,[59]

האָט אָפּגעשפּיגלט די קעגנערשאַפט צום אויסשליסיקן 'פּאַלעסטינאַ־צענט־ריזם' פון אחדות־העבודה. און טאַקע אָט דער זעלבער פאַרשטייער האָט אָנגערופן אחדות־העבודה 'אַ יונג היציקע פּאַרטיי, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין אידעאָלאָגישן רוקנביין'.

קאַפּלאַנסקי האָט דערמאָנט די שפּראַכן־פראַגע, נאָר זײַנע הויפּטרייד האָט ער געווענדן צו דעם אידעאָלאָגיש־אָרגאַניזאַציאָנעלן וויכוח מיט אחדות־העבודה. קאַפּלאַנסקי האָט געטענהט, אַז אחדות־העבודה טוט אַלץ כּדי צוצונעמען בײַם פאַרבאַנד די שליטה איבער קפּא״י (קופּת ארץ־ישׂראל, די קאַסע לטובת א״י, וואָס די פּועלי־ציון־באַוועגונג האָט געהאַט פאַרלייגט 1908, כּדי אונטערצושטיצן די פּוע״צ־פּאַרטיי אין לאַנד).

צעירי־ציון האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט וואָס אחדות־העבודה האָט פאַרטראָטן דעם פאַרבאַנד אויפן אינטערנאַציאָנאַל, כּדי צו פּראָקלאַמירן אַז דער פאַרבאַנד האָט דאָרטן ניט קיין פאַרשטייערס.[60] אַזוי האָט זיך אויך אויסגעדריקט בן־גוריון אויף דער דאַנציגער קאָנפערענץ פון צעירי־ציון.

קאַפּלאַנסקי האָט פון דאָס נײַ קריטיקירט דעם אופן ווי אַזוי אחדות־העבודה באַציט זיך צום פאַרבאַנד (פּ״גל אויבן, זז' 95—97). ער האָט איצט דערמאָנט, אַז אחדות העבודה האָט פאַרהאַנדלט זיך צו פאַראייניקן מיט הפּועל־הצעיר, אָן דעם וויסן פונעם פאַרבאַנד.

בן־גוריונס ענטפער גיט אַ געמעל וועגן דעם 'פּאַלעסטינאַ־צענטריזם' פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישׂראל. בן־גוריון האָט דער־קלערט, אַז נאָך אין דער צײַט פון דער צווייטער עליה האָט מען אויפ־געוואָרפן פּועלי־ציון אין א״י, אַז זיי זענען ניט געטרײַ צום פאַרבאַנד. 'דאָס וועט ניט אויפהערן כּל־זמן עס וועט זיך אונדז ניט אײַנגעבן אַז דער גײַסט פון ארץ־ישׂראל זאָל געוועלטיקן איבערן גלות'. אחדות־העבודה, וואָס פירט אָן מיט דער הסתדרות 'אָן פּאָליטישע אַמביציעס', וועט באַשטימען איר אייגענעם גאַנג לויט די באַדערפטיקייטן פון דער הסתדרות און וועט ניט זײַן אָפּהענגיק 'אין די דיקטאַטן פונעם פאַרבאַנדס־ביוראָ'. בן־גוריון האָט פאַרבונדן די פאַרטרעטערשאַפט אין אינטערנאַ־ציאָנאַל צו... דער שפּראַכן־פראַגע. מע טאָר ניט אויסניצן דעם ענין אינטערנאַציאָנאַל, כּדי צו נייטן צעירי־ציון זיי זאָלן ענדערן זייער אײַנ־שטעל 'כּלפּי העברעיש'. אחדות־העבודה האָט ניט פײַנט יידיש און זי

רודפט עס ניט. די פּאַרטיי גלייבט אינעם אויפלעב פון העברעיִש ׳איבער דער גאַנצער וועלט׳.

יצחק טאַבענקין האָט געפּאָדערט צו פּאַראַייניקן די פּאַרבאַנדן מחמת ׳דער סכּנה, אַז די נײַע עליה וועט אַראָפּנידערן די הייך פון אונדזער באַוועגונג׳. דער אויפלעב פון העברעיִש איז ניט ׳אימפּעריאַליסטיש׳. העברעיִש איז ניט אַנטיפּראָלעטאַריש. בעת דער מיטלקלאַס ברענגט אַרײַן יידיש אין א״י, ׳טראָגט דער אַרבעטער אויף זיך דעם אויפלעב פון העברעיִש׳.[61]

י. געלמאַן, איינער פון די אָנפירערס פון פּוע״צ אין מיזרח־גאַליציע, האָט אין זײַן רעדע קלאָר געמאַכט די גרונטיקע אידעאָלאָגישע קעגנ־אַנאַנדן צווישן זײַן פּאַרטיי און אחדות־העבודה.

די הויפּטפּונקטן וואָס געלמאַן האָט דערמאָנט זענען געווען: א) פּוע״צ אין מיזרח־גאַליציע זענען ניט אַנטיקאָנגרעסיסטן נײַערט אַקאָנגרעסיסטן. ב) טאַבענקינס און בן־גוריונס רעדעס דערווײַזן אַז מיזרח־גאַליציע איז גערעכט ווען זי האַלט אַז אחדות־העבודה ׳איז ניט אונדזערס אַ פּאַרטיי׳. ג) די שפּראַכן־פראַגע איז ניט בלויז אַן ענין פון ליבשאַפט. דאָס איז אַ היסטאָריש־סאָציאָלאָגישער ענין וואָס פּאָדערט, מען זאָל די טעטיקייט אין גלות פירן אויף דער יידישער שפּראַך.[62] ד) די פּלוגתא מיט אחדות־העבודה שטעקט ניט נאָר אין דער שפּראַכן־פראַגע. דאָ גייט עס אין טאָלק. ׳אחדות־העבודה איז וואָלונטאַריסטיש... און מיר, סאָציאַליסטן, שפּאַרן זיך אָן אויפן היסטאָרישן דעטערמיניזם. דער פּאַרבאַנדס־ביוראָ, וואָס האָט געמאַכט פּשרות צווישן צוויי ברעגן וואָס קענען זיך ניט פּאַראייניקן, האָט געטאָן אַן עוולה דער באַוועגונג׳.

מיר פּאַרמאָגן ניט קיין ידיעות וועגן די פּאַרהאַנדלונגען הינטער די קוליסן, וואָס האָבן געבראַכט דערצו אַז דער פּאַרבאַנד זאָל אָננעמען אַלע פּאָדערונגען פון אחדות־העבודה. עפּעס פון דעם וואָס איז דאָרטן געשען דערוויסט מען זיך, אַז מען לייענט געלמאַנס אַן אַרטיקל ווו ער קריטיקירט דאָס פּאַראייניקן זיך מיט צעירי־ציון. געלמאַן גיט איבער אַז פּועלי־ציון פון פּוילן, רומעניע און מיזרח־גאַליציע האָבן אָפּגע־מאַכט אַז דאָס פּאַראייניקן זיך זאָל אויפקומען אויפן יסוד פון אַ פּראָ־לעטאַריש־יידישיסטישן פּראָגנט, וואָס זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן דעם ׳העב־רעיִסטיש־בורזשואַזישן פּראָגנט׳. דער פּראָלעטאַרישער פּראָגנט האָט גע־זאָלט ווירקן, מען זאָל באַשליסן אַז אין גלות איז פּאַראַן אָרט בלויז

פאַר ייִדיש. וואָס שייך ארץ־ישׂראל, דאַרף אויך ייִדיש געניסן פון רעכט. לסוף איז זיך דער פראָנט צעגאַנגען, נאָך דעם ווי לאָקער האָט געוואָרנט פאַר אַ ריס מיט אחדות־העבודה און מיט דער אַמעריקאַנער פועלי־ציון פּאַרטיי.

פאַרסך־הכּלענדיק, שרײַבט געלמאַן, אַז ייִדיש איז אַ טייל פון דער פועלי־ציון אידעאָלאָגיע, ניט ווינציקער ווי ארץ־ישׂראל גופא. דאָס פאַרראָטן ייִדיש האָט גורם געווען אַז דער פאַרבאַנד זאָל באַשטימען, פּראַגמאַטיש, זײַן 'ליקווידאַציע'.[63]

די רעזאָלוציעס פון דער זיבעטער קאָנפערענץ וועגן דער שפּראַכן־פראַגע חזרן איבער, אויבנאויפיק, די באַשלוסן פון דער זעקסטער קאָנ־פערענץ. לעולם, האָט מען אין 1925 צוגעגעבן נײַע פּאַראַגראַפן, כּדי אויסצופילן אַלע פאָדערונגען פון אחדות־העבודה. פּאַראַגראַף 4 ב אָנאַר־קענט דאָס רעכט פון 'מיעוטים', אין די פועלי־ציון־פּאַרטייען, 'צו פירן קולטורעלע אַרבעט... אויף העברעיִש'. פּאַראַגראַף 4 ג דערלויבט די העברעיִשע טעטיקייט פון צעירי־ציון, מיטן תּנאַי, ייִדיש זאָל זײַן אַ לימוד אין די שולן פון דער באַוועגונג [אין גלות].

די עין־חרודער רעזאָלוציעס, וואָס האָבן בשעתו אַרויסגערופן אַזאַ שאַרפן וויכּוח (זען אויבן, ז' 94), האָט מען איצט געלויבט ווי אַן אויסדרוק פונעם ווילן דערצײַען די אַרבעטער אין ארץ־ישׂראל אָפּצושאַצן 'די קולטורעלע אוצרות וואָס די מאַסן שאַפן... אין גלות' [אויף ייִדיש].[64] מען האָט די דאָזיקע באַשלוסן באַשטעטיקט אות בײַ אות, אַ חוץ דעם אַרויסזאָג אַז דער צובונד צו ייִדיש אין גלות איז אַן איבערגייענדיקע ווײַזגעבונג.

ווי פריִער געזאָגט, האָט אחדות־העבודה אַרויסגעשטעלט די שפּראַכן־פראַגע בראָש פון איר קאַמף פאַר דער העגעמאָניע איבער דער באַווע־גונג. מיטן מסכּים זײַן אויף אירע פאָדערונגען אין דעם תּחום, איז מען אויך מסכּים געווען מיט אירע עיקר־פאָדערונגען בנוגע ציוניסטיש־סאָ־ציאַליסטישע ענינים. מען האָט אײַנגעשלאָסן צעירי־ציון אינעם וועלט־פאַרבאַנד פון פועלי־ציון; מען האָט איבערגעגעבן דער הסתדרות די שליטה איבער קפּא״י;[65] מען האָט אָנאַרקענט דעם 'החלוץ' ווי אַן אינסטרומענט אויף צו דערצײַען אַרבעטער חלוצים; מען האָט גענייט אַלע פּאַרטייען אין פאַרבאַנד אָנטייל צו נעמען 'אין אַלע אַקטיוויטעטן און אַנשטאַלטן' וואָס דער פאַרבאַנד אַרבעט מיט מיט זיי. מען האָט

בפירוש געפאָדערט פון דער פאַרטיי אין מיזרח־גאַליציע זיך אַזוי נוהג זײַן.

די באַשלוסן פון דער פאַראייניקונג־קאָנפערענץ מיט צעירי־ציון — 19טן אויגוסט 1925 [66] — מאַכן קלאָר ווי אַזוי דער פאַרבאַנד האָט אָנגענומען די אידעאָלאָגישע שטעלונג פון אחדות־העבודה. דעם פאַרבאַנד־ביוראָ האָט מען צעטיילט אויף צווייען: איינער אין א״י, דער אַנדערער אין אייראָפּע. די 'אַרבעט פאַר ארץ־ישׂראל', די השגחה איבער דער פאַרטרעטערשאַפט פון פאַרבאַנד אין לאָנדאָן, די פאַרבינדונגען מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל און מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, די פירערשאַפט אין קפא״י, דאָס הייסט, די ממשותדיקע שליטה איבער דעם פאַרבאַנד־ביוראָ האָט געקראָגן דער ארץ־ישׂראלדיקער ביוראָ. צו באַטאָנען, אַז זינט אחדות־העבודה האָט באַקומען די אייבערהאַנט איבער דעם פאַרבאַנד פון פוע״צ, איז די פלוגתא פון די שפּראַכן געקומען צו אַן עגד. אינעם באַריכט וועגן דער אַכטער קאָנפערענץ פון וועלט־פאַרבאַנד (18טן — 27סטן יולי 1929), ווערן ניט דערמאָנט קיין דיסקוסיעס וועגן העברעיִש און יידיש.[67]

אין 1931, ערב דער פאַראייניקונג־קאָנפערענץ מיט 'ההתאחדות', האָבן רײַס, טאַרטאַקאָווער און קאַפּלאַנסקי צוגערייט אַ פאָרלייג מכּוח דער שפּראַכן־פראַגע. עס ווערט דאָרטן בפירוש געזאָגט, אַז העברעיִש איז דאָס לשון פונעם יישוב אין ארץ־ישׂראל.[68]

כּצנעלסאָנס שאַרפן אָנגריַיף אויף פּועלי־ציון אין פּוילן, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער הוספה צו דעם דאָזיקן קאַפּיטל, איז דער איינציקער עפנטלעכער וויכּוח אין א״י מיט מיזרח־אייראָפּעיִשע פוע״צ, מכּוח דער שפּראַכן־פראַגע. אָט אַ דעם אָנגריַיף (1928), זײַנע מאָטיוון און צילן, אילוסטרירן דעם אופן ווי אַזוי די שפּראַכן־פראַגע האָט געדינט אחדות־העבודה אין איר וויכּוח מיט פּועלי־ציון אין מיזרח־אייראָפּע.

הוספה: די שפּראַכן פראַגע און דער איינשטעל צו פּועלי־ציון אין פּוילן

אַפּריל 1928, איז אין וואַרשע פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון דער 'ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישׂראל אין פּוילן'.

די טאָגצײַטונג הארץ האָט איבערגעגעבן, אין אַ דעפּעש פון פיר שורות — 15טן אַפּריל 1928, ז' 1 — אַז די קאָנפערענץ האָט זיך אָנ־

געהויבן 'זייער שטורמיש', מחמת די פועלי־ציון־חברים זענען אַרויס־געטראָטן קעגן רעדעס אין העברעיִש.

אויפֿן סמך פֿון אַט דער דעפּעש, האָט בערל כּצנעלסאָן געדרוקט אין דבֿר, אויף צומאָרגנס, אַן עדיטאָריאַל אונטערן טיטל 'הלנו או לצרינו?' ('פֿאַר אונדז צי פֿאַר אונדזערע פֿײַנד'?) כּצנעלסאָן שרײַבט אַז די שׂימחה פֿון דער קאָנפֿערענץ האָט זיך אויסגעמישט מיט 'אַ טראָפּן סם'. מען טאָר אַזאַ אָבסטרוקציע ניט דערלײַדן. די אַרבעטערשאַפֿט אין א"י גיט אָפּ כּבֿוד דער קולטורעלער טעטיקייט אין אויסלאַנד, אַפֿילו ווען זי ווערט ניט געפֿירט 'אין אונדזער גײַסט'. פֿון דעסטוועגן, וועט די אַרבעטערשאַפֿט קיין מאָל ניט אַראָפּנידערן דעם קאָפּ 'פֿאַר פֿײַנדלעכע מעשׂים צו דער שפּראַך פֿון זײַן לעבן און שאַפֿן און צו דער קולטורעלער אַרבעט אין גלות, וואָס גרייט צו דעם דור צו פֿולשטענדיקן נאַציאָנאַלן אויפֿלעב'. כּצנעלסאָן, וואָס האָט אומדירעקט פֿאַרגליכן פּועלי־ציון אין פּוילן צו דער יעווסעקציע, האָט צוגעגעבן אַז מחוץ דער קאָנפֿערענץ מעגן אָט די פּועלי־ציוניסטן אַרויסזאָגן זייער מיינונג. פֿינף און צוואַנ־ציק יאָר פֿון לעבעדיקן העברעיִשן שאַפֿן — כּצנעלסאָן האָט באַשטימט זײַן כראָנאָלאָגיע לויטן אָנהייב פֿון דער צווייטער עליה — וועלן דינען ווי אַן ענטפֿער אויף דעם. אויב אָבער די דאָזיקע מענטשן שילטן די אימפּרעזע פֿונעם העברעיִשן אַרבעטער, פֿאַר די אויגן פֿון די הסתדרות־שליחים, און פֿאַר די אויגן פֿון הונדערטער דעלעגאַטן וואָס זענען אין אַלץ געטרײַ דעם אַרבעטער אין א"י, דאַרף די הסתדרות זאָגן אָט די דאָזיקע פּועלי־ציוניסטן: 'ניט צו אונדז געהערט איר, נאָר צו אונד־זערע שׂונאים'.

רעאַגירנדיק אויף כּצנעלסאָנס אַרויסזאָג, האָט ש. קאַפּלאַנסקי [1] געהאַלטן אַז דער עדיטאָריאַל איז געווען היציק. פֿון וואַנען נעמט זיך די זיכערקייט אַז די אָבסטרוקציע בשעת עס האָט גערעדט דער פֿאַרשטייער פֿון 'תרבות' איז געווען געצילט קעגן העברעיִש? מיגלעך אַז דאָס איז געווען אַ פּראָטעסט קעגן תרבות, אָדער קעגן דעם אינהאַלט פֿון דער רעדע. דעמאָנסטראַטיווע העברעיִשע רעדעס פֿאַר אַן עולם וואָס פֿאַר־שטייט ניט קיין העברעיִש, האָבן ניט קיין זינען. וואָלטן די שליחים פֿון דער הסתדרות געהאַלטן רעפֿעראַטן און רעדעס 'וועגן ביזנעס' נאָר אין העברעיִש, וואָלט אים 'אַזאַ איבעריק איבערגעטריבן קנאות' געוווּנ־דערט, אָבער ער וואָלט 'געבויגן דעם קאָפּ פֿאַרן הייליקן העברעיִש

ברשות־הרבים׳. קאַפּלאַנסקי לייגט ניט קיין כּבוד אויף שליחים וואָס ווען עס גייט אין געשעפטן רעדן זיי ייִדיש, נאָר אויף צערעמאָניעס דעמאָנסטרירן זיי העברעיִשקייט. קאַפּלאַנסקי קריטיקירט, סײַ פּוסטע מעשׂים קעגן פּוסטע דעמאָנסטראַציעס, סײַ די היציקייט פון כּצנעלסאָנס אַרויסזאָג. ער גיט צו, אַז עס זענען אים באַקאַנט נאָך פּרטים וועגן דעם אינצידענט. דרײַ רעדנערס האָבן גערעדט העברעיִש און קיינער האָט זיי ניט געשטערט. ווען עס האָט גענומען דאָס וואָרט, אויף ייִדיש, דער פאָרשטייער פון פּועלי־ציון, זײַנען יאָ געווען אָבסטרוקציעס.

כּצנעלסאָנס פלינקייט, דאָס אויסשליסן די פּוילישע פּועלי־ציון מחוץ למחנה, באַזירט אויף אַן אויבנאויפיקער ידיעה אין אַ בורזשואַזער צײַטונג, וועט מאַכן אַ שווערן רושם אין אויסלאַנד.

גאָלאָמב האָט געענטפערט [2] קאַפּלאַנסקין, פּאַקטיש, מיט כּצנעלסאָנס אַרגומענטאַציע. לויט גאָלאָמב איז קאַפּלאַנסקיס באַריכט ניט פּינקטלעך. די אָבסטרוקציעס האָבן זיך אָנגעהויבן שוין בײַ דער ערשטער רעדע אין העברעיִש.

נ. בנארי האָט בײַגעטראָגן [3] נאָך אַן אימאַוש צו דער שפּראַכן־פּלוגתא. ער האָט זיך באַקלאָגט אַז מען האָט פאַרוואַנדלט ׳דעם בית־הכּנסת פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישׂראל אין אַ קרעטשמע׳. דער ייִדישיזם פון די יונגע פּועלי־ציון־חברים אין פּוילן איז געוואָרן אַ ׳פעטישיזם׳. אין אַ קורצער צײַט אַרום, וועט דער ׳גרויסער שאָטן פונעם קעמפנדיקן ייִדישיזם באַדעקן אַלע אַנדערע אידעאַלן פונעם אַרבעטנדיקן ציוניזם, פּונקט אַזוי ווי עס איז געשען מיט די לינקע פּועלי־ציון׳.

ש. ר. האָט איבערגעגעבן,[4] אַז נאָך די דרײַ רעדעס אין העברעיִש האָט מען געשטערט טאַקע די רעדע און ייִדיש. חיים שורר, דעמאָלט אַ שליח אין פּוילן, איז דעמאָנסטראַטיוו געזעסן ווען מען האָט געזונגען ׳די שבֿועה׳. בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט, האָט ער זיך גערייצט מיט פּועלי־ציון און געשריִען צו זיי, ׳איר האָט אפילו ניט קיין שפּראַך׳.

די פאָרשטייערס פון הפּועל־הצעיר טראָגן דאָס אַחריות פאַרן דורכפאַל פון דער קאָנפערענץ, ניט ווינציקער ווי די פּועלי־ציון־חברים.

ל. שפּיזמאַן, באַשרײַבט דעם אינצידענט פונעם קוקווינקל פון פּועלי־ציון אין פּוילן.[5] דווקא צוליב דער פּיליקייט פון דער שפּראַכן־פראַגע, האָט מען באַשלאָסן, אייגשטימיק און אין פאַרויס, ווי אַזוי אויפצונעמען די ארץ־ישׂראלדיקע שליחים. שוררס רעדע האָבן געשטערט דווקא די

וואָס קענען העברעיִש. זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן זײַן קריטיק אויף פּועלי־ציון אין פּוילן.

עס איז צו האָפן אַז פּונקט אַזוי ווי מען דאַרף לייגן כבוד אויף דער שפּראַך פונעם אַרבעטער אין א״י, זאָל מען אויך לייגן כבוד אויף דער שפּראַך פונעם אַרבעטער אין חוץ־לארץ.

בערל לאָקער האָט איבערגעחזרט [6] דרײַ פּונקטן וואָס ווערן דערמאָנט אויך אין אַנדערע נאָטיצן. א) די קאָנפערענץ איז דורכגעפאַלן, ניט ווײַל פּועלי־ציון אין פּוילן האָבן פײַנט העברעיִש, נאָר מחמת דעם וואָס 'ההתאחדות' איז פאַרויסיק געווען קעגן דער קאָנפערענץ. 'ההתאחדות' גופא האָט אויפגעדעקט די שפּראַכן־פראַגע.[7] ב) קיינער איז ביז איצט ניט אַרויסגעטראָטן קעגן דעם וואָס די עפנטלעכע צוזאַמענפאָרן אין פּוילן ווערן געפירט אין יידיש. אַזאַ פּרינציפּ איז אויך אָנגענומען אין אַמעריקע. דערצו נאָך זענען פּועלי־ציון מסכים געווען אַז זייער רעדע זאָל זײַן די פּערטע, דווקא ווײַל זי איז געווען אויף יידיש. ג) מען דאַרף דערציִען די חברים אין פּוילן צו רעספּעקטירן העברעיִש, אָבער מען טאָר זיי ניט נייטן מוותר צו זײַן אויף זייער 'שטאַנדפּונקט'. צו באַמערקן אַז די באַריכטן אין דער יידיש־פּרעסע אין פּוילן פאַרשטאַרקן ש. ר., קאַפּלאַנסקיס און שפּיזמאַנס דערקלערונגען. די באַריכטן זענען מושפּע געוואָרן פון דעם פּאָליטישן קוק אין די פאַרשיידענע צײַטונגען, נאָר עטלעכע פּרטים חזרן זיך איבער אין אַלע ידיעות. אַרבעטער צײַטונג (לינקע פּועלי־ציון), דערעיקרשט קריטיקירט קאַפּלאַנסקין, הלמאַי די באַגריסונג וואָס ער האָט געשיקט פון ארץ־ישראל איז געווען געשריבן אין... העברעיִש.[8] נײַע פאָלקסצײַטונג (בונד) האָט איבערגעגעבן, אַז נאָך פאַר דער קאָנפערענץ, האָט מען אויף אַ קבלת־פּנים פאַר די פאַרשטייערס פון 'החלוץ', געהויבן העגט. די סיבה דערפון — אַ פאַרטרעטער פון פּועלי־ציון האָט דאָרטן געפּרוווט רעדן אויף יידיש.

סײַ נײַע פאָלקסצײַטונג, סײַ די בירגערלעכע הײַנט, האָבן דערציילט, אַז בעתן שפּילן די פאַרשיידענע הימענס זענען פאָרגעקומען אינצידענטן.ביידע צײַטונגען — יעדער איינע פון איר אויסבליקפּונקט — באַמערקן אַז ח. שורר האָט איבערגעקערט אַ טיש און געשלײַדערט אַ גלאָז וואַסער דעם פּרעזידיום.[9]

כדי צו פאַרשטיין קאַפּלאַנסקיס קריטיק, וואָס ער האָט זי אויסגעדריקט ווי זײַן שטייגער איז געווען, קלאָר, דרייסט און מיט אינטע־

לעקטועלן יושר — איז כדאי צו דערמאָנען אַ פֿאַרגעסענעם עפּיזאָד בײַ דער פּועלי־ציון־קאָנפֿערענץ אין פּוילן, אין 1926. דער ליטעראַרי־שער זשורנאַל כּתובים[10] האָט שאַרף פּראָטעסטירט, הלמאַי קונטרס האָט פֿאַרשוויגן אַז בעת דער פּועלי־ציון־קאָנפֿערענץ אין פּוילן האָט מען ניט דערלאָזט אַז אַ שליח פֿון ארץ־ישראל — מ. באָגדאַנאָווסקי־שלי — זאָל דאָרטן האַלטן אַ רעדע אויף העברעיִש.

דער דאָזיקער פֿאַקט, וואָס שלי האָט בכלל ניט דערמאָנט אין זײַן באַריכט וועגן דער קאָנפֿערענץ, משלט אָפּ קאַפּלאַנסקיס טענות און ווײַזט אָן אויף אַ פּירוש וואָס פֿלעגט זיך איבערחזרן כּמעט סיסטעמאַטיש. דער וויכּוח וואָס ווערט דערמאָנט אין דער הוספה אילוסטרירט, ניט געקאַרגט, די האַלטונג פֿון אחדות־העבודה אין דער פּלוגתּא מיט די מיזרח־אייראָפּייִשע פּועלי־ציוניסטן.

דער דאָזיקער ענין וואַרפֿט זיך באַזונדער אין די אויגן, אין 'הלנו או לצרינו'? די באַריכטן אין דער ייִדישער פּרעסע אין פּוילן און די אַרטיקלען אין קונטרס דערווײַזן, אַז דער גאַנג און די אומשטאַנדן פֿונעם אינצידענט זענען געווען אַ סך פֿאַרוויקלטער ווי בערל כּצנעלסאָן האָט זיי אַרויסגעשטעלט.

הערות צו קאַפּיטל צוויי

1. זיי געפֿינען זיך אינעם אַרכיוו פֿון דער אַרבעטער־פּאַרטיי, בית ברל, צופֿית. אַ האַרציקן דאַנק, פּ. עופֿרן, פֿאַרוואַלטער פֿון אַרכיוו און די אַרכיוו באַאַמטע, פֿאַר זייער הילף בײַם איבערקוקן די מאַטעריאַלן.
2. וועגן דער קלאָרער אָריענטאַציע פֿון צעירי־ציון צו אחדות־העבודה זען: ספר צ״ס, ת״א, תשכ״ג, זז' 25, 49 ; י. ריטוב, פּרקים בתולדות „צעירי ציון" — צ. ס., ת״א, תשכ״ה, זז' 70, 74־75 ; ב. כּצנלסון, קונטרס קי״ט, ז' 81. אין לאַנד זײַנען צעירי־ציון אַרײַנגעטראָטן אין אחדות־העבודה, גלײַך נאָכן גרינדן די הסתדרות אין 1921. זען: קונטרס, ס״ב, זז' 4־5.
זיך מערקן אַז בײַ צעירי־ציון אין פּוילן איז געווען אַ לינקער פֿליגל וואָס האָט זיך פֿאַראייניקט מיט פּועלי־ציון אין 1923. זען די צירקולאַר דערמאָנט אין הערה 4, זז' 3־4.
3. זען: קאַפּלאַנסקי־אַרכיוו, אַרבעטער־אַרכיוו, ת״א, 104IV.
4. פֿאַרבאַנדס־ביוראָ האָט מען אָנגערופֿן די עקזעקוטיווע פֿון פּוע״צ־וועלט־פֿאַרבאַנד. אין דער צירקולאַר זענען פֿאַראַן דאָקומענטן פֿון די יאָרן 1921—1923. די צירקולאַר, דאַטירט דעם 20טן יולי 1924, געפֿינט זיך אינעם אַרכיוו דערמאָנט אין הערה 1, טעקע פּוע״צ פּ/8, ב' 1.

5. בערל כצנעלסאָנס שאַרפֿן בריוו צו זלמן שז״ר (י״ג באדר תרפ״ג) זאָגט עדות איבער דעם: ׳אויך דו זלמן האָסט אונטערגעחתמעט אַט דעם שענדלעכן דאָקומענט? אויך דו... זלמן פֿאַדערסט זיך אָפּזאָגן פֿון העברעיִשקייט און פֿון די אוצרות פֿונעם אַרבעטער אין א״י? זען: אגרות ברל כצנלסון, תרפ״ב—תרצ״א, זז׳ 155־156.
6. געמיינט דעם אַזוי גערופֿענעם ׳דריטהאַלבן אינטערנאַציאָנאַל׳.
7. ווי דערמאָנט אין פֿריִערדיקן קאַפּיטל, האָט די אַמעריקאַנער פּאַרטיי ניט געהאַט קיין איינהייטלעכן אײַנשטעל מכּוח אַט דער פֿראַגע.
8. זען די צירקולאַר (אויבן, הערה 4), זז׳ 3־4.
9. וועגן יציבן זען הערה 79 צו קאַפּיטל איינס. דער בריוו איז געשריבן אין ייִדיש.
פֿאַרשיידענע בריוו דערווײַזן אַז צווײ וואָכן פֿאַרן אָנהייב פֿון דער וועלט־קאָנפֿערענץ האָט מען נאָך ניט געוווּסט ווו זי וועט פֿאָרקומען. זען: סאָקאָל צו לאָקערן, 11טן יולי 1923; סאָקאָל צו קאַפּלאַנסקין, 16טן יולי 1923; בלאָך צו קאַפּלאַנסקין, 6טן יולי 1923. אַלע בריוו אין קאַפּלאַנסקי־אַרכיוו.
10. אחדות־העבודהס גרויסע פֿינאַנציעלע אָפּהענגיקייט פֿון אירע קאָלעגן אין אויסלאַנד האָט דווקא געבראַכט דערצו, אַז איר טאָן בײַם ווענדן זיך נאָך הילף זאָל זײַן פֿאָדערדיק און שאַרף. זען וועגן דעם: בלאָך און קאַפּלאַנסקי (14טן אויגוסט 1922); לאָקער צו קאַפּלאַנסקי (18טן מײַ 1922); העמלין צו קאַפּלאַנסקי (15טן סעפּטעמבער 1922). העמלין שרײַבט אַז בלאָכס דרוק איז ניט צו דערטראָגן און אַז כצנעלסאָנס באַזוך האָט איבערגעלאָזן ׳ניט קיין באַזונדערס גוטע שטימונג׳. אַלע בריוו אין קאַפּלאַנסקי־אַרכיוו. זען אויך הונדערטער בריוו פֿון בלאָך אין אַרכיוו פֿון אַרבעטער פּאַרטיי, פּוע״צ פּ/8 און קפּא״י, אַרכיוו (אַרבעטער־אַרכיוו, ת״א).
11. זען דעם באַריכט איבער דער קאָנפֿערענץ, געשריבן פֿון א. גאָלאָמב, קונטרס קמ״א, זז׳ 10—15. לאָקערס רייד, דאָרטן, זז׳ 10־11.
12. זען דאָרטן, ז׳ 15. וועגן רײַסן זען תדהר, 4, זז׳ 2003—2005.
13. זען כצנעלסאָנס רעדע דאָרטן, זז׳ 12־13.
14. ׳אויב ס׳וואָלט מעגלעך געווען צו פֿרעגן וואָס ס׳איז בילכער, אַ גרויסער ייִשוב וואָס רעדט ייִדיש, אָדער אַ קליינער — וואָס רעדט העברעיִש, וואָלט איך בלי־ספק אויסגעקליבן די ערשטע מיגלעכקייט. אַזוי האָט אויך געזאָגט ברענער׳.
15. כצנעלסאָן האָט ניט איגנאָרירט דעם פּאַקטישן מצב אין גלות, וואָס האָט געוויזן אַז די פֿרעמדע שפּראַכן שטויסן דאָרטן אָפּ די ייִדישע. אגב האָט ער געהאַלטן אַז מען דאַרף ניצן ענגליש אין דער טעטיקייט פֿון דער באַוועגונג אין אַמעריקע.
16. געמיינט די פּשרה אויף דער פּיטסבורגער קאָנפֿערענץ, (אויבן, ז׳ 55). סירקינס רעדע, דאָרטן, זז׳ 13־14.
17. סירקין איז געווען קאָנסעקווענט אין דעם דאָזיקן באַנעם. זען דעם דאָקטאָראַט פֿון ורדה פּילובסקי ־בר־שלום: נחמן סירקין: הגותו הלאומית והחברתית... ירושלים, תשל״ד, זז׳ 108—114.
18. זען: קונטרס, ק״מ, ז׳ 13.
19. געמיינט האָט דאָס, מען זאָל דערלויבן די אָנהענגערס פֿון העברעיִש זיך

אָרגאַניזירן ווי פראַקציעס אין די פאַרשיידנע פּוע"צ־פּאַרטייען. זען דאָרטן, קמ"א, ז' 18.

20. זען דאָרטן, ק"מ, זז' 13־14.
21. 'לאחר ועידת פועלי ציון', דאָרטן, קמ"ב, זז' 3—7.
22. זען, דאָרטן, ק"מ, ז' 3. וועגן דב־בער מלכּין זען: לעקסיקאָן, ו, זז' 429—431.
23. זען: אגרות ב' כּצנלסון, תּרפ"ב—תּרצ"א..., בריוו 198, זז' 159—161.
24. זען דעם דאָקומענט אויבן הערה 4, ז' 4, פּאַראַגראַף 3 ב. וועגן שווײַגער־דמיאל זען תדהר, י"ב, ז' 4046.
25. געמיינט בלאָך. (אויבן, הערה 10). פ"גל כּצנעלסאָנס בריוו צו קונטרס, קמ"ב, זז' 16—18.
26. בן־צבי האָט געשאַצט אַז זיי זענען מער ווי 50% און אפשר 75% פון די אחדות־העבודה־חברים. דער בריוו געפינט זיך אין קפּא"י ארכיוו (אַרבעטער־אַרכיוו ת"א), טעקע 212/IV/30.
27. זען: קונטרס קנ"ד, זז' 13—15.
28. זען דאָרטן, זז' 15—18.
29. זען דאָרטן, קס"ו, זז' 4—8.
30. זען דאָרטן, ד בסיון תרפ"ד, ז' 24 און כ"ב בכסלו תרפ"ה, זז' 18—24.
31. הועידה הרביעית של אחדות העבודה, תל־אביב, תרפ"ו. לאָקערס רעדע, זען דאָרטן, זז' 128—135.
32. זען קונטרס, קע"ב, זז' 8־9.
33. דער קעגנאַנאַד צווישן אחדות־העבודה און פּוע"צ אין מיזרח־גאַליציע איז געווען גוט באַקאַנט. לאָקער האָט אָנגעהויבן דעם אַרטיקל דערמאָנט אין הערה 29, מיט אַ באַמערק, אַז ביידע פּאַרטייען זענען די עקסטרעמען אינעם פאַרבאַנד.
34. זען: 'בין בני בריתנו', קונטרס, ק"צ, זז' 12—14.
35. זען: דאָרטן, קצ"ט, כ"ט בכסלו תרפ"ה, זז' 8—11.
36. דאָס איז אַן אָנצוהערעניש אויף די פאַרהאַנדלונגען וואָס אחדות העבודה האָט דעמאָלט געפירט כּדי זיך צו פאַראייניקן מיט הפועל־הצעיר. זען אויך, אויבן, ז' 40.
37. זען דאָרטן, זז' 11—15.
38. די צאָל שטימען וואָס פּוע"צ האָט געקראָגן אויף די וואַלן צום פּוילישן סיים אין 1928, קען אָנווייזן אויפן כּוח פון דער פּאַרטיי. אגודת־ישראל האָט באַקומען אַרום 200.000 שטימען; דער בונד אַרום 85.000 און פּועלי־ציון אַרום 32.000. זען: P. Kolcez, 'Antisemitism in Poland', Studies on Polish Jewry, N.Y. 1974, p. 72.
39. זען 'עמדתנו בברית פועלי ציון', קונטרס קצ"מ זז' 18—29 און הועידה הרביעית של אחדות העבודה, תרפ"ו, זז' 6־7.
40. זען דאָרטן, ו בטבת תרפ"ה, ז' 11.
41. פונעם בריוו — קפּא"י־אַרכיוו, טעקע 202/IV/30 — איז קלאָר אַז אחדות־העבודה האָט געניצט צו אַזאַ מין סך־הכּל.
42. דעם פּראָטאָקאָל האָבן פאַרשריבן בן־צבי און שז"ר. זען קפּא"י־אַרכיוו, דאָרטן.
43. פ"גל אויבן, ז' 97 און י. גורני, אחדות העבודה 1914—1930, זז' 211־212.

דאָקומענטן וועגן 'האבוקה' האָבן זיך אויפגעהיט אינעם אַרכיוו פון אַרבעטער־פּאַרטיי, פּועלי־ציון, פּ/8.

44. זען דאָרטן, ר"כ, ז' 7.

45. זען דאָרטן, זז' 39־40 און פּ"גל דאָרטן, רכ"ב, ז' 23.

46. לאָקער באַציט זיך דאָ צו אַ באַשלוס פון אַרבעטער־ראַט אין ירושלים און פון דער בוי־אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע צו פאַרווערן מענטשן וואָס לעבן אין לאַנד איבער צוויי יאָר, צו האַלטן רעדעס אין ייִדיש.
בן־צבי האָט דערקלערט לאָקערן — דעם 29סטן נאָוועמבער [1923] — אַז דעם באַשלוס האָט מען אָנגענומען, ווייל די ייִדישע קאָמוניסטן שטיצן אַראַבער וואָס ווילן דעמאָנסטרירן קעגן ייִדן אין חיפה, יום־כּיפּור־צייט. גלייכצייטיק האָבן זיי געדרוקט אַן אַרטיקל קעגן העברעיִש אין מאָסקווער עמעס. לאָקער האָט געענטפערט — דעם ערשטן יאַנואַר 1924 — אַז מען טאָר ניט באַשטראָפן ייִדיש מחמת די פּראָוואָקאַציעס פון דער פּראַקציע. אחדות־העבודה האָט ניט געהאַלטן וואָרט וועגן צענז (אויבן, ז' 50) און זי וועט טראָגן דאָס אחריות פאַר דער נעגאַטיווער השפּעה פונעם איצטיקן באַשלוס מכּוח ייִדיש. די בריוו געפינען זיך אין אַרכיוו פון אַרבעטער־פּאַרטיי, פּועלי־ציון פּ/8.

47. זען זיין בריוו צו קאַפּלאַנסקי אינעם קאַפּלאַנסקי־אַרכיוו (אַרבעטער־אַרכיוו).

48. זען דאָרטן, רכ"ג, זז' 22־23.

49. זען: אַרבעטער־פּאַרטיי־אַרכיוו, פּועלי־ציון, פּ/8.

50. זען: א. העמלין, 'לשאלת הועידה העולמית', קונטרס, רכ"ג, זז' 28—30 און פּ"גל י. זאַרס אַרויסזאָג, ווי ער ווערט איבערגעגעבן אינעם באַריכט דערמאָנט אויף הערה 48. זען אויך: י. שטיינזאַלץ, אידישער אַרבייטער, 24סטן יולי 1925, ז' 3.

51. זען: אידישער אַרבייטער, 10טן יולי 1925, ז' 3.

52. זען: קונטרס רכ"ו, זז' 15־16. די באַראַטונג האָט געטאַדלט 'פּאַלן פון אונטערדריקן ייִדיש אין א"י', און געפאָדערט די עקסטרעמסטע מיטלען קעגן פּאַרטייען וואָס קעמפן פאַר העברעיִש אין גלות.

53. זען: דאָרטן, רכ"ה, זז' 19־20 און רכ"ז, זז' 14־15. עס רעדט זיך וועגן דעם העברעיִשן לערער ד"ר י. שאַפּיראָ וואָס האָט דעמאָלט געוווילט אין לאַנד. שאַפּיראָ האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין וויניפּעג. פּרטים איבער ד"ר שאַפּיראָ האָט מיר איבערגעגעבן מענדל זינגער, ע"ה.

54. די 'התאחדות' איז סאָציאַליסטיש אין טעאָריע אָבער פּאַקטיש איז זי אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין קליינבירגערשאַפט. געמיינט דאָ די אָרגאַניזאַציע געגרינדעט אין פּראַג 1920, דורך דער איניציאַטיוו פון הפּועל־הצעיר. שאַפּיראָ האָט אויך געהאַלטן אַז די פּאָליציי דיסקרימינירט די ייִדישע באַוועגונגען. בשעת דער טעטיקייט פון די אַלגעמיינע ציוניסטן און דער התאחדות איז לעגאַל, ווערן די פּועלי־ציוניסטן כּסדר גערודפט.

55. דער בריוו — אַרבעטער־פּאַרטיי אַרכיוו, טעקע פּוע"צ, פּ/8.

56. עס רעדט זיך וועגן א"ש יוריסעס 'וואָס קאָסט אונדז עם־הארצות'; מ. באַג־דאַנאָווסקיס 'שפּראַכן קאַמף און שפּראַך־צער'; ל. שפּיזמאַנס 'שפּראַך־פּעטי־שיזם'; י. באַראַנאָווס 'די ריכטיקע פּראַגע שטעלונג' און מ. זינגערס 'און נאָך אַ מאָל די שפּראַכן־פּראַגע'. אַלע אַרטיקלען געפינען זיך אין אַרכיוו פון אַרבעטער־פּאַרטיי, פּוע"צ, פּ/8.

57. דער בריוו, דאָרטן, דאָרטן. דער בריוו האָלט 40 זײַטן. ייִדיש ווערט דערמאָנט אויף זז׳ 12־13.
58. דאָרטן, דאָרטן, איז פאַראַן אַ ניט פולער פּראָטאָקאָל פון דער קאָנפערענץ. די דיסקוסיע איבער די לשונות איז דאָרטן ניטאָ. זען גאַלאָמבס באַריכט אין קונטרס רכ״ש, זז׳ 6—8 און ר״ל, זז׳ 11־12, 14—27.
59. זען דאָרטן, ר״ל, ז׳ 15. ניט געקוקט אויפן פּגימהדיקן סינטאַקס פונעם באַריכט, איז קלאָר אַז דער פאַרשטייער — קאַלטון — האָט גערעדט וועגן חילוקי־דעות אין א״י מכּוח דער שפּראַכן־פראַגע אין גלות און ניט וועגן חילוקי־דעות מכּוח ׳דער שפּראַכן־פראַגע אין א״י׳.
אינעם אָרגאַן פון ״אבוקה׳ וואָס האָט געטראָגן דער פראַקציעס נאָמען, איז געוועזן גדרוקט נאָר איין אַרטיקל איבער דעם שפּראַכן־ענין. דער אַרטיקל האָט קריטיקירט די פּאַרטיי אין מיזרח־גאַליציע פאַרן באַניצן די פראַגע אויף אַן איבערגעטריבענעם אופן. זען : צבי גרינברג, מלים ברורות, האבוקה ניסן תרפ״ה, זז׳ 28־29.
60. היות ווי דער אינטערנאַציאָנאַל האָט ניט אָנערקענט קיין אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבאַנדן, האָט אחדות־העבודה פאַרטראָטן דאָרטן דעם פּועלי־ציון־פאַרבאַנד.
61. זען קונטרס, ר״ל, זז׳24—26. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל — מיר באַקאַנט — וואָס עמעצער האָט דערמאָנט, אין שײַכות מיט דער שפּראַכן־פראַגע, די פּערטע — ׳די פּוילישע־עליה׳.
62. ׳כּל־זמן איר טראַכט אַנדערש, קענען מיר ניט זײַן קיין חברים אין איינעם און דעם זעלבן פאַרבאַנד׳. זען געלמאַנס רעדע, דאָרטן, זז׳ 26־27. געלמאַנען, אַן אַדוואָקאַט אין לעמבערג, האָט מען אומגעבראַכט בעתן חורבן פון מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן. די דאָזיקע אינפאָרמאַציע האָט מיר איבערגעגעבן מענדל זינגער, ע״ה.
63. ׳די נײַע ליקווידאַציע׳, נײַער ייִדישער אַרבעטער (לעמבערג) 1טן אָקטאָבער 1925. פּ״גל, קונטרס רל״ד, ז׳ 7.
64. זען קונטרס, רל״ב, ז׳ 22.
65. וועגן קפּא״י, זען אויבן, ז׳ 106. די פינאַנציעלע הילף פון קפּא״י, איז געוועזן זייער וויכטיק און איבער דעם זאָגן עדות בלאָכס הונדערטער בריוו דערמאָנט אויבן, הערה 10. בלאָך האָט אַנגעפירט מיט קפּא״י, אין לאַנד, נאָר געהערן האָט זי געהערט דעם וועלטפאַרבאַנד. אחדות־העבודה האָט געשטרעבט, קפּא״י זאָל אַריבער אין רשות פון דער הסתדרות. נאָך אין 1923 האָט זי געפועלט, דער פאַרבאַנד זאָל מסכּים זײַן, אַז אין משך פון אַ יאָר זאָל קפּא״י, זײַן אַ בשותפותדיק פאַרמעגן פונעם פאַרבאַנד און דער הסתדרות. זען : דין וחשבון לועידה השלישית של ההסתדרות, תרפ״ז, עמ׳ 389, 394, 397.
66. זען : קונטרס, רל״א, זז׳ 6—8.
67. זען : באַפרײַונג, נומ׳ 174, 23סטן אויגוסט 1929. קונטרס, שע״ט, ז׳ 29 האָט בלויז געדרוקט די רעזאָלוציעס פון דער קאָנפערענץ.
68. דער פאַרלייג, וואָס טראָגט די דאַטע 30סטן יולי 1931, געפינט זיך אין אַרכיוו פון אַרבעטער־פּאַרטיי, פּוע״צ פּ/8.

הערות צו דער הוספה

1. ׳מאורעות והערות׳. קונטרס של״ה, זז׳ 11—13.
2. דאָרטן, זז׳ 13—15, ׳הערות להערות׳. גאָלאָמב האָט געחתמעט מיט זײַן פּסעוודאָנים, א. בן־נפתלי.
3. דאָרטן, זז׳ 15—17, ׳אחריות למפעל׳.
4. ׳ברור נוסף׳. קונטרס של״ו, זז׳ 10־11.
5. ׳תשובה׳. דאָרטן, של״ט, זז׳ 22—25.
6. דאָרטן, שמ״א, זז׳ 5—7 ; שמ״ב, זז׳ 12—15.
7. צוויי בריוו (אַרבעטער־פּאַרטיי־אַרכיוו, פּוע״צ פּ/8), דערוויַזן דעם רושם וואָס ס׳האָט איבערגעלאָזן דאָס אויפרײַסן די ׳ערשטע קאָנפערענץ פון אַרבעטנ־דיקן ארץ־ישראל׳.ביידע בריוו (9טן יולי 1928, אָן אַ חתימה), האָט אָנ־געשריבן איינער און דער זעלבער מענטש. איין בריוו, אין ייִדיש, געשריבן צו א. רײַס, רעדט אַרום די מיִגלעכקייט אַז די צווייטע קאָנפערענץ זאָלן עפענען, בן־צבי אויף העברעיִש און שפּרינצאַק אויף ייִדיש. אויף אַזאַ אופן וועט מען אויסמײַדן אָבסטרוקציעס מצד דער ׳התאחדות׳. די פראַגע איז נאָר, אויב שפּרינצאַק וועט מסכים זײַן. אינעם העברעיִשן בריוו, געשריבן צו בן־צבי, ווערט אַרויסגעבראַכט דער חשש, אַז די ׳התאחדות׳ וועט אַרויס־שטעלן פּועלי־ציון ווי שונאים פון העברעיִש. די ׳התאחדות׳־חברים, וואָס האַלטן ניט קיין העברעיִשע רעדעס לטובת קרן היסוד, האָבן אויף אַ בשות־פותדיקן צוזאַמענטרעף אין לאַדזש אָפּגעהאַלטן פינף רעדעס אין העברעיִש. דערפאַר איז געווונטשן אַז נאָר ער, בן־צבי, זאָל עפענען די צווייטע קאָנ־פערענץ.
8. זען דאָרטן, 20סטן אַפּריל 1928, ז׳ 2. לינקע פּועלי־ציון האָבן ניט אײַנטייל גענומען אויף דער קאָנפערענץ.
9. זען : נײַע פאָלקסצײַטונג, 13טן אפּריל 1928 און הײַנט, 18טן אַפּריל 1928. וועגן שורדן זען קרסל, ב׳ 2, ז׳ 901.
10. זען ׳מראה מקומות מוזר׳, כתובים, כ״ח בתשרי תרפ״ז, ז׳ 5. פּ״גל קונטרס רע״ז, זז׳ 17—20. וועגן כתובים זען ווײַטער, קאַפּיטלען דרײַ און פיר.

קאַפּיטל דרײַ:

די שפּראַכן־פֿראַגע און דער סטאַטוס פֿון ייִדיש אין א״י אין דער קאַמפּאַניע פֿונעם ליטעראַרישן זשורנאַל 'כּתובֿים' קעגן ח. נ. ביאַליק אין 1927

דער שפּראַכן־ווידעראַנאַנד אין ארץ־ישׂראל איז ביזן אַרויסגיין פֿון כּתובֿים (יולי 1926), געווען געקניפּט און געבונדן מיט פּאָליטישע וויכּוחים. כּתובֿים, דער אָרגאַן פֿון העברעיִשן שרײַבער־פֿאַראיין אין א״י, האָט פֿאַרוואַנדלט דעם שפּראַכן־ענין אין אַ מקור פֿאַר פּערזענלעכע אָנגרײַפֿן קעגן שרײַבערס און קולטור־טוער, וואָס האָבן געהאַט, דירעקט אָדער פֿאַרמיטלט, אַ מגע־ומשׂא מיט ייִדיש. די רעדאַקטאָרן, די העב־רעיִשע שרײַבערס אליעזר שטײַנמאַן און אברהם שלאָנסקי, האָבן אויך אויסגעניצט ייִדיש פֿאַר אַ פּערזענלעכער קאַמפּאַניע קעגן חיים נחמן ביאַליק. דער פּתחון־פּה פֿאַר דעם איז געווען אַ קבלת־פּנים בײַ אַ גלאָז טיי, וואָס דער פֿאַראיין פֿון העברעיִשע שרײַבער האָט אײַנגעאָרדנט לכּבֿוד פּרץ הירשביין און שלום אַש וואָס זענען געקומען אויף אַ וויזיט אין לאַנד (3טן מאַי 1927). כּדי צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי אַרום האָבן שטײַנ־מאַן און שלאָנסקי פֿאַרוואַנדלט אַ מסיבה בײַ אַ גלאָז טיי אין אַ קאַמ־פּאַניע קעגן ביאַליקן, מוז מען האָבן אין זינען אַז כּתובֿים האָט פֿון זינט זײַן אַרויסגיין רעאַגירט אַפֿילו אויף די פּראָווינציעלסטע פּאַסירונגען וואָס האָבן געהאַט ווי עס איז אַ שײַכות מיט ייִדיש און דער שפּראַכן־פֿראַגע.

ח., למשל, איז אַרויסגעטראָטן קעגן אַ שפּאַסיקער פֿאַרבעטונג אויף אַן אָוונט לכּבֿוד משה נאַדירן אין וואַרשע. די פֿאַרבעטונג מאַכט פֿונעם ייִדישן — שרײַבער־פֿאַראיין — וואָס האָט דעם אָוונט אײַנגעאָרדנט — 'אַן אונטערפֿירער פֿון שיינע מיידלעך... אַזאַ ליצנות האָט זיך ניט וואָס צו פֿאַרשעמען אַנטקעגן די גרעסטע צירקן אין דער וועלט'. דערצו איז ניב אַרויסגעטראָטן קעגן די ייִדישע שרײַבער אין וואַרשע פֿאַרן אָנרופֿן

נאָדירן 'דאָס האַרץ פונעם יידישן פאָלק'. פּתובים האָט אויך איבערגע־געבן אַז טראָצקי און זינאָוויעוו באַציִען זיך מיט סימפּאַטיע צו העב־רעיִש. אַפילו סטאַלין האַלט אַז מען דאַרף ניט קעמפן קעגן שפּראַכן בתּורת שפּראַכן. די יידישע עסקנעם, דערקעגן, איזדיעקעווען זיך איבער העברעיִש.[1]

א. טובנפליגל, אין זײַן אַרטיקל 'תּרבותנו בגולה' ('אונדזער קולטור אין גלות') האָט באַטאָנט נאָך אַ וואָגיקן גורם אין דעם שפּראַכנקאַמף: דאָס רודפן העברעיִש אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.[2] 'אונטערן יידישיזמוס, פאַרטײַעט זיך די קנאַישע לינקע אַסימילאַציע מיט איר גאַנצער מי־אוסקייט'.

די אומפאַרמיטלטע אָנפאַלן אויף שרײַבערס און קולטור־טוערס פאַר־בונדן מיט יידיש־ליטעראַטור, האָבן זיך אָנגעהויבן אינעם פינפטן נומער פּתובים. ראובן ברײַניך האָט מען דאָרטן אַטאַקירט פאַר זײַן סימפּאַטיע צום ראַטן־פאַרבאַנד.[3] דער צווייטער אָנפאַל, אַנאָנים ווי דער ערשטער, האָט געצילט באַריס קלעצקינען. אין דער נאָטיץ 'אותיות בשביה' ('גע־פאַנגענע אותיות') באַשולדיקט מען קלעצקינען, אַז אין 1919, ווען ער איז געווען קאָמיסאַר אין מאָסקווע, האָט ער זיך אַרײַנגעגנבעט אין שטיבלס דרוקערײַ. ער האָט צעוואָרפן דרײַ ביכער וואָס זענען געווען גרייט צום דרוק 'און גענומען פיס קיין ווילנע, ווו ער האָט געעפנט זײַן פּריוואַטן פאַרלאַג וואָס עקסיסטירט עד היום... אין זכות פון די געפאַנגענע העברעיִשע אותיות וואָס באַהעפטן זיך ווי פאַרגוואַלדיקטע צו ביכער [געשריבן] אויף אַן אַנדער שפּראַך. זאָל עס פאַרשריבן ווערן אין דער בוכהאַלטעריע פון דער העברעיִשער קולטור — ביזן טאָג פון אויסרעכענונג'.[4] קלעצקין האָט געענטפערט, אַז ער איז קיין מאָל ניט געווען קיין קאָמיסאַר בײַ די סאָוועטן. 1919 איז ער בכלל ניט געווען אין מאָסקווע. ער איז ניט קיין שונא פון העברעיִש. זײַן דרוק עקסיסטירט איבער צוואַנציק יאָר און ער האָט זיך קיין מאָל ניט אײַנגעשאַפן פרעמדע אותיות. קלעצקין האָט געבעטן מען זאָל אים איבערגעבן דעם נאָמען פון זײַנע באַשולדיקערס, כּדי ער זאָל זיי קענען לאָדן. די רעדאַקציע האָט באַמערקט, אַז זי האָט געדרוקט די באַשולדיקונג אויפן סמך פון שריפט־לעכער אינפאָרמאַציע פון באַגלייבטע מענטשן. די נגישות קעגן העב־רעיִש אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און דער אײַנשטעל צו העברעיִש פונעם רוב יידישיסטן, פאַרשטאַרקן די עדותשאַפט. 'מיר וועלן זיך שטאַרק דער־

פרייען מיטן פסק־דין וואָס וועט באַווײַזן אַז די אינפאָרמאַציע איז ניט ריכטיק, און דער הער קלעצקין, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיק ('הצדיק במשפט') זאָל אונדז מוחל זײַן'.[5]

שפּעטער מיט צוויי נומערן איז פּעמון אַרויסגעטראָטן קעגן 'אַ שרײַבער אַ פאַררעטער', וואָס האָט זיך אומגעקערט אין ראַטן־פאַרבאַנד און געדרוקט אין עמעס אַ 'בעל־תשובהניקן בריוו'. געמיינט איז דאָ דער פּאָעט דוד האָפשטיין, וואָס האָט געוווינט אין א"י כמעט אַ יאָר צײַט. פּעמון האָט אָנגעהאָנגען האָפשטיינען דעם קקריסטלעכן אימאַזש פון יהודה איש קריות, מיט אַלע זײַנע אימפּליקאַציעס.[6]

מען קען נאָך פאַרשטיין 'יכּנה"זעס פאַרראַט, אָבער דער וואָס איז צווישן אונדז געזעסן אויף דער מסיבה...'[7] אים וועט מען דאָס ניט מוחל זײַן'.

י. [עקב] ר. [בינוביץ] איז אַרויסגעטראָטן קעגן פּעמונס נאָטיץ. דאָ גייט עס ניט נאָר אין אומבאַהיטקייט און קלות, נאָר אויך אין אַ חטא. מען איז אָנגעפאַלן אויף אַ לעבעדיקן מענטש, אפשר אַ לײַדנדיקן, וואָס איז ניט אין שטאַנד צו קומען זיך פאַרטיידיקן. האָפשטיין האָט געוואָלט אַראָפּברענגען זײַנע קינדער אין לאַנד, ער האָט גערעדט העברעיִש און געשטרעבט צו שרײַבן העברעיִש.[8] קיין פּאַסיקע פּרנסה האָט ער ניט געהאַט און עס האָט אים געפעלט 'אַטמאָספער פאַר זײַן טעטיקייט'. ראַבינאָוויטש באַטראַכט האָפשטיינס שאַפן ניט אויפן סמך פון אַ ליטעראַרישן אַנאַליז. ער באַשטימט, אין פּאַרויס, די אייבערשאַפט פון דער העברעיִשער ליריק. אין א"י, ווו ס'איז פאַראַן אַ דיכטערישע טראַדיציע פון יל"ג, ביאַליק, טשערניכאָווסקי, שניאור און נאָך גרויסע ליריקער, האָט האָפשטיינס ליריק ניט געקענט מאַכן קיין רושם. 'נאָך ראָזענפעלד און רייזען איז לײַכט צו זײַן אַ ליריקער. נאָך אונדזער ליריק, אַ ביסל שווערער'. האָפשטיין האָט ניט פאַרראַטן. להיפוך צו בערגעלסאָן און כּאַשין,[9] האָט ער קיין פּאַמפלעטן קעגן א"י און קעגן העברעיִש ניט געדרוקט און זיך ניט איבערגעקליגלט אויף זייער חשבון. מיט וואָס האָט ער 'פאַרראַטן?' עס איז געקומען אַ טאָג וואָס דער מענטש האָט מער ניט געקענט פאַרטראָגן און ער האָט זיך אומגעקערט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. כּדי צו זײַן דאָרטן אַקטיוו, 'האָט ער געמוזט חתמענען אַ ניט שיינעם בריוו'.

ראַבינאָוויטש האָט אָפּגעשלאָגן די פאָדערונג מען זאָל אַרײַנלייגן

אין חרם די כּתבים וואָס האָפּשטיין האָט איבערגעלאָזן אין לאַנד. אויב האָפּשטיין וועט זיך אומקערן אין לאַנד און אויב ער וועט נאָר ניט פאַרקאָכן אַ קאַשע, וועט ער אים העלפן. ראַבינאָוויטש איז געווען גרייט דערצו, ווײַל האָפּשטיין האָט געשטרעבט צו שפּראַכיקער אחדות אין לאַנד. האָפּשטיין איז ניט געווען פון די וואָס ׳גראָבן אונטער און ווילן אונטערשטעלן אַ פּיסל... אָדער ווילן פאַרפלאַנצן אַ [שפּראַכיקע] צוויי־יִקייט וואָס וועט אויך אַראָפּפירן פון וועג׳. דעם קאַמף קעגן די אונטער־גרעבערס דאַרף מען פירן אָן ׳בטול און אָן חשד׳, ווײַל ׳דאָס שנײַדן די נשמה איז די שווערסטע פון אַלע אָפּעראַציעס׳.

ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן די קאַמפּאַניע קעגן ביאַליקן אין כּתובים נומ׳ ל״ד־ל״ה, האָט דער זשורנאַל דעמאָנסטרירט קעמפערישע העברעיִשקייט. כּתובים האָט פּירגעוואָרפן דעם קונטרס פאַרן ניט קריי־טיקירן די פּוע״צ־פּאַרטיי אין פּוילן, וואָס האָט ניט דערמעגלעכט אַז באָגדאַנאָווסקי זאָל האַלטן אַ רעדע אין העברעיִש. (זען אויבן, ז׳ 113). דער זשורנאַל איז אַרויס קעגן יוגנטלעכע אין סלאָנים וואָס האָבן געגרינדעט אַ ׳ברענער־קרײַז׳ און פאַרשפּרייטן די ליטעראַרישער בלעטער. דעם בשותּפותדיקן פאַראיין פון די יידישע און העברעיִשע שרײַבער און זשורנאַליסטן אין וואַרשע איז מען חושד געווען, אַז ער ווערט באַהערשט פון ׳באַקאַנטע שונאים פון העברעיִש אָדער פולשטענדיקע יידישיסטן׳.

די אַלוועלטלעכע צענטראַלע פון החלוץ האָט געקראָגן אַ פּסק פאַרן אַרויסגעבן אַ בוך וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין א״י אין אַ יידיש, ניט קיין העברעיִשער איבערזעצונג וכדומה.[10] אויסנעמיק אין דעם זינען זענען געווען שטיינמאַנס הספּד נאָך יהואשס פּטירה און ד״א פרידמאַנס נאָטיץ ׳פּרץ בחומת השתיקה׳ (׳פּרץ אין דער אײַנצאַמונג פון פאַרשווײַ־געניש׳). פרידמאַן באַגריסט דעם פאַרלאַג ׳דביר׳ פאַרן אַרויסגעבן פּרץ און אַשן אין אַ העברעיִשן לבוש. דאָס איגנאָרירן דאָס יידיש־שאַפן איז אַ ווייטאָק און אַ באַליידיקונג. בלויז ׳שמאָלע קעפּ׳ שרעקן זיך פאַר דער יידיש־ליטעראַטור וואָס מען שרײַבט אין די תּפוצות. די עלטערע שוועסטער׳ טאָר זיך ניט דערווײַטערן פון דער יינגערער, אַפילו ווען זי איז אַ שטיפשוועסטער. עס איז בילכער איבערצוזעצן לעבעדיקע, צאַפּל־דיקע ווערק געשריבן אין יידיש, איידער איבערצוזעצן ביכער פון פרעמדע ליטעראַטורן.[11]

מ׳דאַרף געדענקען אַז פרידמאַנס נאָטיץ איז געווען געדרוקט ׳ווי

זי שטייט און גייט׳, ווײַל כּתובים איז נאָך דעמאָלט געווען דער אָפּיציע־לער אָרגאַן פונעם העברעיִשן שרײַבער־פאַראיין.

ווי דערמאָנט (אויבן, ז׳ 119), איז די מסיבה פאַר אַש און הירשביין געווען דער פּתחון־פּה פאַרן אָנפאַל אויפן פאַראיין און דערעיקרשט אויף ביאַליקן. שטיינמאַן און שלאָנסקי האָבן אַטאַקירט ביאַליקן, ניט אַנדערש ווי זיי האָבן אַטאַקירט קלעצקינען מיט וואָסערע חדשים פריער.

מיט דער מסיבה (3טן מײַ 1927), האָט אָנגעפירט ביאַליק. אַלע רעדנערס האָבן דאָרטן אונטערגעשטראָכן אַז מען דאַרף פאַרמילדערן דעם שפּראַכנקאַמף.

יעקב פיכמאַן האָט געהאַלטן אַז די שרײַבערס אין א״י דאַרפן דינען ווי אַ בריק צווישן דעם שאַפן אין העברעיִש און דער ריידשפּראַך. דער ווידעראַנאַנד צווישן ביידע ליטעראַטורן איז איבעריק. דאָס זענען צוויי קולטורן וואָס קענען ווירקן אַ געבענטשטע השפּעה איינע אויף דער אַנדערער, ווײַל זיי זײַנען ׳צווײַגן פון איין בוים׳. דאָס רוב שרײַבער, וואָס די העברעיִשע קולטור איז זיי טײַער, קעמפן ניט קעגן ייִדיש. די ייִדיש־שרײַבער וואָס האַלטן פון אמת און קולטור, זײַנען ניט בייז־וויליק צו העברעיִש. די גרעסטע שאַפערס פון דער ייִדישע ליטעראַ־טור ׳זינט יל״ג און מענדעלע ביז די הײַנטצײַטיקע׳, שרײַבן אויף ביידע שפּראַכן. אין דעם שפּראַכנקאַמף ׳האָט זיך צעטראָגן די טפשות׳. מען טאָר ניט צווינגען אַ מענטשן, ער זאָל שאַפן אין אַ שפּראַך וואָס איז נאָר טיילוויַיז זײַן ׳גײַסטיק היימלאַנד׳. פאַר בערל כּצנעלסאָן איז די מסיבה געווען אַ באַגײַטע באַגעגעניש מיט מענטשן, מיט וועלכע ער האָט געהאַט מיט כּמעט דרײַסיק יאָר צוריק, ׳בשותּפותדיקע בענקשאַפט נאָכן אויפלעב פונעם פאָלק׳. די גוטע יאָרן זענען גיך אַוועק. שפּעטער ׳זענען געקומען די פאָליטישע אַנטרינונג און די צעשפּליטערונג׳. כּצנעל־סאָן האָט געפילט אַז עס באַגעגענען זיך ׳ברידער וואָס זענען אַרויס זוכן זייער גורל דורך פאַרשיידענע וועגן און האָבן זיך ווידער געטראָפן אויף איין פונקט׳. זײַן באַגער איז געווען ׳דערנענטערן די... וואָס גע־פינען זיך אויף ׳פאַרשיידענע ערטער און שאַפן מיט פאַרשיידענע מכשירים׳.

אורי־צבי גרינבערג האָט גערעדט וועגן ברידער וואָס שרײַבן אין די כ״ב ייִדישע אותיות. דאָס ייִדיש־שאַפן איז ניט קיין סוראָגאַט, נאָר אַ שאַפן וואָס וואַקסט פון אַלע רייען פון פאָלק און גיסט זיך אויס אין

איין שטאָם... אין דער יידישער אות. 'אַלע וועגן פירן קיין ירושלים'. שלום אַש האָט געהאַלטן אַז דאָ רעדט זיך ניט וועגן אַ קאָנפליקט צווישן יידיש און העברעיִש, נאָר וועגן אַ קאַמף קעגן אַסימילאַציע. אין דעם פּרט איז חוץ־לארץ די עיקר־פּראָבלעם. מען דערוויַיטערט זיך דאָרטן פון יידיש, מען איז פרעמד צו העברעיִש און עס איז פאַראַן אַ שמד־סכנה פאַרן יידישן לעבן. אין ארץ־ישׂראל איז דאָס לעבן גאַנץ. אַש איז געווען קעגן אַ קאַמף פאַר יידיש אין א״י. עס איז ליבערשט אַז דאָס פאָלק זאָל זיַין צעטיילט אויף צוויי שפּראַכן, איידער אויף צוויי נאַציעס.

פּרץ הירשביין האָט אָנגערופן די שריַיבערס אויף ביידע שפּראַכן 'אַ צווילינג'. ביאַליק, וואָס האָט געשלאָסן דעם אָוונט, האָט אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז העברעיִש און יידיש זענען 'אַ זיווג מן השמים',[12] 'רות און נעמי'. די יידישקייט פון יידיש שטאַמט פון איר בונד מיט העברעיִש. בשעת אין א״י איז די שפּראַך איינער פון די באַשטאַנדטיילן פון דעם נאַציאָנאַליזם, שטעלט מען אַוועק אין חוץ־לארץ די שפּראַך ווי דער איינציקער יסוד פונעם נאַציאָנאַלן לעבן. ס'איז אַך און וויי דעם פאָלק, אויב עס וועט אויפשטעלן זיַין גאַנצן האָב־און־גוטס נאָר אויף אָט אַ דער איין־און־איינציקער אַקס. ביאַליק האָט צוגעגעבן אַז ער גלייבט ניט אין די פּובליציסטישע מיינונגען פון שריַיבער־שאַפערס, נאָר גלייבט אין זייער 'רוח־הקודש'. ווען אוסישקין און אַנדערע מענטשן פלעגן זיך באַקלאָגן פאַר אים אויף מענדעלעס פּובליציסטיק, פלעגט ער זיי ענטפערן אַז דאָס אָנאַרקענען העברעיִש בתורת פּראָגראַם, באַשענקט ניט העב־רעיִש מיט אַ טויזנטסטן חלק פון דעם וואָס עס האָט זי באַשאָנקען מענדעלע 'דער קינסטלער'. דער 'חרם דרבנו גרשם איז ניט חל אויף העברעיִש און יידיש'.[13]

נאָך דעם קבלת־פּנים האָט מען אין פּתובים נומ' ל״ד־ל״ה געדרוקט פינף אַרטיקלען, וואָס אַנאַליזירן די באַציִונגען צווישן העברעיִש און יידיש אויף דער גאָרער וועלט. עס איז אָן שום ספק, אַז דאָס דרוקן די אַרטיקלען האָט געצילט אין ביאַליקס מעמד, ווי דער ראש פון אַלע שריַיבער אין א״י.

דער צד־השווה פון די פינף אַרטיקלען איז זייער שאַרפקייט און זייער פאַרבינדן די שפּראַכן־פראַגע מיט די גורלדיקסטע פּראָבלעמען פונעם יידישן קיום.[14] אין 'אחר המסיבה' ('נאָך דער מסיבה'), שריַיבט אשר ברש, אַז די רייד וועגן צוויי קולטורן (אויבן, ז' 123) זענען אַזוי

ווי דער פאַרלייג פון די אַראַבער, וואָס זענען גרייט צו אָנאַרקענען אַ יידיש־נאַציאָנאַלע היים און תּל־אביב[15] און די קאָלאָניעס. עס איז איבעריק צו רעדן מכּוח וואָפן־שטילשטאַנד. 'די העברעיִשע שול און דאָס העברעיִשע בוך' זענען איצט אַגרעסיווער ווי אין יעטוועדער אַנדער צייַט. עס וועט ניט העלפן די 'פּשרהניקעס און וותּרנים' דאָס וועלן פאַרווישן. עס איז ניט קיין נפקא־מינה בייַ ווער מע וועט אייַנגעמען 'די שטחים וואָס מיר דאַרפן פאַר אונדזער לעבן, צי בייַ די אַסימי־לאַטאָרן, צי בייַ די יידישיסטן, צי בייַ סתּם יידן'. מען מוז אומעטום פאַרשפּרייטן העברעיִש 'אַפילו מיט פּאָלאַרישע דעלעגאַציעס'. אין זייַן נאָטיץ 'על השלום' ('איבערן שלום') האָט שלאָנסקי באַדויערט 'די אינ־טערנאַציאָנאַלע צערעמאָניע' מיט 'אַמבאַסאַדאָרן' פון דער 'יידיש־אומה', וואָס זענען געקומען צום 'סנהדרין פון דער העברעיִשער אומה'. אין דער אמתן גייט עס דאָ אין איין משפּחה 'צעהאַלבט און צעשפּאָלטן'. עס איז ניטאָ קיין אָרט פאַר אַ 'שלום־אָפּמאַך'. אַש און הירשביין געהערן ניט צו דער 'אייבערשטאַב' פון די 'יידישיסטישע חיילות'. לעולם, זענען זיי 'מיטלמענטשן'. די וואָס האָבן גערעדט אין נאָמען פונעם העברעיִשן פראָנט, האָבן דאָס געטאָן אָן אַ רשות. זייערע רייד זענען געווען אַ 'שווערד אין דער פּרוכת פון העברעיִש'. יידיש און העברעיִש זענען ניט רות און נעמי (אויבן, ז' 124). די צווייִשפּראַכיקייט 'איז אַ טשעכאָטע וואָס נאָגט די לונגען פונעם פאָלק'. דאָס פאָלקישע, אַרבעטנדיקע און העברעיִשע ארץ־ישׂראל', וועט דינען ווי אַ ליגע צו באַקעמפן די דאָזיקע טשעכאָטע. ווי אָן אויסגעהאַלטענער המשך פון זייַנע מעדיציניִשע און מלחמה־אימאַזשן, האָט שלאָנסקי געפאָדערט אַ 'דיאַגנאָז' פאַרן שרעקלעכן אונטערגאַנג אין גלות. אַ 'קאָנסיליום' וועט אָט אָ דעם דיאַגנאָז באַ־שטעטיקן. נאָך דעם וועט מען קענען אָפּשאַצן די השפּעה פונעם יידישיס־טישן רעזשים און די רעזולטאַטן פון זייַן קיניגרייַך... אין משך פון פינף און צוואַנציק יאָר'. יידיש איז דער שטער פאַרן 'העברעיִשן אייַנבעם אין גלות', ווייַל דאָ גייט עס אין 'דער לעצטער שלאַכט פאַר דער העברעיִשער רעוואָלוציע ביזן לעצטגילטיקן נצחון'.

אין 'כּלפּי גלוי הטשטוש' ('כּלפּי דעם אָנטפּלעקן פאַרווישעניש'), האָט למדן אָפּגעפרעגט דעם אַרויסזאָג אַז דאָס צווייִשפּראַכיקע שאַפן איז אַ גייַסטיקע נויטווענדיקייט. דער שפּראַכנקאַמף איז ניט קיין 'טיפּ־שות', נאָר אַ 'מוז־פּעולה פון אַ ווערטן־איבערבייַט' און פונעם פאָלקס

באַנייען זיך. צוליב אָט דעם פּראָצעס קען מען ניט שטיין מיט איין פוס דאָ און מיט אַ צווייטן דאָרטן. די יסורים פון די וואָס באַלעבן העברעיִש זײַנען כּדאַי, ווײַל דאָ גייט עס ניט אין אויפשטעלן 'אַ קליין העברעיִשן שבט', נאָר אין ווערן דעם 'מקור פאַרן אַלוועלטלעכן העברעיִשן יידנטום'. אין 'דברים גלויים' ('קלאָרע דבורים'), באַטראַכט יעקב ראַבינאָוויטש דעם יידישן קיום דורכן אומעטומיקן אויפלעב פון העברעיִש. יידן אין רוסלאַנד שטייען פאַר שמד. אין אַמעריקע און פּוילן הערשן אַסימילאַציע און עם־הארצות. די ייִדיש־שרײַבער האָבן געקראָגן אַ טײַערן אוצר — די יידישע מאַסן — און אים צעפּטרט. זיי האָבן ניט באַקעמפט דעם פּאַראַזיטיזם און דעם קליינעם מיסחר בײַ ייִדן. עס האָט זיך ניט געפונען צווישן זיי ווער עס זאָל אַרויסרופן צו 'ווערטן־איבער־בײַט', ווי בערדיטשעווסקי אַ שטייגער; ווער עס זאָל לײַדן, ווי ברענער; ווער עס זאָל גיין נאָך דער סאָכע ווי א. ד. גאָרדאָן און ווער עס זאָל פאָדערן אַזוי ווי ביאַליק. אַש האָט אויפגעהערט צו שרײַבן העברעיִש און איז נאָכגעגאַנגען פּרצן, 'אײַער גרויסער רבי וואָס האָט פאַרלאָזט דעם קוואַל און איז אַוועק אויסגראָבן אַ ברונעם וואָס אויף זײַן צעבראָכענער קאָרעטע זיצט איר אַצינד'. (פ"גל ווייטער, ז' 132). די ייִדישיסטן אין גלות האָבן אַרויסגעטריבן העברעיִש פון די שולן און ביבליאָטעקן. די געציילטע ווילע און געטרײַע מענטשן צווישן די ייִדישיסטן — קאָמענדאַנטן אָן אַן אַרמיי — בעטן הילף אין א"י, וווּ מען באַלעבט די שפּראַך פון אונדזערע נביאים און פון 'דער מוטער רחל'. דער אויפלעב פון העברעיִש איז איינער פון די וויכטיקסטע יסודות אין לאַנד.

זאָל מען געוועז צוזען העברעיִש און וואָלטן די ייִדישיסטן געשטיצט דעם ציוניזם, וואָלט מען אויסגעמיטן דעם שרעקלעכן באַנקראָט אין גלות'. עס איז מער ניט אמת אַז ייִדיש העלפט העברעיִש אין גלות. פאַרקערט, די אַסימילאַציע הערשט 'בײַ דער ייִדיש־יעווסעקציע און בײַ אירע תּלמידים אין גלות און אין א"י'. כאָטש די ייִדישע שפּראַך איז גײַסטיק ייִדיש, דער נצחון פון איר קולטור, ווו עס זאָל ניט זײַן, מיינט 'צעשטערן דעם יידישן קיום... אונדזער אָריגינעלקייט, אונדזערע וואָרצלען, אונדזער עבר'.

וואָס שייך די מסיבה גופא, באַטאָנט ראַבינאָוויטש, אַז ער איז דאָרטן ניט בײַגעוועזן. אויב מען נעמט אין באַטראַכט אַז ברש און למדן זענען מסתּמא דאָרטן אויך ניט בײַגעווען, איז קלאָר אַז די טענדענ־

ציעזע אינפאָרמאַציע וואָס מען האָט זיי איבערגעגעבן, האָט שטאַרק משפּיע געווען אויף דעם גאַנצן אינצידענט. ראַבינאָוויטש איז ספּעציעל אַרויסגעטראָטן קעגן פּיכמאַנען. פּיכמאַנס אַרויסזאָג וועגן דעם טיפּשות פונעם שפּראַכנקאַמף (אויבן, ז׳ 123) האָט מען ראַבינאָוויטשן איבערדערציילט, פּיכמאַן זאָל האָבן געזאָגט אַז ווער עס קעמפט פאַר העברעיִש איז אַ טיפּש. ראַבינאָוויטש, אַ געטרײַער העברעיִסט, פון די ערשטע שרײַבער וואָס האָבן זיך באַזעצט אין א״י אין 20סטן י״ה, האָט זיך שטאַרק באַליידיקט פון פּיכמאַנס כּלומרשטן אַרויסזאָג. ראַבינאָוויטש שרײַבט מיטן פּאַטאָס פון אַ מענטש וואָס האָט זיך מיטן אייגענעם ווילן אָפּגעריסן פון די ייִדישע מאַסן אין מיזרח־אייראָפּע, כּדי זיך צו באַזעצן אינעם קליינעם ארץ־ישראלדיקן ייִשוב. ער באַטאָנט אַז ער איז אַקטיוו אין א״י, אין ׳דחקות, אין צער און אין ווייטאָג׳ לטובת די ׳ערלעכע, איינציקע אַרבעט׳. ער האָט דאָס אַזוי געטאָן צוואַנציק יאָר פאַר דעם ווי אַנדערע זענען אָנגעקומען אין לאַנד, מחמת זיי האָבן געמוזט אַנטלויפן.

אין זײַן נאָטיץ ׳מילואים׳ (׳צולאָג), האָט שטיינמאַן איבערגעחזרט די טענה, אַז די רעדנערס אויף דער מסיבה האָבן ניט געהאַט קיין רשות צו פאַרטרעטן דעם העברעיִשן שרײַבער־פאַראיין. שטיינמאַן האָט אויך באַנוצט אַ מיליטערישע טערמינאָלאָגיע און געשריבן אַז די פינף אַרטיקלען אין **כּתובים** וועלן זײַן אַ פּראָקלאַמאַציע ׳פאַר די העברעיִשע חיילות, זיי זאָלן פאַרשטאַרקן זייער קראַפט און ניט מוותּר זײַן אויף קיין איין ווינקל ערד ווו עס וווינט אַ ייִדיש קינד׳.

דער דיכטער אביגדור המאירי האָט רעאַגירנדיק אויף דער פּרשה, באַמערקט אַז דער אַטאַק אויף ביאַליקן שטאַמט פאַקטיש פון שטיינמאַנס און שלאָנסקיס שׂינאה צו אורי־צבי גרינבערגן. עס איז אַ קאַריקאַטור וואָס שטיינמאַן, ׳דער פּראָפּעסיאָנעלער זשאַרגאָנישער קאָרעספּאָנדענט, וואָס ציט חיונה פון דער ייִדיש־פּרעסע אין חוץ־לארץ, קעמפט דעם קאַמף פון העבריעיִש׳.[16] עס ווײַזט זיך אַרויס אַז אין יענער צײַט האָט שטיינמאַן רעגולער געדרוקט אין וואַרשעווער מאָמענט נאָטיצן איבער א״י. אין איינער פון די נאָטיצן האָט שטיינמאַן מספּיד געווען ה״ד נאָמבערגן, איינער פון די בולטסטע מיטאַרבעטער אין מאָמענט און אים שטאַרק געלויבט. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט שטיינמאַן געדרוקט, אין **כּתובים**, אַלף ביתס שאַרפן אָנגרײַף אויף נאָמבערגן. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז אַלף בית און אליעזר שטיינמאַן זענען היינו־הך.[17]

אין כּתובים ל״ו, האָט פּיכמאַן געשריבן, אַז כאָטש עס שלאָגט צו דער גאַל פון די פינף אַרטיקלען, דאַרף מען אויף זיי רעאַגירן. ראַבי־נאָוויטשעס מאמר איז ערלעך, ניט געקוקט אויף דעם וואָס עס שלאָגט פון אים אַרויס ׳די הייסע פּאַרע פון דער לעזשאַנקע׳. די איבערגעטרי־בענע געטרייִשאַפט פון די פינף מחברים איז אַזוי ווי דער באַקאַנטער פּיזמון פון די וועלכע ׳ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד אין אַלע צייַטן׳. כּתובים, אַנשטאָט צו ׳שטעלן זיך אין דעם בראָך... באַדינט דעם טייַוול׳. פּיכמאַן האָט דערמאָנט המאיריס זשורנאַל המחר, און געטענהט אַז דער העברעיִשער לייענער וועט מיינען אַז די העברעיִשע ליטעראַטור ׳איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ משוגעים־הויז׳. די מחברים ווייסן גענוי אַז די מסיבה האָט געזאָלט אַ ביסל אָפּשוואַכן אַ וויכוח וואָס געדויערט צוואַנציק יאָר. די טראַגישע פּראָבלעם פוןביידע שפּראַכן, וואָס האָט ׳געזייט סם, שינאה און צעשטערונג׳, וועט ניט געלייזט ווערן מיט איין מסיבה. דער מיין איז געווען קלאָר צו מאַכן יעדן אייִנעם אַז ׳קנאות און משוגעת׳ זענען איבעריק. די טעמפּקייט וואָס ווערט אויסגעדריקט אינעם נאַרישן געשאַל ׳די מלחמה גייט ווייַטער אָן׳, איז אַן ענין פאַר ׳פּאָליטיקערס מיט פּוסטע מוחות׳ און ניט ׳פאַרן פאָלק און זייַנע פּאָעטן׳. די מסיבה האָט געהאַט נאָך אַ מיין. באַוויַיזן אונדזערע ׳דם־שונאים׳ אַז די העברעיִשע שרייַבער אין א״י רודפן ניט ייִדיש. אין ביידע ליטעראַ־טורן זענען פאַראַן שרייַבער וואָס ווייסן ווי אָפּצושאַצן יעדע טוונג וואָס שטיצט די שעפערישע קראַפט פון פאָלק. פּיכמאַן האָט זיך גע־טראָפן אין וואַרשע מיט ה. לייוויק, י. אָפּאַטאָשו, י. י. זינגער און פּרץ מאַרקיש און איבערצייַגט זיך אַז זיי זענען ניט ׳קעגן אונדז׳. פאַרקערט. זיי האָבן באַטראַכט אַרויסצוגעבן אַ בשותּפותדיק זאַמלבוך מיט אויס־געקליבענע איבערזעצונגען פון העברעיִש. לעבן פּיכמאַנס אַרטיקל האָט די רעדאַקציע געדרוקט, מיט קידוש־לבנה־אותיות, אַ קאָמוניקאַט פון די ׳ירושלימער לערערס׳, (פּג״ל ווייַטער ז׳ 159) טאַדלענדיק דעם ביטול צו העברעיִש אין די נאַציאָנאַלע אַנשטאַלטן און אין העברעיִשן אוני־ווערסיטעט.[18] אַ דערקלערונג פון ש״י עגנון, ר׳ בנימין און דב קמחי, אַז די פינף אַרטיקלען האָבן זיי ׳געפּלעפט און מצער געווען׳, האָט מען אָפּגעדרוקט אויף איינער פון די לעצטע זייַטן פון יענעם נומער כּתובים. דאָרטן גופא איז אויך אַרויס אַ מסירת־מודעה פון העברעיִשן שרייַבער־פאַראיין אין ת״א, וואָס האָט פּאַקטיש אָפּגעזאָגט די רעדאַק־

טאָרן. די סיבה דערפֿון: פּתּובים האָט בייזוויליק פּובליקירט אַן אָנפֿאַל אויף די אָנפֿירער פֿון פּאַראַיין.[19]

מ׳ גליקסאָן, רעדאַקטאָר פֿון טעגלעכן הארץ, האָט אין זײַן מאמר ׳על הענין׳ באַמערקט, אַז די פֿינף אַרטיקלען אין פּתובים זענען געווען טיילווײַז ריכטיק, נאָר שטאַרק איבערגעטריבן אין זייער טאָן.[20] די מיטגלידער פֿון ׳גדוד מגני השפה׳ (׳באַטאַליאָן פֿון שפּראַך־פּאַרטיי־דיקער׳), וואָס זענען געשטאַנען בײַם אַרײַנגאַנג צו דער מסיבה און געפּרוּווט שטערן,[21] האָט גליקסאָן אָנגערופֿן ׳ווילע יונגע־לײַט׳, וואָס טומלען צו פֿיל. זייער פּאָזיטיווע טעטיקייט שטייט אין פּאַרקערטער פּראָ־פּאָרציע ׳צום רעש וואָס זיי מאַכן׳ (פּ״גל ווײַטער ז״ז 196־197).

דאָס אויפֿלעבן העברעיִש וואָס איז, אַ טיפֿער און איידעלער ענין, איז ניט קיין זאַך פֿאַר באַטאַליאָנען. פּריוואַטע מסיבות שטעלן מיט זיך ניט פֿאַר קיין סכּנה פֿאַר העברעיִש. די סכּנה לויערט פֿון ׳העברעיִשע׳ צײַטונגען וואָס זייער סטיל איז אַ ׳נאַציאָנאַלער סקאַנדאַל׳.[22] דאָס קנאות פֿון גדוד איז היציק. אַנשטאָט זיך צו האַלטן פֿאַר בובערס צענזאָרן (זען הערה 18 צו אָט דעם קאַפּיטל), דאַרפֿן די גדודניקעס באַדינען די אַקאַדעמיע פֿון דער העברעיִשער שפּראַך.

גליקסאָן האָט ניט געהאַלטן פֿון ׳שפּראַכלעכער פּאָליגאַמיע׳ (פּ״גל אויבן, ז׳ 124). די באַציונג צו דער נאַציאָנאַלער שפּראַך איז ניט אַזוי ווי די באַציִונג צו אַ פֿרוי וואָס מען קלײַבט זיך אויס, נאָר ווי דער צובונד פֿון אַ מענטש צו זײַן מאַמען.

אינעם זעלבן נומער הארץ האָט א. ז. בן־ישי דערמאָנט די אָב־סטרוקציע פֿונעם גדוד און צוגעגעבן אַז דער גדוד גרייט צו פּראָטעסטן קעגן דער מסיבה אין גאַנצן לאַנד. בן־ישי האָט קריטיקירט פּתובים און דעם גדוד, הלמאַי זיי שטורעמען וועגן דער מסיבה און טוען גאָרניט אין דער צײַט ווען אַ סך יִדן פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד און דער מצב אין גלות ווערט פֿון טאָג צו טאָג ערגער. בן־ישי האָט אויך דערמאָנט אין זײַן נאָטיץ אַ פֿאַרזאַמלונג פֿונעם גדוד אין ת״א. אין שײַכות מיט דעם האָט דער טעגלעכער דבר געדרוקט אַ נאָטיץ דעם 15טן מײַ 1927, ז׳ 6. עס ווערט דאָרטן באַשריבן אַ פּראָטעסט קעגן דער מסיבה און קעגן בובערס רעדע אין העברעיִשן אוניווערסיטעט. אויף דער פֿאַרזאַמלונג האָט געהאַלטן אַ רעדע דער פֿאָרשטייער פֿון גדוד. נאָך אים האָט דער שרײַבער און דערציִער י. ל. ברוך גערעדט קעגן דעם איבערגעטריבע־

נעם קנאות פאַר העברעיִש און קעגן דעם אָנפאַל אויף ביאַליקן. דער דערציִער ד״ר חיים בוגראַשאָוו האָט געפאָדערט קנאות ביזן 'צעברעכן פענצטער'.[23] אַ טייל פונעם עולם איז אים אַרײַנגעפאַלן אין די רייד, דערעיקרשט, אורי־צבי גרינבערג. צווישן ביידן איז אויסגעבראָכן אַ שאַרפער וויכוח. דער גדוד האָט פירגעלייגט דעם עולם מען זאָל אָננעמען אַ באַשלוס צו טאַדלען דעם ביטול צו העברעיִש. פאַרן שטימען איז בערך כּצנעלסאָן אַרויסגעטראָטן קעגן בוגראַשאָווס אַרגומענטאַציע, אַז עס זענען פאַראַן 'גערטרײַע און אומגעטרײַע צו העברעיִש'. דאָס איז 'מי־אוסע דעמאַגאָגיע', דאָס איז די שיטה פון דער יעווסעקציע, וואָס בוגראַ־שאָוו אַליין וואַרפט אָפּ. לסוף האָט די פאַרזאַמלונג אָנגענומען, ניט דעם באַשלוס וואָס דער גדוד האָט פאָרגעשלאָגן, נײַערט כּצנעלסאָנס פאָר־לייג. דער דאָזיקער באַשלוס האָט פאַרניינט דאָס פאַרשפּרייטן העברעיִש מיט גוואַלד־מעשים און געלויבט ביאַליקן פאַר דער הכנסת־אורחים וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן הירשביינען און אַשן.

קעגן די פינף אַרטיקלען אין כּתובים האָבן אויך געשריבן י. ח. ר. [ראַווניצקי] און אורי־צבי גרינבערג. ראַווניצקי האָט אויסגעלאָכט די אַרטיקלען אין אַ קורצער נאָטיץ 'על מלחמת מצווה' (הארץ, ט״ז באייר תרפ״ז).

א״צ גרינבערג האָט געשריבן קעגן די פינף, אין זײַן שטענדיקער רובריק אין דבר, דעם מאמר 'על חמשת בודדים ספרותיים' ('וועגן פינף עלנטע ליטעראַטן', 20סטן מײַ 1927). אַש און הירשביין זענען געקומען באַזוכן א״י פון ליבשאַפט וועגן. ווען עס איז 'בין השמשות אין גלות' און 'עס שאַרײַעט' אין ארץ־ישׂראל, איז גוט וואָס עס קומען צו ליבהאָ־בערס צו דער קליינער משפּחה'. א״צ גרינבערג חוזקט אָפּ פון די פינף, וואָס פירן זיך גלײַך ווי זיי וואָלטן זײַן די העברעיִשע ליטעראַטור און ביאַליק וואָלט אין איר קיין חלק ניט האָבן. נישט קיין וועלט באַנעם און ניט קיין צײַט־נויטווענדיקייט האָבן גורם געווען דערצו, די פינף זאָלן זײַן די 'כּישוף־מאַכערס' (אובות') וואָס זאָלן אַרויסרופן דעם ריב־לשונות, וואָס 'ליגט בײַ אונדז שוין פון לאַנג אין קבר'. אויפן סמך פון אָט אַ דעם אַרטיקל, פון זײַן באַגריסן אויף דער מסיבה, פון זײַן וויכוח מיט בוגראַשאָוון און פון המאירים עדותשאַפט — (אויבן, ז' 127) קען מען פרווון דערקלערן אורי־צבי גרינבערגס אײַנשטעל צו יידיש און יידיש־ליטעראַטור פון זינט ער האָט זיך באַזעצט אין א״י. א. צ. גרינבערגס

אײַנשטעל צו ביידע שפּראַכן איז אַ פּועל־יוצא פון זײַן פּאַרוויקלטן קוק אויפן גלות און אויף א״י. פון איין זײַט האָט דער פּאָעט געפּאַדערט, מיט מאַכטיקער התלהבות, אַ טאָטאַלן אומקער צום היימלאַנד. אורי־צבי גרינבערג האָט דאָס אויסגעדריקט, צווישן אַנדערן, דורך אַרויסשטעלן ערדאַרבעט ווי די העכסטע ווערט. ווי דער היפּוך צו ערדאַרבעט האָט ער אָן אויפהער דערמאָנט די גאַלעווקעס אין וואַרשע, אַ סימבאָל פון פּעדלערײַ, וואָס איז מוקצה מחמת מיאוס.[24] פון דער צווייטער זײַט, איז גרינבערגס פּובליציסטיק דורכגעדרונגען מיט טיף רחמנות און מיט־געפיל צו די ייִדן אין פּוילן. מחמת דעם חורבן פון די ייִדן דאָרטן 'ווערט געבויט אונדזער ארץ־ישראל... מען דאַרף זײַן טעמפּ און אָן געפילן ('ערל') כדי ניט צו פילן די טראַגישקייט'.

אורי־צבי גרינבערגס פאַרבינדן דעם אויפלעב פון העברעיִש מיטן אויפלעב פון א״י, איז ניט קיין אויסנעם. אָט אַ די צוויי ווערטן ווערן פירגעשטעלט ווי גלײַכע אייבערשטע ווערטן אין דער גאַנצער ציוניס־טישער פּובליציסטיק אין ארץ־ישראל, אַחוץ דער פּובליציסטיק פון אַ טייל לינקע פּועלי־ציוניסטן. די אייגנקייט פון אורי־צבי גרינבערג באַ־שטייט אין דעם, וואָס ער האָט כסדר אויסגעדריקט, מיט פײַנלעכער אָפנהאַרציקייט, דעם באַוווסטזיניקן איבערגאַנג פון צווייִשפּראַכיקן צו איינשפּראַכיקן שאַפן. 'צי זענען מיר ניט געקומען אַהער נאָך דעם ווי עס איז זיך צעפאַלן דער טעות פון אונדזער פאַלקישן לעבן אין גלות? צי זענען מיר ניט געקומען צו אָט דעם דאָזיקן מידבר, כדי קלאָר צו מאַכן די מוחות און כדי צונויפצוזאַמלען די קערפּערס און די פעיִקייטן אויף צו שאַפן מאַטעריעלע און גײַסטיקע אוצרות פאַר דער באַנײַטער העברעיִשקייט? צי זענען מיר ניט געקומען אַהער כדי לחלוטין צו בײַטן אונדזער לעבן־סדר און דורכמאַכן... די ראַדיקאַלע אָפּעראַציעס אין די גײַסטיקע שטריכן [און] פאַרלירן, באַוווסטזיניקערהייט, אַ טײַערע פאַלק־שפּראַך און אָנהייבן אין אונדזער דערוואַקסנקייט מיטן אלף־בית, אין יעדן זינען?'[25]

דעם געראַנגל פון אַריבערגיין קיין א״י האָט אורי־צבי גרינבערג איבערגעלעבט אין אַ געראַנגל צווישן זײַן אידעאָלאָגישן פּאַטאָס און זײַן צווייִשפּראַכיקער שעפערישקייט. מחמת דעם האָט דער פּאָעט אָפן קריטיקירט סײַ זײַנע העברעיִשע קאָלעגן, סײַ די ייִדיש־שרײַבערס. אינעם ערשטן אַרטיקל פון זײַן זשורנאַל **סדן, א־ב**, ז׳ ג׳, שרייבט ער: 'די

יידישע ליטעראַטור אין יידיש האָט געקראָגן אַ קלאַפּ, ווייל איר גורל איז אַז דאָס פאָלק און ניט די טעריטאָריע איז איר חוט־השדרה. אַז אָך און ווי די גייסטיקע אינוואַלידן, די 'העברעיִסטן',[26] וואָס טרייסטן זיך מיט אָט דעם קלאַפּ. די חוץ־טעריטאָריאַלישע און חוץ־פּאָלקסטימ־לעכע יידישע ליטעראַטור אויף לשון־קודש איז ממשיך איר 'בידנע עקסיסטענץ'.

אין סדנא דארעא איז דער קריטיקער י. [הודה] ג. [גאָלדשטיין] (געש) אַרויסגעטראָטן קעגן י. [עקב] ר. [אַבינאָוויטש] פאַרן באַשולדיקן 'דריי וואָס זענען געשטאָרבן' (פּרץ, בעל־מחשבות, אַנ־סקי,) און 'דריי וואָס לעבן' (דובנאָוו, זשיטלאָווסקי און בירנבוים) פאַרן 'כאַוועו עם־הארצות אין גלות'.[27] צו געשס נאָטיץ האָט אורי־צבי גרינבערג צוגעגעבן אַזאַ הערה: 'די זילזולים קעגן יידישן שאַפן פון די יידיש־פּאָעטן', מצד אַ כאַפּטע וואָס מען מוז זיך מיט איר באַקענען געצוווּנגענערהייט, האָט מיר שטאַרק באַנג געטאָן, ווייל מיט אַ סך בלוט געהער איך צו אָט אַ דער ליטעראַטור... איצט האָט מען געמישפּט פּרצן, דעם פּאָעטער. מיר, די געטרייע צום יידישן שאַפן אויףביידע שפּראַכן, קענען דעם קלאָרן מענטשן, דעם איינציקן, וואָס האָט געזונגען בראש פון די אונטערדריקטע גולים דעם הימען פון דערהויבנקייט 'מיר גרויסע, גרויסע יידן, שבת־יום־טובדיקע יידן'.[28] דערצו נאָך אין סדן, אב תרפ״ה, ז' כ״ג, איז אורי־צבי גרינבערג זייער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן ש. צמח, וואָס האָט באַשולדיקט פּרץ מאַרקישן, אַז דער ציל פון זיין שרייבן איז 'צע־שמעלצן די הערצער פון די מיידלעך וואָס שפּאַצירן מיט אים'. לעולם, איז צמחס נאָטיץ געווען געווענדט קעגן גרינבערגן גופא, און גרינ־בערג האָט עס וווּל פאַרשטאַנען.

פונקט אַזוי ווי ער איז אַרויס קעגן זיינע העברעיִשע קאָלעגעס פאַר זייער איינשטעל צו יידיש, איז דער פּאָעט אויך אַרויס קעגן די יידיש־שרייבערס אין אויסלאַנד, פאַר זייער איינשטעל צו העברעיִש און צו ארץ־ישראל. נאָך דעם ווי עס זענען דערגאַנגען קיין וואַרשע די ערשטע נומערן סדן און סדנא דארעא, האָט י. [עקב] מ—ל [מייזיל] געדרוקט אין ליטעראַרישע בלעטער, ציטאַטן פון אורי־צבי גרינבערגן, אד״ט 'אורי־צבי גרינבערג און אורי־צבי גרינברג'. נאָכן טיטל איז געווען אַ טאָפּל־שפּראַכיק אונטערקעפּל בזה הלשון: 'אשר לא יכתוב יותר בז'רגון של הנלבקס' ('וואָס וועט מער ניט שרייבן אינעם זשאַרגאָן

פון די נאַלעווקעס׳). מייזעלס ציטאַטן שטעלן אַרויס אורי־צבי גרינ־בערגס פּאָזיציע אײַנשטעל צו ייִדיש. ניט געקוקט אויף דעם, האָט דאָס פּיקטיווע אונטערקעפּל ׳אשר לא יכתוב יותר...׳ געזאָלט אַרויסווײַזן אַז גרינבערגס אײַנשטעל צו ייִדיש איז ניט אויסגעהאַלטן. נאָך מייזעלס נאָטיץ איז י. י. זינגער אַרויסגעטראָטן שאַרף און שפּיציק קעגן אורי־צבי גרינבערג און איבערגעחזרט די טענה, אַז ער האָט געשווירן ניט צו שרײַבן מער קיין ייִדיש. אורי־צבי גרינבערגס ענטפער, (ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע), איז אינטערעסאַנט ווײַל ער האָט אין אים אַרויס־געבראַכט, דאָס ערשטע מאָל פון זינט זײַן קומען אין לאַנד, זײַן באַנעם אַז די ייִדיש־ליטעראַטור איז חוץ־טעריטאָריאַליש. דערפאַר טאַקע איז זי פאַרמישפּט אונטערצוגיין, מחמת די אידעע פון קולטורעלער אויטאָ־נאָמיע אין פּוילן איז זיך צעפאַלן. די ייִדישיסטן אין פּוילן פרייען זיך מיט דער אילוזיע פון אַן אַלוועלטלעכער ייִדיש־פּרעסע. דער מצב איז, פּאַקטיש, אַז אין די הײַזער פון די ייִדישיסטישע שרײַבערס אין פּוילן, רעדן די קינדער ניט ייִדיש, נײַערט פּויליש. וואָס שײַך דעם ׳זשאַרגאָן פון די נאַלעווקעס׳, שטרײַכט ער אונטער, אַז מען האָט זײַנע רייד גע־פעלשט. ׳אין דער פּראָטעסט־פּאָעזיע ריר איך אָן די פּעדלערײַ און דעם זשאַרגאָן פון די פּעדלערס. ניט דער באַגריף און ניט דער כּיוון האָבן בכלל צו טאָן מיט אַ ייִדישער שפּראַך, על־אחת־כּמה־וכמה מײַן מוטער־שפּראַך, וואָס אין איר האָב איך אַרײַנגעטאָן מײַן לעבן אין געזאַנג און אין איר טיפער געשאַפן ווי י. י. זינגער און זישע לאַנדוי׳.[29]

דער פּאָעט האָט ווידער אַ מאָל דערקלערט זײַן אײַנשטעל צו ייִדיש און ייִדיש־ליטעראַטור, נאָך אַן אָוונט וואָס די לינקע פּועלי־ציון האָבן אײַנגעאָרדנט אין תּל־אָביב. אויף דעם אָוונט האָט אַלטער קאַציזנע גע־לייענט פון זײַנע לידער. אורי־צבי גרינבערגס נאָטיץ ׳פּינה לייִדיש או מחתרת (׳אַ ווינקל פאַר ייִדיש אָדער אונטערערד?׳), איז געווען געדרוקט אין דבר, 24סטן נאָוועמבער 1925. די נאָטיץ הייבט זיך אָן מיט אַ די ווערטער: ׳די ייִדיש־ליטעראַטור איז לײַב פון מײַן לײַב. איך האָב אין איר אַרײַנגעטאָן אַכט און צוואַנציק יאָר געזאַנג.[30] דעם גאַנצן ווייטאָק און די התלהבותן. דעם גאַנצן ניגון און ליבשאַפט. און אויך די פעיִקייט ביז דער ארץ־ישׂראלדיקייט׳. די נאָטיץ איז געווען טאָפּל־ציליק: פון איין זײַט האָט גרינבערג געוואָלט שטראָפן די פּאַרטייען וואָס האָבן געהאַלטן מיט ייִדיש. פון דער אַנדערער זײַט — אַרויסווײַזן זײַן

צושטײַער צו דער ייִדיש־ליטעראַטור און די טעמים פון זײַן באַשלוס בנוגע די שפּראַכן. וואָס שייך די לינקע פּועלי־ציון אין לאַנד, האָט דער פּאָעט געהאַלטן אַז די פּאַרטיי האָט ניט ליב ייִדיש און זי גראָבט אונטער אונטער דער ייִדישער אויטאָנאָמיע אין א״י. מחמת דעם האָט זי אײַנ־געאָרדנט דעם אָוונט פאַר קאַציזנען, כאָטש זי האָט צו דעם קיין שום שײַכות ניט.[31] די ייִדיש־ליטעראַטור 'גייט פּאַמעלעך אונטער'. דאָס לאַנד ווו זי איז געוואַקסן האָט אויפגעהערט צו זײַן 'דאָס היימלאַנד פון דער ייִדישער פאָלקישקייט און ווערט אַן עקל־לאַנד פאַר דער חוץ־טעריטאָריאַלער כנסת־ישראל'. ווען עס האָט זיך געענדיקט 'די וויזיע פון די בתי־כנסת', האָבן גרינבערג און זײַנע פרײַנד[32] געכאָוועט די ייִדיש־ליטעראַטור אויף דער פּעדלערגאַס, ווי 'יחידי־סגולה'. נאָך דעם ווי זיי האָבן געפּראָוועט אַ 'קבצנים־שבת', פאַר דער ייִדיש־ליטעראַטור, זענען געקומען די פּאַרטייען און אויסגעניצט די ייִדיש־ליטעראַטור פאַר אַנטי־ארץ־ישׂראלדיקער דעמאַגאָגיע. די פּאַרטייען האָבן אויסגעניצט גרינ־בערגן און זײַנע קאָלעגעס, אַזוי ווי 'בורזשואַזן' ניצן אויס 'פּראָלעטאַ־ריער'. די לאַגע פון דער ייִדיש־ליטעראַטור איז זייער בידנע. די דאָזיקע פּאַרטייען העלפן ניט אַרויס פאַרשפּרייטן ייִדיש־ביכער און זיי טוען ניט גענוג פאַר די ייִדיש־שולן, וואָס וואָלטן געקענט פאַרפּעסטיקן די ייִדישע אויטאָנאָמיע אין גלות. וואָס שייך זײַן באַשלוס מותּר צו זײַן אויף זײַן מאַמע־לשון, שרײַבט גרינבערג, אַז דאָס אויפלעבן העברעיִש איז איינער פון די גרונטצילן פון ציוניזם. דער ציוניזם איז 'דער איבער־גאַנג צו דער ראַסנדיקער העברעיִשקייט, ווײַל אין איר געפינען מיר... דעם אַלטן שײַן אין וועלכן עס שטייט פאַרשריבן אַז א״י איז אונדז־ערס'. ייִדיש דאַרף מען פאַרשטאַרקן אין פּוילן, ניט אין א״י. דאָס מיינט ניט אַז אין א״י טאָר מען ניט 'ליב האָבן ייִדיש און אָפּהיטן איר אוצר ווי דאָס טײַערסטע און הייליקסטע... איך... פּיל דאָס מיט אַלע מײַנע חושים, נאָר מען טאָר ניט פּאַקטיש, אונטערגראָבן.. אונטער אונדזער... ראַסנדיקער העברעיִשקייט'. אורי־צבי גרינבערג האָט איבערגעחזרט אָט אַ די מיינונגען אַ סך מאָל אין לויף פון די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן. יאַנואַר 1928 האָט ער געשטיצט דעם פּלאַן צו שאַפן אַ ייִדיש־קאַטעדרע אין ירושלים (ווײַטער, ז' 170) און אויך דערמאָנט ייִדיש אין זײַן ליטעראַרישן מאַניפעסט כּלפּי תשעים ותשעה וואָס איז אַרויס אין יענער צײַט. קומענדיק קיין וואַרשע, סוף דעצעמבער 1932, האָט דער דיכטער

ווידער אויסגעדריקט זײַן אײַנשטעל צו ייִדיש און ייִדיש־ליטעראַטור. ער האָט איבערגעגעבן, אַז ער לייענט די ייִדיש־ליטעראַטור וואָס גייט אַרויס אין פּוילן, די פֿאַראייניקטע שטאַטן און ראַטן־פֿאַרבאַנד. ער האָט אויך דערציילט אַז ער וויל אַרויסגעבן זײַנע ייִדיש־כּתבֿים, צווישן זיי דאָס בוך בײַם דרײַסיקסטן טויער.[33] אָט דער דאָזיקער פֿאַקט דערקלערט דעם פּנימיותדיקן ווידעראַנאַנד צווישן אורי־צבֿי גרינבערג, דעם פּובליציסט, און אורי־צבֿי גרינבערג, דעם צווייִ־שפּראַכיקן פּאָעט. דער דאָזיקער ווידעראַנאַנד לאָזט זיך אויס מיט דעם וואָס דער פּאָעט הערט ניט אויף צו שרײַבן ייִדיש, אַפֿילו נאָך זײַן באַזעצן זיך אין לאַנד. (זען ווײַטער, קאַפּיטל זיבן). דאָס שטימט מיטן דע־פֿאַקטאָ פֿונקציאָנעלן פֿונאַנדערטייל — ייִדיש — דאָרטן, העבּ־רעיִש — דאָ, וואָס עס האָבן אָנערקענט אַפֿילו די עקסטרעמסטע העבּ־רעיִסטן, סײַ בפֿירוש, סײַ ניט־דערזאָגטערהייט. מחמת דער שאַרפֿקייט פֿון דער פּלוגתּא איבערן סטאַטוס פֿון ייִדיש אין ארץ־ישׂראל, קען אַזאַ פֿונאַנדערטייל אַדורך אומבאַמערקטערהייט. די דאָזיקע פֿאַקטישע פּשרה אילוסטרירט די דיאַלעקטישע פֿאַרוויקלטקייט פֿון דער שפּראַכן־פֿראַגע. די בעלי־פּלוגתּא האָבן געשאַפֿן בײַם עולם דעם אײַנדרוק אַז אַן אָפּ־גרונט שיידט אָפּ ארץ־ישׂראל און העברעיִש, פֿונעם גלות און פֿון ייִדיש. אין דער אמתן האָבן ביידע צדדים געפֿירט גאַנץ פֿעסטע קעגנאַנאַנדיקע באַציִונגען. דערצו האָבן ביידע מחנות וווּל געוווּסט וואָס עס שרײַבט און דרוקט דער אַנדערער צד.

אויפֿן סמך פֿונעם אויבן געבראַכטן מאַטעריאַל, איז קלאָר, אַז אורי־צבֿי גרינבערגס אַרויסטרעטן — בעת דער מסיבה פֿאַר הירשביין און אַש און שפּעטער — זענען קיין חידוש ניט. מ׳דאַרף געדענקען, אַז מיט גרינבערגס נאָטיץ ׳על חמשת בודדים ספרותיים (אויבן, ז׳ 130), האָט זיך דער וויכּוח ניט פֿאַרענדיקט. אין כּתובֿים ל״ז (כ״ג אייר תרפ״ז, ז׳ 4) האָבן ברש, למדן, ראַבינאָוויטש, שטיינמאַן און שלאָנסקי געדרוקט אַ דערקלערונג, ווו זיי וואַרפֿן אָפּ דעם געדאַנק, אַז זיי פֿירן אַן פֿער־זענלעכע אָנגרײַפֿן. די מסיבה איז געווען אַ דורכפֿאַל, ווײַל עס זענען פֿאַראַן שרײַבערס אָן אַ קלאָרער אָריענטאַציע. ווער עס באַציט זיך צו דער העברעיִשער קולטור אָן פּניות, דאַרף מאַכן אַ סוף מיט ׳אַזעלכע פּאָלעמישע מיטלען׳.

איבער די פּאָלעמישע מיטלען וואָס שטיינמאַן און שלאָנסקי האָבן

באַניצט אין כּתובים איז אויסגעקומען צו דערמאָנען אויבן. דאָס מאָל האָבןביידע רעדאַקטאָרן אָנגענומען נאָך אַ מיטל. וויסנדיק קלויזנערס פּרינציפּיעלן איינשטעל צו ייִדיש, האָבן זיי אים צוגעצויגן צו עפנט־לעכע אַרויסזאָגן, וואָס זאָלן אָנרירן ביאַליקן. ט״ז באייר תרפ״ז האָבן שלאָנסקי און שטיינמאַן געשריבן קלויזנערן, אַז זיי האָבן זיך דערוווּסט 'אַז זיי האָבן זייער אַ וויכטיקן מאמר איבער דער פאַרשאָלטענער פּראָ־גע',[34] היות ווי עס זענען פאַראַן מענטשן וואָס ווילן 'אין די דאָזיקע טעג פון צעפאַל... צעקאַליעטשען דעם ענין', בעטן די רעדאַקטאָרן, אין נאָמען 'פון אונדזער פולן נאַציאָנאַלן אויפלעב, וואָס אונדזערע מענטשן האָבן זיך פאַר אים מקריב געווען', אַז ער, קלויזנער, זאָל זיך ווייטער 'שטעלן אין דעם בראָך' און אויסזאָגן זיין וואָרט 'ביים טויער'. כ״ג באייר תרפ״ז האָט שלאָנסקי באַדאַנקט קלויזנערן פאַרן שיקן דעם אַרטיקל. שלאָנסקי האָט אים אויך געגעבן צו וויסן, אַז די רעדאַקציע האָט געענ־דערט דעם אָנהייב פונעם מאמר. קלויזנערס נוסח איז געווען: 'מען האָט מיך געבעטן צו שרייבן'. שלאָנסקי און שטיינמאַן האָבן אָנשטאָט דעם געדרוקט 'איך האָב געוואָלט אַרויסזאָגן מיין מיינונג'. קלויזנערס אַרטיקל איז געווען געדרוקט אין כּתובים נומ' ל״ז, א״ט 'בשעת חרום. מכתב למערכת' ('אין אַן עת צרה. אַ בריוו אין רעדאַקציע'). קלויזנער באַ־מערקט אַז ער איז ניט ביי־געווען אויף דער מסיבה און ער האָט ניט קיין סטענאָגראַפישן באַריכט פון דעם וואָס עס איז דאָרטן געזאָגט געוואָרן. דערפאַר וועט ער וועגן דער מסיבה ניט שרייבן. אין זיין מאמר האָט קלויזנער גאָרניט באַנייט אין זיין באַקאַנטן איינשטעל צו ייִדיש. דער זשאַרגאָן איז אַ סכּנה, ווייל ער איז אויסגעוואַקסן פונעם פאָלק און ער וויל מען זאָל אים באַטראַכטן פאַר דער נאַציאָנאַלער שפּראַך פונעם ייִדישן פאָלק. עס וועט זיין אַ זינד וואָס מען וועט ניט קענען מוחל זיין, אויב מען וועט פאַרווישן דעם פּרינציפּיעלן, היסטאָרישן קעגנאַנאַנד צווישן העברעיִש און זשאַרגאָן. אָן דער הערשאַפט פון העברעיִש, וואָס איר מעמד איז שוואַך אין פאַרגלייך מיט מיליאָנען ייִדיש־ריידערס, האָבן דער ציוניזם און די נאַציאָנאַלע היים קיין זינען ניט. ארץ־ישׂראל און העברעיִש זענען אויסשליסיק און האָבן ניט קיין פאַרבייט.

מ'דאַרף געדענקען, אַז בעת די העברעיִשע פּרעסע האָט, נאָך צוויי וואָכן, אויפגעהערט צו שרייבן וועגן דער פּרשה, (די ייִדיש פּרעסע האָט,

איבער דעם זייער ווייניק געשריבן),[35] האָבן די רעדאַקטאָרן פון כּתובֿים ווײַטער אָנגעגרירט דעם ענין. עס איז קיין ספק ניט, אַז זייער מיין איז געווען צו באַנײַען די פּאָלעמיק, כּדי ווידער אַ מאָל אָנצוגרײַפן ביאַליקן. כ"ט בסיון תרפ"ז האָט כּתובֿים געדרוקט אַ בריוו פון י. רובינליכט פון וואַרשע, ווו עס ווערט דערציילט אַז די פינף אַרטיקלען געדרוקט אינעם זשורנאַל — בפרט ראַבינאָוויטשעס — האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די 'יונגע קנאים פון דער העברעיִשער קולטור וואָס לעבן אין דער ייִדיש־וואַרשע'.

עס וואַרפט זיך אויך אין די אויגן, אַז ווען דער זשורנאַל האָט אָנ־געגרײַפט ביאַליקן אין שײַכות מיטן פּלאַן צו גרינדן אַ ייִדיש־קאַטעדרע אין ירושלים (זען קאַפּיטל פיר), איז אויך געווען אַן אָנגריַיף קעגן העברעיִשן שרײַבער־פאַראיין, מחמת דער מסיבה פאַר אַש און הירשביין. דער אָנגרײַף איז פאָרגעקומען נאָך דעם ווי הירשביין האָט געדרוקט אין ניו־יאָרקער טאָג (20סטן נאָוועמבער 1927) [36] אַ מאמר א"ט 'אונדזער צעשפּאָלטענע צונג'. הירשביין שרײַבט, אין אַ פּראָזע רײַך אין אימאָזשן, אַז ייִדיש, און ניט העברעיִש, וואָלט דאַרפן זײַן די שפּראַך פון א"י. הירשביין באַנײַט גאָרניט אין דער אידעאָלאָגישער פּאָלעמיק וועגן די שפּראַכן. ער חזרט איבער דעם אַרגומענט אַז ייִדיש איז דאָס לעבעדיקע לשון פון די מאַסן, בשעת דאָס ארץ־ישׂראלדיקע העברעיִש איז קינסטלעך און איבערגעפּירט. הירשביין האָט אַרויסגעוויזן אַ טיפע סימפּאַטיע פאַרן אויפלעב פון א"י.[37] איינצײַטיק האָט ער געהאַלטן, אַז דער קריזיס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג שטאַמט פונעם זילזול צו דער שפּראַך פון די מאַסן.

להיפּוך צו אַשן, וואָס האָט בכלל ניט דערמאָנט די מסיבה אין זײַנע אַרטיקלען איבער זײַן נסיעה קיין א"י,[38] האָט הירשביין געשריבן אַז דער אײַנשטעל צו ייִדיש אין א"י וועט ניט דערלאָזן אַז [די מחנות] זאָלן זיך דערנענטערן. דער אָנגרײַף פון די יונגע פּאָעטן אויף ביאַליקן איז אַ באַווײַז דערפון.

די רעדאַקטאָרן פון כּתובֿים האָבן צעשניטן טיילן פונעם אַרטיקל און זיי צונויפגעשטעלט מחוץ דעם קאָנטעקסט זייערן. אויסניצנדיק אויך אַ טאָפּל־באַטײַטיקן זאַץ וועגן דעם מצב פון העברעיִש אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָבן שלאָנסקי און שטיינמאַן אויפגעוואָרפן דעם העברעיִשן שרײַבער־פאַראיין דאָס אויפנעמען הירשביינען מיט וואָסערע חדשים

פריִער.[39] זיך מערקן, אַז דער אויבן דערמאָנטער וויכּוח איז אַ קערפּונקט אין דער פּאָלעמיק אַרום דעם סטאַטוס פון ייִדיש אין א״י. ביז אַצינד איז די פּלוגתּא געווען פאַרבונדן מיט פּאָליטישע וויכּוחים.[40] אין דעם פֿאַל, גייט עס אין אַ וויכּוח צווישן ליטעראַטן. עס וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז אין דער דאָזיקער דעבאַטע האָבן קיין ייִדישיסטן ניט אָנטייל גענומען. אַט אַ די דעבאַטע, דעם אופן ווי אַזוי מען האָט זי געפירט און די אַטמאָספער וואָס האָט געהערשט אין לאַנד כּלפּי ייִדיש ווי אַ קולטורשפּראַך, גיבן די מעגלעכקייט בעסער צו פאַרשטיין די פּאָלעמיק אַרום דעם פּלאַן צו שאַפן אַ ייִדיש־קאַטעדרע אין ירושלים אין 1927. וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

הערות צו קאַפּיטל דריי

1. זען: כּתובים, כ״ו באב תרפ״ו, ז׳ 5; י באלול תרפ״ו ז׳ 4; ז׳ 5. עס האָט זיך מיר ניט איינגעגעבן צו דעשיפרירן די חתימות ח׳ אין נומ׳ 2. זיך מערקן, אַז 1926 האָבן אַלע נומערן כּתובים געטראָגן — מחמת דער צענזור — אַ באַזונדערן נאָמען.
2. זען דאַרטן, ג׳ באלול תרפ״ו, ז׳ 3. פ״גל ביאַליקס רעדע, דאַרטן, נומ׳ ל״ב, ז׳ 3; סדן, אב תרפ״ה ז׳ 3; וווייטער, ז׳ 148. זען אויך: י״א גלבוע, לשון עומדת על נפשה, ת״א, תשל״ז. מיגלעך אַז א. טובנפליגל איז א. שטיינמאַן.
3. זען דאַרטן, י באלול תרפ״ו, ז׳ 1.
4. וועגן קלעצקינען זען: רייזען, 3, זז׳ 698—703; ייִוואָ־בלעטער (1937), זז׳ 385־386. וועגן א״י שטיבל זען: תדהר, י, זז׳ 3582־3583.
5. זען דאַרטן, כ״ו בחשון תרפ״ז, ז׳ 5. עס איז קיין ספק ניט אַז דאָ רעדט זיך וועגן אַ בלבול. מ. נאַדעל, אַן אָנפירער פון לינקע פּועלי־ציון אין רוסלאַנד און אין א״י, זאָגט עדות אין זיין אַרטיקל ׳דער אידישער אַרבעטער׳ (פּרק בתולדות עתונות פּועלי־ציון בברית המועצות), שבות 1 (תשל״ג), ז׳ 140, אַז אין 1919 האָבן ער און זיינע חברים גענומען די אותיות פון שטיבלס פאַרלאַג, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט, הפקר, און גענוצט זיי אויף אַרויסצוגעבן זייער צייטונג.
6. זען דאַרטן, נומ׳ 7, זז׳ 4־5. וועגן דעם יאָר וואָס אַפּשטיין האָט געלעבט אין א״י זען: אַ שפּיגל אויף אַ שטיין, ת״א, תשכ״ה, ז׳ 742; ח. שמערוק ׳דוד האַפּשטיינס מגילת אסתר׳, די גאָלדענע קייט, 87 (1975), זז׳ 143, 147. פ. האַפּשטיין, ׳דאָס געהויבענע אינעם טאָג־טעגלעכן, דאַרטן, 83, (1974) זז׳ 54—56.
7. געמיינט די זאַמלהעפט מסיבה וואָס דער העברעישער שרייבער־פאַראיין האָט אַרויסגעגעבן 1926 אין ת״א. א. שטיינמאַן איז געווען דער רעדאַקטאָר און האַפּשטיין האָט דאַרטן געדרוקט אַ ליד. יכּנה״ז איז דער טאָפּל־שפּראַכיקער שרייבער י״נ גאָלדבערג, וואָס האָט דעמאָלט געוווינט אין מינסק. זען: רייזען 1, זז׳ 1273—1275 און קרסל, 1, זז׳ 413־414.

8. זען: **חיי כתובים** (נומ' 8), ז' בתשרי תרפ"ז, ז' 2. ראַבינאָוויטש דערמאָנט דאָרטן אַ שרײַבער וואָס זיצט אין א"י איבער 15 יאָר. זײַנע כתבים, געשריבן אין יידיש, ווערן געדרוקט אין העברעיש אָן אַ באַמערק אַז דאָס זענען איבער־געזעצטע שריפטן. ראַבינאָוויטש האָט געמיינט משה סתוי—סטאַווסקי. וועגן סתוין, זען ווײַטער, קאַפּיטל זיבן.

9. די אָנצוהערעניש איז אויפן זשורנאַל **אין שפּאַן**, וואָס בערגעלסאָן און כאַשין האָבן אַרויסגעגעבן 1926 אין ווילנע, אויפן חשבון פון די סאָוועטן. אינעם ערשטן נומער, זז' 139—141, האָט כאַשין אָפּגעדרוקט אַ גאַר שאַרפע קריטיק קעגן א"י, און דעם ציוניזם.

10. זען דאָרטן, נומ' 9 ז' 5; נומ' 10, ז' 5; נומ' 26, ז' 4; נומ' 5, ז' 5. זען אויך: נומ' 11, ז' 5; נומ' 15, ז' 3; נומ' 20, ז' 3; נומ' 3, ז' 5; נומ' 7, ז' 4; נומ' 30, ז' 3.

11. זען שטיינמאַנס הספד, דאָרטן נומ' 22, ז' 1. פ"גל ביאַליקס הספד, דאָרטן, נומ' 31, ז' 3. זען פרידמאַנס נאָטיץ, דאָרטן, דאָרטן, ז' 2. וועגן פרידמאַנען, זען **קרסל**, 2, זז' 661־662.

12. מיט אָט דעם זעלבן אויסדרוק האָט זיך באַניצט לעאָ קעניג אין 1919, אין זײַן אַרטיקל 'קענען זיך אידיש און העברעיש אַסימילירן', **אונדזער וועג** (לאָנדאָן), 16טן מײַ 1919.

13. וועגן דער מסיבה זען: **דבר**, נומ' 588, 589. פ"גל **קפא"י ידיעות**, נומ' 41, זז' 3—7 **כתובים**, ל"ד־ל"ה, ז' 6 און **הארץ**, נומ' 2349, ז' 3.

14. וועגן די פינף מחברים: אשר ברש, אברהם שלאָנסקי, יצחק למדן, יעקב ראַבינאָוויטש און אליעזר שטיינמאַן זען: **קרסל** 1 זז' 384—386 און 2, זז' 936—941; 285—287; 817־818; 913—916. וועגן שטיינמאַנען זען אויך, לעקסיקאָן, 8, ז' 635.

15. פ"גל א. דרויאַנאָוס 'בתקופת הליקווידאציה', **הארץ**, 6טן מײַ 1927, ז' 2. ביאַליק האָט אים דאָרטן געענטפערט, ('חצי תשובה'), אַז ער איז ניט דער פּאַרזיצער פון העברעישן שרײַבער־פאַריין. די ציטאַטע 'זיווג מן השמים' האָט מען צעקאַליעטשעט. נאָר ווער עס האָט געהערט זײַנע רייד אויף דער מסיבה, האָט רעכט אַרויסצוזאָגן אַ מיינונג וועגן דעם.

16. זען: 'בארות הפיגסוסים', **המחר**, 2 בסיון תרפ"ז, זז' 15—17. פ"גל רייזען, 4, ז' 615. איבער המאירין, וואָס האָט דאָרטן געשריבן אַז פון דער יידיש־ליטעראַטור וועט ניט בלײַבן קיין 'שריד ופליט' אַחוץ די ווערק וואָס מען וועט איבערזעצן אין העברעיש, זען: **קרסל**, 2, זז' 310—312.

17. איינער פון שטיינמאַנס פסעוודאָנימען איז געווען א. בורר.

18. געמיינט דעם רעפעראַט וואָס מאַרטין בובער האָט דאָרטן געהאַלטן אויף דײַטשיש. זען אויך ווײַטער, ז' 149. די לערער האָבן פאַרשטעלטערהייט קריטיקירט ביאַליקס אויסדרוק, 'זיווג מן השמים'.

19. **כתובים** האָט אויפגעהערט צו זײַן דער אָפיציעלער אָרגאַן פון פאַראיין בײַם נומער מ"ח־מ"ט. פ"גל דאָרטן, ז' 4 און **כתובים** 2 (תרפ"ז), נומ' 1, ז' 1.

20. זען **הארץ**, 17טן מײַ 1927, ז' 2. וועגן גליקסאָנען, זען, קרסל, 1, זז' 486־487.

21. ניט **הארץ**, ניט **דבר** האָבן דערמאָנט דעם דאָזיקן פּרט אין זייערע באַריכטן. ש. פעטרושקע האָט דאָס געטאָן אין **היינט**, 20סטן מײַ 1927.

22. געמיינט די צײַטונגען וואָס דער גדוד פלעגט אַרויסגעבן פון צײַט צו צײַט. פ"גל **כתובים**, נומ' 6, 27סטן אויגוסט 1926, ז' 2.

23. וועגן י"ל ברוך זען: קרסל, 1, זז' 332—334. וועגן ח. בוגרשוב זען אויבן ז' 17.

24. זען, למשל, ספּרנאַ דאַרעאַ, ת"א, תרפ"ה, ז' ט"ז; סדן, ג, ז' כ"ג; ספּרנאַ דאַרעאַ, זז' ו, ט, י, י"ג—ט"ז, י"ט; סדן, תמוז, תרפ"ה, ז' י"א.

25. זען: סדן, אב תרפ"ה, ז' י"ד. פ"גל, כּלפּי תשעים ותשעה, תל־אביב, תרפ"ח, ז' ל"ב.

26. פ"גל: ספּרנאַ דאַרעאַ, ז' ט"ו און דאָרטן, ז' ז.

27. זען: הדים ג, ו, זז' 85־86 און דאָרטן, ג, ד, 84—86. פ"גל, אויבן ז' 126.

28. פ"גל סדן, ג, ז' כ"ד.

29. זען מייזילס נאָטיץ, ליטעראַרישע בלעטער 1 (1924/1925), נומ' 48 ז' 7. וועגן י. מייזילן זען: לעקסיקאָן 5, ז' 578. זען י. י. זינגערס נאָטיץ דאָרטן, נומ' 51, ז' 4 און פ"גל ווײַטער, הערה 33 זען גרינבערגס ענטפער, סדן, תמוז תרפ"ה, זז' כ"א—כ"ד. גרינבערג האָט דערמאָנט לאַנדוין, ווײַל לאַנדוי האָט געשריבן אין דער אינדזל, 1925, נומ' 4, ז' 40, אַז זינגערס אַרויסזאָג איז אַ ריכטיקער. עס איז נאָר אַ שאָדן זיך אָפּשטעלן אויף אַ מענטשן וואָס זײַנע לידער — און אויך מאַרקישעס לידער — זענען 'שרעקלעך שלעכט'.

30. אויף אַזאַ פּאַטעטישן אופן האָט גרינבערג עדות געזאָגט וועגן זײַן עלטער ווען ער איז אָנגעקומען אין לאַנד, סוף דעצעמבער 1923.

31 זען קאַציזנעס ענטפער, ליטעראַרישע בלעטער, 2 (1926), נומ' 87, זז' 15־16.

32. געמיינט די ייִדיש־עקספּרעסיאָניסטן, די כאַליאַסטרע, אין וואַרשע, אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן.

33. זען: 'אַ שמועס מיט אורי־צבי גרינבערג', דאָרטן, 10 (1933), נומ' 1, ז' 8. דעם 28סטן דעצעמבער 1932 האָט גרינבערג געזאָלט האַלטן אַ רעפעראַט אין ייִדישן שרײַבער־פאַראיין. דער בונד האָט געסטראַשעט אַז מען וועט אויפרײַסן דעם אָוונט מחמת גרינבערגס אײַנשטעל צום 'זשאַרגאָן פון די נאַלעווקעס'. לסוף האָט מען דעם רעפעראַט אָפּגערופן. דער ייִדישער פּען־קלוב אין וואַרשע האָט באַשטימט אַז עס זענען ניט פאַראַן קיין באַווײַזן מכּוח דעם ענין 'זשאַרגאָן פון די נאַלעווקעס'. איבער דער דאָזיקער פּרשה זען: נײַע פאָלקסצײַטונג, 25־סטן, 26־סטן דעצעמבער 1932 און 16־טן יאַנואַר 1933; אונדזער עקספּרעס, 26־סטן, 29־סטן, 30־סטן דעצעמבער 1932; מאָמענט, 28־סטן דעצעמבער 1932; ייִדישע טאָגבלאַט, 26־סטן דעצעמבער 1932; ליטעראַרישע בלעטער, 10 (1933), נומ' 1, ז' 12; נומ' 2, ז' 27; נומ' 4, ז' 53; נומ' 7, ז' 110.

34. זען: קלאַוזנער־אַרכיוו, נאַציאָנאַלע און אוניווערסיטעט ביבליאָטעק, ירושלים, טעקע 356.

35. זען: הײַנט און מאָמענט, 23־סטן און 30־סטן מאַי 1927.

36. דער אַרטיקל איז געווען אויך געדרוקט אין ליטעראַרישע בלעטער 4 (1927), זז' 1002—1004 און אין הירשביינס בוך, ארץ־ישראל, ווילנע 1929, זז' 140—148.

37. זען אויך הירשביינס בריוו צו יוסף אָפּאַטאָשו, טינט און פּעדער, אלול ת"ש, זז' 63־64.

38. זיי זענען געווען געדרוקט אין הײַנט, אויגוסט־אָקטאָבער 1927.

39. זען כּתובים, ס"ד (22־סטן דעצעמבער 1927), ז' 7.

40. דער אינצידענט מיט לוריאַן (אויבן, ז' 20), איז געווען זייער באַגרענעצט און דער צאָל העברעיִשע שרײַבער וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט אין לאַנד — זייער קליין.

קאַפּיטל פיר:

די פּאָלעמיק אַרום דעם פּלאַן צו שאַפן אין 1927 אַ קאַטעדרע פאַר ייִדיש אין ירושלים

1. דער פּראָיעקט פון ניו־יאָרקער צײַטונג „טאָג" צו גרינדן אַ קאַטעדרע פאַר ייִדיש בײַם העברעיִשן אוניווערסיטעט

סוף 1927 האָט יהודה־לייב מאַגנעס, דער דעמאָלטיקער טשאַנסעלאָר (פּאָרזיצער) פון העברעיִשן אוניווערסיטעט, וויזיטירט אַמעריקע אין שליחות פון אַנשטאַלט. מאַגנעס, אַ געבוירענער אין אַמעריקע, האָט אין משך פון זײַן לאַנגיאָריקער אַקטיוויטעט ווי אַ ציוניסטישער און אַלגע־מיינער ייִדישער כּלל־טוער אין ניו־יאָרק, זיך נאָענט באַקענט און פאַר־בונדן מיט די ייִדישע מיזרח־אייראָפּעיִשע אימיגראַנטן. פון אָט דעם מגע־ומשא מיט זיי, נעמט זיך, משמעות, מאַגנעסעס טיפער אָפּשײַ פאַר זייער קולטורעלן און גײַסטיקן האָב־און־גוטס.[1]

אַזאַ פערזענלעכקייט ווי מאַגנעס האָט געקענט משפּיע זײַן צו רעאַ־ליזירן דעם פּלאַן פון שאַפן אַ ייִדיש־קאַטעדרע בײַם העברעיִשן אוני־ווערסיטעט, וואָס דער טאָג האָט געהאַט פאָרגעלייגט נאָך אין אַפּריל 1925.[2]

עס קאָן גרײַלעך געמאַלט זײַן, אַז בעת זײַן וויזיט האָט זיך מאַגנעס געטראָפן אין ניו־יאָרק מיטן אַרויסגעבער פון טאָג, דוד שאַפּיראָ, און אויסגעדריקט זײַן הסכּמה צום פאָרלייג.

דעריבער איז דעם זעקסטן נאָוועמבער 1927 געפּראַוועט געוואָרן דורך דער פאַרוואַלטונג פון טאָג אַ פײַערלעכער באַנקעט לכּבוד מאַג־נעסן. בײַ דער געלעגנהייט האָט שאַפּיראָ מודיע געווען אַז ער און זײַנע פרײַנד זענען מנדב פופציק טויזנט דאָלאַר צו גרינדן אַ ייִדיש־קאַטעדרע בײַם העברעיִשן אוניווערסיטעט.[3]

אינעם באַריכט פון טאָג און אין די רעדעס געהאַלטן אויפן באַנקעט,

ווערן דערמאָנט די עיקר־אַרגומענטן לטובת דער קאַטעדרע. ראובן ברײַנין, וועלכער האָט גערעדט העברעיִש, האָט געזען אין פּראָיעקט אַ קערפּונקט אין דער ייִדישער קולטור־געשיכטע.

דער שפּראַכנקאַמף, געפירט פון פאַנאַטישע העברעיִסטן און ייִדי־שיסטן, האָט גורם געווען אַ סך שאָדן ביידע שפּראַכן, ביידע ליטע־ראַטורן און דעם ייִדישן שאַפן בכלל. די נעגאַטיווע באַציִונג צו ייִדיש און צו דער ייִדישער ליטעראַטור אין ארץ־ישׂראל האָט כּמעט ווי געצ־ווונגען צו אַ קאַמף קעגן העברעיִש און קעגן דער נאַציאָנאַלער היים.

דערצו נאָך האָט דער שפּראַכן־ווידערנאַנאַנד געבראַכט שאָדן דעם קאַמף פאַרן מיעוטים־רעכט פון ייִדן אין מיזרח־אייראָפּע. דאָס זעלבע דאַרף געזאָגט ווערן וועגן דעם ייִדישן חינוך אין די תּפוצות.

די פײַנדשאַפט און דער ביטול מצד ייִדישיסטן כּלפּי העברעיִש און דער העברעיִשער קולטור, האָבן פון אַ צווייטער זײַט דערווײַטערט די מאַסיקע העברעיִסטן פון די קוואַלן פון פאָלקס־לשון. מעגלעך אַז דער שפּראַכנקאַמף וועט ברענגען אַ שפּאַלטונג אינעם ייִדישן פאָלק. דעריבער קאָן אַ קאַטעדרע פאַר ייִדיש אין ירושלים באַטײַטן אַ ביז גאָר וויכטיקן שפּאַן פאָרויס אין די באַמיִונגען צו מאַכן שלום צווישן העברעיִסטן און ייִדישיסטן.

ברײַנין האָט צוגעגעבן, אַז מען טאָר ניט פירן קיין מלחמה צווישן די ביידע שפּראַכן. להיפּוך, צוזאַמען דאַרפן זיי דינען ווי אַ צוים קעגן אַסימילאַציע און רעאַקציע.

דוד פּינסקי האָט אויך באַטאָנט אַז די קאַטעדרע וועט קענען העלפן אָפּטעמפּן די שאַרפקייט פונעם שפּראַכנקאַמף. דערבײַ האָט ער באַמערקט אַז ער סאָלידאַריזירט זיך ניט מיט קיין איינער פון די ביידע מחנות. עס איז פאַר אים קיין וווּנדער ניט וואָס העברעיִש איז די שפּראַך פון ירושלימער אוניווערסיטעט, מחמת דער ציוניזם שטרעבט אויפצולעבן ארץ־ישׂראל און די העברעיִשע שפּראַך. אָבער ניט באַשטימען קיין אָרט פאַר ייִדיש אין העברעיִשן אוניוועסיטעט, וואָלט געהייסן אַליין־פאַר־ניינונג. פּינסקי האָט צוגעגעבן, אַז אַ ווערטפולע ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך אַנטוויקלט פאַר די לעצטע פופציק יאָר, פון אַן אָפּגעשטאַנענער שפּראַך, אָן גראַמאַטישע תּקנות.

י. ל. מאַגנעס האָט אין זײַן רעדע געטענהט אַז נאָך דעם ווי עס איז געקומען אין 1925 דער פאָרלייג פון טאָג, איז דער ענין אַרומגע־

רעדט געוואָרן אינעם אַקאַדעמישן ראַט פֿונעם יודאַיִסטיק־אינסטיטוט אין העברעיִשן אוניווערסיטעט. על־כּן נעמט ער אָן דעם פּאַרלייג, מיט דער פֿולער הסכּמה פֿונעם אינסטיטוטס מיטגלידער. מאַגנעס האָט געדרונגען, אַז מען דאַרף לערנען ייִדיש אין העברעיִשן אוניווערסיטעט, ווײַל דאָס איז געווען און געבליבן די שפּראַך פֿון מיליאָנען ייִדן. זי פֿאַרמאָגט אַ רײַכע ליטעראַטור און פֿאָלקלאָר און עס זענען אין איר געשריבן געוואָרן וויכטיקע דאָקומענטן פֿאַר דער געשיכטע פֿונעם ייִדישן פֿאָלק. דאָס לערנען ייִדיש אין העברעיִשן אוניווערסיטעט וועט הייבן די אָליין־אָפּשאַצונג פֿון ייִדישן פֿאָלק און זײַן אָפּשאַצונג דורך ניט־ייִדן.

מאַגנעס האָט ספּעציעל באַטאָנט, אַז מען וועט די ייִדיש־לימודים דורכויס פֿירן אויף העברעיִש, מחמת די העברעיִשע שפּראַך איז דער הויפּטקוואַל פֿונעם ייִדישן קיום.[4]

בײַ דער זעלבער געלעגנהייט האָט אירווינג אַלטמאַן, קאַסיר פֿון טאָג, דערלאַנגט מאַגנעסן דעם קאָנטראַקט, לויט וועלכן די צײַטונג נעמט זיך אונטער אײַנצוזאַמלען פֿופֿציק טויזנט דאָלאַר פֿאַר דער גרינדונג פֿון אַ ייִדיש־קאַטעדרע אין ירושלים. אין איין וועגס איז אַן אַוואַנס פֿון צען טויזנט דאָלאַר איבערגעגעבן געוואָרן מאַגנעסן, פֿאַר דעם דאָזיקן צוועק.

2. די קעגנאָפּרופֿן אין ארץ־ישׂראל און די ענטלעכע פּאָלעמיק אַרום דער קאַטעדרע־פֿראַגע

די ידיעה וועגן מאַגנעסעס הסכּמה צו אַ ייִדיש־קאַטעדרע אין ירושלים, האָט זיך, משמעות, פֿאַרשפּרייט אין ארץ־ישׂראל אויפֿן סמך פֿון אַ באַריכט אין דבֿר, געדרוקט אויף דער ערשטער זײַט פֿון דער צײַטונג, דעם 10טן נאָוועמבער 1927. יוסף קלויזנער און מנחם אוסישקין האָבן תּיכּף אַרויסגעזאָגט די שאַרפֿסטע קעגנערשאַפֿט צום פּראָיעקט און אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע אים אָפּצושאַפֿן.

אין קלויזנערס אַרכיוו איז פֿאַראַן אַ קאָפּיע פֿון אַ דעפּעש, אָן אַ דאַטע, ווו עס ווערן דערמאָנט די נעמען פֿון די פּראָפֿעסאָרן קלויזנער, עפּשטיין און מאַן.[5] די געלערנטע שרײַבן, אַז די נײַס וועגן דער קאַטעדרע וועלן פֿאַרשאַפֿן דעם אוניווערסיטעט אַ גרויסן שאָדן און זיי פֿאָדערן פֿון מאַגנעסן אַ באַלדיקן ענטפֿער.

דעם 18טן נאָוועמבער האָט מאַגנעס טעלעגראַפֿיש געבעטן איבער־

געבן קלויזנערן, אַז די ייִדיש־לימודים וועלן דורכויס געפירט ווערן אויף העברעיִש.[6]

דעם זעלבן טאָג האָט אוסישקין קלויזנערן מודיע געווען דעם טעקסט פון דער טעלעגראַם וואָס ער שיקט אַרויס מאַגנעסן. אוסישקין פאָדערט דאָרטן, ווי אַ פאַרזאָרגלעכער פריַינד און ווי אַ פריַינד פונעם אוניווערסיטעט, מוותּר צו זיַין אויפן פּראָיעקט, אַניט וועט אויסברעכן אַ שלאַכט, נאָך שווערער ווי מיטן „הילפספעריַין", און דעמאָלט וועט דער אוניווערסיטעט זיכער חרוב ווערן. אוסישקין גיט צו אַ רוסיש גליַיכווערטל: גאָט וועט ניט דערלאָזן, דער חזיר וועט ניט עסן.[7] צום סוף באַמערקט אוסישקין אַז ער האָט פון ביאַליקן געקראָגן דעם ענטפער, וואָס קלויזנער האָט פאַרויסגעזען.[8]

עס וויַיזט זיך אַרויס אַז אוסישקין האָט זיך געוואָנדן צו חיים־נחמן ביאַליקן י"ט חשון תּרפ"ח (דעם 14טן נאָוועמבער 1927), ׳דערוויַיל ניט דורך די גאַזעטן׳, און אים געפרעגט וואָס ער האָט בדעה צו טאָן ׳ווי אַ ראָש פון די העברעיִשע שריַיבערס און ווי אַ מיטגליד פונעם קוראַטאָריום [פון יודאַיִסטיק־אינסטיטוט] מכּוח דעם אויפבוי פון אַ ייִדישיסטישער פעסטונג אויפן הר־הצופים׳.

אין זיַין ענטפער, כ"א מרחשון [תּרפ"ח], שריַיבט ביאַליק אַז ׳מאַגנעס האָט ניט געטאָן ווי ס'באַדאַרף צו זיַין׳ ווען ער האָט באַשלאָסן וועגן דער קאַטעדרע ׳אויף זיַין אייגענעם באַראָט׳. קומט אים דערפאַר טאַקע אַ ׳הארבן אויסרעד׳.

וואָס שייך דעם ענין גופא, דערקלערט ביאַליק אַז ער פאַרבראַקירט ניט דעם זשאַרגאָן ווי אַ וויסנשאַפט און פאַרשונג־לימוד. ביאַליק האָט געבעטן אוסישקינען מען זאָל אָפּוואַרטן ביז מאַגנעס וועט זיך אומקערן אין לאַנד און אים געוואָרנט פאַר אַ ׳היציקער מלחמה׳, וואָס זאָל ברענגען ׳גרויס שאָדן דעם ייִשוב אין א"י, אַ שאָדן וואָס מיר וועלן זיך ניט קענען פון אים אויסקויפן׳.

ביאַליק ענדיקט זיַין בריוו מיט אַ ווענדונג צו אוסישקינס פאַרשטענדעניש, ער זאָל זען איַינצוהאַלטן ׳די היצקעפּ׳. אוסישקין האָט געענטפערט, כ"ג חשון תּרפ"ח (דעם 18טן נאָוועמבער), און איבערגעגעבן ביאַליקן דעם אינהאַלט פון די דעפּעשן וואָס מען האָט אַרויסגעשיקט מאַגנעסן. ער האָט אים אויך געבעטן ער זאָל לייענען דעם לייט־אַרטיקל וואָס א. מ. פרידמאַן האָט געדרוקט דעם זעלבן טאָג אין דאר היום:[9] „וואָס עס

פילט אַ ייִד אַ 'בטלן', שפּירט ניט דער ראָש פון די נאַציאָנאַלע דיקטער — אומגליקלעך גלות־פאָלק".

ביאַליק האָט געענטפערט אוסישקינען כ"ז חשון תרפ"ח אַז ער האָט לכתחילה געוואָלט אַז זײַן פּריזערדיקער בריוו וועט ניט געפעלן אוסישקינען: 'איך פאַרבינד געדאַנק מיט געפיל און דאָס איז מײַן מעלה אַנטקעגן אײַך... להיפוך פון אײַך, וואָס זעט העלדישקייט אין טומל און געפילדער, איז מײַן וועגווײַזער די מימרא פון חז"ל: איזהו גבור... ואיזהו חכם'...[10]

אַ טאָג פאַר דעם, האָט קלויזנער איבערגעגעבן אוסישקינען אַז 'די שאַרפע טעלעגראַם האָט געווירקט'.[11] קלויזנער מיינט מיט דעם מסתמא מאַגנעסעס אַ דעפּעש פון 20סטן נאָוועמבער 1927, אין וועלכן ער בעט מען זאָל זיך ווענדן צו אוסישקין און ילין, (יעלין) זיי זאָלן מסכים זײַן אָפּצולייגן די עפנטלעכע פּראָטעסטן קעגן פּראָיעקט. מאַגנעס גיט צו אַז דער ענין וועט ניט באַשטימט ווערן איידער ער וועט זיך אומקערן אין לאַנד.

אַ פּאָזיטיוון באַשלוס וועט מען אָננעמען נאָר דעמאָלט, ווען די לערערס אין אוניווערסיטעט וועלן אײַנגיין אויפן פּלאַן און די עפנטלעכע מיינונג וועט אַרויסווײַזן פאַרשטענדעניש צום פאָרלייג.

מאַגנעס שטעלט זיך אָפּ אין זײַן טעלעגראַם אויף אַן אַרגומענט וואָס קלויזנער באַטאָנט בײַם אָנהייב פון זײַן בריוו צו אוסישקינען. קלויזנער לייקנט דאָרט אָפּ לחלוטין אַז די קאַטעדרע־פראַגע איז ווען עס איז דיסקוטירט געוואָרן אין יודאַיסטיק־אינסטיטוט. י. נ. עפּשטיין האָט אויך וועגן דעם ניט געהערט און וואָלט קיין מאָל ניט מסכים געווען אויף דעם.

אין זײַן דעפּעש טענהט מאַגנעס אַז אויף אַ זיצונג פון אינסטיטוט־ראַט, מיט עטלעכע חדשים צוריק, זענען פאָרגעשלאָגן געוואָרן יידיש־לימודים אין אינסטיטוט און קיינער האָט זיך ניט אַנטקעגנגעשטעלט, נאָך דעם ווי מען האָט קלאָר אָנגעוויזן אַז די לערנשפּראַך פון דער קאַטעדרע וועט זײַן העברעיִש.[12]

פון דעם אַלעם איז געדרונגען, אַז דער ענין צי מען האָט דיסקוטירט אין ירושלים אַ פאָרלייג וועגן אַ יידיש־קאַטעדרע, פאַר מאַגנעסעס עפנטלעכער הסכמה אין ניו־יאָרק, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עיקר־פּונקט פון דער פּאָלעמיק.

אין זײַן בריוו זאָגט קלויזנער עדות, אַז אַ סך לערערס אין אוניווער־סיטעט שטיצן דעם פּראָיעקט: 'ד"ר שלום, ד"ר באַנעט, ד"ר מאיר, ד"ר סוקעניק זענען אַלע פאַר דעם פּראָיעקט. איך וואָלט דאָס ניט געגלייבט, ווען איך הער דאָס ניט מיט מײַנע אויערן'. קלויזנער גיט צו, אַז דער רעדאַקטאָר פון הארץ, משה גליקסאָן, האָט אים געלאָזט וויסן אַז סײַ ער און סײַ די רעדאַקציע־מיטגלידער זענען ניט קעגן דער קאַטעדרע.

קלויזנער האָט דערמיט געמיינט אַ פּאָסטקאַרטל, וואָס גליקסאָן האָט אים געשריבן כ"ב חשון תרפ"[ח] (17טן נאָוועמבער 1927), גליקסאָן זאָגט דאָרט אַרויס די זעלבע מיינונג ווי ביאַליק, דהײַנו, אַז ער איז ניט קעגן דעם אַז יידיש זאָל זײַן אַן אָביעקט פאַר וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג.

גליקסאָן, וואָס האָט איבערגעקלערט טאָמער וועט זיך איבערחזרן די פּאָלעמיק וואָס איז פאָרגעקומען נאָך דעם ווי דער פאַרבאַנד פון העב־רעיִש שרײַבערס האָט אויפגענומען שלום אַשן און פּרץ הירשביינען בעת זייער וויזיט אין ארץ־ישראל, פרילינג 1927,[13] האָט פאַרבעטן קלויזנערן צו שרײַבן אין הארץ וועגן דער קאַטעדרע־פראַגע. ס'איז געוווּנטשן אַז איר זאָלט דאָס טאָן, איידער די יונגע־לײַט פון „גדוד מגני השפה" זאָלן אונדז פסקענען ווי אַזוי זיך צו פירן'.[14]

קלויזנער שרײַבט וועגן גליקסאָנס שטעלונג צו ביאַליקן: 'בלי־ספק איז דאָס ביאַליקס השפעה. ביאַליק איז די גרעסטע סכנה, ווײַל מאַגנעס גלייבט אין אים ווי אין גאָט. בײַ אים איז ביאַליק אַ מבין אויף אַלץ'.

וואָס שייך אַן אַרטיקל אין הארץ, באַמערקט קלויזנער אַז מאַן און עפּשטיין דערלויבן אים ניט דאָס צו טאָן און אויך ניט צו פאַרעפנטלעכן 'אונדזער דעפּעש'.[15]

הגם קלויזנער האָט געהאַלטן אַז די 'זשאַרגאָנישע קאַטעדרע' מיינט דער אונטערגאַנג פון העברעיִשן אוניווערסיטעט, האָט ער געבעטן או־סישקינען מען זאָל 'קיין זאַך ניט דרוקן אין די גאַזעטן און מען זאָל ניט טומלען, כדי ניט צו פיל אויפצוּוועקן די קעגנערס'. עס קען גרײַלעך געמאָלט זײַן, אַז ווי אַ רעזולטאַט פון אָט דער בקשה, האָט אוסישקין זיך אָפּגעהאַלטן עפנטלעך צו דיסקוטירן וועגן דעם קאַטעדרע־ענין.[16] מאַגנעס פון זײַן זײַט, האָט זיך באַמיט אַז דער ענין זאָל ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אָפענער דעבאַטע.[17]

אַ טעלעגראַם פונעם „קאָנגרעס פון ארץ־ישראל־לערערס", געדרוקט

אין דאָר היום פון כ״ו חשון תרפ״ח, איז דערוויַיל פאַרבליבן דער איינ־ציקער עפנטלעכער אָפּקלאַנג פון דער אָפּאָזיציע צו דער קאַטעדרע אין א״י.[18]

דעם 27סטן נאָוועמבער 1927 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ זיצונג פון דער „ארץ־ישׂראל־קאָמיסיע פון יודאַיִסטיק־אינסטיטוט". די דאָזיקע קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון די לערערס אין אינסטיטוט, פון שרײַבערס און כלל־טוערס, ווי אַ שטייגער ביאַליק און אוסישקין. ווי עס ווײַזט זיך אַרויס פון אַ פאַרקירצטן פּראָטאָקאָל, האָט אוסישקין געפאָדערט אַז די קאַטעדרע־פראַגע זאָל ניט אַרויף אויף דער טאָג־אָרדענונג פונעם „ראַט־קאָנגרעס", (דער דעמאָלט אַזוי גערופענער קוראַטאָריום פון יודאַיִסטיק־אינסטיטוט).

דער קוראַטאָריום האָט געזאָלט דיסקוטירן אויף זײַן צוזאַמענפאָר אין דעצעמבער 1927, צווישן אַנדערן, דעם פּלאַן פון אַ יִדיש־קאַטעדרע. אוסישקין האָט צוגעגעבן, אַז אויב דער ענין וועט סוף־כל־סוף יאָ אַרומ־גערעדט ווערן, זאָל די ארץ־ישׂראל־קאָמיסיע אַרויסזאָגן איר פּרינצי־פּיעלע קעגנערשאַפט צו דער קאַטעדרע, מחמת ״די יִדיש־לימודים וועלן אַרײַנברענגען אין אוניווערסיטעט סיכסוכים און פּאָליטישע פּראָבלעמען, וואָס וועלן שטעלן אין סכנה די וויסנשאַפטלעכע אַקטיוויטעט פון אוני־ווערסיטעט׳.[19]

נאָך אַ לאַנגער דיסקוסיע איז אוסישקינס פאָרליג אָנגענומען געוואָרן מיט זעקס שטימען קעגן דרײַ. עס האָבן געשטימט פאַר, אַחוץ אוסישקין גופא, — י. נ. עפּשטיין, נאַרמאַן בענטוויטש, ד. יעלין, י. מאַן[20] און י. קלויזנער. קעגן האָבן געשטימט ח. נ. ביאַליק, ש. ה. בערגמאַן און א. ל. מאיר. די דרײַ האָבן געפאָדערט אַרײַנצושרײַבן אין פּראָטאָקאָל אַז זיי זענען ניט מסכים מיטן מערהייט־באַשלוס. פון דער צווייטער זײַט, זענען זיי איינשטימיק, מען זאָל ניט דערצידירן דעם ענין, איידער ער וועט באַטראַכט ווערן אין לאַנד. מאַגנעס איז אויסגעקליבן געוואָרן ווי דער פאַרטרעטער פונעם אינסטיטוט צו דעם צוזאַמענפאָר פונעם קוראַ־טאָריום מיטן תּנאַי, ער זאָל דאָרטן פאַרשטעלן די מיינונג פון רוב.[21]

אַ טאָג נאָך דער זיצונג האָבן ג. שלום, ש. ה. בערגמאַן, ד. צ. באַנעט און א. ל. מאיר אַרויסגעשיקט מאַגנעסן אַ לאַנגן בריוו.[22] עס וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז די פיר געלערנטע, וואָס מיט דער צײַט זענען זיי געוואָרן פּראָפעסאָרן אין העברעיִשן אוניווערסיטעט — דאָס אייגענע

מ. שוואַבע, וואָס זײַנען בריוו צו מאַגנעסן וועט ווײַטער דיסקוטירט ווערן — האָבן אַלע דורכגעמאַכט זייערע מיטלשולן און העכערע לימודים אין מערב־אָדער מיזרח־אייראָפּע.[23]

די פיר ווענדן זיך צו מאַגנעסן, 'מיט האַרצווייטיק און פאַרזאָרגט־קייט', מחמת דער פּראָפּאַגאַנדע וואָס ווערט געפירט אין ירושלים קעגן דער קאַטעדרע. לויט זייער מיינונג, זענען זיי אין אַ מיעוט. דערפאַר טאָקע זענען זיי אים מודיע, אַז זיי זענען מחולק מיט די וואָס האָבן אים אַרויסגעשיקט דעפּעשן און סטראַשונקעס און אַריבערגעפירט דעם ענין 'אויפן פעלד פון שאָוויניזם און טעראָר'. די געלערנטע האַלטן אַז מען דאַרף שאַפן אַ ייִדיש־קאַטעדרע אײַנצײַטיק מיט די קאַטעדרעס פאַר תּנך און פילאָלאָגיע, אָדער נאָך דעם. פונעם ראָש פון די ייִדיש־לימודים וועלן געפאָדערט ווערן גאָר גרויסע און פאַרשיידן־מיניקע קענטעניש, מחמת ייִדיש איז זייער אַ וויכטיקער פאָרשונג־אָביעקט.

די פיר געלערנטע זאָגן עדות, אַז דער ענין פון ייִדיש־לימודים איז אַרומגערעדט געוואָרן אין יודאַיִסטיק־אינסטיטוט מיט אַן אַנדערהאַלבן יאָר צוריק און קיינער איז קעגן דעם ניט אַרויסגעטראָטן. אַצינד, ווען עס איז געקומען די צײַט מקיים צו זײַן דעם פּראָיעקט, האָט זיך מיט אַ מאָל דערוועקט 'דער פּאָליטישער און דעמאַגאָגישער יצר־הרע ...דאָס זענען די געפילן פון נאַציאָנאַלן שאָוויניזם, פּרעסטיזש און נקמה, וואָס מיר האָבן באַדאַרפט באַקעמפן און ניט סטימולירן'.[24]

אין זייער בריוו פאַרסך־הכּלען זיי די אַרגומענטן וואָס ווערן געבראַכט אין ירושלים קעגן פּראָיעקט: א. היות די יעוועקציע רודפט העברעיִש אין ראַטן־פאַרבאַנד, דאַרף מען רודפן ייִדיש אין ארץ־ישׂראל, ווײַל 'מיר זענען בכּוח דאָס צו טאָן'. די פיר געלערנטע האַלטן 'ווי מענטשן און ווי ייִדן', אַז אַזאַ אַרגומענט איז ניט ווערט קיין ענטפער. ב. דער הכשר פאַרן 'ממזר' וועט דערמעגלעכן צו רעדן ייִדיש אין אוניווערסיטעט. די געלערנטע באַטאָנען אין שײַכות דערמיט, אַז אין דער פאַרנײַנונג פון ייִדיש שטעקט אַן עקסטרעמיסטיש־ראַציאָנאַליסטישע טעאָריע, וועלכער עס פעלט אַ היסטאָריש פאַרשטענדעניש. דער אוניווערסיטעט טאָר ניט פאַרשטעלן דעם וועג צו פאָרשונג מיט וועלכער עס איז 'פאַרטײַיִשער דאָגמע'. די פיר געלערנטע באַטאָנען אַז זיי האָבן אַ פּאָזיטיוון גלויבן אין העברעיִש, אָבער ניט קיין נעגאַטיווע דאָגמע כּלפּי ייִדיש. ג. די קענגערס פון דער קאַטעדרע טענהן, אַז מען טאָר ניט לערנען ייִדיש

אין ירושלים כּל־זמן די אָ שפּראַך איז 'אַ לעבעדיקער כּוח'. אַזאַ אַרגומענט איז 'אַ גרויסע סכּנה פאַר פרייַער פאַרשונג און לימוד'. אויב אַזוי, וואָלט מען דאָך ניט געטאָרט פאַרשן דאָס קריסטנטום און דעם איסלאַם אין העברעיִשן אוניווערסיטעט.

דער בריוו זאָגט עדות וועגן דער שפּאַנונג וואָס דער פּראָיעקט האָט אַרויסגערופן אין לאַנד.[25] אַחוץ דעם ווערט פון אים קלאָר, אַז די דעפּעשן פון די קאַטעדרע־קעגנערס זענען געוואָרן אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד. די פיר געלערנטע באַשולדיקן די 'טעלעגראַמען־שיקערס' אין העצן די עפנט־לעכע מיינונג און די סטודענטן. 'מען דאַרף ניט מורא האָבן פאַר די טעראָר־סטראַשונקעס און פאַר פאַשיסטישע מעטאָדן'. די אוניווערסיטעט־פאַרוואַלטונג טאָר זיך ניט אונטערגעבן דעם דרוק פון די קאַטעדרע־קעגנערס. אַניט וועט זיך שאַפן אַ מצב, אַז יעדער מאָל וואָס מען וועט אַנרירן 'געזעלשאַפטלעכע און לעבנס־ענינים, וועט מען זיך באַניצן מיט אַט די כּלי־זיין'.

דער אינצידענט מיט מאַרטין בובער באַווייַזט, לויט דער מיינונג פון די געלערנטע, אויף ווי וויַיט מענטשן זענען גרייט צו 'שאָוויניס־טישער היסטעריע'. דערמיט האָבן זיי געמיינט דעם דרוק וואָס דער „גדוד מגני השפה" האָט אַרויפגעלייגט אויף בובערן, ער זאָל ניט האַלטן קיין דייַטשן רעפעראַט אין העברעיִשן אוניווערסיטעט.[26]

אין אַן עיקר שכחתי ווערט צוגעגעבן, אַז לעצטנס הערט מען אַ 'פאַנטאַסטישע נבואה', אַז דורך דער יידיש־קאַטעדרע 'וועלן קאָמוניסטן אַרייַנדרינגען אין אוניווערסיטעט'. די געלערנטע האַלטן אַז די 'פאַר־וואַלטונג קאָן מיט איר שטרענגער האַנט אויסמייַדן אַנצונעמען סטודענטן וואָס זענען ניט ווערט דעם כּבוד פון אַנשטאַלט'.

עטלעכע אַרגומענטן וואָס ווערן דערמאָנט אין בריוו זענען פאַרעפנט־לעכט געוואָרן אין דער טאָגצייַטונג דאר היום. בעת דבר און הארץ האָבן געדרוקט קורצע און זאַכלעכע נאָטיצן וועגן דער קאַטעדרע און בכּיוון אויסגעמיטן זיך אַרייַנצולאָזן אין דער פּאָלעמיק,[27] האָט דאר היום אָנגע־נומען אַ קלאָרע ליניע קעגן דעם פּראָיעקט. דער הויפּטאַרגומענט וואָס ווערט דאָרט געבראַכט איז, אַז יידיש שטעלט מיט זיך פאַר אַ סכּנה פאַר העברעיִש, מחמת איר שטרעבן צו אַ 'נאַציאָנאַלער מדרגה'. אויף דעם גרונט דרינגען אַרויס די מחברים פון פאַרשיידענע אַרטיקלען זייערע מסקנות, יעדער לויט זייַן נוסח.

י. טענהט אַז די ייִדיש־לימודים וועלן געבן אַ ׳הכשר׳ אַ שפּראַך וואָס איז אַ קאַליעדיקע שפּייַז פאַר מיליאָנען; דערמיט וועט מען אָפּשאַפן די פּגימה וואָס איז געווען אַ ׳באַשירעם־פאַנצער פאַר העברעיִש׳. די פּראָפּאָרציע פון די כוחות צווישן העברעיִש און ייִדיש וועט צעשטערט ווערן לטובת ייִדיש, ביז ׳אייַנגעם און נצחון׳.[28]

מ. רבינזאָן האָט געדרונגען, אַז ער גלייבט ניט אין קיין שלום צווישן די מחנות פון ייִדיש און העברעיִש, מחמת דער חילוק צווישן זיי איז אַ סאָציאַלער און קולטורעלער, אַזש אַ היסטאָרישער, און ער איז ׳צו טיף ער זאָל אויסגעמעקט ווערן צוליב דער אָדער יענער געוווּנט־שענער פּאַסירונג׳. ווער עס וועט אויסגעקליבן ווערן אָנצופירן מיט דער קאַטעדרע, וועט זיך סטאַרען צו באַטאָנען אויף ווי ווייַט ייִדיש איז ׳דעמאָקראַטיש, פּראָגרעסיוו און נאַציאָנאַל געשטימט׳. אין אַזאַ פאַל איז פאַראַן אַ חשש אַז ס׳זאָל אויפגעבויט ווערן אין ירושלים אַ ׳צלם בהיכל׳. פון דעסטוועגן דאַרף מען זיך ניט אין גאַנצן ווערן קעגן פּראָיעקט. דער אוניווערסיטעט קען שטעלן באַדינגונגען די פּראָפעסאָרן וואָס וועלן לערנען ייִדיש. עס איז ניט גענוג אַ פאָנד פאַר דער קאַטעדרע, עס איז אויך נייטיק אַ ׳מאָראַלישע גאַראַנטיע׳.

מען דאַרף באַמערקן אַז רבינזאָן איז געווען דער ערשטער צווישן די קענגערס פון דער קאַטעדרע, זי אָנצורופן ׳צלם בהיכל׳.[29]

אליהו־אליעזר פרידמאַן האָט געדרונגען, אַז די קאַטעדרע קאָן ברענגען ׳די צעשטערונג פון דער העברעיִשער שפּראַך און פון דער גאַנצקייט פון ייִדישן פאָלק׳. די אָנהענגערס פון ייִדיש אין ניו־יאָרק גייען אין די דרכים פון אַנטיוכוס, וואָס אַנשטאָט חרוב צו מאַכן דעם בית־המיקדש, האָט ער אים אויסגעניצט כּדי צו העלעניזירן די ייִדן אין ארץ־ישׂראל.

פרידמאַן באַטאָנט, אַז אויב מען זאָל וועלן שאַפן אַ קאַטעדרע פאַרן ׳הישפּאַניאָלישן זשאַרגאָן׳, אָדער פאַר די אַנדערע זשאַרגאָנען פון די נדחי־ישׂראל, וואָלט זיך קיינער ניט אַנטקעגנגעשטעלט, ווייַל צווישן די ריידערס פון די דאָזיקע שפּראַכן איז ניט פאַראַן ווער עס זאָל אין זיי זען ׳די נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם ייִדישן פאָלק׳.[30] פרידמאַן גיט צו אַז די ייִדישיסטן וועלן פאַרנאַרן סטודענטן אין אויסלאַנד מיט געלט, זיי זאָלן זיך לערנען אויף דער ירושלימער ייִדיש־קאַטעדרע. דער אוניווערסיטעט וועט אָנהייבן אַרויסגעבן ביולעטינען אין ייִדיש און דעמאָלט וועט פעלן אַ האָר ביזן פאַרעפנטלעכן אַ ׳זשאַרגאָנישע צייַטונג אין ארץ־ישׂראל.

צום סוף וועט מען לערנען ייִדיש אין די מיטלשולן. ייִדיש וועט פאַר־פלייצן ארץ־ישׂראל און העברעיִש וועט פאַרגעסן ווערן. דאָס וועט פאַר־שטעלן מיט זיך אַ ביז גאָר גרויסע סכּנה פאַרן ייִדישן נאַציאָנאַליזם אין ארץ־ישׂראל, ווײַל מחמת דער אָפּשוואַכונג פון דער ייִדישער רעליגיע, איז העברעיִש פאַרבליבן זײַן לעצטער מקום־מקלט׳.[31]

מען דאַרף פון דעסטוועגן באַמערקן, אַז דאַר היום האָט געדרוקט דעם 30סטן נאָוועמבער 1927 (ו כּסלו תּרפּ״ח) אין זײַן שטענדיקער רובֿ־ריק „הד העתונות״ דעם לייט־אַרטיקל פון ניו־יאָרקער הדאר, פון ט״ז חשון תּרפּ״ח. דאָרטן ווערט געזאָגט, אַז אין שײַכות מיט דער קאַטעדרע קען ניט זײַן קיין רייד וועגן אַ נצחון פון דער אָדער יענער מחנה. דער שפּראַכנקאַמף איז ׳אַ נאַטירלעכע דערשײַנונג, אײַנגעפּלאַנצט אין דער וויסיקייט פון טויזנטער און צענדליקער טויזנטער, אין משך פון יאָרן און דורות׳. די העברעיִשע קולטור איז גענוג ברייטהאַרציק כּדי צו אַבסאָרבירן אין זיך דאָס וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויף דער פאָלקסשפּראַך מיט ׳אַ ריין האַרץ׳ און מיט ׳אַ רעכטער כּוונה׳. דעריבער איז קלאָר, אַז די קאַטעדרע ווערט ניט געשאַפן כּדי צו פירן פּאָליטיק, נײַערט ,לטובת דער וויסנשאַפט און פאָרשונג׳.

אין אָנגעשפּאַנטן מצב וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום דער קאַטעדרע, זענען זיך די לערערס פון יודאַיִסטיק־אינסטיטוט צוזאַמענגעקומען אויף אַן אויסעראָרדנטלעכער זיצונג.[32] אַחוץ י. נ. עפּשטיין, דער איניציאַטאָר פון דער זיצונג, זענען נאָך בײַגעווען י. מאַן, י. קלויזנער, הרב ש. אסף, אַ. גולאַק, ד. ילין, מ. צ. סגל, א. רופּין און ג. שלום. אויך דאָ איז דער טראָפּ געשטעלט געוואָרן אויף דער שאלה, צי האָבן די לערערס פון אינסטיטוט אַ מאָל געגעבן זייער הסכּמה פאַר אַ פּראָיעקט וועגן אַ ייִדיש־קאַטעדרע אין העברעיִשן אוניווערסיטעט. גרשם שלום איז געווען דער איינציקער צווישן די בײַזײַיִקע וואָס האָט געדרונגען אַז אין אינס־טיטוט האָט מען אַרומגערעדט דעם ענין פון אַ קאַטעדרע פאַר ייִדישע לשונות.

די פאַרזאַמלטע האָבן באַשלאָסן, אַחוץ ג. שלום, זיך צו ווענדן צו מאַגנעסן און אים איבערגעבן, אַז די לערער־קאָלעגיע אין יודאַיִסטיק־אינסטיטוט האָט קיין מאָל ניט געגעבן קיין הסכּמה פאַר אַ ייִדיש־קאַטע־דרע.[33] דערקעגן האָט מען איינשטימיק אָנגענומען, ניט צו דעצידירן וועגן דעם ענין, איידער מאַגנעס וועט זיך אומקערן אין לאַנד.

מיט אַ טאָג שפּעטער, י״א כסלו תרפ״ח, האָט דער סעקרעטאַר פון אוניווערסיטעט, ש. גינצבערג, פאַרשפּרייט אַ צירקולאַר, וואָס גיט איבער אַז אין די פּראָטאָקאָלן פון אינסטיטוט ווערט ניט דערמאָנט קיין קאַ־טעדרע פאַר ייִדיש אָדער פאַר ייִדישע לשונות.[34]

דעם 8טן דעצעמבער 1927 האָט זיך מ. שוואַבע געווענדט צו מאַגנעסן און אים איבערגעגעבן[35] אַז מען האָט אים ניט פאַרבעטן אויף דער אויסעראָרדנטלעכער זיצונג פון 4טן דעצעמבער. לויט שוואַבעס מיינונג קען די 'העברעיִשע קולטור ניט געבויט ווערן אין די אַבסטראַקטע הייכן פון אַ קינסטלעכער העברעיִשקייט'. שוואַבע האַלט אַז די קולטורעלע ווערטן וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין ייִדיש דאַרפן אַריבערגעטראָגן ווערן אין דער העברעיִשער קולטור וואָס פורעמט זיך אויס [אין א״י]. דער ציוניזם וועט זיך ניט קענען אויפבויען, אויב ער וועט פאַרניינען דאָס קולטורעלע עשירות וואָס איז אויסגעוואַקסן אין די תפוצות. צו דער ייִדישער שאַפונג דאַרף מען זיך באַציִען ווי צו אַ גאַנצקייט און ניט מיט קיין סעלעקטיוון גאַנג. עס איז וויכטיק ביז גאָר פאַרן ייִשוב אין א״י אויסצומייַדן 'אַן אָפּרייַס פון דער ייִדישער וועלט אין חוץ־לארץ'.

שוואַבע האָט אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז עס איז נאָך ניט געקומען די צייַט פאַר אַ ייִדיש־קאַטעדרע אין ירושלים, כל־זמן עס זענען ניט געשאַפן געוואָרן אַנדערע, בילכערע קאַטעדרעס. ער האָט צוגעגעבן, אַז בראָש פון דער צוקונפטיקער קאַטעדרע וועט מוזן שטיין 'אַ געטרייַער ציוניסט, וואָס פאַרשטייט דאָס גאַנצע ייִדישקייט'.

אין אַ בריוו צו גינצבערגן פון 18טן דעצעמבער 1927, באַטאָנט מאַגנעס אַז ער האָט פאָרגעלייגט אויף אַ זיצונג אָפּגעהאַלטן אין י. קלויזנערס הויז, אַז ייִדיש זאָל זייַן אַ לימוד אין יודאַיִסטיק־אינסטיטוט. קלויזנער האָט באַמערקט, אַז ער האָט קעגן דעם גאָרניט, בתנאי אַז די לעקציעס זאָלן ווערן געהאַלטן אויף העברעיִש. מאַגנעס גיט צו, אַז אים דאַכט זיך אַז דאָס איז געווען די אַכטע זיצונג פון אינסטיטוט. עס איז ניט געווען קיין פאָרמעלער פאָרשלאָג, פונקט ווי עס זענען ניט געווען קיין פאָרמעלע פאָרשלאָגן וועגן אַ ריי אַנדערע ענינים וואָס מען האָט דעמאָלט דיסקוטירט.[36] עס איז ניט מעגלעך אויסצומייַדן, אַז דער פּראָיעקט זאָל פאָרגעלייגט ווערן אויפן צוזאַמענפאָר פונעם קוראַ־טאָריום. איטלעכער מיט וועמען מאַגנעס האָט גערעדט, וויל דעם ענין אַרומרעדן און שטיצן.

מאַגנעס דערקלערט אַז ער וועט דאָרטן ניט פאַרטרעטן די מיינונג פון דעם רוב אין דער ארץ־ישׂראל־קאָמיסיע,[37] נייַערט זי פאַרשטעלן, און אַז ער וועט בשום־אופן ניט שטימען קעגן זייַנע איבערצייַגונגען. ער וועט פאָרלייגן, פון זייַן זייַט, אַז הערץ,[38] דער יודאַיִסטיק־אינסטיטוט און די ארץ־ישׂראל־קאָמיסיע זאָלן אויפקלערן דעם ענין אַזוי, אַז די קאַטעדרע זאָל געשאַפן ווערן אָן חילוקי־דעות וואָס זאָלן אים אַרויס־שטויסן פון זייַן אַקאַדעמישער ראָם.

מאַגנעסעס אַרויסזאָג דריקט אויס בלי־ספק זייַן סטאַרען זיך אויס־צומייַדן אַז דער ענין זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן עפנטלעכער, שטאַרק אַנגעשפּאַנטער פּאָלעמיק. אַחוץ די אַזשוריקע אינפאָרמאַציע וואָס מאַגנעס האָט באַקומען וועגן דעם טומל וואָס דער פּלאַן האָט אַרויסגערופן אין לאַנד, האָט אים נאָרמאַן בענטוויטש געשריבן דעם 29סטן נאָוועמבער 1927 [39] און געפאָדערט אַראָפּצונעמען דעם פאָרשלאָג פון דער טאָג־אָרדענונג. דער וויסנשאַפטלעכער פאַרדינסט פון דער קאַטעדרע וועט גיין לאיבוד, מחמת דעם היזק פון צעשטערן דעם אינעווייניקסטן שלום אין אוניווערסיטעט. בענטוויטש האָט צוגעגעבן אַז שפּעטער, אין אַ צייַט וואָס ער באַשטימט ניט, וועט מען קענען שאַפן אַ יִידיש־קאַטעדרע אָן אויפרעגונג און מלחמות, אַ זאַך וואָס איז 'הייַנט' ניט מעגלעך.

מען דאַרף באַמערקן אַז די אָפּאָזיציע צו דער קאַטעדרע אין לאַנד, איז געווען עפנטלעך באַקאַנט אין אַמעריקע, בעת מאַגנעס האָט נאָך דאָרט געוויילט.[40]

קלויזנער האָט דערקלערט אָפן, אַז דער ענין איז קיין מאָל ניט דיסקוטירט געוואָרן אין אינסטיטוט, ווי ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט אין אַן אינטערוויו מיט ק. סילמאַן, געדרוקט אין **כתובים**.[41] ער באַציט זיך דירעקט צו אַ נאָטיץ פון מיט צוויי וואָכן פריִער, אינעם זעלבן זשורנאַל, (נומ' ס"ב, ז' 3), וווּ עס איז איבערגעגעבן, אַז לעת־עתּה איז דער גורל פון דער יִידיש־קאַטעדרע נאָך ניט דעצידירט געוואָרן. די עפנטלעכע מיינונג אין לאַנד איז אויף דעם נאָך ניט מסכּים און אויך 'ניט אַלע מיטגלידער פון אוניווערסיטעט־פאַרוואַלטונג... זענען איינשטימיק מיט דער פּערזאָן וואָס האָט געפירט די פאַרהאַנדלונגען מיט די דאָלאַרן־פאַרשוויגען'. מיט גרויסע און צעשפּרייטע אותיות ווערט צוגעגעבן, אַז לויט ידיעות אין טאָג האָט ד"ר קלויזנער געגעבן 'אַ היתּר דער קאַטעדרע'.

בלי־ספק האָבן די רעדאַקטאָרן פון פּתובים, א. שטיינמאַן און אַ. שלאַנסקי, געוואָלט אויף אַזאַ אופן ברענגען דערצו, אַז קלויזנער זאָל אַרויסטרעטן אין זשורנאַל קעגן דער קאַטעדרע, פונקט ווי זיי האָבן גורם געווען מיט עטלעכע חדשים פריִער אַז קלויזנער זאָל שרײַבן קעגן דעם קבלת־פּנים פאַר אַש און הירשביינען.[42]

און טאַקע ממש אויפן סמך פון דער ידיעה אין פּתובים, באַטאַנט קלויזנער, אַז ס'איז ניט אמת וואָס מען שרײַבט, אַז ער האָט כּלומרשט דערלויבט ייִדיש־לימודים אין העברעיִשן אוניווערסיטעט.

אויף דער שאלה וואָס איז זײַן 'קלאָרע מיינונג וועגן דער ייִדיש־קאַטעדרע', האָט קלויזנער געענטפערט, אַז ווי אַ פּראָפעסאָר [אין העבעריִשן אוניווערסיטעט] טאָר ער דעם ענין ניט דיסקוטירן עפנטלעך. נאָר זײַן נעגאַטיווע שטעלונג איז פאַרשטענדלעך 'פאַרן העברעיִשן לייענער', מחמת זײַן באַקאַנטער השגה אין שפּראַכנקאַמף 'אין משך פון פינף און דרײַסיק יאָר'.

קלויזנער און אוסישקין זענען אַרויסגעטראָטן קעגן דער קאַטעדרע אין אַן אינטערוויו פאַרן וואַרשעווער הײַנט, פאַרעפנטלעכט דעם 30סטן דעצעמבער 1927.[43] קלויזנער האָט פאַר פּיעטרושקאַן פּרטימדיק רעפעריִרט זײַנע אַרגומענטן קעגן דער קאַטעדרע און לחלוטין געלייקנט אַז ער זאָל ווען עס איז האָבן מתּיר געווען דעם פּראָיעקט. ווועדליק דעם קאָרעספּאָנדענט, איז קלויזנערס אַרגומענטאַציע ענלעך געווען צו אוסישקינס טענות קעגן פּלאַן. אוסישקין האָט געוויזן פּיעטרושקאַן דעם טעקסט פון די דעפּעשן וואָס מען האָט בשעתו אַרויסגעשיקט מאַגנעסן און אַנטפּלעקט אַז סײַ קלויזנער, סײַ עפּשטיין האָבן געסטראַשעט מיט דעמיסיע, טאָמער וועט טאַקע געשאַפן ווערן די קאַטעדרע. ווועדליק אוסישקינען, איז דער ענין ניט קיין וויסנשאַפטלעך־קולטורעלער, נאָר אַ פּאָליטישער.[44] מעגלעך אַז די שטיצערס פונעם פּראָיעקט האָבן גאָרניט קעגן דער העברעיִשער שפּראַך און אַז זיי קלערן ניט אָוועקצושטעלן ייִדיש אויף דער זעלבער נאַציאָנאַלער מדרגה ווי העברעיִש. אין דער אמתן אָבער, וועט די קאַטעדרע דינען ווי אַ פעסטונג פאַרן ייִדישיזם, וואָס וועט צעשטערן דעם אויפלעב פון דער העברעיִשער שפּראַך אין ארץ־ישׂראל. אַ קאַטעדרע פאַר ייִדיש וועט קענען עטאַבלירט ווערן אין אַ סך יאָרן אַרום, נאָך דעם ווי מען וועט שאַפן אַלע קאַטעדרעס אין

אוניווערסיטעט און נאָך דעם ווי דער קעמפנדיקער ייִדישיזם וועט פאַר־שווינדן.

אוסישקין באַטאָנט אַז ער איז ניט קעגן ייִדיש גופא, נאָר קעגן ייִדישיזם. בשום־אופן טאָר מען ניט דערלויבן אַז דער ייִדישיזם זאָל האָבן אַ דריסת־הרגל אין ארץ־ישׂראל.

ווי מען באַמערקט פון פּיעטרושקאָס אַרטיקל, האָט די קאַטעדרע־פּאָלעמיק געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין דער ייִדישער פּרעסע פון אויסלאַנד. דאָס רוב אַרטיקלען האָבן געשטיצט דעם פּראָיעקט און אין איין וועגס פאַרויסגעזען זײַנע שוועריקייטן. א. גאָלדבערג האָט אין היינט פון 24סטן נאָוועמבער 1927 געשריבן אין דער רובריק „פון טאָג צו טאָג", אַז דער פאָלקסאינסטינקט און זײַן שׂכל־הישר זענען בײַגעקומען די אָפּאָזיציע צו דער קאַטעדרע. פון דעסטוועגן האָט גאָלדבערג געהאַלטן אַז דער פּלאַן וועט ניט ברענגען קיין שלום אין דעם שפּראַכנקאַמף.

בשעת די באַציִונג צו דעם דאָזיקן ענין איז אין אַמעריקע נאָר אַ טעאָרעטישע, איז דאָס אין פּוילן פאַרבונדן מיט דער שטעלונג צו דעם עבר און מיטן באַנעם אין שײַכות מיט דער צוקונפט. דער קעמפנדיקער ייִדישיזם, וואָס האָט מורא געהאַט אָפּצוגעבן אַ באַריכט וועגן שאַפן די קאַטעדרע,[45] פון איין זײַט, און דער מיליטאַנטישער העברעיִזם פון דער צווייטער זײַט, וועלן ניט צולאָזן דעם סינטעז וועגן וועלכן מען רעדט אין אַמעריקע. צווישן די ביידע שטרעמונגען איז פאַראַן אַ גענוג גרויסע מחנה, וואָס שטיצט דעם אויפלעב פון דער העברעיִשער שפּראַך, נאָר איינצײַטיק איז זי באַליידיקט פון די רייד וועגן אַן אָפּעראַציע אין דער פאָלקס־נשמה און אין דער פאָלקסשפּראַך. פון דעסטוועגן, כאָטש דאָס שאַפן די קאַטעדרע איז לעת־עתה ניט קיין אָנזאָג פון שלום צווישן העברעיִש און ייִדיש, וועט דאָס צוציִען די וואָס האָבן ליב דאָס פאָלק צו דעם גרויסן אַנשטאַלט אויפן הר־הצופים.

באָריס סמאָליאַר, וואָס איז בײַגעווען אויפן באַנקעט פון טאָג, באַ־טאָנט אַז מאַגנעס, אַ גלאַנציקער אימפּראָוויזאַטאָר, האָט דאָרט געהאַלטן אַ צוגעגרייטע רעדע, פון וועלכער ער האָט ניט אָפּגעווײַכט אויף קיין האָר. ווערדליק סמאָליארן האָט מאַגנעס אַקצענטירט אַז ער לייענט זײַן רעדע, כּדי מען זאָל אים אין ארץ־ישׂראל פאַרשטיין ווי געהעריק.

סמאָליאַר האָט באַקומען דעם אײַנדרוק אַז די אוניווערסיטעט־פאַר־וואַלטונג איז מסכּים געווען מיטן פּראָיעקט, ווײַל זי נײַטיקט זיך אין געלט

און ווײַל זי וויל פאַרברייטערן די אַקטיוויטעט פון אַנשטאַלט. סמאָליאַר האַלט אַז מען קען ניט פאָרויסזען וואָס ס'וועט ווערן פונעם פּראָיעקט; מעגלעך אַז די קאַטעדרע וועט ברענגען צו אַ דערנענטערונג. נאָר טאָמער וועט מאַגנעס אויך ווײַטער מוזן אָפּוועגן יעדעס וואָרט זײַנס, וועט זיך באַקומען אַ סיטואַציע, וואָס וועט ניט פאַרשאַפן קיין נחת די פאַנאַטיקערס פוןביידע מחנות.[46]

די שאַרפסטע קריטיק אויף די קעגנערס פון דער קאַטעדרע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אַנאָנים, אין אָרגאַן פון „צעירי־ציון" אין אַמע־ריקע — פאָרן פאָלק.[47] מאַגנעס ווערט שטאַרק קריטיקירט פאַרן דערקלערן אויפן באַנקעט פון טאָג, אַז ס'איז דאָ אַן אַלגעמיינע הסכמה צו אַ יידיש־קאַטעדרע אין ירושלים, אין דער צײַט ווען ס'איז פאַראַן אַן עקסטרעמע קעגנערשאַפט צו דעם פּראָיעקט. דערצו איז מאַגנעס בכלל ניט מסוגל צו דערווײַזן, מחמת אַ דאָקומענטאַלער אַדמיניסטראַציע וואָס דערמאָנט אַ קליין־שטעטלדיקע חברה־קדישא, אַז דער ענין איז ווען עס איז אַרומגערעדט געוואָרן אין העברעיִשן אוניווערסיטעט.

איינצײַטיק איז קלאָר, אַז באַשטימטע קרײַזן ׳זענען אַרײַנגעפאַלן אין אַ היסטערישן צושטאַנד׳ ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט אַז מען וועט ׳מטמא זײַן׳ דעם סאַלאָן פון אוניווערסיטעט מיט דער ׳חוצפּהדיקער דינסט־מויד מיט די צוקראַפּעטע הענט׳.

דער מחבר טרעט אַרויס זייער האַרב קעגן א. א. פרידמאַן[48] און מ. אוסישקין. לויט זײַן מיינונג איז העברעיִש בלי־ספק די שפּראַך פונעם יִשוב אין ארץ־ישׂראל. דעריבער דאַרף מען וועגן דעם ניט פטרן קיין צײַט אויף פּאָלעמיקן מיט פּ. הירשביינען אָדער זשיטלאָווסקין.

גרינבערג וואַרפט אויף קלויזנערן אַז דאָ גייט ניט וועגן לערנען יידיש אין די קינדער־גערטנער און שולן אין א"י,[49] נייערט וועגן אַ וויסנשאַפטלעכן לימוד, וואָס וועט געפירט ווערן אין העברעיִש. כדי מורא צו האָבן פאַר דער קאַטעדרע, ׳דאַרף מען פאַרמאָגן... אַ משׂכּיליש־פּראָ־ווינציעלע נאַיִווקייט און ווייניק גלויבן אין דער קראַפט פון העברעיִש אין א"י׳.[50]

עס איז מעגלעך אַז די קעגנערשאַפט צום פּלאַן איז ניט קיין ׳אויס־דרוק פון אַ ציטערדיקער ליבע צו העברעיִש׳, נײַערט ׳אַן אויסדרוק פון דער אַלטער פּאַרוועני־משׂכּילישער פאַראַכטונג צו יידיש׳. ווערליק גרינ־בערגן, דערמאָנט אָט די באַציִונג צו יידיש דעם רוסישן סאָלדאַט וואָס,

נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן אַ פעלדפעבל, האָט ער אָנגעהויבן חתמענען זײַנע בריוו צו דער מאַמען: אײַער געוועזענער זון אַנטאָשאַ ניקודישני.

צום סוף קריטיקירט גרינבערג זייער שאַרף ׳מיסטער נאָרמאַן בענטוויטש׳[51] און ׳פּראָפעסאָר יוסף קלויזנער׳.

מען דאַרף באַמערקן אַז די ייִדישע טאָגצײַטונגען אין ניו־יאָרק האָבן זיך ווינציק וואָס באַצויגן צום פּראָיעקט. מאָרגן־זשורנאַל האָט זיך באַגנוגנט מיט נאָטיצן אין דער כראָניק; פאָרווערטס האָט דעם ענין כמעט אין גאַנצן פאַרשוויגן און טאָגבלאַט האָט דאָס לחלוטין איגנאָרירט.[52] דערקעגן האָט שכנא עפּשטיין, איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער קאָמוניסטישער ניו־יאָרקער פרײַהײַט, פאַרעפנטלעכט אַ גאָר הארבן אַרטיקל קעגן דעם פּראָיעקט.[53] דער דאָזיקער אַרטיקל איז זייער אינטערעסאַנט, ווײַל ער ברענגט אַרויס די אָפיציעלע ייִדיש־קאָמוניסטישע שטעלונג צו דער קאַטעדרע־פראַגע. עפּשטיין מאַכט חוזק פון דער ייִדישיסטישער שׂימחה אַרום דעם פּלאַן. וואָס שייך שאַפּיראָן, וועט זײַן איניציאַטיוו אים אַרײַנפירן אין ייִדישן פּאַנטעאָן ווי אַ נאַציאָנאַלן העלד. אַן עפּאָפּעע אין פינף אַקטן מיט אַן אַרײַנפיר און אַן עפּילאָג וועט געשאַפן ווערן אַרום דעם פּראָיעקט; אַן עקזעמפּלאַר פונעם באַנקעט־מעניו — געשריבן אויף ענגליש — וועט אַרײַנגעשיקט ווערן אין ייִוואָ.[54] ווערדליק עפּשטיינען, איז דער גאַנצער ענין אַ טאָפּעלער שווינדל.

פון איין זײַט, איז שאַפּיראָס מיין אויסצוברייטערן דעם טיראַזש פון טאָג, וואָס ער וועט דערגרייכן דורך אַן עפנטלעכער געלטזאַמלונג וואָס זאָל דערגאַנצן די סומע וואָס מאַגנעס האָט געקראָגן אויפן באַנקעט. אַזאַ אונטערנעמונג וועט מאַכן אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע לטובת דעם טאָג, און פאָרשטעלן די צײַטונג ווי אַ רעטערין און היטערין פון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. דאָס אײַנגערעדטע אַחדות וואָס דער טאָג האָט אײַנגעפירט צווישן סאָציאַליסטן, ציוניסטן און סימפּאַטיקערס פון קאָמוניזם[55] האָט פאַר אַ ציל צו פאַרבלענדן די אויגן, אַז דער טאָג איז כלומרשט אַ זעלבשטענדיקע, אומפּאַרטייִשע צײַטונג. פון אַ צווייטער זײַט, דינט דער פּלאַן זייער גוט די ציוניסטישע אינטערעסן: די ציוניסטן, צען יאָר נאָכן בלאָף פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, האַלטן זיך אויס פון די נדבות פון רײַכע ייִדן, וואָס פילן אַן ווי עס איז דעם געלעכערטן ציוניסטישן קלומיק. נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך געשלאָגן מיט דער דעה, זענען די ציוניסטן געפאַלן אויף אַ המצאה: די באַציִונג צו ייִדיש,

אַ שפּראַך וואָס ווערט גערודפט אין ארץ־ישׂראל אויף אַ פּאַשיסטיש־פּאָרגראָמיסטישן אופן, זאָל אַ ביסל געביטן ווערן. דערמיט וועלן די ציוניסטן דעגרייכן אַ טאָפּעלען צוועק: א. זיי וועלן צו זיך צוציִען די ייִדישיסטן, מחמת די ייִדישיסטן זענען שטענדיק גרייט אַלץ מוחל צו זייַן, אַבי מען זאָגט זיי אַ גוט וואָרט וועגן ייִדיש. ב. די פּאָלקסמאַסן וועלן פון דאָס ניַי מנדב זייַן געלטער לטובת ארץ־ישׂראל.

שכנא עפּשטיין טרעט אַרויס קעגן מאָרגאָשעסעס אַרויסזאָג אויפן באַנקעט פון טאָג, אַז ס'איז דאָס ערשטע מאָל וואָס ייִדיש וועט זייַן אַן אוניווערסיטעט־לימוד. אין די פּאַראייניקטע שטאַטן לערנט מען ייִדיש אין אַ צאָל אוניווערסיטעטן און אין האַמבורג איז פּאַראַן אַ ייִדיש־קאַטעדרע. אין ראַטן־פּאַרבאַנד זענען ניט נאָר פּאַראַן קאַטעדרעס פּאַר ייִדיש אין יעדן ווײַטיקן אוניווערסיטע, נייַערט ייִדיש ווערט געלערנט אויף ייִדיש און ניט ווי אַ 'פרעמדע שפּראַך'. נאָר היות ווי דער ראַטן־פּאַרבאַנד איז 'גלות' און פּאַלעסטינע, ווו מען רודפט ייִדיש און ווו דער ענגלישער אימפּעריאַליזם זויגט בייַ די האַרעפּאַשניקעס דעם מאַרך פון די ביינער איז דאָס 'פרייַע ייִדישע לאַנד', דאַרף מען טאַקע דאָרט בויען אַ העברעיִשן אוניווערסיטעט. נישמער דער עצם עקסיסטענץ פון אַזאַ אוניווערסיטעט איז ספקדיק. די שיינע בילדער וואָס שטעלן פאָר די געביידעס פון אַנשטאַלט זענען אַ ציוניסטישער בלאָף, כּדי צו זאַמלען געלטער מיט דער ציוניסטישער צדקה־פּושקע. אין דער אמתן איז דער גאַנצער ענין ניט בלויז אַ שווינדל, נאָר אויך אַ שפּאַס, מחמת מען וועט לערנען ייִדיש אויף העברעיִש, ווי אַ פרעמדער לימוד, און מחמת דעם וואָס מען וועט זיך אויספייַנען פאַר די גויים, אַז בייַ ייִדן איז אויך פּאַראַן הומאָר.[56]

די ייִדישיסטן האָבן ניט מיט וואָס זיך צו פרייען. דער טאָג גופא האָט דערקלערט אַז דאָס שאַפן די קאַטעדרע איז אַ נצחון פאַר העברעיִש. אומזיסט האָפט בריַינין אויף אַ שלום צווישן העברעיִש און ייִדיש. די רייד וועגן אַ סכּנה אַז דאָס ייִדישע פאָלק וועט זיך צעשפּאַלטן אין צוויי שבטים, אַ העברעיִשער און אַ ייִדישער, זענען איבעריק, ווייַל אַזאַ שפּאַל־טונג איז שוין פאָרגעקומען. די דאָזיקע דערשייַנונג מוז פאַרשטאַרקט און פאַרשאַרפט ווערן, ווייַל דאָ רעדט זיך ניט וועגן אַ שפּראַכן־פראַגע, נאָר וועגן אַן ענין וואָס איז נוגע דעם אינטערעסן־ווידעראַנאַנד צווישן דער ייִדישער בורזשואַזיע און די ייִדישע האַרעפּאַשניקעס. די ציוניסטן זענען

די שונאים פון די ייִדישע מאַסן, פאַר וועלכע ייִדיש דינט ווי אַ קאַמף־און לעבנס־שפּראַך. די ייִדישיסטן פאַרשטייען דאָס ניט און דערפאַר טאָקע דינען זיי, ניט־ווילנדיק, דער ציוניסטישער רעאַקציע. שכנא עפּ־שטיינס אַרטיקל נייטיקט זיך ניט אין קיין שום קאָמענטאַרן.[57]

מען דאַרף נאָר באַמערקן, אַז זייַן פעסטשטעלונג וועגן דער עקסיסטענץ פון קאַטעדרעס פאַר ייִדיש אין יעדן וויכטיקן אוניווערסיטעט אין ראַטן־פאַרבאַנד איז פאַרפירעריש. אין ראַטן־פאַרבאַנד זענען דעמאָלט קיין ספּעציעלע קאַטעדרעס פאַר ייִדיש ניט געווען. דערקעגן האָט מען דעמאָלט געלערנט אייניקע ייִדישע קורסן וועגן ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור אין ראַם פון ייִדישע אָפּטיילן וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט די פּעדאַגאָגישע פאַקולטעטן אין מאָסקווע און מינסק. די צאָל תּלמידים אויף די דאָזיקע קורסן, וואָס האָבן געדאַרפט צוגרייטן לערערס פאַר שולן מיט ייִדיש ווי אַ לערנשפּראַך, איז געווען זייער קליין.[58]

די פראַגע פון די ייִדיש־לימודים אין אַמעריקע אין יענער צייַט פאָדערט אַ ספּעציעלע פאָרשונג. על־כּל־פּנים האָט דעמאָלט ניט עקסיס־טירט קיין איין ייִדיש־קאַטעדרע אין קיין אַמעריקאַנער אוניווערסיטעט. וואָס שייך האַמבורג, איז דאָרט קיין מאָל קיין קאַטעדרע פאַר ייִדיש ניט געווען. פּראָפ׳ ש. בירנבוים האָט אין האַמבורגער אוניווערסיטעט געהאַלטן סעמינאַרן וועגן ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור אין ראַם פון דעם אָפּטייל פאַר גערמאַנישע לשונות.[59]

ס׳איז אַ פאַקט וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז אין די וויכטיקסטע ייִדישע זשורנאַלן פון יענער תּקופה, ווי אַ שטייגער די צוקונפט און ליטעראַרישע בלעטער, זענען כּמעט ניט פאַראַן שפּורן פון דער פּאָלעמיק. די צוקונפט האָט בכלל דעם פּלאַן ניט דערמאָנט. די נאָטיצן אין ליטע־ראַרישע בלעטער וועגן ייִדיש אין ארץ־ישׂראל זענען געווען ווינציק ביז גאָר און זייער אייַנגעהאַלטן. די אייַנציקע ידיעה דאָרטן וועגן דער קאַטעדרע, האָט געציילטע שורות און גיט איבער אַז דער קאָנגרעס פון די לערערס אין ירושלים האָט באַשלאָסן אַרויסצושיקן מאַגנעסן אַ טעלעגראַם אַז עס איז איצט ניט די צייַט צו שאַפן אַ קאַטעדרע פאַר ייִדיש.[60]

3. די פּרינציפּיעלע באַשטעטיקונג פון פּראָיעקט און זײַן פּאַקטישער אָפּשטויס

ווי עס איז אויבן באַשריבן געוואָרן, האָט דער קוראַטאָריום פון יודאַיִסטיק-אינסטיטוט געזאָלט אָננעמען דעם באַשלוס וועגן דער ייִדיש-קאַטעדרע. דאָס אָרט און די דאַטע פונעם צוזאַמענפאָר זענען נאָך אָנהייב דעצעמבער 1927 ניט געווען באַשטימט.[61] צום סוף איז דער צוזאַמענפאָר פאָרגעקומען אין מײַנץ, דעם 27סטן און 28סטן דעצעמבער 1927.

מען דאַרף באַמערקן, אַז אַ טאָג פאַרן צוזאַמענפאָר האָט הארץ פאַרעפנטלעכט אויף דער ערשטער זײַט אַ טעלעגראַם, אין וועלכער עס ווערט אונטערגעשטראָכן אַז דער ענין איז נאָך ניט באַשלאָסן געוואָרן און קיין זאַך וועט ניט געטאָן ווערן ביז מאַגנעס וועט זיך אומקערן אין לאַנד.

עס איז קלאָר אַז דאָס דרוקן די טעלעגראַם אַ טאָג פאַרן צוזאַמענפאָר פונעם קוראַטאָריום האָט געהאַט דעם צוועק צו באַרויִקן די געמיטער און אויסצומײַדן אַ שטורמישן וויכוח אין לאַנד וועגן דעם קאַטעדרע-ענין.

דעם 30סטן דעצעמבער האָט דער טאָג מודיע געווען אויף דער ערשטער זײַט, אַז דער קוראַטאָריום האָט באַשלאָסן צו שאַפן די קאַטעדרע.[62] אויף צו מאָרגנס, אין אַן עדיטאָריאַל מיטן ציל צו באַרויִקן די קאַטעדרע-קעגנערס, ווערט געזאָגט צווישן אַנדערן, אַז ווי אַ רעזולטאַט פון דער מײַנצער החלטה, נעמט דוד שאַפּיראָ אויף זיך אַלע הוצאות וואָס זענען פאַרבונדן מיטן שאַפן די קאַטעדרע.

וועגן דער מײַנצער החלטה האָט מען זיך דערוווּסט אין ארץ-ישׂראל דעם ערשטן יאַנואַר 1928.[63] דעם זעלבן טאָג האָט משה גליקסאָן, רעדאַקטאָר פון הארץ, פאַרעפנטלעכט אַן עדיטאָריאַל, וואָס דריקט אויס די פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער קאַטעדרע מצד דעם מכריעדיקן רוב פּרינציפּיעלע העברעיִסטן אין לאַנד. גליקסאָן טיילט פונאַנדער די קאַטעדרע-פראַגע אויף צוויי אַספּעקטן: אַ היסטאָריש-וויסנשאַפטלעכער און אַן אַקטועל-נאַציאָנאַלער. אין שײַכות מיטן ערשטן אַספּעקט גיט גליקסאָן אָנצוהערן וועגן דער סתירה אין די עדותשאַפטן וועגן מאַגנעסעס הסכמה צום פּראָיעקט.[64] גליקסאָן האַלט אַז די קעגנערשאַפט פון אַ טייל לערערס קען ניט זײַן קיין פּרינציפּיעלע, מחמת ייִדיש איז וויכטיק ווי אַ הילף-לימוד צו דער פאָרשונג פון ייִדישער געשיכטע און ייִדישן פאָלקלאָר.

וואָס שייך דעם צווייטן אַספּעקט, איז זייער ניט גוט וואָס מען

קלערט אַז די קאַטעדרע וועט אונטערגראָבן דעם העברעיִשן יסוד ׳פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום׳. גליקסאָן האַלט אַז די ייִדישיסטישע באַציִונג צום פלאַן טאָר ניט באַווירקן די וויסנשאַפטלעכע מאָמענטן וואָס זענען פאַרבונדן מיטן פראָיעקט. די אַקאַדעמישע אַנטוויקלונג פון העברעיִשן אוניווערסיטעט פאָדערט אַ באַדאַכטיקע פלאַנירונג, וואָס איז ביז איצט ניט דורכגעפירט געוואָרן. צוליב אָט דער סיבה טאַקע, דאַרף אַ קאַטעדרע פאַר ייִדיש, אַ הילף־לימוד, עטאַבלירט ווערן נאָר נאָך דעם ווי ס׳וועלן געשאַפן ווערן בילכערע קאַטעדרעס, וואָס זענען דערווײַל ניט פאַראַן אין אוניווערסיטעט.[65]

די ידיעה וועגן דער מײַנצער החלטה האָט גלײַך אַרויסגערופן אַ ריי פראָטעסטן אין ירושלים. די צײַטונגען האָבן איבערגעגעבן אַז מען סטראַשעט מיט אַ סטודענטן־שטרײַק אין ירושלים און אַז דער ירושלימער אָפטייל פון „גדוד מגני השפה" פלאַנעוועט אַ קאַמף קעגן דער קאַטעדרע.

מען דאַרף באַמערקן, אַז דאָס אַלץ איז, אָרגאַניזירט געוואָרן אין די טעג ווען מאַגנעס האָט געזאָלט זיך אומקערן אין לאַנד. אַנקומענדיק קיין ירושלים, האָט מאַגנעס געפונען אויף די גאַסן צוויי־נוסחדיקע פלאַקאַטן: „די זשאַרגאָנישע קאַטעדרע איז אַ צלם בהיכל העברי";[66] „די זשאַרגאָנישע קאַטעדרע מיינט די צעשטערונג פון אוניווערסיטעט".

דאָר היום האָט אינפאָרמירט וועגן אַ לאַנד־קאָנפערענץ, וואָס „גדוד מגני השפה" גרייט צו אין שײַכות מיט דער ייִדיש־קאַטעדרע. די צײַטונג האָט צוגעגעבן אַז [קומענדיקן] שבת וועט פאָרקומען אין ירושלים אַ פאַרזאַמלונג פון פאַרשיידענע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס וועלן אַרויסטרעטן קעגן דער קאַטעדרע.[67]

וועגן דער שטימונג אין ירושלים דעמאָלט, דערוויסט מען זיך פון אַ נאָטיץ, וואָס ׳סופר סתם׳ האָט פאַרעפנטלעכט אין דאָר היום, דעם 6טן יאַנואַר 1928.[68] ׳סופר סתם׳ דערציילט, אַז דער „גדוד" האָט צוגעשטעלט אַן אולטימאַטום דעם קרן היסוד, אַז טאָמער וועט ׳די זשאַרגאָנישע קאַטעדרע׳ עטאַבלירט ווערן, זאָל מען אויפהערן צו שטיצן דעם אוניווערסיטעט.[69] אויב די פאָדערונג וועט ניט אָנגענומען ווערן, וועט דער „גדוד" קעמפן קעגן אוניווערסיטעט ׳אַזוי ווי עס קעמפן אַלע באַטאַליאָנען אויף דער וועלט׳. ׳סופר סתם׳ באַטאָנט אַז בראש פון דעם פראָטעסט וועלן ניט שטיין קיין ייִנגלעך, נאָר די ׳גדולים... און צווישן זיי אויך אוסישקין׳.[70] ׳סופר סתם׳ גיט צו, אַז מען האָט אים מודיע געווען בסוד די דערקלערונג

פון עטלעכע פּראָפעסאָרן, אַז ׳ייִדיש וועט אַרײַנדרינגען אין אוניווערסי־טעט נאָר אויף זייערע טויטע קערפּערס׳. צום סוף באַמערקט דער מחבר פון נאָטיץ, אַז עס איז מעגלעך די איצטיקע פּאָלעמיק זאָל זײַן נאָך ערנסטער ווי ׳דער שפּראַכנקאַמף וואָס איז פאָרגעקומען מיט צוועלף יאָר צוריק׳.[71]

י״ב טבת תרפ״ח (5טן יאנואר 1928) איז געשריבן געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע דאָקומענטן פון דער קאַטעדרע־פּאָלעמיק:[72] אַ בריוו וואָס טראָגט דאָס קעפּל „קאָמוניקאַט״. ער איז געווענדט צו ׳ה. דאָקטאָר י. ל. מאַגנעס׳ און איז געחתמעט פון י. ב. עפּשטיין, יעקב מאַן, יוסף קלויזנער, הרב ש. אסף, דוד יעלין, מ. צ. סגל און אַ. גולאַק. דער בריוו האָט זיך אויפגעהיט אין אָריגינאַל און עס זענען פון אים ניטאָ קיין קאָפּיעס, ניט אין מאַגנעס־אַרכיוו,[73] ניט אין אוניווערסיטעט־אַרכיוו. פון דעם קען מען דרינגען, משמעות, אַז דער בריוו איז ניט אַרויסגעשיקט געוואָרן צו מאַגנעסן. דער פאַקט וואָס אַ טאָג נאָך דעם ווי דער בריוו איז געחתמעט געוואָרן האָט מען באַשלאָסן ניט צו גרינדן די קאַטעדרע, פאַרפעסטיקט די השערה, אַז דער „קאָמוניקאַט״ איז סוף־כל־סוף ניט דערגאַנגען צו מאַגנעסן.

דער בריוו איז כולל דרײַ אַרגומענטן קעגן דער קאַטעדרע: אַ פאָרמעלער, אַן אַקאַדעמישער און אַ נאַציאָנאַל־אידעאָלאָגישער.

די ערשטע טענה פאַרבײַנט קריקווירקיק מאַגנעסעס רשות אײַנצוגיין אויפן פּראָיעקט. אַ נײַע קאַטעדרע אין אַ נאַציאָנאַלן אוניווערסיטעט, פאָדערט אַ פאָרויסיקע דיסקוסיע מיט די ׳פּראָפעסאָרן און דאָצענטן׳. מחמת דעם האָט מאַגנעס ניט געטאָרט אַרומרעדן דעם פּלאַן און מכּל־שכּן ניט מסכּים זײַן אויפן פאָרלייג. קיינער געדענקט ניט אין אוניווער־סיטעט אַז מען זאָל האָבן דעם ענין דיסקוטירט ווען עס איז. עס זענען אויך ניט פאַראַן קיין פּראָטאָקאָלן וועגן דעם.[74] דער קוראַטאָריום האָט ניט געטאָרט אָננעמען קיין באַשלוס, ווײַל ער האָט ווויל געוווּסט אַז ,כמעט אַלע לערערס׳ זענען קעגן דער קאַטעדרע. ׳פּראָפעסאָרן און דאָצענטן זענען ניט סתּם אַנגעשטעלטע, וואָס זייערע בעלי־בתּים דעצידירן אָן זייער מיינונג, וואָס מען באַדאַרף טאָן אָדער ניט טאָן׳.

וואָס שייך דעם אַקאַדעמישן קוקווינקל, ווערט אינעם בריוו געדרונגען, אַז ׳ייִדיש־פאָרשן איז אָפּהענגיק אין גערמאַניסטיק און סלאַוויסטיק. ייִדיש דאַרף מען לערנען נאָר דעמאָלט, ווען מיר וועלן פאַרמאָגן אַלע

אַנדערע קאַטעדרעס פאַר פילאָלאָגיע — העברעיִשע און פרעמדע פילאָ־לאָגיע — און ניט פריִער!'

עס מאַכט דעם איַינדרוק אַז דער דאָזיקער אַרגומענט איז צוגעשטו־קעוועט, כּדי צו פאַרגלעטן די דריטע טענה, די נאַציאָנאַל־אידעאָלאָגישע, וואָס איז פאַקטיש געווען דער הויפּט־אַרגומענט פון די קאַטעדרע־קעגנערס. 'כּל־זמן צענדליקער טויזנטער... שטרעבן צו פאַרוואַנדלען דעם אַשכּנזישן זשאַרגאָן אין דער נאַציאָנאַלער שפּראַך פונעם ייִדישן פאָלק, קען מען ניט שאַפן קיין ייִדיש־קאַטעדרע אין העברעיִשן אוניווערסיטעט'. די קאַ־טעדרע און איר פּראָפעסאָר 'וועלן וויסיק אָדער ניט־וויסיק דינען ווי אַ צענטער פאַרן אידישיזמוס אין דעם איינציקן לאַנד ווו העברעיִש האָט אָנגעהויבן ווערן אַ לעבעדיקע שפּראַך, און דאָך זיך נאָך ניט טיף איַינגעוואָרצלט'.

די פּראַקטיק באַוויַיזט אַז ייִדיש אַנטוויקלט זיך אומעטום ווי אַ מיטל, און צום סוף פאַרוואַנדלט עס זיך אין אַ צוועק פאַר זיך. ייִדיש פּרעטענדירט צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון העברעיִש ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, וואָס מיינט די צעשטערונג פון דער גאַנצער 'היסטאָרישער ייִדישקייט'.[75]

די געלערנטע זאָגן צו אַז זיי וועלן ניט דערלאָזן 'בשום־אופן שאַפן אַ ייִדיש־קאַטעדרע אין העברעיִשן אוניווערסיטעט... אָדער די דאָזיקע קאַטעדרע וועט ניט זיַין, אָדער דער אוניווערסיטעט וועט ניט זיַין'. דער פּלאַן מוז באַלד אָפּגעשאַפט ווערן, כּדי אויסצומיַידן 'אַ ניַיע מחלוקת אינעם פאַרפּיַיניקטן ארץ־ישׂראלדיקן יישוב און אַ פולשטענדיקן חורבן פונעם אוניווערסיטעט, וואָס איז ליב אונדז און כּל־ישׂראל'.

ווי פריִער דערמאָנט,[76] איז דעם 6טן יאַנואַר 1928 פאָרגעקומען אַ בשותּפותדיקע זיצונג פון די לערערס אין יודאַיִסטיק־אינסטיטוט און דעם ארץ־ישׂראל־קאָמיטעט פון דעם אינסטיטוט, כּדי צו דיסקוטירן דעם קאַטעדרע־ענין. אין אַן אָפיציעלן באַריכט, געדרוקט אין דבֿר, ט״ז טבֿת תּרפּ״ח (9טן יאַנואַר 1928), ז' 1, האָט מאַגנעס מודיע געווען אין איין וועגס, די החלטות פון מיַינץ און ירושלים.

דער קוראַטאָריום האָט אין מיַינץ באַשטימט אַז לערנען וויסנשאַפטלעך די שפּראַכן און דיאַלעקטן וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט באַנוצט, אי בכתב אי בעל־פּה, איז אַ מוזאַד פאַרן פולן פאַרשטענדעניש פון ייִדישקייט און פונעם ייִדישן פאָלק. דעריבער באַציט זיך דער קוראַטאָריום

מיט סימפּאַטיע צו דער מעגלעכקייט אַז מען זאָל שאַפן אַ קאַטעדרע פאַר ייִדיש אין העברעיִשן אוניווערסיטעט. פון דעסטוועגן, בעמענדיק אין אַכט די קעגנערשאַפט וואָס דער פּראָיעקט האָט אַרויסגערופן אין ירושלים, באַפולמעכטיקט מען דעם פּאָרזיצער פון קוראַטאָריום,[77] די לערערס פון אינסטיטוט און דעם ארץ־ישראל־קאָמיטעט פון אינסטיטוט, ,קלאָר צו מאַכן די צוועקן פון דער קאַטעדרע׳. אויף אַזאַ אופן וועט מען קענען אי מעגלעך מאַכן די ייִדיש־לימודים, אי אָפּהיטן דעם שלום אין אינסטיטוט.

וועגן דער זיצונג פון 6טן יאַנואַר 1928 ווערט געזאָגט, אַז עס האָבן אין איר אָנטייל גענומען ׳מאַגנעס, אוסישקין, הרב אסף, פּראָפּ׳ עפּשטיין, ח. נ. ביאַליק, ד״ר בערגמאַן, ד״ר גולאַק, הער יעלין, ד״ר ש. הלוי, הרב סגל, פּראָפּ׳ קלויזנער, ד״ר רופּין, ד״ר שוואַבע און ד״ר שלום׳. די בײַזײַיִקע האָבן רעדאַקטירט אַן איינשטימיקן קאָמוניקאַט, אין וועלכן זיי שטעלן פעסט, אַז נאָך דעם ווי מען וועט שאַפן די קאַטעדרעס פאַר העברעיִש, תּנך, ייִדישע געשיכטע און ייִדישע פילאָסאָפיע, וועט מען ווידער באַטראַכטן דעם ענין פון דער ייִדישער קאַטעדרע. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער דאָזיקער נוסח באַהאַלט מער ווי ער אַנטפּלעקט מכּוח דעם גאַנצן צוזאַמענפאַר. אַ קאַפּוליער אַנצוהערניש וועגן דעם איז פאַראַן אין בערל כּצנעלסאָנס אַרטיקל ,,קתידרת המריבה״, געדרוקט אין דבר דעם 11טן יאַנואַר 1928. כּצנעלסאָן, דעמאָלט רעדאַקטאָר פון **דבר**, האַלט אַז דער באַשלוס איז אַ ,נעפּלדיקער׳. עס גייט דאָ וועגן אַ לשון־נקיה[78] וואָס פאַרדעקט דאָס אָפּוואַרפן דעם פּראָיעקט אויף אַ לענגערער צײַט און באַפּוצט דעם ביטערן פאַקט, אַז עס זענען פאַראַן אין אונדזער אוניווערסיטעט ,פסול־פרעמדע לימודים׳. אַוודאי איז וויכטיק דער שלום אין אוניווערסיטעט און אַוודאי זענען די פיר דערמאָנטע קאַטעדרעס בילכער, נאָר ס׳איז אַ ספק צי דער וויסנשאַפטלעכער פאַקטאָר האָט מכריע געווען ,וואָס פריִער און וואָס שפּעטער׳.

ס׳איז קיין ספק ניט אַז כּצנעלסאָן האָט וויל געוווּסט וואָס אויף דער זיצונג איז פאַרלאָפן, נאָר ניט געהאַלטן פאַר געוווּנטשן צו אַנטפּלעקן אַלץ וואָס איז אים געווען באַקאַנט. ערשט שפּעטער מיט זיבן יאָר האָט דבר פאַרעפנטלעכט ביאַליקס רייד אויף דער זיצונג פון 6טן יאַנואַר 1928, ווי ש. ה. בערגמאַן האָט זיי פאַרשריבן.[79] בערגמאַן דערקלערט אין קורצן די אומשטאַנדן אין וועלכע די זיצונג איז פאָרגעקומען און באַצייכנט אַז זי איז געווען ,זייער אַ שטורמישע׳.[80]

לויט בערגמאַנס עדותשאַפט האָט מען ביאַליקן געלאָזט פאַרענדיקן די דיסקוסיע, ווײַל ער האָט געהאַלטן אַז ער האָט וואָס מחדש צו זײַן. ביאַליק האָט געזאָגט, אַז אַלע זענען מסכּים אַז עס זענען פאַראַן בילכערע קאַטעדרעס ווי ייִדיש און אַז צו דיסקוטירן אָט דעם ענין אין מײַנץ, פריִער ווי אין ירושלים, איז געווען אַ טעות. ביאַליק איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער איבעראַשונג וואָס דער ענין רופט אַרויס. דאָס וואָלט געווען פאַרשטענדלעך, ווען עמעצער וואָלט געפּרווווט פאַרבײַטן די לערנשפּראַך אין קאַטעדרע פון העברעיִש אויף ייִדיש. אין דער אמתן וועט ייִדיש זײַן ניט מער ווי דער אָביעקט פון אַ וויסנשאַפטלעכן לימוד. ייִדיש איז פאַרמישפּט אָפּצושטאַרבן, אַזוי ווי דאָס איז געשען מיט אַלע אַנדערע שפּראַכן וואָס ייִדן האָבן גערעדט אין גלות. דער רצון פונעם פאָלק קען דאָ גאָרניט באַווירקן. ביאַליק האָט אונטערגעשטראָכן, אַז אין אַזעלכע ענינים הערשן 'אײַזערנע געזעצן און אָביעקטיווע תּנאים', וואָס ווײַזן אָן אויפן ,אונטערגאַנג פון דער ייִדישער שפּראַך און דעם אויפלעב פון העברעיִש'. ער איז זיכער אַז ס'איאַז געקומען די 'פּטירה־צײַט פון ייִדיש', אַזוי ווי דאָס איז געשען בשעתּו מיט אַרמיש. אויך מיטגלידער פון דער יעווסעקציע קעמפן אין ראַטן־פאַרבאַנד קעגן ייִדיש. דאָרטן וועט פאַרקומען די ערשטע ירידה פון ייִדיש.[81] אויך אין פּוילן איז דער גורל פון ייִדיש ,פאַרמישפּט'. די נײַע עולים וועלן ברענגען אין ארץ־ישׂראל, קעגן זייער ווילן, צו אַ מכריעדיקן קאַמף צווישן העברעיִש און ייִדיש.

וואָס שייך דער החלטה וואָס מען האָט געזאָלט אָננעמען, האָט ביאַליק געפאָדערט מען זאָל זיך ניט שרעקן פאַר ,די סטראַשונקעס פון דער גאַס'. דער סטיל פון אַזוינע סטראַשונקעס איז אים באַקאַנט: ,איך ווייס ווי מען האַלט אָפּ די אויפרעגונג און ווי מען פאַרוואַנדלט זי שפּעטער אין אַ פלאַמפּײַער'.

ביאַליק האָט געהאַלטן אַז מען דאַרף זיך באַציִען צום פּראָיעקט אַזוי, אַז ער זאָל אײן אײן וועגס אָנגענומען און אָפּגעוואָרפן ווערן. אויף אַזאַ אופן וועט מען אויסמײַדן אַז דער ענין זאָל ווערן אַ ,האַלעוועשקע'. דעריבער האָט ער געפאָדערט מען זאָל באַשטימען אַז די קאַטעדרע פאַר ייִדיש זאָל עטאַבלירט ווערן דעמאָלט ווען עס וועלן געשאַפן ווערן די פיר פריִער דערמאָנטע קאַטעדרעס.

אַצינד, נאָך דעם ווי מען האָט אויסגעסאָרטירט ש״ה בערגמאַנס אַרכיוו, קען מען זיך דערוויסן וואָס בערגמאַן האָט פאַרשריבן אין זײַן

טאָגבוך אין לויף פון דער זיצונג. עס רעדט זיך ניט וועגן אַ פולן פּראָ־טאָקאָל. מען מוז אויך באַמערקן אַז בערגמאַן האָט פאַרשריבן אויף דײַטשיש דאָס וואָס מען האָט אויף דער זיצונג אַרויסגעזאָגט אויף העברעיִש. בערגמאַנס טאָגבוך גיט ניט צו קיין באַטײַטנדיקע פּרטים צו דעם וואָס איז באַקאַנט פון אַנדערע קוואַלן. ניט געקוקט אויף דעם, אילוסטרירט דער טאָגבוך דעם געדאַנקען־גאַנג און די מאָטיוואַציע פון ביידע צדדים.[82]

אוסישקין האָט געפאָדערט אַז מאַגנעס ,זאָל מכפר זײַן' אויף זײַן טעטיקייט לטובת דער קאַטעדרע. דערצו האָט אוסישקין פאַרגליכן די קאַטעדרע מיטן אוגאַנדאַ־פּראָיעקט. קלויזנערס רייד זענען געווען כּמעט וואָרט בײַ וואָרט ענלעך צום קאָמוניקאַט (זען אויבן, ז' 162). ער האָט אויך געהאַלטן אַז מען דאַרף זיך באַציִען צו ייִדיש לויטן כּלל ,משום דרכי האמורי'. מ. צ. סגלס אַרויסטריט מאַכט קלאָר דעם מהות פון דער וויסנשאַפטלעכער אַרגומענטאַציע אינעם קאָמוניקאַט. סגל האָט געטענהט אַז כּל־זמן מען לערנט ניט האָלענדיש אין העברעיִשן אוניווערסיטעט, דאַרף מען דאָרטן ניט לערנען קיין ייִדיש, ווײַל דאָ רעדט זיך וועגן דײַטשישע דיאַלעקטן און אַ קאַטעדרע פאַר דײַטש עקסיסטירט דאָך ניט און ירושלים. דערצו איז דאָס שמואל־בוך[83] זייער ענלעך צום ניבעלונגען־בוך. די העברעיִשע ווערטער אין שמואל־בוך זענען גאָר ווינציק. סגל האָט אָפּגעשאַצט אַז שאַפּיראָס כּוונה איז ,ביזנעס' און האָט אונטערגעשטראָכן אַז די קאַטעדרע איז אַן ענין פון ,גלויבן און איבער־צײַגונג'. מ. שוואַבע האָט געטענהט אַז ער איז פאַר דער קאַטעדרע, ווײַל ,קיין שום ייִדישע זאַך איז מיר ניט פרעמד'. עס איז מערקווערדיק, וואָס אויף זײַן רעדע אין 1951, בעתן עפענען די ייִדיש־קאַטעדרע אין ירושלים, האָט שוואַבע דערמאָנט כּמעט וואָרט בײַ וואָרט זײַן אַרויסזאָג, פון וואָסערע פיר און צוואַנציק יאָר פריִער. דער דאָזיקער פאַקט ווײַזט אַרויס אויף ווי ווײַט די זיצונג פון 6טן יאַנואַר 1928 האָט זיך אײַנגעקריצט אינעם זכּרון פון די פּערזענלעכקייטן וואָס זענען דאָרטן בײַגעווען.[84] דאָס נעמלעכע קען מען זאָגן וועגן ג. שלום. ער האָט אין אָנהייב 1973 מיר איבערגעגעבן, אַז קלויזנערס רייד אויף דער זיצונג זענען געווען ,היסטעריש' און דורכגעדרונגען מיט ,אַ נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישן גײַסט'. דאָס איז געווען ,אַן אויפטרייסלענדיקער פאַל פון סטראַשען מיט אָפענעם טעראָריזם'. ג. שלום האָט אויך דערמאָנט אַז צווישן ביאַליק און קלויזנער איז פאָרגעקומען אַ שאַרפער צוזאַמענשטויס.[85] לויט בערגמאַנס טאָגבוך

האָט ג. שלום געזאָגט, אַז ייִדיש־פֿאַרשן איז אַ וויכטיקער, אָבער ניט־צענטראַלער וויסנשאַפֿטלעכער ענין. מען טאָר ניט מקריב זײַן די אַקאַ־דעמישע פֿרײַהייט מחמת שלום־[בית]. שלום האָט זייער האַרב קריטיקירט די סטראַשונעס קעגן דער קאַטעדרע. ביאַליק האָט געשטיצט זײַן קריטיק. פֿונעם טאָגבוך דערוויסט מען זיך, אַז אויך שמריהו לעווין האָט אָנטייל גענומען אויף דער זיצונג. לעווין האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, ווײַל זײַן עפֿנטלעכע טעטיקייט איז געווען פֿאַרבונדן מיט ייִדיש און ער איז געוואַקסן אין ייִדיש. ניט געקוקט אויף דעם, האָט ער פֿאַרגעלייגט אַ לייזונג ענלעך צו ביאַליקס: אָננעמען דעם פּראָיעקט, פּרינציפּיעל, און אָפּלייגן אים אויף אַ ניט־באַשטימטער צײַט.[86]

דער טאָגבוך דערווײַזט אויך מאַגנעסעס עגמת־נפש מחמת די אַטאַקן קעגן אים. מאַגנעס האָט זיך אויסגעדריקט ניט אַנדערש ווי אין זײַן ענטפֿער צו ר. כּצנעלסאָן (זען הערה 70). דערצו האָט ער באַטאָנט זײַן טיפֿע ליבשאַפֿט צו ייִדיש. ייִדיש דריקט אויס נאַציאָנאַלן שטאָלץ. דער בטול צו ייִדיש מיינט בטול צום פֿאָלק. מאַגנעס האָט ליב צו הערן ייִדן אין גלות וואָס שעמען זיך ניט צו רעדן ייִדיש. ער גופֿא האָט געוואָגט צו רעדן ייִדיש אינעם Emmanuel Temple ווען ער איז דאָרטן געווען אַ בעל־דרשן. „איר קענט זיך קוים פֿאָרשטעלן וואָס דערמאָלט איז געשען״. מ׳דאַרף געדענקען, אַז בשעת אוסישקין און קלויזנער האָבן ווײַטער מורא געהאַט דער פּראָיעקט זאָל קומען צו שטאַנד, האָבן דאָס רוב פֿער־זענלעכקייטן וואָס האָבן די קאַטעדרע געשטיצט, געזעסן אין דער החלטה פֿון 6טן יאַנואַר, דעם סוף פֿונעם ענין. אין זײַן אַרטיקל פֿון 11טן יאַנואַר 1928, האָט בערל כּצנעלסאָן צוגעגעבן צו זײַן טענה אַז די ייִדיש־קאַטעדרע איז לעולם געפּסלט געוואָרן, זײַנע אַרגומענטן לטובת דעם פּלאַן. אַ באַטײַטנדיקער טייל פֿונעם אַרטיקל איז אַ שאַרפֿער וויכּוח מיטן נאַציאָנאַל־אידעאָלאָגישן אַרגומענט פֿון די קאַטעדרע־קעגנערס. כּצנעלסאָן איז אין ספֿק צי דער שלום וואָס מען האָט דערגרייכט אין אוניווערסיטעט איז אַן אמתער, דהײַנו, אַ שלום וואָס איז איינשטימיק „מיט אונדזער אינעווייניקסטן אמת״. דאָ גייט ניט אין אַ שלום צווישן „אונדז און אונדזערע דם־שונאים״, נײַערט אַ שלום אין אונדזער מחנה „די מחנה פֿון העברעיִשע מענטשן און זייער דורכויסיקער יש״.

בערל כּצנעלסאָן, וואָס כאַראַקטעריזירט זיך ווי אַ „העברעיִשער מענטש אין [דעם פֿאָלק] ישׂראל, פֿאַרוואָרצלט אין דעם באָדן פֿונעם גײַסטיקן

און מאַטעריעלן פּאַטערלאַנד', פילט זיך באַליידיקט טיף אין דער נשמה פונעם ,מיסחר' און ,דינגעניש' אַרום דער קאַטעדרע-פּראַגע. ער איז אויך באַליידיקט פון דעם ,אומזיסטיקן שרעק', אַז אַ וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלין קאָן שאַטן דער העברעיִשער שפּראַך. ער גיט צו אַז ,מיר זענען איבער-געזעטיקט ביז דערשטיקעניש מיט פאַלשער העברעיִש-צידקות'. עס איז אַ ,טײַוולאַנישער שפּאַט' וואָס אַנשטאָט ,אַן ערלעכער אַרבעט לטובת דעם צוועק' הייבט מען אָן מעסטן מיט אַ טערמאָמעטער ,אונדזער העב-רעיִש-טעמפּעראַטור'.

אַזאַ ,פּשרן' ווי ביאַליק איז אַ גרעסערע סכּנה פאַרן יִידישיזם ווי ,עטלעכע פאַנאַטיקערס. די סכּנה איז ביאַליק, האָט מיר געזאָגט אין דער צײַט פון טשערנאָוויצ[ער קאָנפערענץ] [87] אַ יִדישיסטישער וועטעראַן'.

דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן ברענערן. ער איז געווען קעגן דער פאַנאַטישקייט וואָס ציט זיך פון דער ,עברית או רוסית'-שול און האָט וויל געוווּסט ווי אָפּצושאַצן די קולטור וואָס ווערט געשאַפן אין יִדיש. ניט געקוקט דערויף, איז ברענער געווען אַ מוסטער פאַר אַ סך מענטשן: ,אַ שקלאַף פון העברעיִש בין איך אויף אייביק. אַלע מײַנע געפילן זענען איר איבערגעגעבן אויף תּמיד'.

כּצנעלסאָן שטרײַכט אונטער, אַז מען טאָר ניט אָפּנאַרן מיט ,ליטע-ראַרישער דיפּלאָמאַטיע... מיר ווילן אײַננעמען דאָס יִדישע פאָלק פאַר זײַן לאַנד און זײַן שפּראַך'. היות ווי אין ארץ-ישראל שטרעבט מען צו אַ ,קעגנזײַטיקער באַפרוכפּערונג' צווישן די פאַרשיידענע קולטור-קיבוצים אינעם יִדישן פאָלק, דאַרף מען אומבאַדינגט אונטערשיידן צווישן יִדיש און יִדישיזם. יִדיש איז איינער פון די אויסדרוקן פונעם יִדישן קיום... אַ היסטאָרישע אַכסניה פאַר די געפילן פונעם פאָלק און פאַר זײַנע קולטור-ווערטן.

די פּאָזיטיווע באַציִונג צו יִדיש נעמט זיך ,פון אונדזערע באַדער-פעניש, פון דעם ניט וועלן איגנאָרירן קיין שום אויסדרוק פון נאַציאָ-נאַלן שאַפן, פונעם שטרעבן אויפצודעקן פאַרבאָרגענע ווערטן, וואַרפן ליכט אויפן צעזייטן און צעשפּרייטן יִדישן יש, אויפצוהייבן ניצוצות'. דערקעגן ,איז ניט פאַראַן און ס'וועט ניט זײַן קיין שלום מיטן יִדישיזם ווי אַ נאַציאָנאַלער וועלטבאַנעם, ווי אַן אידעע, ווי אַ קולט. דאָס נעמלעכע ווערט געזאָגט מכּוח דעם יִדישיזם, וואָס איז אַ פאַרשטעלטער שונא,

דהײַנו יענער ייִדישיזם וואָס איז גרייט צו אָנערקענען דאָס אַמאָליקע העברעיִש און לייקנט אָפּ די קולטורעלע ווערטן וואָס ווערן געשאַפֿן הײַנט צו טאָג אין העברעיִש׳.

כּצנעלסאָן האָט נאָך טעמים, אידעאָלאָגישע און אַקאַדעמישע, לטובת ייִדיש־לימודים אין ירושלים:

א. אָן דער הילף פֿון ייִדיש איז ניט מעגלעך צו לערנען די געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק אין די לעצטע יאָרהונדערטער.

ב. מען קען ניט לערנען די געשעענישן פֿון אונדזער קולטור־לעבן אין דעם לעצטן יאָרהונדערט, אויב מען נעמט ניט אין אַכט די אַקטיוויטעט פֿון לעפֿין, גאָטלאָבער, דיק, גאָלדפֿאַדען — אין זייער ייִדישער העלפֿט.

ג. ,חכמת ישׂראל אין ירושלים׳ האָט ניט קיין רעכט אויסצומעקן פֿון דער פֿאָרשונג, פֿון דער פֿאָלקס־נשמה, די ייִדישע פּאָעזיע און דעם ייִדישן וויץ.[88]

ד. די פֿאָרשונג פֿון העברעיִשן עלעמענט אין ייִדיש איז וויכטיק ביז גאָר.[89]

פֿון אידעאָלאָגישן קוקפּונקט האַלט כּצנעלסאָן אַז די ייִדיש־לימודים וועלן ניט העלפֿן דעם ייִדישיזם זיך אײַנפֿונדעווען אין ארץ־ישׂראל, מחמת דעם וואָס ארץ־ישׂראל איז דאָס אייציקע אָרט ווו אַזעלכע לימודים וועלן זײַן פֿרײַ פֿון טענדענציעזקייט. ,גראָד די היסטאָריש־העברעיִשע אַטמאָספֿער און דאָס באַהילפֿיקן זיך מיט אַלע אָפּצווײַגן פֿון ייִדישער וויסנשאַפֿט זענען בכּוח אויפֿצושטעלן די דאָזיקע לימודים אין זייער פּאָסיקער וויסנשאַפֿטלעכער פּערספּעקטיוו׳. דער ,אמתער׳ ייִדישיזם קוקט אַרויס מען זאָל די קאַטעדרע טאָקע אַרײַנלייגן אין חרם, ווײַל דאָס וועט ,אַרײַנגיסן וואַסער אין די רעדער פֿון זײַן מיל׳.

צום סוף שטרײַכט אונטער כּצנעלסאָן די צענטראַלקייט פֿון ירושלים אין דער היסטאָרישער פֿאָרשונג ,פֿון די ייִדישע שבטים און זייערע תּפֿוצות׳. ער זעט פֿאָרויס אַ באַנײַטע קולטורעלע דערוואַכונג אין גלות. אַזאַ דערוואַכונג וועט ניט מעגלעך זײַן דורך אַ מלחמה ,עברית או רוסית׳, פֿון וועלכער העברעיִש קומט אַרויס שטענדיק ,בשן ועין׳ און ניט דורכן מאַכן צו שאַנד דאָס האָב־און־גוטס פֿון דער ייִדישער פֿאָלקסטימלעכקייט. להיפּוך, די ייִדישע יוגנט וועט זיך פֿאַרבינדן צו העברעיִש מיט ,ריינער און פֿולער ליבשאַפֿט׳, לויטן לעבעדיקן מוסטער פֿון ארץ־ישׂראל.

מען דאַרף באַטאָנען, אַז אין זײַן אַרטיקל האָט בערל כּצנעלסאָן ניט

אָפּגעוויזן אויף אַ האָר פון זײַן איינזײַטיקן העברעיִזם. איינזײַטיק זעט מען, אַז זײַן גײַסטיק־אידעאָלאָגישע אַנטוויקלונג איז געווען געקניפּט און געבונדן מיט ייִדיש, אַז ער האָט געהאַט אַן אינעווייניקסטן דראַנג אויפצושטעלן אין ארץ־ישׂראל אַ לעבעדיקן מאָנומענט פאַר ייִדיש.

מען דאַרף אויך ניט אויסשליסן די מעגלעכקייט, אַז כּצנעלסאָן האָט געוואָלט אײַנבעמען מיט זײַן אַרטיקל יענע רעכטע פּועלי־ציוניסטישע קרײַזן, מיט וועלכע ער האָט אין די פריִערדיקע יאָרן געפירט אַ שאַרפן וויכּוח וועגן דעם סטאַטוס פון ייִדיש אין ארץ־ישׂראל. ס׳איז בולט אַז ניט נאָר כּצנעלסאָן, נאָר אויך אַנדערע רעדאַקציע־מיטגלידער פון דבר האָבן רעאַגירט אויפן באַשלוס פון 6טן יאַנואַר.

דוד זכאי האָט געשריבן אַז דער העברעיִשער טעקסט פון באַשלוס באַווײַזט, אַז אַ קאַטעדרע פאַר העברעיִש אין העברעיִשן אוניווערסיטעט איז זייער, זייער נייטיק.[90] אורי־צבי גרינבערג, דעמאָלט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דבר, האָט אַרויסגעשיקט אַ בריוו אין אוניווערסיטעט, אַן אַ דאַטע, וואָס איז פאַררעגיסטרירט געוואָרן דעם 17טן יאַנואַר 1928. ער שרײַבט אַז ער שטיצט די קאַטעדרע ניט ווי ,איינער פון די יונגע ייִדיש־דיכטערס אין גלות, נאָר טאַקע ווי ,אַ העברעער אַ ציוניסט׳.[91] די לעצט־גילטיקע זאַמלונג פון אַלע צעזייטע און צעשפּרייטע פאָלקס־טימלעכע ייִדישע קולטור־אוצרות איז פון פאַרויס באַדינגט אין דער אידעע פון טעריטאָריעלן צונויפקלײַבן זיי אין ארץ־ישׂראל. ניט געקוקט דערויף, האָט גרינבערג געהאַלטן אַז ,ס׳איז נאָך צו פרי׳ צו שאַפן אַ ייִדיש־קאַטעדרע אין ירושלים.[92]

די שטעלונג פון די געציילטע ייִדישיסטן וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט אין ארץ־ישׂראל ווערט פאַרגעשטעלט אינעם אַרטיקל „נאָכן שרעק״. זײַן אַנאָנימער מחבר [93] שטרײַכט אונטער, אַזוי ווי כּצנעלסאָן, אַז דער פּראָיעקט איז פאַקטיש אָפּגעלייגט געוואָרן אויף משיחס צײַטן.

די מאָטיוון פונעם פאַרלייג זענען צווייפאַכיק: פון איין זײַט, ווילן די בעלי־בתּים פון טאָג פאַרגרעסערן דעם טיראַזש פון דער צײַטונג. פון דער צווייטער זײַט, וויל מען דערנענטערן ארץ־ישׂראל און דעם העברעיִשן אוניווערסיטעט צו די פאָלקסמאַסן. דאָס אַלץ באַווײַזט דעם סאָציאַלן כּוח פון ייִדיש. ייִדישע פילאָלאָגיע איז ,די וויסנשאַפט פון אויפלעבונג׳ און אַ כּלי־זיין לטובת דער ייִדישער שפּראַך.

פאַקטיש האָט מען מיטן פּראָיעקט געוואָלט פאַרוואַנדלען די ייִדיש־

פאָרשונג אין אַ קרבן פון דער ייִדישער שפּראַך, ווערליק דעם נוסח פון טביובס פאָרשונג.[94] פון דעסטוועגן, כאָטש דער מיינצער באַשלוס רעדט לעולם וועגן אַ שפּראַך וואָס ייִדן האָבן פאַרמאָגט אין ,דער פאַרגאַנ־גענהייט׳, האָבן די פּראָפעסאָרן אין ירושלים זיך דערשראָקן. זיי קלערן איבער, אַנאַלאָגיש, אַז דאָס וואָס חכמת־ישׂראל האָט, ניט ווילנדיק, געטאָן פאַר דער מאָדערנער פאָרשונג פון דער ייִדישער געשיכטע, ,קאָן זיך אויך טרעפן מיט דער קאַטעדרע פון ייִדיש׳.

דער אַנאָנימער מחבר גרייפט שטאַרק אָן אוסישקינען און קלויזנערן און ווייזט אָן אַז אַ קאַטעדרע פאַר תּנך אין העברעיִשן אוניווערסיטעט איז געפּסלט געוואָרן מחמת דעם וואָס מען האָט געפּסלט וויסנשאַפטלערס וואָס באַניצן זיך מיט דער שיטה פון ׳ביבל־קריטיק׳.[95]

היות ווי מען האָט פאַרבונדן דאָס שאַפן אַ ייִדיש־קאַטעדרע מיט דער עקסיסטענץ פון אַ תּנך־קאַטעדרע, איז קלאָר אַז מען האָט אָפּגעלייגט די ייִדיש־לימודים ביז משיחס צייטן. דער אַרטיקל מאַכט חוזק פונעם ׳קולטורעלן העברעיִסט פון דבר׳ (געמיינט בערל כּצנעלסאָן), הלמאַי מוסרט ער לאַחר־המעשׂה די קאַטעדרע־קעגנערס. כּצנעלסאָנס העברעיִשע האַפּערדיקייט איז ניט קיין באַגרינדטע. להיפּוך, דער שרעק פון די פּראָפעסאָרן פאַר דער סטיכיע פון ייִדיש איז אַ באַרעכטיקטער, ,ווען מען נעמט אין אַכט די טיפע וואָרצלען פון ייִדיש... אַנטקעגן די פרישע צווייגלעך פון העברעיִש אין א״י׳.

דער מחבר האַלט אַז דער פאָנד וואָלט געבראַכט אַ סך מער נוצן ווען מען וואָלט אים לכתחילה באַשטימט פאַרן ייִוואָ. פון דעסטוועגן דאַרף מען ניט מוותּר זיין אויפן פּלאַן: ,דער ייִדישער קולטור קאָן דאָס ניט פאַרשאַטן׳.

עס זענען פאַראַן צוויי מעגלעכקייטן, אין פאַל ווען אַ ייִדיש־קאַטעדרע וועט אַ מאָל יאָ צו שטאַנד קומען: א. די קאַטעדרע וועט זיין אַ לעכערלעכע קאַריקאַטור; ב. אַן אמתע ייִדיש־קאַטעדרע וועט יאָ געשאַפן ווערן און אפילו דער העברעיִשער לבוש וועט ניט צעשטערן אין גאַנצן איר באַטייט. די איינוואַנדערונג [קיין א״י] וועט פאַרשאַרפן די פראַגע [פון דער קאַטעדרע] און ,שאַפן די נייטיקע אַטמאָספער פאַר אַ ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ארץ־ישׂראל׳.

ביז דעמאָלט איז געווונטשן אַז די ייִדישע עפנטלעכקייט און בפרט די ייִדישע אַרבעטערשאַפט, ,די טרעגערין און קעמפערין פון דער ייִדי־

שער קולטור אין גאַר דער וועלט׳, זאָלן זיך נעמען בויען ,ייִדישע קינדער־גערטנער, שולן און ביבליאָטעקן [אין ארץ־ישׂראל]׳.

מען דאַרף באַמערקן אַז אין דער כראָניק פון טאָג האָט מען איבער־געגעבן אין קורצן און אָן קאָמענטאַרן אַז דער קאַטעדרע־פּראָיעקט איז אָפּגעלייגט געוואָרן.[96]

4. קאָנטאַקטן און פאַרהאַנדלונגען נאָכן אָפּלייג פון פּראָיעקט

ווי שוואַבע האָט דערמאָנט, איז מאַגנעסעס פּאָזיציע אין דער קאַ־טעדרע־פּאָלעמיק ניט געווען באַשיידלעך.[97] פון איין זײַט, איז ער מסכּים געווען מיט שאַפּיראָס פאָרלייג און פון אַ צווייטער זײַט, האָט ער ניט געקאָנט בײַשטיין דעם דרוק וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן פון ירושלים.

אַ טייל פון זײַנע געדאַנקען בנוגע דער קאַטעדרע האָט מאַגנעס אָנט־פּלעקט אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ אין ירושלים.[98] ער האָט ווידער דערמאָנט די בילכערקייט בײַם שאַפן די קאַטעדרעס אין העבּרעיִשן או־ניווערסיטעט. דער ענין פון דער ייִדיש־קאַטעדרע וועט ווידער באַהאַנדלט ווערן נאָך דעם ווי ס׳וועלן פאַרבײַגיין די קינדישע גוואַלד־מעשׂים. דאָס איז ניט קיין ענין וואָס רירט אָן בלויז דעם אוניווערסיטעט. דאָ רעדט זיך וועגן דעם ,מהות פון אונדזער נאַציאָנאַליזם׳. דאָס איז אַן ענין וואָס קען ניט באַשיידט ווערן דורך ,סטראַשונקעס און היסטעריע׳.

אין זײַן באַריכט וועגן דער פּרעסע־קאָנפערענץ, האָט דבר איבער־געגעבן, אַז מען האָט מאַגנעסן געפרעגט מכּוח די קאַנדידאַטן פאַר דער קאַטעדרע. מען האָט אויך געפרעגט ,צי עס זענען אים באַקאַנט פאַלן פון רדיפות קעגן סטודענטן וואָס האָבן געשטימט פאַר אַ ייִדיש־קאַטעדרע אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער סטודענטנשאַפט׳ [אין ירושלימער או־ניווערסיטעט].[99]

די לעצטע קלאַנגען פון דער פּאָלעמיק אין יענער צײַט זענען פאַר־בונדן מיט ביאַליקן און קלויזנערן. דבר פון 23סטן יאַנואַר 1928 האָט מודיע געווען אַז ביאַליק האָט אום שבת ממשיך געווען זײַן רעפעראַט וועגן ייִדיש און העברעיִש, אין שײַכות מיט דעם ענין פון דער ״ייִדיש־קאַטעדרע. ביאַליק האָט אויסגעדריקט זײַן גלויבן, אַז העברעיִש וועט מנצח זײַן אין ארץ־ישׂראל. דערקעגן האָט ער באַמערקט, אַז ער גלייבט

ניט אין פּוילן נצחון פון העברעיִש ווי אַ געראַטענע שפּראַך אין גלות. דאָרטן וועט זי ווײַטער זײַן וואָס זי איז שטענדיק געווען: די שפּראַך פון בוך און פון קולטור.

אויב העברעיִש וואָלט זײַן די געראַטענע שפּראַך אין גלות, וואָלט זי זיך צעשפּליטערט און אונטערגעגאַנגען. פון אַ צווייטער זײַט, אויב ייִדן וואָלטן גערעדט אין גלות נאָר פרעמדע שפּראַכן, וואָלט העברעיִש אָנגעווירן די חזקה. דעריבער האָט דער גורל באַגנאָדיקט העברעיִש דערמיט, וואָס ער האָט די דאָזיקע שפּראַך פאַרבונדן מיט ייִדיש. ייִדיש האָט געלעבט אין פאָלקסמויל, זיך צוגעפּאַסט צו העברעיִש און עס געהיט. דורך העברעיִש האָט זיך ייִדיש "העברעיִזירט".[100]

ביאַליק האָט פאַרגעלייגט אַ פונקציאָנעלע פאַרטיילונג צווישן ביידע שפּראַכן אין גלות: ייִדיש — ווי אַ טאָג־טעגלעכע שפּראַך און ווי אַ לימוד־שפּראַך; העברעיִש — ווי דאָס לשון פון בוך און קולטור.

דעם זעלביקן טאָג האָט די צײַטונג הארץ פאַרעפנטלעכט איר ווערסיע וועגן ביאַליקס רעפעראַט.[101] לויט הארץ האָט ביאַליק באַטאָנט, אַז די פאַרשונג פון די ייִדישע זשאַרגאָנען איז אַ מוז־ענין. ער האָט דערקלערט אַז מיטן באַצייכענען העברעיִש און ייִדיש ווי אַ "זיווג מן השמים", האָט ער געמיינט אַז מיטן "שניים מקרא ואחד תרגום" האָבן ייִדן אָפּגעהיט די לעבעדיקייט פון דער העברעיִשער שפּראַך און זי פאַרוואַנדלט אין אַ כּמעט גערעדט לשון.

ביאַליק האָט געוואָרנט אַז "אַן איבערגעטריבענער עקסטרעמיזם איז ניט לטובת אונדזער קולטור" און האָט זיך שאַרף אויסגעדריקט קעגן די וואָס מישן אויס פּאָליטיק מיט וויסנשאַפט.

וואָס עס זענען געווען ביאַליקס שאַרפע אויסדרוקן, דערוויסט מען זיך פון אַ קאָפּיע פון ביאַליקס אַרויסזאָגונגען בנוגע דעם קאַטעדרע־סיכסוך, וואָס זענען אין ערגעץ ניט געווען געדרוקט, מחמת זייער סאַמע עיקר, "קען ניט פאַרעפנטלעכט ווערן". די דאָזיקע קאָפּיע האָט י. רעוועלסקי בײַגעלייגט ז' שבט תרפ"ח (29סטן יאַנואַר 1928) אין אַ בריוו צו "פּר' ד"ר י. קלויזנער".[102]

וועדליק אַבינריס פאַרצייכענונגען האָט ביאַליק געזאָגט אַז מען דאַרף אָפּשאַפן "די גרויסהאַלטעריַי, די פּוסטע גאווה און בלינדקייט וואָס הערשן בײַ אונדז כּלפּי ייִדיש... מען שפּײַט בײַ אונדז נבזהדיק אויף אַ שפּראַך וועלכע עס האָבן גערעדט אונדזערע עלטערן און אונדזערע אָבות־אָבותינו...

עס זענען פֿאַראַן בעלנים פֿאַר דער העברעיִשער שפּראַך, און ניט די יונגע־לײַטלעך און ניט יענע ריקים ופּוחזים [103] פֿון בן־יהודהס שול וועלן שיצן איר כּבוד. אַזאַ גרויסהאַלטעריש שפּיִען איז אַ טיפּשות'.

ביאַליק האָט צוגעגעבן: ,טאָמער טראַכט איר אַז איך פֿריי זיך מיטן אונטערגאַנג פֿון ייִדיש און מיט איר גזר, זענט איר זיך טועה. דאָס איז איינער פֿון די טראַגישסטע בראָכן אין אונדזער לעבן, מחמת דעם כּוח און דעם רײַכן האָב־און־גוטס וואָס זענען אַרײַנגעטאָן געוואָרן אין ייִדיש אין משך פֿון דורות'.

אַברהם שלאָנסקי האָט אין כּתובים ד, שבט תּרפּ״ח (26סטן יאַנואַר 1928) געדרוקט אַ נאָטיץ „ממה נפשך”, אין וועלכן ער באַציט זיך צום באַריכט וועגן ביאַליקס רעפֿעראַט פֿון ,ברענערישן דבר'. (געמיינט י. ח. ברענער). שלאָנסקי האַלט אַז עמעץ מוז טראָגן די פֿולע אַחריות פֿאַר אַן אַרויסזאָג וואָס קען ,מסוכן פֿאַרווונדיקן איטלעכן העברעער'. (געמיינט אַז ייִדיש וועט דינען ווי אַ לימוד־שפּראַך אין גלות), ווערליק שלאָנסקין זענען ביאַליקס רייד און די ייִדישיסטישע פֿאָדערונגען אַלץ איינס. ער פֿירט דורך אַ פֿאַרגלײַך צווישןביידע באַריכטן (האַרץ האָט דעם ענין ניט דערמאָנט) און באַמערקט אַז דבר האָט ניט קיין מאָראַלישע אויטאָריטעט צו פֿאַרקרימען זאַכן אין אַזאַ געפֿערלעכן ענין.[104] שלאָנסקי פֿאַרענדיקט זײַן נאָטיץ מיט אַ רעטאָרישער שאלה: ,און ביאַליק, וואָס זײַנע אַרויס־זאָגן וועגן דעם ענין ווערן אַזוי צעקאַליעטשעט די לעצטע צײַט — פֿאַר וואָס שווײַגט ער?' (פּ״גל אויבן, קאַפּיטל דרײַ).

ביאַליק האָט איבערגעריסן זײַן שווײַגן אין אַ בריוו, געדרוקט אין כּתובים, ערבֿ־פּסח תּרפּ״ח (4טן אַפּריל 1928) ז' 7. ער פֿאַרלייקנט לחלוטין דאָס וואָס עס ווערט אין זײַן נאָמען געזאָגט אין וואַרשעווער הײַנט, נומער 67.[105] ער שטרײַכט אונטער אַז ער האָט איגנאָרירט אַלע ציטאַטן וועגן דעם שפּראַכן־ענין וואָס זענען אים צוגעשריבן געוואָרן אין די צײַטונגען. ביאַליק איז מכריז ומודיע ,אויף קריק און אויף ווײַטער צו גלײַך', אַז מען טאָר זײַן שווײַגן ניט אויסטײַטשן ,הודיה דמיא'.[106]

ווי פֿריִער דערמאָנט, זענען די לעצטע עפּנטלעכע קלאַנגען פֿון דער פּאָלעמיק פֿאַרבונדן אויך מיט קלויזנערן. י״ח שבט תּרפּ״ח (9טן פֿעברואַר 1928) האָט כּתובים פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בריוו פֿון ש. ראָזענפֿעלד, אין נאָמען פֿון טאָג־רעדאַקציע. דער בריוו באַציט זיך צו קלויזנערס הכחשה, אַז ער האָט קיין מאָל ניט ,מתּיר געווען' אַ ייִדיש־קאַטעדרע אין העב־

רעיִשן אוניווערסיטעט.[107] ראָזענפעלד דערקלערט אַז דער טאָג האָט זיך אין דעם ענין סומך געווען אויף מאַגנעסעס עדותשאַפט.[108]

עס וואַרפט זיך אין די אויגן אַז ראָזענפעלדס בריוו איז געדרוקט געוואָרן אַן אַ דאַטע און אין דער צײַט ווען די ארץ־ישׂראלדיקע פּרעסע האָט שוין פון לאַנג אויפגעהערט זיך צו פאַרנעמען מיט דעם קאַטעדרע־ענין. עס קאָן גרינגלעך געמאָלט זײַן, אויפן סמך פון קלאָרע בײַשפּילן אין נאָענטן עבר,[109] אַז די רעדאַקטאָרן פון כתובים האָבן אין זינען געהאַט אַרײַנצוציִען קלויזנערן אין אַן עפנטלעכן אַרויסטריט, וואָס האָט במילא געדאַרפט פאַרשאַרפן די קאַמפּאַניע קעגן ביאַליקן.

און אָט טאַקע, י״ג אדר תרפ״ח (5טן מאַרץ 1928), איז אין כתובים פאַרעפנטלעכט געוואָרן קלויזנערס דעקלאַראַציע „בירור״. קלויזנער איז מודיע אַז ער האָט בשעתו זיך ניט אַנטקעגנגעשטעלט אַז אין יודאַיִסטיק־אינסטיטוט זאָל געלערנט ווערן אַ קורס וועגן ייִדישע לשונות. איצט האָט ער אויך גאָרניט קעגן אַזאַ פּלאַן, וואָס איז פאַרגעלייגט געוואָרן ,מיט מער ווי אַ יאָר צוריק׳.[110] קלויזנער האַלט אַז מען מוז אונטערשיידן צווישן אַן אָפּטייל פאַר אַלע שפּראַכן וואָס ייִדן האָבן גערעדט אין גלות און אַ ,ספּעציעלע קאַטעדרע׳ פאַר ייִדיש. עטאַבלירן אַ קאַטעדרע פאַר ייִדיש, מיינט מודה זײַן אַז ייִדיש, וואָס פאָדערט צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון ,דער איינציקער און בשותפותדיקער נאַציאָנאַלער שפּראַך׳, איז אַ יוצא־מן־הכלל צווישן די גלות־לשונות. די ייִדיש־קאַטעדרע וועט פאַר־וואַנדלט ווערן בעל־כרחו, וויסיק צי אומוויסיק, בכיוון אָדער ניט־בכיוון, אין אַ מיטלפּונקט פאַר ייִדישיסטן און אין אַן אײַנגרונט פאַרן ייִדישיזם אויך אין ארץ־ישׂראל. נאָר דעמאָלט ווען די ,ייִדישיסטישע אידעאָלאָגיע וועט אָפּגעשאַפט ווערן׳ אָדער ווען עס וועט אַריבער די טאָפּעלע סכּנה פון זשאַרגאָן אין לאַנד, הן מצד אגודת ישׂראל, הן מצד די מאָפּסן,[111] וועט מעגלעך זײַן אויפצושטעלן אַ ייִדיש־קאַטעדרע אין לאַנד.

מחוץ די עפנטלעכע אַרויסזאָגונגען, זענען די ווײַטערדיקע קאָנטאַקטן וועגן דער קאַטעדרע געפירט געוואָרן פּריוואַט. הרב הערצעס בריוו פון 27סטן יאַנואַר 1928 [112] באַווײַזט מאַגנעסעס מצב אין דעם קאַטעדרע־ענין. הרב הערץ שרײַבט מאַגנעסן, ווי דער פאָרזיצער פון קוראַטאָריום. ער באַדאַנקט אים פאַר זײַן באַריכט וועגן דער החלטה פון 6טן יאַנואַר און חידושט זיך ווי אַזוי דער ענין קען באַהאַנדלט ווערן אויף אַ פּאַסיקן אופן, אין אַן אַטמאָספער פון אַזאַ עפנטלעכער אויפרעגונג. הרב הערץ

באַטאָנט אַז ער איז פולשטענדיק דערפאַר, אַז די מײַנצער החלטה זאָל דורכגעפירט ווערן. ער גיט אָנצוהערן, אַז מען האָט די זאַך ניט געטאָרט אָפּוואַרפן. דער קוראַטאָריום איז די איינציקע אויטאָריטעט וואָס מעג וועגן דעם דעצידירן. דעריבער מוז מען די ירושלימער החלטה רעווידירן, אַניט וועט זיך שאַפן אַ כאַאָס אין דער קאָמפּעטענץ פון די פאַרשיידענע אוניווערסיטעט־אַנשטאַלטן.

אין דער זעלבער צײַט האָט מאַגנעס געפירט, אַליין און דורך פעליקס מ. וואַרבורג,[113] אַ קאָרעספּאָנדענץ מיטן פּאָטענציעלן מנדב ד. שאַפּיראָ. מאַגנעס איז געווען באַזאָרגט טאָמער וועט שאַפּיראָ זיך צוריקציִען פון זײַן פאָרלייג און געוואָלט אים אָפּהאַלטן דערפון. אויף אַזאַ אופן איז טאַקע געשריבן פ. מ. וואַרבורגס בריוו פון 11טן יאַנואַר 1928. אין זײַן ענטפער (13טן יאַנואַר), האָט שאַפּיראָ אויסגעדריקט זײַן אַנטוישונג פונעם ירושלימער באַשלוס. פאַקטיש איז דער ענין אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַן אומבאַשטימטן טערמין. ווייס ער ניט אַזוי ווי אַזוי ער וועט זיך ווײַטער פירן, היות מען האָט געביטן די באַדינגונגען לויט וועלכע די קאַטעדרע האָט געזאָלט צו שטאַנד קומען.

מאַגנעס האָט צו וויסן געגעבן שאַפּיראָן (24סטן יאַנואַר), אַז דער דירעקטאָר פון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק, ש. ה. בערגמאַן, גרייט צו פאַר דער ביבליאָטעק אַ רשימה ביכער, וואָס מען דאַרף אײַנשאַפן, ניט נאָר אין ייִדיש, נײַערט אויך וועגן ייִדיש, אויף פאַרשידענע לשונות. מאַגנעס האָט ווידער געשריבן צו שאַפּיראָן (26סטן מאַרץ), און זיך פאַרענטפערט אַז ער האָט ניט באַקומען זײַן בריוו פון 9טן יאַנואַר 1928. ווערדליק מאַגנעסן, האָט דער וויכוח דערוויזן אַז אין ארץ־ישׂראל זענען פאַראַן אַ סך מענטשן וואָס פאַרשטייען דאָס חשיבות פונעם פּראָיעקט. די שוועריקייט צו שאַפן אַ ייִדיש־קאַטעדרע איז אַ צווייפאַכיקע:

א. מען דאַרף געפינען אַ פּאַסיקן דאָצענט;

ב. מען דאַרף פריִער עטאַבלירן די פיר קאַטעדרעס, דערמאָנטע אין דער ירושלימער החלטה.

אין דעם פּרט איז די הויפּטפּראָבלעם די תּנך־קאַטעדרע.[114] מאַגנעס אָקצענטירט אַז עס לייגט זיך ניט אויפן שׂכל, אַז אַן אוניווערסיטעט וואָס גיט זיך אָפּ מיט דער פאָרשונג פון ייִדישקייט און פונעם ייִדישן פאָלק זאָל זיך ניט פאַרנעמען מיט ייִדיש. פון דעסטוועגן מוז מען האָבן געדולד, ווײַל אויף דעם שטח פאָדערט זיך צו דערציִען דאָס ייִדישע פאָלק.

שאַפּיראָ האָט געענטפערט דעם 18טן אַפּריל מיט אַ ניט־דערזאָגטער קריטיק אויף מאַגנעסן. ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף מאַגנעסעס עדות־שאַפט, אַז עס איז פאַראַן אַ פולע הסכמה וועגן דער קאַטעדרע. ווען ער וויס ווי די זאַך וועט זיך פאַרלויפן, וואָלט ער מסתמא ניט איינגעגאַנגען אויף דעם פאַרלייג. דעריבער האָט שאַפּיראָ געהאַלטן, אַז מען מוז באַשטימען אַ טערמין פון אַ יאָר צייט, כדי צו באַשליסן ענדגילטיק וועגן דעם ענין.

מאַגנעס האָט אים געענטפערט דעם 6טן מיי, אַז עס וועט זיין אַ טעות צו שטעלן אַ טערמין. פון דער צווייטער זייט, דאַרף מען פאָדערן פון אוניווערסיטעט, מען זאָל זיך באַמיִען „נאמנותדיק" צו שאַפן די קאַטעדרע. מאַגנעס האָט זיך אויך נאָכגעפרעגט צי שאַפּיראָ האָט אַ קאַנדידאַט פאַר פּראָפעסאָר פאַר די ייִדיש־לימודים.[115]

כדאַי צו דערמאָנען, אַז אַ קורצע צייט נאָך דער זיצונג פון 6טן יאַנואַר 1928, דעם 24סטן יאַנואַר, האָט מאַגנעס געשריבן צו קלויזנערן, אַז מען מוז פירן דעם קאַטעדרע־וויכוח „אָן איבעריקער אויפרעגונג און אָן פאַראורטלען און סטראַשונקעס". קלויזנער האָט אויף צו מאָרגנס געענטפערט, אַז ער איז מסכים מיט מאַגנעסן. איינצייטיק האָט ער געבעטן אויסצומיידן אַזעלכע אויסדרוקן, ווי „היסטעריע און יונגען"... וואָס „איר און ביאַליק האָבן באַנוצט".[116]

מען דאַרף באַמערקן, אַז קלויזנער האָט זיך געווענדט צו זיינע קאָלעגן אין אויסלאַנד בנוגע דער קאַטעדרע. עס קען גריילעך געמאָלט זיין, אַז ער האָט אַ טייל בריוו געשריבן אויך נאָך דער זיצונג פון 6טן יאַנואַר 1928.[117]

דער קאַטעדרע־ענין איז ווידער דיסקוטירט געוואָרן אויף דער זעקסטער פאַרזאַמלונג פון קוראַטאָריום (באַזעל, 21־22סטן אויגוסט 1928). דאָס ווערט דערמאָנט אין פּראָטאָקאָל צוויי מאָל. אויף ז' 4 ווערט געזאָגט, אַז קלויזנער איז ניט מסכים מיט מאַגנעסעס מעמאָראַנדום וועגן דער קאַטעדרע. אויף ז' 12 רעדט זיך וועגן אַ קאַטעדרע פאַר „ייִדישע שמעלץ־לשונות".[118]

אַ קאָמיסיע פון דריי מיטגלידער (פעליקס פערלעס, מאַרטין בובער און משה שור) [119] איז נאָמינירט געוואָרן, כדי איבערצוגעבן דעם קומענדיקן צוזאַמענפאָר אַ באַריכט מכוח דעם באַשטאַנד פון דער פאַרגעלייגטער

קאַטעדרע. צוויי פערזאָנען האָבן געשטימט קעגן אַזאַ קאָמיסיע: יוסף קלויזנער און דוד יעלין.

פאַר און נאָך דער זיצונג, האָבן קלויזנער און אוסישקין געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ, כּמעט דורכויס וועגן דעם קאַטעדרע־ענין. דעם 7טן אויגוסט האָט אוסישקין מודיע געווען קלויזנערן, אַז ער וועט ניט קענען פאָרן קיין באַזעל. ער האָט זיך אין בערלין געטראָפן מיטן ,יונגן מזא״ה' וואָס האָט אים דערציילט, אַז מאַגנעס האָט אים פאַרגעלייגט די יידיש־קאַטעדרע. אוסישקין האָט אים דערפון אָפּגערעדט און מזא״ה האָט צוגעזאָגט צו שרייבן מאַגנעסן אַז ער וואַרפט אָפּ דעם פּאָרלייג.[120] אוסישקין פּילט מיט קלויזנערס מצב אין באַזעל ,בפרט אויב ביליק [ביאַליק] וועט אַנטייל נעמען'. דעם 23סטן אויגוסט[121] האָט קלויזנער געענטפערט, אַז ער האָט געפּאָדערט צו באַטראַכטן פון דאָס ניי דעם מיינצער באַשלוס. דאָס רוב דעלעגאַטן האָבן ווידער געשטיצט דעם פּראָיעקט.

מאַגנעס האָט פאָרגעלייגט אַז מזא״ה זאָל לערנען יידיש אין ירושלים, אָבער די נאָמינביר־קאָמיסיע האָט זיין קאַנדידאַטור ניט דיסקוטירט. אַנשטאָט דעם זענען פּראָפּאָנירט געוואָרן ווי לערערס מ. מיזעס פון פּוילן און שלמה בירנבוים — ,פולשטענדיקע יידישיסטן'.[122] עס איז אויך אויס־געקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע פון דריי — ,אַלע פּאַר!'

להיפוך פונעם פּראָטאָקאָל (ז' 12), האַלט קלויזנער, אַז אויך הרב לוי[123] איז געווען קעגן דער קאָמיסיע. ווערטליך קלויזנערן האָט הרב לוי געזאָגט, אַז ביים היינטיקן ניט־סטאַבילן מצב פון העברעיש, איז אַ קאַטעדרע פאַר יידיש אין ירושלים אַ ,פּראָוואָקאַציע'. קלויזנער גיט צו ,אַז די סכנה איז אָפּגעלייגט, אָבער ניט אָפּגעשאַפט געוואָרן... עס איז אַ גליק וואָס ביאַליק איז ניט געקומען. אַניט וואָלט געווען נאָך ערגער'.[124] צום סוף גיט קלויזנער אָנצוהערן, אַז אוסישקין זאָל משפּיע זיין אויף מ. שור ער זאָל בייטן זיין קענטיק פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער קאַטעדרע.

דעם 5טן סעפּטעמבער האָט אוסישקין אויסגעדריקט זיין האָפענונג וועגן אַ ,נצחון... אויב מיר וועלן שטיין אויף דער וואַך און ניט מורא האָבן פאַר קיין מלחמה. איך בין גרייט צו דעם'.

דוד יעלין האָט געשריבן אוסישקינען, ט״ו אלול תרפ״ח, אַז דער ענין איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ יאָר אָדער צוויי, אָבער מיר וועלן

פון דעם ניט פּטור ווערן און די קאַטעדרע וועט סוף־כּל־סוף צו שטאַנד קומען.[125]

נאָך זײַן אומקערן זיך אין לאַנד, האָט קלויזנער געהאַלטן אַ רעפעראַט פאַר דער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע אין ירושלימער אוניווערסיטעט, ווו ער האָט איבערגעחזרט די טענה, אַז דער קוראַטאָריום האָט ניט געהאַט קיין רשות צו עטאַבלירן די קאַטעדרע. אַחוץ דער סברא, אַז דאָס צוגרייטן דאָס מבינות פון דער קאָמיסיע וועט אָפּלייגן דעם ענין אויף צוויי יאָר, גיט דער רעפעראַט גאָרניט צו צו דער אינפאָרמאַציע וואָס קלויזנער האָט געגעבן אוסישקינען אין אויגוסט 1928.[126]

צוויי פון די קאָמיסיע־מיטגלידער, פּערלעס און בובער, האָבן צוגע־שטעלט זייערע מסקנות אין אַפּריל 1929. שור האָט דאָס געטאָן פיר חדשים שפּעטער.[127] פּערלעס דערמאָנט אין זײַן איבערבליק די אַנט־וויקלונג פון די ייִדישע שמעלץ־לשונות און נעמט אין באַטראַכט ווי לימודים אין יודאַיסטיק־אינסטיטוט ייִדיש און לאַדינאָ. פונעם קוקווינקל פון פאָלקלאָר און געשיכטע, איז גאָר גרויס די וויכטיקייט פון אָט די שפּראַכן. די אונטערגאַנג־סכּנה וואָס טשאַטעוועט אויף זיי, פאַרשאַרפט די נייטיקייט אַז זייערע ווערטן זאָלן אָפּגעהיט ווערן אין אינסטיטוט. פּער־לעס שטופּט אין גאַנצן אָפּ די פּרעטענזיע אַז ייִדיש און לאַדינאָ קאָנקורירן מיט העברעיִש אין ארץ־ישׂראל. דאָס פאַרנעמען זיך מיט די דאָזיקע שפּראַכן, פאָדערט אַ שטרענג־וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג, ווײַט פון צײַט־ווײַליקע מחלוקתן. די ייִדיש־ און לאַדינאָ־פאָרשונג דאַרף צעטיילט ווערן אויף דרײַ שטחים: א. פילאָלאָגיע; ב. ליטעראַטור־געשיכטע; ג. קולטור־געשיכטע (דער מיין איז פאָלקלאָר).

מאַרטין בובער איז מסכּים מיט פּערלעסעס צעטיילונג. פון דעס־טוועגן האָט ער געהאַלטן פאַר נייטיק צו דערקלערן דעם דריטן פּונקט, וואָס פּערלעס האָט נאָר אָנגעוווּנקען. לויט בובערן, איז דאָס היסטאָריש־קולטורעלע חשיבות פון די ייִדישע שמעלץ־לשונות צווייפאַכיק; א. די דאָזיקע לשונות זענען דער אָביעקטיווער אויסדרוק פון דער פאַרשיידן־מיניקער קולטורעלער שעפערישקייט פון די ייִדישע תּפוצות און זיי באַטײַטן, זאַלבענאַנד, אַן אויסערגעוויינטלעכן היסטאָרישן פענאָמען. ב. אין דער ליטעראַטור וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין אָט די שפּראַכן, ליגט דער עיקרדיקער קוואַל פאַרן פאָרשן די קאָלעקטיווע שאַפונג פון פאָלק אויפן שטח פון אמונה און עס קומען אין איר צום אויסדרוק פאָלקסטימ־

לעכע פּירושים און באַארבעטונגען פון דער העברעיִשער ליטעראַטור [געמיינט די תּנך־ און תּלמוד־ליטעראַטור]. מען קען די קאָלעקטיווע יידישע שאַפונג פאַרשטיין נאָר דעמאָלט, ווען מען פאַרשטייט אַז אירע וואָרצלען שטאַמען פון אָט דער העברעיִשער ליטעראַטור.

ניט געקוקט דערויף זעגען די שמעלצשפּראַכן זייער וויכטיק, כּדי צו באַנעמען די געשטאַלטיקונג און אַנטוויקלונג פון יענער קאָלעקטיווער שאַפונג.

משה שור האָט פאַרגעלייגט, אַז די פאָרשונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19טן און 20סטן יאָרהונדערט זאָל געפירט ווערן אין די ראַמען פון דער העברעיִשער ליטעראַטור אין 19טן און 20סטן יאָרהונדערט און פון דער יידישער קולטור־פאָרשונג אין אָט די יאָרהונדערטער.

וועגן דער פאָרויסגעזעענער דיסקוסיע בנוגע דער יידיש־קאַטעדרע אין זומער 1929, דערוויסן מיר זיך פון מ. יהודאיס נאָטיץ, „הקתידרה ומבשריה!"[128] יהודאי שרייבט אַז עס איז אים באַקאַנט פון „גאָר באַגלייבטע קוואַלן"[129] וועגן דעם פאָרויסגאַנג פון דער יידיש־קאַטעדרע און וועגן דער מעגלעכקייט פון „אָפּגעטאַנענע פאַקטן". ער גיט צו אַז ניט העברעיִש און זשאַרגאָן, נייערט די קאַטעדרע און די זשאַרגאָניסטן זענען אַ זיווג מן השמים.[130] „סודותתפול און פאַרשלייערט ווערט געבויט אין לאַנד אַ נעסט פון סם פאַר אונדזער קולטור און שפּראַך און פאַר דער גאַנצער אויפלעבונג פון העברעיִש".

יהודאי רופט אַרויס אַלע העברעער אין דער גאָרער וועלט זיך צו גרייטן און מאָביליזירן, ניט פאַר קיין ביוראָ־דיסקוסיעס, נאָר פאַר אַ גרויסער מלחמה, גרעסער אפשר ווי די „עזרה־מלחמה".[131]

די דאָזיקע ידיעה, די איינציקע וואָס איז מיר באַקאַנט פון יענער צייט וועגן דער יידיש־קאַטעדרע, דערווייזט קלויזנערס און אוסישקינס זאָרג וואָס שייך דער מעגלעכקייט עס זאָל סוף־כּל־סוף באַשטימט ווערן אַן אָרט פאַר יידיש אין העברעיִשן אוניווערסיטעט. עס וואַרפט זיך אין די אויגן אַז יהודאיס נאָטיץ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן קורץ פאַרן זיבעטן צוזאַמענפאָר פון קוראַטאָריום (ציריך, אויגוסט 1929).

דעם 23סטן אויגוסט [1929] האָט אוסישקין געשריבן קלויזנערן:
„די פראַגע פון דער יידיש־קאַטעדרע איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויפן קומענדיקן יאָר. איך, טאָן, דייכעס, פריימאַן, יעלין און אין אַ באַשטימטער

מאָס ביכלער[132] זענען געווען קעגן דער קאַטעדרע. עס האָט זי דורכויס פאַרטיידיקט — בובער׳.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַז ,היות ווי קיין לערער איז לעת־עתּה ניטאָ,[133] וועט דער ענין דיסקוטירט ווערן פּרינציפּיעל אין קומענדיקן יאָר׳.

עס איז אויך אָנגענומען געוואָרן, אַז מאַגנעס וועט זיך באַמיִען איבערצוצײַגן שאַפּיראָן ער זאָל בײַשטײַערן דאָס געלט אויף אַן אַנדער קאַטעדרע. ,בובער האָט פאָרגעלייגט אַ קאַטעדרע פאַר [יידישער] פאָלק־לאָר־געשיכטע אין פאַרשיידענע לשונות. מאַגנעס איז אויף דעם אײַנגע־גאַנגען... איך קלער אַז פון דער יידיש־קאַטעדרע זענען מיר אין גאַנצן פּטור געוואָרן׳. צום סוף גיט אוסישקין צו: ,ביאַליק איז ניט געקומען קיין צירוך׳.

די לעצטע ידיעה וועגן דער יידיש־קאַטעדרע אין יענער צײַט איז מאַגנעסעס אַ בריוו צו אוסישקינען, פון 10טן יוני 1930.[134]

מאַגנעס שרײַבט אַז בעת זײַן קומענדיקן וויזיט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועט דער קאַטעדרע־ענין זיכער דערמאָנט ווערן. ס׳איז פאַראַן אַ חשש אַז שאַפּיראָ וועט זיך אָפּזאָגן פון זײַן בײַשטײַער און דאָס וועט שאַטן דעם אוניווערסיטעט, סײַ גײַסטיק, סײַ פינאַנציעל.[135]

מאַגנעס לייגט פאַר אַ צײַטווײַליקע לייזונג, וואָס וועט ניט אָנרירן די פּרינציפּיעלע פראַגע פון דער יידיש־קאַטעדרע. ווערליק זײַן פאָרלייג, האָט מען געזאָלט פאַרבעטן געלערנטע ווי דובנאָוו, באַלאַבאַן און שיפּער, אויף אַ ריי רעפעראַטן אין העברעיִשן אוניווערסיטעט, אויף טעמעס וואָס עס זענען וועגן זיי פאַראַן מקורים אין יידיש. אין אוניווערסיטעט־אַרכיוו איז ניטאָ קיין ענטפער אויף מאַגנעסעס ווענדונג.

אַ יידיש־קאַטעדרע אין ירושלים איז, ווי געזאָגט, געשאַפן געוואָרן אין 1951. אויף אַ מסיבה לכבוד דב סדנס עמעריטור אין 1971, האָט דער נײַער ראָש פון דער יידיש־קאַטעדרע, פּראָפ׳ חנא שמערוך באַטאָנט, אַז דב סדן, אַ יחיד במינו, האָט מיגלעך געמאַכט פונאַנדערצובויען, פאַרגרונטיקן און פאַרפולקומען די יידיש־קאַטעדרע אין ירושלים. די אומשטאַנדן אין וועלכע די קאַטעדרע איז אויפגעקומען און דער וויכּוח אַרום דעם — זענען אַן ענין פאַר־זיך.

הערות צו קאַפּיטל פיר

1. לויט ש. ה. בערגמאַן, ציט זיך מאַגנעסעס נאָענטער קאָנטאַקט מיט מיזרח־אייראָפּעישע ייִדן פון דער צײַט ווען מאַגנעס האָט געלערנט אין בערלין און הײַדעלבערג, אָנהייב 20סטן י״ה. זען: האנציקלופדיה העברית, ב׳ כ״ב, ז׳ 27. מען דאַרף אויך דערמאָנען, אַז מאַגנעסעס טאַטע איז געבוירן געוואָרן אין פּוילן. וועגן מאַגנעסן זען אויך Enc. Judaica (ירושלים), ב׳ 11, זז׳ 716—718.
2. זען: טאָג, 7טן נאָוועמבער 1927, ז׳ 1 און פ״גל ייִדישער אַרבעטער, 3 (1925) נומ׳ 7, זז׳ 10־11.
3. דאָס איז געטאָן געוואָרן לכּבוד דעם דרײַצנטן יאָרטאָג פון דער צײַטונג. זען: טאָג, דאָרט.
4. זען: טאָג, דאָרט ז׳ 5. מאַגנעסעס רעדע איז אויך געווען געדרוקט אין הצפירה, 27סטן דעצעמבער 1927, ז׳ 2.
5. קלויזנערס אַרכיוו געפינט זיך אין דער נאַציאָנאַלער און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים. די טעלעגראַם, דאָרטן, טעקע 544. איך באַדאַנק דעם אָפּטייל פאַר אַרכיוון און כּתבֿ־ידן אין ביבליאָטעק פאַרן דערלויבעניש זיך צו באַניצן מיטן אַרכיוו.
וועגן י. ג. עפּשטיין זען: תדהר, אנציקלופדיה לחלוצי הישוב, ב׳ 6 זז׳ 2489־2490. וועגן יעקב מאַן זען: Universal Jewish Enc. ב׳ 7, זז׳ 324־325.
6. זען: קלויזנער־אַרכיוו, טעקע 515. דעם זעלבן טאָג האָט מאַגנעסעס סעקרעטאַרשע באַשטעטיקט, אַז ער האָט באַקומען דעם פריער דערמאָנטן דעפּעש. זען אַרכיוו פון העברעישן אוניווערסיטעט, טעקע 14/3. איך דאַנק דעם פאַרוואַלטער פון אַרכיוו י. ריבלין, פאַר זײַן טירחה אָפּצוגעפינען די מאַטעריאַלן וואָס האָבן אַ שײַכות צו דער ייִדיש־קאַטעדרע.
7. זען: קלויזנער־אַרכיוו, טעקע 225. די טעלעגראַם איז געשריבן אויף ענגליש צוליב דעמאָלטיקע פּאָסט־רעגולאַציעס. זען דעם אָריגינעלן טעקסט אין צענטראַל־ציוניסטישן אַרכיוו, ירושלים, A 24, טעקע 783, אוסישקין־אַרכיוו. אַ דאַנק דעם ציוניסטישן אַרכיוו פאַרן דערלויבעניש זיך צו באַניצן מיטן אוסישקין־אַרכיוו. מיטן אָנדײַט אויפן „הילפספעראײַן״, מיינט אוסישקין דעם קאַמף געפירט אין לאַנד, סוף 1913, קעגן דעם פּלאַן צו לערנען אין חיפהר טכניון אויף דײַטש. זען מ. רינות חברת העזרה ליהודי גרמניה ביצירה ובמאבק, ירושלים תשל״ב זז׳ 184—234.
8. עס איז קלאָר אַז אוסישקין האָט זיך מיישב געווען מיט קלויזנערן וועגן צוציִען ביאַליקן צו זייער שטעלונג און אַז קלויזנער האָט אים געוואָרנט אַז דער דיכטער וועט ניט אַרויסטרעטן קעגן פּלאַן.
9. זען וויִיטער, זז׳ 150־151.
10. ביאַליק ציטירט לויט אבות ד, א און אבות דרבי נתן, כ״ג, א.ביידע בריוו געפינען זיך אין אוסישקין־אַרכיוו, טעקע 8 781, 782. דער צווייטער בריוו איז געדרוקט געוואָרן אין אגרות ביאליק (רעד׳ פ. לחובר), ב׳ 4, ז׳ כ״ז. אויף ווי ווײַט מיר איז באַקאַנט, איז דער ערשטער בריוו קיין מאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. וואָס שייך אוסישקינס בריוו, זען: ביאליק וסופרי דורו (רעד׳ מ. אונגרפלד) ת״א 1974, ז׳ 22. פ״גל אויך דאָרט זז׳ 22־23. און אגרות ביאליק, ב׳ 4, זז׳ רל״ז און רמ״ר־רמ״ז.

11. אוסישקין־אַרכיוו, טעקע 8, 784.
12. קלויזנער־אַרכיוו, טעקע 515.
13. זען, אויבן, קאַפּיטל 3.
14. קלויזנער־אַרכיוו, טעקע 291.
15. זען אויבן, ז׳ 143.
16. אין אוסישקין־אַרכיוו, טעקע 8, 783, געפינען זיך באַהאַפטן זײַנע, יעלינס און מאַגנעסעס דעפּעשן מיט אַן אויסגעמעקט קעפּל: ׳זײַט אַזוי גוט און דרוקט אָט דעם טעלעגראַמען־אויסטויש׳.
17. אויף דעם סמך קען מען פאַרשטיין די ידיעה אין **הארץ** פון 21סטן נאָוועמבער 1927, ז׳ 1 און דעם אַרטיקל אין **דבר** פון 29סטן נאָוועמבער, ז׳ 2, וואָס זענען באַשטימט געווען אײַנצוצוימען די פּאָלעמיק און באַרויִקן די קעגנערס פון פּראָיעקט.
18. פ״גל **הארץ**, 17טן נאָוומבער 1927, ז׳ 3. און אויבן, ז׳ 128.
19. אוסישקין־אַרכיוו, טעקע 8, 783. דער דאָקומענט איז רעדאַגירט אין זייער אַ שוואַכן העברעיִש. פ״גל ווײַטער, הערות 78 און 90.
20. מאַן ווערט דערמאָנט ווי אַ ׳גאַסט־פּראָפעסאָר׳. בײַם סוף פון לערניאָר האָט מאַן זיך אומגעקערט קיין אַמעריקע, זײַן שטענדיק וווינאָרט.
21. דער באַדינג איז אָנגענומען געוואָרן מיט פיר שטימען קעגן צוויי. ה׳ כסלו תרפ״ח (30סטן נאָוועמבער 1927), האָט יעלין געשריבן מאַגנעסן אַז דער תנאי וועט ניט דערמאָנט ווערן אין מאַגנעסעס פּאַרטרעטער־אַטעסטאַט, נאָר פּאַקטיש איז ער מחויב אים אויסצופילן. זען: אוניווערסיטעט־אַרכיוו, טעקע 14/3.
22. זען: דאָרט, דער בריוו איז דאַטירט 11/28 תרפ״ח [!].
23. באַנעט, שוואַבע און שלום האָבן זיך געלערנט אין דײַטשלאַנד (לויט די גרענעצן ביז 1939). בערגמאַן — אין פּראַג און מאיר אין ווין. פון די פינף איז נאָר מאיר געווען אַן „אַסטיודע״ (געבוירן אין סטאַניסלאַוו). וועגן גרשום שלום זען: Enc. Judaica (ירושלים), ב׳ 14, זז׳ 991־992 און קרסל, 2, 929—931; וועגן באַנעט, **דאָרט** ב׳ 4 ז׳ 161 און **דאָרט** ב׳ 1 ז׳ 299; וועגן בערגמאַן, **דאָרט**, זז׳ 614—616, און תדהר, ב׳ 4 זז׳ 1857־1858; וועגן מאיר זען **דאָרט**, ב׳ 11, ז׳ 1444 און תדהר ב׳ 5 ז׳ 2182. וועגן שוואַבע זען ווײַטער, הערה 35.
24. אונטערגעשטראָכן אין אָריגינאַל. דאָס זעלבע די ווײַטערדיקע אונטערשטרײַכונגען.
25. וועגן דעם, זען אויך דעם בריוו פונעם אוניווערסיטעט־סעקרעטאַר ש. גינצבערג (אחד העמס אַ זון) צו מאַגנעסן, 24סטן נאָוועמבער 1927. דער בריוו, געשריבן אין ענגליש, געפינט זיך אין אוניווערסיטעט־אַרכיוו, 14/3.
26. זען אויך **דאר היום**, א׳ אייר תרפ״ח; **הארץ**, 4טן מײַ 1927, ז׳ 4; **דאָרט**, 5טן מײַ 1927, ז׳ 1; *לשוננו*, כ״ח תמוז תרפ״ז, ז׳ ט״ו. עס וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז דער אינצידענט מיט בובערן איז פאָרגעקומען געציילטע טעג פאַר דער קאַמפּאַניע קעגן ביאַליקן. פ״גל אויבן, ז׳ 129.
27. פ״גל ש. פּיעטרושקאַס קאָרעספּאָנדענץ אין **טאָג**, 7טן יאַנואַר 1928.
28. זען **דאר היום**, ב׳ בחשון תרפ״ח ז׳ 2 און דאָרט, כ״ב בחשון תרפ״ט.
29. **תענית** כ״ו ב. מ. רבינזאָן האָט געחתמעט (**דאר היום** כ׳ חשון תרפ״ח, ז׳ 2) מיט זײַן פּסעוודאָנים, מהפך פשטא (זען: א. יערי, **קרית ספר** תרצ״ד־ה, ז׳ 300). וועגן רבינזאָן, זען: קרסל, 2 זז׳ 825־826.

30. עס וואָרפט זיך אין די אויגן די פּסדרדיקע באַציִונג פון די קעגנערס פון דער קאַטעדרע צו דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ.
31. זען: „במחתרת", דאר היום כ"ג חשון תרפ"ח, ז' 1. פ"גל אויבן, ז' 144 און ווײַטער ז' 156. וועגן א. א. פרידמאַן זען: קרסל, 2, ז' 660. אינעם זעלבן נומער דאר היום האָט דער ירושלימער אַפּצווײַג פון „גדוד מגיני השפה" פּאַרעפנטלעכט מיט קידוש־לבנה־אותיות אַ מאַניפעסט, ווו ס'ווערט גערעדט וועגן אַ סכנה פאַר דער ייִדישער קולטור (תרבות ישראל) און פאַר די פערציק יאָר העברעיִשער טעטיקייט אין לאַנד (געמיינט דאָס יאָר פון בן־יהודהס אָנקומען אין לאַנד). עס פאָדערט זיך אַן 'אָפּענסיוו' כּדי אויסצומײַדן דעם 'חילול הקודש' וואָס ווערט געטאָן דורכן פאַרקויפן 'דעם פאָלקס נשמה... פאַר הונדערט טויזנט דאָלאַר'. דאָרט, ז' 3, האָט עזמות געהעכערט דעם בײַשטײַער צו 200,000 דאָלאַר, וואָס וואָלטן בילכער געוועזן פאַרן 'גוססדיקן העברעיִשן חינוך'. עזמות האָט גערעדט דער אוניווערסיטעט־פאַרוואַלטונג זיך צו באַזאָרגן מיט נײַע שויבן, מחמת די דעמאָנסטראַציעס וואָס וועלן פאָרקומען קעגן דער קאַטעדרע. וועגן עזמות (י. קרניאל) זען: תדהר, 2, זז' 752־751.
32. זען: אוניווערסיטעט־אַרכיוו, טעקע 14/3.
33. פ"גל אויבן, זז' 143, 145, 152, 153, 156, 160, 162.
34. אוניווערסיטעט־אַרכיוו, דאָרט.
35. זען: דאָרט, דאָרט. אַ געבירטיקער פון האַלע, דײַטשלאַנד, ווו ער האָט דערוואָרבן זײַן העכערע בילדונג, האָט שוואַבע זיך נאָענט באַקענט מיטן מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, בעת די פינף יאָר (1920—1925), וואָס ער האָט געוווײַלט אין דער ליטע ווי אַ ייִדישער דערציִער. זען: תדהר, ב' ד, ז' 1863. אויך ד. צ. באַנעט האָט געלעבט אין דער ליטע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער האָט דערציילט פּראָפ' שמערוקן, אַז ווי אַ צענזאָר אין דער דײַטשער אַרמיי האָט ער געהאָלפן ז. רייזענען ווײַטער אַרויסצוגעבן אין ווילנע די לעצטע נײַעס. פ"גל: א.י. גאָלדשמידט, „די ייִדישע פּרעסע אין ווילנע צײַט דער מלחמה" אין פּנקס פאַר דער געשיכטע פון ווילנע אין די יאָרן פון מלחמה און אָקופּאַציע, ווילנע תרפ"ג, ז' 587. אַ דאַנק אַ. נאָוואָר־שטערן פאַרן אָנווײַזן מיר גאָלדשמידטס אַרטיקל.
36. זען אויבן, הערה 33.
37. זען אויבן, ז' 147.
38. הרב יוסף־הערמאַן הערץ, אייבעררבינער פון ענגלישן ייִדנטום און פאָר־זיצער פון קוראַטאָריום. זען: Enc. Judaica (ירושלים), ב' 8, ז' 398.
39. זען: אוניווערסיטעט־אַרכיוו, דאָרט. וועגן פּראָפ' נ. בענטוויטש, זען: תדהר, י"א, ז' 3859
40. זען: טאָג, 2טן דעצעמבער 1927, ז' 1.
41. נומ' ס"ד (21סטן דעצעמבער 1927) ז' 2.
42. פ"גל אויבן, קאַפּיטל דרײַ, ז' 146.
43. פ"גל אויבן, דרײַ, ז' 136. אינטערוויוּירט האָט דער קאָרעספּאָנדענט פון הײַנט אין א"י שׂמחה פּיעטרושקאַ. זען אויך טאָג, דעם 7טן יאַנואַר 1928. וועגן פּיעטרושקאַן זען: לעקסיקאָן 7, זז' 153—155.
44. די טענה איז אידענטיש מיט אוסישקינס אַרויסזאָג אין תרע"ח, אַז די באַוועגונג פאַרן אויפלעב פון דער העברעיִשער שפּראַך איז ניט קיין

'קולטורעל־פּעדאַגאָגישע', ניַיערט אַ 'פּאָליטישע באַוועגונג'. ביאַליק איז דער־מאָלט שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן אוסישקינס באַנעם און קעגן זיַין 'פּעלער־דיקן העברעיִש'. זען: הגנה, אודיסה, אב־אלול תרע"ח. פון אוסישקינס בריוו איבערציַיגט מען זיך אַז ביאַליקס קריטיק איז שטאַרק פּאַרגרונטיקט. פ"גל אויך אויבן, ז' 82.

45. ס'באַקומט זיך דער אײַנדרוק, אַז גאָלדבערג מיינט דעם בונד. דער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי אין וואַרשע, פאָלקסציַיטונג, האָט געדרוקט טאָקע דעם זעלבן טאָג אַ קורצן אַרטיקל „מען הנדלט זיך צו ייִדיש און מען באַרויִקט די הונ־דערט־פּראָצענטיקע העברעיִסטן". דער אַרטיקל מאַכט חוזק פון מאַגנעסעס דערקלערונג, אַז די ייִדיש־לימודים אין ירושלים וועלן געפירט ווערן בלויז אויף העברעיִש, מחמת דאָס וועט ניט באַרויִקן די 'העברעיִשע פאַשיסטן' פון „גדוד מגיני השפה". היות דאָס לעבן איז לטובת ייִדיש, דאַרף ייִדיש ניט מורא האָבן פאַר די הייליקע שטעקענער פון די גדודניקעס און נייטיקט זיך ניט אין דער וויסנשאַפטלעכער פאַרטיידיקונג פון אַן 'אָביעקטיוון' רעקטאָר. דעם 9טן דעצעמבער 1927, ז' 2, ברענגט די ציַיטונג אַן קאָמענטאַרן די נאָטיץ דערמאָנט אין הערה 63. פון דעם אַלעם איז קלאָר אַז די פאָלקסציַיטונג האָט דעם פּראָיעקט ניט אָפּגעוואָרפן.

46. זען: 'דער ייִדישער פאַקולטעט אין דעם העברעיִשן אוניווערסיטעט'. דאָס ייִדישע וואָרט (וויניפּעג) 15טן נאָוועמבער 1927. אינעם באַריכט אין טאָג פון 7טן נאָוועמבער ווערט ניט דערמאָנט אַז מאַגנעס האָט געלייענט אַ צו־געגרייטע רעדע.

47. 'אַרום דער ייִדישער קאַטעדרע', דאָרט, 28סטן דעצעמבער 1928, זז' 3־4. אַ פאַרגליַיך צווישן אַט דעם אַרטיקל און חיים גרינבערגס רעדע אויף דער מסיבה לכּבוד דעם גרינדן די ייִדיש־קאַטעדרע אין ירושלים אין 1951, די גאָלדענע קייט נומ' 11, ז' 193 פאַרגרונטיקט די השערה אַז גרינבערג האָט טאָקע דער אַרטיקל אָנגעשריבן (פ"גל וויַיטער, הערה 101). אַ טייל פון די ביז איצט דערמאָנטע אַרטיקלען געפינען זיך אין דער נאַציאָנאַלער און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים (קד"ש, טעקע 461). אַ האַרציקן דאַנק רפאל וויַיזערן פאַרן ווענדן מיך צו דעם דאָזיקן מקור. אין אוניווער־סיטעט־אַרכיוו איז פאַרשריבן, אַז די טעקע 129 — וואָס איז היַינט ניט בנימצא — איז כּולל פּרעסע־אויסשניטן וועגן דער ייִדיש־קאַטעדרע. עס קאָן געמאָלט זיַין, אַז ביידע טעקעס זענען היַינו־הך.

48. זען אויבן, הערה 31.

49. וועגן דעם ענין זען אויבן, קאַפּיטל צוויי, זז' 83, 86.

50. עטלעכע ייִדענעס פון סלאַנים אָדער ראַדאָם מיט אַ צאינה וראינה און דריַי־גראַשענע מעשה־ביכלעך, אָדער אַנאַלפאַבעטקעס גאָר, וועלן זיַין אַ גרעסערער ייִדישיסטישער פאַקטאָר אין א"י, איידער טוזנטער סטודענטן אין דער ייִדיש־קאַטעדרע. פון דעסט וועגן וועט אַפילו קלויזנער ניט פאָדערן אַז דער אימיגראַציע־ביוראָ זאָל זיי ניט אַריַינלאָזן אין לאַנד ביז זיי וועלן זיך אויס־לערנען רעדן העברעיִש...

51. פ"גל אויבן ז' 153.

52. זען: בן־ציון גאָלדבערג, 'אַרום דער ייִדישער וועלט', טאָג, נאָוועמבער 1927, ז' 5. דעם 8טן נאָוועמבער (דאָרט, ז' 4), האָט גאָלדבערג באַגײַסטערט באַ־

שריבן די פײַערלעכע שטימונג וואָס האָט געהערשט אויפֿן באַנקעט פֿון טאָג, ווו עס זענען בײַגעווען פֿאַרטרעטער פֿון אַלע ניו־יאָרקער ייִדישע צײַטונגען.

53. 'די נײַע רעטער פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור', פֿרײַהייט, 27סטן נאָוועמבער 1927, ז' 6. וועגן שכנא עפּשטיין, זען: לעקסיקאָן 7, זז' 26—28.

54. אַזאַ עקזעמפּלאַר איז פֿאַראַן אין אוניווערסיטעט־אַרכיוו, 14/3.

55. אַן אַנצוהערעניש אויף אברהם רייזענען, וואָס איז געווען אויפֿן באַנקעט. זען גאָלדבערגס אַרטיקל דערמאָנט אין הערה 52.

56. עפּשטיין איז אויסן דעם מיין אויסצופֿאָרשן דעם ייִדישן הומאָר אויף דער קאַטעדרע. פֿ"גל אויבן, ז' 169.

57. אין זײַן רובריק 'טאָג איין טאָג אויס' (פֿרײַהייט, 7טער דעצעמבער 1927), מאַכט 'אַמכאָ' חוזק פֿון טאָג, הלמאַי די צײַטונג האָט איבערגעגעבן וועגן דער אָפּאָזיציע צו דער קאַטעדרע נאָר אין איר ענגלישן טייל. 'אַמכאָ' באַטאָנט, אַז אַזוי ווי די לייענערס פֿון טאָג קענען ניט קיין ענגליש, פֿאַרשטעקט דאָרטן די רעדאַקציע די פֿאַקטן וואָס זענען איר ניט אײַנגענעם. לויט מײַן מיינונג, איז ניט מעגלעך אַז 'אַמכאָ' האָט ניט געוווּסט, אַז אין טאָג האָט מען וועגן דעם געשריבן אויך אויף ייִדיש. פֿ"גל אויבן, הערה 40, און 'ווידער אין קאַמף', טאָג, 9טן דעצעמבער 1927. עס האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן צו דעשיפֿרירן דעם פּסעוודאָנים 'אַמכאָ'. ניט אויסגעשלאָסן אַז דאָס איז ש. עפּשטיין גופֿא.

58. זען: A. A. Greenbaumm, Jewish Scholarship in Soviet Russia, Jerusalem, 1978, chap. 2.
זען אויך: וויסנשאַפֿטלעכע יאָרביכער, מאָסקווע 1929, זז' 253—255. אַ דאַנק א. גרינבוים'מען פֿאַרן אָנווײַזן מיר די כראָניק אין וויסנשאַפֿטלעכע יאָרביכער.

59. זען: ייִוואָ־בלעטער 7 (1934), זז' 163־164. אין אַ בריוו פֿון ט' תשרי תשל"ז, האָט פּראָפֿ' שלמה א. בירנבוים מיר איבערגעגעבן אַז קיין פֿאַרשאַרבעטן זענען ניט געפֿירט געוואָרן אין האַמבורג. אַ האַרציקן יישר־כּוח פּראָפֿ' בירנבוים פֿאַר זײַן אינפֿאָרמאַציע.

60. די רעדאַקציע האָט צוגעגעבן צו דער נאָטיץ איין וואָרט: 'באַרבאַרן'. זען דאָרט, 1927, ז' 995 און פֿ"גל אויבן, ז' 128.

61. זען: האַרץ, 4טן דעצעמבער 1927, ז' 1: זען: Jüdische Rundschau 13טן דצעמבער 1927, ז' 694.

62. עס ווערן דאָרטן אויך דערמאָנט די פּערזאָנען וואָס זענען בײַגעווען אויף דער זיצונג. אַ פֿולערע רשימה האָט געדרוקט דאר היום דעם 10טן יאַנואַר 1928. די רשימה איז כּולל די ווײַטערדיקע נעמען: ד"ר הערץ, פֿאַרזיצער; פּראָפֿ' ביכלער פֿון ענגלאַנד; דער אייבעררבּינער ד"ר לוי און הרב ליבער פֿון פֿראַנקרײַך; א. פֿרײַמאַן און מ. בובער פֿון דײַטשלאַנד; הרב שור און מ. באַלאַבאַן פֿון פּוילן; ד"ר קראַוס און ד"ר דיזנדרוק פֿון עסטרײַך; ד"ר בראָדי פֿון טשעכיע און ד"ר שלעסינגער, פֿאַרטרעטער פֿונעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט פֿון יודאַיסטיק־אינסטיטוט.

63. זען: האַרץ, ז' 1. אויף צו מאָרגנס האָט דבר, ז' 1, איבערגעגעבן אַז שאַפּיראָ איז מנדב אייגענע 100,000 דאָלאַר פֿאַר דער קאַטעדרע.

64. זען אויבן, הערה 33.

65. פֿ"גל אויבן, זז' 148, 152, 164, 165, 171.

66. פֿג"ל אויבן, ז' 150.

67 זען: טאָג, 5טן יאַנואַר 1928; האַרץ, 2טן יאַנואַר 1928; דאר היום, 4טן יאַנואַר

1928. דער ערשטער נוסח פונעם פּלאַקאַט איז פאַראַן אין אוניווערסיטעט־אַרכיוו, 14/3.

68. דאָרט, ז' 4, „קתידרה לאידיש". עס האָט זיך מיר ניט איינגעגעבן צו דע־שיפרירן דעם פּסעוודאָנים 'סופר סתם'.

69. דעם 20סטן יאַנואַר האָט דער ריכטער משה לבנון, פאַרזיצער פון קאָמיטעט לטובת „גדוד מגיני השפה" אין ירושלים, געשריבן צו אוסישקינען און אים געבעטן זיך צו באַמיִען אַז דער ירושלימער אָפּטייל פון „גדוד" זאָל באַקומען אַ פּערמאַנענטע חודשדיקע שטיצונג פון 10לא"י. כדי צו פאַרגרונטיקן די בקשה, שטרייכט אונטער ריכטער לבנון, אַז די וויכטיקייט פון „גדוד" איז דערוויזן געוואָרן 'די לעצטע טעג אין שייכות מיט דער געוויסער קאַטעדרע'. זען: אויסשקין־אַרכיוו, טעקע 8, 832.

70. דעם זעקסטן יאַנואַר 1928, האָט ראובן כּצנעלסון געשריבן מאַגנעסן, אַז ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון זיין אַמט, ווי אַ קאַסירער פונעם קאָמיטעט לטובת „גדוד מגיני השפה" אין ירושלים, נאָך דעם ווי די דערקלערונגען וואָס ער האָט געפאָדערט וועגן דער מודעה פון „גדוד" (פ"גל אויבן, הערה 31), האָבן אים ניט באַפרידיקט. כּצנעלסון שטרייכט אונטער, אַז ער שרייבט זיין בריוו 'ביט נאָר ווי אַ פּראָטעסט קעגן די אומפאַראַנטוואָרטלעכע מעשים וואָס זענען פאָרגעקומען בעת מאַגנעסעס אומקערן זיך אין לאַנד, נאָר כדי צו באַטאָנען אַז אַ סך אַנהענגערס פון העברעיִש אין ארץ־ישראל באַציִען זיך מיט סימ־פּאַטיע צו דעם שאַפן פון אַזאַ וויכטיקער און וואָרטפּולער קאַטעדרע'. מאַגנעס האָט אים געענטפערט דעם 12טן יאַנואַר 1927 [1928] און באַדויערט די 'נידע־ריקע מדרגה פון בלינדן שאָוויניזם מצד אַ טייל יִשוב אין א"י'. זען: אוני־ווערסיטעט־אַרכיוו, 14/3. וועגן כּצנעלסון זען: תדהר, ב' 1, זז' 305־306.

71. פ"גל אויבן, זז' 144 און 180. די אומפּינקטלעכקייט אין דער דאַזיקער דאַטע איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן גאַנצן וויכּוח וועגן סטאַטוס פון יִדיש אין א"י.

72. דער דאָקומענט איז געשריבן אויף אַ שרייבמאַשין. די דאַטע און די אונטער־שריפטן צוגעגעבן צום סוף, זענען געשריבן מיט דער האַנט. ער געפינט זיך אין אַרכיוו פון י. נ. עפּשטיין (נאַציאָנאַלער און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים). דער אַרכיוו איז איבערגעגעבן געוואָרן מיט אַ צייט צוריק אין ביבליאָטעק און איז נאָך ניט אויססאָרטירט. אַ וואַרעמען דאַנק רפאל ווייזערן, פאַרן אָנווייזן מיר אויף עפּשטיינס אַרכיוו.

73. דער הויפּטטייל פון אַרכיוו איז אין באַזיץ פון דער היסטאָרישער געזעלשאַפט אין ישראל. אַן אַנדער טייל געפינט זיך אין נאַציאָנאַלער און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק.

74. פ"גל אויבן, הערה 33.

75. אַ כמעט אידענטישער אויסדרוק געפינט זיך אין קלויזנערס אויטאָביאָגראַפיע, דרכי לקראת התחיה והגאולה, (צווייטע אויפלאַגע), ז' 189.

76. אויבן, ז' 162.

77. ד"ה הרב הערץ.

78. כ"ג טבת תרפ"ח, דעם 27סטן יאַנואַר 1928, האָט ביאַליק געענטפערט אויף אַ בריוו פונעם אוניווערסיטעט־סעקרעטאַר, ש. גינצבערג. פון ביאַליקס תשובה איז קלאָר אַז גינצבערג האָט זיך פאַרענטפערט פאַרן שוואַכן העברעיִשן נוסח פונעם באַשלוס. פון 6טן יאַנואַר. (פ"גל ווייטער, הערה 90). ביאַליק רעדט

אין זײַן בריוו וועגן 'דער שווערער מלחמה אַרום יעדן קוצו של יוד אין יענעם באַשלוס'. זען: **אגרות ביאליק**, ב' 4, זז' ס"ז־ס"ח.

79. **ביאַליק שבעל פה**, „על הקתידרה ליידיש", כ"א תמוז תרצ"ה (22סטן יולי 1935), ז' 3. דער דאָזיקער נומער איז געווען געהייליקט ביאַליקס ערשטן יאָרצײַט.

80. פ"גל שוואָבעס רעדע אויף דער מסיבה לכבוד דעם גרינדן די יידיש־קאַטעדרע אין ירושלים, אין 1951, **די גאָלדענע קייט**, 11, זז' 188־189.

81. ווערליק ביאַליקן, וועט זיך יידיש האַלטן אין ראַטן־פאַרבאַנד ניט מער ווי פופציק יאָר.

82. זען: בערגמאַן־אַרכיוו, 1501 °4, נאַציאָנאַלע און אוניווערסיטעט ביבליאָטעק, טעקע 42, זז' 2—5, 12.

83. וועגן שמואל־בוך זען: ח. שמערוק, **ספרות יידיש: פרקים לתולדותיה**, תל־אביב תשל"ח, זז' 117—124, 130—132, 135.

84. שוואָבעס רעדע איז דערמאָנט געוואָרן אויבן, הערה 80. עס איז ניט מיגלעך אַז שוואָבע, וואָס האָט געדענקט יעדן באַטײַטיקן פּרט פון יענעם צוזאַמענטרעף, זאָל האָבן פאַרגעסן אַז קלויזנער האָט אין אים אָנטייל גענומען. עס ליגט זיך אויפן שׂכל, אַז מחמת די געשפּאַנטע באַציִונגען צווישן קלויזנערן און אַ טייל פון זײַנע קאָלעגן אין משך פון זײַן פינף און צוואַנציק־יאָריקער אַרבעט אין אוניווערסיטעט, האָט שוואָבע געוואָלט אויסמײַדן רײַבונגען מיט אים. מען דאַרף דערצו באַמערקן, אַז אַ קורצע צײַט איידערן שאַפן די קאַטעדרע, האָט קלויזנער געמוזט, צוליב זײַן עלטער, זיך עמעריטירן. ער האָט אין דעם געזען אַ שווערע עוולה: זען: **דרכי לקראת התחיה והגאולה**, 2, ז' 262. פ"גל דאָרטן, כ"ד, כ"ו, ל"א, ל"ד און ל"ז.

85. וועגן ביאַליקס באַציִונגען צו קלויזנערן זען: א. המאירי, **ביאַליק על אתר**, ת"א, תשכ"ב, זז' 122—125, 130 און קלויזנערס זכרונות (אויבן, הערה 84), זז' 100—102, 187־188. פ"גל אויבן, ז' 146.

86. וועגן שמריהו לעווין זען: **לעקסיקאָן**, 5, זז' 301—303.

87. פ"גל אויבן, הערה 30.

88. פ"גל אויבן, ז' 158.

89. כּצנעלסאָן גרײַפט אָן יענע משׂכּילים מיט אַ באַנעם פון 'מתושלחס צײַטן' וואָס דענקען אַז 'אַ זשאַרגאָן אָן גראַמאַטיק' איז ניט ווערט אָנצוקומען צו אַ פּראָפעסאָרן־טיש. די 'קאַרפּנקעפּ פון חכמת־ישראל, זינט צונץ און שטיינשנײַדער ביז דוד קויפמאַן און זייערע תּלמידים, האָבן אַנדערש געטראַכט'. דעם אויפוואַרף אַז יידיש האָט ניט קיין גראַמאַטיק און קיין ריכטיקע אָרטאָגראַפיע האָט אַרויסגעזאָגט י. אייגער („רעש שווא", **דאר היום**, כ"ז כסלו תרפ"ח). פ"גל די ידיעה וועגן דער קאַטעדרע אין דער עקסטרעם אַסימילאַטאָרישער צײַטונג Jewish Guardian (לאָנדאָן), 13טן יאַנואַר 1928.

90. **דבר**, 10טן יאַנואַר, ז' 2. פ"גל אויבן, הערה 78. זכּאי טרעט אַרויס אין זײַן נאָטיץ קעגן קלויזנערן און דעם „גדוד מגיני השפה".

91. אוניווערסיטעט־אַרכיוו 14/3. דאָס וואָרט העברעער איז אונטערגעשטראָכן אין אָריגינאַל.

92. פ"גל אויבן, הערה 65.

93. דניאל לייבל? די גרויסע קענטעניש וואָס דער מחבר ווײַזט אַרויס, שטימען מיט לייבלס אינטעלעקטועלע פעיִקייטן. לייבל איז דעמאָלט געווען קאָרעקטאָר

אין **דבר**. וועגן לייבלען זען: תדהר, ב׳ ד, זז׳ 1881־1882 און **לעקסיקאָן** 4, זז׳ 104־105. דער אַרטיקל איז געווען געדרוקט אין דער איינמאָליקער אויס־גאַבע פון לינקע פועלי־ציון אין לאַנד, **אַרבעטער פירער** (21סטן יאַנואַר 1928), זז׳ 21—26.

94. וועגן י. ח. טביוב זען: רייזען, 1, זז׳ 1151—1153. פ״גל קרסל, 2, זז׳ 2־3.

95. צ. פ. חיות ווערט בפירוש דערמאָנט אינעם אַרטיקל. וועגן דעם ענין חיות זען: **אגרות ביאליק**, ב׳ 3, ז׳ רמ״ה.

96. בן־ציון גאָלדבערג איז אין טאָג אַרויסגעטראָטן זייער סאַרקאַסטיש קעגן „גדוד״ („הורא פאַרן גדוד״, 10טן יאַנואַר 1928, ז׳ 4). ש. ניגער האָט אומ־דירעקט רעאַגירט אויף דער פראַגע, **דאָרט**, דעם 14טן יאַנואַר 1928 („׳אידיש, לאַדינאָ און נאָך אַנדערע דיאַלעקטן׳). ניגער האַלט אַז מען קען ניט אַוועק־שטעלן יידיש אין איינעם מיט די אַנדערע יידישע לשונות און דיאַלעקטן. פונעם לינגוויסטיש־פאָרשערישן שטאַנדפּונקט איז צווישן זיי ניט קיין נפקא־מינה, נישמער זייער חשיבות איז אַנדערש צוליבן אונטערשייד אין זייערע ראָלן אין דער שאַפונג און אין דער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק. פון אַזאַ קוקווינקל — די איינציקע שפּראַך וואָס קען זיך פאַרגלייַכן צו יידיש איז אַראַמיש.

97. זען אויבן, זז׳ 166־167.

98. זע **הארץ**, 16טן יאַנואַר 1928, ז׳ 1.

99. **דאָרטן**, 16טן יאַנואַר 1928, ז׳ 1. דאָס איז דער איינציקער דאָקומענט וואָס דערמאָנט אַזאַ פּאַסירונג. מאַגנעסעס ענטפער איז געווען אַ נעגאַטיווער.

100. ביאַליק האָט דאָ געבויט אַ וואָרטשפּיל, ׳נתעברה׳: איז טראַגעדיק געוואָרן. פ״גל אויבן, ז׳ 124.

101. אַ וואָך שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטיקל וויכוח צווישן מ. בנאל און ד. זכאי. בנאל (**הארץ**, 30סטן יאַנואַר 1928, ׳פולסין של דיו׳) האָט גע־שריבן אַז די פּראָטעסטן פון די לינקע פועלי־ציון אין א״י און דער אַרטיקל ׳ארום דער יידישער קאַטעדרע׳ — וואָס זענען געוואָנדן קעגן דער החלטה פון 6טן יאַנואַר — זענען ׳אַ קנעכטשאַפט פון פרייַהייט׳ (בנאל איז זיך דאָ טועה מיט אַ פעלער וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּאָלעמיק וועגן יידיש אין ארץ־ישראל: ׳ארום דער יידישער קאַטעדרע׳ איז געווען פאַר־עפנטלעכט מיט עטלעכע וואָכן פאַר דער החלטה).
ד. זכאי (**דבר**, 1טער פעברואַר 1928, „קצרות״) שרייַבט אַז חיים גרינבערג איז דער מחבר פון אויבן דערמאָנטן אַרטיקל. (פ״גל אויבן, זז׳ 156־157). ער שטרייַכט אונטער אַז בנאלס טענה, אַז די שטעלונג פון **דבר** צו דער קאַטעדרע איז מושפּע געוואָרן פון דער געלט־קאַמפּאַניע וואָס די הסתדרות האָט דעמאָלט אָנגעהויבן אין אַמעריקע, האָט ניט קיין יסוד. בנאל האָט גע־ענטפערט דעם 8טן פעברואַר, אַז ער האָט וועגן אַזאַ זאַך בכלל ניט געשריבן.

102. רעוועלסקי איז דער רעדאַקטאָר און שפּראַכפאָרשער י. אַבינרי. זען: קרסל, ח, זז׳ 8־9. דער בריוו און די קאָפּיע זענען פאַראַן אין קלויזנער־אַרכיוו, טעקע 473. אַבינרי האָט פאַרעפנטלעכט די קאָפּיע אָן שינויים אין **לוח הקואופרציה**, ז. (תש״ך), זז׳ 350—353.

103. **שופטים** ט, ד. אַבינרי שטרייַכט אונטער אַז ביאַליק האָט דערמיט געמיינט בפירוש די העברעישע לערערס. היות ווי דער דערמאָנטער אויסדרוק האָט דערוועקט פּראָטעסטן, האָט ביאַליק זיך פון אים אָפּגעזאָגט.

104. ביאַליק האָט ווידער דערקלערט זײַן שטעלונג צו דעם שפּראַך־ענין אין אַ בריוו וואָס איז אַרײַן אין אגרות ביאַליק, ב׳ 4, זז׳ פּד־פּ״ה. פאַרגלײַך ח. נ. ביאַליק, דברים שבעל פּה. תל־אביב, תרצ״ה, ב׳ 1, זז׳ י״ט־כ; ב׳ 2, זז׳ קמ״ב—קנ״ז.

105. זען דעם אינטערוויו מיט אים וואָס שמחה פּיעטרושקאָ האָט דאָרטן פאַר־עפנטלעכט דעם 10טן מאַרץ 1928.

106. ביאַליק האָט אויך ניט רעאַגירט אויף דער נאָטיץ אין דאר היום פון ד׳ טבת תרפ״ח, ז׳ 3, אין וועלכער עס ווערט איבערגעגעבן אַז נ. האָט אַנגעלאָדן דעם דיכטער. נ. האָט באַשולדיקט ביאַליקן אַז ער האָט אים באַליידיקט, נאָך דעם ווי ער האָט אַנגעוויזן ביאַליקן און ראַווניצקין, הלמאַי זיי ״רעדן זשאַרגאָן אויף אַ קול אויף אַלענבי־גאַס״. זען ביאַליקס ווערסיע וועגן דעם אינצידענט אין אגרות ביאַלק ב׳ ד, זז׳ נ״א־נ״ב.

107. זען אויבן, ז׳ 154. וועגן ראָזענפעלדן זען: רייזען, ב׳ 4, זז׳ 169—176.

108. זען אויבן, הערה 33.

109. זען אויבן, ז׳ 136.

110. קלויזנער איז סותר זײַן אייגענע הויפּט־אַרגומענטאַציע, אַז דער ענין איז קיין מאָל ניט אַרומגערעדט געוואָרן אין אינסטיטוט.

111. וועגן מפ״ס, זען קאַפּיטל איינס.

112. אוניווערסיטעט־אַרכיוו, טעקע 139. דער בריוו איז געשריבן אויף ענגליש.

113. וועגן פּ. מ. וואַרבורג זען Enc. Judaica (ירושלים), ב׳ 16, זז׳ 282—284.

114. פּ״גל אויבן, ז׳ 164.

115. די קאָרעספּאָנדענץ געפינט זיך אין אוניווערסיטעט־אַרכיוו, טעקע 14/3. די בריוו זענען געשריבן אין ענגליש.

116. זען: קלויזנער־אַרכיוו, טעקע 516 און אוניווערסיטעט־אַרכיוו, טעקע 126.

117. אין קלויזנערס אַרכיוו זענען ניט פאַראַנען קיין קאָפּיעס פון יענע בריוו. עס געפינען זיך יאָ (טעקע 449 א׳, 427 און 402) די ענטפערס פון פעליקס פּערלעס (27סטן נאָוועמבער 1927); אריה־לעאָן סימאָן (18טן יאַנואַר 1928) און יעקב קלאַצקין (1טן פעברואַר 1928). קלאַצקין שרײַבט, אַז ער האָט ניט קיין מורא פאַר ייִדיש. מיט דער קאַטעדרע פּטרט מען געלט אויף ״אַ בידנע דעמאָנסטראַציע״, וואָס באַווײַזט דעם נצחון פון העברעיִש.

פּערלעס האָט געהאַלטן אַז די ״ייִדיש־תקופה איז פאַרבײַ״. סימאָן איז געווען פאַר דער קאַטעדרע, מחמת דער אינטעגראַלקייט פון דער ייִדישער קולטור און געשיכטע. דער אָנפירער פון דער קאַטעדרע דאַרף זײַן אַ מענטש וואָס זײַן ״העברעיִשע ריינקייט״ איז אָן אַ ספק. וועגן סימאָנען זען: קרעסל, 2, זז׳ 497־498; וועגן קלאַצקינען, דאָרטן, זז׳ 771—773; וועגן פּערלעסן זען: Enc. Judaica (ירושלים), 13, ז׳ 294.

118. זען: Lehrstuhl für Mischprachen דער פּראָטאָקאָל געפינט זיך אין עפּשטיין און קלויזנער־אַרכיוו. דער מעמאָראַנדום איז ניט פאַראַן אין די אַרכיוון וואָס איך האָב דורכגעקוקט.

119. וועגן משה שור זען: Enc. Judaica ב׳ 14, זז׳ 997־998.

120. וועגן סעדיה מאַז״ה זען: Jüdische Lexikon ב׳ 3, ז׳ 1417.

121. זען: קלויזנער־אַרכיוו, טעקע 225 און אוסישקין־אַרכיוו, טעקע 9, 939. קלויזנער האָט על־פּי טעות געשריבן 1923 אַנשטאָט 1928.

122. וועגן מ. מיזעסן זען: רייזען, 2, זז׳ 375—378 און לעקסיקאָן 5, זז׳ 566—569.

ווענן ש. א. בירנבוים זען: **דאָרט**, ב׳ 1, זז׳ 289—292; **דאָרט**, ב׳ 1, זז׳ 309—311. אין אַ בריוו פון 5טן פעברואַר 1976 שרײַבט פּראָפּ׳ בירנבוים אַז קיינער האָט זיך צו אים ניט געוואָנדן מיט אַזאַ פּאָרלייג, 1928.
אַ יישר־כּוח פּראָפּ׳ בירנבוימען פאַר זײַן טירחה צו שרײַבן מיר וועגן דעם ענין.

123. זען אויבן, הערה 62.

124. ביאַליק איז ניט געפאָרן קיין באַזעל ווײַל ער איז געווען קראַנק. זען **אגרות ביאַליק**, ב׳ ד,, ז׳ ק״נ.

125. אוסישקין־אַרכיוו, טעקע 9.

126. זען: „על ועידת המכון למדעי היהדות בבאזיל״, **הארץ**, ג׳ חשון תרפ״ט, 17טער אָקטאָבער 1928.

127. זען: קלויזנער־אַרכיוו, טעקע 518.

128. זען: **הגדוד**, ירושלים, תרפ״ט, ז׳ ד.

129. קלויזנער אָדער אוסישקין.

130. זען אויבן, ז׳ 124.

131. זען אויבן, זז׳ 144, 162.

132. זען: קלויזנער־אַרכיוו, טעקע 225. עס איז גרײַלעך געמאָלט, אַז אוסישקין מיינט דאָ יהושע טאָן (זען קרסל, 2, זז׳ 8־9). ש. דײַכעס Enc. Judaica ב׳ 5, ז׳ 1226. דוד ילין, אהרן פרײַמאַן (קרסל, **דאָרט**, ז׳ 666); אברהם־אַדאָלף ביכלער (**דאָרט**, זז׳ 224־225). לויט אוסישקינס עדותשאַפט קומט אויס אַז פרײַמאַן און ביכלער האָבן געביטן זייער שטעלונג פון סוף 1927. פ״גל אויבן, הערה 62.

133. דער אוניווערסיטעט־סעקרעטאַר ש. גינצבערג האָט ל׳ שבט תרפ״ט (10טן פעברואַר 1929) געבעטן הרב י״ל זלאָטניק צוצושטעלן אַ רשימה פון זײַנע פּובליקאַציעס כּדי מען זאָל קענען באַטראַכטן זײַן קאַנדידאַטור ווי אַ פּראָפעסאָר פאַר יידיש אין ירושלים. זען אוניווערסיטעט־אַרכיוו, טעקע 14/3. וועגן הרב זלאָטניק־אבידע, זען: **לעקסיקאָן** 1, זז׳ 4־5.

134. אוסישקין־אַרכיוו, טעקע 10, 1066.

135. מיט די געלטער פון שאַפירא־פאָנד האָט מען אײַנגעשאַפט ביכער אין יידיש פאַר דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק. זען גינצבערגס בריוו צו דער ביבליאָטעק־פאַרוואַלטונג, כ״ד תשרי תרפ״ט (8טן אָקטאָבער 1928), אוניווערסיטעט־אַרכיוו, טעקע 14/3.

קאַפּיטל פינף:

דער סטאַטוס פון ייִדיש און ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י, פון 1928 ביזן אַרויסגעבן די צײַטשריפט פון לינקע פועלי־ציון אין א״י, נײַוועלט, 1934

דער אָנפאַל אויפן קלוב פון לינקע פועלי־ציון אין תל־אָביב (שמחת־תורה תרפ״ט — אָקטאָבער 1928), און דאָס אַרויסגעבן נײַוועלט, באַשטימען די כראָנאָלאָגישע געמאַרקן פון דאָזיקן קאַפּיטל.

דער ערשטער וויכּוח דאָ דערמאָנט, האָט נאָך געהאַט אַ גרויסן עפנטלעכן אָפּקלאַנג. נאָך דעם, ווערט די פּאָלעמיק אײַנגעשרומפּן און פאַרבונדן מיט צוויי ראַנדיקע פאַקטאָרן אינעם פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן פון א״י, לינקע פועלי־ציון און די גרופּע ארץ־ישראלדיקע ייִדיש־שרײַבערס, וואָס האָבן געשאַפן און געדרוקט ייִדיש־ליטעראַטור אין לאַנד. די דאָזיקע גרופּע האָט פון צײַט צו צײַט אַרויסגעגעבן קלײנע בראָשורן וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן, דערעיקרשט, מיט ליטעראַטור. די באַמערקן דאָרטן וועגן אײַנשטעל כּלפּי ייִדיש אין לאַנד זענען געווען טפּלדיק. דער דאָזיקער קאַפּיטל שליסט זיך אָפּ מיטן אַרויסגעבן נײַוועלט, ווײַל דאָס איז דער ערשטער פּעריאָדישער אויסגאַב אין א״י וואָס איז אַרויס, כּסדרדיק, אַ לענגערע צײַט.[1] נײַוועלט מאַכט מיגלעך איבערצובליקן די פּעולה פון די קרײַזן וואָס האָבן געשטרעבט צו פאַרגרונטיקן און פאַרשטאַרקן ייִדיש אין ארץ־ישראל.

1. דער אָנפאַל אויפן קלוב פון לינקע פועלי־ציון אין תל־אביב

די העברעיִשע פּרעסע האָט כ״ג תשרי תרפ״ט (7טן אָקטאָבער 1928) איבערגעגעבן, אַז די נאַכט פון שמחת־תורה האָט זיך אין תל־אָביב ׳געטומלט׳. דער טעגלעכער דאר היום האָט אויף דער ערשטער זײַט געשריבן, אַז מחמת זרובבלס וויזיט אין לאַנד און ׳אין שײַכות מיט דעם

25סטן יאָרטאָג פון זינט זיי האָבן אין וואַרשע דערקלערט יידיש פאַר דער שפּראַך פון די יידישע מאַסן,[2] האָבן לינקע פּועלי־ציון אָרגאַניזירט 'נצחון־מאַניפעסטאַציעס פאַר יידיש'.

דער פּרווו צעטרייבן די מאַניפעסטאַציע 'מיט גוטן', האָט זיך ניט איינגעגעבן. דריי מענטשן זענען פאַרווּנדיקט געוואָרן און מען האָט זיי געמוזט צופירן אין שפּיטאָל. אַ פּראָטעסט־מאַניפעסטאַציע פון לינקע עלעמענטן, שבתע־נאַכטס, איז פאַריאָגט געוואָרן דורך דער פּאָליציי. דאַר היום האָט ניט דערקלערט ווער האָט עס געוואָלט אויסמיידן די פּועלי־ציון־פאַרזאַמלונג 'מיט גוטן', נאָר פון אַ ידיעה געדרוקט דאָרטן אויף צומאָרגנס, דערוויסט מען זיך אַז אין פּתח־תקוה איז געווען אַ צוזאַמענשטויס צווישן בית"ר און לינקע פּועלי־ציון.

גאַנץ אַנדערש איז געווען דער באַריכט אין דבר. דבר האָט אָנגערופן די אָנגרייפערס 'פאַגראָמשטשיקעס' און צוגעגעבן אַז 'זינט מען האָט פאַרלייגט תל־אביב איז אַזאַ זאַך ניט פאָרגעקומען אין שטאָט'.

דבר שטרייכט אונטער, אַז לינקע פּועלי־ציון האָבן איינגעאָרדנט אַ ליטעראַרישן אָוונט, בלויז פאַר פאַרבעטענע מענטשן. די שפּראַך פונעם אָוונט האָט מען בכלל ניט דערמאָנט. ווען מען האָט אין זאַל געלייענט יידיש־פּאָעזיע, האָט זיך דערנענטערט צום בנין 'אַן אָרגאַניזירטע פּראָצעסיע פון בית"ריסטן און גדודיסטן'. די מאַניפעסטאַנטן האָבן געפּרוּווט זיך אַריינרייסן אין קלוב. היות ווי מען האָט זיך אַנטקעגן געשטעלט, האָבן זיי געשליידערט אויף די פאַרזאַמלטע ציגל און שטיינער. אַלעקסאַנדער און וועשער זענען פאַרווּנדיקט געוואָרן.[3] די אָנגרייפערס זענען אַנטלאָפן 'פייפנדיק'. דעמאָלט זענען אין קלוב אָנגעקומען צוויי יידישע פּאָליציאַנטן, אָנגעטאָן 'ציוויל'. לויט דבר איז זייער אָנקומען געווען אויסגעפּלאַנעוועט אין פאָרויס. 'פּונקט אַזוי ווי די פּאַגראָמשטשיקעס וואָס טענהן אַז יידן פאַרגראַמירן זיך אַליין', סטאַרען זיך די בית"ריסטן צו דערווייזן, אַז לינקע פּועלי־ציון 'האָבן זיך אַליין אָנגעגרייפט'.

כדי צו פאַרשטיין די דאָזיקע באַשולדיקונג, מוז מען געדענקען, אַז לינקע פּועלי־ציון האָבן זיך געהאַט צעשפּאָלטן וועגן דער צווייטער חדשים איידערן אָנגריף. מע דאַרף געדענקען אַז די שפּראַכן־פראַגע איז דעמאָלט געוואָרן ווי אַ מכריעדיקן גורם אין דער צעשפּאַלטונג.[4] עס איז דעריבער ניטאָ קיין ספק, אַז דער פאַקט וואָס ביי לינקע פּועלי־ציון איז געווען אַ העברעיסטישער פליגל, איז אויסגענוצט געוואָרן כדי צו דער־

קלערן אַז דער אָנגרייף איז פאַרגעקומען מחמת אַן אינערלעכן ריס צווישן לינקע פּועלי־ציון.[5]

דער טומל וואָס דער אָנפאַל האָט אַרויסגערופן אין תּל־אָביב, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין תּל־אָביבער שטאָטראָט. עס וואַרפט זיך אין די אויגן אַז בשעת הארץ און דבר האָבן געדרוקט פּרטימדיקע באַריכטן וועגן דעם וויכוח אין שטאָטראָט, האָט דאר היום דעם ענין פאַרשוויגן. אַלע רעדנערס האָבן געטאַדלט די גוואַלד־מעשׂים, אַחוץ ד״ר בוגראַשאָוו.[6] לויט דבר האָט בוגראַשאָוו קריטיקירט די אָנגרייפערס בלויז פאַר זייער אַנטלויפן. בוגראַשאָווס פּרעטענזיע אַז זרובבלס וויזיט אין לאַנד האָט גורם געווען דעם אינצידענט, ׳איז געווען געצילט צו פאַרווישן דעם רושם פונעם אָנגרייף, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע געזעלשאַפטלעכקייט׳.

הארץ האָט דערמאָנט אַ פּרט וואָס איז וויכטיק כּדי צו פאַרשטיין די גאַנצע פּרשה. בוגראַשאָוו האָט אונטערגעשטראָכן ׳אַז ער האָט זיך דערוווּסט פון פאַרשיידענע מקורים — דבר בתוכם[7] — אַז לינקע פּועלי־ציון אין וואַרשע האָבן ׳פּאַגראַמירט קעגן העברעיִש בעת דער דריטער קאָנפערענץ פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישׂראל׳. אויב מען וועט טאַדלען אַזעלכע מעשׂים, וועט ער, בוגראַשאָוו, טראַכטן וועגן טאַדלען דעם שׂמחת־תּורה־טומל.

די פאַרטרעטער פון אחדות־העבודה און הפּועל־הצעיר — וואָס זענען געווען די הסתדרות־פראַקציע אין שטאָטראָט — האָבן געהאַלטן אַז אַזעלכע גוואַלד־מעשׂים קענען ׳צעשטערן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן און פאַרשמוצן העברעיִש אין ארץ־ישׂראל׳. די רעוויזיאָניסטן האָבן געענטפערט אַז דבר און די הסתדרות־פראַקציע האָבן אָנגענומען ׳אומאחריותדיקע׳ און ׳פּראָוואָקאַטיווע׳ שריט בעתן באַשולדיקן דעם טרומפּעלדאָרבונד ׳אײדער זיי זענען געוואויר געוואָרן צי די קלאַנגען זענען אמת׳. לסוף האָט דער שטאָטראָט אָנגענומען עטלעכע באַשלוסן, אויף דער איניציאַטיוו פון דער הסתדרות־פראַקציע.

דער אינצידענט אין קלוב ווערט באַשריבן ווי אַ ׳כוליגאַנישן אָנפאַל... וואָס מאַכט דעם יִישוב צו שאַנד און שטעלט אין סכּנה די אַנטוויקלונג פון די געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען אינעם... יִישוב׳. דער שטאָטראָט האָט אָפּגעוואָרפן ׳מיט עקל׳ דאָס באַניצן כּוח כּדי אײַנצופירן העברעיִש אין לאַנד. אַזעלכע גוואַלד־מעשׂים קענען ׳שענדן דעם כּבוד

פון דער העברעישער שפּראַך און קולטור׳. מען האָט אויך באַשלאָסן וועגן אַ דריי־קאָמיסיע, וואָס האָט געזאָלט אויספאָרשן די באַשולדיקונגען קעגן בית״ר און גדוד מגני השפה, און בפרט, די פירונג פון יידישע פאָליציאַנטן בעתן אינצידענט. גלייכצייטיק האָט דער ראָט אַרויסגע־זאָגט אומצוטרוי לגבי דעם רעוויזיאָניסטישן פאָרשטייער וואָס האָט אָנגע־פירט די פאָליצײ־קאָמיסיע אין שטאָטראָט.

זיך מערקן אַז אַ פאַרלייג פון לינקע פועלי־ציון, מען זאָל טאַדלען די רדיפות קעגן יידיש אין א״י, איז אָפּגערופן געוואָרן מיט אַ מכריעדיקער מערהייט. די הויפּטקעגנערין פון פאַרלייג איז געווען די הסתדרות־פראַקציע. מען דאַרף צוגעבן, אַז אויף דער זיצונג איז וועשער אַרויס־געטראָטן מיט אַן אַרויסזאָג וואָס חזרט זיך אַ סך איבער בשעת דעם וויכּוח איבערן סטאַטוס פון יידיש אין א״י: ׳דאָס לעבן וועט טאָן זיינס און גורם זיין אַז יידיש זאָל הערשן אין לאַנד׳.[8]

די מסקנות פון דער דריי־קאָמיסיע [9] זענען געווען געדרוקט אין **דבר**, דעם 7טן נאָוועמבער 1928, ז׳ 3. די קאָמיסיע האָט אויסגעפאָרשט צי אַן אָרגאַניזירטע גרופּע, בשותפות מיט יידישע פאָליציאַנטן, האָבן אויס־געפּלאַנעוועט דעם אָנפאַל. זי האָט אויסגעהערט צענדליקער עדות: יידישע פאָליציאַנטן און מיטגלידער פון די דריי אָרגאַניזאַציעס וואָס זענען געווען פאַרמישט אינעם אינצידענט. ׳די אָנפירערשאַפט פון ברית־טרומפּעלדאָר, פון גדוד מגני השפה און אָפיצירן וואָס ווערן באַשולדיקט אין אָנטייל נעמען [אין דעם אָנגריף] און אַנדערע באַשולדיקטע האָבן זיך ניט באַוויזן׳ [פאַר דער קאָמיסיע].

פאַר דער קאָמיסיע זענען קלאָר געוואָרן די וויכטיקע פונקטן 1) דעם טאָג פון אָנגריף האָבן מיטגלידער פון גדוד דערציילט, אַז אין אָונט וועט זיין אַ טומל לעבן קלוב פון לינקע פועלי־ציון. 2) דעם זעלבן אָונט, איז אַ פאָלק פון פופצן גדוד־מיטגלידער צוזאַמען מיט אַכציק מאַן, וואָס זענען אידענטיפיצירט געוואָרן ווי ביתריסטן, אַרויס אין ׳מילי־טערישן סדר און מיט אַ מיליטערישער אָנפירערשאַפט׳ אין דער ריכטונג פון קלוב. 3) די עדות האָבן איבערגעגעבן נעמען פון אָנגרייפערס ׳וואָס זענען מיטגלידער פון גדוד און בית״ר. די נעמען זענען זיי געווען באַקאַנט, סיי פון די אָנגרייפערס גופא, סיי פון זייערע נאָענטע חברים׳.

אויפן סמך פון דער עדותשאַפט האָט די קאָמיסיע געדרונגען אַז דער גדוד און בית״ר האָבן דורכגעפירט אַ אין פאָרויס געפּלאַנעוועטן

אָנגריַיף. די אָנפּאַלערס האָבן געשריגן 'ס'איז גוט צו לעבן, ס'איז גוט צו שטאַרבן פאַר אונדזער לאַנד', און האָבן זיך באַניצט מיט 'ניט אַרטיקע שטיינער', ציגל, בענק און שטעקענער. די קאָמיסיע האָט געדרונגען אַז אַ יידישער פּאָליציאַנט מיטן נאָמען טענענבוים, איז געווען פאַרמישט אינעם אָנפאַל. מען האָט באַשלאָסן ווײַטער אויסצופאָרשן אַנדערע יידישע פּאָליציאַנטן, וואָס זייער בײַזײַן אויפן אָרט פונעם טראַף דערוועקט חשדים'.

איידער מען רעדט וועגן דעם עפנטלעכן וויכוח אַרום דעם אָנגריַיף, פאָדערט זיך צו דערקלערן עטלעכע ענינים אין שײַכות מיט צוויי אָרגאַ־ניזאַציעס וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער פּרשה: גדוד מגני השפה און לינקע פּועלי־ציון. עס איז אַ חידוש דאָס וועגן גדוד, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שם־דבר פון קעמפנדיקן אַנטי־יידיש אין לאַנד, איז ביז יעצט ניט געשריבן געוואָרן קיין איין מאָנאָגראַפישע פאַרשאַרבעט. מען דאַרף צוגעבן, אַז אין די יידישע ענציקלאָפּעדיעס איז ניטאָ קיין פּאָזיציע וועגן גדוד. עס איז ניט די עובדא פון אָט דעם בוך אַרומצורעדן די געשיכטע פון גדוד. דער מיין איז דאָ בלויז איבערצובליקן דאָס אָרט פון גדוד אינעם אויפלעב פון העברעיִש אין א״י, און זײַנע קעגנזײַטיקע באַציִונגען מיט לינקע פּועלי־ציון אין לאַנד.

מע דאַרף געדענקען אַז דער גדוד האָט געדרוקט צווישן תרפ״ד און תרפ״ט עטלעכע דינע בראָשורן, מיט זייער אַ באַגרענעצטן אינ־האַלט.[10] פאַרשיידענע פאַררופן אין די בראָשורן דערווײַזן אַז די מיטגלי־דער פון גדוד זענען געווען זייער יונג. דאָס רוב פון זיי, תּלמידים אין די העכערע קלאַסן פון די גימנאַזיעס אין תּל־אָביב און ירושלים.[11] קאָמיטעטן אין וועלכע עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן באַקאַנטע כּלל־טוער, האָבן געשטיצט דעם גדוד.[12] די געציילטע מאמרים אין די בראָשורן וואָס פאַרנעמען זיך מיט העברעיִשן און העברעיִשן סטיל, האָבן אָנגע־שריבן מענטשן וואָס זענען, משמעות, ניט געווען מיטגלידער אין גדוד, ווי אַ שטייגער דער לעקסיקאָגראַף יהודה גור־גראַזאָווסקי.[13] צום פּירוש־המילות פון די ווערטער וואָס מען האָט אַרומגערעדט אין די בראָשורן, האָט מען צוגעגעבן זייער טײַטש אויף רוסיש, ענגליש און פראַנצייזיש. די אָריגינעלע אַרטיקלען און נאָטיצן פון די אַקטיווע מיטגלידער אין גדוד, האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם ענין יידיש אין א״י. מען האָט דאָרטן איבערגעגעבן וועגן די אויפטוען פון גדוד, ווי למשל: אָפּזוכן

שילדן ניט געשריבן אויף העברעיִש; מאַנען בײַ דרוקערײַען 'ניט צו דרוקן זשאַרגאָן';[14] מאַנען מען זאָל פאַרדינגען זאָלן בלויז פאַר אַרויס־טרעטן און רעדעס אין העברעיִש; נאָכשפּירן אין די גאַסן מענטשן וואָס רעדן ניט קיין העברעיִש; פונאַנדערטיילן צעטלעך מיט די לאָזונגען פון גדוד [15] וכדומה.[16]

דער סטיל פון די גדודיסטן איז געווען פלאַם־פײַערדיק און — ס'רוב — אומגעלומפּערט. דאָס העברעיִש פון די בראָשורן האָט אויפגעברויזט סטיליסטן און שפּראַכפאָרשערס ווי מ. גליקסאָן און א. אברונין. (אויבן, ז' 129).

פאָרשערס, שרײַבערס און עלטערע כּלל־טוער, האָבן אָנגעשריבן אין די בראָשורן די פּרינציפּיעלע אַרטיקלען וועגן דער בײַטיקייט פון אויפלעבן העברעיִש אין לאַנד. יוסף קלויזנער האָט איבערגעחזרט זײַן אַרגומענטאַציע, אַז עס פאָדערט זיך קנאות בײַם אויפלעבן העברעיִש.[17] ער האָט געהאַלטן אַז דאָס לעבעדיקע העברעיִש איז 'דער עיקר גרונט פון דער נאַציאָנאַלער היים'. דעריבער האָט ער געמאַכט אַן אַנאַלאָגיע צווישן די 'ענגלישע באַאַמטע און אַראַבישע פּאָליטעקערס וואָס באַליידיקן העברעיִש' און די 'זשאַרגאָנישע חדרים' [18] און 'יִדישיסטישע רעדעס און פאָרשטעלונגען'. קלויזנער האָט געלויבט דעם גדוד און איז אַרויס קעגן 'דעם ערנסטן עולם וואָס רופט אָן די האַלטונג פון דער העברעיִשער יוגנט, וואָס פאַרטיידיקט העברעיִש, "יִנגלשע פירונג אָדער עקסטרעם קנאות".'[19]

דער שרײַבער אז"ר — אלכסנדר זיסקינד־ראַבינאָוויטש — וואָס האָט באַצייכנט יִדיש ווי 'אוקראַיניש־פּויליש־רוסיש־דײַטשישן זשאַרגאָן, און 'אינטערנאַציאָנאַלעס דויטש פּפוי', האָט אָנגעגרײַפט, אין איין וועגס, די יִדיש־שרײַבערס אין ארץ־ישראל און די חדרים. די יִדיש־שרײַבערס אין לאַנד זענען 'פאַררעטער... וואָס שטעלן אַרויס זשאַרגאָן... ווי אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך. אין די חדרים רעדט מען יִדיש, ניט בלויז מחמת געוווינהייט, נאָר אויך מחמת 'בלינדער שׂינאה צו אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך'.'[20] זיך מערקן אַז אויך ד"ר י. בלאָושטיין און דער העברעיִש־פאָרשער צבי הר־זהב האָבן געדרוקט אין הגדוד אַרטיקלען אין גײַסט פון אַבסאָלוטן העברעיִשן מאָניזם.[21] אין די אויבן דערמאָנטע מאמרים איז פאַראַן דער אידעיִשער גרונט פון גדוד מגני השפה. אַז מען וועט אָנשרײַבן אַ מאָנאָגראַפיע וועגן גדוד, אויפן סמך פון אַרכיוו־

מאַטעריאַלן, וועט מען זיך קענען דערוויסן אויב פּערזענלעכקייטן און אָרגאַניזאַציעס זענען געשטאַנען הינטער די קוליסן, ביים גרינדן דעם גדוד און ביים אָנפירן זיין טעטיקייט. ניט געקוקט אויף דעם, איז ניט קיין ספק אַז אין אַזעלכע פּרשות ווי די יידיש־קאַטעדרע און דער אָנפאַל וואָס ווערט דאָ באַהאַנדלט, זענען געווען פּערזענלעכקייטן און אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן סטימולירט די טעטיקייט פונעם גדוד.

אין די מאַטעריאַלן וואָס זענען מיר באַקאַנט, איז ניט פאַראַן קיין גרונטיקע דערקלערונג פאַר וואָס דער גדוד איז געשאַפן געוואָרן ('העבּ־רעער רעד העברעיש. טרעסע אַראָפּ דעם גלות־שטויב וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אויף דיין נשמה אין דיין לאַנגדויערדיקן גלות. לייטער זיך אויס. אויפן לאַנד פון די העברעער געפינסטו זיך!!).

דער נאָכגייערישער כאַראַקטער אין דער אַקטיוויטעט פון גדוד, וואַרפט זיך אין די אויגן אין דער פּראַקטישער סיבה וואָס איז אָנגעגעבן געוואָרן פאַרן אויפקום פון גדוד: 'דער ביטול צו העברעיש האָט זיך די לעצטע צייט פאַרשטאַרקט... עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז אין ירושלים גייען אַרויס זשאַרגאָנישע צייטונגען [22] און אויף די גאַסן קלעפּט מען פּלאַקאַטן אין יידיש. אויף פאַרזאַמלונגען רעדט מען אויף פרעמדע־שפּראַכן'.

עס איז אוממיגלעך צו באַשטימען אַז עס איז פאַראַן אַ גורם־סיבה־באַציונג צווישן דעם גרינדן פון גדוד (סוף תרפ"ג) און דעם גרינדן פון דער לינקער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין א"י (פּורים תרפ"ג). פאַר איין וועגס, ווי עס וועט זיך שפּעטער אַרויסווייזן, האָט זיך געשאַפן אַ כסדר־דיקע, קעגנאַנאַנדיקע השפּעה צווישן גדוד און די לינקע פּועלי־ציון, פון זינט דעם אָנהייב פון זייער אַקטיוויטעט. פון דער אַנדערער זייט, זענען מיר ניט באַקאַנט קיין צוזאַמענשטויסן צווישן גדוד און די קאָמו־ניסטן איבערן מצב פון יידיש אין א"י.

עדותשאַפטן פון 1924, אילוסטרירן די אויבן דערמאָנטע באַציונגען פון גדוד און לינקע פּועלי־ציון. אַ קורצע צייט נאָכן גרינדן דעם גדוד, האָבן זיך לינקע פּועלי־ציון באַקלאָגט אַז דער גדוד ווענדט אָן זיין 'פאַשיסטישע חוצפּה' קעגן די אָרעמע מאַסן און מאַכט זיך כלא־ידע ווען רייכע יידן רעדן פרעמדע שפּראַכן אויף די תל־אָביבער גאַסן. די גדוד־לייט וועלן צערייסן אָנאָנסן פון אַרבעטער, געשריבן אויף העב־רעיש און יידיש, נאָר אָנאָנסן אין ענגליש וועלן זיי ניט טשעפּען. דאָס

נעמלעכע, בײַ פֿאַרזאַמלונגען און געזעלשאַפֿטלעכע צוזאַמענטרעפֿן. ווען מען האָט אײַנגעאָרדנט אַ קבלת־פּנים פֿאַרן הויכן קאָמיסיאָנער, הערבערט סאַמועל, אין הרצליה־גימנאַזיע, האָבן אַלע פּני אין תּל־אָביב באַגריסט דעם גאַסט אויף ענגליש און די גדוד־מענטשן האָבן געשוויגן.

לינקע פּועלי־ציון האָבן אויך באַשולדיקט הסתּדרות־מיטגלידער אין אַרויסהעלפֿן דעם גדוד צו שטערן אַ באָראַקאָוו־אָוונט. די הסתּדרות האָט ניט געטאַדלט די אָבסטרוקציע. דערצו פֿאָדערן נאָך די גדודיסטן אַז די הסתּדרות־באַאַמטע זאָלן זיך באַגיין מיטן עולם מיט 'פֿאַנאַטישער העב־רעישקייט'. אַזאַ אײַנפֿיר וועט ברענגען שאָדן נאָר די אַרבעטער, וואָס זײַ איז שווער זיך אויסלערנען אַ נײַע שפּראַך נאָך אַ טאָג האַרעוואַניע.[23]

בערך אין דער זעלבער צײַט האָט דער גדוד געוואָרנט די דרוקערײַ פֿון לינקע פּועלי־ציון, זי זאָל אויפֿהערן צו דרוקן אויף יידיש. די דאָזיקע וואָרענונג איז געווען אַ טייל פֿון אַ בריוו רעדאַגירט אין סטיל פֿון די פּעריאָדישע אויסגאַבן וואָס דער גדוד פֿלעגט אַרויסגעבן: 'פֿון באַגלייבטע קוואַלן איז אונדז באַוווּסט געוואָרן אַז איר דרוקט זשאַרגאָניש, דער געפּערלעכסטער שׂונא פֿון אונדזער שפּראַך...'[24]

מ'דאַרף געדענקען אַז דער אָנהייב פֿון גדוד פֿאַלט צוזאַמען מיט דער צײַט פֿון אַ גרויסן אימיגראַציע־שטראָם — די פֿערטע עליה. ווי שוין דערמאָנט, האָבן פֿריִערדיקע אימיגראַציע־שטראָמען דערוועקט אַ חשש פֿאַרן גורל פֿון העברעיִש אין א"י.

אויפֿן פֿאָן פֿון אָט די חששים, האָבן זיך צעפֿלאַקערט שטורמישע פּאָלעמיקעס איבערן מעמד פֿון יידיש אין א"י. די פֿערטע, די 'פּוילישע עליה', האָט געגעבן דער יוגנט פֿון גדוד די מיגלעכקייט אַרײַנצוטאָן זיך אין עפּעס וואָס זיי האָבן שטאַרק געגאַרט: געזעלשאַפֿטלעכע טע־טיקייט. די דאָזיקע טעטיקייט האָט זיך אויסגעדריקט, טיילווײַז, אין סטראַשען מיט גוואַלד־מעשׂים אָדער אין פּאַקטישע גוואַלד־מעשׂים. זיך מערקן, אַז אַחוץ איר אויסשטעל, האָט די דאָזיקע טעטיקייט ניט צוגעטראָגן קיין שום מהותדיקן צושטײַער צו די אימפּרעזעס וואָס האָבן פֿעסט אײַנגעוואָרצלט העברעיִש אין א"י.

עס איז אַ פֿראַגע פֿאַר זיך, בפֿרט מחמת די שׂמחת־תּורה־פּאַסירונ־גען, אויב די מיטגלידער פֿון גדוד האָבן זיך געווענדט צום רעוויזיאָ־ניזם אין די דרײַסיקער יאָרן. דער פּאָליטישער צעשפּליטער פֿון גדוד אין אַן ענין פֿאַר אַ פֿאַרשאַרבעט. פֿון דעסט וועגן, מוז מען זיך שוין

באַוואָרענען פאַר גענעראַליזירן, מחמת אַ טייל גדוד־חברים זענען שפּע־טער געוואָרן מיטגלידער אין אַרבעטער־באַוועגונג.[25]

ס׳איז אָנגענומען אַז די לינקע פּועלי־ציון־פּאַרטיי איז געווען די הויפּטקעמפּערין פאַרן יידישיזם אין א״י. די דאָזיקע איינגעשטעלטע מיינונג פאָדערט אַ רעוויזיע.

ווי פריִער דערמאָנט, איז די לינקע פּועלי־ציון־פּאַרטיי ניט געווען אַ מאָנאָליטיש־גלייכפאָרמיקע פּאַרטיי. עס זענען געווען אין אירע רייען יצחקיסטן־פּרינציפּיעלע העברעיִסטן; מענטשן וואָס זענען געווען גלייכ־גילטיק צו דער שפּראַכן־פראַגע און עס איז געווען די אַזוי גערופענע ערעם־ניר־גרופּע. מכּוח אָט דער גרופּע שרײַבט א. מרגלית אין זײַן בוך איבער לינקע פּועלי־ציון אין א״י: ׳עס איז נישט פאַראַן קיין גרעסערער סימן־מובהק און אַלגעמיינער סימבאָל פאַר לינקע פּועלי־ציון פונעם פּוילישן באַזיס, ווי זייער קנאַיִשער צובונד צו יידיש און זייער שפּראַכנקאַמף מיטן רוב מנין און רוב בנין פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין א״י... דאָס קנאות פאַר יידיש האָט איזאָלירט לינקע פּועלי־ציון אין משך פון צענדליקער יאָרן פונעם רוב אין דער א״י־געזעל־שאַפטלעכקייט און זיי פאַרוואַנדלט אין אַ חיצוניתדיקער סעקטע׳.[26] די איינציקע ראָיה פאַר דעם אַרויסזאָג איז רפאל מאהלערס אַ מאמר. ווי באַקאַנט, האָט זיך רפאל מאהלער באַזעצט אין ישראל נאָכן אויפקום פון דער מדינה.[27]

קאַפּיטל דרײַ האָט באַזונדערש אַרומגערעדט די מחלוקה צווישן אחדות־העבודה און אירע קאָלעגעס אין וועלטפאַרבאַנד פון רעכטע פּועלי־ציון. די שפּראַכן־פראַגע האָט געדינט ווי די אַרענע און אָנגע־שפּאַנטער דורכפירער פונעם וויכוח, אָבער לעולם איז דאָס געווען אַ קאַמף איבער דער העגעמאָניע אין פאַרבאַנד. די פאָדערונגען פון די רעכטע פּועלי־ציוניסטן, מען זאָל רעספּעקטירן יידיש אין א״י, און לערנען יידיש אין די שולן איז, מהותדיק, ניט געווען אַנדערש ווי די פאָדערונגען מצד לינקע פּועלי־ציון.

די דאָזיקע פאָדערונג און דער צובונד פון ביידע פּועלי־ציון־שטרעמונגען צו יידיש האָט זיך גענומען ניט בלויז פון אידעאָלאָגישע סיבות. דער שווערער ווידעראַנאַנד מיטן בונד און די קאָמוניסטן אין אויסלאַנד, האָט דיקטירט די פּועלי־ציון־פּאַרטייען זיך ווענדן צו זייער

פּאָטענציעלן עולם אויפן לשון וואָס איז אָט דעם עולם געווען נאָענט און צום בעסטן באַקאַנט.

אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן האָבן לינקע פּועלי־ציון אין א״י אַרויסגעגעבן צענדליקער פּעריאָדישע אויסגאַבן אין ייִדיש. אין דער זעלבער צײַט האָבן די קאָמוניסטן געדרוקט אַ סך מער פּעריאָדיש ייִדיש־אויסגאַבן ווי די לינקע פּועלי־ציון־פּאַרטיי. די קאָמוניסטן האָבן געפירט זייער ייִדיש־טעטיקייט ניט צוליב ייִדישיזם, נײַערט צוליב פּראָפּאַגאַנדע־טעמים.[28] ווי עס זעט אויס האָט די קאָמוניסטישע אַקטי־וויטעט אין ייִדיש משפּיע געווען אויף דער אַקטיוויטעט פון לינקע פּועלי־ציון אין דעם תּחום. צו גלײַך מוז מען האָבן אין זינען, אַז ביידע פּאַרטייען האָבן אין יענע יאָרן געדרוקט אויך אַ סך אויף העברעיִש.

ווען דער צובונד פון דער ערעם־ניר־גרופּע צו ייִדיש זאָל געווען זײַן 'עקסטרעם און קנאיש', וואָלט דאָס זיך געדאַרפט אָפּשפּיגלען אין דער פּעריאָדיק פון לינקע פּועלי־ציון אין א״י. לעולם האָט זיך די ייִדיש־פּעריאָדיק פון דער פּאַרטיי פאַרנומען כּמעט לחלוטין מיט פּאָלי־טישע ענינים. ביזן דערשײַנען פון נײַוועלט האָט מען דאָרטן זייער ווייניק אָנגערירט דעם סטאַטוס פון ייִדיש אין א״י. צוויי פאַררופן, וועגן דער ייִדיש־קאַטעדרע און וועגן גדוד זענען פריִער דערמאָנט געוואָרן.[29] אַ דריט מאָל האָט מען געפאָדערט גלײַכע רעכט פאַר העברעיִש און ייִדיש אין לאַנד, כּדי מבטל צו מאַכן די כּוונה פון דער בורזשואַזיע, וואָס איז פאַראינטערעסירט צו פאַרשווײַגן אַ גרויסן טייל פון די אַרבעטער און אָפּשוואַכן מיט דער שפּראַכן־פראַגע — זייער סאָציאַלן קאַמף.[30]

אין אַ פעליעטאָן געווידמעט דערעיקרשט פּאָליטישע ענינים, האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אַ שטאָך צום אויפלעב פון העברעיִש אין לאַנד. דער פעליעטאָניסט, משה לייבל פּוזמק, פאַרענטפערט זיך פאַר זײַן טאַטן, הלמאַי ער האָט מוותּר געווען אויפן נאָמען פון זײַנע אבות אבותיו, סקאַרפּעטקע. פּוזמק גיט צו, אַז די אייניקלעך וועלן טראָגן ריין העב־רעיִשע נעמען, אָן קיין שום סימן פון גלות.[31]

דער וויכטיקסטער אַרויסזאָג פון לינקע פּועלי־ציון מכּוח ייִדיש ביזן דערשײַנען פון נײַוועלט איז פאַרבונדן מיטן הסתדרות־ראָט, 1925. וועשער האָט דעמאָלט פאַרלאַנגט מען זאָל אים לאָזן רעדן אויף ייִדיש. זײַן פאַרלייג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. אינעם באַריכט וועגן אינצידענט ווערט בפירוש געזאָגט, אַז מיטן אָפּשלאָגן וועשערס פאָדערונג, האָט

מען ניט געמיינט יידיש — 'ניט די הגדה' — נאָר געוואָלט פאַרשטאָפּן דער אָפּאָזיציע דאָס מויל — 'די קנוידלעך'.[32] וועשערס אינצידענט אילוסטרירט דעם טומל וואָס לינקע פּועלי־ציון האָבן גורם געווען ביי דער דריטער הסתדרות־קאָנפערענץ (1927), ווען זיי האָבן געפאָדערט פולע רעכט צו האַלטן רעדעס אין יידיש אויף די הסתדרות־קאָנפערענצן. נאָך אַן אָנגעשפּאַנטער דיסקוסיע האָט מען באַשלאָסן אַז אַזאַ רעכט קומט בלויז די וואָס געפינען זיך אין לאַנד ווייניקער פון צוויי יאָר.[33] אָט אָ דער באַשלוס האָט אַרויסגערופן פאַטעטישע קריטיק מצד דעם גדוד.[34] פון דער אַנדערער זייט האָבן לינקע פּועלי־ציון אין לאַנד און פאַרשיידענע פאַקטאָרן אין אויסלאַנד, אַרויסגעשטעלט די רעזאָלוציע, אין משך פון יאָרן, ווי אַ דוגמא פאַר די באַגרענעצן וואָס מען האָט איינגעפירט כּלפּי יידיש אין ארץ־ישראל. אין 1931 האָט דניאל לייבל געשריבן, ווי אַ מסיח לתומו, וועגן אַ פאָרלייג צו דער אויסגעקליבע־נער אַסאַמבלעע (אסיפת הנבחרים), מען זאָל לערנען יידיש און יידיש־ליטעראַטור אין לאַנד. לייבל שטרייכט אונטער אַז מען האָט געקענט פאַרויסזען דאָס אָפּשלאָגן 'די יידישיסטישע חוצפּה' מיט אַ דעקלאַראַציע, אַז ',,העברעיש וקודשא ברוך הוא וארעא דישראל חד".' אויסגעלאָזן האָט זיך אַנדערש. די 'קולטורעלע' קעמפער פון הסתדרות־מחנה האָבן זיך געהאַלטן געצאַמט. חיותה בוסעל האָט צום סוף אַרויסגעזאָגט דעם 'סוד': איר ווילט אונדז [די אַרבעטער יישובים], נייטן מיר זאָלן שטימען קעגן יידיש אין די שולן. דאָס ווילן מיר ניט קענען טאָן.[35]

דער אויבן געבראַכטער מאַטעריאַל און די דאָקומענטאַציע צום זעקסטן קאַפּיטל, ווייזן קלאָר אַז, אַז דער אויספּיר מכּוח דעם עקסטרעם קנאַישן צובונד פון לינקע פּועלי־ציון אין א"י צו יידיש, איז זייער איבער־געטריבן. דאָס נעמלעכע מעג מען באַמערקן איבערן אַרויסזאָג אַז יידיש האָט איזאָלירט לינקע פּועלי־ציון פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין א"י. עס וואַרפט זיך אין די אויגן ווי ענלעך ס'איז געווען דאָס באַניצן זיך מיט יידיש מצד לינקע פּועלי־ציון אין לאַנד, צום באַניצן זיך מיט יידיש בעתן וויכּוח פאַר דער העגעמאָניע אינעם וועלטפאַרבאַנד פון רעכטע פּועלי־ציון.

מען דאַרף אויך פאַרגעדענקען אַז דער אָפּאָזיציאָנעלער גאַנג פון מפ"ס קעגן אחדות־העבודה אין 1921, האָט זיך אָנגעלענט, טאַקטיש, אויפן סטאַטוס פון יידיש אין א,,י. (אויבן, זז' 57—60 ; 65—66).

וואָס שייך די שפּאַלטונגען אין דער לינקער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין לאַנד, האַלט מרגלית אַז די שפּראַכן־פּראַגע האָט געשפּילט אין דעם אַ 'צענטראַלע מכריעדיקע ראָלע'. לעולם איז דער קאַפּיטל 'גולה וארץ ישׂראל' אין מרגליתעס בוך סותר די דאָזיקע טענה און דערווייַזט אַז די שפּאַנונג צווישן דער 'פּאַלעסטינאָצענטרישער' און דער 'פּוילישער' אָריענטאַציע אין דער פּאַרטיי איז געווען די עיקר־סיבה פֿון אירע כּסדרדיקע שפּאַלטונגען.

ניט געקוקט אויפֿן אויבן געזאָגטן, באַדאַרף מען אונטערשטרייַכן אַז אַ טייל פּאַרטיי־חברים האָבן געזען אין ייִדיש זייער קולטורעל היימלאַנד. דערצו זענען עטלעכע פֿון די בולטסטע פּאַרטיי־מיטגלידער ווי דניאל לייבל און ל. חיין־שמעוני געווען פּרינציפּיעלע ייִדישיסטן.[36]

די בראַשורן פֿאַר ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין 1928, האָבן געגעבן אַ מיגלעכקייט אויסצודריקן ייִדישיס־טישע געדאַנקען. ניט געקוקט אויף דעם דאַרף מען באַטאָנען, אַז דער ייִדישיזם אין די בראָשורן איז געווען אַ טפל־זאַך צו זייער עיקר־ציל: דרוקן די ייִדיש־ליטעראַטור געשאַפֿן אין לאַנד. מען דאַרף אויך צוגעבן, אַז בשעת חיין־שמעוני איז ווייַטער אָנגעגאַנגען מיט זייַן ייִדישיזם אין נייַוועלט, האָט דניאל לייבל ניט פֿאַרויסגעזעצט דאָרטן זייַן שפּראַכלעכן מאַניזם פֿון די צוואַנציקער און אָנהייב דרייַסיקער יאָרן. מ'דאַרף גע־דענקען, אַז דער דאָזיקער מאַניזם האָט געקענט אַרייַנפֿירן אין אַ טעות לייבלס אייגענע קאָלעגעס און שאַפֿן בייַ זיי אַן אילוזיע פֿון ייִדיש־איינשפּראַכיקייט אין א״י. דאָס אַלץ, אין דער צייַט ווען לייבל גופֿא, אַ בקי און אַ ווילקענער פֿון העברעיִש און אירע מקורים, איז געווען קאָרעקטאָר אינעם טעגלעכן דבר און האָט איבערגעזעצט פּוילישע פּאָעזיע אויף העברעיִש.[37] אין זעלבן טעות האָבן אויך געקענט אַרייַנבברענגען אַנדערע מנהיגים פֿון פּאַרטיי, וואָס כאָטשבע זיי האָבן ניט פֿאַרמאָגט לייבלס קענטעניש אין העברעיִש, האָבן זיי דאָך באַהערשט די שפּראַך. מ'דאַרף באַטאָנען, אַז ניט לייבל און ניט שמעוני האָבן אויפֿגעשטעלט אַ יונגן דור וואָס זאָל ממשיך זייַן זייער ייִדישיסטישן באַנעם.

2. דער עפנטלעכער וויכּוח איבערן אָנפֿאַל אויפֿן קלוב פֿון לינקע פּועלי־ציון אין תּל־אביב

דער דאָזיקער וויכּוח איז וויכטיק מחמת דעם, וואָס דער אָנפֿאַל איז אויסגעטײַטשט געוואָרן, ניט ווי אַן אינצידענט מיט אַ גאָר באַגרע־נעצטן טייל פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין א״י, נײַערט ווי אַ סכּנה פֿאַר דער גאַנצקייט און זיכערקייט פֿון דער באַוועגונג ווי אַ כּלל. מען דאַרף געדענקען, אַז דער אָנפֿאַל איז פֿאָרגעקומען אין אַ צײַט אָנגעלאָדן מיט היגע פּאָליטישע געשעענישן: זשאַבאָטינסקי און זרובבל זענען אָנגעקומען אין לאַנד עטלעכע טעג פֿאַרן אינצידענט און אין דער זעלבער צײַט האָבן אחדות־העבֿודה און הפּועל־הצעיר — וואָס האָבן אונטער־געהאַנדלט זיך צו פֿאַראייניקן — דורכגעפֿירט זייערע לאַנדראַטן. דער־וויסנדיק זיך וועגן אָנפֿאַל האָט ישׂראל יידלסאָן[38] פֿאָרגעלייגט אַז דער לאַנדראַט פֿון אחדות־העבֿודה זאָל פּראָטעסטירן קעגן אָנגרײַף און באַשליסן ׳אָנצונעמען פּאַסיקע מיטלען׳. אַ סך שאַרפֿער איז אַרויסגעטראָטן דער פֿאָרזיצער פֿון ראָט, דוד בן־גוריון. ער האָט זיך עקסטרע אָפּגעשטעלט אויף צוויי פּונקטן: 1) דער אָנפֿאַל האָט פּראָפֿאַנירט העברעיִש און דעם גוטן נאָמען פֿונעם יישוב. 2) ווי אַזוי זאָל מען רעאַגירן אויפֿן אָנגרײַף. זיך מערקן, אַז אויף דער זיצונג פֿון תּל־אָביבער שטאָטראָט, האָבן רמז און אַנדערע מיטגלידער פֿון דער הסתדרות־פֿראַקציע איבערגעחזרט כּמעט וואָרט בײַ וואָרט דעם ערשטן חלק פֿון בן־גוריונס אַרויסזאָג (אויבן, ז׳ 194).

וואָס שייך דעם צווייטן פּונקט, האָט בן־גוריון דערקלערט, זייער דײַטלעך, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג איז גרייט צו רעאַגירן אויפֿן שאַרפֿסטן אופֿן. ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז דאָ גייט עס אין אַ סכּנהדיקער פּראָ־וואָקאַציע, סײַ קעגן די אַרבעטער, סײַ קעגן פֿרידן פֿונעם גאַנצן יישוב. ׳מיר געפֿינען זיך ניט אין אַזאַ בידנעם מצב, אַז מיר זאָלן ענטפֿערן אויף אַזאַ כוליגאַנישן אָנפֿאַל מיט בלויזע ווערטער. דער יידישער אַרבעטער וועט אויף דעם רעאַגירן אָרגאַניזירטערהייט כּדי אויסצוואָרצלען די דאָ־זיקע כוליגאַנישע סקאַנדאַלן׳. די אַרויסזאָגן מצד הפּועל־הצעיר זענען געווען ניט ווינציקער שטרענג. דער ראָט האָט געטאַדלט די ׳נבֿלה׳ וואָס האָט אַנטפּלעקט דעם ׳פּרצוף פֿון יענער באַוועגונג וואָס האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל דערציִען די יידישע יוגנט אין א״י, אויף אַ קולאַקן־מאָראַל׳.

'די וואָרטזאָגרעס און אידעאָלאָגן פון בית"ר' טראָגן דאָס אחריות פאַר אַזעלכע הפקר־מעשׂים.[39]

ענלעכע טענות — אין אַ מער איַינגעהאַלטענעם טאָן — האָט אַרויס־געזאָגט נ. ה. [משה ביילינסאָן] אין אַן עדיטאָריאַל אין דבר.[40] דער עדיטאָריאַל איז אינטערעסאַנט מיט דעם, וואָס ער אילוסטרירט די שפּאַ־נונג וואָס האָט געהערשט צווישן די רעוויזיאָניסטן און דער אַרבעטער־באַוועגונג אין א"י, נאָך פאַרן אָנגריַיף. ביילינסאָן דערמאָנט אַן אינצי־דענט וואָס איז פאָרגעקומען דעם 1טן מיַי 1928. בית"ר־מיטגלידער האָבן אַרויסגעכאַפּט רויטע פאָנען ביַי קאָמוניסטישע דעמאָנסטראַנטן.[41] פונעם עדיטאָריאַל דערוויסט מען זיך אויך וועגן די טאַקטישע חילוקי־דעות צווישן ביידע באַוועגונגען אין שײַכות מיט דער קאַמפּאַניע וואָס דער ייִשוב האָט געפירט קעגן דער מאַנדאַטאָרישער מאַכט.

די דאָזיקע קאַמפּאַניע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דעם ווי מען האָט מיט כּוח אַוועקגעטריבן מתפּללים פון כּותל־המערבי, יום־כּיפּור תרפ"ט (1928).[42] ביילינסאָן פירט צו דער מסקנה, אַז דער אָנפאַל אויפן קלוב וועט שעדיקן דעם קאַמף איבערן כּותל־המערבי. דער ייִשוב האָט באַשול־דיקט ענגלישע פּאָליציאַנטן אַז זיי האָבן פּאָגראָמירט קעגן ייִדן. שׂמחת־תּורה האָבן ייִדן פּאָגראָמירט קעגן ייִדן און ייִדישע פּאָליציאַנטן זענען געשטאַנען פון דער וויַיטנס און זיך ניט אַריַינגעמישט.

שאַרף ביז גאָר איז געווען בערל כּצנעלסאָנס אַרויסטרעט. כּצנעל־סאָן — וואָס האָט אויך דערמאָנט דעם אינצידענט פון ערשטן מיַי — האָט געפאָדערט אַז אַן אומפּאַרטייִשע קאָמיסיע זאָל אויספאָרשן די שׂמחת־תּורה־געשעענישן. כּצנעלסאָנס אַרויסזאָגן שטימען מיט די דערקלערונגען פון זיַינע קאָלעגעס, אָבער טיילן זיך אויס פון זיי מיט זייער קלאָרקייט און האַרבקייט. 'די אַרבעטער־באַוועגונג איז אָנגעלערנט. זי קען דעם שלאָנג ווען ער איז נאָך אַן איי. זי קען די יעניקע וואָס תּחילת פירן זיי זיך מעשׂה קונדס און לסוף ענדיקן זיי מיט קולטורעלע און פּאָליטישע מאָרדן... די פראַגע איז: צו ווילן מיר אַ בירגער־מלחמה?'[43]

כּצנעלסאָן האָט געשטעלט די דאָזיקע פראַגע ניט די 'פויסטהעלדן', נאָר די בעלי־השפּעה וואָס שטייען הינטער זיי. די אַרבעטער וואַרטן כּדי צו זען ווי אַזוי וועט דער ייִשוב רעאַגירן 'אויף דעם שענדלעכן אַטענטאַט קעגן זיַין געזעלשאַפטלעכן לעבן. פון דעם דאָזיקן ענטפער וועט די אַרבעטער־באַוועגונג מוזן דרינגען אירע אויספירן'.

כּצנעלסאָנס אַ מאמר איז געווען דער לעצטער אָפּקלאַנג אין דבר מכּוח דעם אַנפאַל. ענטפערנדיק אויף אַן אַרטיקל אין הארץ, האָט כּצנעל־סאָן אָפּגעוואָרפן די טענה אַז אחדות־העבודה און הפועל־הצעיר העלפן ׳פאַרמיאוסן א״י און באַשמוצן דעם ייִשוב׳. כּצנעלסאָן שלאָגט אָפּ די פּרעטענזיע, אַז דאָס איז געווען אַן אינצידענט מיט אַ נאַציאָנאַלן פאָן. אין דער אמתן איז די פּרשה פאַרגעקומען אויף אַ קלאַסנפאָן. כּצנעלסאָן האָט באַשריבן באריכות זײַן ראָלע אין אויסלאַנד בײַם דערקלערן דעם מהות פון העברעיִשן אויפלעב אין ארץ־ישׂראל און בײַם אָפּפרעגן די בילבולים וואָס מען האָט אויסגעטראַכט אויף העברעיִש. ׳לינקע פּועלי־ציון האָבן אַ גרויסן חלק אין די דאָזיקע בילבולים׳. ׳נישט דאָס פאַרעפנט־לעכן די פאַקטן פאַרמיאוסט א״י, נאָר די פאַקטן גופא און אויך דאָס פאַרווישן און פאַרשווײַגן זיי׳. כּצנעלסאָן איז אויך אַרויסגעטראָטן, ווידער אַ מאָל, קעגן אײַנפירן העברעיִש איבער גוואַלד אין ארץ־ישׂראל.[44]

די אויבן געבראַכטע דאָקומענטאַציע דערווײַזט דעם גרויסן שינוי אינעם אײַנשטעל פונעם רוב מגין ורוב בנין פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין א״י, מכּוח גוואַלד־מעשׂים קעגן קולטורעלע אַרויסטרעטן אין ייִדיש אין לאַנד. ווי פריִער דערמאָנט (ז׳ 21), האָט אַהרנאָוויטש געהאַלטן אין 1914, אַז מען דאַרף אַרויס קעגן די גוואַלד־מעשׂים וואָס זענען געשען בעתן שטעלן שולמית אין יפו, ׳בלויז צוליב טאַקטיק־טעמים׳.

אָנפאַלן אויף רעפעראַטן און פאָרשטעלונגען אין ייִדיש, זענען געווען גוט באַקאַנט פאַר שׂמחת־תורה תרפ״ט. עס איז פריִער דערמאָנט געוואָרן (ז׳ 198), אַז לינקע פּועלי־ציון האָבן זיך באַקלאָגט, 1924, אויף אָבסטרוקציעס לגבי זייערע אַקטיוויטעטן. 1926 האָט מען צוויי מאָל אויפגעריסן די פאָרשטעלונגען פון פּישל בימקאָס גנבים. די פּיעסע האָט פאָרגעשטעלט אַ גרופּע ליבהאָבערס — אונדזער ווינקל — וואָס איז נאָענט געווען צו לינקע פּועלי־ציון.[45] י. יציב האָט וועגן דער ערשטער אָבסטרוקציע — געשען אין תּל־אָביב — איבערגעחזרט אורי־צבי גרינבערגס טענות אין זײַן אַרטיקל ׳פּינה לאידיש או מחתרת׳ (אויבן, ז׳ 133). יציב איז אַרויס קעגן גוואַלד־מעשׂים, נאָר דאָס רוב נאָטיץ האָט ער געווידמעט די לינקע פּועלי־ציון. לויט יציבן, וועט די פּאַרטיי אויסניצן דעם אינצידענט און באַשרײַבן אים אין אויסלאַנד ווי אַ פּאָגראָם קעגן ייִדיש אין א״י. זרובבל וועט רופן פאַרזאַמלונגען, ׳און די שׂינאה צו יעדער זאַך פון א״י, וועט זיך צעבליען׳. פּועלי־ציון אין ארץ־ישׂראל, וואָס זייער ׳אײַנציקער אויפטו

איז פײַנט האָבן און מבזה זײַן׳, האָבן פולשטענדיק דערגרייכט זייער ציל: ׳איצט פײַערן זיי — זיי זענען „נשׂרפים״.׳[46]

מ׳דאַרף געדענקען, אַז אָנהייב סעפּטעמבער 1927, האָט דבר אָנגערופן אַן אָנפאַל אויפן קלוב פון לינקע פּועלי־ציון אין תּל־אָביב, ׳געשלעג איבער אידיש׳. דניאל לייבל האָט פּראָטעסטירט אין צײַטונג קעגן דער נאָטיץ און איבערגעגעבן זײַן נוסח וועגן אינצידענט, אַן אינצידענט זייער ענלעך צו די שׂמחת־תּורה־געשעענישן.[47]

עס וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז נאָך די שׂמחת־תּורה־געשעענישן, האָט זיך די אַרגומענטאַציע פון רוב בײַ דער אַרבעטער־באַוועגונג אין א״י דורכויס געביטן. די טענה, אַז לינקע פּועלי־ציון פירן אַן קולטורעלע אויפטרעטן אין יִידיש, כּדי גורם צו זײַן גוואַלד־מעשׂים וואָס זאָלן פּאָלי־טיש אַרויסהעלפן דער פּאַרטיי אין חוץ־לאָרץ, איז אַצינד לחלוטין פאַר־שווונדן געוואָרן.

די אומשטאַנדן פונעם אָנפאַל, וואָס איז דאָס מאָל געווען אָרגאַני־זירטער און דעמאָנסטראַטיווער ווי אין פריִערדיקע פאַלן, האָט באַוויזן אחדות־העבודה און הפּועל־הצעיר אָנצונעמען זייער אייניטײַטשיקע האַלטונג.

זשאַבאָטינסקיס אומקערן זיך אין לאַנד און זרובבלס אָנקומען; די שפּאַנונג צווישן רעוויזיאָניסטן און דער אַרבעטער־באַוועגונג — אַ באַ־וועגונג וואָס האָט זיך זייער פאַרשטאַרקט אין דער ציוניסטישער פאַר־וואַלטונג — האָבן געבראַכט דערצו, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג זאָל זיך באַציִען צום אָנפאַל ווי צו אַ נויט־מצב.

עס איז אָנגענומען אין דער א״י־היסטאָריאָגראַפיע, אַז די שפּאַנונג צווישן אָט אַ די באַוועגונגען האָט זיך פאַרשטאַרקט ביז גאָר אין די דרײַסיקער יאָרן. די פּאָלעמיק נאָכן דערמאָרדן חיים אַרלאָזאָראָוו איז בלי־ספק, געווען אַ הויכפּונקט אין דער פײַנדשאַפט צווישןביידע מחנות.

דער פריִער געבראַכטער מאַטעריאַל דערווײַזט, אַז 1928 זענען די באַציונגען צווישן ביידע באַוועגונגען דערגאַנגען דערצו, אַז מען זאָל רעדן — ניט ווי סתם אַ מליצה — וועגן דער מיגלעכקייט פון אַ יִידישער בירגער־מלחמה אין א״י.

דער טעגלעכער דאַר היום, וואָס האָט דעמאָלט קלאָר געניגט צום רעוויזיאָניזם,[48] האָט, סײַ אָפן, סײַ פאַרשטעלטערהייט, געשטיצט דעם אָנפאַל. מען קען פונאַנדערטיילן די אַרטיקלען און נאָטיצן אין דאַר היום וועגן אָנגריַף, אויף צווייען: א) אבא אחימאירס[49] מאמרים און די

אַרטיקלען וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין שייַכות מיט זייַנע אַרויס־טרעטן. ב) די אַרטיקלען פונעם רעדאַקטאָר און אַנדערע באַשטענדיקע מיטגלידער פון רעדאַקציע־קאָלעגיע. עס וואָרפט זיך אין די אויגן, אַז בשעת אחימאיר האָט אָפן באַגריסט די 'נאַציאָנאַלע יוגנטלעכע' וואָס זענען אָנגעפאַלן אויף די 'מאָסקווער שליחים', האָבן דאָס רוב אַנדערע מאמרים פאַרגעשטעלט די געשעענישן ווי אַ צופעליקער צוזאַמענשטויס. די דאָזיקע מאמרים, וואָס האָבן געהאַלטן אַז לינקע פועלי־ציון זענען געווען שולדיק אינעם אָנפאַל, האָבן דערמאָנט דעם ענין פון כותל־המערבי' (אויבן, ז' 205), כּדי צו מינערן דאָס חשיבות פונעם אָנגריף. דער ר'עדאַקטאָר פון דאר היום, איתמר בן־אב"י, האָט זיך באַקלאָגט אַז אינעם טאָג ווען עס האָט זיך אומגעקערט 'איינער פון אונדזערע גרעסטע זין' און אין די טעג ווען דער שונא שטייט אַנטקעגן כּותל... כּדי אונדז צו פאַרטיליקן... האָבן זיך געפונען כוליגאַנעס וואָס זענען אַרויסגעטראָטן לטובת דעם זשאַרגאָן... 'צי וועט אויפשטיין דער מנהיג, צי וועט אויפשטיין אַ יידישער גאַריבאַלדי אָדער מוסאָליני וואָס זאָל פאַרשטויסן דעם דאָזיקן אינעווייניקסטן שגעון'? [50]

דער פלאַנטער מכּוח דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ און דאָס אי־דענטיפיצירן מפּ"ס מיטן קאָמוניזם (אויבן. ז' 56) און מיט לינקע פועלי־ציון, ווערט קלאָר אין אַן אַרטיקל געחתמעט מ. ר. [מרדכי רבינזאָן?]. מ. ר. דערמאָנט אין איין אָטעם די יידיש־קאַטעדרע, די פעריאָדישע יידיש־אויסגאַבן און די יידיש־פאַרשטעלונגען אין לאַנד. פאַר איין וועגס האָט מ. ר. אַריבערגעפירט די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ קיין קאַטאָוויץ און באַשולדיקט לינקע פועלי־ציון — די 'קאָנטראַבאַנדיסטן' פון בונד און קאָמוניזם אין ציוניסטישן לאַגער — אין 'גייַסטיקן מאַפּ"סיסמוז'...[51]

ווי פריִער דערמאָנט, האָט אבא אחימאיר ניט פאַרשטעלט זייַן צופרי־דנקייט מיטן אָנפאַל. דעם 12טן אָקטאָבער 1928 האָט ער אויף דער ערשטער זייַט פון דאר היום געדרוקט, מיט קידוש־לבנה־אותיות, די ווייַטערדיקע מודעה: 'עס איז גוט צו שטאַרבן פאַר אונדזער לאַנד'. איך באַגריס אייַך, געציילטע נאַציאָנאַלע יוגנטלעכע, וואָס איר האָט אָנגעלערנט די מאָסקווער שליחים... מיר פירן אַן אַ מלחמה קעגן די צעשטער־כּוחות ביז זייער אונטערגאַנג... פייַפט אויף די וועגעטאַריער.[52] מיט תּל־חי גרוסן, אבא אחימאיר'.

איינע פון די בולטסטע שטריכן אינעם ווידעראַנאַנד אַרום יידיש

אין א״י, איז דאָס באַניצן דעם ענין כּדי אַרויסצודרינגען ווײַטגרייכיקע מסקנות לגבי דער ייִדישער רעליגיע, נאַציאָנאַליזם, קולטור און געשיכטע. דאָס אַלץ איז דורכגעפירט געוואָרן מיט ציטאַטן פון די מקורים, וואָס זייער באַטײַט איז הארב ביז גאָר.

צו באַטאָנען, אַז אין דעם דאָזיקן ווידעראַנאַנד, וואָס איז סײַ ווי געוועזן זייער שאַרף, איז ניט פאַראַן קיין גלײַכן צו אחימאירס עקסטרעמקייט. אחימאיר האָט געדרוקט די אַרטיקלען אין זײַן שטענדיקער רובריק ׳מפּנקסו של פשיסטן׳ (׳פונעם נאָטיצבוך פון אַ פאַשיסט׳). דער מחבר האָט באַגרונטיקט די מאַמרים אויף דרײַ הויפּטבאַנעמען א) דאָס פאַרגעטערן פיזישן כּוח און דעם כּוח פון דער מלוכה ב) התלהבותדיקע סימפּאַטיע פאַרן פאַשיזם ג) טיפע שׂינאה צום קאָמוניזם און סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אידענטיפיצירנדיק לינקע פּועלי־ציון מיטן קאָמוניזם און מיט מפ״ס (אויבן, ז׳ 208), באַטאָנט אחימאיר אַז לינקע פּועלי־ציון און אחדות־העבודה האָבן זיך באַנוצט, איינס אַנטקעגן דאָס אַנדערע, מיט גוואַלד־מעשׂים. אַצינד פּראָטעסטירט אחדות־העבודה הלמאַי מען האָט צעשלאָגן ׳פּ״צים׳ [53] ׳וואָס האָבן זיך דערוועגט צו פײַערן די טשערנאָוויצער חגא׳. דאָס שלאָגן לינקע פּוע״צ איז פאַרבונדן מיטן קאַמף קעגן ׳רויטן ייִדנטום׳.

דאָס ׳רויטע ייִדנטום׳ האָט אָנגעהויבן די מלחמה — ׳געשאָלטן אונדזער שפּראַך׳; אַרויסגעשיקט קיין סיביר ׳מחמת נאַציאָנאַליזם׳; פאַרוואַנדלט די רוסישע ייִדן אין אנוסים... ׳הרוגי מלכות און פאַרפּײַניקטע על קדוש־השם׳. די מלחמה קעגן רויטן ייִדנטום איז געגליכן צו דער מלחמה מיט דער סיטרא־אחרא. אָפּמשלענדיק זײַן אַרויסזאָג, דערמאָנט אחימאיר פּרצעס שטומע נשמות — אַ קאַפּיטל תהילים.[54] דער נמשל איז קלאָר. ניט דעם רבס כּוח וועט גובר זײַן דאָס רישעות, נײַערט דער פּרימיטיווער כּוח פונעם וואַסער־טרעגער. ׳מיט בונדיסטן אין אַ מפ״סישן, יעווסעקישן אָדער פּ״צישן פונאַנדערבוי׳, האָבן מיר ניט קיין בשותפותדיקע שפּראַך. צו זיי וועלן מיר זיך ווענדן בלויז מיט גוואַלד־מעשׂים׳. דאָס איז די שפּראַך וואָס ס׳האָבן פאַרשטאַנען זרובבל און זײַנע ׳כּאַוויירים׳, כּדי זיי זאָלן זיך ניט באַניצן אין א״י מיטן לשון וואָס אונדזערע טאַטעס האָבן גערעדט בעת זיי האָבן געטאַנצט „מה יפית״ פאַרן פּריץ.

אחימאיר גרײַפט כּסדר אָן מ.[שה] ג.[ליקסאָן] ׳דער נודנע, וועגעטאַריער פּובליציסט׳. גליקסאָן און אשל — אברהם שלאָנסקי — זענען

די ׳טרובאַדורן פון דער פּיליסטערישער גזעלשאַפטלעכקייט׳. ווען בית״ר זאָל געווען זײַן פּאָפּולער, וואָלט ׳אשל איר געווידמעט זײַן פּען און געזונ־גען איר הללויה׳.[55] אָבער ניט נאָר קעגן די וועגעטאַריער ׳פון פּ״ץ ביז האַרץ׳ [די צײַטונג], איז אחימאיר אַרויסגעטראָטן. ער האָט אויך אָנגע־גריפן ׳דעם יאַנוס׳ פון דער רעוויזיאָניסטישער אידעע, דהיינו יענע רעוויזיאָניסטן וואָס זענען מושפּע געוואָרן פונעם רוסישן ליבעראַלן גע־דאַנק. ׳די אָפּיציעלע צײַטונג פון רעוויזיאָניזם, דער ׳ראַזסוויעט׳ האָט ׳באמת׳ באַנג געטאָן אחימאירן מיטן טאַדלען דעם אָנפאַל.

פאַר אחימאירן איז מוסאָליני׳ס רוים געווען דער היפּוך פון ׳וועגע־טאַרישקייט׳. ׳אוי, וויפל דאַרפן מיר זיך אויסלערנען פונעם דוטשעס רוים׳. אחימאיר האָט געדרונגען אַז משיח וועט קומען רײַטנדיק אויף אַ טאַנק, ניט אויף אַן אייזל. אחימאיר האָט באַנומען די מענטשלעכע געזעל־שאַפט ׳ווי אַן אָרגאַניזם וואָס פאַרמאָגט זײַנע אייגענע געזעצן׳. ער האָט כסדר אַנאַלאָגיזירט נאַטור־וויסנשאַפט מיט סאָציאָלאָגיע. לויט אחימאירן מעג מען הרגנען מענטשן, מחמת אידעאָלאָגישע סיבות, אויב טובת־הכּלל פאָדערט דאָס אַזוי.[56] די שוידערלעכע פּעולה פון אַזאַ סאָרט טעאָריע, אויסגעפּירט פון טאָטאַליטאַרישע רעזשימען נאָך אין דער צײַט ווען אחימאיר האָט געלעבט, איז באַקאַנט יעדן איינעם.

מ׳דאַרף געדענקען אַז אין דער היום האָבן זיך געדרוקט עטלעכע מאמרים וואָס האָבן געהאַט אַ שײַכות צו אחימאירס אַרטיקלען. קלמן כּצנעלסאָן איז אַרויסגעטראָטן מיט גרויס התלהבות פאַרן אָנפאַל, נאָר אין אַ מער אײַנגעהאַלטענעם טאָן ווי אחימאיר.[57]

ברוך אליצדק האָט איבערגעחזרט די באַקאַנטע אַרגומענטן פון זײַן ברודער, יוסף קלויזנער. אליצדקס אַרטיקל האָט אַן אינטערעס, מחמת דרײַ טעמים א) אליצדק האָט מכּלומרשט געטאַדלט גוואַלד־מעשׂים. ניט געקוקט אויף דעם, האָט ער פאַרגעלייגט צו אַנטוועקן קנאות, כּדי צו פאַרשפּרייטן העברעיִש און באַיקאָטירן דעם זשאַרגאָן. ׳דער קנאַי סטאַרעט זיך מען זאָל דערוויַיטערן דעם פּרינציפּיעלן זשאַרגאָניסט און זײַנע מיט־העלפערס פון דער געזעלשאַפטלעכקייט; מען זאָל זיי באַיקאָטירן; מע זאָל זיי ניט דערלאָזן צו קיין אַמט אָדער אַרבעט, כּדי זיי זאָלן מוזן פאַרלאָזן ארץ־ישׂראל׳. ב) ביאַליקן, וועמען מען האָט אַ סך מאָל באַשול־דיקט אין אומגעטרײַשאַפט צו העברעיִש (אויבן, קאַפּיטלען דרײַ און פיר), האָט אליצדק צוגערעכנט בערל כּצנעלסאָן. ׳דער זשאַרגאָן איז

פאַר כּצנעלסאָן הייליק, ניט ווינציקער ווי העברעיִש. אויב ייִדיש וועט פאַרנעמען דאָס אָרט פון לשון־קודש ׳איז דאָך גאָרנישט׳. ייִדיש איז אויך אונדזער שפּראַך. והראיה: דער רעדאַקטאָר פון דבר רופט זיך דווקא בריל [בערל] און ניט דוב.[58] ג) אליצדק האָט באַשולדיקט דעם קבוץ בית־אלפא, פון השומר־הצעיר, אַז אין זייער שול לערנט מען די קינדער ייִדיש.[59]

מען דאַרף צוגעבן אַז דער אָפּקלאַנג אין דאַר היום וועגן אָנפאַל איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז מען האָט דעם ענין דערמאָנט אין אַ געגראַמטער מודעה.[60]

זיך מערקן אַז אין חוץ־לארץ האָט מען אויף דער פּרשה רעאַגירט אויף אַ באַגרענעצטן און אײַנגעהאַלטענעם אופן. דער ניו־יאָרקער טאָג און די וואַרשעווער הײַנט און מאָמענט האָבן איבערגעגעבן וועגן אינצידענט אין קורצן.

ביאַליקן האָט דער טאָג ציטירט, דערקלערנדיק אַז דער אָנפאַל איז אַן ׳עקלדיקע, ניט פאַרגעבלעכע זאַך׳. שלום אַש האָט אין הײַנט שאַרף קריטיקירט דעם גדוד מגני השפה. אַשס אַרויסזאָגן אילוסטרירן די סכע־מאַטישקייט און דעם דוחק אין אינפאָרמאַציע, בײַם רוב מענטשן וואָס האָבן אָנטייל גענומען אינעם וויכּוח איבער דער שפּראַכן־פראַגע אין א״י. אַשס הויפּט־טענה איז געווען, הלמאי האָט מען אין ארץ־ישׂראל ניט פּראָטעסטירט קעגן דעם אָנגרײַף פונעם גדוד.

פאָלקסצײַטונג, דער אָרגאַן פון בונד אין פּוילן, איז אַרויס קעגן לינקע פּועלי־ציון אין א״י און געטענהט אַז זיי טוען דאָרטן זייער ווייניק פאַר ייִדיש. לעולם איז זייער טעטיקייט לטובת ייִדיש ניט עפנטלעך. לינקע פּועלי־ציון האַלטן אין איין רעדן וועגן אַ ייִדיש־קינדער־גאָרטן אין א״י, נאָר צו ממשות קומט עס ניט.[61]

ליטעראַרישע בלעטער האָט אָפּגעדרוקט, אָן קאָמענטאַרן, אַ ווענדונג פון זעקס ייִדיש־שרײַבער אין א״י, און ציטאַטן פון אַ בריוו, וואָס באַשרײַבט די שׂמחת־תּורה־פּאַסירונגען.[62] די זעקס שרײַבער, דניאל לייבל, אברהם בליי־צפּורי, יוסף פּאַפּיערניקאָוו, שמואל איזבאַן, מנחם סטעמפּפעל און יעקב־צבי שאַרגעל, דערקלערן אַז דאָס וואָס איז אָקאָרשט געשען האָט ניט זײַן גלײַכן און ׳דער קורצער אָבער אינהאַלטרײַכער מאַרטירער־געשיכטע פון ייִדיש אין ארץ־ישׂראל׳.

די זעקס שרײַבער ווענדן זיך צו חוץ־לארץ ניט כּדי צו העצן קעגן א״י, ווו זיי לעבן און ווו זייער שאַפן ווערט אינספּירירט, נאָר כּדי צו באַקומען הילף און שוץ פֿאַר ייִדיש אין א״י. די זעקס גיבן צו, אַז זיי האָבן אַרויסגעשיקט דעם יִיוואָ אין ווילנע אַ פּאַרבלוטיקט העמד און אַ טייל שטיינער וואָס די אָנגרײַפֿערס האָבן געשלײַדערט אויפֿן קלוב.

אַט אַ די געציילטע אָפּלקאַנגען אין אויסלאַנד, האָבן געדינט אחימ־אירן, שלאָנסקין און כּתובים ווי אַ פּתחון־פּה כּדי אויסצודריקן, אָבער אַ מאָל, זייער אײַנשטעל צו דער שפּראַכן־פּראַגע אין א״י און צו דער לינקער פּועלי־ציון־פּאַרטיי. זייערע אַרויסזאָגן דערווײַזן, ווידער, איינעם פֿון די בולטסטע שטריכן אין דער פּאָלעמיק איבער ייִדיש אין א״י. די בעלי־פּלוגתּא וואָס האָבן געוואָלט אַרויסווײַזן גרויס געטרײַשאַפֿט צו העברעיִש, האָבן זיך געסטאַרעט צו פֿאַרלענגערן די שפּראַך־וויכּוחים, אַ לאַנגע צײַט נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך שוין געהאַט געענדיקט.

אחימאיר האָט געהאַלטן, אַז דאָס העמד און די שטיינער וואָס מען האָט אַרויסגעשיקט קיין ווילנע, באַווײַזן דעם צובונד פֿון לינקע פּועלי־ציון צום גלות. אחימאיר האָט געפֿאָדערט אַ בלוט־אַנאַליז פֿון העמד, מחמת ׳עס איז שווער, אין פֿלוג, אונטערצושיידן צווישן מענטשבלוט און בהמיש בלוט׳.

שלאָנסקי, וואָס האָט שטאַרק אָנגעגרײַפֿט לינקע פּועלי־ציון, האָט אונטערגעשטראָכן אַז דער אינצידענט האָט ניט אויפֿגעטרייסלט די ייִדן אין אויסלאַנד. שלאָנסקי האָט דורכויס אָפּגעוואָרפֿן אַ קלאַסנפּאַן אין דער שפּראַכן־פּראַגע אין לאַנד. ייִדיש אין א״י, איז ׳די שפּראַך פֿון די היב־טערשטעליקע, די שפּראַך פֿון מאה־שערים און אגודת־ישׂראל. דאָס איז די שפּראַך פֿון די בויאַרעס [פּרדסים]־באַזיצער וואָס איגנאָרירן דעם ייִדישן אַרבעטער. ייִדיש איז די שפּראַך פֿון דער בורזשואַזיע. העברעיִש — די שפּראַך פֿונעם קינד, פֿון דער יוגנט וואָס אַרבעט און לערנט, די שפּראַך פֿונעם ייִדישן אַרבעטער אין עמק און פֿונעם שטאָטישן האָרע־פּאַשניק — די פּראָלעטאַרישע שפּראַך׳.[63]

כּתובים האָט אָנגערופֿן די זעקס אויבן דערמאָנטע שרײַבער ׳גראַם־שטראַם הינדעלעך׳.[64]

3. דער אינצידענט מיטן יידישן פילם די יידישע מאַמע

דער דאָזיקער אינצידענט איז פאָרגעקומען סעפטעמבער 1930, אין שייַכות מיט אַ פילם וואָס לכל־הדעות איז זיין קינסטלערישע ווערט באַגרענעצט ביז גאָר.[65]

די דאָזיקע פרשה איז אינטערעסאַנט מיט דעם וואָס זי האָט גורם געווען אַז די יידיש־שרייַבערס אין אויסלאַנד זאָלן צושיקן זייערע העב־רעישע קאָלעגעס אין א״י, האַרבע פּראָטעסטן קעגן דער האַלטונג צו יידיש אין לאַנד. די דאָזיקע פּראָטעסטן און דער ענטפער אויף זיי, אילוסטרירן די באַנעמען פון די יידישע שרייַבערס מכוח דער שפּראַכן־פראַגע אין א״י.

דערצו מאַכט אָט אַ דער וויכוח קלאָר, ווי אַזוי די ׳אַקטיוויסטן׳ האָבן געפירט זייער קאַמף קעגן יידיש אין א״י.

דעם פילם האָט מען געזאָלט ווייַזן אויף צוויי ערטער אין ירושלים. דער גדוד און בית״ר האָבן געוואָרנט די בעלי־בתים פון די קינאָס, ניט צו ווייַזן די יידישע מאַמע. פאַר איין וועגס האָבן זיך ביידע אָרגאַ־ניזאַציעס געוואָנדן צום ועד העיר ליהודי ירושלים — שטאָטראָט קאָמי־טעט פון די ייִדן אין ירושלים און צום ועד לאומי — נאַציאָנאַלער קאָמי־טעט,[66] און אויך די דאָזיקע אַנשטאַלטן האָבן געפאָדערט ניט צו ווייַזן דעם פילם. דער חינוך־אָפּטייל אין דער סוכנות האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג אַז ׳פרעמדע׳ פילמען ברענגען ׳שאָדן׳. ביז מען וועט שאַפן ׳העברעישע פילמען, איז עס קלאָר אַז די פרעמדע שפּראַכן זענען ניט קיין שטער פאַר העברעיש יידיש אָבער — יאָ׳.[67]

דעם 17טן סעפּטעמבער 1930, צוויי טעג נאָך דעם ווי דאר היום האָט געדרוקט די בריוו פון גדוד אין שייַכות מיטן פילם, האָט די צייַטונג פּובליקירט יוסף קלויזנערס אַ לאַנגן אַרטיקל. אין זיין מאמר באַנייַט קלויזנער גאָרניט אין זיין אַרגומענטאַציע קעגן יידיש אין א״י.

מ׳דאַרף געדענקען אַז דאָס מאָל האָט קלויזנער אונטערגעשטראָכן אַז די קעגנערס פון דער יידישער שפּראַך אין ארץ־ישראל זענען זי ניט מבזה און טראָגן צו איר ניט קיין שינאה. קלויזנער דערקלערט עס דער־מיט, וואָס יידיש איז ׳דאָס לשון פון אונדזערע מאַמעס און דאָס לשון פון די מאַסן׳. אָבער דווקא צוליב דעם איז יידיש ׳אַ געפערלעכע סכנה פאַר העברעיש׳. מחמת דעם דאַרף מען לחלוטין פאַרווערן זשאַרגאָנישע פילמען, וואָס זענען ׳דער אָנהייב פון אַ יידישיסטישן שמד אין א״י׳.[68]

די בריוו פון גדוד און קלויזנערס אַרטיקל איבערן פילם אין דאר היום און די פּאָלעמיק אַרום דער ייִדיש־קאַטעדרע אין ירושלים, דערוויַיזן אַז עס איז געווען אַ גאָענטע מיטאַרבעט צווישן קלויזנער און דעם גדוד אין שייַכות מיטן מעמד פון ייִדיש אין א״י.

די ייִדישע מאַמע האָט מען לסוף געוויזן אין תּל־אָביב, דעם 27סטן סעפּטעמבער 1930, מיט דער הילף פון דער ענגלישער פּאָליציי. ניט געקוקט אויף דעם, איז אין זאַל אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל. נאָך דער אינטערווענץ פון וויצע־בירגערמייַסטער ישׂראל רוקח, האָט מען פּאַר־באָטן די צווייטע פאָרשטעלונג פון פילם. דאר היום האָט געלויבט די אָבסטרוקציע. דבר האָט דאָס געטאַדלט.[69] דעם 1טן אָקטאָבער 1930 האָט דאר היום געדרוקט אַ נאָטיץ ווו צבי קראָל האָט קריטיקירט קלויזנערס אויבן דערמאָנטן מאמר. קראָל האַלט, אַז ניט ייִדיש איז די סכּנה פאַר העברעיִש, נייַערט דאָס אַסימילירן זיך אין פרעמדע שפּראַכן.[70] די ייִדישיסטן אין ארץ־ישׂראל זענען ווינציק ביז גאָר און זייער אויסקוק איז ׳גאָר־נישט מיט גאָרנישט׳. וואָלט דער גדוד זיך ניט אַרייַנמישן, וואָלט דער פילם ניט געמאַכט קיין טומל. קראָל האָט צוגעגעבן, אַז די גדוד־חברים זענען זייער טאַלעראַנט צו פרעמדע שפּראַכן, בשעת צו ייִדיש באַציִען זיי זיך מיט ניט־ראוי מיטלען. (פּ״גל ז׳ 198).

ווי ס׳איז פריִער דערמאָנט געוואָרן, האָט דער אינצידענט מיטן פילם אַרויסגעבראַכט שטאַרקע פּראָטעסטן אין חוץ־לאָרץ. ליטעראַרישע בלעטער, וואָס האָט געוווּסט פון דער פּרשה דורך אַ טעלעגראַפישן באַ־ריכט, האָט דעם ענין אָנגערופן ׳משוגעת׳ און ׳סקאַנדאַל׳. ליטעראַרישע בלעטער האָט געפאָדערט אַז שלום אַש, ווי אַ מיטגלידער פון דער ייִדי־שער אַגענץ, זאָל שאַרף פּראָטעסטירן. דער זשורנאַל האָט אויך פּובלי־קירט, אין ייִדיש, די בריוו געדרוקט אין דאר היום און הארץ אין שייַכות מיטן פילם. די בריוו האָט געשיקט ל. חיין־שמעוני, וואָס האָט באַשריבן דעם אינצידענט ווי ׳אַ פּאָגראָם׳. ער האָט קריטיקירט ׳די קולטורעלע העברעיִסטן׳, וואָס דערקלערן אַז זיי זענען קעגן איינוואָרצלען העב־רעיִש אין א״י, מיט גוואַלד־מעשׂים, אָבער טוען גאָרניט כּדי אויסצומייַדן אַזעלכע מעשׂים.

בייַ דער זעלבער געלעגנהייט האָט ליטעראַרישע בלעטער געדרוקט אַ פּראָטעסט, וואָס דער ייִדיש־פּען־קלוב אין וואַרשע האָט אַרויסגעשיקט צום העברעיִשן פּען־קלוב אין תּל־אָביב. דער פּראָטעסט זאָגט, אַז די

אָפיציעלע ייִדישע אַנשטאַלטן אין א״י, זענען פאַקטיש מסכים מיטן אָנפאַל אויף ייִדיש, מחמת דעם וואָס זיי זענען עפנטלעך אַרויסגעטראָטן קעגן ייִדיש. דער פען־קלוב אין תל־אָביב ווערט געבעטן זיך אָננעמען די קריוודע פון ייִדיש אין ארץ־ישראל.[71]

דער העברעיִשער פען־קלוב אין ת״א האָט אויף דעם געענטפערט, אַז די שפּראַכן־פראַגע אין א״י איז דערעיקרשט 'אַ פּאָליטישע פראַגע פון דער נאַציאָנאַלער היים'. לויט זײַנע תקנות טאָר זיך דער פען־קלוב ניט אַרײַנמישן אין אַזאַ ענין. ניט געקוקט אויף דעם, איז אָנגענומען בײַ אַלע העברעיִשע שרײַבערס אין לאַנד, אַז עפנטלעכע פאָרשטעלונגען אין ייִדיש אין א״י, מיטן מיין צו 'דערהאַבערן אַ הערש־פּאָזיציע פאַר דער דאָזיקער שפּראַך', קענען אָפּשוואַכן העברעיִש. דערפאַר טאַקע דאַרף מען אויסמײַדן אַזעלכע פאָרשטעלונגען, 'מיט קולטורעלע מיטלען'. ייִדיש ווערט ניט געקריוודעט אין א״י. מען מעג פרײַ אימפּאָרטירן ביכער און צײַטונגען אין ייִדיש. געסט וואָס קענען ניט קיין העברעיִש האַלטן רעפע־ראַטן אויף ייִדיש און קיינער שטערט זיי ניט.

פונעם בריוו איז קלאָר אַז דער העברעיִשער פען־קלוב אין תל־אָביב איז געווען, פאַר איין וועגס, קעגן ווײַזן די ייִדישע מאַמע און קעגן דער אָבסטרוקציע.

דעם בריוו פון ייִדישן פען־קלוב און וואַרשע האָבן געחתמעט אהרן צײַטלין און מלך ראַוויטש.

דעם בריוו פון תל־אביב האָט רעדאַגירט אשר ברש און ער האָט אים אונטערגעשריבן צוזאַמען מיט ח. נ. ביאַליק. צו באַמערקן אַז דער אַרויסזאָג אינעם בריוו, אַז די שפּראַכן־פראַגע איז אַ 'פּאָליטישע פראַגע פון דער נאַציאָנאַלער היים', איז סותר ביאַליקס באַנעם אַז דער אויפלעב פון העברעיִש איז אַ קולטורעלע פראַגע (אויבן, ז' 185).

יוסף אָפּאַטאָשו און נפתלי גראָס, האָבן אין נאָמען פון ייִדיש־פען־קלוב אין ניו־יאָרק, קריטיקירט ביאַליקן און ברשן אין אַ בריוו וואָס איז גאָרניט מחדש אין דער פּאָלעמיק. אָפּאַטאָשוס און גראָס' בריוו איז וויכטיק מיט דעם, וואָס ער דריקט ווידער אַ מאָל אויס דעם אײַנשטעל פון די ייִדיש־שרײַבערס אין חוץ־לאַרץ צום סטאַטוס פון ייִדיש אין א״י.[72]

4. דער עפנטלעכער אָפּרוף אויף די בראָשורן פון ארץ־ישראלדיקער יידיש־ליטעראַטור

אַנהייב, אַ בראָשור אַרויסגעגעבן אין ירושלים, 1928,[73] איז אַ קערפּונקט אין דער יידיש־ליטעראַטור אין א״י. דעמאָלט איז אויפגע־קומען, צום ערשטן מאָל, אַ ביז גאָר קליינע גרופּע שרייבערס, וואָס האָט געשטרעבט אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן אין א״י די יידיש־ליטע־ראַטור געשאַפן אין לאַנד. דער פּראָגראַמאַטישער אַרטיקל אין אַנהייב, דריקט אויס אַ קלאַסן־איינשטעל צו העברעיִש און יידיש.[74] דער מחבר, אַ פּרינציפּיעלער ציוניסט, שטרייכט אונטער אַז אין א״י דערוואַרגט מען יעדן פּרווו צו פירן אַ יידיש־אַקטיוויטעט אויף אַ ברייטן אופן. אַזאַ מצב קען זיך בייטן. די 'ברייט פונאַנדערגעוואַקסענע' באַוועגונג פאַר מאַסן יידיש־קולטור אין פּוילן, אַמעריקע און אַרגענטינע; דער ייוואָ; סאָוועטן־פאַרבאַנד און 'דער באַוווסטזיין אַז מיר אין ארץ־ישראל זענען איינער פון די וויכטיקסטע יסודות אין דער... קייט' פון יידיש־מאַסן־קולטור אויף אַלע געביטן, איז 'די גאַראַנטיע פאַר אונדזער זיג'. דער דאָזיקער פּראָגראַמאַטישער אַרטיקל איז געדרוקט געוואָרן אַנאָנים. מנשה אונגער זאָגט עדות, אַז ער, דניאל לייבל, יוסף פּאַפּיערניקאָוו און דער לינקער פּועלי־ציוניסטישער טוער א. קאַבלאַנאָוו האָבן רעדאַגירט אַנהייב.[75] עס לייגט זיך שטאַרק אויפן שׂכל אַז דניאל לייבל איז דירעקט פאַרבונדן מיט אָט דעם מאמר.

ל. ליטוואַק, וואָס איז אָן ספק ל. חיין־שמעוני, האָט געטענהט (אַנהייב, זז' 25—29) אַז אין א״י הערשט אַ 'שׂנאה צו זשאַרגאָן'. ליטוואַק לויבט זייער דעם מיעוט וואָס איז ניט פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם 'העברעיִס־טישן שגעון' און טראָגט 'דעם מאַרטירער־קרייץ פון יידישן וואָרט'. אַצינד האָט זיך די לאַגע געביטן. 'טויזנטער אַרבעטער' שטיצן דעם קאַמף פאַר פולע רעכט פון יידיש אין א״י. ליטוואַק פירט אויס אַז מען דאַרף פאַר־לייגן אַן אומפּאַרטיישן פאַרבאַנד פאַר פּראָלעטאַרישער יידיש־קולטור אין א״י.

כדאי צו באַטאָנען, אַז אַנהייב[76] איז פון די געציילטע ליטעראַרישע יידיש־בראָשורן אין א״י אַרויס ביז 1934 — ווו עס זענען פאַראַן אַרטיקלען וואָס דריקן אַזוי בולט אויס דעם איינשטעל צו יידיש אין לאַנד מצד דעם 'פּוילישן פליגל' פון לינקע פּועלי־ציון.

אַחוץ עטלעכע פאַררופן אין די אויסגאַבן פון גדוד מגני השפה,[77]

האָט די העברעיִשע פּרעסע איגנאָרירט אַנהייב. אַנדערש איז געווען מיט איינם, וואָס איז אַרויס אין תּל־אָביב, אָנהייב אַפּריל 1929. איינם איז געווען די ערשטע בראָשור אַרויסגעגעבן פון ״ייִדישן ליטע־ראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב אין ארץ־ישׂראל״. ליטוואַקס פאָדערונג עס זאָל אויפקומען אַן אומפּאַרטייִישער פאַרבאַנד פאַר פּראָלעטאַרישער ייִדיש־קולטור אין א״י איז מקויים געוואָרן בלויז טיילווייַז. דער ייִדישער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב אין א״י, איז ניט געשטיצט געוואָרן פון טויזנטער אַרבעטער און ער האָט זיך ניט אָפּגעגעבן מיט פּראָלעטאַריי־שער ייִדיש־קולטור. דער קלוב איז יאָ געווען, אין אַ געוויסער מאָס, אומפּאַרטייִיש. סוף 1928 האָבן די ענגלענדער אויטאָריזירט דעם קלוב, וואָס האָט כּולל געווען צוועלף מיטגלידער, ניט אַלע שרייַבערס. דאָס רוב זענען געווען לינקע פּועלי־ציון־חברים. צווישן זיי — די פירער פון פּאַרטיי, מ. ערעם און ג. ניר,[78] ניט געקוקט אויף דעם, זענען די זשורנאַליסטן אין קלוב, ש. פּיעטרושקע און א. י. טריוואַקס, געווען זייער ווייַט פון דער פּאַרטיי. מען דאַרף באַטאָנען, אַז כאָטש די מאָטיוון פאַר דער ייִדיש־טעטיקייט פון דער לינקער פּועלי־ציון־פּאַרטיי זענען געווען דערעיקרשט פּאָליטישע, איז אין לאַנד געווען אַן עולם פאַראינטערעסירט אין ייִדיש־אַקטיוויטעט, ניט צוליב פּאָליטישע סיבות. פון אַ פּרינציפּיעלן קוקווינקל, איז די צאָל ייִדיש־שרייַבערס אין א״י און די ווערט פון זייער שאַפן ניט שייך. די צאָל מענטשן וואָס פלעגן בייַזייַן אויף די ייִדיש־פאָרשטעלונגען, רעפעראַטן און לייען־אָוונטן אָרגאַניזירט דורך לינקע פּועלי־ציון איז, פּרינציפּיעל, אויך ניט שייך. די אָפּרופן מכּח איינם דערווייַזן, אַז די ארץ־ישׂראלדיקע געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס איז געווען קעגן גוואַלד־מעשׂים כּלפּי ייִדיש־קולטור־אַקטיוויטעטן אין לאַנד, האָט די דאָזיקע אַקטיוויטעטן לחלוטין פאַרניינט.

די נפקא־מינא אינעם צוגאַנג פון די פאַרניינערס איז באַשטאַנען אין דעם וואָס אַ טייל פון זיי האָט אין גאַנצן איגנאָרירט איינם און דעם קלוב, בשעת אַן אַנדער טייל איז אָפן אַרויסגעטראָטן קעגן זיי. אויף אַ באַגעגעניש פון די ׳אמוני הלשון העברית׳ (די העברעיִש־טרייַע) האָט מען איבערגעגעבן וועגן אַ מסיבה ׳לכּבוד איינם און לכּבוד דעם פאַרלייגן אַ געזעלשאַפט פאַר ייִדיש־קולטור׳. ביאַליק האָט באַמערקט אַז די מסיבה באַווייַזט ׳אונדזער אָפּגעלאָזנקייט׳. ׳די חוצפּה פון די דאָזיקע בחורים, די זשאַרגאָניסטן, דערנערט זיך פון אָט דער אָפּגעלאָזנקייט. זיי וואָלטן

ניט געהאַט די חוצפּה צו אַזאַ פּרווו אין א״י, ווען זיי וואָלטן געזען אַז די באַציִונג צו דער העברעיִשער קולטור איז אַזוי ערנסט ווי די באַציונג צו די תּכליתדיקע אונטערנעמונגען אין א״י׳.[79]

אַ קורצע צײַט נאָכן אַרויסגעבן אײנס האָט דאר היום (3טן אַפּריל 1929) אָפּגעדרוקט אַן עדיטאָריאַל קעגן דער בראָשור. דער עדיטאָריאַל האָט אונטערגעשיידט צווישן דער שפּראַכן־פראַגע אין אויסלאַנד און אין ארץ־ישׂראל. די שפּראַכן־פראַגע איז אַ נודנע פּראַגע, וואָס האָט זיך אין חוץ־לארץ אויסגעלאָזן פאַר יידיש ניט גוט. דער פּראָצעס דאָרטן איז געווען אַזוי ראַשיק, אַז אַפילו די ׳עקסטרעמסטע העברעיִסטן׳ באַדויערן עס און ווילן עס פאַרהאַלטן. ניט אַזוי איז דער מצב אין א״י. דער מחבר — וואָס האָט ווײַל געוווּסט אַז ניט אַלע מיטאַרבעטער אין אײנס זענען לינק־געשטימט — האָט געהאַלטן אַז די בראָשור האָבן אַרויסגעגעבן ׳קלותדיקע מענטשן. דאָס זענען מענטשן אָן געשמאַק, אָרעם אין געזעל־שאַפטלעכן גײַסט. דער דאָזיקער אָנגריַיף אויף איינעם פון די תּחומים ווו עס הערשט העברעיִש... אויף דער פּרעסע, איז נאָך אַ באַוויַיז... פון דער ירידה פון דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל, וואָס פאַרסמט אונדזער לעבן׳. דעם 22סטן אַפּריל 1929 האָט דער רעדאַקטאָר פון דאר היום, זאב זשאַבאָטינסקי, געדרוקט זײַן מאמר ׳להגנת שפתנו׳ (׳פאַר דער פאַרטיידי־קונג פון אונדזער שפּראַך׳). דער סטיל און די אַרגומענטאַציע אינעם מאמר זענען די זעלבע ווי אינעם אויבן דערמאָנטן עדיטאָריאַל. בלי־ספק האָט איין און דער זעלבער מחבר אָנגעשריבן ביידע אַרטיקלען.

מען דאַרף דערמאָנען דרײַ פּונקטן וואָס זשאַבאָטינסקי האָט אָנגערירט אין ׳להגנת שפתנו׳: א) ער דערקלערט אַז ער דרוקט דעם אַרטיקל, ווײַל ׳אַ סך פרײַנד פון העברעיִש׳ האָבן זיך צו אים געוואָנדן און פּראָטעסטירט קעגן ׳איבערגעטריבענעם קנאות׳ אין שײַכות מיט אײנס. ב) זשאַבאָטינסקי איז זיך מודה אַז בראש פון די וואָס היטן אָפּ העברעיִש שטייט ׳דער קרײַז וואָס איך באַקעמף זײַן באַנעם: די אַרבעטער׳. ג) זשאַבאָטינסקי האָט געהאַלטן אַז דער מצב פון העברעיִש אין ארץ־ישׂראל איז שווער, מחמת דאָ הערשן ׳אַ פרעמדע אַדמיניסטראַציע און דער געזעלשאַפטלעכער ציניזמוס׳, וואָס דריקט זיך אויס ׳מיטן רעדן פרעמדע שפּראַכן אויף די גאַסן׳. העברעיִש איז שטאַרק נאָר אין דער פּרעסע, אינעם געזעלשאַפט־לעכן לעבן און אין שול־וועזן. עס איז אויסשליסלעך פאַרבאָטן צו שעדיקן אָט אַ די דאָזיקע געביטן. אַזאַ פאַרבאָט איז חל ניט בלויז אויף יידיש.

דאָס אָנרופן יידיש 'שוועסטער' איז אַ פּוסטע מליצה. דאָס נעמלעכע 'האַרנטע און שפּחה'. די איינציקע פראַגע איז צי 'זי' וועט שטערן צי ניט'. אויב זי וועט שטערן, 'מעג זי זײַן אַ שוועסטער, אַ מאַמע צי אַ טאָכטער, וועט פאַר איר ניט זײַן קיין אָרט אין לאַנד'.[80]

איינס האָט אויך אַרויסגערופן אָפּקלאַנגען, מחמת דער וואַרשעווער הײַנט האָט אָפּגעזאָגט זײַן באַשטענדיקן קאָרעספּאָנדענט אין א"י, שׂמחה פּיעטרושקאַ. דאָס איז געשען, משמעות, פאַר זײַן מיטגלידערשאַפט אין קלוב און פאַר זײַן אַרטיקל אין איינס 'קלאָרע דיבורים וועגן דער פראַגע פון יידיש און העברעיִש אין ארץ־ישׂראל'.[81] פּיעטרושקאַ האָט אונטערגעשיידט צווישן אַ פּרינציפּיעלן און אַ פּראַקטישן צוגאַנג צו דער פראַגע. די נויטיקייט פון ביידע שפּראַכן דאַרף דינען ווי אַ מעסטער בעת מען רעדט אַרום, טעאָרעטיש, די שפּראַכן־פראַגע אין א"י. פון אַט דעם קוקווינקל, וואָלט יידיש באַדאַרפט זײַן די שפּראַך פונעם יישוב. פּראַקטיש איז פּיעטרושקאַ געווען מחולק מיט די וואָס האָבן געטענהט אַז עס וועט מיגלעך זײַן צו פאַרוואַנדלען יידיש אין דער שפּראַך פון די יידן אין לאַנד. די דאָזיקע פראַגע איז שוין באַשלאָסן געוואָרן לטובת העברעיִש.[82]

מײַ 1929 איז י.[עקב] פּ.[אַט] אַרויס אין ביכער וועלט קעגן הײַנט פאַרן אָפּזאָגן שׂמחה פּיעטרושקאַן. י. פּ. ברענגט ציטאַטן פון פּיעטרושקאַס מאמר אין איינס, מחוצן קאָנטעקסט, און דערמאָנט ניט פּיעטרושקאַס פּאַקטישע מסקנה.[83]

אין שײַכות מיטן ענין פּיעטרושקאַ האָט דוד זכאי פאַרטראָטן די מיינונג פון די וואָס האָבן געהאַלטן אַז מען דאַרף לחלוטין איגנאָרירן איינס און דעם קלוב. זכאי קריטיקרט, מיט אַ רמז, די יעניקע וואָס זענען עפּנטלעך אַרויס קעגן איינס. ווען זיי זאָלן געווען שווײַגן, וואָלט קיינער ניט געוווּסט אַז עס עקסיסטירט איינס. פאַר איין וועגס, האָט זכאי קריטיקירט רדיפות מחמת 'מיינונגען און שפּראַך'. פּיעטרושקאַן האָט מען ניט געדאַרפט אָפּזאָגן. אויב דאָס איז געטאָן געוואָרן, ווײַל אַזוי האָט מען דאָס פאַרלאַנגט פון א"י, האָט מען מיט דעם שטאַרק אַרויסגעהאָלפן דעם הייפל היגע יידישיסטן.[84]

צו באַטאָנען אַז כּתובים האָט ניט געשריבן קיין וואָרט וועגן אָנהייב און איינס. דאָס דאָזיקע שווײַגן קען דערקלערן די מאָטיוון וואָס האָבן געטריבן שטיינמאַנען און שלאָנסקין, אויפצווועקן פון צײַט צו צײַט די שפּראַכן־פראַגע אין כּתובים. ווען עס איז געגאַנגען אין אַנגעזעענע

פּערזענלעכקייטן איןביידע ליטעראַטורן, האָבן די רעדאַקטאָרן איבער־געקערט וועלטן. דורכויס אַנדערש האָבן זיי רעאַגירט אין שייַכות מיט די בראָשורן פאַר יידיש־ליטעראַטור אין לאַנד. עס איז קלאָר געווען, דאָס אַן אַרויסטרעט קעגן די דאָזיקע בראָשורן וועט ניט צוציען די אויפמערק־זאַמקייט צו פּתּובים, וואָס עס האָבן אַרויסגערופן די אַנגרייפן אויף ביאַליק, האָפשטיין, קלעצקינען און אַנדערע.

יולי און דעצעמבער 1929 זיינען אין תּל־אָביב אַרויס נאָך צוויי פּעריאָדישע אויסגאַבן פאַר יידיש־ליטעראַטור: צוויי און צווישן צוויי און דריי. די העברעיִשע פּרעסע האָט ביידן איגנאָרירט.

דער יידישער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב אין א״י, האָט געהאָפט צו קריגן הילף פון אויסלאַנד, כּדי אַרויסצוגעבן די יידיש־בראָשורן. אַזאַ הילף איז יעמאָלט ניט געווען בנימצא.[85] דאָס איז איינע פון די סיבות פאַר וואָס מ׳האָט איבערגעריסן אַרויסצוגעבן די בראָשורן אין משך פון אַנדערטהאַלבן יאָר. די אויסגאַבן וואָס זענען אַרויס אין 1931—1932, זענען געווען דינער און קלענער ווי די פריערדיקע. מאַי, יוני, אָקטאָבער און מיר, זענען אַרויס אין פאַרלאַג אין צוים.[86] דער קלוב האָט אַרויסגעגעבן דריי, חיפה און פיר.

עטלעכע נאָטיצן אין דער העברעיִשער פּרעסע האָבן אָנגערופן מאַי ׳גראַפאָמאַניע׳. די דאָזיקע נאָטיצן און דער ענטפער אין יוני, זענען פול מיט פּערזענלעכע אַנגרייפן, עקסטרע צווישן דעם פּאָעט אביגדור המאירי און אברהם בליי־ציפורי.[87]

הערות צו קאַפּיטל פינף

1. נייַוועלט איז אַרויס ביז 1955. איבער דער יידיש־פּרעסע אין א״י, פאַר נייַוועלט, זען דעם אַרטיקל דערמאָנט אויבן, ז׳ 69 הערה 3.
2. געמיינט די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ. יעקב זרובבל איז אָנגעקומען צו גאַסט פון פוילן, געציילטע טעג פאַרן אינצידענט.
3. וועגן דניאל לייבל זען אויבן, ז׳ 188, הערה 93. וועגן וועשער־רייכמאַן זען לעקסיקאָן, 4, זז׳ 503־504 און תדהר, ד, זז׳ 2029־2030.
4. ביידע פראַקציעס האָבן געדרוקט דערקלערונגען אין דבר, 026סטן — 029סטן אויגוסט 1928. איין פראַקציע, די ׳צחקיסטן, האָט באַשולדיקט די׳פוילישע׳ פראַקציע (ערעם־ניר־פראַקציע) אין פרווון פאַרבייטן דעם ׳מהות און פאָלי־טישן אינהאַלט פון דער פאַרטיי אויף אַ קליינבירגערלעכן, בונדיסטישן קול־

טוריזם׳. אַנשטאָט צו פּאַרפּעסטיקן ׳דעם קלאַסנקאַמף׳, שטעלט אַרויס די ׳פּוילישע פראַקציע׳ די שפּראַכן־פראַגע ווי די עיקר עובדא פון דער פּאַרטיי. די ערעם־ניר פראַקציע האָט אויסגעשלאָסן מענטשן פאַרן אַרויסטרעטן אויף העברעיִש אין די פּאַרטיי־קלובן. די ערעם־ניר־פראַקציע האָט די דאָזיקע באַשולדיקונג שאַרף אָפּגעשלאָגן, טענהנדיק, צווישן אַנדערן, אַז אַכט פון די צוועלף זאַמלהעפטן וואָס די פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן פאַר דער לעצטער צײַט, זענען געווען געדרוקט אויף העברעיִש.

5. זען ווײַטער, ז׳ 203. **דבר** האָט אויך אָפּגעוואָרפן דעם דערקלער אַז דער אַנפאַל איז געווען אַ פּראָטעסט קעגן ׳פײַערן דעם יובל פאַר ייִדיש׳. פּ״גל, **דאר היום**, 8טן אָקטאָבער 1928, זז׳ ג, ו.
6. פּ״גל אויבן, ז׳ 17 און 130.
7. בוגראַשאָוו האָט געמיינט כּצנעלסאָנס ׳הלנו או לצרינו?׳, אויבן ז׳ 110.
8. זען די באַריכטן אין **הארץ** און **דבר**, 9טן אָקטאָבער 1928, זז׳ 1 און 4; ז׳ 1.
9. די דרײַ זענען געווען י. עפּטער (זען, **תדהר**, 2 זז׳ 891־892); ראָזאַ כּהן־ראַבין, דאַרטן, ד, זז׳ 1690־1691 און מ. י. ברונער. וועגן ברונערן האָב איך ניט געפונען קיין ביאָגראַפישע פּרטים.
10. אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים זענען פאַראַן ווײַטערדיקע בראַשורן: **הגדוד**, א—ה תרפ״ד־ה; **לעם**, ט׳ באלול תרפ״ו; **בּמה לעם**, י״ח אלול תרפ״ו; **נר חנוכּה**, כ״ו כסלו תרפ״ז; **לעברי**, י״ח ניסן תרפ״ז; **השפה**, ח׳ באייר תרפ״ז; **לשוננו** כ״ח תמוז תרפ״ז; **גדודנו**, י״ג מרחשון תרפ״ח; **הגדוד** ט״ז ניסן תרפ״ז.
11. זען: **הגדוד**, ג׳ בשבט תרפ״ד, ז׳ 16. **גדודנו**, ז׳ כ״ג. זען אויך די זכרונות פון ש. צמרת, **בוקר תמיד**, ת״א תשכ״ו, זז׳ 22, 24.
12. זען אויבן, ז׳ 161.
13. וועגן יהודה גור־גראַזאָווסקי זען: **תדהר**, א, ז׳ 244—246 און ד, ז׳ 2063.
14. דער גדוד האָט געוואָרנט די תּל־אָבֿיבֿער בראַנזשע פון וואַרשעווער הײַנט ניט צו קלעפּן מודעות אויף ייִדיש און העברעיִש. וועגן די דרוקער אין תּל־אָבֿיבֿ ווערט איבערגעגעבן אַז אַלע, אַחוץ איינעם, האָבן צוגעזאָגט ניט צו דרוקן זשאַרגאָן. זען, **נר חנוכּה**, ז׳ 3.
15. זען: **בּמה לעם**, ז׳ 3 און ש. צמרת, אויבן, הערה 11.
16. דער ירושלימער ראַט פון גדוד האָט סוף אדר א׳ תרפ״ט באַגריסט ׳אונדזער געאַכפּערטן מנהיג מ. אוסישקין, צום צענטן יאָרטאָג פון זײַן רעדע פאַר די אַנפירער פון דער וועלט, אויף דער שפּראַך פון דער אומה׳ (אוסישקין האָט גערעדט העברעיִש אויף דער שלום־קאָנפערענץ אין ווערסײַ). דער בריוו ענדיקט זיך אַזוי: ׳אַז די קומענדיקע דורות וועלן פרעגן ווער האָט עס אויפגעהויבן זײַן קול און געפאָדערט באַפרײַען און אויסלייזן די אומה און איר שפּראַך, וועט די געשיכטע ענטפערן: מנחם בן־משה׳. זען: **הגדוד**, תרפ״ט, ז׳ 5. פּ״גל, דאַרטן, העפט ב, (כסלו תרפ״ד), ז׳ כ״א.
17. קנאות און מלחמה זענען די פאַרשפּרייטסטע ווערטער אין דער טערמינאָלאָגיע פון גדוד. זען: **לעם**, ז׳ א; **גדודנו**, ז׳ י״ח; **הגדוד**, א, ז׳ ט; **הגדוד** (תרפ״ט), ז׳ א.
18. ש. צמרת (אויבן, הערה 11, ז׳ 22) זאָגט עדות אויף אָבסטרוקציעס קעגן אגודת ישראל אין שײַכות מיט ייִדיש.

19. זען: גרודנו, ז׳ 1.

20. זען: הגדוד, 1, ז׳ ג׳ און גרודנו ז׳ י״א. וועגן אז״ר זען: לעקסיקאָן, 8, ז׳ 288 און קרסל, 2, ז׳ 814—816.
אין הגדוד האָט אז״ר געטענהט, אויפן סמך פון רמב״ם, אַז דער צובונד צו ייִדיש און א״י, איז בבחינת ׳וסרתם ועבדתם אלהים אחרים׳.

21. זען: הגדוד א׳, זז׳ ה—ו. בלאָוושטיין, אונטערשיידנדיק צווישן העברעיִשן און ייִדישן פאָלק שטעלט פעסט, אַז ווער עס וועט זיך ניט באַהעפטן צום העברעיִשן פאָלק און א״י, וועט זיך אַסימילירן אָדער ווײַטער פירן אַ ׳בידנע לעבן אין גלות׳.
וועגן בלאָוושטיין — סלע זען: קרסל, 2, ז׳ 813. זען: הר־זהבס אַרטיקל, הגדוד, ה תרפ״ז, זז׳ 5—7. וועגן הר־זהב זען: קרסל, 1, ז׳ 626. פ״גל, שפתנו, תרפ״ז, זז׳ י״ב־י״ג.

22. געמיינט די פּעריאָדישע אויסגאַבן פון די קאָמוניסטן, לינקע פּועלי־ציון און עדת־החסידים. זען דערוועגן דעם אַרטיקל דערמאָנט אויף ז׳ 69, הערה 3.

23. זען: אתדזער פאָן, ת״א, תרפ״ד, ז׳ 43. פ״גל אויבן, זז׳ 22, 26. אין קונטרס ווערט דער גדוד בכלל ניט דערמאָנט. הפועל־הצעיר האָט זייער ווייניק געשריבן וועגן גדוד.

24. דער בריוו, י״ב אלול תרפ״ד, געפינט זיך אין אַרבעטער אַרכיוו, IV/411, טעקע 21. מרדכי דינאַבורג, ע״ה, איז געווען אַזוי גוט צו ווײַזן מיר אָט אַ דעם דאָקומענט.

25. אַזוי למשל יעקב צור פון אויסערן מיניסטעריום. ש. צמרת ע״ה (אויבן הערה 11); ד״ר מ. איש־שלום ע״ה, אַ פאַרשער פון ארץ־ישראל, אַ פּירער פון ירושלימער גדוד, איז אויך ניט געווען קיין רעוויזיאָניסט.

26. זען: אנטומיה של שמאל, ת״א, תשל״ו, זז׳ 129־130. וועגן נחום ניר־רפאלקעס זען אויבן, ז׳ 49. וועגן משה ערעם, זען: לעקסיקאָן, 7, 52—54. און תדהר, 3, 1955־1956.

27. וועגן רפאל מאהלער זען: לעקסיקאָן, 5, זז׳ 393—397.

28. די קאָמוניסטישע פּעריאָדישע ייִדיש־אויסגאַבן האָבן באַהאַנדלט פּאָליטישע ענינים. די פאַררופן אויף ייִדיש אין די אויסגאַבן וואָס געפינען זיך אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים, האָבן צו טאָן מיט דער אָפּאָזיציע צו אחדות־העבודה. זען: אַרבעטער וואָרט, ירושלים, 1923, זז׳ 15 און 42 און פּראָלעטאַרישע שטימע, דאַרטן, 1926, ז׳ 15. עס זענען מיר ניט באַקאַנט פאַררופן אויף ייִדיש אין די קאָמוניסטישע אויסגאַבן נאָך 1926. די אויבן דערמאָנטע פאַררופן שטימען מיט מיטן אָפיציעלן קאָמוניסטישן גאַנג צו ייִדיש, ווי צו אַ שפּראַכלעכן פאַרבינד־מיטל. פ״גל אויבן זז׳ 157־158, און זען דב סדן, דרך האידישיזמוס לשמד, דבר 4טן יאַנואַר 1928. וועגן אײַנשטעל צו ייִדיש אין ראַטן־פאַרבאַנד זען: ח. שמרוק, האומה 13 (1965), זז׳ 27—31 און ז. קלמנאָוויטש, ליטעראַרישע בלעטער, 8 (1931), זז׳ 40־41; 61־62; 78—80; 100—102; 139—141.

29. זען אויבן, זז׳ 170־171, 198.

30. זען: די אַרבעטער פרוי, אַפּריל 1926, ז׳ 16.

31. זען: ׳איך פאָר אהיים׳, אַרבעטער קעמפער, 1928.

32. זען: איינהייט, תּל־אָביב, 1925, ז׳ 12.
33. זען: דבר, 7טן יולי 1927, ז׳ 4. דער אינצידענט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַזעלכע וויכּוחים אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. אַ טייל דיס־פּוטאַטן האָבן געפאָדערט אַפּצושלאָגן דעם פאַרלייג אויף אַן אַרט. וועשער האָט אָנגעהויבן רעדן יידיש. בן־גוריון און דער עולם האָבן אים פאַרשוויגן. בן־גוריון און כּצנעלסאָן האָבן באַשולדיקט לינקע פּועלי־ציון, אַז זיי ׳דע־מאַנסטרירן׳ כּדי צו מאַכן אַ פּאָליטישן קאַפּיטאַל אין אויסלאַנד. כּצנעלסאָן האָט אָנגערופן וועשערס פאָדערונג ׳בדחנישע דעמאָנסטראַציע׳, נאָר אויף בן־גוריונס פאַרלאַנג האָט ער צוריקגעצויגן דאָס וואָרט ׳בדחנישע׳.
34. זען: לשוננו, תרפ״ז, זז׳ 2־3.
35. לייבל האָט געמיינט די דריטע אַסאַמבלעע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 9טן פעברואַר 1931. זען לייבלס נאָטיץ: מאַי, תּל־אָביב, 1931, זז׳ 3־4. די באַריכטן אין דבר און הארץ פון 15טן פעברואַר גיבן איבער אַז ערעם האָט פאַרגעלייגט לערנען יידיש אין די יידישע שולן אין לאַנד. וועגן חיותה בוסעל זען: תדהר, ד, ז׳ 1840.
36. זען די עדותשאַפטן אין טעקע 86, אינסטיטוט פאַר בעל־פּה־דאָקומענטאַציע, אינסטיטוט פאַר היינטצייטיקע יידנטום, העברעיִשער אוניווערסיטעט, ירושלים. וועגן חיין־שמעוני זען: לעקסיקאָן, 3, זז׳ 734־735 און קאַפּיטלעך 6 און 7.
37. אַ ביישפּיל פון לייבלס בקיאות זען: דניאל לייבל, ביאַליק שבעל פּה, מולד 131, זז׳ 284־285. לייבל האָט איבערגעזעצט סלאָוואַצקיס אַנהאַלי אויף העברעיִש און געחתמעט מ. סתר. זען, קרמל, 2, ז׳ 253.
38. וועגן ישראל יידלסאָן—בר־יהודה זען: תדהר, ד., ז׳ 1867, ז׳ ז׳, ז׳ 2969, ט״ו, ז׳ 4804.
39. זען: דבר, 7טן אָקטאָבער 1928.
40. זען: דאָרטן, דאָרטן.
41. דבר האָט אויף דעם שאַרף רעאַגירט דעם 2טן און 3טן מיי 1928.
42. די דאָזיקע פּרשה ווערט פאַררעכנט פאַר אַ וויכטיקן שטאַפּל אין די געשעענישן וואָס האָבן גורם געווען די פּאָגראָמען פון 1929. זען: ספר תולדות ההגנה, ב׳ 2, חלק א׳, זז׳ 304—307. די העברעיִשע פּרעסע איז געווען חדשים־לאַנג פול מיט באַריכטן איבערן כּותל־אינצידענט.
43. דער אויסדרוק ׳בירגער־מלחמה׳ איז געשריבן געוואָרן מיט גרויסע און צע־שפּרייטע אותיות. זען כּצנעלסאָנס עדיטאָריאַל, דבר, 8טן אָקטאָבער 1928.
44. זען: דבר, 16טן אָקטאָבער 1928; הארץ, 10טן אָקטאָבער 1928. פ״גל, הארץ, 17טן אָקטאָבער 1928, ז׳ 1.
45. גנבים איז אַרויס אין וואַרשע, 1922. וועגן פ. בימקאָ זען: לעקסיקאָן, 1, זז׳ 294־295. וועגן אונדזער ווינקל זען: ליטעראַרישע בלעטער 3 (1927), ז׳ 135; ז׳ זילבערצווייג, יידיש־טעאַטער, 3־4, 1927, זז׳ 323—326.
46. זען: ׳ה„נשרפים״׳, קונטרס רנ״א, ה אדר תרפ״ו, ז׳ 27. פ״גל ד. זכּאי, דבר 17טן פעברואַר 1926, ז׳ 3; צמרת (אויבן הערה 11), ז׳ 24; קונטרס רנ״ז, כ״ה ניסן תרפ״ו, ז׳ 23.
47. זען: דבר, ז׳ אלול תרפ״ז, ז׳ 4. לייבל האָט געחתמעט אלכּסנדר, דאָרטן, ח׳ אלול תרפ״ז. כּתובים, י״א אלול תרפ״ז, האָט געטאַדלט דעם אָנפאַל,

באַטאָנענדיק די 'צעשטערערישע אַרבעט וואָס לינקע פּועלי־ציון פירן דורך מיט זייער קולטורעלער טעטיקייט'. זען אויך: ליטעראַרישע בלעטער, 3 (1927), ז' 794.

48. די רעוויזיאָניסטן האָבן וואָסערע חדשים שפּעטער אָפּגעדונגען די צײַטונג און זאב זשאַבאָטינסקי איז געוואָרן איר רעדאַקטאָר.

49. וועגן אבא אחימאיר זען: תדהר, ב, זז' 817־818.

50. זען: 'מלחמת האחים בתל־אביב'. דאר היום, 8טן אָקטאָבער 1928, ז' 2. וועגן בן־אב"י, אליעזר בן־יהודהס בכור, זען: תדהר, ג', ז' 1305—1307.

51. זען: 'מפ"סיות רוחניות', דאָרטן, 9טן אָקטאָבער 1928. וועגן ראַבינזאָן, זען אויבן, ז' 150.

52. געמיינט די וואָס זענען געווען קעגן פאַרגיסן בלוט אין פּאָליטישע קאַמפן. זיך מערקן אַז נאָך פאַר אחימאירס אַרטיקלען האָט אז"ר — אויבן הערה 20 — שטאָלצירט מיט זיין 'וועגעטאַרישקייט'. זען דבר, 10טן אָקטאָבער 1928, ז' 3.

53. אַזוי רופט אחימאיר די לינקע פּועלי־ציון אין זײַנע מאמרים. דאָס וואָרט פּ"צים — וואָס פאָדערט ניט קיין פּירושים — און דאָס גלײַכן מפּ"ס און שמו"צניק (אַ חבר אין השומר־הצעיר), זענען געבויט אויף אַ טאָפּל־שפּראַכיקן — העברעיִש־ייִדיש־גרונט.

54. זען, אַלע ווערק, ניו־יאָרק 1920, ב' 7, זז' 192—206.

55. זען שלאָנסקיס נאָטיץ אין הארץ 13טן אָקטאָבער 1928. גליקסאָן האָט רעאַגירט אויף אחימאירס אַרויסזאָגן, דאָרטן, 16טן אָקטאָבער און 7טן נאָוועמבער 1928. זען אויך דאָרטן, מ. מ[דזיני]ס נאָטיץ, 12טן אָקטאָבער 1928.

56. זען 'מפנקסו של פשיסטן', דאר היום, 14טן און 28סטן אָקטאָבער 1928; 4טן, 19טן און 23סטן נאָוועמבער 1928.

57. זען 'מאורעות שמחת־תורה', דאר היום, 4טן נאָוועמבער 1928. ק. כּצנעלסאָן פּלעגט דאָרטן דרוקן אַרטיקלען קעגן ייִדיש און א"י. זען, אַ שטייגער, 13טן אָקטאָבער 1930. 1960 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך, משבר העברית המודרנית. דאָס בוך האָט מען איבערגעזעצט אויף ייִדיש אין בוענאָס־אײַרעס און איז דאָרטן אַרויס א"ט דער קריזיס פון מאָדערנעם העברעיִש. קלמן כּצנעלסאָן האַלט דאָרטן אַז ייִדיש דאַרף זײַן די אָפיציעלע שפּראַך אין ישראל.

58. נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל האָט מען דב סדנען באַשולדיקט אין אומגעטרײַשאַפט צו העברעיִש, פאַרן חתמענען בערל אויף אַן אַרטיקל געדרוקט אין די גאָלדענע קייט. זען: דב סדן, אבני דרך, זז' 174־175.

59. דער איבערזעצער אריה אהרוני, אַ חבר אין קיבוץ בית־אלפא איז געווען אַזוי גוט געוויר צו ווערן דעם דאָזיקן ענין. ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז עס איז לא היה ולא נברא. זען אליצדקס נאָטיץ, דאר היום, 7טן נאָוועמבער 1928, ז' 2.

60. זען דאָרטן, 25סטן נאָוועמבער 1928. פּ"גל די קאַריקאַטור געדרוקט אויף צו מאָרגנס.

61 זען: טאָג, 25סטן און 21סטן אָקטאָבער 1928; הײַנט, 4טן נאָוועמבער 1928; פאָלקסצײַטונג, 28סטן אָקטאָבער 1928. זען אויך דאָרטן דעם עדיטאָריאַל פון 22סטן אָקטאָבער 1928.

62. זען דאָרטן, 4 (1928), ז' 853. מיט וואָסערע וואָכן שפּעטער האָט מען דאָרטן אָפּגעדרוקט אסתר שומיאַצערס ליד 'ווײ אונדז ייִדיש', געווידמעט דעם אַנ־

פּאַל אין תּל־אָביב. דאָס ליד האָט א. שומיאַצער געשריבן מיט צוויי יאָר פריער, ווען זי איז געווען צו גאַסט אין לאַנד צוזאַמען מיט פּרץ הירשביין. וועגן א. שומיאַצער זען, **לעקסיקאָן**, 8, ז' 598.

63. זען: **הארץ**, 25סטן נאָוועמבער 1928. פ"גל **דאָרטן**, 13טן נאָוועמבער 1928.

64. זען: ,,האבן" וה,,כתונת", **כתובים**, 8טן נאָוועמבער 1928. מ'דאַרף געדענקען, אַז לייבל האָט געדרוקט אין אויסלאַנד אַ ליד אין שײַכות מיטן אַנפאַל. זען: **דבר**, 18טן מאַרץ 1929, ז' 2 און 2טן אַפּריל 1929, ז' 3.

65. זען למשל א. אַלמיס נאָטיץ אין **ליטעראַרישע בלעטער** 7 (1930), ז' 548.

66.ביידע קאָמיטעטן האָבן פּאָרטראָטן די ייִדישע אויטאָנאָמיע אין א"י, אײַנער אויף אַ לאָקאַלן, דער צווייטער אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַשטאַב.

67. זען **דאר היום** און **הארץ**, 15טן און 30סטן סעפּטעמבער 1930.

68. 'בפעם המאה ואחת. לשאלת הקולנוע הז'רגוני ('צום הונדערט און ערשטן מאָל. צו דער פראַגע פון זשאַרגאָנישן קינאָ').

69. זען **דאר היום**, 28סטן סעפּטעמבער 1930, **דבר**, 28סטן און 29סטן סעפּטעמבער 1930.

70. וועגן צבי קראָל זען, **קרסל**, 2, ז' 800. פ"גל צוויי בריוו אין **דבר**, 12טן אָקטאָבער 1930.

71. זען: **ליטעראַרישע בלעטער**, 7 (1930), ז' 793.

72. ווי אַזוי אשר ברש האָט רעדאַגירט דעם בריוו פון א"י, זען, אברהם ברוידעס, **פגישות ודברים**, זז' 32—34. זען דעם בריוו אין אָריגינאַל, **מאזניים** כ"ג בחשון תרצ"א, ז' 15 און אין ייִדיש־איבערזעצונג, **ליטעראַרישע בלעטער** (1930), ז' 913. זען דעם בריוו פון ניו־יאָרק, דאָרטן, דאָרטן.
וועגן אשר ברש זען **לעקסיקאָן**, 1, זז' 241־242; קרסל, א, זז' 384—386.

73. זאַמלהעפט פאַרן ייִדישן וואָרט אין ארץ־ישראל. 44 זײַטלעך.

74. דער מחבר טרעט אַרויס קעגן סטיכישן 'ייִדישיזם' וואָס איז ניט פאַרבונדן מיטן קאַמף פונעם ייִדישן אַרבעטער. דעריבער קען אַזאַ מין ייִדישיזם ניט זײַן 'אונדזער באַוועגונג'. שפּעטער האָט נ. ניר געטענהט אַז דער 'ראָמאַנ־טישער' ייִדישיזם איז ניט אַנדערש פונעם העברעיִזם. נירס קוק אויף ייִדיש איז געווען אינסטרומענטאַל. זען, **איינס**, תּל־אביב 1929, זז' 61—63.

75. זען: 'ביבליאָגראַפיע פון דער ייִדישער פרעסע אין ארץ ישראל', אין: **זאַמלבוך לכּבוד דעם 250סטן יובל פון דער ייִדישער פרעסע**, ניו־יאָרק 1937, ניו־יאָרק 1937, פּאָזיציע 34.

76. דער נאָמען אַנהייב איז ניט קיין צופעליקער. די רעדאַקטאָרן האָבן געוואָלט שאַפן דעם אײַנדרוק אַז **אַנהייב** איז אַ מין המשך און אויפלעב פון **אַנפאַנג** (אויבן, זז' 14־15).

77. זען אויבן, זז' 196־197.

78. ניר איז געווען דער פאָרזיצער. די צוועלף מיטגלידער אין קלוב זענען געווען: נ. ניר, מ. ערעם, ש. פּיעטרושקאַ, י. צ. שאַרגעל, ש. איזביצקי־איזבאַן, א. בליי־צפורי, י. קאָפּעלאָוו, י. פּאָפּיערניקאָוו, גיטל מײַזיל, א. טרי־וואַקס, א. חיימאָוויטש און מ. סטעמפּעל. סוף 1934 האָט דער קלוב פולל געווען 20 חברים. זען: **נײַוועלט**, 11טן יאַנואַר 1935. די בריוו וועגן שאַפן דעם קלוב האָבן זיך צופעליק אויפגעהיט. עס האָט זיי געפונען אין תּל־אָביב, אויף דער גאַס, דער ביבליאָגראַף י. ארנון. אַ האַרציקן דאַנק י. אַרנונען פאַרן דערלויבן מיר איבערלייענען דעם מאַטעריאַל וועגן קלוב.

79. ביאַליק האָט אויך שאַרף קריטיקירט די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס אַחוץ דעמאָנסטרירן, טוט זי ניט קיין סך פאַר העברעיִש.

80. קעגן זשאַבאָטינסקי איז אַרויס מ. ערעם אין צווייי, ת"א 1929, זז' 60—63. פ"גל ז. זשאַבאָטינסקי, 'הלשון והנימוס', חדשות הארץ, כ"ו באלול תרע"ט זז' 1־2. 'להגנת שפתנו איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש. זען: היינט, 12טן מיי 1929.

81. מ.[נחם] ר.[יבלין] האָט אין הפועל־הצעיר, 22 (תרפ"ט), נומ' 27, ז' 14, אָנגערופן איינס 'יידישיסטישע פּראָוואָקאַציע'. דער עיקר איז מ. ר. אַרויס קעגן פּיעטרושקאַס מאמר. ער באַשולדיקט פּיעטרושקאַן, אַז ער האָט ניט געזאָגט דעם אמת ווען ער האָט פאַרלייקנט אין הארץ (27סטן יאַנואַר 1929), אַז מען גייט אַרויסגעבן אַ 'יידיש־וואָכנבלאַט' אין א"י. פּיעטרושקאַ איז אויך ניט געווען פּינקטלעך ווען ער האָט דערקלערט אַז די חברים אין קלוב שרייבן יידיש בלויז פאַר אויסלאַנד. פּיעטרושקאַס נאָטיץ אין הארץ איז געווען אַן ענטפער אויף א. לעווינסאָנס אַן אַרטיקל דאָרטן (22סטן יאַנואַר 1929). לעווינסאָן איז אַרויס קעגן פּיעטרושקאַס און טריוואַקס מיטגלידער־שאַפט אין קלוב. ער האָט אויך קריטיקירט אַלע פּאַרטייִשע אָרגאַניזאַציעס וואָס לויפן האַלטן רעדעס אין יידיש יעדעס מאָל ווען עס קומען פאַר וואַלן אין לאַנד.

82. פ"גל בן־ציון האָפמאַן—צביון, מיין רייזע אין ארץ־ישראל, זז' 139—144. פּיעטרושקאַס אַרגומענטאַציע באַנייט זייער וויניק אין דער פּאָלעמיק. פּיעט־רושקאַ ענדיקט דעם אַרטיקל טענהנדיק אַז יידיש איז פּאַקטיש פאַרבאָטן אין א"י. ניט געקוקט אויף דעם, האָט ער געפאָדערט ניט איבערצוטרייבן מיט ניט־באַגרונטיקטע אַרויסזאָגן, ווי למשל אַז מען דערלויבט ניט אין א"י רעדן יידישן אין די גאַסן.

83. זען דאָרטן, זז' 47—49. זשאַבאָטינסקי און ביאַליק ווערן באַשולדיקט אַז זיי האָבן גורם געווען מען זאָל אָפּזאָגן פּיעטרושקאַן. זען אויך, ליטעראַרישע בלעטער, 5, (1929), ז' 409.

84. זען: 'קצרות', דבר, 29סטן אַפּריל 1929. זען דעם ענטפער פון היינט, דאָרטן, 26סטן מיי 1929.

85. ז. זילבערצווייג האָט פון ניו־יאָרק געשריבן צום קלוב דעם 27סטן מיי 1929, אַז ער האָט זיך געוואָנדן צו די יידישיסטישע קרייזן אין שטאָט. געענטפערט האָט מען אים אַז זייער אייגענע לאַגע איז זייער ניט פויגלדיק און זיי מוזן 'שנאָרעווען' פאַר זייערט וועגן. פ"גל מיט די בריוו פון קלמן מרמר, א. אייסען און י. ב. ביאַלאָסטאָצקי (2טן דעצעמבער, 30סטן אויגוסט און 10טן אָקטאָבער 1929). דער שרייבער־פאַראיין אין נ"י האָט בייגעשטייערט 25 דאָלאַר פאַרן קלוב (בריוו פון 15טן מיי 1929). אַלע בריוו געפינען זיך ביי י. ארנון (זען אויבן, הערה 78).

86. לעולם איז אין צוים געווען אַ יחיד־אימפּרעזע פון בלייציפּורי, וואָס איז אין 1932 אויסגעשלאָסן געוואָרן פון קלוב. זען: פיר, הינטערן שער־בלאַט.

87. זען: המחר, סיון תרצ"א, ז' 30; הארץ 31סטן מיי 1931, ז' 2. זען אויך, במערכה, 8טן מיי 1931; יוני, זז' 18—20.

קאַפּיטל זעקס:

דער סטאַטוס פון ייִדיש און ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י, פון זינט נײַוועלט (1934) ביזן אויפקום פון מדינת־ישראל

1. ייִדיש אין א״י ביזן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה

די פראַגע פון ייִדיש אין א״י, וואָס האָט אַזוי אויפגערודערט דאָס פּאָליטישע און קולטורעלע לעבן אין לאַנד ביזן סוף צוואַנציקער יאָרן, האָט אויפגעהערט צו זײַן אַן ענין פאַר ברייט־פאַרנעמיקע וויכּוחים אין די דרײַסיקער און פערציקער יאָרן. די פראַגע פון ייִדיש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן, וואָס מערער און מערער, אין אַ פּאָליטישער פראַגע פונעם לינקע פּועלי־ציון פליגל וואָס האָט באַניצט ייִדיש אין זײַן אַקטיוויטעט.

דער דאָזיקער פאַקט ווערט בולט אילוסטרירט אין יעקב זרובבלס עדיטאָריאַל, אינעם ערשטן נומער נײַוועלט (16טן נאָוועמבער 1934). ער שרײַבט דאָרטן איבער פּאַרטייִישע ענינים. ניט געקוקט אויף דעם, האָט ער זײַנע רייד פאַרענדיקט מיט ייִדיש: ייִדיש ווערט באַיקאָטירט אין א״י און מען מײַדט אויס גײַסטיקע שפּײַז פון טויזנטער מענטשן. מיטן דערשײַנען פון נײַוועלט הזרט זיך איבער אַ פענאָמען, באַקאַנט פון זינט דאָס ייִדישע אַרבעטער וואָרט (אויבן, זז׳ 55־57). דאָס דרוקן פּעריאָדישע ייִדיש־אויסגאַבן אין לאַנד פלעגט זיך אַנטרעפן מיט גרויסע שוועריקייטן. אין פאַל פון נײַוועלט, איז דער ערשטער נומער אַרויס אין ירושלים, נאָר מחמת ייִדן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן דעם צווייטן נומער, איז ער אַרויס אין אַן אַראַבישער דרוקערײַ אין יפו. דאָס נעמלעכע איז געשען מיטן זעקסטן נומער.[1] עס לייגט זיך אויפן שׂכל אַז די אַרויסגעבערס פון נײַוועלט האָבן פאַרויסגעזען אַז די צײַטונג וועט אַרויסרופן קעגנערשאַפט אין א״י. צוליב דעם האָט מען צוגעשטימט מיט לינקע פּועלי־ציון אין

אויסלאַנד וועגן אַ קאַמפּײַן לטובת נײַוועלט. אַזאַ סברה באַגרונטיקט זיך אויף ווײַטערדיקע פֿאַקטן. דעם 12טן דעצעמבער 1934, ווייניקער ווי אַ חודש נאָך דעם ווי עס איז אַרויס דער ערשטער נומער פֿון דער צײַטונג, האָט מען דאָרטן איבערגעגעבן אַז אין ניו־יאָרק האָט מען געשאַפֿן די ליגע פֿאַר רעכט פֿון ייִדיש אין ארץ־ישׂראל. דעם 21סטן דעצעמבער 1934 האָט קאָוונער פֿאָלקסבלאַט געשריבן, אַז די רדיפֿות קעגן ייִדיש אין א״י, דערווײַטערן טויזנטער סימפּאַטיקער פֿונעם ייִדישן לאַנד. אויב מען האָט שלום געמאַכט מיט זשאַבאָטינסקין, קען מען דאָך אויך שלום מאַכן מיט דער שפּראַך פֿון פֿאָלק. מ׳דאַרף געדענקען אַז דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון לינקע פּועלי־ציון אין אַמעריקע, בצלאל שערמאַן, איז אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר סעקרעטאַר פֿון דער ליגע.[2]

פֿון דעם אויבן דערמאָנטן איז קלאָר, אַז דער ׳פּוילישער׳ פֿליגל פֿון לינקע פּועלי־ציון אין לאַנד האָט פּאָליטיש געניצט דעם שטאַנד פֿון ייִדיש אין א״י, כּדי צו שאַפֿן שטיצע פֿאַר איר אָרגאַן, נײַוועלט. נײַוועלט האָט מיגלעך געמאַכט אויסצודריקן, פֿון דאָס נײַ, די אָפּאָזיציאָנעלע ריכטונג פֿון קליינע גרופּעס אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין א״י — מפּ״ס, לינקע פּועלי־ציון — כּלפּי דעם רוב. דערצו דאַרף מען פֿאַרגעדענקען, אַז דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס מען האָט אין ניו־יאָרק געשאַפֿן אַ ליגע פֿאַר רעכט פֿון ייִדיש אין א״י. 1919 האָט מען דאָרטן געגרינדעט אַ קאָמיטעט פֿאַר ייִדיש אין א״י.[3] אויך דאָס מאָל זענען דאָס רוב מיטגלידער פֿון ליגע געווען ניט־ציוניסטן אָדער אַנטיציוניסטן. לויט דער ידיעה אין נײַוועלט, האָט מען דעם פּאָעט אפֿרים אויערבאַך אויסגעקליבן פֿאַר פּרעזיצער פֿון דער ליגע. אין דער עקזעקוטיווע זענען געווען פּאָרטראַטן אברהם רייזען, אהרן לעיעלעס, זישע ווײַנפּער און דער לינגוויסט יודאַ יאָפֿע.

נאָכן פֿאַרלייגן די ליגע האָט זיך אין תּל־אָביב פֿאַרלאָפֿן אַן אינצי־דענט אין וועלכן מען האָט ווידער פֿאַרמישט ייִדיש מיט פּאָליטיק. אַ ניט־אידענטיפֿיצירטע גרופּע מענטשן — מסתּמא פֿון די זעלבע קרײַזן וואָס זענען באַפֿאַלן דעם קלוב פֿון לינקע פּועלי־ציון שׂמחת־תּורה תּרפּ״ט — האָט אָנגעגרײַפֿט דעם זאַל ווו עס איז פֿאָרגעקומען דער לאַנדראַט פֿונעם ייִדישן שרײַבער־ און זשורנאַליסטן־פֿאַראיין אין א״י. דער פֿאַראיין האָט דעמאָלט כּולל געווען צוואַנציק חברים.

אַ טייל פֿון דער העברעיִשער פּרעסע האָט געטאַדלט דעם אָנפֿאַל

און פאַר איין וועגס שאַרף קריטיקירט דעם פאַקט וואָס אין א״י איז דאָ
אַ ייִדיש־שרײַבער־פאַראיין.[4]

מען מוז האָבן אין זינען אַז דאָס אַרויסגעבן נײַיזועלט און דער
אָנגרײַף, אָנהייב יאַנואַר 1935, פאַלן זיך צונויף מיט אַ צײַט פון גרויסער
שפּאַנונג אינעם ייִשוב. נאָך אין דעצעמבער 1934 האָט ישׂראל רוקח,
דער תּל־אָביבער וויצע־בירגערמײַסטער, געפאָדערט ניט צו פּראַווען אַן
אָונט לכּבוד דעם פּאָעט יוסף פּאַפּיערניקאָוו, מחמת מורא פאַר אַ טומל.[5]

אין שײַכות מיטן אָנגרײַף האָט נײַיזועלט זיך געוואַנדן (11טן יאַנואַר
1935), צו אַלע פאַראייגען פון ייִדיש־שרײַבערס, צו קולטור־אינסטי־
טוציעס און צו די ייִדישע מאַסן אויף דער גאַנצער וועלט, זיי זאָלן פּראָ־
טעסטירן קעגן דעם אָנפאַל. אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון דער
ליגע פאַר רעכט פון ייִדיש אין א״י (ניו־יאָרק 23סטן—24סטן פעברואַר
1935), האָט מען איבערגעחזרט די טענות מכּוח דער באַציונג צו ייִדיש
אין א״י.

די דאָזיקע טענות האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף צוויי פּונקטן א) אין
א״י מײַדט מען אויס קולטור פון די מאַסן. ב) דער אײַנשטעל צו ייִדיש
אין לאַנד העלפט אַרויס די אַנטיסעמיטן אין מיזרח־אייראָפּע.

בצלאל שערמאַן און דער פּאָעט אהרן לעיעלעס האָבן אונטערגע־
שטראָכן דעם פּאָליטיש־סאָציאַלן כאַראַקטער פון דער שפּראַכן־פּראַגע.
לויט שערמאַנען גייט עס דאָ ניט אין אַ שפּראַכן־פּראַגע, נאָר אין אַ
פּאָליטישן ענין: דעם קלאַסנקאַמף. על־פּי לעיעלעסן, איז ייִדיש אַ סאָציאַ־
לע רעוואָלוציע אינעם ייִדישן לעבן. דער פּאָעט האָט אידענטיפיצירט די
רודפים פון ייִדיש אין א״י, מיט די רודפים פון די אַראַבער דאָרטן.

די רייד פונעם היסטאָריקער יעקב שאַצקי כאַראַקטעריזירן די
פּלעפנדיקע אַנאַלאָגיעס און סברות וואָס מען האָט אַרויסגעזאָגט אין
לויף פון דער פּאָלעמיק איבער ייִדיש אין ארץ־ישׂראל. שאַצקי האָט
זיך אויסגעדריקט, אַז ער וואָלט ניט געוואָלט זײַן אונטער דער הערשאַפט
פון ייִדישע פאַשיסטן אין א״י, ווײַל זיי וועלן זײַן ערגער ווי היטלער.
דאָס פאַרלייקענען אַז מען רודפט ייִדיש אין א״י דערמאָנט אָן דעם
פאַרלייקענען אַז מען רודפט ייִדן אין דײַטשלאַנד.

אויף דער קאָנפערענץ האָבן גערעדט, צווישן אַנדערע, דער פּאָעט
י. ב. ביאַלאָסטאָצקי, וואָס איז געווען, 1919, אַ מיטגליד פון ניו־יאָרקער

קאָמיטעט פאַר ייִדיש אין א״י און דער אַרויסגעבער פון דאָס ייִדישע אַרבעטער וואָרט, א. הגלילי. (אויבן, ז׳ 66).

די רעזאָלוציעס אויף דער קאָנפערענץ חזרן איבער פריערדיקע פאַרלאַנגען מכּוח ייִדיש אין א״י. פון דער הסתדרות ווערט געפאָדערט אַרויסצוגעבן אַ ייִדיש־צײַטונג און אײַנפירן ייִדיש ווי אַ לימוד אין אירע שולן. די הסתדרות דאַרף אויך אָפּרופן דעם באַשלוס אַז ווער עס געפינט זיך אין לאַנד מער ווי צוויי יאָר, טאָר ניט רעדן ייִדיש אויף די הסתדרות־קאָנפערענצן (אויבן, ז׳ 202). די קאָנפערענץ האָט געשאַפן אַ פאָנד פון 25.000 דאָלאַר אויף צו בויען ייִדיש קולטור־אינסטיטוציעס אין א״י.[6]

דער קאַמפּיין לטובת נײַוועלט אין אַמעריקע איז געווען געוואָנדן צו צוויי שיכטן פונעם אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ: רעכטע פּועלי־ציון, וואָס האָבן געשטיצט די הסתדרות און מפא״י אין א״י, און די ייִדיש־שרײַבערס. אין דעם דאָזיקן קאַמפּיין איז געווען זייער אַקטיוו דער אָרגאַן פון לינקע פּועלי־ציון אין אַמעריקע, פּראָלעטאַרישער געדאַנק.

וואָס שייך ייִדיש־שרײַבערס, האָט מען צווישן זיי פונאַנדערגעטיילט אַ פּרעגבויגן מכּוח די רדיפות פון ייִדיש אין א״י. עס האָבן אויף דעם געענטפערט, צווישן אַנדערע, ל. שאַפּירא, א. אויערבאַך, י. אָפּאַטאָשו, י. ב. ביאַלאָסטאָצקי, ד. איגנאַטאָוו, פּ. הירשביין, י. גלאַטשטיין, ב. גלאַזמאַן, א. גלאַנץ־לעיעלעס, זישע ווײַנפּער און ה. לייוויק. פּראָלעטאַרישער געדאַנק האָט אויך אָפּגעדרוקט אַ לאַנגע רשימה פון ייִדיש־שרײַבערס וואָס האָבן זיך אײַנגעשלאָסן אין דער ליגע. די צײַטונג האָט אויך געדרוקט יעקב גלאַטשטיינס ליד „דאָרט ווו די צעדער״. דער פּאָעט שרײַבט אַז ער וועט שווײַגן אין א״י, ווײַל אַפילו די מוטער רחל האָט דאָרטן אויפגעהערט צו באַוויינען אירע קינדער, מחמת זי קען נײַערט ׳זשאַרגאָן׳.[7]

וואָס שייך רעכטע פּועלי־ציון אין אַמעריקע, האָבן ברייטע קרײַזן פון אירע חברים אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס אינעם מעמד פון ייִדיש אין א״י. צו אָט די קרײַזן טאַקע האָבן לינקע פּועלי־ציון געוואָנדן, דערעיקרשט, זייער קאַמפּיין.

שוין דעם 1טן דעצעמבער 1935, צוויי טעג נאָך דעם ווי נײַוועלט האָט וועגן דעם מודיע געווען, האָט פּראָלעטאַרישער געדאַנק איבערגעגעבן אַז נחום ניר, דער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון נײַוועלט, איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון א״ישראלדיקן אַדוואָקאַטן פאַרבאַנד. לויט פּראָ־

לעטאַרישער געדאַנק איז עס געשען מחמת נירס יידישיזם. רעכטע פּועלי־ציון אין אַמעריקע האָבן אויף דעם תּיכּף רעאַגירט. חיים גרינבערג, רעדאַקטאָר פון אידישער קעמפּער, האָט אינעם עדיטאָריאַל 'פּראָטעסטאַ־מאַניע', דערוויזן אַז נירן האָט מען ניט אויסגעשלאָסן פון פאַרבאַנד, נייערט ניט אויסגעקליבן אין דער פאַרוואַלטונג.

דוד פּינסקי, די בולטסטע פיגור פון רעכטע־פּועלי־ציון, וואָס האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט יידיש אין א"י, איז אַרויס קעגן גרינבערגן. ער האָט אויך שאַרף קריטיקירט דעם עדיטאָריאַל אין **דבר** פון 7טן יאַנואַר 1935 (זען הערה 7).

אין דער זעלבער צייט איז אין אַמעריקע געווען טעטיק אַ הסתדרות־דעלעגאַציע, מיט ברוך צוקערמאַן און זלמן שז"ר בראש. שז"ר און צוקער־מאַן האָבן אין אַן אָפענער דערקלערונג פאַרלייקנט אַז מען רודפט יידיש אין א"י.[8] די ענלעכקייט פון אָט אַ דער מחלוקה און די מחלוקה אין שייכות מיט בערל כּצנעלסאָנס הסתדרות־דעלעגאַציע, אָנהייב צוואַנ־ציקער יאָרן, (אויבן קאַפּיטל איינס), וואַרפט זיך אין די אויגן.

די רעדאַקציע נייוועלט האָט רעאַגירט אויף שז"רס און צוקערמאַנס דערקלערונג, מאַרץ 1935, מיט דער בראָשור **צי ווערט יידיש אין ארץ־ישׂראל גערודפט**. די בראָשור, וואָס האַלט 16 זייטלעך, האָט צונויפגע־שטעלט, משמעות, יעקב זרובבל.

צי ווערט יידיש אין ארץ־ישׂראל גערודפט חזרט איבער, היפּערבאָ־ליש, באַקאַנטע פאַקטן וועגן יידיש אין א"י. דאָס אויספּרייסן די פאַר־שטעלונג **גנבים** (אויבן, ז' 206) ווערט אָנגערופן 'בלוטיקער פּאָגראָם'. די קריטיק נאָכן אַרויסגעבן איינס ווערט דערמאָנט ווי אַ 'ווילדע העצע קעגן ליטעראַרישן זאַמלבוך איינס'.[9]

איינע פון די עיקרדיקסטע טענות אין דער בראָשור איז הלמאַי די הסתדרות־דרוקערייען — **אחדות און הפּועל הצעיר** — ווילן ניט אָפּדרוקן נייוועלט. מחמת דעם ווערט די רעדאַקציע געצוווּנגען אַרויסצוגעבן די צייטונג ווי אַן איינמאָליקער אויסגאַבע, יעדעס מאָל מיט אַן אַנדער נאָמען. דאָס נעמט זיך דערפון וואָס די אויטאָריזאַציע פאַר אַ צייטונג מיטן נאָמען נייוועלט איז גילטיק בלויז פאַרן תּל־אָביבער ראַיאָן (**צי ווערט יידיש...** ז' 10). לסוף פאָדערט די בראָשור אַז אַ קאָמיסיע פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, שרייבערס און קולטור־טוער זאָל אויספאָרשן אין א"י, דעם שטאַנד פון יידיש אין לאַנד. אַזאַ קאָמיסיע האָט געזאָלט איבערגעבן אַ

באַריכט 'די ייִדישע אַרבעטער און די מאַסן' אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער. אויך די ייִדיש־לייענערס אין מיזרח־אייראָפּע האָבן זיך געקענט דערוויסן ווי אַזוי די העברעיִשע פּרעסע האָט רעאַגירט אויף נײַיוועלט און אויפֿן אָנפֿאַל קעגן לאַנדראַט פֿון די ייִדיש־שרײַבערס אין ת״א. ל' חיין־שמעוני האָט געשריבן מכּוח דעם אין ליטעראַרישע בלעטער, 1935, זז' 52—54. דער סוף פֿון חיין־שמעוניס נאָטיץ אילוסטרירט דעם סטיל פֿון זײַנע אַרויסזאָגן: 'ייִדיש לעבט, ייִדיש וועט מען אין א״י נישט דערמאָרדן, כּל־זמן אין א״י וועלן ייִדן לעבן'.[10]

אין דבר, 27סטן פֿעברואַר 1935, האָט רחל פֿײַגענבערג באַשריבן, אויף אַן אינטערעסאַנטן און סוביעקטיוון אופֿן, ווי אַזוי מען האָט אויפֿגע־ריסן דעם לאַנדראַט פֿון די ייִדיש־שרײַבער אין תּל־אָביב. פֿײַגענבערג האָט זיך אומגעקערט אין לאַנד אַ קורצע צײַט פֿאַר דעם, נאָכן ווײַלן יאָרן אין פּוילן.

די שרײַבערין גיט איבער אַ טרויעריק בילד וועגן מעמד פֿון ייִדיש אין פּוילן. די יוגנט אַסימילירט זיך, שפּראַכלעך, ראַשיק; דער ייִדיש־טעאַטער גייט אונטער; אויף די רעפֿעראַטן אין טלאָמאַצקע 13 קומען זייער ווייניק מענטשן; די ווײַבער פֿון די ייִדיש־שרײַבערס אין וואַרשע רעדן פּויליש און אַלע סטאַרען זיך ווענדן צו זיי אויף אָט אָ דעם לשון. ליטעראַרישע בלעטער האַלט זיך אויס אַ דאַנק די נדבות פֿון ליבהאָבערס.

אויב דאָס איז דער מצב אין פּוילן, האָט רחל פֿײַגענבערג געוואָלט פֿאַרשטיין די פֿאַרייִנגערונג וואָס ייִדיש האָט אין תּל־אָביב. זי פֿירט אויס אַ פּאַראַלעל צווישן די ווײַבער פֿון די ייִדיש שרײַבערס אין וואַרשע און די פּרויען וואָס זענען בײַגעווען ביים לאַנדראַט אין תּל־אָביב. פֿײַגענ־בערגס קריטיק איז געווען געוואַנדן, דערעיקרשט, צו נחום ניר, פֿאָרזיצער פֿון ייִדיש־שרײַבער־פֿאַראיין אין א״י. זי וואַרפֿט אים אויף, הלמאי בײַ אים אין דער היים רעדט מען פּויליש.

די שרײַבערין גיט צו אַז פֿאַר אַן עולם פֿון פּרויען וואָס רעדן אויף פֿרעמדע שפּראַכן און פֿון יוגנטלעכע וואָס פֿאַרשטייען ניט קיין ייִדיש — געבראַכט אין זאַל האָט זיי די לינקע פּועלי־ציון־פּאַרטיי — האָט רעפֿערירט דניאל לייבל. דאָס איז געווען אַ געלערנטער, ראָמאַנטישער, אַנאַכראָניסטישער רעפֿעראַט וועגן אויפֿלעב פֿון ייִדיש. פֿײַגענבערג האָט שפּעטער געבעטן דאָס וואָרט, אָבער מען האָט איר ביטע אָפּגעפֿרעגט.

דערנאָך איז דער זאַל אָנגעגרײַפּט געוואָרן אויף אַ שוידערלעכן אופן.[11]

דער וויכטיקסטער אַרויסזאָג נאָכן אויפרײַסן דעם לאַנדראַט פון ייִדיש־שרײַבער אין ת״א, איז דב סדנס מאמר ׳בענין אידיש׳ (דבר, 1׳ באדר ב׳ תרצ״ה, זז׳ 2—3).[12]

סדנס אַרויסזאָגן וועבן זיך דורך — יעדער פּערזענלעכקייט מיט איר אייגן־מיניקן סטיל — מיט כאַשינס, כּצנעלסאָנס און ביאַליקס רייד פאַרן אויפלעב פון העברעיִש, אויפן סמך פון אַ כּסדרדיקער קולטורעלער אַקטיוויטעט. סדן באַציט זיך זייער שאַרף צום אָנפאַל. דאָס איז נאָך אַן אויסדרוק פון די גוואַלד־מעשׂים אין א״י, וואָס אַלע אידעאָלאָגישע שטרעמונגען זענען אין דעם שולדיק. סדן טרעט אַרויס קעגן דער פּולער אָדער האַלבער שווײַגעניש אין שײַכות מיט די טעראָר־מעשׂים און פאַרניינט זיי מחמת צוויי טעמים. א) זייער ניט דערטראַכטקייט. ב) זיי פאַרשטאַרקן די ייִדישיסטישע אילוזיע וואָס דערזעט ניט די קרעפטיקייט פון העברעיִש אין א״י.

סדן האָט אַרומגעמיק באַנומען די קעגנאַנאַנדיקע השפּעות צווישן די כוליגאַנישע מעשׂים כּלפּי ייִדיש און די אַרגומענטן פון די ייִדיש־אָנהענגערס אין א״י. ביידע צדדים פאַרפירן דעם עולם. אַ ׳כאַפּטע פּאַגראָמטשיקעס׳ וויל אַרויסווײַזן אַז העברעיִש שעפּט ניט זײַן יניקה פון קולטור־אימפּרע־זעס און ממשותדיקע אַקטיוויטעטן (ליטעראַטור, לערערײַ, טעאַטער, רעדן און לייענען העברעיִש). פון דער אַנדערער זײַט, פּרווון די ייִדישיסטן דערקלערן אַז ווען ניט די כוליגאַנעס, וואָלט ייִדיש מנצח געווען אין ארץ־ישׂראל.

אין זײַן מאמר פאַרסך־הכּלט דב סדן די אַרטיקלען וואָס שרײַבערס און קריטיקערס האָבן אָפּגעדרוקט אין אויסלאַנד, אין שײַכות מיטן אָנ־גרײַף. אַזאַ פאַרסך־הכּלען איז זייער וויכטיק, ווײַל עס שטעלט דערבײַ פאַר, איינטײַטשיק, סדנס באַנעם מכּוח דער שפּראַכן־פּראַגע אין א״י. ער ציטירט, צווישן אַנדערע, ז. סעגאַלאָוויטשעס דערקלער אַז העב־רעיִש איז די שפּראַך פון ייִשוב. די ייִדישיסטן האָבן פאַרשפּעטיקט א״י.[13] סדן שטעלט זיך עקסטרע אָפּ אויף ש. ניגערס אַן אַרטיקל אין פּאַריזער הײַנט און טרעט אַרויס קעגן ניגערס שטרעבן צו אַן אידיליע פון צוויי־שפּראַכיקייט. סדן האָט פון זײַן זײַט אונטערגעשטראָכן אַז עס פאָדערט זיך ׳זיך פאַראייניקן אויף איין נאַציאָנאַלן אָפּצווײַג׳. דעריבער דאַרף מען זיך שטאַרק באַמיִען כּדי ׳גובר צו זײַן, מיטן כּוח פון איין שפּראַך,

אויפן שפּראַך־געמיש פון די עליה־כוואַליעס׳. סדן האָט פאַרגליכן דעם אַריבערגאַנג צו העברעיִש, מיטן אַריבערגאַנג צו ׳נאָרמאַלע פּרנסות׳. ער האָט געהאַלטן אַז ייִדיש דאַרף זײַן אַן אײַזערנע וואַנט אין גלות. אין א״י טאָר זי ניט קאָנקורירן מיט אַן אײַזערנע וואַנט ׳וואָס איז גרע־סער פון איר׳. לסוף האָט ער צוגעגעבן אַז די ליגע וועט זיך אָנלענען אויף אַנטיציוניסטישע עלעמענטן און וועט זיך לאַנג ניט אָנהאַלטן.

די הויפּטאַקטיוויטעט פון דער ליגע פאַלט זיך צונויף מיט יעקב זרובבלס וויזיט אין אַמעריקע. די עובדא פון זרובבלס שליחות איז געווען ווערבירן הילף פאַר נײַוועלט און אין שײַכות מיט דעם איז ער אויך געפאָרן קיין מעקסיקע אין קובע. פּראָלעטאַרישער געדאַנק האָט איבער־געגעבן פולע פּרטים וועגן אָט דעם שליחות. זרובבל ווערט אָנגערופן אין איינער פון די נאָטיצן ׳פּאָליטיקער־דיכטער׳. אין דער זעלבער צײַט האָט מען אַרויסגעשיקט בריוו צו דער הסתדרות, פאָדערנדיק אַ שינוי אינעם אײַנשטעל צו ייִדיש אין א״י.[14]

זרובבל איז אויך געווען דער פּראָקוראָר אויף אַ ׳פאָלקס־משפּט׳ איבער די קעגנערס און פאַרפאָלגערס פון ייִדיש אין ארץ־ישׂראל. דער דאָזיקער מישפּט, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 1טן מאַרץ 1936, ווערט באַשרי־בן אין דער בראָשור ייִדיש אין ארץ־ישׂראל, איינע פון די צוויי בראָשורן וואָס די ליגע האָט אַרויסגעגעבן. די בראָשור הייבט זיך אָן מיט אַן אויסרוף אויפצושטעלן אין א״י אַ דרוקערײַ, וווּ מען זאָל קענען פּובליקירן צײַטונגען, זשורנאַלן און ביכער אין ייִדיש. די הקדמה פון ייִדיש אין ארץ־ישׂראל — מן הסתם האָט זי אָנגעשריבן יעקב שאַצקי — איז אַ היסטאָרישער איבערבליק מכּוח די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע עובדות פון שפּראַך אין דער געשיכטע פון פעלקער. אויך דאָ איז פאַראַן אַן אַנאַ־לאָגיע, דאָס מאָל צווישן ייִדיש און די אייראָפּעיִשע לאַנדשפּראַכן. דער אונטערשייד צווישן זיי באַשטייט אין דעם וואָס בשעת די אייראָפּעיִשע לשונות האָבן געקראָגן רעכט, באַציט מען זיך צו ייִדיש מיט ביטול. ה. לייוויק האָט אָנגעפירט מיטן מישפּט און יעקב זרובבל איז געווען, ווי געזאָגט, דער פּראָקוראָר.

לייוויק האָט קריטיקירט דעם הדאר פאַרן פאָדערן ניט אַרײַנמישן זיך אין די אינערלעכע ענינים פונעם ייִשוב. זרובבל (זז׳ 7־18) האָט איבערגעחזרט די טענות וואָס זענען פאַראַן אין צו ווערט ייִדיש אין ארץ־ישׂראל גערודפט (אויבן, ז׳ 231). ער האָט אויך באַרירט עטלעכע פאַ־

ליטישע פראַגעס, ווי דער בן־גוריון־זשאַבאָטינסקי אָפּמאַך; די מיטאַרבעט צווישן ייִדישע און אַראַבישע אַרבעטער און אַנדערע.

זרובבל האָט באַטאָנט דאָס חשיבות פונעם ייִדישן לעבן אין גלות און עקסטרע געלויבט דעם איַינשטעל פון ראַטן־פאַרבאַנד צו דער אַנט־וויקלונג פונעם נאַציאָנאַלן ייִדישן לעבן. ער האָט פאָרויסגעזען אַז צענדליקער טויזנטער וועלן עולה זיַין קיין ארץ־ישׂראל. די מאַסן אין אויסלאַנד דאַרפן אויסמיַידן מען זאָל די קינפטיקע עולים העברעיִזירן. דאָס פאָדערט אויפצושטעלן אַ דרוקעריַי אין א״י, ווו מען זאָל אַרויס־געבן נייַוועלט. זרובבל, פונקט אַזוי ווי שאַצקי (אויבן, ז׳ 228), האָט אַנאַלאָגיזירט היטלערס רדיפות קעגן ייִדן, מיטן רודפן ייִדיש אין א״י. אַ באַטיַיטנדיקער טייל פון דער בראַשור איז געווידמעט עדותשאַפטן איבערן מצב פון ייִדיש אין א״י. די דאָזיקע עדותשאַפטן רעדן אַרום דעם עפנטלעכן שטאַנד פון ייִדיש, דאָס פאַרשווייגן ייִדיש און דאָס וואָס אין א״י זענען ניט פאַראַן קיין ייִדיש־טעאַטער, ייִדיש־רעפעראַטן און ייִדיש־פרעסע. דערצו האָבן א. קאַראַלניק און א. אויערבאַך איבערגעחזרט די באַשולדיקונג, אַז די ייִדישע פירערשאַפט אין א״י ברענגט שאָדן דעם קאַמף קעגן אַסימילאַציע אין גלות און ניצט אויס איר פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קראַפט, כּדי צו פאַרשטעלן ייִדיש דעם וועג אין א״י. א. וואָלינער איז ווידער אַרויסגעטראָטן מיטן פּסיכאָ־סאָציאָלאָגישן דערקלער מכּוח דעם משׂכּילישן ביטול צום פאָלק און זיַין שפּראַך. י. ב. ביאַלאָ־סטאָצקי האָט באַשולדיקט פּועלי־ציון אין אַמעריקע אַז זיי האָבן פאַרראָטן די באַשלוסן וועגן גליַיכע רעכט פאַר ייִדיש אין ארץ־ישׂראל. ביאַלאָ־סטאָצקיס אַרויסטרעט אילוסטרירט זייער קלאָר אַ פאַקט וואָס ווערט ניט דערמאָנט אין דער בראַשור: די עדותשאַפטן און די באַשולדיקונגען באַציִען זיך צו פאַרשיידענע תּקופות און שפּיגלען ניט אָפּ דעם פאַקטישן מצב אין א״י אין דער ציַיט ווען דער מישפּט איז פאָרגעקומען. דערצו נאָך זענען די החלטות וואָס ביאַלאָסטאָצקי דערמאָנט, געווען פּשרות צווישן פאַרשיידענע שטרעמונגען אין דער אַמעריקאַנער פּועלי־ציון־פּאַרטיי. ווי פריִער דערמאָנט (קאַפּיטל איינס) האָט מען די דאָזיקע פּשרות לחלוטין אָפּגעוואָרפן אין א״י.

ייִדיש אין ארץ־ישׂראל [15] האָט ניט צוגעשטיַיערט עפּעס נייַעס צו דער שפּראַכן־פראַגע. דערצו ווערן דאָרטן ניט דערמאָנט די עיקרדיקע וויכּוחים איבער ייִדיש אין א״י. די בראַשור האָט אויך פאַרשוויגן דעם פאַקט

אַז דער העברעיִזם פון דער אינטעלעקטועלער און פּאָליטישער עליט אין א״י האָט זיך אַנגעלענט אויף אַן אומפשרהדיקער און איינטײַטשיקער אידעאָלאָגיע. אַט אַ די אידעאָלאָגיע איז געווען בפירוש קעגן אַנטוויקלען ייִדיש־קולטור אין א״י. די אַרויסטרעטן פון זינט יוסף אַהרנאָוויטש ביז דב שטאָק־סדן דערווײַזן דאָס, אָנספקדיק. צו באַמערקן, אַז מען דאַרף זייער פאַרזיכטיק איבערלייענען די עדותשאַפטן אין דער בראַשור, מחמת עס איז אין זיי פאַראַן אַ גרויסע מאָס סוביעקטיווקייט. מײַן שווער, ש. ב. בר־שלום ז״ל, האָט מיר דערציילט, אַז אין 1934, בעת ער איז געווען אַ בוי־אַרבעטער אויף אַלענבי־גאַס, אין ת״א, האָט ער דערזען יוסף אַפּאַטאָשון. בר־שלום איז צוגעגאַנגען צום שרײַבער, וואָס איז דעמאָלט געווען צו גאַסט אין לאַנד, און אים געזאָגט אַז ער איז זײַנער אַ פאַרערער און געדענקט נאָך די רעפּעראַטן וואָס אַפּאַטאָשו האָט געהאַלטן אין וואַרשע אין די צוואַנציקער יאָרן.

ווי באַקאַנט, האָט אַפּאַטאָשו אַרויסגעגעבן זכרונות וועגן זײַן באַזוך אין א״י. די דאָזיקע זכרונות האָט ער אָנגעשריבן, על־פּי אַ באַוווסטזיניקן קינסטלערישן באַשלוס, אין דריטער פּערזאָן. די באַגעגעניש צווישן אַפּאַ־טאָשון און בר־שלום ווערט דערמאָנט בײַם סאַמע סוף פונעם בוך. דער שרײַבער, נעש, שטעלט זײַן מיטשמועסער אַ רעטאָרישע פראַגע איבער ייִדיש אין א״י און יענער ענטפערט אים, אַז אַ סך מענטשן רעדן ייִדיש אין לאַנד. ער, דער מיטשמועסער, רעדט ייִדיש אומעטום. ייִדיש רעדט מען עקסטרע ווען מען אַרבעט אויף די כבישים (שאָסייען). אין תל־אָביב אָבער, איז מען אָפּגעהיט. אויף נעשס פראַגע אויב עס זענען פאַראַן נאָך מענטשן וואָס באַניצן זיך מיט ייִדיש אַזוי ווי ער, ענטפערט דער מיט־שמועסער, אַ סך, אַ סך.[16]

די צווייטע בראָשור פון דער ליגע, קאָנפערענץ זשורנאַל, טראָגט די דאַטע 30־31סטן יאַנואַר 1937, און איז אַרויס ערב דער צווייטער ליגע־קאָנפערענץ. עס ווערט דאָרטן דערמאָנט דער וויכטיקסטער אויפטו פון דער ליגע: דאָס אויפשטעלן די דרוקערײַ ׳ליגאַ׳ אין רמת־גן (דעצעמ־בער 1936). ׳ליגאַ׳ האָט פאַרזיכערט אַז נײַיוועלט זאָל אַרויס ווי אַ וועכנט־לעכער אויסגאַבע. אין ליגאַ האָט מען אויך אָפּגעדרוקט, ביז 1948, אַ סך ביכער פון די ייִדיש־שרײַבער אין לאַנד. דאָרטן זענען אַרויס די פּאָלי־טישע בראָשורן פון לינקע פועלי־ציון אויף העברעיִש.

מ׳דאַרף געדענקען, אַז אין שײַכות מיט דער דרוקערײַ האָט שמואל

ניגער שאַרף קריטיקירט די טעטיקייט פון דער ליגע. ניגער איז געווען קעגן פאַרוואַנדלען אַ פּאַרוויקלטע און ווייטיקדיקע פראַגע, די שפּראַכן־פראַגע, אין אַ טעכנישן ענין: אַרויסשיקן אַ דרוקמאַשין קיין א״י. יידיש איז ניט דער אויסשליסיקער ענין פון אַ קליינער פּאָליטישער גרופּע און פון יידיש־שרייבערס אַנהייבערס, אין א״י. דאָ האַנדלט זיך ניט אין קיין מעלאָדראַמע פון געלטשאַפערײַ. דאָ פאָדערט זיך גרינטלעך אויפקלערן די קעגנאַנאַנדיקע באַציִונגען צווישן העברעיִש און יידיש.[17]

די אַרויסגעבער פון קאָנפערענץ זשורנאַל זענען פיליק געווען צו דער פּרעטענזיע, אַז די ליגע גייט האַנט בײַ האַנט מיט די קעגנערס פון ציוניזם. דעריבער האָבן זיי שטאַרק אונטערגעשטראָכן אַז די ליגע באַציט זיך פּאָזיטיוו צו א״י, ניט געקוקט אויף דעם וואָס אין דער אָרגאַניזאַציע זענען אויך פאַראַן ניט ציוניסטישע קרײַזן.

אַ סך אַנטייל־נעמערס אין דער ערשטער בראָשור פון דער ליגע, האָבן זיך אויך באַטייליקט אין דער צווייטער. א. אויערבאַך האָט גע־טענהט אַז אין א״י איז דאָ אַ טאָפּעלע וואָג און מאָס פאַר יידיש. צו אָפי־ציעלע יידישע אַרבעטער־דעלעגאַציעס פון אַמעריקע רעדט מען אויף יידיש, נײַערט פאַר די עולים פאַרווערט מען דאָס לשון.

י. ב. ביאַלאָסטאָצקי האָט איבערגעחזרט, מיט גאָר אַ קליינעם שינוי, זײַנע פריִערדיקע אַרויסזאָגן. א. וואָלינער האָט איבערגעדרוקט, מיט אַ לײַכטער אַקטואַליזאַציע, דאָס וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין 1925 וועגן יידיש אין א״י.[18]

אין דער בראָשור זענען אויך אַרײַן לידער און פּראָזע פון א. אויער־באַך, ה. לייוויק, א. ניסענזאָן, ר. ז. ליליאַן, ב. דעמבלין, ב. לאַפּין און א. לעיעלעס. וועגן אַט אַ די ליטעראַרישע טעקסטן ווערט געזאָגט (ז׳ 1), אַז זיי זענען לרוב פאַרבונדן מיטן שטאַנד פון יידיש אין א״י. פאַקטיש נאָר אויערבאַכס לידער (זז׳ 17־18), לייוויקס באַקאַנט ליד טרייפענער זשאַרגאָן (ז׳ 2) און דעמבלינס דורכזעיִקע אַלעגאָריע קעגן העברעיִש (זז׳ 8־9), האָבן צו טאָן מיט יידיש אין א״י.

מע דאַרף געדענקען אַז משה ערעם, אַ מנהיג פון לינקע פּועלי־ציון אין לאַנד, איז דעמאָלט געווען צו גאַסט אין אַמעריקע. אין זײַן באַטײַט אין דער בראָשור (זז׳ 10־11), האָט ער פון דאָס נײַ דערמאָנט נירס און לייבלס אַרגומענטאַציע איבערן חשיבות פון יידיש אין א״י. לויט לייבלען, האָבן יידישיסטן וואָס זענען געווען קעגן א״י, מיגלעך געמאַכט אַז

דער העברעיִזם זאָל מנצח זײַן אין א״י. לייבל האָט געפֿאָדערט — דאָס נעמלעכע ניר — אַז די ייִדישיסטן זאָלן ניט אָנטרינען פֿון היסטאָרישע פּראָצעסן און זאָלן זיך ניט אָפּזונדערן פֿון די מאַסן, מיטן דערקלערן אַז זיי שטרעבן צו אַ יחידים־ייִדישקייט אויף ייִדיש.[19] ערעם פֿון זײַן זײַט, האָט געוואָלט צוציִען די אָנהענגער פֿון אַבסטראַקטן ייִדישיזם קיין א״י, ווײַל בלויז דאָרטן וועט ייִדיש האָבן אַ צוקונפֿט. בעת ייִדן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אַסימילירן זיך שפּראַכלעך זייער גיך, ניט געקוקט אויף דעם וואָס די רעגירונג שטיצט ייִדיש, ווערן די מאַסן אין א״י צוגעצויגן צו ייִדיש.

צו באַמערקן, אַז בשעת נאָך דער ערשטער ליגע־קאָנפֿערענץ האָט נײַיוועלט געדרוקט אַ באַריכט אויף אַ גאַנצער זײַט, איז דאָס מאָל דער באַריכט געווען זייער אַ קורצער. מען דערוויסט זיך דאָרטן אַז חיים זשיטלאָווסקי, וואָס איז ביז דעמאָלט ניט אַרײַן אין ליגע, איז אַצינדערט אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר איר ערן־פֿאַרזיצער.[20] פֿון דעמאָלט וועט די ליגע מער ניט דערמאָנט אין נײַיוועלט.[21] די פֿראַגע פֿון ייִדיש אין א״י ווערט וואָס מער און מער פֿאַרוואַנדלט אין אַן ענין פֿון איינצלנע ענטפֿערס אויף צופּעליקע נאָטיצן אין דער העברעיִשער פּרעסע.

וועגן דער שפּראַכן־פֿראַגע האָט מען אויך געשריבן אין נײַיוועלט, בעת די באַזוכן פֿון די אַקטיאָרן מאָריס שוואַרץ און אברהם מאָרעווסקי אין א״י.

די אַרויסגעבערס פֿון נײַיוועלט האָבן געהאָפֿט אַז שוואַרצס וויזיט אין 1937 וועט זײַן אַן אויפֿטו לטובת ייִדיש אין א״י. אין שײַכות מיט זײַן אָנקומען האָט נײַיוועלט ווידער געפֿאָדערט מען זאָל לערנען ייִדיש אין די ייִדישע שולן אין לאַנד. רמז האָט אויף דעם געענטפֿערט, אַז ייִדיש איז געווען אַן 'איידעלער' ענין מיט צען יאָר צוריק. אין צען יאָר אַרום וועט ייִדיש ניט זײַן קיין פּראָבלעם און מען וועט עס דעמאָלט לערנען, כּדי אויפֿצוהאַלטן דעם צובונד מיטן גלות.

מאָריס שוואַרץ איז אַרויסגעטראָטן אין א״י, אויף העברעיִש, זומער 1937. נײַיוועלט איז שאַרף אַרויס קעגן דעם און שוואַרץ האָט געענטפֿערט, אַז ער איז אַ צוויי הונדערט פּראָצענטיקער ייִדישיסט, נאָר ער איז קעגן ייִדיש אין א״י. שוואַרץ האָט ווידער געשפּילט אין א״י, 1938, אויף העברעיִש, און נײַיוועלט האָט אים ווידער קריטיקירט דערפֿאַר.[22] די זעלבע זאַך האָט זיך איבערגעחזרט בעת אברהם מאָרעווסקי האָט 1938 געשפּילט

אין לאַנד אויף העברעיִש. זרובבל האָט אים באַשולדיקט אין באַניצן 'אַ געפּעלשטן קולטור־פּאַס'. זרובבלס מיין איז געווען אַז מאַרעוווסקי האָט ניט געהאַט די דרייסטקייט צו שפּילן יידיש, עפּנטלעך. בלויז ווען דער עולם האָט אים געבייט, אויף אַן אָוונט אין העברעיִש, איז ער מסכּים געווען צו שפּילן עטלעכע נומערן אין יידיש. זרובבלס אויספּיר איז געווען, אַז מען דאַרף אָפּרופן דעם חרם אויף יידיש אין א״י.

מאַרעוווסקי האָט געענטפערט אַז עס איז אַ וווּנדער וואָס זרובבל שרייבט וועגן אַ פאַרשטעלונג ווו ער איז ניט ביַיגעווען. זרובבל, וואָס פּסלט אים, מאַרעוווסקין, פאַרן שפּילן העברעיִש, האַלט רעפעראַטן אויף... העברעיִש, מכּוח... טעאַטער. זרובבל פּאָזירט פאַר אַ קעמפער און מישט אויס יידיש מיט פּאָליטיק. מיט דעם שטערט ער דעם פּרווו שלום צו מאַכן צווישן העברעיִש און יידיש.[23] דעם אַקטיאָר האָט עקסטרע אויפגעבראַכט זרובבלס טענה אַז ער, מאַרעוווסקי, האָט ניט פאַרשאַפט כּבוד יידיש, אַ זאַך וואָס לייוויק האָט געטאָן ווען ער איז געווען צו גאַסט אין א״י.

אָקטאָבער 1937 האָט לייוויק באַזוכט דאָס לאַנד. די אָנפירער־שאַפט פון הסתדרות האָט אים זייער וואַרעם אויפגענומען און דבר האָט באַשריבן דעם וויזיט באריכות. עס איז קיין ספק ניט אַז דעם פּאָעט האָט מען אַזוי אויפגענומען, צוליב זיַין שם. ניט געקוקט אויף דעם, וואַרפט זיך אין די אויגן אַז די אָנפירערשאַפט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין א״י, האָט געוואָלט דערוויַיזן אין חו״ל, אַז זי ווייס ווי אָפּצושאַצן דאָס חשיבות פון יידיש אין גלות.

נאָך זיַין אומקערן זיך קיין אַמעריקע, האָט לייוויק געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער ליגע פאַר רעכט פון יידיש אין א״י. דער פּאָעט האָט דעמאָלט קריטיקירט סיי די העברעיִסטן, סיי די יידישיסטן. אין דער הסתדרות הייבט מען אָן צו פאַרשטיין אַז דער קאַמף קעגן יידיש האָט פּאָליטישע־ און קלאַסן־פּראָיעקציעס. לייוויק האָט אויך געפאָדערט מע זאָל זיך באַציִען פּאָזיטיוו צו א״י.[24]

סוף דריַיסיקער יאָרן האָט זיך מיט דער פראַגע פון יידיש אין א״י פאַרנומען, כּמעט אויסשליסיק, ל. חיין־שמעוני. חיין־שמעוני פלעגט דרוקן נאָטיצן און אַרטיקלען אָן אַ חתימה און צו מאָל, אונטער אַ פּסעוודאָנים — אבא גוטעס אָדער ר. גוטקין. אַ מאָל קען מען זיך אָנשטויסן אַז נאָטיצן געדרוקט אָן אַ חתימה, זענען, לויטן סטיל, שמעוניס. יולי 1939 איז דער שריַיבער אַרויס קעגן תל־אָביבער שטאָטראָט, פאַרן אָפּרופן אַ גאַסטשפּיל...

קאָנצערט, ווו מען האָט געזאָלט זינגען פיר דזשודעזמאָ־לידער. חיין־שמעוני האָט די נאָטיץ אָנגעשריבן אין שייכות מיט אַ פּראָטעסט וואָס דער העברעיִשער שרייבער יהודה בורלאַ האָט געדרוקט אין דבר (3טן יולי 1939). חיין־שמעוני האָט אונטערגעשטראָכן, אַז בורלאַס רייד וועלן ניט העלפן, מחמת דעם וואָס ער האָט ביז אַהער פאַרשוויגן דעם שפּראַך־פּאַשיזם וואָס הערשט אין א״י.

צו באַמערקן אַז נייוועלט האָט איבערגעגעבן, אַז אין ווייטשעפּעל, לאָנדאָן, האָט דער שטאָטראָט פאַרשפּרייט אָנאָנסן אין יידיש, ווי אַזוי זיך באַגיין אין דער מלחמה־צייט. צו אָט אַ דער נאָטיץ האָט מען צוגעגעבן אַ רעטאָרישע פראַגע: ווען וועט מען זיך אַזוי פירן ביי אונדז? [25]

מ׳דאַרף צוגעבן, אַז וועגן דער ליטעראַרישער בראָשור שטאָמען, וואָס איז אַרויס סוף 1939, האָבן געשריבןביידע עקסטרעמען פון דער ציוניסטי־שער העברעיִשער פּרעסע: דער רעכטער המשקיף האָט געפאָדערט באָיקאָ־טירן די ׳זשאַרגאָנישע׳ צייטונגען וואָס גייען אַרויס אין א״י. דער לינקער השומר־הצעיר, האָט אויך פאַרביינט אַרויסצוגעבן יידיש־צייטונגען אין לאַנד.[26]

2. יידיש אין א״י זינט אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה ביזן אויפקום פון מדינת־ישראל

מיטן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ל. חיין־שמעוני אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן מיט אַ ביז גאָר הארבער באַשולדיקונג: יידיש, דער שמע־ישראל פון מיליאָנען יידן וואָס ווערן דערמאָרדעט אין אייראָפּע, די שפּראַך וואָס איז די נשמה פון פאָלק און דער אויסדרוק פון זיין פּיין, האָט אין ארץ־ישראל אַן ענלעכן גיהנום ווי אין פּוילן. חיין־שמעוני האָט אַזוי געשריבן, ניט נאָר נאָך דעם ווי מען איז אָנגעפאַלן אויף קיאָסקן ווו מען האָט פאַרקויפט נייוועלט (8טן מאַרץ 1940). ער האָט אויך אַזוי געשריבן פאַרן עפענען די ענגליש־קאַטעדרע אינעם העב־רעיִשן אוניווערסיטעט (סוף 1942) אָדער ווען ער האָט קריטיקירט נאָטיצן אין דבר. דערצו דאַרף מען דערמאָנען, אַז נאָך דעם ווי מען האָט פאַר־קויפט ביכער אין יידיש, וואָס האָבן געזאָלט אַריין אין ביבליאָטעקן עקסטרע באַשטימט פאַר יידישע זעלנער, האָט חיין־שמעוני אָנגעשריבן אַ דערציילונג, וואָס איר מיין איז הארב ביז גאָר.[27]

אין די פערציקער יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט זענען פאָרגעקומען

דאָס רוב גוואַלד־מעשׂים קעגן ייִדיש אין לאַנד. דער דאָזיקער פֿאַקט האָט גורם געווען דערצו, אַז אַט אַ די תקופה זאָל זיך אײַנקריצן אינעם באַוווסטזײַן פֿון דער שפּראַכן־פֿראַגע אין אַ פֿאַרקערטער פּראָפּאָרציע צו איר חשיבות. קרײַזן פֿון עקסטרעם נאַציאָנאַליסטישע יוגנטלעכע, פֿלעגן באַפֿאַלן קיאָסקן וווּ מען האָט פֿאַרקויפֿט נײַוועלט. די דאָזיקע קרײַזן זענען אין זייער מהות געווען ניט אַנדערש פֿון די וואָס האָבן אַנגעגריפֿן דעם קלוב פֿון לינקע פּועלי־ציון אין 1928 אָדער אויפֿגעריסן דעם ראָט פֿון ייִדיש־שרײַבערס אין יאַנואַר 1935.

ביזן אָנהייב פֿערציקער יאָרן זענען זיי געווען אַקטיוו מיטן נאָמען איגוד להשלטת הלשון (פֿאַרבאַנד פֿאַרן אײַנהערשן די שפּראַך). דער רב הראשי פֿון א״י, הרב א״י קוק, האָט געשטיצט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, אַזוי ווי ער האָט אין די צוואַנציקער יאָרן געשטיצט דעם גדוד מגני השפה.[28] די אַקטיוויטעט פֿונעם איגוד איז ביז איצט ניט אויסגעפֿאָרשט געוואָרן. די פּרעסע האָט די אָרגאַניזאַציע כּמעט ווי ניט דערמאָנט. די איינציקע נאָטיץ מיר באַקאַנט איז די שאַרפֿע קריטיק פֿון טס [דב סדן], ׳דרך אגב׳.[29]

צו באַמערקן אַז עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס אַרויסגעבן נײַוועלט האָט געדינט ווי אַ קאַטאַליזאַטאָר פֿאַר די אַקטיוויטעטן פֿון איגוד. (פֿ״גל אויבן, ז׳ 198) אין די פֿערציקער יאָרן האָט דער איגוד זיך פֿאַרוואַנדלט אין אגודת נוער למען השפה העברית (יוגנט־פֿאַראיין לטובת העבריִש). די גוואַלד־מעשׂים האָט מען איצט געוואַנדן ניט בלויז קעגן די פֿאַרשפּרייטערס פֿון נײַוועלט, נאָר אויך קעגן די פֿאַרשפּרײַטערס פֿון פֿעריאָדישע אויסגאַבן אויף דײַטש. דאָס זענען געווען דײַטשישע עולים, סימפּאַטיקער פֿון קאָמוניזם און פֿונעם באַרימטן שרײַבער אַרנאָלד צווײַג. נײַוועלט האָט וועגן דעם איבערגעגעבן אין יוני און יולי 1942. סעפּטעמבער 1942 האָט די צײַטונג אָפּגעגעבן אַ באַריכט מכּוח שטערונגען בעת אַ רעדע וואָס צווײַג האָט געהאַלטן אין דײַטש.[30]

די גוואַלד־מעשׂים האָבן זיך פֿאַרמערט סוף 1942 און עקסטרע — 1943. מען האָט געסטראַשעט מענטשן וואָס האָבן פֿאַרקויפֿט נײַוועלט און די דײַטשע פֿלוגבלעטער און אויך די מענטשן וואָס האָבן דאָרטן געדרוקט אַנאָנסן.

מען האָט געשלײַדערט שטיינער און פֿאַרברענט קיאָסקן. מ. צאַנינס קלייט איז צעשעדיקט געוואָרן און מען האָט באַפֿאַלן מ. האַלפּערין פֿאַרן

פאַרקויפן זייַנע ייִדיש־דערציילונגען אין תּל־אָביבֿ.[31] די דאָזיקע גוואַלד־מעשׂים האָבן גענומען באַאומרויִקן די רובֿ־שטרעמונג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער מצבֿ איז געווען ענלעך, אין אַ געוויסער מאָס, צום מצבֿ נאָכן אָנפֿאַל אויפֿן קלובֿ פֿון לינקע פּועלי־ציון אין 1928 (זען קאַפּיטל פֿינף).

דוד זכאַי איז אַרויסגעטראָטן (26סטן יוני 1943) קעגן אַ גרופּע וואָס האָט זיך דאָס מאָל אָנגערופֿן ברית לוחמי הקנאות העברית (פֿאַרבאַנד פֿון קעמפֿערס פֿאַרן העברעיִשן קנאות). די דאָזיקע קעמפֿערס האָבן אַרויס־געשיקט אַ בריוו צום תּל־אָביבֿער שטאָטראָט און איבערגעגעבן, אַז 'די העברעיִשע יוגנט נעמט אָן די מאַכט פֿון העברעיִש אין אונדזער לעבן'. דערצו האָבן זיי געסטראַשעט אַז זיי וועלן צעשעדיקן און צעמזיקן די וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט דער [ייִדישער] פֿרעמדשפּראַכיקער פּרעסע אין א״י. זכאַי האָט געפֿאָדערט אַז די פּאָליציי זאָל זיך אָפּגעבן מיט 'אָט אָ דעם פֿאַרברעכערישן כוליגאַניזם'. דעם זעלבן טאָג האָט נײַוועלט אָפּגעדרוקט י. טאַבענקינס פּראָטעסט אין שייַכות מיט די גוואַלד־מעשׂים קעגן אַ 'ייִדיש־צייַטונג אין א״י'.

דבֿר (28סטן יוני 1943) האָט מודיע געווען, אַז די עקזעקוטיווע פֿון דער הסתּדרות האָט דערקלערט אַז 'די צוקונפֿט פֿון לעבעדיקן העבֿ־רעיִש וועט ניט אויסגעקעמפֿט ווערן דורך גוואַלד־מעשׂים קעגן ייִדיש, די שאַפֿונג פֿונעם פֿאָלק אין גלות'. אין אַ באַשלוס געוואָנדן צו די אַרבעטער־ראָטן ווערן געפֿאָדערט פּראַקטישע שריט כּדי אויסצומייַדן כוליגאַניזם. דעם 24סטן יוני 1943, פֿאַר טאָג, האָט אַ באָמבע אויפֿגעריסן די ליגאַ־דרוקערײַ אין רמת־גן. היות די דרוקערײַ האָט זיך געפֿונען אויפֿן ערשטן שטאָק פֿון אַ דירות־הויז, האָט מען די אײַנוווינערס אַראָפּגע־נומען אין די באַהאַלטערס.[32]

דעם 30סטן יוני און ערשטן יולי 1943, זענען דבֿר און הארץ אַרויס־געטראָטן מיט שאַרפֿע עדיטאָריאַלן קעגן דעם אויפֿרייַס. דבֿר פֿון 30סטן יוני האָט אינפֿאָרמירט אַז הוועד הלאומי (נאַציאָנאַלער ייִדישער לאַנדראָט אין א״י), האָט פֿון דאָס נײַ באַשטעטיקט זייַן באַשלוס פֿון ט״ו בתּמוז תּש״ב (1942), אַז מען דאַרף פֿירן דעם קאַמף קעגן דער ייִדישער פֿרעמד־שפּראַכיקער פּרעסע אין א״י אויף אַ קולטורעלן אופֿן. דער וועד האָט געהאַלטן אַז דער אויפֿרייַס 'פּראָפּאַגירט [העברעיִש] און באַשמוציקט דעם ייִשובֿ'.

ניַיוועלט האָט דעם 9טן יולי אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן אַ פּראָ־טעסט־פאַרזאַמלונג אין רמת־גן. ניַיוועלט האָט אין קורצן פאַרסך־הכּלט די פּראָטעסטן קעגן אויפריַיס און אונטערגעשטראָכן דעם באַשלוס פון הוועד הלאומי מכּוח דער ייִדישער פרעמדשפּראַכיקער פּרעסע אין א״י.

וועגן אויפריַיס האָט מען אויך רעאַגירט אין אויסלאַנד. דעם 17טן סעפּ־טעמבער 1943 האָט ניַיוועלט געדרוקט אַ פּראָטעסט פון ייִדיש פּען־קלוב אין ניו־יאָרק, אונטערגעשריבן פון ה. לייוויק, א. אויערבאַך, ד. טשאַרני, ק. מאָלאָדאָווסקי און י. קרעפּליאַק. דעם 22סטן אָקטאָבער און 12טן נאָוועמבער 1943 זענען אין דער ציַיטונג אַרויס א. לעיעלעס אַר־טיקלען איבער ייִדיש אין א״י. עס קען גריַילעך געמאָלט זיַין, אַז דער באַשלוס פון דער הסתדרות־עקזעקוטיווע און די וואָרעניש וואָס ווערט דאָרטן דערמאָנט כּמעט בפירוש, האָבן געווירקט. פון זינט דעמאָלט איז געקומען אַ סוף אויף די שיקאַנעס קעגן ניַיוועלט און אירע פאַרשפּרייטערס. אין דער ציַיטונג געפינט מען מער ניט קיין באַריכטן מכּוח ייִדיש אין א״י, אחוץ אַן אינצידענט וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן ׳ריב־לשונות׳.

אין לויף פון דער זעקסטער הסתדרות־קאָנפערענץ (פעבר. 1945), האָט רוזשקאַ קאָרטשאַק, אַ מיגטליד פון השומר־הצעיר, עדות־געזאָגט וועגן דעם אויפשטאַנד אין ווילנער־געטאָ. רוזשקאַ קאָרטשאַק האָט גערעדט אויף ייִדיש, מחמת זי איז ניט געווען אין שטאַנד צו רעדן אויף העברעיִש. נאָך איר אַרויסטרעט האָט דוד בן־גוריון באַמערקט, אַז דער גאַנצער עולם איז געווען אויפגעטרייסלט פון דער עדותשאַפט, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן ׳אין אַ פרעמדער און גרילצנדיקער שפּראַך׳. אויף בן־גוריונס באַמערק האָבן רעאַגירט, מיט גרויס כּעס, די פאַר־שטייערס פון לינקע פּועלי־ציון. אהרן ציזלינג, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער זיצונג, האָט באַרויִקט די געמיטער. ער האָט געהאַלטן אַז דער באַמערק האָט ניט אָפּגעשפּיגלט בן־גוריונס כּוונה און אַזוי אַרום מיגלעך געמאַכט ממשיך צו זיין די זיצונג. זרובבל און חיין־שמעוני זענען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן בן־גוריונס אַרויסזאָג. אברהם לעוו האָט אָנגעשריבן אַ ליד, ייִדיש, וואָס זיַין מאָטאָ איז ׳אין אַ פרעמדער און גרילצנדיקער שפּראַך׳.[33] דער אינצידענט האָט אויך געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין אויסלאַנד. ה. לייוויק האָט אָנגעשריבן אַ נאָטיץ אין טאָג, וואָס ניַיוועלט האָט איבער־געדרוקט דעם 17טן אויגוסט 1945. דער פּאָעט האָט פאַרשטאַנען אַז בן־גוריונס כּוונה איז געווען פּאָליטיש געשטימט. פאַר איין וועגס האָט לייוויק

אויסגעדריקט זײַן צער איבער דעם, וואָס אין אַ לאַנד וואָס ער האָט אַזוי ליב, אַנטוויקלט מען אַ שׂינאה צו ייִדיש. א. אויערבאַך האָט אויך רעאַגירט אויפֿן אינצידענט. אין אַ נאָטיץ וואָס נײַוועלט האָט איבער־געדרוקט דעם 14טן אָקטאָבער 1945) פֿון טאָג, שרייבט אויערבאַך וועגן אַ באַגעגעניש מיט בן־גוריונען אין ניו־יאָרק און באַציט זיך זייער פּשרניש צום ענין 'אין אַ פֿרעמדער און גרילצנדיקער שפּראַך'. אויערבאַכס נאָטיץ האָט זיך בעיקר אָפּגעגעבן מיטן ווונטש, אַז אין א״י זאָל מען באַשטימען אַן אָרט פֿאַר ייִדיש אין די מיטלשולן און אין העברעיִשן אוניווערסיטעט.

נאָך די דאָזיקע נאָטיצן האָט נײַוועלט אויפֿגעהערט זיך צו פֿאַרנע־מען מיטן שטאַנד פֿון ייִדיש אין א״י. דער דאָזיקער פֿאַקט אילוסטרירט, אָבער אַ מאָל, אויף ווי ווײַט די פֿראַגע פֿון ייִדיש אין א״י איז געווען פֿאַרבונדן מיט פּאָליטישע צוועקן.

לינקע פּועלי־ציון האָבן זיך גענומען דערנענטערן צו דער תנועה לאחדות העבודה (באַוועגונג פֿאַר אַרבעטער אייניקייט), וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן סוף 1944, נאָך דעם ווי מפא״י האָט זיך צעשפּאָלטן. לסוף האָבן זיך לינקע פּועלי־ציון פֿאַראייניקט מיט דער אויבן דערמאָנטער באַווע־גונג, אָנהייב 1946. די השפּעה פֿונעם ערעם־ניר־זרובבל־פֿליגל אין דער נײַער פּאַרטיי איז געווען זייער באַגרענעצט. דאָס רוב אין דער פּאַרטיי, מיט י. טאַבענקין בראש, זענען געווען פּרינציפּיעלע העברעיִסטן. דערצו זענען ניט ווייניק חברים געווען געבוירענע אין א״י, אָדער יוגנטלעכע וואָס האָבן זיך דערצויגן אין לאַנד. די שפּראַכן־פֿראַגע איז זיי ווינציק וואָס אָנגעגאַנגען. בײַ דער לאַגע וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין לאַנד — דער קאַמף קעגן ענגלאַנד און דער אָנהייב פֿון דער שארית־הפליטה עליה — האָט זיך ניט געפֿונען אין א״י ווער עס זאָל זיך פֿאַר־נעמען מיט דער שפּראַכן־פֿראַגע.

אויפֿן סמך פֿון דעם אויבן דערמאָנטן, מעג מען באַמערקן אַז די אַקטיוויטעט לטובת ייִדיש אין א״י אין די יאָרן 1934—1945 האָט געטראָגן אַ קלאָר פּאָליטיש אָפּאָזיציאָנעלן כאַראַקטער. די ענלעכקייט צווישן אָט דער אַקטיוויטעט און די אַקטיוויטעט פֿאַר ייִדיש אין די צוואַנציקער יאָרן, וואַרפֿט זיך אין די אויגן.

דער אויפֿטו פֿון דער ליגע פֿאַר די רעכט פֿון ייִדיש אין א״י איז געווען אײַנהאַנדלען די דרוקערײַ ליגאַ אין רמת־גן. אין דער דרוקערײַ האָט מען אַרויסגעגעבן די לינקע פּועלי־ציון־אויסגאַבן, סיי אין העב־

רעיש, סײַ אין יידיש. ביז 1948 איז נײַוועלט אַרויס דאָרטן, וועכנטלעך, אין אַ פֿאָרמאַט פֿון פֿיר ביז זעקס זײַטלעך.

דער אָנטייל פֿון ניט־ציוניסטן און אַנטיציוניסטן אין דער ליגע, דערווײַזט אויף ווי ווײַט אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען אַז א"י קען פֿאַרזיכערן דעם המשך פֿון יידישע לשונות. אַזאַ קוק האָט זיך באַגרונטיקט אויף דער כסדרדיקער אָפּשוואַכונג פֿון די יידישע שפּראַכן אין גלות.

דאָס חשיבות פֿון דער פּאָלעמיק איבער יידיש אין א"י אין די יאָרן 1934—1945 איז געווען באַגרענעצט ביז גאָר. ניט געקוקט אויף דעם האָט די דאָזיקע תקופה זיך אײַנגעקריצט אינעם באַוווסטזײַן פֿון דער שפּראַכן־פֿראַגע מער ווי יעדע אַנדערע תקופה. דרײַ סיבות האָבן געבראַכט דערצו. א) דאָס פֿאַרלייגן די ליגע פֿאַר רעכט פֿון יידיש אין א"י, וואָס האָט אין זיך אײַנגעשלאָסן אַ סך גוט באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן. ב) אין די פֿערציקער יאָרן זענען פֿאָרגעקומען דאָס רוב גוואַלד־מעשׂים קעגן יידיש אין לאַנד. ג) אַ טייל פֿון די מענטשן וואָס זענען דעמאָלט געווען אַקטיוו לעבן מיט אונדז און געדענקען זייערע איבערלעבענישן.

ניט געקוקט אויף דעם וואָס אָט אָ דאָס בוך גיט זיך אָפּ מיט יידיש און יידיש־ליטעראַטור אין א"י ביזן אויפֿקום פֿון מדינת־ישׂראל, מוז מען דאָ דערמאָנען צוויי ווײַזגעבונגען. איינע פֿון זיי האָט זיך אַנטוויקלט נאָך 1948. די אַנדערע האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַר דעם, נאָר איר פֿאָמעלע־כער קריסטאַליזאַציע איז פֿאָרגעקומען שפּעטער.

די ערשטע ווײַזגעבונג איז נאָך אַ פּאַראַדאָקס פֿון דער שפּראַכן־פֿראַגע, וואָס איז סײַ ווי סײַ אָנגעפּאַקט מיט פּאַראַדאָקסן.

די פּאָליטישע און קולטורעלע יידישע עליט אין לאַנד, וואָס האָט אידעאָלאָגיש־אויסגעהאַלטן געשטרעבט אַרויסצושטופּן יידיש פֿון א"י ווי אַ קולטור שפּראַך, ווערט אידענטיפֿיצירט מיט יידיש. יידיש ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַן אומפֿאַרמיטלטן אָביעקט פֿאַר דיסקרימינאַציע־געפֿילן פֿון ניט־אַשכּנזישע יידן, לגבי יענער עליט. דער פֿאַקט און דערציער אַמנון שמוש האָט, קורץ און קלאָר, פֿאַרסך־הכּלט די דאָזיקע געפֿילן. אין דבר, 27סטן יוני 1973, איז געווען געדרוקט שמושס אַן אָפֿענער בריוו צו דער דעמאָלטיקער פּרעמיער — גאָלדע מאיר. שמוש האָט דעם בריוו אָנגעשריבן, ווײַל אין אַ ידיעה האָט מען געהאַט איבערגעגעבן, אַז גאָלדע מאיר האָט דערקלערט אַז נאָכן צוריקציִען זיך פֿון איר אַמט, וועט זי אויסלערנען אירע אייניקלעך יידיש. שמוש האָט געבעטן די

אייניקלעך זיי זאָלן אָפּוואַרפן דער באָבעס פאַרלאַנג, מחמת צוויי סיבות: א) ייִדיש דערוויַיטערט די געמיטער, צעשפּאַלט דאָס פאָלק אויף צוויי ניט־גלײַכע טיילן און לאָזט אין דרויסן אַ העלפט פונעם פאָלק 'וואָס זיצט אין ציון'. 2) ייִדיש איז דער סימן־מובהק וואָס כאַראַקטעריזירט הײַנט צו טאָג די אַשכּנזים און זייער גרויסהאַלטערײַ כּלפּי ניט־אַשכּנזים.[34]

די צווייטע וויַיזגעבונג — מיט דער וויסיקייט פונעם חורבן ווערט די שאַרפקייט פון דער שפּראַכן־פראַגע פאַרטעמפּט. דאָס איז ניט קיין פּראָצעס וואָס קומט פאַר צווישן יאָ און ניין. דער אײַנשטעל צו ייִדיש אין לאַנד איז אויך נאָך 1948 געווען פאַרוויקלט און מחולק. ניט געקוקט אויף דעם, האָט מען אין א"י אָנגענומען געוויסע שריט וואָס ווײַזן אַ נײַעם קוק לגבי ייִדיש. יאַנואַר 1949 האָט די הסתדרות אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין ת"א, די גאָלדענע קייט. דער זשורנאַל די גאָלדענע קייט, איינער פון די וויכטיקסטע פּעריאָדישע אויסגאַבן אין ייִדיש בכלל, ווערט מעצענירט פון דער הסתדרות ביז הײַנט צו טאָג. עס וואַרפט זיך אין די אויגן, אויפן סמך פון די מאַטעריאַלן געבראַכט אין אַט אַ דעם בוך, אַז אַזאַ זאַך איז ניט מיגלעך געווען פאַרן חורבן און פאַר דער שארית־הפּליטה־עליה. מען דאַרף אויך דערמאָנען, אַז דער פּאָעט אברהם סוצקעווער, רעדאַקטאָר די גאָלדענע קייט פון זינט דעם ערשטן נומער, זאָגט עדות אַז יוסף שפּרינצאַק באַשלוס איז געווען מכריעדיק בײַם פאַרלייגן דעם זשורנאַל.[35]

אויך דאָס עטאַבלירן די ייִדיש־קאַטעדרע אין העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים(אויבן קאַפּיטל פיר), ווײַזט אָן אויף אַ שינוי אין דער באַציִונג צו ייִדיש אין לאַנד.

דערצו דאַרף מען האַבן אין זינען, אַז די גרויסע עליה־כוואַליעס נאָכן אויפקום פון דער מדינה, האָבן געשאַפן קולטור און קאָמוניקאַציע־באַדערפטיקייטן אויף פאַרשיידענע שפּראַכן, סײַ פרעמדע, סײַ ייִדישע. באַפרידיקט האָבן די דאָזיקע באַדערפטיקייטן די רעגירונג — ראַדיאָ — און פּריוואַטע מענטשן — פּרעסע, טעאַטער, פאַרלעגערײַ. ייִדיש איז אין דעם ניט געווען קיין אויסנאַם, אָבער אויך אַצינד האָט מען געפירט וויכּוחים מכּוח איר סטאַטוס אין לאַנד.

די דאָזיקע וויכּוחים זענען אָן ענין פאַר אַ באַזונדערער פאַרשאַרבעט.

הערות צו קאַפּיטל זעקס

1. זען: נײַוועלט, 30סטן נאָוועמבער 1934; 25סטן ינואַר 1935.
2. וועגן ב. שערמאַן זען: Who's who in World Jewry, 1975, p. 824
3. זען: מ. קאַנטאָראָוויטש, ייִדישער קעמפער, 4טן אַפּריל 1919.
4. זען למשל דעם עדיטאָריאַל פון דבר, 7טן יאַנואַר 1935 און משה סמילאַנסקיס נאָטיץ אין בוסתנאי, תרצ"ה, נומ' ל"ט, זז' 7־8. כדאַי צו באַמערקן, אַז סמילאַנסקי האָט געוווּסט וועגן דער ליגע.
5. דניאל לײבל האָט קריטיקירט רוקחן אין נײַוועלט, 14טן דעצעמבער 1934. לײבל דערמאָנט רוקחן, אַז זײַן פֿעטער — אליעזר רוקח — איז געווען אַ 'קעמפער פֿאַר ייִדיש'. איבער א. רוקחן זען: קרסל, ב, ז' 850 און דב סדנס הקדמה צו שמואל יוסף עגנונס ייִדישע ווערק, ירושלים תשל"ט ז' ט'.
6. זען דעם באַריכט אין נײַוועלט, 23סטן מאַרץ 1935.
7. זען די ענטפערס אויפֿן פֿרעגבויגן און אַ רשימה פֿון די שרײַבערס וואָס האָבן זיך אײַנגעשלאָסן אין ליגע, פּראָלעטאַרישער געדאַנק, 15טן יאַנואַר, 1טן און 15טן פֿעברואַר 1935. גלאַטשטיינס ליד איז געווען געדרוקט דאָרטן, 1טן מאַרץ 1935. צום ערשטן מאָל איז עס אַרויס אין אינזיך, 8, 1928. עס איז אויך אַרויס דאָרטן, יאַנואַר 1935 און אין זײַן פּאָעטס בוך קרעדאָס, נ"י, 1929.
8. זען גרינבערגס עדיטאָריאַל, אידישער קעמפער, 25סטן יאַנואַר 1935, ז' 3 פֿ"גל אויבן, זז' 156־157.
   זען פּינסקיס ענטפֿער, דאָרטן, 8טן פֿעבר. 1935, זז' 8־9 (פֿ"גל אויבן, ז' 44). זען שז"רס־צוקערמאַנס דערקלערונג, דאָרטן, דאָרטן, זז' 1־2. וועגן ב. צוקערמאַן זען: לעקסיקאָן 7, זז' 556—559.
9. זען דאָרטן, ז' 4. איבערן אויפֿרײַס פֿון גנבים זען אויבן, ז' 206. וועגן איינס זען אויבן, זז' 217—219. אויף די לעצטע זײַטלעך פֿון דער בראָשור זענען איבערגעדרוקט די סטראַשונעס קעגן ייִדישע דרוקער זיי זאָלן ניט אַרויסגעבן נײַוועלט; אַ טייל בריוו אין שײַכות מיטן פֿילם די ייִדישע מאַמע (אויבן ז' 214) און רוקחס פּראָטעסט, הלמאַי האָט מען אין ת"א פֿאַרדונגען אַ זאַל פֿאַר אַן אָוונט אין ייִדיש.
10. פֿאַר דעם האָבן דאָרטן געשריבן וועגן לאַנדראָט, ל. מלאך, זז' 1־2 און נ. מײַזיל, ז' 26. אין נומ' 5—7 האָבן ה. לייוויק און י. אָפּאַטאָשו געשריבן איבער ייִדיש אין א"י. ציטאַטן פֿון זיי ברענגט דב סדן אין עם מאמר אַרומגערעדט אויף זז' 233־234.
    סײַ צי ווערט ייִדיש... (ז' 11), סײַ חיין־שמעוני גיבן זיך אַ סך אָפּ מיט א. רעגעלסאָנס נאָטיץ אַשיחה (דבר 30סטן נאָוועמבער 1934), אַ נאָטיץ וואָס טראָגט ניט צו קיין נײַס אין דער שפּראַכן־פֿראַגע.
11. פֿײַגענבערג האָט איר אַרטיקל אָנגעשריבן אין שײַכות מיט אַ נאָטיץ אין דאָס פֿרײַע וואָרט, לאָנדאָן, נו' 57. דאָרטן האָט מען זי באַשולדיקט אַז זי האָט געהעצט בעתן אָנפֿאַל אויפֿן זאַל. זען אַ ניט ווייניקער אומעטיקע באַשרײַבונג איבערן מצב פֿון ייִדיש אין פּוילן אין יענער צײַט: מ. טײַכמאַן, 'חובבי שפת ייִדיש', ליטעראַרישע בלעטער, 12 (1936), זז' 654־655. פֿ"גל אברהם לוינסון, התנועה העברית בגולה, וואַרשע תרצ"ה, זז' 161—163.

12. ער איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין דב סדנס ארחות ושבילים, ת"א, תשל"ט, זז' 247—255.

13. פ"גל מיט צביונס אַן ענלעכן אַרויסזאָג אין די צוואַנציקער יאָרן, (אויבן ז' 226, הערה 82).

14. זען: פּראָלעטאַרישער געדאַנק, 1טן דעצעמבער 1935.

15. די בראשור האָלט [49] זז'. עס לייגט זיך אויפן שכל אַז זי איז אַרויס אין דער צווייטער העלפט 1936, ווייל די פראַגמענטן פון מ. ווײַנרײַכס נאָטיצן זענען פריער געווען גדרוקט אין פאָרווערטס (20סטן אַפּריל 1936).
זען ווײַנרײַכס עדותשאַפט, יידיש אין ארץ־ישראל, זז' 43—48; שאַצקיס, זז' 29—31; רעסלערס, זז' 33—38; ב. דעמבלינס (דעמאָלט טייטלבוים), זז' 21־22. זען קאַראַלניקס אַרויסזאָגן, זז' 31—33; אויערבאַכס, זז' 38—41; וואָלינערס, זז' 41—43 און ביאַלאָסטאָצקיס, ז' 24.
די באַשלוסן אויפן מישפּט זענען אין זייער מהות געווען ניט אַנדערש ווי די וואָס מען האָט אָנגענומען אויף דער ערשטער ליגע־קאָנפערענץ.

16. זען: זאַמלביכער, 1, (1936), ז' 334. אַפּאַטאָשו האָט די זכרונות אַרויס־געגעבן אויך אין בוכפאָרעם, צווישן ימען און לענדער, אַ רײַזע קיין ארץ־ישראל, נ"י, 1937.

17. זען: טאָג, 16טן מאַרץ 1936. זען שערמאַנס ענטפער, פּראָלעטאַרישער געדאַנק, 15טן אַפּריל 1936.

18. זען אויבן, ז' 182, הערה 2.

19. זען נירס אַרויסזאָג, אויבן ז' 225. זען לייבלס נאָטיץ: ווײַטער, ת"א, 1935, ז' 90. פ"גל אויבן, ז' 216.

20. זען נײַוועלט, 26סטן פעברואַר 1937. ווען זשיטלאָווסקי האָט באַזוכט א"י אין 1935, האָבן לינקע פּועלי־ציון אײַנגעאָרדנט פאַר אים אַ קבלת־פּנים. אַן 'אַרבעטער מיליציע' האָט געהיטן מען זאָל דעם אָוונט ניט אָבסטרוירן. לכּבוד זשיטלאָווסקין איז אויך פאַרגעקומען אַ קבלת־פּנים אויף העברעיִש. עס האָבן דאָרטן גערעדט בערל בצנעלסאָן און יהודה קויפמאַן. לויט נײַוועלט, האָט מען דעם אָוונט אויף העברעיִש געפּראַוועט כדי צו דערווײַזן אין אַמעריקע אַז יידיש ווערט ניט גערודפט אין א"י. זען דאָרטן, 19טן יולי 1935.

21. א. אויערבאַך, דער געוועזענער פאַרזיצער פון דער ליגע האָט געשריבן אין נײַוועלט, 11טן פעברואַר 1938, ('דרײַ יאָר נײַוועלט') אַז כאָטש ער איז ניט קיין מיטגליד פון לינקע פּועלי־ציון, באַטאָנט ער אַז די טעטיקייט פון דער פּאַרטיי און נײַוועלט איז זייער וויכטיק, ווײַל זי פאַרטיידיקט יידיש אין א"י.

22. זען: נײַוועלט, 4טן אַפּריל, 18טן יוני און 2טן יולי 1937; 8טן אַפּריל 1938.

23. זען דאָרטן, 6טן מײַ 1938. זען זרובבלס נאָטיץ, 'קעגן פאַלשעווען קולטור־פאַספאָרטן'. דאָרטן, 24סטן יוני 1938. זען מאַרעווסקיס ענטפער, 'אַ דאַנק פאַרן קאַמפאַט' — מיט אַ הערה פון דער רעדאַקציע — 8טן יולי 1938.
דער טיטל מיינט זרובבלען, וואָס האָט אויף אַ מסיבה לכּבוד דעם אַקטיאָר, שטאַרק געלויבט מאַרעווסקין. דער קינסטלער האָט דעמאָלט קריטיקירט לינקע פּועלי־ציון, פאַרן באַניצן זיך מיטן שטאַנד פון יידיש אין א"י. אין לויף פון דער מסיבה, וואָס איז פאָרגעקומען אינעם גאָרטן פון אַ קאַפעהויז, האָט מען פון גאַס געשריִען אויף די פאַרזאַמלטע און געשלײַדערט אויף זיין שטיינער, הלמאַי זיי רעדן יידיש.

24. זען: דבר, 3טן, 4טן, 5טן, 7טן, 10טן און 31סטן אָקטאָבער 1937. זען וועגן לייוויקס רעדע: נײַוועלט, 11טן אַפּריל 1938.

25. זען: נײַוועלט, 8טן יולי און 3טן נאָוועמבער 1939. וועגן יהודה בורלא זען: קרסל, 1, זז' 192־193.

26. זען: המשקיף, 29סטן נאָוועמבער 1939; השומר־הצעיר, 23סטן נאָוועמבער 1939 ('תלישות'). זען דעם ענטפער און נײַוועלט, 1טן דעצעמבער 1939, זז' 2 און 4.

27. זען נײַוועלט, 5טן מאַרץ 1943. וועגן זײַן דערציילונג זען זז' 284־285. חיין־שמעוניס נאָטיץ אין שײַכות מיט דער ענגליש־קאַטעדרע, נײַוועלט, 11טן דעצעמבער 1942. זען אויך דאָרטן, 29טן יאַנואַר 1943 און פ"גל דאָרטן, 8טן אויגוסט 1941. דער שרײַבער פלעגט אויך שטעלן קאָנקרעטע און היפּאָ־טעטישע שאלות מכּוח יידיש און א"י. דעם 16טן יאַנואַר 1942 האָט ער געפרעגט, אין שײַכות מיט אַ קשיא וואָס מען האָט געשטעלט אַ דעלעגאַציע פון ראַטן־פאַרבאַנד איבערן מצב פון העברעיִש אין סאָוועטן־רוסלאַנד, פאַר וואָס האָט מען דער דעלעגאַציע ניט דערציילט וועגן מצב פון יידיש אין א"י. היות ווי בן־צבי האָט גערעדט טערקיש צו יונגע עולים פון טערקײַ, האָט חיין־שמעוני געוואָלט וויסן, צי וואָלט בן־צבי גערעדט יידיש צו יונגע עולים פון מיזרח־אייראָפּע. זען דאָרטן, 14טן יאַנואַר 1941.

28. זען אויבן ז' 161. וועגן אַן אַרויסטרעט פון הרב קוק לטובת דעם איגוד. זען חיין־שמעוניס נאָטיץ, אויבן ז' 214.

29. זען: דבר, 25סטן יאַנואַר 1936. אַז טס איז דב סדן, זען: א. יערי, קרית ספר, תרצ"ד־ה (11), ז' 299.

30. זען: נײַוועלט, 11 סעפּטעמבער 1942; 12טן, 19טן יוני און 3טן יולי 1942. אַ שיינעם דאַנק פּראָפ' דב סדן פאַר דער אינפאָרמאַציע איבער די דײַטשישע אויסגאַבן.
שוין דעם 25סטן פעברואַר 1938 האָט חיין־שמעוני זיך באַקלאָגט אויף אַן אָבסטרוקציע בעת צווײַגס אַ רעדע אויף דײַטש. אַ סך יידיש־שרײַבער אין לאַנד האָבן געשאַצט צווײַגן און געוועזן צו אים אידעאָלאָגיש נאָענט. אין ארץ־ישראל שריפטן, האָט חיין־שמעוני געשריבן לכּבוד צווײַגס יובל (זז' 187—191) און לייבל האָט איבערגעזעצט פון צווײַגס פּראָזע דאָרטן זז'133—138). צווײַגס באַציונג צו יידיש איז געווען ענלעך צו דער באַציונג פון די מערב־אייראָפּעישע יידישע געלערנטע דערמאָנט אין קאַפּיטל פיר.

31. זען: נײַוועלט, 18טן דעצעמבער 1942; 5טן פעברואַר, 7טן מײַ און 11טן יוני 1943.זען די ידיעה וועגן צאַנינען, דאָרטן, 9טן אַפּריל 1943. וועגן צאַ־נינען זען קאַפּיטל זיבן, זז' 289־290. איבער מ. האַלפּערין זען: נײַוועלט, 12טען מאַרץ 1943. עס האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן געוווּיר ווערן פּרטים וועגן מ. האַלפּערין.

32. זען: דבר, 30סטן יוני 1943. תל־אביב איז באָמבאַרדירט געוואָרן דורך איטאַליענער עראָפּלאַנען, 1940 און 1941. אין תל־אביבער ראַיאָן האָט מען אײַנגעפירט פאַרפינצטערונג בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

33. זען: דבר, 2טן פעברואַר 1945. וועגן אַ. ציזלינג זען לעקסיקאָן, 7, זז' 567־568. זען זרובבלס נאָטיץ און לעווס ליד, נײַוועלט, 6טן פעברואַר 1945. חיין־שמעוניס נאָטיץ איז אַרויס אין די בריק, מײַ 1945, זז' 14—18.

כדאי צו געדענקען אַז אויך יוסף פּאַפּיערניקאָוו האָט אָנגעשריבן אַ ליד איבער דער באַציונג צו ייִדיש אין לאַנד, ׳צער פון ייִדיש׳, נײַוועלט, 12טן מאַרץ 1943. דאָס ליד איז ניט אַרײַן אין פּאַפּיערניקאָווס ביכער וואָס זענען אַרויס ביז 1949. אויך הלל שאַרגעל האָט אָנגעשריבן אַ ליד וועגן ייִדיש, ׳צו מײַן שפּראַך׳, העפטן, 1946, ז׳ 3, אָבער זײַן ליד האָט ניט צו טאָן מיטן שטאַנד פון ייִדיש אין א״י.

34. זען פּיליקע ענטפערס אויף שמושס בריוו, דבר, 10טן יולי 1973.

35. זען: ׳דער ייִדיש פרײַנד׳, די גאָלדענע קייט, 33 (1959), זז׳ 22—27. שפּרינצאַק איז בײַגעקומען די קעגנערשאַפט אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל, מיט דעם וואָס ער האָט באַשטימט פאַר מיטרעדאַקטאָר דעם העברעישן פּובליציסט, איבער־זעצער און דראַמאַטורג א. לעווינסאָן. (זען וועגן אים, קרסל, 2, זז׳ 212־213). דב סדנען, וואָס האָט געדרוקט אין ערשטן נומער אַן עסיי איבער עגנונען און אונטערגעשריבן בערל שטאָק, האָט מען באַשלודיקט אין פאַרראַטן העב־רעיִש. (זען: אבני ברק, זז׳ 177—181. פ״גל דאָרטן זז׳ 171—176 און אויבן, ז׳ 224, הערה 58).

וועגן א. שטיינמאַנס קעגנערשאַפט צום זשורנאַל און זכרונות וואָס דב סדן וועט אַרויסגעבן מכּוח דער גרינדונג פון די גאָלדענע קייט, זען, דאָרטן, 100 (1979), ז׳ 18.

קאַפּיטל זיבן:

ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י ביזן אויפקום פון מדינת־ישׂראל

די אַנטוויקלונג פון ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י ביזן אויפקום פון מדינת־ישׂראל, איז ביז אַצינד ניִשט באַהאַנדלט געוואָרן סיסטעמאַטיש און אויפן סמך פון פאַרלאָזלעכע ביבליאָגראַפישע מקורים.

דאָס פונאַנדערטיילן ייִדיש־ליטעראַטור אויף צענטערס און אָפּצווייַגן, שפּאַרט זיך אָן אויף אַ פאָרמעל היסטאָרישן פּרינציפּ. אָט אָ דער פּרינציפּ איז אַ וויכטיקער העלפמיטל כדי צו אָריענטירן זיך אינעם ראַשיקן צוווּקס פון ייִדיש־ליטעראַטור אין 20סטן י״ה. דאָס איז חל, עקסטרע, אויף יענע שרייַבערס וואָס זייער הויפּט שאַפן איז פאַרבונדן מיט אַ באַשטימט לאַנד, סייַ אין מיזרח־אייראָפּע, סייַ מעבר־לים. איינצייַטיק דאַרף מען געדענקען, אַז ייִדיש־שרייַבער זענען וויסיק אַז זייערע כתבים און לייענערס שטייען ווייַטער פון געאָגראַפישע גרענעצן. דערצו דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז אַ סך מחברים וואָס האָבן אָנגעהויבן שרייַבן אין מיזרח־אייראָפּע, האָבן זיך שפּעטער באַזעצט אויף אַנדערע קאָנטינענטן. באַציען זיך צו זייערע שריפטן בלויז לויטן פּרינציפּ פון צענטערס איז, על־פּי־רוב, אומבאַטייַטיק.

פון דער צווייטער זייַט איז ניט קיין ספק, אַז דער עמיגראַציע־פּראָצעס, מיט זייַנע פּראָבלעמען און פּלאָגענישן, דאָס באַגעגענען זיך מיט אומבאַקאַנטע קולטורן, לשונות, מענטשן און לאַנדשאַפטן, האָט אַ סך צוגעטראָגן צו דער ייִדיש־ליטעראַטור. די ייִדיש־פּרעסע, וואָס האָט זיך שטאַרק פונאַנדערגעוואַקסן אין 20סטן י״ה ביז 1939, האָט געדינט דער מאָדערנער ייִדיש־ליטעראַטור פאַר איר הויפּט־בימה. על־פּי־רוב זענען די מחברים פאַרבונדן מיט דער פּרעסע פון זייערע וווינערטער, אָדער

פון די אַרומיקע־לענדער. אַזאַ פאַרבינדונג איז אויך פאַראַן ביַים אַרויס־געבן די שריפטן אין בוכפאָרעם.

די אויבן דערמאָנטע וויַיזגעבונג האָט געבראַכט דערצו, אַז צוזאַ־מען מיט דער וויסיקייט אַז ייִדיש־ליטעראַטור האָט ניט קיין געמאַרקן, זענען ייִדיש־שריַיבערס אויך וויסיק אַז זיי געהערן צו אַ באַשטימטן צענטער אָדער אָפּצוויַיג. אַזאַ פאַרוויקלטע דערשיַינונג פאָדערט אַ בהד־רגדיקן צוגאַנג בעתן אויספאָרשן ייִדיש־ליטעראַטור אין 20סטן י״ה. ערשטנס דאַרף מען צוגרייטן מאָנאָגראַפישע פאָרשאַרבעטן, וואָס זאָלן פאַראייניקן דעם פּרינציפּ פון צענטערס און אָפּצוויַיגן מיט אַן אַנאַליז אָנגעלענט אויף ליטעראַרישע מאָסן. אויפן סמך פון אַזעלכע אַרבעטן וועט מען קענען צוגיין צו אַ פאַרנעמיקן אַנאַליז פון ייִדיש־ליראַטור אין 20סטן י״ה.

ווען מען רעדט אַרום ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י, דערמאָנט מען על־פּי־רוב דאָס יאָר 1928, וויַיל דעמאָלט האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אָרגאַניזירט אַן אָפּצוויַיג מאָדערנער ייִדיש־ליטעראַטור אין לאַנד (זען, אויבן, קאַפּיטל 5). אַ קלאָרע דוגמא דערפון איז דאָס קעפּל פון יעקב־צבי שאַרגעלס בוך פון אַנהייב אָן. 'אָנהייב' האָט דאָ אַ טאָפּלטן באַטייט: די בראָשור אַנהייב (ירושלים, אויגוסט 1928), איז דער אָנהייב מאָדער־נער ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י.[1] עס איז קיין ספק ניט אַז 1928 איז אַ ווענדפּונקט אין דער מאָדערנער ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י. לעולם האָט מען אין לאַנד געשאַפן מאָדערנע ייִדיש־ליטעראַטור נאָך פאַר 1928. א. ראובניס און מ. סטאַווסקיס אָנקומען אין לאַנד און ז. ברכותעס ייִדיש־דערציילונגען אָפּגעדרוקט אין העברעיִשער איבערזעצונג (1910—1911), באַצייכענען דעם אָנהייב מאָדערנער ייִדישע־ליטעראַטור אין א״י.

1948 שליסט דעם דאָזיקן קאַפּיטל, וויַיל דער אויפקום פון מדינת־ישׂראל איז אַ קערפּונקט אין דער ארץ־ישׂראלדיקער ייִדיש־ליטעראַטור. נאָך דעם ווי מען האָט אויסגעקוילעט דאָס רוב ייִדיש־שריַיבער אין מיזרח־אייראָפּע, איז אַ באַטיַיטיקער טייל מחברים פון דער שארית־הפליטה עולה געווען קיין ישׂראל. דערצו איז 1948 דער אָנהייב פון סוף ייִדיש־ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס חשיבות פון ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י, ווערט אויפגעהויבן פון זינט 1948. דעריבער איז ייִדיש־ליטעראַטור אין מדינת־ישׂראל אַ טעמע פאַר זיך.

מאָדערנע ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י ביז 1948 פאַרמאָגט צוויי דרויסנדיקע אייגנקייטן א) די צאָל ייִדיש־כּתבים געדרוקט אין לאַנד איז נישטיק ב) די ביז גאָר געציילטע ייִדיש־שרײַבערס אין לאַנד האָבן געווירקט ווי יחידים און זיך ניט געהאַלטן פאַר קיין אָפּצווײַג פון ייִדיש־ליטעראַטור אין לאַנד. היות ווי ביז 1928 איז קיין ייִדיש־פּרעסע [2] און ייִדיש־פאַרלעגערײַ ניט געווען כּמעט בנימצא, איז די קשיא: וואָס דאַרף גערעכנט ווערן פאַר ייִדיש־ליטעראַטור אין לאַנד אין יענער צײַט? עטלעכע ביכער וואָס זענען ביז דעמאָלט אַרויס אין א״י און וואָסערע לידער געדרוקט אין דער פּאָליטישער פּרעסע?

ביז 1928 האָבן אַ ריי ייִדיש־שרײַבער געוווּינט אין א״י, ווער לענגער, ווער קירצער. נאָכן אומקערן זיך קיין אויסלאַנד, האָבן זיי געדרוקט כּתבים אויף ארץ־ישׂראלדיקע טעמעס. צי דאַרף מען פאַררעכענען אָט אַ די כּתבים, וואָס זענען מסתּמא ניט אָנגעשריבן געוואָרן אין לאַנד, פאַר ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י? די דאָזיקע שאלות אַנטפּלעקן די חסרונות פון פונאַנדערטיילן ייִדיש־ליטעראַטור אויף צענטערס און אָפּצווײַגן. ווי געזאָגט אָבער, גייט עס דאָ װעגן אַ העלפמיטל, ניט וועגן אַ פעסט־אײַנגעשטעלטן פּרינציפּ.

וואָס שייך די צווייטע פראַגע וועט דאָס בוך באַהאַנדלען די ייִדיש־שרײַבער וואָס האָבן זיך באַזעצט אין א״י און דאָ אָנגעשריבן זייערע שאַפונגען. דאָס רוב פון זיי האָבן אָנגעשריבן אַלע ווערק זייערע — אָדער אַ באַטײַטיקן טייל פון זיי — אין לאַנד. טאָקע צוליב דעם קען מען זיך אַרויסהעלפן מיטן פּרינציפּ פון צענטערס און אָפּצווײַגן, ניט געקוקט אויף זײַנע שוואַכקייטן. דעריבער וועלן דאָ ניט באַהאַנדלט ווערן שאַפונגען פון תּלוש, יהואש, ווײַנפּער, אויערבאַך און רעסלערן מיט אַן ארץ־ישׂראלדיקער טעמאַטיק.[3]

וואָס שייך די ערשטע פראַגע איז ניט מיגלעך, אַז מחמת דעם ביז גאָר קליינעם פאַרנעם פון ייִדיש־פּרעסע און ייִדיש־פאַרלעגערײַ אין לאַנד ביז 1928, זאָל מען אַרומרעדן בלויז די געציילטע ייִדיש־כּתבים וואָס זענען דעמאָלט אַרויס אין א״י. לכן, ביכער געשריבן אין לאַנד און אָפּגעדרוקט אין אויסלאַנד אין יענער צײַט, ווערן אַרײַנגערעכנט אין דער פאָרשונג. אין איין פאַל — א. ראובניס — ווערן אויך דערמאָנט דערציילונגען וואָס זענען אַרויס אין דער אויסלענדישער פּרעסע. די סיבה

דערפון וועט ווײַטער דערקלערט ווערן. בשעת ביז 1928 איז ניטאָ וואָס צו רעדן וועגן זשאַנערישן פונאַנדערטייל, איז עס שפּעטער יאָ מיגלעך. אויך נאָך 1928 איז די צאָל ייִדיש־שרײַבער געווען זייער באַגרענעצט. די זשאַנערן אָבער, פאַרברייטערן זיך. פּאָעזיע שרײַבט מען מער ווי פּראָזע.

מע דאַרף געדענקען אַז צווישן 1928—1948 האָבן אין לאַנד געשריבן ייִדיש־ליטעראַטור ניט בלויז די מיטגלידער פונעם אָפּצווײַג, נאָר אויך יחידים וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שײַכות צו דעם. (אורי־צבי גרינבערג לדוגמא).

מען דאַרף אונטערשטרײַכן, אַז דער פאַרנעם פון ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י און די צאָל מחברים ביז 1948, זענען ניט קיין פּועל־יוצא פון דער פּאָליטיש־קולטורעלער פּאָלעמיק איבערן שטאַנד פון ייִדיש. מיט אַנדערע ווערטער, ניט דער פּרינציפּיעלער העברעיִזם פון דער ייִדישער אָנפירערשאַפט אין לאַנד האָט באַשטימט וויפל ייִדיש־שרײַבער זאָלן זיך באַזעצן אין א״י. דער אײַנשטעל צו ייִדיש האָט געוויס ניט סטימולירט ייִדיש־ליטעראַטור און פּרעסע אין א״י, אָבער ער האָט אויך ניט משפּיע געווען אויף זייער איכות און פאַרנעם. בעת די העברעיִשע קולטור אין לאַנד האָט זיך אָנגעשפּאַרט סײַ אויפן מענטשלעכן רעזערוואַר אין גלות, סײַ אויף מאַטעריעלער הילף פון דאָרטן, איז אין גלות ניט געווען ווער עס זאָל שטיצן ייִדיש־קולטור אין א״י. די ייִדיש שרײַבער וואָס האָבן זיך אײַנגעוואָרצלט אין לאַנד, האָבן געשריבן ייִדיש אָדער זענען אַריבער אויף העברעיִש, פון זייער אייגענעם ווילן. דער שטאַנד פון ייִדיש אין א״י, האָט ניט מכריע געווען ניט לגבי זייער באַזעצן זיך אין לאַנד, און ניט לגבי זייער קינסטלערישער פאַרמירונג.[4]

אויפן סמך פונעם אויבן געזאָגטן, ווערט דער דאָזיקער קאַפּיטל פונאַנדערגעטיילט אויף צווייען: ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י ביז 1928 און פון 1928 ביז 1948. מחמת דעם וואָס די געציילטע ייִדיש־שרײַבער אין לאַנד האָבן מיט זיך ניט פאַרגעשטעלט קיין ליטעראַרישע שולן אָדער שטרעמונגען און מחמת זייערע שריפטן זענען נישט גוט באַקאַנט, דאַרף מען באַהאַנדלען יעדן איינעם פון זיי באַזונדער. אויף אַזאַ אופן וועט מען באַקומען אַ כּוללדיקן איבערבליק וועגן ייִדיש־ליטעראַטור אין לאַנד ביזן אויפקום פון מדינת־ישראל.

א. ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י ביז 1928

אהרן ראובני

ראובני, אַ געבוירענער אין אקראַינע (1886), האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע (1904) און זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד (1906). אַ קורצע צײַט נאָך דעם האָט מען אים פאַרשיקט קיין סיביר. ער איז פון דאָרטן אַנטלאָפן און אין 1910 אָנגעקומען דורך מאַנטשוריע קיין א״י.

ווי עס וועט שפּעטער קלאָר ווערן, איז ראובני ניט געווען אין שטאַנד צו שרײַבן העברעיִשע בעלעטריסטיק ביז תרע״ט. דער מחבר האָט פאַר זיך געהאַט אַ ברירה: שרײַבן רוסיש אָדער ייִדיש. טאַקע אויף אָט די ביידע שפּראַכן האָט ראובני אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע אַקטיוויטעט, סײַ אין אויסלאַנד, סײַ אין א״י. אין לאַנד איז ראובני אין גיכן אַריבער בלויז אויף ייִדיש.[5] די ווײַזגעבונג פון שרײַבער וואָס נאָכן פאַרלאָזן מיזרח־אייראָפּע, זענען זיי אַריבער פון פרעמדע שפּראַכן אויף ייִדיש, פאָדערט אַ פאַרשאַרבעט פאַר זיך. דער פאַקט וואָס ייִדיש איז געווען די בשותפותדיקע שפּראַך פון ייִדישע לייענערס אין די עמיגראַציע־לענדער מעבר־לים, האָט געצוווּנגען מחברים וואָס זענען נוטה געווען צו שרײַבן אויף פרעמדע לשונות, זיך ווענדן צו ייִדיש. ראובני און תלוש זענען דוגמאות דערפאַר. ביידע האָבן קנאַפּ געקענט ייִדיש אין רוסלאַנד. ייִדיש־בעלעטריסטיק האָבן זיי זיך אויסגעלערנט שרײַבן אין אַמעריקע.

ראובני, איינער פון די רעדאַקטאָרן פון האחדות (אויבן ז׳ 16), האָט דאָרטן געדרוקט ניט בלויז שייגע ליטעראַטור און קריטיק, נאָר, דער־עיקרשט, פּאָליטישע קאָמענטאַרן און נאָטיצן איבער ארץ־ישׂראלדיקע ענינים. זײַנע שאַפונגען, געשריבן אויף ייִדיש, האָבן איבערגעזעצט אויף העברעיִש, י״ח ברענער און אַלכסנדר כאַשין. נאָר אין איין פאַל, די דערציילונג אונטערן וואַנט, האָט מען אין האחדות 5 (תרע״ד), נומ׳ 1, ז׳ 20, באַמערקט, אַז דאָס איז אַן איבערזעצונג. אַזאַ פאַקט, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם אופן ווי מען האָט געדרוקט ביז 1928 דאָס רוב ייִדיש־כּתבים געשריבן אין לאַנד,[6] איז ניט קיין פּועל־יוצא פונעם אײַנשטעל צו ייִדיש אין א״י. אַזאַ פּירונג איז געווען גוט באַקאַנט אויך אין מיזרח־אייראָפּע. יעקב ראַבינאָוויטש און מ. י. בערדיטשעווסקי, וואָס האָבן קריטיקירט העברעיִשע זשורנאַלן אין אויסלאַנד פאַרן דרוקן איבערגעזעצטע ייִדיש־שאַפונגען, ווי זיי וואָלטן זײַן אָריגינעלע העברעיִשע ווערק,[7] האָבן קרי־

טיקירט אַן ענלעכע פּירונג אין לאַנד מכּות ראובני און סטאַווסקין. סײַ ראַבינאָוויטש, סײַ בערדיטשעווסקי זענען אַרויסגעטראָטן, צווישן אַנדערן, קעגן דעם, אַז מען זאָל פּאַרפירן דעם עולם און דרוקן צוזאַמען אָריגינעלע העברעיִשע שאַפונגען מיט כּתבים איבערגעזעצטע אויף העבֿרעיִש.[8] עס האַנדלט זיך דאָ אין אַ פּרינציפּיעלער שטעלונג און ניט אין קיין פּאַרלאַנג צו צענזורירן ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י. אַזאַ מין פּאַרלאַנג האָבן געהאַט בן־יהודה און רפאלי, אין 1919.[9]

ראובני איז דער איינציקער שרײַבער פון דער צווייטער עליה, וואָס אַ טייל ייִדיש־שאַפונגען זײַנע זענען אַרויס אינעם אָריגינאַל אין א״י.

היות ווי ראובניס שאַפן האָט דערוועקט גרויס אינטערעס אין דער העברעיִשער ליטעראַטור פאָרשונג און היות ווי אַ טייל פון זײַן העבֿ־רעיִשער בעלעטריסטיק איז לעולם איבערגעזעצט געוואָרן פון ייִדיש דורך אַנדערע שרײַבער, מוז מען זיך אָפּשטעלן אויך אויף ראובניס פּראָזע געדרוקט אין דער אויסלענדישער ייִדיש־פּרעסע.

בשעת נאָר אַ קליינער חלק פון ראובניס ייִדיש־כּתבים איז אַרויס אין בוכפאָרעם, איז זײַן פּראָזע אין העברעיִשן לבוש אַרויס אין עטלעכע אויסגאַבן. זײַנע דערציילונגען, למשל, זענען געווען געדרוקט צוויי מאָל.[10] ביידע מאָל האָט מען ניט באַמערקט אַז כּמעט 50% פון אָט אַ די דער־ציילונגען האָבן איבערגעזעצט אויף העברעיִש אַנדערע שרײַבער. ראובני האָט די איבערגעזעצטע דערציילונגען ניט אָנגעשריבן פון דאָס נײַ. ער האָט בלויז געביטן עטלעכע ווערטער און אויך ייִדישזמען אָדער כּמו־ייִדישיזמען אין די איבערגעזעצטע טעקסטן. דער מחבר האָט אַרײַנגע־נומען וואָסערע נײַ־געשאַפענע ווערטער און אַרײַנגעבראַכט געציילטע נאָר־מאַטיווע ענדערונגען. עס רעדט זיך דאָ וועגן איינצעלנע ווערטער. די איבערזעצונגען גופא, ווי אַ ליטעראַרישע גאַנצקייט, האָט ראובני ניט אָנגערירט.[11] ברענערס עדותשאַפט אין אַ בריוו צום פאַרלעגער א. שטיבל, סוף מײַ 1919, איז וויכטיק צו באַשטימען ווען האָט ראובני אָנגעהויבן שרײַבן העברעיִשע בעלעטריסטיק: ״מיט געוויסע מיטלען קען מען[אים] אַרויסהעלפן ער זאָל עס אָנשרײַבן אויף העברעיִש [די ראָמאַנען אין ערשטן טומל און די לעצטע שיפן], דהיינו, ער זאָל עס אַליין איבער־זעצן, ווײַל ער שאַפט זיך אײַן העברעיִש, פאַוואָליע״.[12] ראובני האָט אָנגע־הויבן זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט אויף העברעיִש מיט וואָסערע חדשים פריִער, חשון תרע״ט, ווען ער האָט זיך גענומען איבערזעצן, מיט דער

הילף פונעם פּאָעט מ. טעמקין, דעם ראָמאַן אין ערשטן טומל — **בראשית המבוכה**.[13] כדאַי צו באַמערקן, אַז די בולטע לעקסישע און סטיליסטישע אונטערשיידן אין ראובניס דערציילונגען זענען ניט קיין פּועל־יוצא פון ליטעראַריש־עסטעטישע סיבות, נײַערט פון די ספּעציפישע אייגנקייטן פון זײַנע איבערזעצערס. עס איז מערקווערדיק פאַר דער פאָרשונג פון טאָפּל־שפּראַכיקע מחברים, דאָס לכל הפחות ביז 1923, האָט ראובני אָנגעשריבן זײַנע ווערק פריִער אויף יִידיש און דערנאָך אויף העברעיִש.[14]

ראובניס איינציקע דערציילונג געדרוקט אויף יִידיש אין א״י איז **אונטערן וואַנט**, וואָס איז אַרויס צוזאַמען מיט די בראָשורן **דאָס לאַנד**. דאָס זענען געווען אינפאָרמאַציע־העפטן איבער א״י, וואָס פּועלי־ציון האָט אַרויסגעגעבן אין לאַנד און פאַרשפּרייט נאָר אין חוץ־לאַרץ. מיט אַנדערע ווערטער: די אַרויסגעבער פון **אונטערן וואַנט** האָבן זיך באַצויגן צו דער דערציילונג ווי צו אַ מין אינפאָרמאַציע־בראָשור.[15]

ברענער האָט געשריבן זייער ענטוזיאַסטיש וועגן דער דערציילונג. ער האָט זי אָבער אָפּגעשאַצט, דערעיקרשט, ווי אַ דאָקומענט וואָס באַשרײַבט, אָן באַפּוצונגען, די אַנגסטן, פּלאָגענישן און קווענקלעניִשן פון די שומרים־חלוצים. בײַם סוף פון זײַן קריטיק שטעלט זיך ברענער אָפּ אויף עטלעכע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון ראובניס בעלעטריסטיק.[16]

זיך מערקן אַז געוויסע אייגנקייטן חזרן זיך איבער אין ראובניס בעלעטריסטיק. איינע פון זיי איז די נטיה פונעם דערציילער צו לאַנגע, כמעט וויסנשאַפטלעכע באַשרײַבונגען איבער פּסיכאָלאָגישע פּאַסירונגען און נאַטור־דערשײַנונגען. דער כסדרדיקער אַרײַנמיש פונעם דערציילער אינעם לויף פון דער שאַפונג, איז סותר די אילוזיע פון פיקציע בײַם לייענער. אָפט מאָל ווערט ראובניס פּראָזע פאַרוואַנדלט אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן פּסיכאָלאָגישע, געזעלשאַפטלעכע, היסטאָרישע אוןווירטשאַפטלעכע ענינים. אין **אונטערן וואַנט** זענען פאַראַן לאַנגע דערקלערונגען מכוח די שווערע באַדינגען וואָס די שומרים דאַרפן איבערטראָגן וואָס שייך עסנוואַרג, באַקליידונג און דירות (זז׳ 4־7); וואָס שייך דעם האַרבן קלימאַט (זז׳21־22); וואָס שייך די טאָפּאָגראַפישע באַדינגען פון זייער אַרבעט (ז׳ 21). עס ווערן אויך אַרומגערעדט די מענטאַליטעט פון אַראַבישע גנבים און גזלנים (זז׳ 33־34) און די סיבות פון דער שפּאַנונג צווישן די שומרים גופא און צווישן זיי און די יִדישע קאָלאָניסטן (זז׳ 23־24; 67־69).

די העלדן ווערן געשטאַלטיקט אויבנאויפיק, אַחוץ די דיאַלאָגן, וואָס ווערן איבערגעגעבן אין אַ גאַנץ אידיאָמאַטישן ייִדיש. די דיאַלאָגן אַנט־פּלעקן, הינטערן דרויסנדיקן ציניזם, דאָס מיטגעפיל פון אַ שומר צו זײַנע קאַלעגן (זען זז׳ 5־9; 19־20; 91־93 און פ״גל מיט לינדערן אין ראובנים ראָמאַן פּיין־עצבון). אין אונטערן וואַנט ווײַזן זיך אַרויס נאָך צוויי שטריכן פון ראובנים בעלעטריסטיק: א) געוויסע סצענעס פון די דער־ציילונגען חזרן זיך איבער אין די ראָמאַנען, צו מאָל כמעט אָן שינויים. אַזוי אַ שטייגער די סצענע ווו וועלוול שאַקאַליק האַלט נחמהן בײַ דער האַנט (ז׳ 46) איז דאָ — אין באַזונדערע באַדינגען — אינעם העברעיִשן נוסח פון די לעצטע שיפן — האוניות האחרונות. (ז׳ 36) 2) דער דער־ציילער איז זיך נוהג צו דערקלערן בײַם סוף ווערק, די רמזים וואָס ער האָט אויף זיי אָנגעוווּנקען בײַם אָנהייב. אַזוי למשל איז וועלוול פאַר־בונדן צו דער וואַנט בלויז בײַ נאַכט און ווייס ניט ווי זי זעט אויס בײַ טאָג (זז׳ 12־14). בײַם סוף דערציילונג ווערט די וואַנט פאַרגליכן צו אַ פּרוי, וואָס פאַרשווענדט די שומרימס כוחות (זז׳ 92־93). ענלעך — דעם רמז וועגן ימיניס טויט (זז׳ 50 און 85).

נאָך פיר ראובנים דערציילונגען זענען אַרויס אין בוכפאָרעם צי אין אַ סעפּאַראַטן אויסגאַב, אַלע פיר אין קיִעוו. 1914 האָט נ. מײַזיל אַרויסגעגעבן אין דול הוויז (זען הערה 14). 1919 האָט ער אַרויסגעגעבן פראַגמענטן פון כוחות — אָן די עראָטישע באַשרײַבונגען — און עס אָנגערופן קינדער. 1921 איז אין מעלוכע־פאַרלאַג אַרויס קויכעס, וואָס נעמט אַרײַן די דערציילונגען כוחות, אַ שפּענדל, אין באָן, און אין דולהויז. דער קיִעווער אויסגאַב פון 1921 אילוסטרירט די פרײַהייט וואָס ייִדיש־פאַרלאַגן האָבן געהאַט אין די ערשטע יאָרן פונעם סאָוועטישן רעזשים.[17] עס איז קיין ספק ניט, אַז אַזאַ דערציילונג ווי אַ שפּענדל, וואָלט מען אין ראַטן־פאַרבאַנד ניט געקענט אָפּדרוקן מיט עטלעכע יאָר שפּעטער. די טעמאַטיק פון קויכעס איז ניט ארץ־ישראלדיק. ביז 1918 האָט ראובני געדרוקט צוויי דערציילונגען וואָס קומען פאָר אין לאַנד: אונטערן וואַנט און שוים שפּיל (דער פרײַנד, 1913, נומ׳ 2־4). שוים שפּיל איז אינטערעסאַנט מיט דעם וואָס עס זענען דאָרטן פאַראַן טיפּישע העלדן פון ראובנים בעלעטריסטיק: דער ציניקער, דאָס אָפּגעשטויסענע מיידל און דאָס ׳פּאַטאַלע׳ מיידל.

צוויי דערציילונגען אין דער זאַמלונג קויכעס — אין דולהויז און

אַ שפּענדל — האָבן בשותּפותדיקע שטריכן. דאָס זענען ראובנים איינציקע דערציילונגען מיט אַן אַמעריקאַנער פּאַן. זיי זענען אויך די איינציקע דערציילונגען זײַנע וואָס ווערן אין גאַנצן איבערגעגעבן דורך אַן עדות־דערציילער וואָס שפּילט אַ מכריעדיקע ראָלע אינעם ווערק. דער דער־ציילער איז אַרבעטסלאָז און אַן אַ דאַך אין אַ גרויסער אַמעריקאַנער שטאָט. (אַמעריקע ווערט קיין מאָל ניט דערמאָנט בפירוש).

איןביידע דערציילונגען — ווי אין אַ סך אַנדערע ראובנים כּתבים — פֿאַרמאָגן אַ טייל טיפֿן אַן אכזריותדיקייט וואָס רײַסט זיך אַרויס אומדערוואַרטערהייט, קעגן אומבאַהאָלפֿענע מענטשן. די ברוטאַליטעט, וואָס דערגייט ביז מאָרד, ווערט באַזונדערש אונטערגעשטראָכן, מחמת דער צופֿעליקייט מיט וועלכער די קרבנות ווערן דערהרגעט. דווקא די טעכניק פֿון שרײַבן אין ערשטער פּערזאָן, וואָס איז מישטיינס געזאָגט סוביעקטיוו און אינזיכדיק, גיט צו דער דערציילונג האַרבע פֿאַרפֿרעמדונג און איראָניע, וואָס פֿאַרשאַרפֿן דעם רושם פֿונעם מאָרד און פֿון די טעמפּע גוואַלד־מעשׂים וואָס בלײַבן אויף אייביק אומבאַשטראָפֿט.

אין אַ שפּענדל האָט ראובני געפּועלט פֿונאַנדערצוטשטעלן, אין גאָר אַ באַגרענצטער רעם, אַ פֿאַרוויקלטן סוזשעט, וואָס ווערט מאָטיווירט דורך די ניט פּלאַנירטע שריט פֿונעם עדות־דערציילער. דער דערציילער, וואָס האַלט זיך אויפֿן ראַנד פֿונעם געזעץ, אַנטרינט פֿון הונגער און פֿון דער ביטערער קעלט אין שטאָט, צום וואַרעמען ביוראָ פֿאַר אַרבעטסלאָזע.[18] דאָרטן ציט צו זײַן אויפֿמערקזאַמקייט — סײַ מחמת נײַגעריקייט, סײַ מחמת ער האָט ניט וואָס צו טאָן — אַ לעכערלעכער פּאַרשוין, וואָס בעט זיך, אויף אַ צעקאַליעטשעטן ענגליש, מען זאָל אים געבן אַרבעט, ווײַל ער איז אַ טאַטע פֿון זעקס קינדער. די באַגעגעניש פֿונעם דערציילער און דעם לאָ־יוצלח איז מכריעדיק. דער דערציילער פֿירט יענעם צו דער צײַט־ווײַליקער אַרבעט אין אַ בנין וווּ מען שטרײַקט. דאָרט העלפֿט דער דערציילער פּאַקטיש דערהרגענען דעם בידנעם פּאַרשוין.

צוויי געשטאַלטן אין דער דערציילונג באַרעכטיקן דעם מאָרד און טענהן אַז ער פּאַרטיידיקט די אינטערעסן פֿון אַרבעטער־קלאַס. איינער איז דער מערדער, אַ ספּעציאַליזירטער אַרבעטער, מיט אַ שטענדיקער שטעלע אינעם בנין וווּ דער דערמאָרדעטער האָט געזוכט טאָג־פּרנסה. דער צווייטער איז דער אידעאָלאָג פֿונעם מאָרד, אַ יונגער רוס, שיין און עלעגאַנט געקליידט (זז׳ 70־71 ; 75־76) זײַן לבוש איז דער פּולשטענ־

דיקער היפּוך צו דער באַקליידונג פונעם 'קלאַסן־פאַררעטער': דעם ווײַבס אויסגעריבן רעקל. צו אַט אַ דעם רעקל קערט זיך אום דער דערציילער בײַם סוף ווערק מיט ניט דערזאָגטקייט און איראָניע. אַנשטאָט זיך צו פאַררופן אויפן גורל פון דער אלמנה און אירע זעקס קינדער, דערמאָנט ער אין זײַנע אינעווייניקסטע רייד דעם גורל פונעם אָפּגעכוימלטן רעקל.

באַשטימטע קערפּערטיילן שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע בײַם געשטאַלטיקן די העלדן און אויך אין דער קאָנסטרוקציע פון דער דערציילונג. דאָס ווערט געטאָן מיט אַ באַדאַכטן פּאַראַלעליזם. אַזוי, אַ שטייגער, באַטאָנט דער דערציילער — סײַ בײַם אָנהייב באַשרײַבן דעם בידנעם פאַרשוין, סײַ בײַם סוף — צוויי בלויע שמוציקע פינגער וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון זײַנעם אַ שוך. די סטראַשענדיקע אויגן פונעם שיין געקליידטן רוס, ווערן קאָנפראָנטירט מיט די וויינענדיקע אויגן פונעם דערהרגעטן. (ז' 67). די גאַנצע דערציילונג ענדיקט זיך מיטן בליק פונעם רוס.

די שאַרפע איראָניע אינעם ווערק, וואָס ווערט פאַרשטאַרקט מחמת דעם אײַנגעהאַלטענעם סטיל פונעם דערציילער, הערשט אויך בײַם סוף פון דער דערציילונג. דער רוס, וואָס איז משפּיע אויפן צעטרייסלטן, דערשראָקענעם 'קליינעם בונדיסטל', יענער זאָל ניט עפענען דאָס מויל און דערציילן וועגן מאָרד, רעדט אין אים אַרײַן דאָס רוסישע גלײַכווערטל 'ווען מען האַקט אַ וואַלד, פליִען שפּענער'.[19] דאָס דאָזיקע גלײַכווערטל בײַם סוף דערציילונג, קערט דעם לייענער צוריק צום סאַמע אָנהייב, צום קעפּל פונעם ווערק. אַצינד ווערט קלאָר די פילזאָגעוודיקייט פונעם דימינוטיוו אַ שפּענדל. אַ סך פון די דערציילערישע עלעמענטן אין אַ שפּענדל זענען אויך פאַראַן אין אין דולהויז. בשעת אָבער אין אַ שפּענדל דרינגט מען אַז דער דערציילער איז אַ ייִד, ווערט אַזאַ פאַקט בפירוש דערמאָנט אין אין דולהויז און שפּילט דאָרטן אַ וואָגיקע ליטעראַרישע ראָלע. עס רעדט זיך וועגן דער געשטאַלטיקונג פון דעם דירעקטאָר פונעם פּסיכיאַטרישן אַנשטאַלט, ווו דער אַרבעטסלאָזער דערציילער וויל קריגן אַ שטעלע ווי אַ סאַניטאַר. דער פּראָפעסאָר פאַרנעמט אַ צענטראַל אָרט אינעם ווערק, כאָטש ער באַווײַזט זיך דאָרטן כמעט אין גאַנצן ניט. דער דירעקטאָר, אַ ייִד, וועט קיין ייִדן נישט באַשעפטיקן אינעם אַנשטאַלט. שטעלט זיך דער דערציילער אַרויס פאַר אַן אירלענדער. דרײַ הויפּטהעלדן וויסן דאָס און מאַכן זיך כלאַ־ידע. דאָס משלט אָפּ די פאַרשווײַג־פאַר־

שווערונג וואָס הערשט אין שפּיטאָל. מחמת ער אַרבעט ווי אַ סאַניטאַר, באַקענט זיך דער דערציילער, אומפּאַרמיטלט, מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן אינעם שפּיטאָל.

ראובנים פּעיִקייט פּאַרצושטעלן סיטואַציעס פון אכזריות און טויט, קומט אויך דאָ צום אויסדרוק, ניט געקוקט אויף דעם וואָס די טעמע איז אַ גאַנץ סקאַרבאָווע. די קראַנקע ווערן באַשריבן אין אין דולהויז ווי יחידים און סצענעסווײַז. די סצענעס אַנטוויקלען זיך און ווערן אָפּגעלייגט צוזאַמען מיט די גוואַלד־מעשׂים וואָס ווערן געטאָן מיט די חולאים.

דער דערציילער אין אַ שפּענדל האָט כּמעט אין גאַנצן אויסגעמיטן צו דערקלערן וואָס עס קומט פאַר אינעם ווערק. להיפּוך צו אים, לאָזט זיך אַרײַן דער דערציילער אין אין דולהויז — אַזוי ווי אַ סך אַנדערע דערציילערס אין ראובנים בעלעטריסטיק — אין אַ ריי קאָמענטאַרן, דערקלערונגען און באַטראַכטונגען וואָס גיבן דעם ווערק גאָרניט צו. (זען למשל, זז׳ 94־95; 97).

די איראָניע בײַם סוף דערציילונג, איז אויך פאַראַן אין אַנדערע ערטער אינעם ווערק. זי באַשטייט, דערעיקרשט, אין דער סתירה צווישן דעם פּראָפעסאָרס פּאַרוואָר, ניט צו באַניצן זיך מיט קיין גוואַלד־מעשׂים אינעם שפּיטאָל (ז׳ 98), און די הערשאַפט פון כּוח און צוואַנג אינעם אַנשטאַלט. דירק, דער סאַניטאַר, איז דער תּמצית פון דער ברוטאַליטעט וואָס געוועלטיקט אין אין דולהויז. ער דערהרגעט אַ קראַנקן, מיט קלעפּ, ניט פאַר איין מאָל, נאָר בהדרגהדיק (זז׳ 104—105). עס איז פאַראַן אַ קלאָרער פּאַראַלעל צווישן דער סצענע ווו דער פּראָפעסאָר באַשטעטיקט אַז דער דערהגעטער איז געשטאָרבן פון אַ האַרצשלאַק, און די סצענע ווו מען נעמט דעם דערציילער אָן צו דער אַרבעט. דערצו איז דאָ אַ פּאַראַלעל אין דער לײַכטקייט מיט וועלכער די מערדער דרייען זיך אַרויס פון שטראָף אין אַ שפּענדל און אין אין דולהויז. להיפּוך צו אַ שפּענדל, ווו דער דערציילער נעמט אַקטיוו אַנטייל אין פאַרדעקן דעם מאָרד, ווערט דער דערציילער אין אין דולהויז געצווונגען צו שווײַגן (זען זז׳ 94 און 105). די סתירה צווישן זאָגן און טאָן אינעם אַנשטאַלט ווערט אונטערגעשטראָכן מיט דעם, וואָס ס׳רוב גוואַלד־מעשׂים ווערן געטאָן בשעת מען דאגהט, מישטיינס געזאָגט, פאַרן ווילזײַן פון די חולאים (דערנערונג, היגיענע).

דער דערציילער פאַרגלײַכט אַ סך פאַרשוינען מיט חיות (בערן,

אָקסן). די דאָזיקע אימאַזשן ווערן אָפּגעשוואַכט, מחמת די בפירושע קאָמענטאַרן פֿונעם דערציילער (ז׳ 97). ווי אין אַ שפּענדל, אַזוי אויך אין אין דולהויז, זענען אויגן אַ וויכטיקער כאַראַקטעריזיר־מיטל (זען דירקס אויגן, זז׳ 101, 91, 98. פ״גל מיט די אויגן פֿון פֿערד דעם סאַניטאַר, זז׳ 102—104, 109, 117). זיך מערקן אַז בשעת זיינע אויף איין פֿוס רוטין־וויזיטן, באַטראַכט דער פּראָפֿעסאָר די פּאַציענטן איידל. הינטער אים אָבער, קוקן דירקס ׳פֿינצטערע אויגן׳.

דער איראָנישער סוף פֿון אין דולהויז — מען זאָגט אָפּ דעם דער־ציילער ווייל ער שטויסט אַוועק אַ קראַנקן, וואָס עס האָט זיך אים געדאַכט אַז ער גייט אָנגרייפֿן דעם פּראָפֿעסאָר — שפּאַרט זיך אָן אויפֿן פּלוצלינגנדיקן איבעררייס פֿון דער דערציילערישער קאָנסטרוקציע. דאָס קומט פֿאָר, נאָך דעם ווי עס זענען אויסגעשעפּט געוואָרן די מיגלעכקייטן פֿאַרבונדן מיט דער מאָראַלישער טאָפּלטקייט וואָס הערשט אינעם אַנשטאַלט. דער דערציילער דערמאָנט אָט אַ די טאָפּלטקייט בפירוש, נאָך דעם ווי דער יידישער פּאַציענט אינעם שפּיטאָל גרייפֿט אים אָן. אָט דער וויכטיקער רינג אין דער דערציילונג, פֿעלט אינעם נוסח פֿון אין דולהויז, קיִעוו 1921. (זען נוסח 1914, ז׳ 38).

אַנדערע ראובֿנים יידיש־דערציילונגען זענען געוועזן געדרוקט אין דער יידיש־פּרעסע אין אויסלאַנד. אַלע זענען זיי געשריבן אין אַ געמישטער דערציילערעשער טעכניק. ראובֿני באַניצט אָפֿענע און באַהאַלטענע דער־ציילערס, רעם־דערציילונגען און דער זכרונות־שטראָם פֿון די העלדן. דאָ ווערן דערמאָנט ווערן צוויי דערציילונגען.

אין דער ליבהאָבער (קריטיק, נומ׳ 4, אָקטאָבער 1920, זז׳ 12—19), האָט ראובֿני צונויפֿגעפּלאָכטן אַ געמישטע דערציילערישע טעכניק מיט אַ געניטן באַניץ פֿון דעם צייט־עלעמענט. אַזאַ באַניץ איז כאַראַקטעריס־טיש פֿאַר ראובֿנים בעלעטריסטיק.

דער צייט־עלעמענט, דער זכרונות־שטראָם און די אינערלעכע רייד פֿון שלמה קאַרבעל, דער ייִד, פֿירן אַריבער, שאַרף און אומדערוואַרט, פֿון דער דערציילערישער איצטיקייט צו געשעענישן פֿאַרגעקומען מיט אַ וואָך פֿריער. דער איינדרוק, אָנהייב דערציילונג, איז אַז די איינציקע צוויי איינפֿעער אויפֿן דעק פֿון אַ שיף וואָס פֿאָרט אויפֿן כינעזישן אָקעאַן, קענען זיך ניט. דער קריקקער וואָס קאַרבעל פֿירט דורך, אינ־זיכדיק, קערט איבער דעם סוזשעט. אַצינד דערוויסט מען זיך, אַז קאַרבעל

און אירלינג, אַ ניט־ייִד פון די באַלטישע לענדער, האָבן צוזאַמען גע־ווייַלט, מיט אַ וואָך פריִער, אין אַ שאַנכייַשער הייַזל. דער באַהאַלטענער דערציילער האַלט אָפּ קאַרבעלס קריקקער, מיט אַ לאַנגער ים־באַשרייַבונג, באַלאָדן מיט סקאַרבאַווע מעטאַפאָרן. די לענג און די סינכראָנירונג פון אַזעלכע אָפּהאַלטן, זענען אַ בולטע שוואַכקייט אין ראובניס פּראָזע.

אין דער ליבהאָבער געפינט מען אַ סך אייגנקייטן וואָס זענען אויך פאַראַן אין די צוויי אויבן דערמאָנטע דערציילונגען. אויך דאָ שטייט אַ געשטאַלט פאַר אַן אכזריותדיקער סיטואַציע וואָס זי וויל ניט, צי זי איז ניט אין שטאַנד זיך איר אַנטקעגן צו שטעלן.[20]

דאָ־ווי אין ראובינס בעסטע דערציילונגען — שפּילן איראָניע און ניט־דערזאָגטקייט אַ וויכטיקע ראָלע. אויגן זענען אויך דאָ חשוב בייַם כאַראַקטעריזירן די העלדן. אירלינגס אויגן, וואָס זענען אויסדרוקלאָז און שטאַר אין דער איצטיקייט פונעם ווערק, האָבן מאָדנע געבליצט ווען ער האָט אין דעם שאַנכייַשער הייַזל גענומען אַ צעניעריק מיידל צו באַשלאָפן. בעת דער שווערער סצענע וואָס קומט שפּעטער פאַר, זענען זייַנע אויגן געווען מטורף אויסגעגלאָצט. אַצינדערט אַנטפּלעקט זיך די סתירה צווישן אירלינגס אָנשטענדיקן אויסזען — אַן אויסזען וואָס דער באַהאַלטענער דערציילער שטרייַכט זייער אונטער אין דער איצטיקייט פונעם ווערק, (ז׳ 12) — און אירלינגס תּוך. די דאָזיקע סתירה איז זייער וואָגיק אינעם איראָנישן סוף פון דער ליבהאָבער. פּונקט אַזוי ווי אין אַ שפּענדל, ווערט דער לייענער אויך דאָ צוריקגעקערט, פאַר איין מאָל, צום אָנהייב דערציילונג. ערשט אַצינד באַנעמט מען אין זייַן פולן באַטייט דעם כּלומרשטיק אומשולדיקן טיטל פונעם ווערק, דער ליבהאָבער. אַזאַ גאַנג איז מיגלעך ווייַל דער דערציילער ניצט אויס דעם חילוק אין ידיעה צווישן אים און דעם לייענער.

די לעצטע מיר באַקאַנטע דערציילונג, וואָס ראובני האָט געדרוקט אין ייִדיש איז אין וואָגן (ליטעראַרישע בלעטער, 1929, נומ׳ 28—30).[21] די דערציילונג — די ראובני־פאָרשונג האָט זי ביז אַהער ניט באַמערקט — איז זייער וויכטיק צו פאַרשטיין דעם מחברס בעסט באַקאַנטן ראָמאַן, פאַרוויסטונגען — ירושלים אין שאָטן פון שווערד — שמות).[22]

די סצענע ווו מען אַרעסטירט אין ירושלים מענער פון פאַרשיידענע פעלקער, כּדי זיי צו נעמען אין דער טערקישער אַרמיי, האָט אַ מכריעדיקע השפּעה אויפן לעבנסגאַנג פון מאיר פונק, דער העלד פון ירושלים אין

שאָטן פון שווערד. אַט אַ די פּאַסירונג קען מען פולשטענדיק באַנעמען, ווען מען באַקענט זיך מיט אין וואָגן. דער הויפּטהעלד אין דער דערציי־לונג, מנחם שפּירא, דערמאָנט דעם אַרעסט אין זײַן זכרונות־שטראָם. דאָס איז געשען אָנהייב 1916, נאָך דעם ווי עס האָט זיך פאַרענדיקט דאָס יאָר דינסטאָפּלייג, וואָס די טערקן האָבן באַשטימט פאַר ייִדן וואָס האָבן זיך אײַנגעבירגערט, אָנהייב 1915. בעת דעם מאַסן אַרעסט האָט מען דער־לויבט, פאַר אויסקויפגעלט, אָפּלייגן דעם מיליטער־דינסט אויף נאָך אַ יאָר. אַצינדערט, אין מיטן שבט תרע״ז,[23] ווען דאָס צווייטע יאָר אָפּלייג איז אַריבער, אַנטרינט שפּירא פון ירושלים.

די שחיטה פון די אַרמענער וואָס אין ירושלים אין שאָטן פון שווערד ווערט אָנגעוווּנקען ווי דער לעצטגילטיקער גורם פון פונקס צעפאַל, איז אין אין וואָגן אַ מעשׂה אין אַ מעשׂה. דאָס ווײַזט ווי אַזוי אַט אַ די שחיטה איז דער ניט־דערקלערטער און ניט־באַוווסטזיניקער הינטער־גרונט פון פונקס און שפּיראָס פּחד, טאָמער וועלן זיי דאַרפן דינען בײַ די טערקן.

פונעם אויבן געזאָגטן טאָר מען ניט דרינגען אַז אין וואָגן איז אַ מין היסטאָרישער דאָקומענט וואָס קען דינען ווי אַ שליסל צו ירושלים אין שאָטן פון שווערד — שמות. להיפוך. אין אין וואָגן שפּיגלט זיך אָפּ ראובניס דערציילערישער כּוח. די סוזשעט־קאָנסטרוקציע שטעלט גינסטיק צונויף דעם צײַט־עלעמענט, וואָס ווערט באַוועגט פון דער איצטיקייט צום עבר און פאַרקערט, מיט אַ טיפער כאַראַקטעריזאַציע פון די העלדן און מיט אַ דערציילערישער טעכניק וואָס גיט איבער דאָס ווערק פון פאַרשיידענע קוקווינקלען. דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט דעם סורפּריז וואָס שטעקט אין דער מעשׂה אין אַ מעשׂה, באַטאָנט די ליטעראַרישע באַזונ־דערקייט פונעם ווערק.

אויך דאָ, ווי אין די פריער דערמאָנטע ווערק, כאַראַקטעריזירט דער דערציילער די געשטאַלטן — בפרט שפּיראָן — דורך די אויגן. (ליטע־ראַרישע בלעטער, 1929, זז׳ 546, 565, 587). זיך מערקן אַז שפּיראָס און דעם בעל־העגלהס ערשטער נאָמען שטעלן צונויף אַן אַליטעראַציע: נח־מנחם. נח דער בעל־העגלה, אַ טיפּ פון אַלטן ייִשוב, ווערט געשטאַל־טיקט ווי אַ מענטש זיכער בײַ זיך, וואָס האָט לעבן־פּראַקטיק און פײַפט אויף די טערקן. דאָס בעמלעכע די ירושלימער יונגע שפּעקולאַנטן וואָס פאָרן אין וואָגן. (זז׳ 566—567). מנחם שפּירא, אַ טיפּ פונעם נײַעם ייִשוב,

איז פול מיט קווענקלענישן און ספקות. אָן ענלעכע סיטואַציע איז פאַראַן אין ירושלים אין שאָטן פון שווערד. בעת פונקס שוואַגערס, חיה און לייזער וואַטשטיין, האָבן ניט קיין מורא צו האַנדלען מיט פרעמדער וואַלוטע און צו דעזערטירן פון דער טערקישער אַרמיי, ברעכט זיך פונק איַין און באַגייט אַליינמאָרד.

שפּיראָ איז אַ מער פּאַרוויקלטער פּאַרשוין ווי עס דוכט זיך פון דעם דערציילערס באַשרײַבונג. די אומהאַפּטיקייט פונעם ציטערדיקן שפּיראָ איז ניט איינמאָסיק און איינטײַטשיק. פון זײַנע אינערלעכע רייד אַנטפּלעקט זיך אַז ער איז — להיפּוך צו פונקן — פאַרעקשנט אין בלײַבן לעבן. דאָס ווילן לעבן טרײַבט שפּיראָן צו אַנטרינען און ראַטעווען זיך. פון זײַנע אינערלעכע רייד ווערט מען געוווּיר אַז ער אַנטלויפט פון ירושלים, ווײַל די טערקן זוכן דעזערטירערס בלויז אין די פאַרשריבענע ווינערטער. אויפן זעלבן אופן דערוויסט מען זיך אַז ירושלים שוויבלט מיט ייִדישע מוסרים.

ירושלים און דער וועג קיין רמלה ווערן פּירגעשטעלט ווי ממשותדיקע ערטער, אַ זאַך וואָס גיט צו דעם ווערק אַ סך רעאַלקייט.[24] אויפן וועג קיין רמלה גייען אַרויף אויפן וואָגן נאָך צוויי פּאַרשוינען. זייער בײַזײַן איז ליטעראַריש וויכטיק אין דער דערציילונג. דער אַראַבישער דעזערטיר דערגאַנצט דעם אַנטי־קלימאַקס, בײַם סוף ווערק. דער טערקישער טשאַוויש (סאַרזשאַנט), איז דער עדות־דערציילער פון דער אומדערוואַרטער מעשׂה אין אַ מעשׂה וואָס גיט צו דער דערציילונג אָן אומגעריכטן געמעסט. אויך דאָ, ווי אין זײַנע בעסטע דערציילונגען, ברענגט ראובני דעם לייענער צו אַ דערוואַרטונג, וואָס ווערט לחלוטין צעשטערט.

דער לייענער איז נוטה זיך פאַרצושטעלן, אַז ענטפערנדיק אויף אַ פראַגע פונעם בעל־העגלה, וועט דער טשאַוויש דערקלערן אַז ער בענקט נאָך זײַן משפּחה און נאָך זײַן דאָרף. אַנשטאָט דעם, דערציילט דער טערק וועגן דער שחיטה פון די אַרמענער, אויף אַ סינעקדאָכישן אופן, וואָס פאַרשטאַרקט דעם אויפטרייסלענדיקן רושם פון זײַנע רייד.[25] דער מאָטיוו פון די שטאַרקע וואָס הרגענען די אָנמאַכטיקע אָן שטראָף, באַווײַזט זיך ווידער אַ מאָל אין ראובניס כּתבים.[26]

וואָס שייך ראובניס ראָמאַנען פּײַן־עצבון; אין ערשטן טומל — בראשית המבוכה; די לעצטע שיפן — האוניות האחרונות; פאַרוויסטונגען

— ירושלים אין שאָטן פון שווערד — שמות, האָט די ראובני פאַרשונג זיך ניט אָפּגעשטעלט אויפן פּרט, אַז זיי זענען תחילת אָנגעשריבן געוואָרן אין יידיש און שפּעטער איז באַשטימט געוואָרן זייער העברעיִשער נוסח.[27]

ווי געזאָגט איז פון ראובניס יידיש־ראָמאַנען אַרויס בלויז ירושלים אין שאָטן פון שווערד. אַ פאַרגלייַך פונעם צוויישפּראַכיקן נוסח פונעם מחברס ראָמאַנען פאָדערט אַן עקסטרע פאַרשאַרבעט. דאָ וועלן בלויז באַמערקט ווערן עטלעכע הערות. פּייַן, וואָס איז אַרויס אויף העברעיִש אונטערן טיטל עצבון, האָט ראובני אָנגעשריבן פאַר די אַנדערע דרייַ ראָמאַנען. פּייַן האָט איבערגעזעצט אויף העברעיִש דב קמחי. ראובניס שינויים אין קמחיס איבערזעצונג זענען ענלעך צו די שינויים וואָס ער האָט געמאַכט אין די איבערזעצונגען פון זייַנע דערציילונגען (אויבן, ז׳ 256). מיט איינעם וואָרט, עצבון איז קמחיס איבערזעצונג פון ראובניס פּייַן.[28]

די אַנדערע ראָמאַנען זענען אַרויס אין העברעיִש, יעדער באַזונדער, אין די דרייַסיקער יאָרן. נייַערט אין די פופציקער יאָרן האָט זיי ראובני איבערגעדרוקט ווי אַ טרילאָגיע (עד ירושלים, תשי״ד). דער פאַקט וואָס די דאָזיקע ראָמאַנען זענען אַרויס עטלעכע מאָל ביזן סוף זעכציקער יאָרן, פאָדערט אַ פּרטימדיקן טעקסט־אַנאַליז. ברענערס רעדאַגירן בראשית המבוכה און ראובניס עדותשאַפט, אַז די דיכטערין רחל האָט אים געהאָלפן בייַ שמות,[29] שטעלן אַרויס אַ רייי וויכטיקע פּראָבלעמען מכוח דער צוויי־שפּראַכיקער שאַפונג העברעיִש־יידיש בכלל. אַזאַ מין אַנאַליז מיינט נישט דיקדוקי־עניות. די וואָגיקסטע פראַגע איז, צי האָט ראובני, מיט דער צייַט אַ שפּעדיקער איבערזעצער אויף העברעיִש, געביטן דעם אָריגינאַלן יידיש־נוסח פון די ראָמאַנען? צי האָט ער געביטן ברענערס אויסרעדאַקטירן בראשית המבוכה? צי האָט ער אַנדערש געשטאַלטיקט די העלדן פון די ראָמאַנען? צי האָט ער אַנדערש אויסגעפורעמט זייער סוזשעט? צוגעגעבן אָדער דערווייַטערט סיטואַציעס אין די ווערק? געביטן זייער דערציילערישער טעכניק? אָט די אַלע און כּדומה פראַגעס זענען זייער וויכטיק פאַרן עסטעטישן אָפּשאַץ פון דער טרילאָגיע. לעת־עתה מעג מען באַמערקן, אַז אַן ערשטער אַרייַנקוק אין די העברעיִשע אויסגאַבן פונעם ווערק ווייַזט ניט אָן אויף קיין באַטייַטיקע שינויים. די כּתב־ידן פון די ערשטע צוויי טיילן אין יידיש זענען פאַראַן אין בן־צבי־אַרכיוו (ירושלים). פאָדערט זיך אויסצופאָרשן וואָס איז געשען מיט די ראָמאַנען בייַם איבערזעצן זיי אויף העברעיִש. מע דאַרף געדענקען אַז אין די

צוואַנציקער יאָרן האָט זיך ראובני געסטאַרעט לפּחות פיר מאָל אַרויס־צוגעבן די דריַי ראָמאַנען, אָדער אַ טייל פון זיי, אינעם ייִדיש־אָריגינאַל.[30]

אַן אַנאַליז פון ירושלים אין שאָטן פון שווערד און שמות דער־וויַיזט אַז עס זענען פאַראַן ממשותדיקע אונטערשיידן צווישן ביידע נוסחאות, וואָס נעמען זיך, על־פּי־רוב, פון ליטעראַרישע החלטות. עס־טעטיש, שטייט ירושלים אין שאָטן פון שווערד העכער פון שמות.

בעת ער האָט געקראָגן דעם ביאַליק־פּריז, 1969, האָט ראובני ניט דערמאָנט אַז ער האָט אָנגעשריבן די טרילאָגיע תּחילת אויף ייִדיש.[31] די הקדמה צו ירושלים אין שאָטן פון שווערד שאַפט דעם איַינדרוק, אַז ראובני איז געווען אַ העברעיִשער שריַיבער פון זינט ער איז אָנגעקומען אין לאַנד. די דאָזיקע פאַקטן זענען ניט וויכטיק פאַר אַן עסטעטישן אַנאַליז פון ראובנס כּתבים, אָבער זיי זענען יאָ באַטיַיטיק כּדי צו פאַרשטיין די פאַרבאָרגענישן פונעם טאָפּל־שפּראַכיקן שאַפן, העברעיִש־ייִדיש. זאָל דערמאָנט ווערן, אַז אין 1928, ווען מען האָט ראובנין פאַרבעטן זיך איַינצושליסן אינעם ייִדיש־ליטעראַטן־פאַראיין אין לאַנד, האָט ער געענט־פערט: ׳אני מתנגד ליידיש בא״י׳ (׳איך בין קעגן ייִדיש אין א״י).[32]

מען דאַרף נאָך באַמערקן, אַז עס איז אָנגענומען אַז ראובני האָט געוואָלט אָנשריַיבן, ניט קיין ירושלימער טרילאָגיע, נאָר ׳אַ ראָמאַן אין זעקס טיילן׳. אין זיַין רעדע ביַים באַקומען דעם ביאַליק־פּריז, האָט ראובני דערקלערט, אַז מחמת מאַטעריעלע באַדינגען און מחמת זיַין טעטיקייט נאָכן ירושלימער פּאָגראָם — אַפּריל 1920 — האָט ער דעם פּלאַן ניט דורכגעפירט. ראובניס לעצטער בריוו צו ברענערן, געשריבן אין ייִדיש, ג׳ בתשרי [תרפ״א], מאַכט קלאָר אַז מיט פאַרזוימטונגען (ירושלים אין שאָטן פון שווערד), האָט ראובני געהאַלטן די טרילאָגיע פאַר פאַרענדיקט.[33] וואָס שייך ברענערס גרונטיקן אויסרעדאַגירן בראשית המבוכה, דאַרף מען געדענקען אַז ברענער האָט באַשטימט אַפילו דעם נאָמען פונעם ראָמאַן. ברענערס ביַישטיַיער צו ראובניס שאַפן איז זייער וואָגיק און פאָדערט אַ פאַרשאַרבעט פאַר זיך.

ראובניס פּאָעזיע

צוויי ביכער ראובניס זענען די איינציקע מאָדערנע ייִדיש־ליטע־ראַטור אין א״י, געדרוקט אין לאַנד, ביז 1914. איינס איז אונטערן וואָנט (איבן, ז׳ 257). דאָס צווייטע — בערג און וויסטע (ירושלים, תרע״ה).

אויפֿן שער־בלאַט שטייט געשריבן לידער, אָבער אינעם בוך זענען אויך אַריַין דריַי פּראָזע מיניאַטורן (זז׳ 105—117. ראובני האָט די מיניאַטורן אַריַינגענומען אין זיַינע געזאַמלטע דערציילונגען אין העברעיִש). דער מחבר האָט די לידער פֿונאַנדערגעטיילט אין צוויי אָפּטיילן: 1. מזרחישע מאָטיוון. 2. לירישעס. אינעם בוך זענען פֿאַראַן, צווישן אַנדערן, לידער וואָס אידענטיפֿיצירן זיך מיט א״י און ירושלים („א שטיין", „באַגריסונג", „אין די בערג פֿון יהודה", „צו די געפֿאַלענע"); איבעראַרבעטן פֿון היַינע, טורגעניעוו, גאָרקין און פֿונעם בבלישן עפּאָס אישטאַר אַלטאַרשקיגל. ראובניס פּאָעזיע איז זייער קאָנווענציאָנעל אין אירע גראַמען, שפּראַך און אימאַזשן און עס פֿעלט אין איר חוש פֿאַר ריטעם. די גראַמען זענען על־פּי־רוב אב אב. א — וויַיבלעכע; ב — מענלעכע. דער מחבר האָט געפּרוּווט, אין זעקס שורותדיקע סטראָפֿעס (אא ב גג ב), א טאָפּעלן גראַם: ביַים סוף פֿערז און אין מיטן. וויַיטערדיקע דוגמא רעדט פֿאַר זיך אַליין:

„דיַין עבירה... ס׳איז א גזירה...
מיר — מיר האָבן ניט קיין ברירה"
זאָגט דער באַטסמאַן שטיל
אַלע סיַידן דאַרפֿן ליַידן
ווען מען קען דעם טויט אויסמיַידן
אונדז איז פֿרעמד דיַין שפּיל׳. (ז׳ 51).

אין ראובניס לידער, געדרוקט אין ליטעראַרישע בלעטער און די צוקונפֿט, זענען פֿאַראַן טיפֿן און סצענעס וואָס חזרן זיך איבער — מיט אַן אַנדער אַנטוויקלונג — אין בראשית המבוכה און שמות.[34]

ווי באַקאַנט, האָט ראובני געשריבן אויך העברעיִשע פּאָעזיע. עס פֿאָדערט זיך דעריבער א פֿאַרגליַיך פֿון זיַין פּאָעזיע אויף ביידע לשונות.

פֿאַרסך־הכלענדיק קען מען זאָגן אַז ראובני איז דער וויכטיקסטער יידיש־פּראָזאיקער אין א״י ביז 1948. סטיליסטיש איז ער אַ סך ווינציקער געשליפֿן ווי סטאַווסקי און איזבאַן. אָבער קיין איין פּראָזאיקער אין לאַנד דעמאָלט האָט ניט דערגרייכט צו אַזאַ סוגעסטיש כּוח; צו אַזאַ סאָפֿיסטיקאַציע אינעם צייַט־עלעמענט; צו אַזאַ באַנוץ מיט דער געמישטער דערציילערישער טעכניק; צו אַזאַ אכזריותדיקער איראָניע און ניט דער־זאָגטקייט ווי ראובני האָט עס דערגרייכט אין א טייל קורצע דערציילונ־גען. ראובני, וואָס איז אויסנעמיק אין דער מאָדערנער טאָפּל־שפּראַכיקער

העברעיִש־ייִדיש־ליטעראַטור, האָט געשריבן ייִדיש אין א״י בעל־כּורחו. די ראובני־פאָרשונג האָט זיך ביז איצט ניט באַשעפטיקט מיט זײַנע ייִדיש־כּתבים. זיי זענען דער שליסל צו באַשטימען וואָס האָט ראובני אַליין אָנגעשריבן אויף העברעיִש פון זינט תרע״ח און וואָס האָבן אַנדערע איבערגעזעצט פון זײַנע ייִדיש־שריפטן אויף העברעיִש.

משה סטאַווסקי (סתוי)

ווי פריִער דערמאָנט (ז' 139, הערה 8), איז יעקב ראַבינאָוויטש אַרויס־געטראָטן קעגן דעם וואָס מען האָט סטאַווסקיס ייִדיש־כּתבים געדרוקט אין א״י, אין אַ העברעיִשן לבוש, ניט דערמאָנענדיק אַז דאָס זענען פרעמדע איבערזעצונגען.

די טעקסט־פּראָבלעמען אין שײַכות מיט ראובנין זענען דערמאָנט געוואָרן ווי אַ פּרוּופאַל. וואָס נוגע סטאַווסקין, פאָדערט זיך צו באַשטימען ווען איז ער אַריבער שרײַבן אויף העברעיִש און ווער זענען ביז דעמאָלט געווען זײַנע איבערזעצערס און רעדאַקטאָרן.

דאָס רוב דערציילונגען וואָס סטאַווסקי האָט אָנגעשריבן אויף ייִדיש אין א״י, זײַנען אַרײַן אין דרײַ בענד כּתבים, געדרוקט אין ווילנע 1930 — 1933 — שטומע פּרײַנט, ווען טאָג פאַרגייט, אַראַבער דערציילן. אַ פערטער באַנד, 'דערציילונגען פון לעבן אין ארץ־ישראל', איז קיין מאָל ניט אַרויס.[35]

עס וואַרפט זיך אין די אויגן אַז אין די דאָזיקע דרײַ בענד איז ניטאָ פאַראַן קיין איין דערציילונג מיט ייִדישער — ארץ־ישראלדיקער טעמאַטיק. סטאַווסקי גיט זיך אין גאַנצן אָפּ צו באַשרײַבן ייִדישע שטעטלעך און דערפער אין מיזרח־אייראָפּע.[36]

אינעם ערשטן באַנד זענען אַרײַן צוויי דערציילונגען וואָס זענען אָנגעשריבן אָדער איבערגעשריבן געוואָרן אין לאַנד: איך און מײַן קאַץ און טשודע גנב. די דערציילונגען, פון די בעסטע זאַכן וואָס סטאַווסקי האָט געשאַפן אין ייִדיש אין א״י, גיבן איבער עדות־דערציילערס, קינדער וואָס שפּילן אַ צענטראַלע ראָלע אינעם ווערק. און דווקא די אין ערשטע־פּערזאָן־טעכניק גיט צו צו דער דערציילונג אַ טאָן פון עמאָציאָנעלער אײַנגעהאַלטנקייט און דערווײַטערונג. אין אָט אַ די ווערק — ניט אין די אַנדערע — האָבן די קאַפּיטלען פון די דערציילונגען אונטערקעפּלעך.

זייער עובדא איז, אין פּלוג, איבערצוגעבן דעם לייענער אַ ידיעה וועגן דעם וואָס וועט שפּעטער פּאַרקומען. די אונטערקעפּלעך האָבן אָבער נאָך אַ ציל: שאַפֿן די אילוזיע פֿון נאַיִווקייט און אַרכאַיִשן חן אין די רייד פֿונעם קינד דעם דערציילער. אין איך און מײַן קאַץ איז פֿאַראַן אַ באַשטענדיקער מאָטיוו אין דער מאָדערנער ייִדיש־ליטעראַטור: עלטערע מענטשן האָבן ניט האָלט בעלי־חיים.[37] לעולם איז די באַציִונג פֿון פֿאָטער צו בעלי־חיים אַ דרויסנדיקער שיכט אין דער דערציילונג. דער אינעווייניקסטער, עיקרדיקער שיכט איז פֿאַרבונדן מיטן פֿאָטערס נסיעה קיין אַמעריקע. די נסיעה סימבאָליזירט די צעטרייסלונג פֿון אַן אײַנגעפֿונדעוועטן שטייגער לעבן. ניט געקוקט אויף דעם, שאַפֿט נישט די נסיעה קיין סוזשעטישע שפּאַנונג אינעם ווערק. בכלל זענען אין סטאַוווסקיס דרײַ פּריִער דערמאָנטע בענד ניט פֿאַראַן קיין צוזאַמענשטויס־סיטואַציעס. סטאַווסקי ברענגט ניט קיין פֿאַרוויקלטע העלדן און סוזשעטן. ער איז אַרײַנגעטאָן, דערעיקרשט, אין שטייגער באַשרײַבן: דאָס דאַוונען אין שול, ייִדישע מאכלים און דאָס גלײַכן. די בריוו פֿונעם טאַטן דערמעגלעכן סטאַווסקין — וואָס פֿאַרמאָגט אַ רײַכן ייִדיש — צו סטיליזירן ניט בלויז די בריוו, נאָר אויך די ציטאַטן וואָס דער זון גיט איבער דער מאַמען, וואָס קען ניט לייענען און שרײַבן (זען ז' 42—44; 24—25; 45—49).

די צווי עיקרדיקע באַשטייטיילן אין דער דערציילונג, די צוציִונג צו בעלי־חיים וואָס ווערט באַפּרידיקט דווקא צוליב דעם טאַטנס נסיעה און די עמיגראַציע קיין אַמעריקע, ווערן סוזשעטיש ניט צוזאַמענגעבונדן. אַנשטאָט דעם, פֿאַרלענגערן זיך די שטייגער־באַשרײַבן. די מאָטיוואַציע פֿון די באַשרײַבונגען שטעקט אין דעם וואָס דאָס קינד־דערציילער פֿאַרנעמט דעם טאַטנס אָרט אין דער היים. דאָס שילדערן די עובדות פֿונעם קינד ווי אַ 'דערוואַקסענער', איז גאַנץ קינסטלעך. מחמת דער דערציילונג ווערט כּסדר פֿאַרהאַלטן מיט שטייגער־באַשרײַבן, איז דער סוף אינעם ווערק אַ געצוווּנגענער: די קאַץ וואָס דאָס קינד האָט אַהיים געבראַכט, פּגרט אַוועק.

ווי געזאָגט איז די טעכניק אין משודע גנב ענלעך צו איך און מײַן קאַץ. אַ קינד דערציילט ווי אַזוי אין דער מיל פֿון דער משפּחה האָט מען אָנגעהויבן גנבֿנען די אייער וואָס היינער האָבן דאָרטן געלייגט.

תּחילת איז מען חושד די אַרבעטער, ייִדן און ניט־ייִדן. בלויז שפּעטער דעקט מען אויף אַז דער גנבֿ איז אַ בעל־חיים: אַ מאַרדער. סטאַ־

ווסקיס נטיה צו ניט־קאָנפליקטיווע סוזשעטן ווייַזט זיך דאָ אַרויס זייער קלאָר. דאָס איז אַ דערציילונג אָן אַנזאָגן, וואָס איר עיקר־עובדא איז פאַרווייַלן. סטאַווסקיס סטיל דערגרייכט דאָ צו אַן הויכפונקט. די זאַצן זענען קורץ און געשליפן. די אינווערסיע אין ווערבן באַשענקט די פּראָזע מיט חן און בייגעוודיקייט. אַ פראַגע פאַר זיך איז די גלייַכוואָג און די ראָלע פון סעמיטישן און סלאַווישן קאָמפּאָנענט אין ייִדיש אין סטאַווסקיס סטיל. דעם סעמיטישן קאָמפּאָנענט געפינט מען אָפּט מאָל בייַ סטיליזאַציע, ווי למשל אין די בריוו דערמאָנט אויף ז׳ 270. דער סלאַווישער קאָמפּאָנענט שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע בייַ סטאַווסקין. דאָס נעמט זיך דערפון וואָס באַשרייַבן דעם שטייגער לעבן אין די דערפער פאָדערט יענעם ייִדיש־קאָמפּאָנענט וואָס איז אין שטאַנד זיך צו פאַר־מעסטן מיטן לעקסיקאַלישן אַרויסרוף וואָס אַזעלכע באַשרייַבן שטעלן מיט זיך פאָר. זיך מערקן אַז סטאַווסקי באַניצט סלאַוויזמען וואָס זענען ניט אַרייַן אַפילו אין סטוטשקאָווס אוצר, ווי למשל „די לאַוושקע״ (ז׳ [240]).

עס לייגט זיך אויפן שׂכל, ניט געקוקט אויף די קינסטלערישע אונטער־שיידן צווישן שלום־עליכם און סטאַווסקין, אַז שלום־עליכמס מעשׂיות פאַר ייִדישע קינדער און מאָטל פייסי דעם חזנס, האָבן וויסיק צי ניט וויסיק, משפּיע געווען אויף סטאַווסקיס ווערק, וווּ דער דערציילער איז אַ קינד.

אין טאָג פאַרגייט זענען אַרייַן צוויי דערציילונגען אָנגעשריבן אין לאַנד: אַ מאַמע און צו קבר ישׂראל.

אַ מאַמע שפּיגלט אָפּ סטאַווסקיס נטיה צו דער טעמאַטיק פון דאָרפס־ייִדן. ער שרייַבט וועגן אַ שטאַטיש מיידל, אַ גימנאַזיסטקע אין פּינסק, וואָס ווערט אויסגעגעבן פאַר אַ דאָרפסייִד. וועגן דעם אַלעם דערוויסט מען זיך דורך דעם זכרונות־שטראָם פון דער העלדין. די דאָזיקע זכרונות מאַכן קלאָר, שוין פון אָנהייב דערציילונג, אַז די העלדין וועט שטאַרבן. זי שוואַנגערט, פאַרן אַכטן מאָל, מיט אַ שווער אומגעריכטן טראָגן און טראַכט טרויעריקע געדאַנקען וועגן איר אָקאָרשט פאַרשטאָרבענעם ברו־דער. די פרוי פאַרגלייַכט זיך אַליין מיטן קאַרשנבוים לעבן איר הויז, וואָס האָט לאַנגע יאָר אַרויסגעגעבן די שענסטע קאַרשן. אַצינד איז ער פאַרדאַרט געוואָרן און מען וועט אים אין גיכן מוזן אַראָפּהאַקן. (זען זז׳ 24, 36, 38, 57). אַזעלכע דורכזעיִקע רמזים וועגן דער העלדינס גורל,

דערוויַיזן ווי אַזוי סטאַווסקי נייגט גיכער צו באַשריַיבונגען ווי צו אַנטוויקלען סוזשעטן. וואָגיקע עלעמענטן אינעם ווערק ווי דער אַריבער־גאַנג פון דער גימנאַזיסטקע אין אַ דאָרף; איר לעבן פון קינדלען און האָרעווען; איר עצבות מחמת דער טאָכטער וואָס באַקומט ניט קיין בילדונג, ווערן איַינגעשלונגען אין פּרטימדיקע באַשריַיבן וועגן איַינזאַמלען און איַינשפּיַיכלערן. די דאָזיקע שילדערונגען דאַרפן דינען צו טאַרמאַזירן אַ סוזשעט־שפּאַנונג, וואָס ווערט קיין מאָל ניט געשאַפן. דאָס זעלביקע אין די סצענעס וועגן דער פרויס פּאַמעלעכן אויסגיין, איר טויט, דאָס פירן זי צום שטעטל צו קבורה, די קבורה גופא און דאָס אומקערן זיך פון די אבלים אַהיים. אָט אַ די אַלע סצענעס גיסן זיך ניט אויס אין קיין סוזשעט־קאָנסטרוקציע און לאָדן שטאַרק אָן דאָס ווערק.

צו קבר ישׂראל האָט סטאַווסקי אָנגעשריבן מיט אַ געמישטער טעכניק. אַ הקדמה־רעם פון אַ באַהאַלטענעם דערציילער און דריַי מעשׂיות וואָס ווערן איבערגעגעבן, ביַי נאַכט אין בית־מדרש, דורך דריַי עדות־דער־ציילער: אַ קצב, אַ מלמד און אַ שוחט. דער באַהאַלטענער דערציילער ריַיסט זיך אַריַין אין אַלע דריַי מעשׂיות, שטערנדיק דערמיט דעם גאַנג פון די דערציילונגען און די אילוזיע אַז זיי זענען אַ יש פאַר זיך. עס וואַרפט זיך אין די אויגן אַז ס׳איז ניטאָ קיין שפּראַכלעכע דיפערענצי־רונג צווישן די דריַי דערציילערס. דער צד־השווה אין די דריַי מעשׂיות איז דער מאָטיוו פון קבר־ישׂראל. די מיטלסטע דערציילונג איז אויס־געמיק דערמיט וואָס איר העלד איז אַ פּרוי. זי איז דער אייציקער העלד אין אַלע דריַי מעשׂיות וואָס קומט ניט צו קבר־ישׂראל. די אַנדערע צוויי דערציילונגען האָבן אַ בשותפותדיקן מאָטיוו: אַ חלום ברענגט דערצו מען זאָל די נפטרים באַהאַלטן צווישן ייִדן (זען זז׳ 116, 127) דער העלד אין דער דריטער דערציילונג איז אַ קאַנטאָניסט. דאָס איז זייער אַ פאַרשפּרייטער טיפּ אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין 19טן און 20סטן י״ה און אין ייִדיש־פאָלקסלידער. אַ פאַרגליַיך צווישן דעם העלד אין צו קבר ישׂראל און דעם קאַנטאָניסטן־מאָטיוו אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז אַן ענין פאַר אַן עקסטרע פאַרשאַרבעט. ניט געקוקט אויף דעם דאַרף מען באַמערקן אַז סטאַווסקיס קאַנטאָניסט איז ענלעך צו פּרעצעס שטומע נשמות.[38]

סטאַווסקיס שייַנער סטיל קומט צום פולן אויסדרוק אין אַראָבער דערציילן. דאָס איז אַ זאַמלונג משלים און סטיליזירטע מעשׂיות איבער

בעלי־חיים (אייזלען, פוקסן, אָקסן, האָזן, שילדקרויטן וכדומה) און מענטשן. די ווערק זענען טיפּאָלאָגיש און אוניווערסאַל און זייערע מאָטיוון זענען אמת, ליגן, שלימזל, גרויסהאַלטעריי, נאַיווקייט, ביטערקייט און דאָס גלייכן.

סטאַווסקיס דערגרייכונג אינעם בוך באַשטייט ניט אין אָריגינעלקייט, נאָר אין אַ זאָרגעוודיקן סטיל. סטאַווסקיס דיאַלאָג איז אויסגעצייכנט און ער באַניצט אים אַ סך אינעם בוך (זען למשל דעם איינאַקטער אַ נסיון). סטאַווסקיס זאַצן זענען קורץ און אויסגעטאָקט. עס איז אין זיי פֿאַראַן אַ סך עליפּסן און פּאַראַלעלע איבערחזרונגען, וואָס באַטאָנען אונטער־שיידן אָדער ענלעכקייטן אין די טיפֿן. דער ווערב ווערט אָפֿט מאָל אַריבערגעטראָגן אויפֿן סוף זאַץ. דאָס דערמאָנט אין דעם נסתּר, כאָטש דער סטיל פֿון ביידע שרייבער איז לחלוטין אַנדערש.

סטאַווסקי האָט אין אַראַבער דערציילן געפּרוּווט זייער אָפֿט צו ׳פֿאַריידישן׳ דעם סטיל. דאָס וואַרפֿט זיך אין די אויגן אין דער לעצטער דערציילונג, וואָס איז געבויט לויטן מאָדעל פֿון טויזנט און איין נאַכט. אין אַ גרויסער מאָס איז אָט אָ די פֿאַריידישונג סותר די אילוזיע אַז דאָ גייט עס אין מעשׂיות וואָס זייער קולטורעלער פּאָן איז אַראַביש.

ז. ברכות

ברכות האָט פֿאַרן ערשטן וועלטקריג געלעבט אין א״י (1903—1914). ער האָט דעמאָלט אָנגעשריבן אויף ייִדיש דערציילונגען און סקיצן. די דאָזיקע כּתבֿים האָט מען אין לאַנד ניט אָפּגעדרוקט אין אָריגינאַל. אַ טייל פֿון זיי איז אַרויס אין העברעיִשער איבערזעצונג אינעם קינדער־זשורנאַל מולדת. אַרום 1918 האָט ברכות אַרויסגעגעבן אין אַמעריקע אַ בוך ארץ־ישׂראלדיקע שאַפֿונגען — משמעות אַלע אָנגעשריבן אין לאַנד.[39] דאָס בוך, אין שאָטן פֿון חרמון, איז כּולל, אַ חוץ אַ דערציילונג מיטן זעלבן נאָמען, די דערציילונג אַכט זענען מיר געווען, די נאָוועלע דער מאַטראָס אויפֿן ים המלח און אַ ריי סקיצן און מעשׂיות אונטער דער רובריק דער ייִדישער יעגער. אַ טייל אייגנקייטן אין ברכותס ארץ־ישׂראלדיקע שאַפֿונגען קומען צום אויסדרוק אין דער דערציילונג אונטערן שאָטן פֿון חרמון. דער סוזשעט און די כאַראַקטעריזאַציע פֿון די העלדן זענען זייער אויבנאויפֿיק. אַ ייִדישער קאָלאָניסט אין גליל

נייטיקט זיך אין אַרבעטער, ווײַל זײַנע זין זענען אַוועק קיין אַמעריקע. דער ייִד לייגט פּאָר — אין שפּאָס — זײַן טאָכטער רחל דעם אַראַבער סולימאַן, אויב יענער וועט אים אַרויסהעלפן בײַ שניטאַרבעט. מחמת אירע עלטערן בעטן זי זי זאָל זײַן העלפער צו סולימאַנען און מחמת זי האָט ניט ליב דעם איינציקן בחור וואָס קען זיך צו איר משדך זײַן אין דער קאָלאָניע, פאַרבינדט זיך רחל מיט סולימאַנען. עס איז אין דער דערציילונג ניט פאַראַן קיין סימן פונעם פּסיכאָלאָגישן ווידער־אַנאַנד וואָס קומט פאָר בײַ דעם 17 יעריקן מיידל, בעת זי באַשליסט צו פאַרלאָזן איר היים. אַנשטאָט דעם פאַרציט זיך די דערציילונג זייער לאַנג, מיט שטייגער־באַשרײַבונגען איבער אַראַבישן דאָרף (זז׳ 20־21), איינצלהייטן וועגן אַ שפּאַציר קיין מירון און טבריה (זז׳ 22־24) און שילדערונגען מכּוח שנײַדן און דרעשן. דערצו, פון זינט מען אַנטדעקט אַז רחל פירט אַ ליבע מיט סולימאַנען, ציט זיך די דערציילונג זייער אַ סך מיט אַמפּערנישן און וואָרענישן, אַז רחל זאָל ניט פאַרלאָזן איר פאָלק און איר טאַטנס היים.[40]

דער ייִדישער יעגער און דער מאַטראָס אויפן ים המלח האָבן אויך צו טאָן מיט דער באַגעגעניש צווישן אַראַבער און ייִדן אין א״י. די עקזאָטישקייט פון אָט דער באַגעגענישׂ פאַרזיכערט ניט קיין קינסטלע־רישע דערגרייכן. דער מאַטראָס אויפן ים המלח ציט זיך אַוועק זייער לאַנג און די כאַראַקטעריזאַציע איז אויך דאָ אויבנאויפיק. אַ ייִדישער יונגערמאַן וואָס איז אַוועק אַרבעטן צום ים־המלח, גיט איבער וואָס איז מיט אים דאָרטן געשען. ער באַשרײַבט, לאַנג־משכדיק, זײַן באַשעפּ־טיקונג און די נאַטור. דאָס אַנטקעגנשטעלן דעם ים־המלח וואָס דער מאַטראָס האָט זיך פירגעשטעלט ווי אַ חדר־ייִנגל און דער וואָרער ים־המלח, איז לאַנג און ניט אינטערעסאַנט. דער קאַפּיטאַן, אַ גריך אַ שיכּור וואָס ווינט לאַנגע יאָרן בײַם ים־המלח, ווערט בלויז דרויסנדיק געשטאַלטיקט. דער מאָטיוו פון זײַן נאָענטן סוף און די סימבאָלישקייט וואָס דאַרף אין דעם שטעקן, חזרן זיך איבער, דורכזויִק, אַ סך מאָל. די זוכענישן נאָך אַן אוצר, וואָס וואָלט געזאָלט זײַן דער עיקר אין דער נאָוועלע, איז אַ סך ווינציקער אינטערעסאַנט ווי אַן ענלעך זוכעניש אין ברכותעס דערציילונג דער אוצר (זז׳ 65—83). דער אוצר איז אַ מעשה אין אַ מעשה, איבער אַ געיעג נאָך אַ טיגער.

אויך אין דער מאַטראָס אויפן ים המלח נייגט דער דערציילער צו

ציִען דאָס ווערק נאָך דעם ווי ער איז דערגאַנגען דאָס וואָס עס האָט געזאָלט זײַן דער הויכפּונקט אינעם ווערק. ווי געזאָגט איז די רובריק דער יידישער יעגער פולל דערציילונגען און סקיצן איבער געיעג בײַם ים־המלח. עס ווערן דאָ פאַרגעשטעלט גאַנץ נאַטירלעכע באַציִונגען צווישן אַראַבער און ייִדן. דערקעגן איז דער מאַטראָס אויפן ים־המלח אָנגע־לאָדן מיט דער שפּאַנונג צווישן דעם ייִדישן מאַטראָס און דעם אַראַבישן מעכאַניקער. מחמת אָט אָ דער שפּאַנונג, פאַרלאָזט דער ייִד די שיף.

אַכט זײַנען מיר געווען איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע ווערק אינעם בוך. די דערציילונג קומט פאָר אין אַ שטאָט, משמעות תּל־אָביב, וואָס יידישע אַרבעטער שטעלן אויף. דעם דערציילער האָט זיך אײַנגעגעבן צו באַשרײַבן, אײַנגעהאַלטן, פון דער ווײַטנס און מיט ניט־דערזאָגטקייט, די ברעכעוודיקייט פון דער נײַער רעאַליטעט וואָס ווערט געשאַפן אין לאַנד. אַ חברה אַרבעטער פון פאַרשײַדענע גלותן, זעט אויס פעסטגעשטעלט און דויערדיק. עס איז קיין צופאַל ניט וואָס דאָ איז פאַראַן אַ קאָלעקטיווער דערציילער: מיר. נײַערט דאָס וואָס זעט אויס אײַנגעפונדעוועט, ווערט צעפאַלן ווען עס ווײַזט זיך אַ מיידל. דאָס מיידל משלט אָפּ דאָס לעכצן נאָך ליבשאַפט און די בענקעניש נאָך דער אַלטער היים. דאָס וואָס קיינער האָט דאָס מיידל ניט געפרעגט ווי זי הייסט און הלמאַי באַזוכט זי די חברה טאָג־טעגלעך, פאַרשטאַרקט די אַטמאָספער פון אַנהאַלטוועדי־קייט און קורצדויערקייט וואָס נעמט אַרום אַכט זײַנען מיר געווען. דאָס זעלביקע וואָס שייך דעם אומדערוואַרטן סוף פון דער דערציילונג. ווען שמעון פאַרווונדיקט דאָס מיידל, אַנטפּלעקט זיך די צײַטווײַליקייט פון דער קאָמפּאַניע און פון דעם איבערלעגיש וואָס זי מאַכט דורך, בראשית תּל־אָביב.

תּרפ״ו איז אין ירושלים אַרויס אַ ביכל לידער — פון ספר רזיאל המלאך. דער מחבר, י. ד. קאַמזון, האָט די לידער אָנגעשריבן אין דײַט־שלאַנד, איידער ער איז עולה געווען קיין א״י. קאַמזון האָט פון זינט תּרפ״ו גאָרניט געדרוקט אין ייִדיש אין א״י.[41]

ב. מאָדערנע ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י, 1928—1948

1. די בעלעטריסטיק פונעם אָפּצווייַג

דער בולטסטער בעלעטריסט פונעם אָפּצווייַג ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י ביז 1948 איז ש. איזבאַן (אייזביצקי). איזבאַן איז אָנגעקומען אין לאַנד, אַ יונגער בחור, 1920, און געלעבט אין א״י ביז 1938. נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַזעצט אין אַמעריקע, האָט ער ווייַטער געשריבן אויף ארץ־ישׂראלדיקער טעמאַטיק, ווי למשל צווישן הונדערט טויערן (נ״י 1942) און משפּחה קאַרפּ (בוענאָס־איירעס, 1949).

איזבאַן האָט זייַן ליטעראַרישע טעטיקייט אין לאַנד אָנגעהויבן ווי אַ פּאָעט. זייַן בריוו פון 23סטן דעצעמבער 1923 צו לעאָ קעניג, אילוסטרירט צוויי וויכטיקע ענינים וואָס זענען חל אויף ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י ביז 1948. א) ווי אַ תּנאַ־דמסייע צו זייַן ביטע מען זאָל זייַנע לידער אָפּדרוקן אין אויסלאַנד, האָט איזבאַן אונטערגעשטראָכן אַז מען זונדערט אָפּ דעם ייִדיש־שרייַבער אין לאַנד. אין שייַכות מיט דעם דאַרף מען דערמאָנען, אַז שוין אין די צוואַנציקער יאָרן האָט דער קריטיקער און פּאָעט א. טאַבאַטשניק אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז צו ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י דאַרף מען צוגיין מיט ליטעראַרישע וואָג און מאָסן און ניט אויפן סמך פונעם שטאַנד פון ייִדיש אין לאַנד.[42] ב) אחוץ זיך צו דרוקן אין אויסלאַנד, האָבן די ייִדיש־שרייַבער אין א״י זיך געקענט דרוקן אין לאַנד, פון זינט 1928, אין די העפטן פון אָפּצווייַג, און פון זינט 1934 אויך אין דער ליטעראַרישער הוספה פון נייַוועלט. מען מעג פעסטשטעלן, אַז צווישן 1928—1948, האָט ווער עס האָט געשריבן ייִדיש אין א״י געהאַט אַ געלעגנהייט צו דרוקן דאָרטן זייַנע כּתבים. עס וואַרפט זיך אין די אויגן אַז די פיר ביכער וואָס איזבאַן האָט אַרויסגעגעבן בעת ער האָט געשאַפן אין א״י, זענען אַרויס אין אויסלאַנד. דער ראָמאַן מאָסן — ווילנע, 1929; די זאַמלונג דערציילונגען נאָכן שטורם [!] — וואַרשע, 1929; דער ראָמאַן קווער — דאָרטן, 1934 און די זאַמלונג דערציילונגען אויף רושטאָוואַניעס — דאָרטן, 1936.

ביידע ראָמאַנען זענען ענלעך געבויט. ביידע אַנטוויקלען זיך אַרום אַ הויפּטהעלד, אַ ייִדישער יונגער־מאַן פון אַן אָנשטענדיקער משפּחה וואָס ווערט צוגעצויגן צו נאַציאָנאַלער (קווער) אָדער סאָציאַלער אָנפּירערשאַפט (מאָסן). די נעמען פון די העלדן ווייַזן אָן אויף זייערע כּמעט

משיחישע שליחותן: מנחם (קווער) — יוסף (מאַסן). דער סאָציאַלער פּאַן פון די העלדן איז דער זעלביקער: ביידע שטאַמען זיי פון אַ גרויסער שטאָט אין קאָנגרעס־פּוילן; ביידע ווערן פאַרוואָגלט פון דער היים; מיט ביידן טרעפט זיך זיי זאָלן בײַזײַן פּאַסירונגען ווו זיי זאָגן אַרויס זייערע מיינונגען און באַנעמען. די דאָזיקע פּאַסירונגען דערמעגלעכן אויך אַז דער דערציילער זאָל אָפּווײַכן פונעם סוזשעט און זאָל זיך אַרײַנלאָזן אין זײַטיקע באַשרײַבונגען. אָט אַ די באַשרײַבונגען זענען אַן עיקרדיקער אויפטו אין איזבאַנס דעמאָלטיקער בעלעטריסטיק. זייער עובדא איז אָפּצושטעלן דעם גאַנג פונעם סוזשעט און פאַרשטאַרקן דעם לייענערס שפּאַנונג. אָפט מאָל איז די פעולה אַ פאַרקערטע. די באַשרײַבונגען שוואַכן אָפּ די שפּאַנונג, לאָדן אָן דאָס ווערק, ווערן פאַרוואַנדלט אין אַן עיקר־זאַך און צעשפּליטערן דעם סוזשעט. דער דערציילער באַניצט עטלעכע מיטלען כּדי אָפּצוהאַלטן דעם גאַנג פון ראָמאַן. ער ברענגט למשל אַ סך לעגענדעס, בפרט אין קווער. די לעגענדעס ווערן אַרײַנגעפלאָכטן אויף אַ גאַנץ קינסטלעכן אופן, בײַם סוף פון פאַרשיידענע קאַפּיטלען. (זען קווער, זז׳ 67—68; 137—140; 204 און מאַסן, זז׳ 67, 70, 104—107).

היסטאָריש־פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען זענען אַן אַנדער אָפּוועגד־מיטל אין די ראָמאַנען. אַזוי טאָקע הייבט זיך אָן קווער. דאָס זעלביקע אין דריטן חלק, דאָרטן. די אסיפה פון די ייִדישע כּלל־טוערס אין לעמבערג (חלק ב, קאַפּיטל ז׳) איז אָנגעלאָדן מיט אָט דעם מין באַטראַכטונגען און אויך דער סוף־ראָמאַן.

עס וואַרפט זיך אין די אויגן אין מאַסן דאָס דערמאָנען סענעקאַן (זען למשל ז׳ 374). זיך מערקן אַז די וואַנדערונגען פון די העלדן גיבן ניט צו קיין דינאַמישקייט צו די ראָמאַנען און העלפן ניט אויסצופורעמען אַ ממשותדיקן סוזשעט אין די ווערק. צו דער צעשפּליטערונג וואָס עס זענען גורם די אָפּוועגד־מיטלען, קומט צו נאָך אַן אַנדער סאָרט צעשפּלי־טערונג: דעם דערציילערס נטיה אויסצוניצן דעם העלד וואָס וואַנדערט אַרום, כּדי אים צונויפצופירן מיט סעקונדערע העלדן און פּאַסירונגען. דאָס גיט דעם דערציילער אַ מעגלעכקייט אויסצוניצן זײַן גרויס פעיִקייט צו שאַפן דיאַלאָג און מאַסן־סצענעס, מיט אַ פאַרשיידן־מיניקן עולם. דאָס איבערחזרן אַזעלכע באַגעגענישן, מינערט זייער ליטעראַרישער באַג־לייבטקייט. מיט אַנדערע ווערטער, ניט געקוקט אויף דעם וואָס אַזעלכע סצענעס קענען פאָרקומען אין ׳לעבן׳, איז דער דערציילער ניט אין

שטאַנד איבערצוגײַגן דעם לייענער אַז דאָס וואָס ער גיט אים איבער איז טאַקע געשען אינעם געוועב צײַט, אָרט און סיבות וואָס דער דער־ציילער האָט אויפגעבויט. מען קען ברענגען אַ סך בײַשפּילן פונעם אויבן געזאָגטן. דאָ וועלן דערמאָנט ווערן די בולטסטע פון זיי. אין קווער, ערשטער טייל, קאַפּיטלען 4־5, טרעפט זיך מנחם, כּמעט אַן איבערריַס און אין פאַרלויף פון עטלעכע שעהען, מיט אַ לאָמער פרוי וואָס פאַר־קויפט ביכער; מיט אַ סאָדוועכטער, מיט זײַן חברטע חוהן, מיט אַ שיכּור וואָס לעסטערט און מיט אַ מאַן וואָס זוכט גאָט. אין מאָסן, קאַפּיטלען 7־8, ווערט יוסף גערופן צו אַן אומבאַקאַנטן קרוב, אַ גוטה־למות, וואָס וויל אים איבערגעבן שמות פון קישינעווער פּראָגראָם. דאָרטן (ז׳ 177 און ווײַטער), יאָוועט זיך יוסף אין אַ ייִדישער רעסטאָראַציע, בײַ אַ בונט קעגן אַ בעקער און באַקענט זיך מיט אַ דיין וואָס האָט אַ זון אַ סאָציאַ־ליסט. די ניט־באַגלייבטקייט פון די געשעענישן נעמט זיך פון אַ גרינט־לעכן פאַקט: דער עצם אַרויסטרעט פון די העלדן אויסצולייזן דאָס פאָלק און די מאָסן, איז אין די ראָמאַנען גופא ניט באַגרונטיקט אויף אַן אופן וואָס זאָל זיך צופּאַסן צו דער געשטאַלטיקונג פון די העלדן. מיט אַנדערע ווערטער: דעם דערציילער גיט זיך ניט אײַן אויסצופורעמען די העלדן אַזוי אַז מען זאָל אָננעמען דעם ווײַטגרייכיקן שינוי פון אַ פּיפּיקן סוחר אין אַ יונגן־מאַן וואָס דאַגהט פאַר דער צוקונפט פון פאָלק (קווער, ערשטער טייל, קאַפּיטל צוויי) און פון אַ מענטש וואָס געניסט פון לעבן אין איטאַליע, אין אַן אָנפירער פון אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד און פוילן (מאָסן).

די דרויסנדיקע כאַראַקטעריזאַציע פון די מענערשע טיפּן, וואַרפט זיך אויך אין די אויגן אין דער כאַראַקטעריזאַציע פון די פרויען וואָס זענען מיט זיי פאַרבונדן. די באַציִונגען צווישן זיי זענען אויסגעפורעמט אויבנאויפיק. ביידע העלדינען, קלאַראַ (קווער) און רעבעקאַ (מאָסן), זענען זייער ענלעך. זייערע באַטײַטיקע נעמען דאַרפן מרמז זײַן אויף זייער נאָענטשאַפט צו דער ניט־ייִדישער סביבה. די דאָזיקע נאָענטשאַפט דריקט זיך אויס דערמיט וואָס אַדללײַט און אָפּיצירן שאָרן זיך צו ביידע פרויען.

מאָסן און קווער אילוסטרירן די פּראָבלעמאַטיק פון פונאַנדערצוטיילן ייִדיש־ליטעראַטור אויף צענטערס און אָפּצווײַגן. דאָס וואָס די ראָמאַנען זענען אָנגעשריבן געוואָרן אין א״י איז ליטעראַריש ניט וויכטיק. דער־

קעגן, דאָס וואָס זיי זענען אַ טייל פֿונעם היסטאָרישן ראָמאַן אין ייִדיש, פֿאָדערט זיי אַרומרעדן אין אַ מאָנאָגראַפֿישער אַרבעט וועגן אַט אָ דעם זשאַנער. אַזאַ פֿאָרשאַרבעט וועט צווישן אַנדערן דאַרפֿן אַנאַליזירן אויף ווי ווײַט איז איזבאַנען געראָטן איבערצוגעבן דעם היסטאָריש־סאָציאַלן פּאָן פֿון דער תּקופֿה און אויף ווי ווײַט האָבן היסטאָרישע ראָמאַנען אויף ייִדיש משפּיע געווען אויף זײַן שאַפֿן.[43]

ווי געזאָגט האָט דער מחבר געדרוקט, בעת ער האָט געלעבט אין א״י, צוויי בענד דערציילונגען. בשעת די טעמאַטיק אין אויף רושטאַוואַניעס איז אויסשליסלעך ארץ־ישׂראלדיק, איז זי אין נאָכן שטורם [!] געמישט. איזבאַנס פּראָזע איז דאָ, אין תּוך, ניט אַנדערש ווי אין זײַנע ראָמאַנען. אויך דאָ וואַרפֿט זיך אין די אויגן פֿעיִקייט פֿונעם דערציילער בײַם צונויפֿשטעלן דיאַלאָגן און סצענעס, ווו עס לויפֿט זיך אָן אַן עולם.

דער דערציילער באַניצט זייער אַ סך דעם פּאַרטיציפּ, וואָס גיט צו זײַן סטיל שאַרפֿקייט און בייגעוודיקייט. פֿון דער אַנדערער זײַט איז אויך דאָ קענטיק אַז ער מײַדט אויס פֿאַרוויקלטע סוזשעטן, טיפּע געשטאַל־טיקונג, צוזאַמענבונד צײַט־סיבה. עפּיזאָדאַלישקייט און אַנקעדאָטישקייט באַהערשן די דאָזיקע בעלעטריסטיק. עס איז ניט קיין נפֿקא־מינה אויב עס רעדט זיך וועגן אַ ניט־געראָטענעם שידוך (דער בזיון), קאָלאָ־ניסטן אין גליל (פּיאָנערן), צי וועגן דער ערשטער וועלט־מלחמה (אין מלחמה־צײַט), אַן אָפּגעטאַרטער ליבער (פֿאָטער און זון; אַ פּרווי), אַן אסיפֿה פֿון תּימנער (אַ תּימנישע אסיפֿה), באָדן ספּעקולאַציע (גאולת הקרקע) אָדער נײַע עולים וואָס קומען אָן קיין יפֿו (אין יפֿוער האַפֿן).

איז זײַנע קורצע ארץ־ישׂראלדיקע דערציילונגען האָט איזבאַן אַרויס־געשטעלט אַ פֿולע ריי טיפּן פֿון פֿאַרשיידענע עדות. עס זענען אויך פֿאַראַן עטלעכע סקיצן וועגן אַראַבער (למשל: סמאַלס קללה, אבוזשילדע). קיין איין ייִדיש־בעלעטריסט אין א״י ביז 1948 האָט ניט פֿונאַנדערגעוויקלט אַזאַ ברייטע און קאָלירפֿולע קאַנווע פֿונעם סאָציאַלן און מענטשלעכן פּאָן אין א״י אין 20ער און 30ער יאָרן ווי איזבאַן האָט עס געטאָן. דאָס זעלביקע קאָן מען זאָגן וועגן די ניט־אשכּנזישע ייִדן וואָס באַווײַזן זיך אין זײַנע דערציילונגען. דאָס געשטאַלטיקן ניט־אַשכּנזישע ייִדן איז אין איזבאַנס בעלעטריסטיק ניט קיין לײַכטע עובֿדא, מחמת דער ראָלע וואָס עס פֿאַרנעמט דערין דער דיאַלאָג. עס איז דאָך קיין ספֿק ניט אַז

אַזעלכע העלדן רעדן ניט קיין ייִדיש. איזבאַנס קינסטלערישע לייזונג איז סטיליזאַציע. די בולטסטע דוגמא פונעם אויבן דערמאָנטן איז די סקיצע שיך־בענדלעך (אויף רושטאַוואַניעס, ז' 72—79). עס ווערט דאָ אַרויסגעשטעלט אַ שיכט פּאַרוואָרלאָזטע קינדער אין תל־אָביב, וואָס ווערן אָנגעפירט פון יונגע אַרבעט־געבער. אַחוץ באַשרייבן דעם קאָנטראַסט צווישן דער איינגעאָרדנטער געזעלשאַפט און די וואָס האַלטן זיך אויפן גרענעץ פון אונטערוועלט, גיט זיך דעם דערציילער איין צו שאַפן די 'נאַטירלעכע' אילוזיע פון אַן אויטענטישן ייִדיש־דיאַלאָג צווישן די ניט־אַשכּנזישע העלדן. דאָס ווערט געטאָן דורך צונויפזעצן אַראַביש און מאָדערנעם העברעיִש אין זייער אַ אידיאָמאַטישן ייִדיש (ז' 73), אָדער בלויז מיט אידיאָמאַטיש־ייִדיש. (זען ז' 76—77).

דאָס רוב אַברהם ריוועסעס שאַפן ביז 1948,[44] איז אַריין אין זיין בוך איבערפלאַנץ (תל־אָביב, 1947). אַזוי הייסט אויך די נאָוועלע וואָס שליסט די זאַמלונג. ניט בלויז איבערפלאַנץ, נאָר אויך די דערציילונגען פלאַמען און זאַמדן האָבן אַ חלוצישן פּאָן.

איבערפלאַנץ דערציילט וועגן אַ קאָמפּאַניע חלוצים וואָס טריקנט אויס אַ זומפּ און פלאַנצט איין ביימער אויפן אָרט. דער דערציילער נייגט צו גאָר לאַנגע באַשרייבן. דאָס אַרויסרייסן ווילדע געוויקסן און קוסטן, די מי ביים אַקערן דעם פּאַרטריקנטן באָדן און די זונשפּראָץ ווערן כּסדר באַשריבן אין די 88 זייטן פון דער נאָוועלע. די דאָזיקע איבער־חזרונגען מיט זייערע פּאַטעטישע אימאַזשן, לאָדן אָן דאָס ווערק. דער סטאַטישער סוזשעט איז ניט אין שטאַנד צו באַלאַנסירן אָט אַ די איבער־חזרונגען. אין ריוועסעס דערציילונגען איבער חלוצים זענען פּאַראַן אַ סך געשטאַלטן. צווישן אַנדערע, סיאָמקע וואָס האָט פּאַרלאָרן זיין משפּחה אין אוקראַיִנע; שפּיגל, דער עלטסטער פון דער קאָמפּאַניע, אַ געוועזענער ישיבה־בחור וואָס האָט פּאַרלאָזט ווייב און קינד אין אייראָפּע; מיכאל דער אינטעליגענט וואָס וויל זיך אָפּגעבן מיט ערדאַרבעט (אין פלאַמען איז דאָ אַן ענלעכע געשטאַלט); מרים וואָס ווערט צוגעצויגן צו מיכאלן; צילקע איר חברטע. די העלדן ווערן געשטאַלטיקט קורץ און דרויסנדיק. זיי פירן לאַנגע פּאַרנעפּלטע שמועסן איבער ערדאַרבעט און ליבע (זען ז' 184, 188—189, 191, 196). די זייטיקע טיפּן, דער־קעגן (פּוסבענקל, ירוחמזאָן), רעדן אַ לעבעדיקן, שפּרודלדיקן ייִדיש.

איבערפלאַנץ איז ריוועסעס איינציק ווערק אינעם בוך ווו אַראַבער ווערן אַרויסגעשטעלט ניט ווי אַ מאַסע וואָס שטעלט אין סכּנה דעם יישוב (**פלאַמען**), נײַערט אויך ווי יחידים וואָס מען טרעפט בשעת מען אַרבעט צוזאַמען.[45] ריוועס האָט אין **איבערפלאַנץ** אַרײַנגעפלאָכטן אַ סצענע וועגן מוסטאַפאַן, וואָס זאַמלט אָן געלט כּדי חתונה צו האָבן. די סצענע (זז׳ 143—140) איז געווען געדרוקט וואָסערע יאָרן פריִער אינעם ליטעראַרישן העפטל **פיר** (1932, זז׳ 4־7), ווי **מטבעות**. ריוועס האָט באַזײַטיקט עטלעכע אימאַזשן אָבער דאָס קען ניט אָפּשאַפן דעם אײַנדרוק אַז די סצענע איז קינסטלעך אַרײַנגעפּאַסט אין **איבערפלאַנץ**.[46]

די סימבאָלישקייט וואָס שטעקט אין מוסטאַפאַס צעקאַליעטשען די יונגע ביימלעך וואָס די ייִדישע מיידלעך האָבן פאַרפלאַנצט (זז׳ 165—166), איז אויבנאויפיק.

ענלעכע באַמערקן קען מען דערמאָנען אין שײַכות מיט **פלאַמען**. דאָס אָנקומען פון אַ ליטווישן ייִדן אין דער טאָכטערס קיבוץ, דער־מעגלעכט פאַרצושטעלן דעם קיבוץ און זײַנע אײַנוווינערס. ׳דער סאַ־בעסדיקער לשון׳ פונעם ייִדן, דאַרף אַרײַנברענגען אַ קאָמישן עלעמענט אינעם ווערק. דער דערציילער אָבער איז אין דעם ניט אויסגעהאַלטן, פונקט אַזוי ווי ער איז עס ניט געווען אויסגעהאַלטן לגבי ירוחמזאָן אין **איבערפלאַנץ**. דאָס יאָר 1936, דער אָנהייב פון אַראַבישן בונט אין לאַנד, איז די איצטיקע צײַט אין **פלאַמען**. די אָנגעשפּאַנטע דערוואַרטונג אַז מען זאָל דעם קיבוץ אָנגרײַפן, גיט די מעגלעכקייט אַרויסצושטעלן דעם העלד ווי אַ היפּוך צו אַלע אַנדערע עלטערן אין קיבוץ. זײַדלער, וואָס האָט אין זײַן יוגנט אָנטייל גענומען אין ייִדישן זעלבשוץ, טוט פּראָ־דוקטיווע אַרבעט אין קיבוץ און האַלט געווער אין האַנט. די אַנדערע עלטערן זענען פאַרנומען מיט זאָגן קינות (דער אָנגרײַף קומט פאַר האַרט פאַר ט׳ באב). דער קומענדיקער אַרויסזאָג איז כאַראַקטעריסטיש פאַר **פלאַמען**: ׳ניין, ער וויל ניט טרויערן נאָכן אַמאָליקן חורבן פון ירושלים. ער וויל אויפהאַלטן... דעם אויפגעבליטן נצחון פון הײַנט׳. (ז׳ 79).

דער חורבן איז די טעמע פון צוויי דערציילונגען אין **איבערפלאַנץ**. אין **אויף די פעלדער פון שׂרונה**, איז דער חורבן אַ טייל פונעם העלדס פערזענלעכן חורבן. דאָס איז אַ פּאַכמאַן וואָס איז אַוועק מיט דער ייִדי־שער בריגאַדע און קערט זיך אום אין לאַנד, צעבראָכן און פאַרקריפּלט.

זײַן ווײַב און טאָכטער, וואָס זענען געפאָרן אויף אַ וויזיט קיין מיזרח־אייראָפּע פאַרן אויסבראָך פון דער מלחמה, זענען דאָרטן פאַרשווונדן געוואָרן. דער ייִד נעמט אַ שטיקל נקמה אָן די דײַטשן. ער העלפט פאַר־נעמען די דײַטשע קאָלאָניע שרונה אין תּל־אָביב. לסוף מישן זיך אַרײַן די ענגלענדער און טרײַבן די ייִדן פון דאָרטן אַרויס.

אין דער אַנדערער דערציילונג, טרעבלינקע, ווערט דערציילט ווי קריסטלעכע שכנים באַהאַלטן אויס אַ ייִד וואָס איז אַנטלאָפן פון טרעבלינ־קע. דאָס ווערק פאַרענדיקט זיך אָפּטימיסטיש: דער ייִד האָט אַ זון אין א״י און אַ זון וואָס קערט זיך אום קיין פּוילן ווי אַ רוויטאַרמייער.

ביידע פריִער דערמאָנטע דערציילונגען זענען זייער סכעמאַטיש. עס וואַרפט זיך אין די אויגן ווי שווער עס איז אויסצודריקן דעם שוידער פונעם חורבן מיט שפּראַך שאַבלאָנען. (זען, למשל, זז׳ 10, 11, 17, 18).

ריוועסן האָט זיך אײַנגעגעבן אויסצופורעמען מער פאַרוויקלטע געשטאַלטן אין צוויי דערציילונגען איבער אויסגעוואָרצלטע מענטשן. אין אין קלעם איז דער העלד אַ פּאָליאַק, אַן אַנטיסעמיט, וואָס איז אָנגעקומען קיין א״י מיט אַנדערס אַרמיי. דער פּאָליאַק ווערט אויסגעשטאַלטיקט מיט אַ געמישטער טעכניק: פון איין זײַט, זײַן זכרונות־שטראָם. פון דער אַנדערער זײַט, די רייד פונעם באַהאַלטענעם דערציילער, וואָס באַציט זיך צום פּאָליאַק מיט אָפענער שאָדנפרייד. אַ זײַטיקע געשטאַלט, אַ פּוי־לישער מאַטראָס וואָס איז טויב געוואָרן בעת מען האָט זײַן שיף אויפגעע־ריסן, פאַרשאַרפט די איראָניע אינעם ווערק: אויפן תּל־אָביבער ים־ברעג טרוימען ביידע פּאָליאַקן, אין גלות בײַ ייִדן, וועגן זייער פאָטערלאַנד.

די צווייטע דערציילונג, בעל־תשובה, האָט אַ איראָנישן נאָמען. עס רעדט זיך ניט וועגן אַ בעל־תשובה, נאָר וועגן אַ רײַכן ייִדן וואָס האָט חרטה, הלמאַי ער האָט אין פּוילן ניט גוט באַהאַנדלט זײַנע ייִדישע אַרבע־טער. דער ייִד איז אָנגעקומען קיין א״י קעגן זײַן ווילן. אויך בעל־תשובה איז ווינציקער סכעמאַטיש ווי אַנדערע דערציילונגען, ריוועסעס, ווײַל דורך דעם זכרונות־שטראָם פונעם ייִדן ווערט מען באַקאַנט מיט זײַן לעבן אין פּוילן. דאָס שאַפט די מיגלעכקייט איבערצוגעבן דיאַלאָגן אין אידיאָ־מאַטישן ייִדיש און באַשרײַבן די סאָציאַלע רײַבונגען צווישן דעם ייִדן און זײַנע אַרבעטער. איבערהויפּט ווערט אַרויסגעוויזן דעם העלדס ניט וועלן פאַרלאָזן פּוילן (זען ז׳ 95). פון אָט אַ דעם שטאַנדפּונקט איז בעל־תשובה אויסנעמיק אין דער ייִדיש־בעלעטריסטיק אין א״י ביזן

אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָ איז פאַראַן אַ פּרוּוו זיך אַריינצוטיפן אינעם אַמאָל פון דער געשטאַלט און ניט בלויז סכעמאַטישע אַרויסזאָגן פון צוגעבונדנקייט צו א״י.

אַזאַ צוגעבונדקייט וואַרפט זיך באַזונדערש אין די אויגן ביי ל׳ חיין־שמעונין. חיין־שמעוני, אַ פּרינציפּיעלער יידישיסט, האָט אָנהייב דרייסיקער יאָרן געפאָדערט די יידישע פּאָעזיע אין א״י זאָל זיך באַפרייען פון דערשלאָגנקייט, וואָס פּאַסט ניט צו דער ארץ־ישראלדיקער ווירקלעכ־קייט. די פּאָעטן זענען פאַרטאָן אין ״יחידישע קוועטשענישן און הארצ־ווייטאָקן״. זייער חוב איז ״זיך ניט אָפּרייסן פון דעם לעבעדיקן ברויזנדן שאַפנדן לעבן אין א״י״.[47]

אין זיינע שאַפונגען ביז 1948, איז חיין־שמעוני געווען געטריי צו אָט אַ דעם באַנעם. ער איז פאַראינטערסירט געווען אונטערצושטרייכן דעם ווירקלעכן פּאָן פון זיין פּראָזע, ניט ווי אַ ליטעראַרישער פּאָרטל, נייערט כּדי פאָרצושטעלן א״י, אירע פּראָבלעמען און ראַנגלענישן. דער כראָניקאַלישער כאַראַקטער פון אַזאַ פּראָזע איז ניכּר. פון דעם נעמט זיך אויך די כּמעט אַקוראַטנע צייט פון די געשעענישן. די צייט ווערט דער־מאָנט אין איר איצטיקייט, אין איינגעאָרדנטער המשכדיקייט, אַחוץ גע־ציילטע פאַלן, ווען עס קומט פאַר אַ צוריקקער כּדי צו כאַראַקטעריזירן אַ געשטאַלט (זען אַווראַאַם, נייוועלט 22.9.35 ניקאָלאַ באַנדאַראַ, דאַרטן, 28.12.34 ; ברית־מילה, דאַרטן, 24.3.37).

דאָס זעלביקע — וואָס שייך אָרט. ביזן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דאָס כּמעט אויסשליסלעך חיפה. די העלדן אין שמעו־ניס בעלעטריסטיק זענען סטאַטיש און שטעלן מיט זיך פאָר, על־פּי־רוב, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע ווערטן. אַ טייל פון די געשטאַלטן אַרבעטן און באַפרוכפּערן דאָס לאַנד, ווערן פאַרוואַנדלט פון סוחרים אין ערדאַר־בעטער (דער ברית־שלום, דאַרטן, 29.9.39 ; 6.10.39). אַנדערע קעמפן קעגן אַראַבישע פּאַגראָמשטשיקעס (פּייער אין עמק, דאַרטן, 25.5.35. דאָ ווערט דערמאָנט אויך די פּראָבלעם פון עלטערן וואָס וואַרטן אין מיזרח־אייראָפּע די קינדער אין ארץ־ישראל זאָלן זיי אַרויסהעלפן). אַ טייל געשטאַלטן, צווישן זיי אַרבעטער־חלוצים (וואָס דער כּרמל האָט געזען, ווייטער, זז׳ 50־51 ; דער טיש איז געגרייט, נייוועלט 2.9.38) און גאַטס־פּאַרכטיקע יידן (דער מחזור, דאַרטן 11.11.39 ; ר׳ אַלטער פון צפת, דאַרטן, 30.9.36), ווערן דערמאָרדעט פון אַראַבער. ביים באַשרייבן די

פּאָגראָמען, זענען די אַראַבער און אַנאָנימע מאַסע, אַחוץ אין דער דערציילונג אין די בערג (א״י שריפטן, זז׳ 121—128. פ״גל אויבן, ז׳ 281). אַראַבער באַוויַיזן זיך אָבער אין שמעוניס בעלעטריסטיק נישט בלויז ווי פּאָגראָמשטשיקעס. אַזוי למשל איז פאַראַן אַ סקיצע וועגן אַן אַראַבער, אַ קריסט, וואָס שפּעקולירט מיט באָדן. אין אַן אַנדער סקיצע ווערט באַשריבן אַן אָרעמער אַראַבער וואָס ווערט פאַרווּנדיקט בעת אַ שטרײַק (זען נײַיוועלט, 28.12.34 ; 17.5.35). דערצו, אַן ענלעכער שטאַנד, ענלעכע נויטווענדיקייטן און אַ בשותּפותדיקן ווינאַרט, פאַרבינדן יחידים, אַ ייִד און אַן אַראַבער. אין איין פאַל (חברים, אונדזער צײַט, 9.2.40) זענען דאָס צוויי יתומים. אינעם אַנדערן, (שׂונאים, נײַיוועלט, 11.10.37) — צוויי אלמנות.

צוויי דערציילונגען שפּיגלען אָפּ שמעוניס ייִדישיזם און אַנטי־קלעריקאַליזם. אין ברית־מילה (דאָרטן, 24.4.37) איז די רעטאָריק געבויט אויף אַנאַלאָגיעס. אַ יונג פּאָרפאָלק — זי איז אַ קריסטין — אַנטלויפט פון דײַטשלאַנד. מאַן און ווײַב סטאַרען זיך זיך אײַנצוואָרצלען אין ארץ־ישׂראל. דער מאַן, אַ געוועזענער באַנק־באַאַמטער מיט העכער בילדונג, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ בוי־אַרבעטער, אַ שׂמח־בחלקו, וואָס אַלע האָבן אים ליב. זײַן פרוי, אָבער, שטויסט זיך אָן אין אומטאָלעראַנץ. דער דערציילער פאַרגלײַכט, מיט רמזים, די באַציונג צו דער פרוי אין א״י, צום ראַסיזם אין נאַצי־דײַטשלאַנד. אַן אַנדער אַנאַלאָגיע איז פאַראַן בײַם היכפּונקט פון דער דערציילונג. דעם פּאָרפאָלקס מיזיניק ווערט דערהרגעט אויף אַ פאַרקער־אַקצידענט אין חיפה. חברה־קדישא פאָדערט מען זאָל דאָס קינד מל־זײַן בײַ די עלטערן אין שטוב. דער ברית דערמאָנט דעם טאַטן, וואָס די נאַציס פלעגן זינגען די ייִדן: ׳ווען ייִדיש בלוט שפּריצט פון מעסער׳...

דער גלגול פון אַ ביכל (די בריק, 2, 1945, זז׳ 2־7) איז אַ פּראָטעסט קעגן ביטול פון ועד למען החיילים צו ייִדיש־ביכער (זען אויבן, קאַפּיטל 6, ז׳ 240). דאָס ווערק דערציילט וועגן זײַנוול דעם שוסטער, וואָס האָט געקראָגן פון זײַן שכן, י. ל. פּרץ, אַ מתּנה: אַן עקזעמפּלאַר פאָלקסטימלעכע געשיכטן אונטערגעחתמעט פונעם מחבר. זײַנוול האָט דאָס בוך אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. ער האָט דעם עקזעמפּלאַר ניט געוואָלט פאַרקויפן, כאָטש מען האָט אים אָנגעבאָטן אַ סומע געלט וואָס האָט אים געקענט אַרויסראַטעווען פון זײַן דלות. דאָס בוך ווערט על פּי נס

ניט צעשעדיקט בעתן אומברענגען די ייִדן אין פּוילן. מען ברענגט עס קיין א״י און מען שענקט עס דעם ועד למען החיילים. דאָרטן פּסלט מען עס (׳פוי! זשאַרגאָן!׳) און מען פאַרקויפט דאָס, פאַר מאַקולאַטור, צוזאַמען מיט אַנדערע ייִדישע ביכער. דעם קיאָסק ווו מען האַלט די ביכער צינדט מען אָן און בלויז אַ דאַנק אַ שטומע נשמה, יוחנן דער וואַסער־טרעגער, פאַרשפּרייט זיך ניט ׳דאָס תל־אָביבער פייער׳...

נאָכן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט חיין־שמעוני געשריבן וועגן קאַמף קעגן די נאַציס, וועגן פּליטים וואָס זענען עולה קיין א״י און אויך סקיצן איבער פאַרשיידענע ערטער אין לאַנד. זײַן אַנטיקלעריקאַליזם — זען אויך די באַשרײַבונג פון צפת אין ר׳ אַלטער פון צפת, אויבן, ז׳ 283 — ווערט דעמאָלט פאַרשוווּנדן. אין דער דערציילונג אַמאָל (נײַוועלט, 11.4.41), איז פאַראַן אַן אַטמאָספער פון שלום־בית צווישן פרומע און ניט־פרומע ייִדן. אַ פרומער ייִד, אַ ירושלמי, אַ בוי־אַרבעטער, דערציילט וועגן זײַן שכנה רייזעלע, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אַ חלוץ. די פרומע סביבה האָט זי דערפאַר מבזה געווען און רייזעלע איז אויסגעגאַנגען פאַר עגמת־נפש. זיך מערקן, אַז נאָך 1948 האָט שמעוני אַרויסגעגעבן וואַסער צען ביכער. קיין איין שאַפונג פון פאַר 1948 איז דאָרטן ניט אַרײַנגענומען געוואָרן.[48]

דרײַ שרײַבער וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן אַפּצווײַג, האָבן אויך געשריבן העברעיש: אהרן קאַווע, אברהם בלײַ־ציפורי און י. הייבלום. פון זיי האָט נאָר הייבלום אַרויסגעגעבן אין לאַנד, אין יענער צייט, אַ דין ביכל אויף ייִדיש.

אינעם ביסל ייִדיש־בעלעטריסטיק וואָס קאַווע האָט געדרוקט אין א״י — בלויז אין די דרײַסיקער יאָרן — מאַכן די געשטאַלטן דורך, סײַ אַ פאַרזענלעכן, סײַ אַ מאַטעריעלן קריזיס. א״י איז בײַ קאַווען ניט קיין אידילישע סביבה, נײַערט אַ גרויע, שווערע ווירקלעכקייט. אין אַ ליבטיק פענצטער (יונגע שטאַמען, זז׳ 10—11) ווערט באַשריבן אַ בוי־אַרבעטער וואָס ווױנט אין אַ בידנע געצעלט, אַנטקעגן די בנינים וואָס ער האָט געהאָלפן בויען. ער איז אַרבעטסלאָז און עלנט, אַפילו נאָך דעם ווי אַן אײנזאַמע פרוי נעמט אים אַרײַן, איין נאַכט, צו זיך. אײנזאַמקייט, אומזיכערקייט און דער קאָנפליקט עלטערן־קינדער זענען די מאָטיוון פון אין שאָטן (אונדזערע שטאַמען, זז׳ 3־8). די דערציילונג חזרט עטלעכע

מאָל איבער ווי אַזוי אַ זון איז משלח פון שטוב דעם אַלטן טאַטן, וואָס איז ניט לאַנג אָנגעקומען אין לאַנד. דער אַלטער וואַנדערט אַוועק אין אַ וויַיטער געגנט און פּרוּווט ציִען חיונה פון פאַרקויפן פּאַפּיראָסן אין גאַס. די פּרנסה איז דעם זון ניט ניחא. אויך די סביבה פּרוּווט ניט מקרב צו זיַין דעם נייַעם עולה. אין צוויי סקיצן (אַלטע לייַט, צווייו, זז׳ 27־31; דער אַלטער שמיד, יוני, זז׳ 15־18), באַשריַיבט קאָווע עלטערע מענטשן וואָס זענען עולה קיין א״י כּדי צו וווינען מיט די קינדער אין ניט־שטאָטישע יישובים. דאָ איז ניט פאַראַן דער מאָטיוו עלטערן־קינדער, נאָר די ערשטע קאָנטאַקטן צווישן אַלט און נייַ אין א״י. אַן איראָנישע באַגעגעניש פון אַלט און נייַ, אין אַנדערע באַדינגען, איז דאָ אין אויפן פּאַרהער (ארץ־ישׂראל שריפטן, זז׳ 109—112). אַן אַרבעטער, אַן ׳אַפּי־קורס׳, וואָס האָט ליב אונטערצוזינגען חזנות, סטאַרעט זיך מען זאָל אים אָננעמען פאַר אַ צייַטווייַליקן חזן, אין אַן אַנדער געגנט, ווייַל ער נייטיקט זיך אין אַ זייַטיקן פאַרדינסטל. קאָווע האָט אויך געשריבן וועגן די פּאָגראָמען פון 1936 אַ פּיליקע סקיצע איבער קינדער וואָס זייערע עלטערן זענען דערמאָרדעט געוואָרן (באַ פּליטים, בלעטער צום אָנדענק פון ל. מלאָך, זז׳ 53—56).[49]

י. הייבלום האָט געשריבן אין דער יידיש־פּרעסע אין לאַנד, דער עיקר אין די דרייַסיקער יאָרן. זייַנע סקיצן באַשריַיבן די ערשטע שריט אין א״י פון פּוילישע נייַע עולים און אויך אַראַבישע טיפּן. הייבלומס פּראָזע האָט בשותּפותדיקע שטריכן מיט דער קורצער פּראָזע און יידיש אין א״י אין יענער צייַט: זי איז פראַגמענטאַריש און באַשרייַבט אין עטלעכע פּרטים די טיפּן און דעם קערן פון די פּאַסירונגען. אין דאָס מונדירל (נייַוועלט, 14.12.34), דאָס טאָג־טעגלעכע תּל־אָביב צעשטערט די אידעאַליזירטע שטאָט תּל־אָביב. אַ נייַער עולה האָט זיך פאַרן אָנקומען אין לאַנד געלאָזט נייען אַ ׳חלוץ־מונדיר׳. אין דאָזיקן מונדיר ווערט ער אָבער אויסגעלאַכט, ווען ער שפּאַצירט דאָס ערשטע מאָל אין שטאָט.

תּל־אָביב פון אַ גאַנץ יאָר איז די טעמע פון נאָך צוויי סקיצן: תּורה און עבֿודה (נייַוועלט 18.10.35) און עמיגראַנטן (דאָרטן, 22.3.35). אין תּורה און עבֿודה ווערט בולט הייבלומס נטיה צו לייַכטפליסיקן הומאָר. צוויי פרומע יידן וואָס זענען אָקערשט אָנגעקומען אין לאַנד פון פּוילן, מוזן באַשעפטיקן יידישע בוי־אַרבעטער, און ניט אַראַבער, וואָס זייערע שכירות זענען אַ סך ביליקער. אין עמיגראַנטן, צוויי קליינע קינדער

וואָס זענען אַליין עולה געווען קיין א״י, טרעפן זייער טאַטן אין ת״א, מוטשענדיק זיך ביי בויאַרבעט.

הייבלומס סקיצן וועגן אַראַבער זענען די בעסטע זאַכן וואָס ער האָט געדרוקט אין יענער צייט. אין פינף חורנער (א״י שריפטן, זז׳ 77־80), באַניצט דער דערציילער אַן איראָניש, דערוויטערטן טאָן, וואָס שטעלט אַרויס די סתירה צווישן אַן עפענדי און זיינע אָרעמע אַרבע־טער. דער עפנדי, וואָס וויל ניט פאַרקויפן באָדן פאַר ייִדן, כדי צו שפּעקו־לירן, שיקט אַרבעטער אויסגראָבן אַ גרוב און פאַרגעסט וועגן זייער חיות. בשעת ער לעבט אַ משוגענעם טאָג אין יפו, שטייען די אַרבעטער אונטער דער ברענענדיקער זון, אָן וואַסער. אַן ענלעכער איראָנישער טאָן שטעקט אין געלט (דאָרטן, זז׳ 80־83). אַ רייכער אַראַבער, אַ גייציקער און אַ בעל־תאוותניק, איזדיעקעוועט זיך איבער זיין געגנט, זיינע שכנים און זיינע קאָכאַנקעס. 1944 האָט הייבלום אַרויסגעגעבן אין תל־אָביב דזשיקע גאַס, אַ קליין ביכל מיט פינף סקיצן. ער באַשרייבט זיין געבוירנ־שטאָט און די גאַס פון זיין קינדהייט און יוגנט (וואַרשע, דזשיקע גאַס). אין אַ טייל סקיצן דריקט הייבלום אויס אַ שאַרפן שולדגעפיל. אַזאַ געפיל טרעפט מען אָפט מאָל אין דער ליטעראַטור געשריבן בעת דער חורבן־צייט, ביי שרייבערס וואָס האָבן געלעבט אין זיכערקייט, בשעת זייערע נאָענטע האָט מען אין אייראָפּע דערמאָרדעט. (מיין טאַטנס טענה, מיין לעצטער וויזיט אין וואַרשע). הייבלום, וואָס איז צוויי מאָל עולה געווען קיין א״י (1924, 1934), האָט אַרויסגעגעבן אין וואַרשע (1931), איך וויל אַהיים. דאָס בוך באַשרייבט, אויף אַ הומאָריסטישן אופן, אַ רייזע פון א״י קיין מצרים און צוריק. עס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: יפו, ניסן תרפ״ז. אָבער דאָס איז בלויז אַ ליטעראַריש פּאַרטל. עס איז כמעט קיין ספק ניט אַז דאָס ווערק איז אָנגעשריבן געוואָרן אין וואַרשע. פון זינט די דרייסיקער יאָרן האָט הייבלום געשריבן פאַרן העברעיִשן סאַטירישן טעאַטער. נאָכן אויפקום פון מדינת־ישראל האָט ער אויך געשריבן פאַרן ייִדיש־טעאַטער פון אָט דעם זשאַנער.[50]

אברהם בליי־צפורי, וואָס האָט ווינציק געדרוקט אין יענער צייט, האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד אָנהייב דרייסיקער יאָרן און זיך אומגעקערט האַרט פאַרן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ווייזט אויס אַז מחמת זיין נטיה צום קאָמוניזם האָט מען בליי־צפורין ניט געדרוקט אין נייוועלט. (1932 האָט מען אים אויסגעשלאָסן פון ייִדישן שרייבער־

און זשורנאַליסטן־פאַראיין ווו ער איז געווען סעקרעטאַר). אין די פער־ציקער יאָרן איז בלויז איין סקיצע זײַנע געווען געדרוקט אין לאַנד (די בריק, 1944, זז' 24־26). דאָס ביסל פּראָזע וואָס בלײַ־ציפּורי האָט געדרוקט אין די העפטלעך יִדיש־ליטעראַטור פונעם אָפּצווײַג, האָט צו טאָן, על־פּי רוב, מיט אַראַבישער טעמאַטיק: די נקמה פון אַן אָפּגענאַרטן מאַן Cavalleria Rusticana מאַי, זז' 6—10); אַ משל איבער איינעם וואָס האָט פאַרלאָרן זײַן משפּחה און זײַן פאַרמעגן מחמת איבליס דער שד האָט אים פאַרניאַדעט מיט אַן אוצר (איבלים דער ווײַסער, צוויי, זז' 12—20); און אַ משל וואָס מען דערציילט אַן אַראַבישן פויער וואָס האָט געוואָלט פאַרלאָזן זײַן ווײַב (פיר קרײַלעך, איינס, זז' 21—28). אַ דוגמא פון בלײַ־ציפּוריס פּראָלעטאַרישער שאַפן קען מען געפינען אין: מיר (1932) זז' 21—20; 23—28.[51]

דוד טוועדאָווסקי האָט אין זײַן בעלעטריסטיק, געדרוקט אין די דרײַסיקער יאָרן, באַשריבן דאָס יִדישע דאָרף אין אוקראַינע נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע (זריעה, ארץ־ישראל שריפטן, זז' 84—100; נײַשטייגער, יונגע שטאַמען, זז' 14—16 און דעם פראַגמענט אין איינעם אַ פרילינג, נײַוועלט 2.7.37) די דאָזיקע פּראָזע איז אָנגעלאָדן מיט פיגוראַ־טיוו לשון און אינווערסיעס. לאַנגע, ניט־אָרגאַניזירטע דיאַלאָגן און פּרטים־דיקע רעאַליע־באַשרײַבונגען פאַרנעמען דעם אויבנאָן. דאָס יִדיש איז רײַך אוקראַיִניש־יִדיש, מיט אַ שלל לאָקאַליזמען (אַ טייל ווערן פאַר־טײַטשט אין זריעה). אין נײַשטייגער האָט טוועדאָווסקי אָנגערירט, טע־מאַטיש, דעם שטרײַט איבער אָנפירערשאַפט אינעם יִדישן דאָרף אין סאָוועטן־רוסלאַנד אין די צוואַנציקער יאָרן. דער זיידע פאַרטרעט די טראַ־דיציאָנעלע אָנפירערשאַפט, בשעת דאָס אייניקל, דער פאַרזיצער פון דאָרף־קאָמיטעט, פאַרטרעט דעם נײַעם רעזשים.

ביזן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן געדרוקט בעלעטריסטיק אין דער פּרעסע פונעם אָפּצווײַג אויך י. צ. שאַרגעל (אָנהייב, זז' 5־8; איינס, זז' 13—19); אליעזר קליר (נײַוועלט 29.12.39); דוד בימדער (ארץ־ישראל שריפטן זז' 113—121); ח. מ. פינקלשטיין (צוויי, זז' 21—26); פײַוול אײַזען (שטאַמען, זז' 8—11); א. ערליך (אונדזערע שטאַמען, ז' 22). זיך מערקן אַז אין אַט אַ דער בעלעטריסטיק איז דאָ אײן פאַל ווו דער קיבוץ ווערט ניט פאַרגעשטעלט ווי אַ סטערעאָטיפּ, פון בויערס און שיצערס, נאָר ווי אַ געזעלשאַפט מיט פאַרוויקלטע פּערזענ־

לעכע באַציונגען. אין לייב שאַפּענפעלדס סקיצע בלוט (יונגע שטאַמען, ז׳ 18), אַ קריסטלעך פּויליש מיידל איז עולה אין אַ קיבוץ, ווייל זי איז פאַרליבט אין אַ חלוץ. דער בחור פאַרלאָזט זי און אין קיבוץ באַציט מען זיך צו איר קאַלט. לסוף נעמט זיך די פרעמדע דאָס לעבן. דעמאָלט דער־וועקן זיך אין קיבוץ שולדגעפילן.[52]

די פּראָזע פונעם אָפּצווייג אין די פערציקער יאָרן האָט זיך כמעט אין גאַנצן פאַרנומען מיטן חורבן, ניט בלויז אין בעלעטריסטיק נאָר אויך אין זכרונות און נאָטיצן. אַחוץ די אויבן דערמאָנטע שאַפונגען פון הייבלום, חיין־שמעוני און ריוועסן, דאַרף מען דערמאָנען: ריקודה פּאָטאַש (נייוועלט, 19.3.48) און נאָטיצן איבער ישראל ראַבאָן, מרים אוליאַנאָווער און יצחק קאַצענעלסאָן (דאַרטן 13.9.46; 30.8.43); יוסף פאַלק (דאַרטן, 3.10.47); ג׳. זאַקאַליק (דאַרטן, 28.2.47); י. גרינבערג (העפטן, חיפה, 1946, זז׳ 11—7); אַ. גוזשאַנסקי (פעברואַר שטאַמען, 1943, זז׳ 2־3); אַ. שרפי (נייוועלט 15.11.44); יוסף חריף (דאַרטן, 15.3.45; 10.10.41); י. פּאַפּיערניקאָוו (וועגן פּאָעטן דערמאָרדעטע אין מיזרח־אייראָפּע, בער האָראָוויץ און ש. אימבער, דאַרטן, 14.3.47; 28.3.47).

פרידע זרובבל, וואָס איז אָנגעקומען קיין וואַרשע צוויי וואָכן פאַרן אויסבראָך פון דער מלחמה, האָט אָפּגעדרוקט אין נייוועלט, מיי־דעצעמ־בער 1940, זכרונות וועגן אירע איבערלעבענישן דאָרטן, ביז עס האָט זיך איר איינגעגעבן זיך אומקערן אַהיים (פון די מלחמה־טעג). 1947 זענען די זכרונות אַרויס ווי אַ בוך אין בוענאָס־איירעס (נע ונד).[53]

פונקט אַזוי ווי חיין־שמעוני האָט געהאַלטן פאַר געהעריק צו פאַר־גלייכן דאָס פאַרברענען יידישע אותיות אין אייראָפּע מיטן אונטערצינדן קיאָסקן אין תל־אביב (זז׳ 284—285), האָט עס מ. צאַנין געטאָן אין אַ סקיצע אָנגעשריבן אין כמו־פּאָעטישער פּראָזע (נייוועלט, 29.1.43). צאַנין האָט אַראָפּגעבראַכט קיין תל־אָביב, אין מיטן נאַכט, מענדעלען, פּרצן און שלום עליכמען, זיי זאָלן זען ווי אַזוי אין דער שטאָט וואָס רוט אין שלום און שלווה, איז מען מבזה יידיש, דאָס לשון וואָס ווערט געשאָכטן אין אייראָפּע צוזאַמען מיט אירע רעדערס. צאַנין האָט אין נייוועלט (31.8.41) אָפּגעדרוקט די דערציילונג הונגער וואַקסט אויף חורבות. די טעכניק פון עדות־דערציילער, אין פלוג אַ סוביעקטיווע טעכניק, גיט צו דער דערציילונג אַן אַטמאָספער פון דערוויַיטערטקייט און פרעמדקייט, וואָס פאַרשטאַרקט דעם שוידער וואָס ווערט דאָרטן באַשריבן: יידן זיצן

פאַרשפּאַרט אין אַ הויז אין אַ באָמבאַרדירטער שטאָט. דאָס ניט דער־מאָנען אָרט און צײַט פאַרשאַרפּט דעם רושם פונעם דערציילטן.[54] מיושב־דיקייט און אָפּשײַ פאַר מענטש צעפאַלן זיך. אַלע שטופּן זיך כּדי אויסצוגראָבן די חורבות פון אַ בעקערײַ וואָס איז אָקערשט אויפגעריסן געוואָרן. די באַנומענע זוכעניש נאָך דער אילוזיע פון ברויט, ענדיקט זיך ווען מען געפינט צעריסענע בר־מינגס און מען באַפרידיקט דעם דורשט נאָכן גראָבן, מיטן בלוט פון אַ געפגרטן פערד. דאָס בלוט און די פלאַמען וואָס פאַרברענען דאָס אָרט, סימבאַליזירן דעם טויט, דעם שגעון און דעם בראָך וואָס פאַרטיליקן דאָס לעבן אין שטאָט.

דער ייִדישער שרײַבער־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין האָט 1944 אַרויסגעגעבן אין תּל־אָביב, ג. טשערנזאָן־שאיוקס אין שאָטן פון האַקנקרײַץ. דאָס זענען דערציילונגען וואָס קומען פאָר אין אײַנגענומענעם פּוילן. דאָס בוך איז טאַקע אַרויס אין לאַנד, אָבער דאָ ניט אָגעשריבן געוואָרן.[55]

אין די פערציקער יאָרן האָט מען אין לאַנד געשריבן ייִדיש־פּראָזע ניט בלויז איבערן חורבן. מ. צאַנין האָט אַרויסגעגעבן אין נײַוועלט (פון אָנהייב 1942 ביז יוני יענעם יאָר), רעפּאָרטאַזשן וועגן יאַפּאַן. (ער איז אַדורך יאַפּאַן אויפן וועג קיין א״י, נאָך דעם ווי ער איז אַנטלאָפן פון אָקופּירטן פּוילן).

די רעפּאָרטאַזשן זענען אַרויס דעם זעלבן יאָר, אין בוכפאָרעם, אין ת״א (ווזהין גייט יאַפּאַן).

יוסף פּאַפּיערניקאָוו האָט אין נײַוועלט געדרוקט זכרונות וועגן י. מ. ווײַסענבערג, ביאַליק און פּרץ (15.11.44 ; 26.7.44 ; 18.4.47).[56] א. קליר האָט געשריבן זכרונות וועגן ז. שניאור (דאָרטן 15.8.47) ; י חריף האָט געדרוקט רעפּאָרטאַזשן וועגן פּאַסירונגען אין די יאָרן האַרט פאַרן אויפקום פון מדינת־ישׂראל (דאָרטן, 17.5.46 ; 18.6.46 ; 29.9.46 ; 10.4.47 ; 16.5.47 ; 8.8.47 ; 15.8.47 ; 19.9.47 ; 2.3.48 ; 6.3.48 ; 16.3.48).

די איינציקע דערציילונג געדרוקט אין לאַנד זינטן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה ביז 1948, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט א״י, איז יוסף פּאַלקס הייגריך הײַנעם ברוגז מיט זײַן פעטער (דאָרטן, 19.7.46). פּאַלק ניצט דאָ אַ געמישטע טעכניק: דיאַלאָג (צווישן דעם פּאָעט און זײַן פעטער דעם סוחר) און הײַנעס אינערלעכע רייד. אויף אַזאַ אופן האָט דער דערציילער פאַרגעשטעלט, אין קורצן, הײַנעס אַנטווישונג, מחמת

דעם וואָס זײַן פֿעטער וויל אים ניט, ניט פֿאַר קיין איידעם און ניט פֿאַר קיין שותּף צו די געשעפֿטן.

2. ייִדיש־פּראָזע מחוצן אָפּצווייג

ווי געזאָגט, האָבן אין לאַנד געשריבן ייִדיש־פּראָזע ניט נאָר שרײַבער פֿאַרבונדן צום אָפּצווײַג. דאָס רוב רעדט זיך דאָ וועגן זכרונות און זייער ווייניק וועגן בעלעטריסטיק אינעם ספּעציפֿישן זינען פֿון וואָרט.

תּרפּ״ח־תּרפּ״ט איז אין פּתח־תּקווה אַרויס פּנחס־בער גאָלדנשטיינס מײַן לעבנס־געשיכטע. גאָלדנשטיין, אַ געוועזענער שוחט אין באַכטשי־סערײַ (קרים), האָט דאָס בוך אָנגעשריבן אין אויסלאַנד. יודל מאַרק האָט ריכטיק באַמערקט, אַז די זכרונות זענען וויכטיק סײַ פֿאַר דער פֿאַרשונג פֿונעם גערעדטן דרום־ייִדיש, סײַ ווי אַ דאָקומענט וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס ייִדישע לעבן אין דרום־רוסלאַנד אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 19טן י״ה (לעולם איז גאָלדנשטיין אָנגעקומען קיין א״י תּרע״ד). י. מאַרק האָט אויך אָנגעוויזן אויפֿן שוחטס פֿעיִקייטן ווי אַ דראַמאַטישער דער־ציילער.[57]

די דרײַ עיקרדיקע טיילן פֿון די זכרונות האָט דער שוחט אָנגעשריבן אין אויסלאַנד, מיט איבעררײַסן (זען למשל זז׳ 331, 406). אין אָט אַ די טיילן שפּיגלט זיך טאַקע אָפּ אין אַ פּרימיטיוון, ניט געשליפֿענעם סטיל, אַ טאַלאַנט פֿון דראַמאַטישן באַשרײַבן. בײַשפּילן דערפֿון זענען פֿאַראַן אינעם פֿראַגמענט וווּ דער שוחט שילדערט ווי אַזוי ער האָט זיך פֿיזיש אַנטקעגנגעשטעלט אַ ווילדן פּריץ (זז׳ 319—329); בײַם באַשרײַבן ווי ער איז אַנטלאָפֿן פֿון אַ פֿײַער וואָס איז אים נאָכגעלאָפֿן (זז׳ 311—312) און ווי ער איז געפֿאָרן באַזוכן אַ פֿעטער (זז׳ 242—252). מען דאַרף אויך דערמאָנען די באַשרײַבונג פֿונעם אופֿן ווי אַזוי דער שוחט האָט משפּיע געווען אויף אַ משומד צו ווערן אַ בעל־תּשובֿה. (קאַפּיטל כ״ט).

די אויבן דערמאָנטע טיילן פֿאַרמאָגן אַ דאָקומענטאַרע ווערט. גאָלדנש־טיין — אַ מסיח לפֿי תּומו — שרײַבט, אָנהייב בוך, איבער ייִדן אין טיראַספּאָל. ער פֿאַררופֿט זיך אויף ייִדן מיט אומהאָפֿטיקע משפּחה־פֿאַרבינדונגען, וואָס האָבן געלעבט ווינציק און אין דחקות. (זען בפֿרט זז׳ 20—28, זען אויך אינטערעסאַנטע שטעלן איבער כאַפּערס, זז׳ 55—57; גאָלדנשטיינס באַציִונג צו בעל־מלאָכות, זז׳ 83־85 און צו חב״ד, ז׳

141 און דעם שוחטס עדות איבער שיצגעלט וואָס מען האָט ביי אים געוואָלט אָרויסקריגן, זז׳ 345—346).

דער שוחט האָט אָנגעשריבן אין לאַנד דעם לעצטן טייל זכרונות (זז׳ 446—510). די אינטערעסאַנטסטע פּרטים דאָרטן האָבן צו טאָן מיטן שוחטס וואַנדערן פון פּתח־תיקווה קיין כּפר־סבא, חדרה און חיפה, סוף ערשטע וועלט־מלחמה. כּפר־סבא, חדרה, ווו ער האָט אַ סך געליטן, רופט דער מחבר אָן קבר־סבא. מען קען ניט באַשטימען צי דאָס איז גאָלדנשטיינס אַ וואָרטשפּיל, צי אַ צונאָמען וואָס די פּתח־תיקווהער גע־וונדניקעס האָבן דעמאָלט געניצט פאַר כּפר־סבא (זען קאַפּיטל ל״ב).

צבי פריד האָט ת״ש אַרויסגעגעבן אין ירושלים אַ ביכל זכרונות — אונדזער שטעטל. פריד, וואָס האָט געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים חשמל, באַשרייבט זיין געבוירן־שטעטל. ניט געקוקט אויף דעם, האָט דער מחבר אַריינגעבראַכט אין די זכרונות אַ מאָנאָלאָג וועגן די שוועריקייטן פון אַ נייעם עולה ביים אינוועסטירן זיין געלט אין לאַנד און זיינע איבער־לעבענישן אויפן וועג (צווישן אַנדערן דאָס באַגעגענען זיך מיט יידישע פּליטים פון פּוילן, זז׳ 26—29). דער אינטערעסאַנטסטער טייל אין די זכרונות איז דער סוף. עס ווערט דאָרטן פאַרגעשטעלט אַ מלמד מיט אַ טאָפּעלער פּערזענלעכקייט: אַ געטרייער טאַטע אין דער היים — אַן אַכזר אין חדר. פריד האָט אין די זכרונות געדרוקט אויך זיינע גראַמען (זען למשל זז׳ 39—48) און פאַרשריבן גראַמען פון אַ פּורים־שפּיל געהערט אינעם שטעטל (זז׳ 66—67). פרידס יידיש איז צפונדיק־יידיש.[58]

צוויי ירושלמיס האָבן געדרוקט פּראָזע אין יידיש אין א״י אין די דרייסיקער יאָרן. ישׂראל יצחק פרידמאַן האָט אין 1938 אַרויסגעגעבן מיין פּנקס. פרידמאַן, אַ ירושלמי (דאָרטן ז׳ 265), האָט זיך באַזעצט אין דרום־אַפריקע, ווו ער איז געווען אַ רב און ציוניסטישער עסקן. דאָס בוך, וואָס נעמט אַריין אַנעקדאָטן וועגן יידן אין דרום־אַפריקע און וועגן פאַרשיידענע פּערזענלעכקייטן אין א״י און זכרונות איבערן מחברס קינדהייט אין ירושלים, איז כּמעט אָן ספק אָנגעשריבן געוואָרן אין אויסלאַנד.[59] דוד האַרנזאָן, האָט 1934 אַרויסגעגעבן אין ירושלים זכרונות פון אַ בעל־תשובה. דאָס בוך צילט אַנטקעגן דאָס צביעות פון פּראָטעסטאַנטישע גלחים וואָס האָבן פאַרפירט יידן אין מצרים (האַרנזאָן האָט דאָרטן געלעבט סוף ערשטע וועלט־מלחמה) און אין א״י. די זכרונות זענען האַמעטנע און זייער ליטעראַרישער ווערט באַגרענעצט ביז גאָר (זען לדוגמא ז׳ 155

און האַרנזאָנס גראַמען, ז׳ 153). אויך פון אַ היסטאָרישן און היסטאָריש־קולטורעלן קוקווינקל זענען די זכרונות ניט וויכטיק.[60]

פּסח גאָרדאָן האָט אַרויסגעגעבן אין תּל־אָביב זײַנע ביכער צו קײַכן פֿאַר געלעכטער (תרצ״ד); דער טשיקאַווער שאַרפֿזיניקער הומאָריסט (תרצ״ו); דער אוצר פֿון מײַן געדאַנקען וועלט (תרצ״ד) און דער שפּיגל פֿון לעבן (תש״ז).[61]

צו קײַכן פֿאַר געלעכטער איז פֿונאַנדערגעטיילט אין דרײַען. דער ערשטער טייל טראָגט דעם נאָמען הומאָריסטישע מעשהלעך. דאָס זענען אַנעקדאָטן איבער נאַראָנים, שדכנים, כּלעמער חכמים, רביים, אָנגעשריבן אין אַ רײַך אידיאָמאַטישן צפֿון־ייִדיש. דער צווייטער טייל נעמט אַרײַן אַ זאַמלונג וויצן און דער דריטער־גאָרדאָנס געגראַמטע אַפֿאָריזמען.

אין די צוויי לעצטע ביכער זענען פֿאַראַן אַפֿאָריזמען און רעדנ־סאַרטן, אַ סך גאָרדאָנס, אַ טייל איבערגעזעצטע אָדער איבערגעאַרבעטע. אין דער טשיקאַווער שאַרפֿזיניקער הומאָריסט זענען דאָ וויצן און פּראָזע־פֿראַגמענטן וואָס הייסן אויך הומאָריסטישע מעשהלעך. די דאָזיקע פֿראַג־מענטן באַשטייען, דערעיקרשט, פֿון אידיאָמאַטישע דיאַלאָגן.

די דיאַלאָגן — אַ ליטעראַריש מיטל אין וועלכן גאָרדאָן האָט פֿאַר זיך געהאַט אַן אויסגעטראָטענעם וועג אין ייִדיש — גיסן זיך ניט אַרײַן אין קיין אָרגאַניזירטן סטיל. אָט אַ די דיאַלאָגן זענען דער הערשנדיקער, ניט אָריגינעלער, כּמעט אויסשליסיקער באַשטייטייל פֿון אַ שרײַבן וואָס דרייט זיך אַרום איין פּרט און מישט אויס פֿאַרשיידענע ראַמען. דאָס נאָכמאַכן שלום־עליכמען וואַרפֿט זיך אין די אויגן.

אין אַ מאָדנע ביאָגראַפֿיע פֿון אַ טעלזער ישיבֿה־בחור, האָט גאָרדאָן אָנגעהויבן מיט די פּלאָגענישן פֿון אַ ישיבֿה־בחור וואָס האָט חתונה געהאַט פֿאַר אַ מירשעת, און איז אַריבער באַשרײַבן דאָס שטייגער־לעבן, אין דער ישיבֿה, דער עיקר אַ חבֿרה גמילות־חסדים וואָס ישיבֿה־בחורים האָבן פֿאַרלייגט. די וויכּוחים אַרום די הלוואות פֿאַרנעמען דאָס רובֿ פֿראַגמענט.

אין אַ חתונה אין שידלעווע, זז׳ 85—196, וואָס הייבט זיך אָן ווי זכרונות פֿון חדר, גליטשט זיך אויס דער באַגרענעצטער סיפּור־המעשה צום שידוך און צו דער חתונה פֿון אַ מלמדס אַ טאָכטער. דער הומאָר שפּאַרט זיך דאָ אָן אויף דער כּלהס חסרונות (זי איז דיק, מיאוס און נאַריש) און אויפֿן נידעריקן שטאַנד פֿונעם חתן (אַ פֿאַד־שמש). דעם חתנס

עם־האָרצישקייט שאַפט נאָך אַ קאָמישן עפעקט: די בריוו וואָס ער טוישט אויס מיט דער כּלה (זז׳ 155—160).

אין געוואַלד אַמעריקע איז אַראָפּ פון זינען, איז דער הומאָר געבויט אויפן קאָנטראַסט צווישן די השׂגות פון אַ קליינשטעטלדיק פּאַרפאָלק וואָס קומט פון דער ליטע קיין אַמעריקע און די פירעכצן אינעם גאָלדענעם לאַנד. דער דערציילער מיידט ניט אויס אַ לאַנגע טיראַדע איבער דירה־געלט אין... תּל־אָביב. (זז׳ 77—81).

דער פאַקט אַז שרייבערס האָבן געשריבן ייִדיש אין א״י פאַר ׳עקספּאָרט׳, אָדער בלויז פאַר העברעיִשער איבערזעצונג, חזרט זיך איבער אין אָט אַ דער תּקופה. יואל מאַסטבוים איז דער בולטסטער ביישפּיל דערפון. די ייִדיש־בעלעטריסטיק וואָס ער האָט אָנגעשריבן פון זינט ער איז עולה געווען, 1933, איז אין לאַנד אַרויס בלויז אין העברעיִשער איבערזעצונג. נאָר אין איין פאַל (נייַוועלט 16.2.40), האָט מאַסטבוים אָפּגעדרוקט אַ סקיצע אין ייִדיש. דיווירקלעכקייט וואָס מאַסטבוים באַשרייבט — דאָס באָמבאַרדירן וואַרשע, 1939 — דערמאָנט אָן פראַגמענטן פון צאַנינס דערציילונג (אויבן, ז׳ 289). אויך רחל פייגנבוים־אמרי (אויבן ז׳ 232) און י. מ. ניימאַן האָבן געשריבן ייִדיש אין לאַנד, אָבער גאָרניט אָפּגעדרוקט אין יענער צייט.[63]

דער איינציקער ייִדיש־שרייבער ניט פאַרבונדן מיטן אָפּצווייַג, וואָס זיינע שאַפונגען זענען דעמאָלט אַרויס אין בוכפאָרעם — אין אויסלאַנד — איז זוסמאַן סעגאַלאָוויטש. סעגאַלאָוויטש, פון די פּאָפּולערסטע ייִדיש־שרייבער אין פוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות, איז אַנטרונען פון וואַרשע, סעפּטעמבער 1939, און זיך דערשלאָגן קיין א״י, אָנהייב 1941. ער האָט געלעבט אין לאַנד ביז 1947 און גאָרניט געדרוקט אויף ייִדיש. אין זיינע זכרונות מיינע זיבן יאָר אין תּל־אָביב (בוענאָס־איירעס 1949), וואָס זענען אָנגעשריבן געוואָרן אין ניו־יאָרק (זען דאָרטן, זז׳ 157, 178, 186) האָט סעגאַלאָוויטש דורכויס ניט דערמאָנט דעם אָפּצווייַג.[64] ער האָט אין בוענאָס־איירעס אַרויסגעגעבן נאָך צוויי ביכער זכרונות אָנגעשריבן אין א״י: טלאָמאַצקע 13 (1946) און פאַרברענטע טריט (1947). סעגאַלאָוויטש איז פון די געציילטע שרייבערס וואָס האָבן געלעבט אין וואַרשע פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט. דאָס האָט גורם געווען אַז די שאַפונגען וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין לאַנד — סיי פּראָזע, סיי לידער — זאָלן אַרויסגיין איינס נאָכן אַנדערן,

אָן זאָרגעוודיקער רעדאַקציע. אין טלאָמאַצקע 13 איז פאַראַן אַ דורכזעיִקער אַפּאָלאָגעטישער טאָן, בנוגע דער ראָלע וואָס דער קלוב האָט געשפּילט אינעם קולטור־לעבן פון פּוילישע ייִדן צווישן ביידע וועלט־מלחמות. דער דאָזיקער טאָן ענדערט זיך, אין אַ געוויסער מאָס, ביַים באַשריַיבן די אַטמאָספער אין די שטעטלעך און פּראָווינצשטעט, וואָס די שריַיבער פון טלאָמאַצקע 13 פלעגן דאָרטן רעפערירן. (זען למשל ז' 64—68). דאָס זעלביקע „דער פּאַטעפאָן", אַ קאַפּיטל וואָס שילדערט די מאַניע פון סאַלאָנטענץ וואָס איז באַפאַלן טלאָמאַצקע 13 אין די צוואַנציקער יאָרן. דער לעצטער קאַפּיטל איז בכלל ניט אַפּאָלאָגעטיש. סעגאַלאָוויטש דער־ציילט דאָרטן, אויף זייער אַ רירנדיקן אופן, וועגן דער ירידה פון טלאָ־מאַצקע 13, לאַנג פאַרן חורבן פון פּוילישן ייִדנטום.

פאַרברענטע טריט איז דערעיקרשט וויכטיק ווי אַ דאָקומענט וואָס וויַיזט אויף אַז ייִדן האָבן ביז 1940 זיך געקענט ראַטעווען דורך וואָלין און ליטע. סעגאַלאָוויטשן האָט געגליקט און ער איז אַרויס פון וואַרשע אין אַ ספּעציעלער באַן. די פּוילישע רעגירונג האָט דאָרטן באַשטימט 15 ערטער פאַר ייִדישע זשורנאַליסטן און 50 פאַר זייערע פּוילישע קאָלעגעס (ז' 24). סעגאַלאָוויטש איז פריִער אַנטרונען קיין ראָוונע און שפּעטער קיין קאָוונע. לסוף איז ער אָנגעקומען קיין א"י, דורך ראַטן־פאַרבאַנד און טערקיַי. ער באַשריַיבט פּיליק די דינע מחיצה צווישן דעם שוידער־לעכן חורבן אין פּוילן און דער שלווה וואָס האָט געהערשט אין ראָוונע און קאָוונע ביז 1940. פון דער אַנדערער זיַיט איז ער זייער מאריך און בייגט צו אַ פּאַטעטישן, צו מאָל מאַראַליסטישן טאָן, מיט לאַנגע, אויבנאויפיקע קאָמענטאַרן (זען למשל ז' 72—75 ; 124—127 ; 141—144).

מע דאַרף דאָ דערמאָנען, אַז העברעיִשע שריַיבער וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שיַיכות צום אָפּצוויַיג האָבן געשריבן ייִדיש־בעלעטריסטיק אין א"י. דער בולטסטער פון זיי איז י. ד. בערקאָוויטש, וואָס האָט זיך אין די דריַיסיקער יאָרן געדרוקט אין פאַרווערטס. זיַין דעמאָלטיקער ייִדיש־שאַפן איז ביז איצט ניט אַרויס אין בוכפאָרעם און פאָדערט אַ פאַרשאַרבעט פאַר זיך.

ווי פריִער דערמאָנט (ז' 127), האָט אליעזר שטיינמאַן געשריבן אין די צוואַנציקער יאָרן פאַרן וואַרשעווער מאָמענט. אַ. אבן־זהב האָט זיך געדרוקט אין היַינט. עס איז ניט אויסגעשלאָסן אַז אַנדערע העברעיִשע מחברים האָבן געשריבן ייִדיש פאַר חו"ל. אַז מען וועט פאַרמאָגן אַ

פולע ביבליאָגראַפיע פון דער ייִדיש־ליטעראַטור געדרוקט אין פּעריאָדישע אויסגאַבן, וועט מען קענען געוווּיר ווערן וועלכע צוויי־שפּראַכיקע שרײַבער האָבן געשריבן ייִדיש אין לאַנד, פאַרן אויפקום פון מדינת־ישׂראל.

די איינציקע העברעיִשע שרײַבער וואָס האָבן אַרויסגעגעבן ייִדיש־ביכער אין יענער תּקופֿה, זענען מרדכי בן־הלל הכּהן און אָרי אבן־זהב. אבן־זהבס בוך די פּעד־ייִדן — אויף העברעיִש אלה מסעי הזפתים, תרצ״ו — איז אַרויס אין וואַרשע, 1939. (פריִער איז עס געווען געדרוקט אין היַינט). דאָס דאָזיקע בוך איז ניט בעלעטריסטיק אינעם באַגרענעצטן זינען פון וואָרט. אבן־זהב האָט וויסיק געפּרוּווט אויך איבערלאָזן אַ דאָקומענט וואָס זאָל פאַראייביקן יענער שיכט גראַיִעווער ייִדן — דער שרײַבער שטאַמט פון גראַיִעווע — וואָס האָט דורות לאַנג געלעבט פון פאַרקויפן אינדוסטריע־אייל אין פּרײַסן. מער ווי פאַרטיפן זיך אין איינצלנע טיפּן, האָט דאָס בוך געפּרוּווט פאַרשרײַבן דאָס לעבן פון ׳פּעד־ייִדן׳ זינט דײַטשלאַנדס פאַראייניקונג, ביז די נאַציס האָבן פאַר־כאַפּט די מאַכט. דאָ איז ניט פאַראַן קיין סוזשעט, נאָר אַ סעריע קאַפּיטלען וואָס באַשרײַבן אַ שווערע, האַרטנעקיקע פּרנסה, וואָס האָט די פּעד־ייִדן אָפּגעריסן לאַנגע חדשים פון דער היים. די בשותּפותדיקע פּרנסה פאַר־בינדט די פאַרשיידענע פאַרשוינען. די מאָדערניזירטע מעטאָדן פון אייל־אײַנקויף, די ערשטע וועלט־מלחמה און דער קריזיס אין דײַטשלאַנד, האָבן אַ תּל געמאַכט פון דער פּרנסה. דער הויפּט־אינטערעס פונעם בוך באַשטייט אין דער באַשרײַבונג פון אַ שטייגער לעבן וואָס איז פאַר־שוווּנדן געוואָרן נאָך איידער מען האָט אומגעבראַכט די גראַיִעווער ייִדן. דער לעצטער טייל בוך, וואָס האָט צו טאָן מיט אלקנה גוי, איז קינסטלעך און פאַרסירט. אלקנה, וואָס האָט זיך באַזעצט אין דײַטשלאַנד און איז אַ סימפּאַטיקער פון די נאַציס, האָט ביז דעמאָלט דערדריקט זײַן ייִדישקייט און זײַן ווײַב. אַ שליח פון א״י און אלקנהס אויסטשוכען זיך פון נאַציזם, זענען גורם אַז דאָס פּאָרפאָלק זאָל זיך באַזעצן אין ת״א. דאָרטן טרעפן זיי זיך מיט לאַנדסלײַט און לעבן זיך זייער לײַכט אײַן אין שטאָט.[66]

1935 האָט מרדכי בן־הלל הכּהן אַרויסגעגעבן אין ווילנע דאָס בוך אין מאַמע לשון. הכּהן האָט דאָ אַרײַנגענומען די פעליעטאָנען און אַרטיקלען וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אָנהייב יאָרהונדערט, אין דער יוד, דער פרײַנד און דאָס לעבן. בלויז מעשׂיות פון מײַנע אַמאָליקע יאָרן (זז׳ 1—46) איז געשריבן געוואָרן אין א״י, און געווען געדרוקט אין די צוקונפט, 1927.

די זכרונות, אָנגעשריבן אין אַן אײַנגעוואָרצלטן צפון־מיזרחדיקן ייִדיש, שטעלן פֿאָר אַ גאַלעריע טיפּן פֿונעם מחברס געבוירן־שטאָט — מאָגילעוו בײַם דניעפּער. אַחוץ די ערשטע משכּילים אין שטאָט, באַשרײַבט הכּהן זײַנע בני־בית, זײַנע קרובים, די משרתים און די שכנים אין זײַן זיידנס הויף. הכּהן שרײַבט אין ערשטער פּערזאָן, מיט ווענדונגען צו אַ באַהאַל־טענעם אַדרעסאַט (משמעות דער 'חשובער רעדאַקטאָר'. זען למשל זז' 23, 37, 40). עס רעדט זיך דאָ וועגן אַ געמישטן נוסח פֿון פֿעליעטאָן און זכרונות. הכּהנס ייִדיש־שאַפֿונגען פֿאָדערן מען זאָל זיי אַרומרעדן אין אַ מאָנאָגראַפֿיע איבערן ייִדיש־פֿעליעטאָן ביז לעווינסקיס פּטירה. הכּהן האָט דאָס בוך געהייליקט דעם אָנדענק פֿון זײַן מאַמען, מיט אַ דירעקטער ווענדונג צו איר. אַזאַ ווענדונג קען אין אַ געוויסער מאָס דערקלערן די סיבות וואָס האָבן באַוויגן טאָפּל־שפּראַכיקע שרײַבערס צו דרוקן זייערע ייִדיש־כּתבים נאָך דעם ווי זיי האָבן אין גאַנצן צי כּמעט אין גאַנצן אויפֿגעהערט צו שרײַבן ייִדיש. הכּהן שרײַבט אַז ער האָט דאָס בוך אַרויס־געגעבן, ניט מחמת פּרנסה צי כּבוד — ער איז מסופּק צי דאָס בוך וועט אים פֿאַרשאַפֿן כּבוד — נײַערט כּדי צו שטעלן אַ מצבה דער מאַמען. דאָס בוך איז געשריבן אין איר לשון, דאָס לשון וואָס זי האָט אים אויסגעלערנט.[67]

3. ייִדיש דראַמאַטישע שריפֿטן אין א״י ביז 1948

די פּאָעזיע פֿון יוסף פּאַפּיערניקאָוו, איינער פֿון די עלטסטע פּאָעטן אינעם אָפּצווײַג, אילוסטרירט, אָבער אַ מאָל, די חסרונות פֿונעם פֿונאַנדערטיילן ייִדיש־ליטעראַטור אויף צענטערס און אָפּצווײַגן. פּאַפּיערניקאָוו האָט אָנ־געהויבן שרײַבן אין פּוילן. 1924 איז ער עולה געווען. 1929 האָט ער זיך אומגעקערט קיין וואַרשע. 1933 איז ער פֿון דאָס נײַ עולה געווען. 1937 האָט ער געלעבט אין פּאַריז. אַ וויכטיקער טייל פֿון זײַנע לידער האָט ער אָנגעשריבן אין וואַרשע. אויך אין פּאַריז איז ער געווען שעפֿעריש. זײַנע ערשטע דרײַ ביכער, **אין זוניקן לאַנד** (1927), **רויט אויף שוואַרץ** (1929) און **גאָלדענע זאַמדן** (1932), זענען אַרויס אין וואַרשע. עס איז ניט אויסגעשלאָסן אַז אַ טייל לידער אין די צוויי לעצט דערמאָנטע ביכער האָט פּאַפּיערניקאָוו אָנגעשריבן אין פּוילן.

ער האָט זײַנע לידער אָפּגעדרוקט לויט אַ טעמאַטישן צוגאַנג (זען

איבערבלײַב, ז׳ [4]) און אָפּגעוואָרט ביז 1945 (**פון ערשטן שניט**) און 1949 (**איבערבלײַב**), כּדי צו דרוקן די לירישע לידער וואָס ער האָט געשריבן צווישן 1918—1928. דער ווידעראַנאַנד צווישן פּאַפּירניקאָווו דער ציוניסטיש־פּראָלעטאַרישער פּאָעט און פּאַפּירניקאָוו דער ליריקער, איז דער סימן־מובהק פון די ביכער וואָס ווערן דאָ אַרומגערעדט. דער פּאָעט האָט אויסגעדריקט אָט דעם ווידעראַנאַנד בפירוש (זען **פּאָר מיר און פּאַר אַלע**, 1936, זז׳ 41—43 ; 37 ; 28, 66—67 און דאָס וואָרט פריִער אין **אָנוווּקס**, 1938). פּאַפּירניקאָווס פונאַנדערטיילן די לידער טעמאַטיש איז ניט קיין מוז פאַרן לייענער. דעריבער קען מען אונטערשיידן צווישן זײַנע אידעאָלאָגיש־אָריענטירטע לידער און יענע לידער וואָס זענען פרײַ פון אידעאָלאָגישער התחייבות. אויף פּאַפּירניקאָווס אידעאָלאָגיש־גע־שטימטע לידער לויערט אַ סכּנה פון דעקלאַראַטיווער איינמאָסיקייט, וואָס באַגרענעצט ביז גאָר דאָס פּאָעטישע לשון און פאַרפלאַכט אירע אַסאָ־סיאַציעס, אימאַזשן, רמזים און ריטעם.

אין זײַן פּאָעזיע געשריבן אונטער אַן אידעאָלאָגישער השפּעה באַניצט דער פּאָעט, זייער אָפט, קאָלירן. די קאָלירן דינען ווי אַן אידענ־טיפיציר־עלעמענט אָדער ווי סימבאָלן. אין **רויט אויף שוואַרץ** איז רויט שטענדיק פּראָגרעס, בעת שוואַרץ איז רעאַקציע. דאָס נעמלעכע **פּאָר מיר און פּאַר אַלע**, זז׳ 20—24 (די געלע קוליס אין כינע זענען געוואָרן רויט מיטן וווקס פונעם קאָמוניסטישן בונט). צו קאָלירן גיט דער פּאָעט צו אַן אַנדער עלעמענט: בעלי־חיים. אַזוי אַרום זענען שוואַרצע וואָראָנעס אַ סימבאָל פאַר עקספּלואַטאַציע (**רויט אויף שוואַרץ**, זז׳ 47—49) און פאַבריקן זענען שטאָלענע שפּינען (**דאָרטן**, ז׳ 7). די אַרבעטער ווערן אָפּגעמשלט מיט פליגן, פערד, אָקסן וואָס שלעפּן דעם עול (**דאָרטן**, זז׳ 5, 22) און אויך מיט געצײַג: האַמערס, סערפּן, צוואַנגען, בלאָזזאַקן (**פּאָר מיר און פּאַר אַלע**, זז׳ 52—53). סײַ לגבי פאַבריקן, סײַ לגבי די אַרבעטערס הײַזער, נייגט דער פּאָעט צו אַנטראָפּאָמאָרפישע אימאַזשן. די אַרבעטערס הײַזער זענען אַזוי ווי געלע קרומע ציינער און ווי שטאַרע, אויסגעלאָשענע אויגן. די פאַבריקן האָבן הענט און פיס און זענען אַזוי ווי שטיינערנע יאַסלעס (**רויט אויף שוואַרץ**, זז׳ 8, 10).

אַ בולטער באַשטייטייל אין פּאַפּירניקאָווס פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע איז דער רויטער געוויסער וואָס וועט בײַטן די סאָציאַלע אָרדענונג (זען אַ מוסטער, **דאָרטן**, זז׳ 20—30 און **פּאָר מיר און פּאַר אַלע**, זז׳ 28—29).

אין פֿאַפֿיערניקאָווס פּאָעזיע פֿון די דרײַסיקער און פֿערציקער יאָרן איז די באַציִונג צום ראַטן־פֿאַרבאַנד זייער התלהבותדיק. דער פּאָעט באַציט זיך צו יעדער ידיעה פֿון דאָרטן ווי צו אַ מאָמעס אַ בריוו. (דאָרטן, ז׳ 70).

עטלעכע לידער אין רויט אויף שוואַרץ זענען אויסנעמיק להיפּוך צום אומעט וואָס געוועלטיקט אינעם בוך — ניט געקוקט אויף דער התפּעלותדיקער דערוואַרטונג אַז רויט וועט באַהערשן שוואַרץ — איז פֿאַראַן אין אויף שטיינער און סיגנאַלן (זז׳ 40—42) אַ טאָן פֿון גרויסן אָפּטימיזם. דאָס איז ניט קיין צופֿאַל. ביידע לידער האָט פֿאַפֿיערניקאָוו אָנגעשריבן ווען ער האָט זיך דאָס ערשטע מאָל באַזעצט אין לאַנד (די לידער זענען אויך אַרײַן אין אין זוניקן לאַנד, זז׳ 20—23) אַזאַ אָפּטימיזם איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן רוב ארץ־ישׂראלדיקער פּאָעזיע וואָס פֿאַפֿיערניקאָוו האָט געשאַפֿן ביז ער האָט זיך אומגעקערט אין לאַנד, 1933. די דאָזיקע פּאָעזיע ציט צום באָדן פֿון לאַנד, וואָס סימבאָליזירט סײַ אַ ווײַב, סײַ אַ היים וווּ מען וויל זיך אײַנוואָרצלען. די דאָזיקע היים דאַרף זײַן באַשיידן און ריין (אַ געצעלט פֿון ווײַסן לײַוונט שטעלט פֿאַר אָט די היים, למשל, גאָלדענע זאַמדן, זז׳ 6, 22, 24; אין זוניקן לאַנד, ז׳ 28; מיט לענדער גלײַך, זז׳ 7, 49). די היים וווּ דער פּאָעטישער איך איז אויפֿגעוואַקסן, איז אַ צענטראַלער מאָטיוו אין זײַן שאַפֿן. זי ווײַזט זיך, על־פּי־רוב, ווי אַן אומהיילעוודיקע ווונד. אין די ערשטע יאָרן אין לאַנד, פֿילט אָבער דער איך אַז דאָס לאַנד באַרוישט אים. דער צובונד צו דער היים, דאָרטן, רײַסט זיך כּלומרשט אָפּ, און דער איך פֿילט זיך ווי נײַ געבוירן. ער איז אַ מין ציגײַנער וואָס וואַנדערט איבערן לאַנד און אַלע הײַזער זענען פֿאַר אים אָפֿן. (זען אין זוניקן לאַנד, זז׳ 9, 16, 18, 13, 12).

קאָלירן זענען אַ באַשטענדיקער עלעמענט אין פֿאַפֿיערניקאָווס פּאָעזיע ביז 1929. זיי באַלייטן בערג און טאָל, פֿעלדער, זון און ים. די נאַטור און די לאַנדשאַפֿט באַשענקען דעם פּאָעט מיט שלווה און פֿרייד. די פֿעלדער טוען אָן גרינע העמדער. דער בלויער ים מיינט פֿרײַהייט. דאָס ברויט איז קיין ברויט ניט, נײַערט גאָלדקאָליר. די נעכט זענען ווײַסע בענקשאַפֿט (זען, אַ שטייגער, גאָלדענע זאַמדן, זז׳ 20, 25, 43, 45; אין זוניקן לאַנד, זז׳ 9, 19). עס זענען אויך דאָ אימאַזשן וואָס דער פּאָעט האָט ניט באַניצט נאָך 1929 ביזן אויפֿקום פֿון מדינת־ישׂראל: אימאַזשן גענומען פֿונעם ייִדישן ריטואַל. די העמדער פֿון די חברים אין גדוד העבֿודה (אַרבעט־

בריגאַדע) זענען ווי ווײַסע קיטלען אויף די לײַבער פון יונגע כּוהנים. דאָס עסצימער אין גדוד איז אַ הייליק־אָרט. (אין זוניקן לאַנד, 53—54).

דאָס בעסטע אין פּאַפּירניקאָווס פּאָעזיע ביז 1933 זענען ניט די לידער מיט דעקלאַראַטיווע אָנזאָגן, נאָר די וואָס גיבן זיך אָפּ מיט געוויקסן און בעלי־חיים אין לאַנד. אָט די לידער שפּיגלען אָפּ איבערלעבענישן פונעם פּאָעטישן איך גופא. די באַציִונג צו געוויקסן און בעלי־חיים איז אַנטראָפּאָמאָרפיש. ביימער (באַנאַנעס, פײַגן, מאַראַנצן־ביימער), קומען פּאָר זייער אָפּט, ניט נאָר מיט זייערע קאָלירן. זיי האָבן הענט, זענען איינזאַם, האָבן מומים. זיי זענען אויך געגליכן צו אַ געווינערין. צווישן די בעלי־חיים איז דער אָפּטסטער גאַסט דאָס קעמל. עטלעכע פון פּאַפּירניקאָווס בעסטע לידער זענען פאַרבונדן מיטן קעמל. עס גייט דאָ ניט אין אָריענטאַלישער עקזאָטיק. דאָס קעמל סימבאָליזירט דעם פּאָעט, וואָס ווערט אונטערגעבויגן פון לייד און איינזאַמקייט. צוזאַמען מיט אָט דעם מאָטיוו גיסן זיך צונויף קאָלירן, ים־לאַנדשאַפט און שפּראַך־פיגורן, וואָס פאַרגלײַכן דאָס קעמל צו די בערג פון ירושלים[68] און צום פײַגנבוים (זען אין זוניקן לאַנד, זז' 63—65 ; 79 ; 81 ; 31—34 ; די 24־סטע שעה, 1935, ז' 57 און גאָלדענע זאַמדן, ז' 35).

מיט לענדער גלײַך (1934) איז אַ שינוי אין פּאַפּירניקאָווס ארץ־ישׂראלדיקע פּאָעזיע. זי ווערט מער ניכטער, ספקותדיק און קריטיש. (זען דאָרטן, זז' 47—59 און אין צוויי ניט־געזאַמלטע לידער, תּל־אָביב די אויפגעקומענע (נײַוועלט, 22.3.35) ; חורנער (דאָרטן, 20.9.35). איצט ווען די סאָציאַלע שיכטונג אין ת״א פאַרשאַפט דעם איך עגמת־נפש, וויל ער פון זיך דערווײַטערן דאָס קעמל, וואָס דערמאָנט אים אַציגד זײַן אייגענע פאַרוויסטונג, זײַן געפיל אַז ער לעבט צײַטווײַליק אין ארץ־ישׂראל. (זען מיט לענדער גלײַך, זז' 59, 52). דאָס געפיל פון צײַט־ווײַליקייט פאַרשווינדט אין אונטער פײַער (1939), אַ בוך געשריבן בעתן אַראַבישן בונט אין לאַנד (זען ז' 7). אין צײַט פון חורבן האָט פּאַפּירניקאָוו אַרויסגעגעבן פון רויטן פּראַנט (1943) ; אונטער שוואַרצע הימלען (1944) ; מײַן ברענענדיקער שטאָט (1945). אַ טייל לידער באַרירן דעם בירגער־קריג אין שפּאַניע. אַנדערע, רוסלאַנדס מלחמה קעגן נאַצי־דײַטשלאַנד און אַ טייל — דעם אומקום פון ייִדן אין אייראָפּע. עטלעכע לידער וועגן אומקום האָט פּאַפּירעניקאָוו אָנגעשריבן פאַרן חורבן. אין מיט לענדער גלײַך (זז' 20, 28—29, 60) איז דאָ אַ שווער געפיל וועגן גורל פון ייִדן

אין אייראָפּע. געשריי וועגט איבער פּאָעזיע אין פּאַפּירערניקאָוס לידער איבערן חורבן. אויסדרוקן ווי ברוינער שלאַנג, ברוינער שד, ברוינע האָרדעס, חזרן זיך אַ סך איבער. ווען דער פּאָעט ווענדט זיך צו פּאָעטיש לשון, איז דער רושם פון זײַן שרײַבן מער קענטיק. אַזוי למשל אין אונטער די פּוילישע ביימעלעך האָט פּאַפּירערניקאָוו אויפגעהיט, על־פּי־רוב, ביאַליקס גראַמען אין אונטער די גרינינקע ביימעלעך. דאָס פאַר־שטאַרקט דעם עפעקט וואָס שטעקט אין דעם קאָנטראַסט צווישן די משהלעך און די שלמהלעך. בעת ביאַליקס רחמנות איז געווענדט צו לעבעדיקע קינדער, קלאָגט פּאַפּירערניקאָוו אויף אויסגעהרגעטע משהלעך און שלמהלעך (מײַן ברענענדיקער שטאָם, ז׳ 26).

עס זענען פאַראַן ניט ווייניק לירישע לידער אין אין זוניקן לאַנד און גאָלדענע זאַמדן. דערעיקרשט אָבער זענען זיי געזאַמלט אין די 24סטע שעה (1935); אַנוווקס (1938); פון ערשטן שניט (1945) אין איבער־בלײַב (1949). די דאָזיקע לידער, ווען זיי זענען פרײַ פון סאָציאַל־ציוניסטישער אידענטיפיקאַציע, זענען דאָס בעסטע פון פּאַפּירערניקאָווס שאַפן. די ליריק באַרירט גרונטיקע איבערלעבענישן: ליבשאַפט, טויט, לאַנדשאַפט, און דער עיקר, דער פײַנלעכער צובונד פונעם פּאָעטישן איך צו דער היים. דער דאָזיקער צובונד, וואָס באַווײַזט זיך אין די 14 ביכער דאָ אַרומגערעדט, שפּיגלט זיך אויך אָפּ אין פּראָזע (היימווי, 1946, זז׳ [5־6]; 55—58. פּ״גל אויבן ז׳ 299). אין די לידער ווו די היים איז דער מיטלפּונקט, באַניצט פּאַפּירערניקאָוו פּשוטע אימאַזשן, מיט אוניווערסאַלן באַטײַט. על־פּי־רוב קען מען אין זיי ניט זען אַ דירעקט שײַכות צו דער יידישער אמונה און מיסטיק. דאָס הויז ווערט פאַרגליכן צו אַן אָפענער טורמע, צו אַן אומהיילעוודיקער וווּנד און איז באַשריבן ווי אַן אָרט ווו עס הערשן פרעמדקייט און פאַרלעגנהייט (זען היימווי, זז׳ 18, 19; אַנוווקס, ז׳ 59). די בני־בית ווערן פאַרגליכן צו אַ וואַלד, אַ נעסט, שאָף, שיף צי שיפלעך, וואָס ווערן דערטרונקען צי פאַרכאַפּט אין אַ שטורעם. צו מאָל באַווײַזן זיך די אימאַזשן באַנאַנד. צוזאַמען מיט זיי געפינט מען אַ קאַליר, גרוי, וואָס סימבאָליזירט אומעט. (זען אַנוווקס, זז׳ 60—62; 68—69; 72; 40; היימווי, ז׳ 22, מײַן ברענענדיקער שטאָם, זז׳ 29—28). אומבאַלעבטע חפצים, איבערהויפּט מעבל, שפּילן אַ צענטראַלע ראָלע בײַם אַרויסשטעלן די ירידה פון דער היים (זען אַנוווקס, ז׳ 65 און פּ״גל היימווי, זז׳ 56—58). אַ סך פון די אויבן דערמאָנטע אימאַזשן חזרן זיך

איבער אין לידער ווו די היים איז אַ רינג אין אַ גרעסערן רינג: די אויסגעהרגעטע פּוילישע ייִדן. זיי ווערן געגליכן צו שאָף וואָס אַנטלויפן פאַר אַ שחיטה, צו אַ וואַלד, צו נעסט וואָס ווערן אָנגעצונדן מחמת די ביימער ברענען (מײַן ברענענדיקער שטאַם, זז׳ 5, 14, 15, 53). וואָס מער ידיעות עס זענען אָנגעקומען פון פּוילן, איז דער טאָן פון פײַנדשאַפט־פרעמדקייט צום כּוללדיקן רינג, פּוילן, פאַרמינערט געוואָרן (זען דאָרטן, זז׳ 8־11, 15, 18־19). דער ווייטיקדיקער צובונד צו דער היים שפּיגלט זיך אויך אָפּ אין דער פרעמדקייט און איינזאַמקייט וואָס באַגלייטן תּמיד דעם איך. גרויקייט, דער גוף (הענט, אויגן), אַ זאַק געבייט פון זײַן איינציק העמד, דריקן אויס די געפילן פונעם איך (פון ערשטן שניט, זז׳ 33, 54—55, 59—60; די 24־סטע שעה, ז׳ 39; היימווייִ, זז׳ 41, 52—53).

אַ סך פון די פריִער דערמאָנטע אימאַזשן זענען פאַראַן אין פּאַפּיער־ניקאָווס לידער איבער ליבשאַפט, טויט, בענקשאַפט נאָך אַן אומבאַקאַנט לאַנד וואָס האָט זיך באַוויזן אין חלום. דאָס עצבות איז גרוי. דער חלום בלוי. דער פּאָעט פאַרגלײַכט זיך אָפט צו אַ גאַסנהונט וואָס ווערט געשלאָגן פון אַ בייזן ווינט. צו מאָל איז דאָס ניט קיין אַליין־אימאַזש, נאָר אַן אימאַזש פון די כּוחות וואָס צעשטערן דעם פּאָעטס הויז. דער איך ווערט אויך פאַרגליכן צו אַ שיף און זעט אין איר אַ סימבאָל פון דער צוציִונג צו אַלץ וואָס איז דערהויבן און ניט צו דערגרייכן. (זען לדוגמא: פון ערשטן שניט, זז׳ 10, 47—48; אַנוווקס, ז׳ 49; די 24־סטע שעה, זז׳ 14, 20, 23, 31, 37—38, 40—42, 44, 49; היימווייִ, זז׳ 9—10, 22, 28).[69]

דאָס רוב לידער אין אברהם לעווס צוויי ערשטע ביכער, אונטער בלויע הימלען (תרצ״ה) און אין דײַן טיר (1937), זענען טעמאַטיש פאַרבונדן מיט זײַן קיבוץ, גבעת־השלושה. דער קאַמף פונעם ייִשוב קעגן אַראַבישן בונט איז די טעמע פון זײַן דריטן בוך, באַלאַדן (וואַרשע, 1939). נאָכן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, גיבן זיך לעווס לידער אָפּ, ווי דאָס רוב ייִדיש־לידער אין א״י אין יענער צײַט, מיטן חורבן. לעוו דריקט אויס זײַן ליבשאַפט צום קיבוץ און צו א״י בפירוש, אויף אַן איינפאַכיק לשון וואָס האָט ניט די מהותדיקע רעטאָרישע סימנים פון פּאַטעטישן לשון. די געטרײַע, דעקלאַראַטיווע אידענטיפיקאַציע מיטן אַר־בעטנדיקן א״י איז כאַראַקטעריסטיש ניט בלויז פאַר לעווס לידער, נאָר

פֿאַרן רוב ייִדיש־לידער געשריבן אין יענער צײַט אין לאַנד.[70] אַזאַ מין אידענטיפֿיצירן זיך נייט דעם פּאָעט צו פֿאַרלאָזן מוטער און היים, כּדי עולה זײַן אין לאַנד פֿון זון און בלוי. (אונטער בלויע הימלען, ז' 5). די אַקסלען און דער שווייס פּונעם איך, זענען די מיטלען מיט וועלכע ער דריקט אויס זײַן צושטײַער צום אויפֿבוי פֿון לאַנד און זײַן גרייטקייט אים צוצוטראָגן זײַנע בעסטע כּוחות. (זען אין דײַן טיר, זז' 20—21, 23, 28, 30—31, 47; אונטער בלויע הימלען, זז' 6, 15—16, 31, 35). דעם אָרעמען צריף (בײַדל) פּונעם פּאָעט און די געצעלטן וואָס זענען אַ מאָל געשטאַנען אין קיבוץ, סימבאָליזירן דעם פֿרײַוויליקן קרבן פּונעם איך כּדי זיך אײַנצוואָרצלען אין לאַנד. דער צריף, וואָס ווערט על־פּי־רוב באַשריבן אין נעכט פֿון אייגזאַמקייט, בײַ ווינטערדיקע רעגנס, איז געגליכן צו אַ שיפֿל אין מיטן ים (אין דײַן טיר, זז' 33, 37, 40, 43, 46, 53־54, 58). לעווס פּאָעזיע באַניצט אַ סך קאָלירן און דער עיקר — בלוי.

אין די ערשטע צוויי ביכער איז לעוו געטרײַ זײַן ליטווישן דיאַלעקט. דאָס וואַרפֿט זיך אין די אויגן אינעם מין פֿון סובסטאַנטיוון. קאָפּ איז לשון נקבה (אונטער בלויע הימלען, ז' 44); בלוט און ערד זענען קאָלעק־טיווע סובסטאַנטיוון (דײַנע ערד, מײַנע בלוט, אין דײַן טיר, ז' 28; אונטער בלויע הימלען, ז' 43). לעוו באַניצט מאָדערן העברעיִש פֿאַרן גראַם: דאַך — פּח (בלעך) (אין דײַן טיר, ז' 58).

אין זײַן דריטן בוך, באַלאַדן, האָט לעוו אַרײַנגענומען לידער געשריבן אין 1936—1937. אינעם ערשטן טייל רעאַגירט דער פּאָעט אויף די פּאָגראָמען אין א"י. דער צווייטער טייל (זז' 43—62), איז געהייליקט יחידים דערמאָרדעט אין לאַנד אין יענע יאָרן. עטלעכע פֿון זיי — ר' אַלטער פֿון צפֿת און צוויי קראַנקן־שוועסטער דערהרגעט אין יפֿו — ווערן אויך דערמאָנט אין פּאַפּירעניקאָווס און חיין־שמעוניס שאַפֿונגען.

די ענלעכקייט פֿון פּאַפּירעניקאָווס און לעווס פּאָעזיע וואַרפֿט זיך אין די אויגן. דעריבער איז עס קיין חידוש ניט וואָס לעוו האָט אין זײַן ליד מיט לענדער גלײַך (אונטער בלויע הימלען, זז' 23—26) רעאַגירט אויף פּאַפּירעניקאָווס בוך מיטן זעלבן נאָמען.

ווי געזאָגט, האָט לעווס פּאָעזיע נאָכן אויסבראָך פֿון דער מלחמה זיך אָפּגעגעבן כּמעט אויסשליסלעך, מיטן חורבן. זײַנע לידער, ווי דאָס רוב ייִדיש־לידער דעמאָלט, דריקן אויס, אויף אַן אויבנאויפֿיקן כּוללדיקן

לשון, אומבאַהאָלפּענעם ווייטיק. אַנדערש איז אָט די פּאָעזיע ווען זי פּאַרמעסט זיך מיטן יחידס בראָך, אויף אַ סינעקדאָכישן אופן. דווקא דעמאָלט ווערט דאָס לשון טיפער, קאָנצענטרירטער, אוניווערסאַלער. ביי לעוון באַמערקט מען דאָס אין זיינע לידער פּאַלאַדע וועגן דער ראָב און מיין שוועסטער, מאַמע און איך נעם מיין גורל. (ניַיוועלט, 6.2.45; 4.5.45; העפטן, 1946, זז׳ 8—9).

זיך מערקן, אַז אויך אין לעווס חורבן־לידער איז דאָ אַן אַלוזיע אויף ביאַליקס אונטער די גרינינקע ביימעלעך (ניַיוועלט 1.2.44 פּ״גל אויבן, ז׳ 301). לעוו דערמאָנט אויך משה קולבאַקס, ווילנע (דאָרטן 31.8.39).[71]

יעקב־צבי שאַרגעלס לידער ביז 1948 זענען געווען געדרוקט אין זיין בוך אין בלויען ליכט (1937) און אין דער יידיש־פּרעסע אין לאַנד. שאַרגעלס צוגאַנג אינעם בוך איז טעמאַטיש. דער ערשטער טייל איז געווידמעט, כמעט אין גאַנצן, דער אַראַבישער טעמע. דער טראָפּ ווערט געשטעלט אויפן סאָציאַלן יסוד. דער פּאָעט שטרייכט אונטער די ליידן פון די אַראַבישע פּויערים (זען למשל זז׳ 14—15). ניט געקוקט אויף דעם, איז זיין רחמנות צו זיי ניט איינזייטיק. זי איז אויסגעמישט מיט מורא אַז זייער סאָציאַלער צאָרן קאָן אויסגיין צו יידן. (זען אין בלויען ליכט, זז׳ 9, 15).

אַלע אַנדערע לידער אינעם בוך זענען אויסגעסדרט לויט אַ טעמאַטישן גאַנג (לירישע לידער, לידער איבער נאַטור און לאַנדשאַפט, לידער וועגן איינוואָרצלען זיך אין לאַנד, לידער איבער די 1936 פּאָגראָמען). ניט געקוקט אויף דעם, האָט אַזאַ פונאַנדערטייל אַ קנאַפּן באַטייט, ווייל די טעמאַטישע עלעמענטן קומען אין די לידער צוזאַמענגעפלאָכטן.

שאַרגעל סטאַרעט זיך אָפּצוהיטן דאָס פּאָעטישע לשון און אויסצומיידן איינזייטיקע און אַקטואַליסטישע אַרויסזאָגן. פון דעסטוועגן פעלן אין בוך ניט אויס פּאָליטיש־סאָציאַלע דעקלאַראַציעס (זען די בולטסטע, זז׳ 54, 56). ווי אַ סך פון זיינע קאָלעגעס אין לאַנד, האָט אויך שאַרגעל געשריבן באַלאַדן. עס וואַרפט זיך אָבער אין די אויגן זיין נטיה צו פּאָעמעס (זען כּאַראַבאַזש, איין מעת־לעת, אַלע בערג האָבן אויפגעוואַכט).

שאַרגעל היט אָפּ אַ רעגולערן גראַם. ער ניצט אַ סך אַנאַפּאָרעס, ביים

אָנהייב סטראָפע (זען למשל זז׳ 38־39); ביים אָנהייב און ביים סוף (ז׳ 60) אָדער אין גאַנצענע סטראָפעס (זען זז׳ 62—63, 67, ערשטע סטראָפע, ז׳ 71 לעצטע סטראָפע — די שינויים דאָרטן זענען מינימאַל). שאַרגעלס גראַמען זענען צו מאָל דיאַלעקטיש, אָדער כמו־דיאַלעקטיש, בפרט מיטן דיפטאָנג יי: טייַך־בלייך; שרייַען־ווייען; שניידן־פריידן; פייַן־שיין (הערלעך); וויַן־שיין (הערלעך) (זז׳ 35, 37, 21, 7, 11. זען אויך: ליכט־נעכט, ז׳ 26). עס זענען אויך פאַראַן פאַלן פון היפּערקאָרעקטע: יונג — קלונג=קלינג (שאַרף; אָנגעפּולט־פאַרהילט (זז׳ 13, 19).[72]

שאַרגעל באַניצט אַ סך העברעיִש וואָס איז ניט אַריין אינעם סעמיטישן קאָמפּאָנענט פון יידיש. די ווערטער שטאַמען פון פאַרשיידענע שיכטן. עלטערע (כּרם־וויַנגאָרטן); מאָדערנע (כּביש־שאָסיי). דער פּאָעט ברענגט אויך ווערטער וואָס דאָס מאָדערנע העברעיִש האָט געליִען ביי אַראַביש: ודי (טאָל), באַרכאַטש (ברחש = מילב) און שאַפט צונויפגעשטעלטע סובסטאַנטיוון מיט אַ העברעיִשן באַשטייטייל: שקמה — בוים (פייַגנבוים. זען דאָרטן, זז׳ 31, 23, 45).

ווי אינעם רוב ארץ־ישׂראלדיקער יידיש־פּאָעזיע פאַרנעמען קאָלירן אויך ביי שאַרגעלן אַ צענטראַל אָרט. דער טיטל פונעם בוך איז אַ באַווייז דערפון. קאָלירן שפּילן אַ וואַגיקע ראָלע ביים אויספורעמען שאַרגעלס פיגורן און דעם עצם באַטייַט פון די לידער. בלוי, וויַס, גרין, גאָלד, באַווייַזן זיך אין אַ סך באַגינען־באַשרייַבונגען און אין לידער איבער דאָרף און שטאָט (זען למשל זז׳ 19־20, 22, 24־26, 29, 67). אין די לידער וואָס באַרירן דעם אַראַבישן טעראָר קעגן יידן, זענען פאַראַן אַ סך קאָלירן און אַנטראָפּאָמאָרפישע פאַרגלייַכן: אַזוי למשל ווערן דערמאָנט דאָס רויטע בלוט און דער זונפאַרגאַנג, וואָס איז מקבר דעם ים וואָס אָטעמט און שפּייַט; די גאַסן האַלדזן זיך און פאַרבאַהאַלטן זיך; די נעכט זענען גרוילעך און וויַס; שוואַרצע הימלען גורטן אַן די לענדן; די רויטע לבנה זאָגט שלעכטע בשׂורות אין פאַרויס. (זז׳ 35, 40־44; 48־49). ביי שאַרגעלן זענען אויך פאַראַן מאָטיוון וואָס חזרן זיך איבער אין דער פּאָעזיע פונעם אָפּצווייַג: דאָס קעמל, די פּלייט, אַן אָרעמער צריף (זז׳ 6, 7, 23, 33, 48־49, 61־63). דער שאַקאַל זאָגט אָן צעשטערונג (זז׳ 60־70). זיך מערקן אַז ווען דער פּאָעט גיט צו צו דער ארץ־

ישׂראלדיקער רעם זײַנע איבערלעבענישן פון די קינדער־יאָרן — דער טויט פון דער יונגער מוטער — ווערט זײַן שאַפן פּאַרוויקלטער (ז׳, 68).

אין שאַרגעלס לידער פון חורבן־צײַט איז די נאַכט דער סימבאָל פון פּורעניות און רישעות וואָס באַפאַלן דאָס שטעטל (נײַוועלט 26.1.40). עס טרעפט אַז די נאַכט וועגט אַלץ אַריבער און אַן אומגליק געשעט מעבר לים. (דאָרטן, 18.4.41). אין אַט דעם ליד זענען אויך פאַראַן דער גייער־מאָטיוו און סימבאָלן וואָס באַווײַזן זיך אַ סך אין שאַרגעלס בוך: קאַלירן און שאַקאַלן־געיאָמער. אין אַנדערע לידער, ניט געקוקט אויף דעם וואָס די נאַכט ווערט דערמאָנט, האָפט דער פּאָעט, אַז מיט דער הילף פון פּאָעזיע און ראַטן־פאַרבאַנד, וועט רישעות פאַרשווינדן ווערן (דאָרטן, 15.9.39 ; 28.4.40 ; 1.5.41 ; 12.12.41).

צוויי לידער, מײַן שוועסטער פּערל און פּערל טענהט מיט גאָט (די בריק 1, 1944, זז׳ 14־16) זענען ענלעך געבויט. די ערשטע און די לעצטע סטראָפע אין יעדן ליד זענען מכּלומרשט איינע און די זעלבע. מכּלומרשט, ווײַל בשעת אין איין פאַל איז פּערלס לעבן אין דער ערשטער סטראָפע אַ פאַקט, איז עס אין דער לעצטער, אַ פראַגע־צייכן. אינעם אַנדערן ליד דערמאָנט די ערשטע סטראָפע דעם וועג קיין מײַדאַנעק, בשעת אין דער לעצטער גייען פּערל און אירע קינדער אויפן וועג קיין מײַדאַנעק. דער מאָטיוו פון תּרעומת קעגן אייבערשטן, הלמאַי דער חורבן, ווערט אָפּגעשוואַכט צוליב דער סטיליזאַציע פון פּערלס טענות צו גאָט.[73]

י. צ. שאַרגעלס ברודער, הלל, האָט געדרוקט לידער אין דער פּרעסע פונעם אָפּצווײַג. די לידער שטעלן צונויף לירישע עלעמענטן און אַ שאַרפן געפיל פאַר אַ סכּנה פון פאַרטיליקונג, בפרט לגבי ייִדן, אין אַ צײַט פון רעגיאָנעלע מלחמות און נאַצי־פאַרשטאַרקונג (זען: יונגע שטאָמען, ז׳ 13 ; נײַע שטאָמען, ז׳ 16 ; נײַוועלט, 5.5.39 ; אונדזערע שטאָמען, ז׳ 9). אַ צוזאַמענשטעל פון ליריק און אימה פאַר מוראַדיקע קומענדיקע געשעענישן, איז אויך פאַראַן אין הלל שאַרגעלס לידער איבער ירושלים און אירע אומגעגנטן. די לידער זענען אָנגעשריבן געוואָרן בעתּן אַראַ־בישן בונט, אין די דרײַסיקער יאָרן. (זען: נײַוועלט 21.12.36 ; ארץ־ישׂראל שריפטן, ז׳ 15).

הלל שאַרגעלס לידער אין די פערציקער יאָרן — ער איז דעמאָלט געווען אַ זעלנער — דריקן אויס האָפענונג אַז מען וועט דעם שונא

אָפּשטויסן. צווישן זיי צייכנט זיך אויס אַ ליד וווּ ער געזעגנט זיך פון זײַן טאַטע, פאַרן אַוועקגיין אויפן פראָנט (פעברואַר שטאָמען, ז׳ 3).

שאַרגעלס ליד דו (נײַוועלט 29.10.37), וואָס זאָגט אַרויס סימפּאַטיע צו ה. לייוויקן, אילוסטריט, אָבער אַ מאָל, די פאַרבינדונג פון די ייִדיש־שרײַבער אין לאַנד צו דער ייִדיש־ליטעראַטור אין אויסלאַנד.[74]

אויך ריקודה פּאָטאַש האָט ביז 1948 ניט אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרעם די לידער וואָס זי האָט אָנגעשריבן אין לאַנד און געדרוקט אין דער פּרעסע פונעם אָפּצווײַג. תּימנער ייִדן באַווײַזן זיך אַ סך אין אירע לידער, וואָס פאַרמאָגן בולטע באַלאַדישע עלעמענטן, באַזונדערש אין דאָס גרינע קלייטל. (נײַוועלט, 14.5.49).[75] ר. פּאָטאַש דערמאָנט זייער אַ סך אין איר פּאָעזיעביימער און אײ״פּרוכטן. דאָס וואַרפט זיך אין די אויגן אין דאָס גרינע קלייטל. די פּרוכטן מיט זייער שלל קאָלירן ווערן קאָנפראָנטירט מיט די קאָלירן פונעם תּימנערס קליידער. דאָס שאַפט אַ שלווהדיקן עפעקט וואָס פאַרשטאַרקט דעם טראַגישן סוף פונעם ליד: דעם ייִדס דרײַ זין ווערן דערהרגעט אין דער באַפרײַונג־מילחמה.

ארץ־ישׂראלדיקע פּרוכטן און ביימער געפינט מען אין פּאָטאַשס לידער פון זינט זי איז אָנגעקומען אין לאַנד. זי פאַרגלײַכט אירע אויגן צו ווײַנטרויבן און איר מאַמע צו אַ בוים. (נײַוועלט 12.12.34; ארץ־ישׂראל שריפטן, ז׳ 9).

אין די פערציקער יאָרן שרײַבט זי וועגן חורבן, סײַ בפּירוש, סײַ מיט רמזים. אויך דאָ וואָרצלען די אימאַזשן אין די פריִער דערמאָנטע עלעמענטן. אַ באַרנבוים און די פּרוכטן וואָס דער ווינט צעשפּרייט, זענען אַ פּאַראַלעל פון דער נאַטור צו דער שוועסטער וואָס איז פאַרבליבן, עלנט, אין ברענענדיקן פּוילן. (מײַן שוועסטער, נײַוועלט, 17.11.39). דאָס פירן ייִדן צו דער שחיטה איז אַזוי ווי פירן ביימער, וואָס זענען אויסגעריסן געוואָרן פונעם וואָרצל. (לובלין, דאָרטן, 26.1.50). צו די דאָזיקע אימאַזשן האָט די דיכטערין צוגעגעבן אימאַזשן פון בעלי־חיים, אַ דערשײַנונג וואָס כאַראַקטעריזירט דאָס רוב ייִדיש־לידער אָנגעשריבן אין לאַנד בעתן חורבן. אין לובלין ווערן די ייִדן פאַרגליכן צווישן אַנדערן, צו גענדז וואָס מען פירט אויפן יריד און זיי פאַרטײַען די קעפּ פאַר דער שחיטה. דער עבר פונעם פּאָעטישן איך איז אַ גע־

קוילעט קאַלב, אין אַ צײַט ווען מען קען אַלעמען צופירן ווי קעלבער צום שעכטהויז.[76]

זיך מערקן אַז בײַ ריקודה פּאָטאַש איז פאַראַן אַ לירישער טאָן, וואָס שיידט אָפּ איר פּאָעזיע פונעם רוב לידער געשריבן אין ייִדיש אין א״י אין יענער צײַט. פּאָטאַש צייכנט זיך אויס מיט אַליטעראַציע. אירע גראַמען — ניט רעגולערע — זענען צו מאָל דיאַלעקטיש.

ליובאַ וואַסערמאַן, וואָס האָט געלעבט אין לאַנד פון 1925 ביז 1931, האָט אַרויסגעגעבן אַ העפטל לירישע לידער, פאַרנאַכטן.[77] צוויי יסודות וואָרפן זיך אין די אויגן אין אירע לידער: דער סאָציאַלער יסוד (זען סלאָוועטיטשע, מאַמע) און דער לירישער. זי איז פון די געציילטע ייִדיש־פּאָעטן אין לאַנד ביז 1948, וואָס מען געפינט עראָטיק אין זייערע לידער. צו מאָל ווערט דאָס אויסגעדריקט גאָר בפירוש (זז׳ 10־11). צו מאָל איז דער טאָן ליריש־מינאָריש און באַרירט טיילן גוף (אויגן), אָדער ווענדט זיך צו אַ פאַרגלײַך מיט תבואה און פרוכטן (ז׳ 14). זי דערמאָנט אויך אַ סך קאָלירן אין אירע לידער (זז׳ 16־17). ל. וואַסער־מאַן האָט אויך אָנגעשריבן לירישע לידער איבער ירושלים (זז׳ 5־7). דאָס אָרט פון קאָלירן איז דאָ ניכּר, אַזוי ווי עס איז ניכּר אין שטימונג־לידער (זז׳ 18־20).

שלמה שענהויט־שנהוד, איז דער איינציקער שרײַבער פונעם אָפּצווײַג וואָס איז געוואָרן אַ טאָפּל־שפּראַכיקער פּאָעט און אַן איבערזעצער פון ייִדיש־ביכער אויף העברעיִש.[78] זײַן שאַפן ביז 1948 איז געווען געדרוקט אין זײַן בוך צווישן בלוי און ים (1939) און אין דער ייִדיש־פּרעסע אין לאַנד. צווישן בלוי און ים איז פונאַנדער־געטיילט טעמאַטיש. דער ערשטער חלק פון בוך, דאָס ליד אין שאָטן פון מײַן אַמאָליקער היים, איז געבויט אויף פיר פראַגמענטן וואָס באַוועגן זיך אַהין און צוריק, צווישן דער אַלטער היים און א״י. וועגן חורבן פון דער היים, ווו ס׳איז געווען הכנסת־אורחים און אמונה, איז מרמז די ערשטע סטראָפע (ז׳ 6). די סטראָפע איז געבויט אויף אַנט־ראַפּאָמאָרפיע און אויף דער סתירה שאָטן־ליכט. די אַנדערע דרײַ פראַג־מענטן קאָנפראָנטירן די שווערע ווירקלעכקייט וואָס דער איך לעבט איבער — דאָ — מיט דער אָפּהענטיקייט אַרויסצוהעלפן דער קראַנקער מאַמען־דאָרטן.

דער צווייטער חלק, די טויערן פון מײַן גאָרטן, נעמט אַרײַן לירישע

לידער, ווו די נאַכט איז אַ צענטראַלער מאָטיוו (זען זז׳ 13, 15, 17־18, 20) און נאַטורלידער (זז׳ 21־23). דאָס רוב לידער אינעם דריטן אָפּטייל, פּאַרגעסן, זענען ליבעלידער. עס איז אין זיי פאַראַן אַ דמיונדיקער צוריקקער צו אַ קלײנער שטאָט צי שטעטל, ווו דער איך האָט געחלומט וועגן ליבע און געהאַט יוגנט־אויסקוקן. (זען זז׳ 36, 35, 28). דער פּאָן פון די לידער איז אַ פינצטערע נאַכט צי אַ גאָרטן מיט אַ בערעזע, וואָס געדענקט דעם פּאָעטס אַ ליד. אויגן, ביימער און פעלדער, פאַרנעמען דאָ אַ וואָגיק אָרט. (זז׳ 29־34).

דער פערטער אָפּטייל — וואָס הייסט אַזוי ווי דאָס בוך — איז כולל לידער איבער א״י. די לידער פאַרמאָגן בשותּפותדיקע שטריכן מיט דער גאַנצער ייִדיש־פּאָעזיע אין לאַנד ביז 1948. בלוי און ים באַווייַזן זיך זייער אָפט (זען זז׳ 41־44; 46־47; 51־52). אַ סך לידער ברענגען אַרויס פרייד און אָפּטימיזם איבערן אויפבוי פון לאַנד. דערצו זענען פאַראַן אײנציקע נאַטור־באַשרייַבן. אין שענהויט־שנהודס לידער וועגן די אַראַבישע פּאַגראָמען, מישן זיך אויס גאָלד און שוואַרץ מיט רויט. אויך דאָ איז דער שאָקאָל אַ סימבאָל פונעם פּרווו צו פאַרטיליקן דעם יישוב (זען ז׳ 47; פ״גל אויבן, ז׳ 305).

די לעצטע פינף לידער אינעם בוך אידענטיפיצירן זיך מיט די ליידן פון פאָלק און דריקן אויס האָפענונג אַז עס וועט אויסגעלייזט ווערן.

שענהויט־שנהודס פּאָעזיע נאָך צווישן בלוי און ים, ביז 1948, איז נוגע, דערעיקרשט, דעם חורבן. דאָ זענען פאַראַן אַ סך נאַכטוויזיעס (זען נייַוועלט 28.5.43; 15.11.44; 23.10.40) און אויך תּרעומת צום אייבערשטן (28.9.45). דאָס געשטאַלט פון דער מאַמען באַווייַזט זיך אין אַ נאַכטוויזיע און אויך אין דער פּאָעמע מייַן מאַמע. (העפטן, חיפה 1946, זז׳ 4־6). שענהויט־שנהודס גראַמען זענען דיאַלעקטיש: טיפע־גופא; אייַך־לאַך; געגליט־גערוט (זען אין בוך זז׳ 32, 49) דער אײנציקער אָפּווייַך פון זייַן מיזרח־גאַליציִשן ייִדיש קומט פאַר אין מייַן מאַמע (העפטן, ז׳ 6) ווו דער פּאָעט האָט געגראַמט מזבח־כּוח.[97]

י. ח. בילעצקים לידער ביז 1948 זענען אַרויס אין פיר ביכער, אַלע געדרוקט אין ת״א. אומרו (תרצ״ז, אונטערן פּסעוודאָנים ראַיאַ מאַנאַ); שוועלן (1938); וויי און גלויבן (1944); ייִדישע ווערטער (1948). בילעצקיס פּאָעזיע ביז די פערציקער יאָרן נייגט צו עקספּרעסיאָניס־טישער ליריק. עס איז דעריבער קיין חידוש נישט וואָס אין אומרו

(ז׳ פ״ה), ברענגט בילעצקי משה בראָדערזאָנס באַקאַנטע שורה Per aspera ad astra. דאָס באַווײַזט ווידער אַ מאָל, אַז מאָדערנע ייִדיש־ליטעראַטור איז געווען דער עיקרדיקער מקור פונעם אָפּצווייַג. ניט נאָר בראָדערזאָן ווערט דערמאָנט בײַ בילעצקין. זײַן פּאָעזיע פאַר־רופט זיך אויף פּרצעס איוב ניט נאָך העכער, אויף גראַדען, אויף משה נאַדירן. דערצו הייסט איינס פון בילעצקיס לידער ׳רינט און ריזלט דאָרט אַ שטראָם׳ נאָך אשר שוואַרצמאַנס אַ באַקאַנטע שורה (זען ייִדישע ווערטער, זז׳ 50, 46, 31־34; ווי און גלויבן, זז׳ 12־13).

אין רוב פון בילעצקיס לידער פון יענער צייַט, געפינט מען גייַס־טיקע קווענקלעבישן און זוכעבישן צווישן פינצטער, גסיסה, טרויער און עלנט. דער פּאָעטישער איך דריקט אויס זײַנע געפילן מיט דעקלאַראַ־טיווע, בפירושע אַרויסזאָגן און מיט שאַרפע אימאַזשן, וואָס ווילן אויפט־רייסלען און דערשטוינען. די דאָזיקע אימאַזשן, וואָס אָפּט מאָל זענען זיי בכיוון פּראָזאַיִש, חזרן זיך אַ סך איבער, סײַ אין צונויפשטעל, סײַ באַזונדער. בלוט איז אַ באַשטענדיקער מאָטיוו אין די לידער וואָס פּרווון אויסדריקן די פּייַן פונעם לירישן איך און זײַנע ראַנגלענישן (זען, למשל שוועלן, זז׳ 80, 23־25, 31־32, 15, 17, 40, 65). דער איך נייגט זייער צו אימאַזשן מיט פליסיקע יסודות. געשפּײַ סימבאָליזירט אכזריות (דאָרטן, זז׳ 39, 41, 76); אַ ברונעם און עמערס שטעלן פאַר דעם איכס לעבן, וואָס גייט פאַרבײַ און פאַרשווינדט (דאָרטן, זז׳ 14, 5, 6, 11. אויף ז׳ 11 איז דעם פּאָעטס לעבן געגליכן צו אײַטער).

אין ייִדישע ווערטער זענען פאַראַן וויזיעס פון הריגה און חורבן, וואָס דריקן אויס עקל פון מלחמות. בעלי־חיים פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין אַ טייל פון די לידער. אין אַ באַלאַדע וועגן דאַרווין, בעט דער וויסנשאַפטלער בײַ דער מאַלפּע מחילה פאַרן מענטשנס פאַרברעכנס. וואָראָנעס, וואָס בלוט טריפט פון זייערע שנאָבלען, סימבאָליזירן פאַר־טיליקונג. (ייִדישע ווערטער. זז׳ 21־23, 41, 42, 79 און פ״גל שוועלן, ז׳ 19) בעלי־חיים שפּילן בכלל אַ וויכטיקע ראָלע אין בילעצקיס פּאָעזיע. בילנדיקע הינט באַוויַיזן זיך אין טעג פון וואַנדער און נעכט פון זוכע־נישן, ווען זונות פאַרקויפן זייערע קערפּערס און מענטשן ווערן געהאָנ־גען. צו מאָל איז דער הונט אַ פיגור פאַרן פּאָעטישן איך (זען למשל שוועלן, זז׳ 76, 69־70, 44; אומרו, ס״ד־ס״ה). דעם איכס אומגלויבן וועט רעווען ווי אַ קו (ייִדישע ווערטער ז׳ 46). די נשמה איז אַזוי ווי

געקוילעטע טויבן (שוועלן, ז׳ 35). גיפטיקע שלאַנגען ווערן אָפּט מאָל דערמאָנט (דאָרטן, זז׳ 45, 54, 69). אַ פאַרשפּרייטער מאָטיוו אין דער יידיש־פּאָעזיע איבערן חורבן, עקידת־יצחק, און אויך דער מאָטיוו פונעם פאָסטעך און זיין סטאַדע זענען פאַראַן ביי בילעצקין. (דאָרטן ז׳ 11; ווייי און גלויבן, זז׳ 14־15; יידישע ווערטער, ז׳ 60).

דאָס קעמל, (ס׳איז כמעט ניטאָ אַ יידיש־פּאָעט אין לאַנד וואָס זאָל ניט דערמאָנען דאָס קעמל), ווערט געבראַכט אין שוועלן און אומרו (זז׳ 48, ב.) עלנט, סיי אין אַ פאַרשלאָסן הויז, סיי וואַנדערנדיק, געפינט מען אַ סך מאָל אין בילעצקיס לידער, צוזאַמען מיט נאַטור־אימאַזשן. פרעמדע שוועלן זענען אויך פאַרבונדן מיט וואַנדערונגען. פון דעם נעמט זיך אויך דער נאָמען פון איינעם פון די ביכער (זען: שוועלן, זז׳ 5, 56, 44, 31, 35־38). בייטן, ביימער און זאַנגען סימבאָליזירן אין יידישע ווערטער די האָפענונג אַז א״י וועט דערלייזט ווערן אויף צו־להכעיס דעם חורבן און דער פאַרטיליקונג.

נאָך צוויי מאָטיוון ווייזן זיך זייער בולט אַרויס אין בילעצקיס פּאָעזיע פון די פערציקער יאָרן. דאָס בענקעניש אַהיים און נאָכן טאַטן (זען היים (יידישע ווערטער) און ווייי און גלויבן, זז׳ 3־11) און די יידישע אותיות, וואָס סימבאָליזירן דעם חורבן און ווערן געגליכן צו פאַרברענגט, געשענדטע טויבן. זיי זענען פאַרבונדן מיט דער היים וואָס איז מער ניטאָ. דאָס בוך ווייי און גלויבן איז געהייליקט די יידישע אותיות. (זען שער־בלאַט און פ״גל יידישע ווערטער זז׳ 17, 43). פון דער צווייטער זייט, סימבאָליזירן די יידישע אותיות דעם צוריקקער קיין א״י און דאָס לעבן וואָס האָט דאָרטן אַ המשך. (זען דאָרטן, זז׳ 5, 77 און נאָך וועגן יידישע אותיות, דאָרטן, זז׳ 38־39, 78, 69, 64, 56).

אין די אויבן דערמאָנטע ביכער געפינט מען אויך סאָציאַלע לידער (זען, למשל, אומרו זז׳ כ״ט, ל״ה, ב״ר־ב״ז; שוועלן, 26־27, 46־47).

בילעצקיס גראַמען זענען צפונדיק און על־פי־רוב רעגולער.

מאיר פאַקנטרעגער, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון חורבן, האָט געדרוקט אייניקע לידער אין נייוועלט (זען למשל, 21.2.47; 13.1.48). אָנהייב 1947, משמעות, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ העפטל לידער, אויפן שוועל פון טאָג. דער חורבן איז דער פאָן פון אַלע לידער, אויך יענע וואָס זאָגן אַרויס גלויבן אינעם קיום פון יידישן פאָלק. מען געפינט דאָ די אָנגענומענע אימאַזשן פון יידיש־פּאָעזיע אין לאַנד אין יענער

צײַט. דאָס פאָלק איז אַזוי ווי אַן אויסגעשעניטענער וואַלד וואָס וועט וואַקסן פון דאָס נײַ (דאָרטן, זז׳ 8־9, 26). די קרבנות זענען אַזוי ווי געשאָכטענע טויבן (זז׳ 12, 29). די נאַטור און די פעלדער אין א״י זאָגן אָן אויף בעסערע טעג. דער פּאָעטישער איך וויל זיך אײַנשפּאַנען אין קיבוץ און טראָגן, ווי דאָס קעמל, אַ שווערע משׂא (זען זז׳ 21־22). אויך פאַקנטערגער באַניצט העברעיִש וואָס איז ניט אַרײַן אינעם סעמי־טישן קאָמפּאָנענט פון יידיש. (זען, חציר, ז׳ 22). פאַקנטערגערס גראַמען זענען דיאַלעקטיש: שטראַל־מײַל; פּלי־דו; פּײַן־היים; גרייט = לרעט — פּאָעט (זז׳ 16, 17, 22).[81]

די ערשטע דרוקזאַך פון אַ יחיד פאַרבונדן צום אָפּצווייַג, איז מנחם סטעמפּעלס אויף דער שוועל פון ליכטיקן טאָג (תל־אָביב, 1928). ווי פריִער דערמאָנט (אויבן, ז׳ 276), איז א. טאַבאַטשניקס אָפּשאַץ פון סטעמ־פּעלס העפטל לידער זייער וויכטיק. טאַבאַטשניק האָט אונטערגעשטראָכן, אַז מען דאַרף צוגיין צו יידיש־ליטעראַטור אין ארץ־ישׂראל מיט ליטע־ראַרישע וואָג און מאָסן. דניאל לייבל, וואָס האָט 1935 אַרויסגעזאָגט אַן ענלעכע מיינונג (אויבן, דאָרטן), האָט אָנגעשריבן אַן התלהבותדיקע הקדמה צו סטעמפּעלס העפטל. צווישן אַנדערן האָט ער באַמערקט אַז די פּראָבלעמאַטיק פון דער העברעיִשער פּאָעזיע אין לאַנד איז סקעפּטיש. דער היפּוך צו איר איז יידיש, וואָס איז אַ רחבותדיקע, דירעקטע, פּשוטע שפּראַך.

ווי אַ סך אַנדערע יידיש־פּאָעטן אין לאַנד ביז 1948, באַניצט אויך סטעמפּעל אַ סך אַנטראָפּאָמאָרפישע אימאַזשן. די פעלדזן וואָס שטייַנ־האָקערס רײַסן אויף, זענען ווי מענטשלעכעביינער און צעריסענע בײַכער; דאָס לאַנד פון א״י אָטעמט און האָט ליפּן (זז׳ 9־10; 26־27). עטלעכע פון די באַשטענדיקע מאָטיוון אין דער יידיש־פּאָעזיע אין יענער צײַט, זענען אויך פאַראַן בײַ סטעמפּעלען: קעמל, אהל (אַזוי אין טעקסט־געצעלט), צלמים, גלעקער (זען זז׳ 8, 32, 5־6). די לידער שפּיגלען אָפּ אַ טיפן צובונד צו א״י, זײַן אויפבוי און באַפרוכפּערונג (זען זז׳ 25, 28־29, 13־16). זיך מערקן, אַז אינעם ליד ווײַנטרויבן האָט דער פּאָעט פאַרגליכן אַ בינטל ווײַנטרויבן צו בריסט און געווענדט דאָס ליד צו עראָטיק, אַ טעמאַטיק וואָס יידיש־פּאָעזיע אין לאַנד האָט כמעט ווי ניט דערמאָנט ביז 1948.[82]

יהושע מאַניק־לעדערמאַן, איז עולה געווען 1935, נאָך דעם ווי ער

האָט געלעבט עטלעכע יאָר אין אַמעריקע. דאָס זעלבע יאָר האָט ער אַרויסגעגעבן זײַן ערשט בוך, מעטאַלענע קוויטן, ווו עס גייען אַרײַן לידער אָנגעשריבן אין אייראָפּע און אַמעריקע. 1941 איז אַרויס אין אַ קליין העפטל זײַן פּאָעמע איך. מאַניקס נטיה צו וויזיאָנערער פּאָעזיע, שוין קענטיק אין מעטאַלענע קוויטן, וואַרפט זיך אין די אויגן אין איך, וואָס איז אַ וויזיע פון תוהו־ובוהו און חורבן. דער איך באַשרײַבט עס דורך קערפּערטיילן וואָס ווערן פאַרגליכן צו בעלי־חיים און געוויקסן (זען למשל זז׳ 10־11). עס איז קיין חידוש ניט וואָס בײַם באַשרײַבן דעם חורבן פונעם אוניווערס, זענען פאַראַן אַ סך אַנטראָפּאָמאָרפישע אימאַזשן. בלוט טריפט פון שטיינער, ביימער בייגן זיך אײַן און שרײַען, באַקלאָגן זיך אויף דער פאַרטיליקונג. דאָס בלוט פונעם איך קערט אָן דער וועלט דאָס לעבן, אין אַ וויזיע פון ׳וגר זאב עם כבש׳ (זז׳ 18־20).

אין די לידער וואָס מאַניק האָט געדרוקט אין נײַוועלט און די בריק, אין די פערציקער יאָרן, פאַרנעמט דער חורבן אַ צענטראַל אָרט. אַ סך שטריכן פון דער ייִדיש־פּאָעזיע אין לאַנד אין יענער צײַט זענען אויך פאַראַן בײַ מאַניקן: תרעומת צום אייבערשטן, זאָרג פאַר קרובים, דאָס אידענטיפיצירן זיך מיט די יסורים פו די קרבנות, פרייד מחמת דער מפּלה פון די דײַטשן.[83]

שמחה אײַזנס פּאָעזיע, געדרוקט אונטערן פּסעוודאָנים יעקב שטאָל, טיילט זיך אויס פונעם רוב ייִדיש־פּאָעזיע אין לאַנד ביז 1948, מיט דעם וואָס זי איז פרײַ פון אידעאָלאָגישע התחייבותן. שטאָלס צובונד צו א״י, איז אומפאַרמיטלט און פאַרוואָרצלט — ניט דעקלאַראַטיוו. דער נאָמען ארץ־ישראל ווערט אין זײַנע לידער קיין מאָל ניט דערמאָנט. די פאַרבינדונג צום באָדן, וואָס אַ מענטש באַפרוכפּערט און שענקט אים אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט, איז די טיפסטע איבערלעבעניש אין שטאָלס פּאָעזיע.

די דאָזיקע איבערלעבעניש קומט צום אויסדרוק אין זײַן שטאָלצן ליד, איך און מײַן טאַטע (אונדזערע שטאַמען, זז׳ 16־18). דאָס ליד איז אַ דמיונדיקע נסיעה צו טאַטע־מאַמעס היים. דער אינזיכדיקער צוריקקער צו דער קינדהייט און די צײַט וואָס איז זינט דעמאָלט אַריבער, שטעלן מיט זיך פאָר אַ בילד פון עקידת־יצחק און אַן אַלטער זייגער. דער זייגער דערמאָנט אַז דער פּאָעט איז אַלט געוואָרן 32 יאָר. דער פּאָעט פירט אַ דיאַלאָג מיט זײַן טאַטן, וואָס שפּרודלט מיט שׂכל־הישר

און ניכטערקייט. דאָס ווערט אַרויסגעבראַכט דורך מילדן שפּאָט — דער טאַטע רופט אָן ארץ־ישׂראל ׳לאַנד כנען׳ — און רחמנות — די רייד און די מעשׂים פונעם זון זענען פאַרן טאַטן אַ חידוש. דער זון זינגט צו דער פרייַהייט אין לאַנד. די הימלען דאָרטן זענען זייַן דאַך און דאָס גראָז וואָס ער האָט געפלאַנצט אויף איר וויסטן באָדן־זייַן בעט. די שפּראַכפיגורן פונעם פאָעטישן איך שטעלן צונויף נאַטור און קאָלירן. עס איז דעריבער קיין וווּנדער ניט וואָס דער ניגון פונעם פאָעט איז, להיפּוך צו דעם טאַטנס מאָנאָטאָנעם ניגון, גרין. דער צונויפשטעל נאַטור־קאָלירן באַווייַזט זיך אויך זייער קלאָר אין שטאָלס בוך אין דער אויפגעמאַכטער טיר (1935. זען למשל, זז׳ 5־14, 16, 45).

פּשוט עסן און געטראַנק זענען נאָך אַ בולטער באַשטייטייל אין שטאָלס פּאָעזיע. עסן און משקה סימבאָליזירן וואַרעמע מענטשלעכע פאַרבינדונג און הכנסת־אורחים.

אַ מאָטיוו וואָס חזרט זיך איבער אין שטאָלס פּאָעזיע איז דאָס וואַנדערן באָרוועס. אַזאַ וואַנדערן שטעלט מיט זיך פאָר פרייַהייט און שטרעבונג צו דערהויבנקייט (זען זז׳ 6, 8, 46). דאָ גייט עס ניט בלויז אין דאָרפישער לאַנדשאַפט. שטאָלס ליד מאַניפעסט פון טראַסק צום יאָר 1929, הייבט זיך אָן מיט אָט אַ דעם מאָטיוו. שטאָל, אַ חבר אין דער תל־אָביבער באָהעמיע, וואָס האָט זיך אָנגערופן חברה־טראַסק, האָט דאָס ליד געדרוקט אין איינס, זז׳ 19־21. אינעם מאַניפעסט שפּיגלען זיך אָפּ, פונקט ווי אין איך און מייַן טאַטע, די שטרעבונג צו פרייַהייט און דער בונט קעגן אַלץ וואָס איז אינסטיטוציאָנירט. להיפּוך צו שטאָלס רוב לידער — וואָס זענען געשריבן מיט רעגולערן גראַם — איז דער מאַניפעסט געשריבן אין ווייַסע פערזן. דאָס שטימט מיטן בונטאַרישן, אַנטיקאָנווענציאָנעלן טאָן פונעם ליד. דאָ איז קענטיק די השפּעה פון דער יידיש־עקספּרעסיאָניסטישער פּאָעזיע, כאָטש עס פעלן אינעם מאַניפעסט דער געשריי און די אויסשליסלעכע כּפירה וואָס כאַראַקטעריזירן אָט די פּאָעזיע אין אייראָפּע. ביי שטאָלן, אַזוי ווי ביי דער יידיש־עקספּרעסיאָניסטישער פּאָעזיע, איז פאַראַן אַ נטיה צו באַנייַען ווערטער. שטאָל באַניצט בכּיוון פּאַרטיציפּן מיטן סופיקס בא, אָן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פאַר נייַע ווערטער אין יידיש. ער שרייַבט למשל: ׳די באַרעגנ־מאָנטלטע און באַאפנימטע׳. קיין איין יידיש־שרייַבער אין לאַנד ביז 1948 — שטאָל בתוכם — האָט ניט געפּרווּט נאָך אַ מאָל צו שאַפן

פּאַרטיציפּן דורכן אויסגיסן מאָדערנעם העברעיִש — אין דעם פאַל אפּניים־ראָוועֶר — אינעם מישקל פונעם ייִדיש־פּאַרטיציפּ.

דאָס קעמל איז אויך בײַ שטאָלן אַ וואָגיקער מאָטיוו, אָבער ניט ווי בײַ זײַנע קאָלעגעס, איז דאָס קעמל אַ סימבאָל פון פרײַהייט און אָפּטימיזם. עס איז דעריבער קיין חידוש ניט וואָס אינעם מאַניפעסט פאַרגלײַכט דער פּאָעט די חברה־טראַסק צו יונגע ווײַסע קעמלען.[84] אינעם מאַניפעסט באַווײַזט זיך, ווידער אַ מאָל, דער מאָטיוו פון עסן און משקה. דער דאָזיקער מאָטיוו איז אויך אַ באַטײַטיקער יסוד אין די שפּראַכפיגורן פון דער פּאָעמע פיר שוואַרצע מאַסקעטערן (שטאַמען 1936, זז׳ 1־3). די פיר מאַסקעטערן זענען סודאַנישע פּאָרט־אַרבעטער, וואָס זייער אָרומשפּרײַזן איבער די גאַסן פון שטאָט, באַרוועס (זען אויבן ז׳ 314), שפּיגלט אָפּ, אָבער אַ מאָל, די ערשטיקע וויטאַליטעט פון שטאָלס פּאָעזיע. צו די אימאַזשן, באַלאָדן מיט געטראַנק און מאכלים, קומען צו קאָלירן, נאַטור און בעלי־חיים. די שוואַרצע הויט פון די סודאַנער, איז דער קאָנטראַסט צום קאָליר פונעם געלט וואָס זיי האָבן פאַרדינט און צו די זעק וואָס וויקלען אײַן זייערע קערפּערס. די שטאָט־מויערן זענען ווי אָקסן ציינגער און ווי קעפּ אָן הערנער און די סודאַנער גופא, שוואַרצע קעץ.

שטאָל ווענדט זיך זייער אַ סך צו דער אַראַבישער טעמאַטיק. דוגמאות דערפון זענען פאַראַן אין דער אויפגעמאַכטער טיר (זז׳ 15־16; 39־42; 54־56) און באַזונדערש אין דער פּאָעמע אַ חתונה אין קאַטרע (ת״א, 1931), ווו עס שפּיגלען זיך אָפּ די פּאָעטישע עלעמענטן וואָס זענען פריִער דערמאָנט געוואָרן. ווײַטער וועט מען זען, אַז אינעם ביסל דראַמאַטישע שריפטן וואָס שטאָל האָט געדרוקט אין יענער צײַט, זענען אַלע פאַרשוויגען אַראַבער.

דאָס איינציקע ליד ווו שטאָל האָט רעאַגירט — ניט בפירוש — אויף אַ היסטאָריש געשעעניש אין לאַנד — די תרפּ״ט פּאָגראָמען — טראָגט דעם באַטײַטיקן נאָמען צו מײַנע ברידער סעמיטן. (צווישן צוויי און דרײַ, זז׳ 1־4). אויב מען נעמט אין באַטראַכט אַז די איינציקע דער־מאָנונגען פון א״י אין שטאָלס פּאָעזיע זענען ׳לאַנד כנען׳ און ׳מדבר־לאַנד כנען׳ (זען אויבן ז׳ 314 און אין דער אויפגעמאַכטער טיר, ז׳ 6) און אַז צווישן זײַנע ניט־געדרוקטע שריפטן איז דאָ אַ פּאָעמע מיטן נאָמען כנען, קען מען זען אַז שטאָל פאַרמאָגט אַ טיפן צובונד צום

קדמונישן ארץ־ישׂראל. פון דעסטוועגן, דאַרף מען ניט זען אין אָט אָ דעם צובונד צו כּנען אָ באַגרינדטע אויסקריסטאַליזירטע אידעאָלאָגיע.[85]

שטאָל איז פון די געציילטע ייִדיש־פּאָעטן אין א״י אין יענער צײַט, וואָס עראָטיק שפּילט אָ צענטראַלע ראָלע אין זײַן שאַפן. זײַן עראָטישע פּאָעזיע פאַרמאָגט אָ מינאָר איידל לירישן טאָן, און עס איז אין איר פאַראַן דאָס בענקעניש און דער טרויער פון אַנטוישונג און פאַרגעסעניש. (זען למשל, זז׳ 17־23, 30־32, 33, 37, 47).

שטאָל, וואָס האָט אָנטייל גענומען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, ניט געקוקט אויף זײַן עלטער, האָט זייער ווייניק געדרוקט אין די פערציקער יאָרן. די צוויי לידער וואָס זענען אַרויס אין נײַװעלט (6.2.45; 15.3.46), זענען אָנגעשריבן געוואָרן אין איטאַליע. די פרײַהייט און די ברויזנדיקע לעבנסלוסט וואָס כאַראַקטעריזירן שטאָלס פּאָעזיע ביז די פערציקער יאָרן, זענען פאַרשוווּנדן. דאָ שפּירט זיך די מידקייט, די איינזאַמקייט און דער טרויער וואָס נאָך דער שחיטה. להיפּוך צום רוב קאָלעגעס זײַנע אין לאַנד, דערמאָנט ניט שטאָל דעם חורבן בפירוש. ער איז מרמז אויף דעם דורך אַן איראָנישער אַנטראָפּאָמאָרפיע פונעם סימבאָל פון קריסטלעכקייט — אויף די טויטע צלמים הענגען ייִדן — און מיט אָ ניט־דערוואַרטער סינעקדאָך — עס טריפט פון די צלמים נאָר אַן איין־און־איינציקע טרער. (נײַװעלט, 15.3.46).[86]

אריה שמרים שאַפן איז דער וויכטיקסטער אויסדרוק פון ייִדיש־פּאָעזיע אין דעם אָפּצווײַג ביז 1948. זײַנע לידער ביז דעמאָלט זענען אַרײַן אין זײַן בוך **אין טויער פון טאָג** (1947). שמרי האָט שטאַרק מקפּיד געווען אויף זײַן שאַפן. פון די נײַן לידער געדרוקט אין דער פרעסע פונעם אָפּצווײַג (זען **נײַע שטאַמען**, זז׳ 9־10; **אונדזערס**, זז׳ 25־27), האָט ער אַרײַנגענומען אין בוך דרײַ, אַלע דרײַ מיט שינויים. די אַנדערע זעקס, וואָס זענען וואָגיקער פונעם רוב ייִדיש־לידער אין א״י ביז 1948, האָט ער אויסגעבראַקירט. שמרים פּאָעזיע איז פילפאַכיק און פאַרוויקלט. זי באַגרענעצט זיך ניט צו די איבערלעבענישן פון אַרבעטנדיקן א״י, נײַערט ברענגט אַרויס דעם מכריעדיקן באַשלוס פונעם פּאָעטישן איך זיך אָפּצורײַסן פון דער היים וווּ ער איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן, אָ חסידיש הויז אין פּוילן, כּדי זיך צו באַזעצן אין אָ קיבוץ פון השומר־הצעיר. אָט דער אָפּרײַס איז גורם אָ באַשטענדיקן ווידעראַנאַנד צווישן דעם צובונד צו דער שלמותדיקער אמונה פון דער קינדהייט

און יוגנט און דעם צובונד צו דער געזעלשאַפטלעכער רעם צו וועלכער דער פּאָעט איז געווען אַ שותּף זײַן גאַנץ לעבן אין א״י. אָט אַ דער ווידעראַנאַנד, וואָס איז ניט בנימצא אין דער פּאָעזיע פֿונעם אָפּצווײַג — ווי עס וואָלט איר עובֿדא געווען צו דינען ווי אַ מין צולאָג צו דער פּראָפּאַגאַנדע לטובֿת דעם אַרבעטנדיקן א״י — כאַראַקטעריזירט שמריס שאַפֿן, זײַן פּאָעטישע באַזונדערקייט. שמריס פּאָעזיע באַוועגט זיך כּסדר צווישן דאָ און דאָרטן און שעפּט דאָס רובֿ שפּראַכפֿיגורן פֿונעם איך דאָרטן. דער איך רופֿט אָן זײַן לעבן מעבר־לים ׳אַ ווײַטע פֿאַרלאָרענע פֿרייד׳ (אין טויער פֿון טאָג, ז׳ 7). דאָס איז אַ וועלט פֿון וועלכער דער איך איז אַוועק ׳נישט מיט לעסטער אַ שפּײַ, כ׳האָב נישט געביטן שכינה אויף זונה׳ (דאָרטן, ז׳ 21). אויך די כּלומרשט ׳דאָ לידער׳, ציִען זייער יניקה פֿון דאָרטן. כּלומרשט, ווײַל די דרײַסיקער און פֿערציקער יאָרן פֿון צוואַנציקסטן י״ה אין א״י זענען ניט בבחינת דאָס עיקרדיקסטע געשעעניש אין דער געשיכטע פֿון פֿאָלק, נאָר אַ רינג אין אַ קייט פֿון דורות און דורות. כּלומרשט, ווײַל צײַט איז אין שמריס פּאָעזיע אַ פּילפּאַכיקער יסוד אַרײַנגעפֿלאָכטן אין אַ באַשטענדיקער, פֿײַנער לעכער פֿאַרבינדונג מיטן דאָרטן (זען ז׳ 86). אויך אין די לידער וואָס זענען נוגע דעם חורבן, נייגט ניט שמרי צו דירעקטע אַרויסזאָגן, שאַבלאָנער שפּראַך אָדער אומבאַהאָלפֿענע געגראַמטע געשרייען. ער ניצט רמזים און אַסאָציאַטיווע לשון, וואָס פֿאַרברייטערן דעם באַטײַט פֿון זײַן פּאָעזיע און פֿאַרשטאַרקן איר רושם.

דאָס ליד וואָס עפֿנט די זאַמלונג, אַ ליד אָן אַ נאָמען, אילוסטרירט שמריס שאַפֿן. ווי געזאָגט, ווערן דאָ דערמאָנט די אמונה און די פֿרייד וואָס זענען מער ניטאָ. שמרי שטעלט צונויף רעגולערע גראַמען מיט ווײַסע פֿערזן, אַליטעראַציע און פּאַראַלעל, אַנאַפֿאָר און אַלוזיע, בעלי־חיים און געוויקסן און באַוועגט די צײַט, כּסדר, אַהין און צוריק, אין ווידזיעס וואָס צעפֿאַלן זיך ׳ווי אַ רויז אין כאַמסיניקן ווינט׳ (דאָרטן, ז׳ 7). די סימבאָלן און אַסאָציאַציעס אינעם ליד פֿאַרטיפֿן זײַן קאָנאָטאַטיווקייט אויף אַזוי ווײַט, אַז דאָס איז ניט בלויז אַ ליד וועגן דער פֿאַרלאָרענער אמונה, נאָר אויך אַ ליבעליד, אַ ליבע וואָס געווען און איז מער ניטאָ. דאָס בענקעניש נאָך אָט אָ דער אמונה־ליבע, איז געקניפּט און געבונדן מיט דער קינדהייט און יוגנט פֿונעם איך און אַלץ וואָס ער איז מקריבֿ געווען ביים אַוועקגיין קיין א״י.

אַ רײַכע פיגוראַטיווע שפּראַך באַווײַזט זיך אין שמריס בעסטע לידער, אַ שפּראַך וואָס פאַרטײַעט ניט די קווענקלעניש און די בענקשאַפט מיט פאַרגייִקע דעקלאַראַציעס. די בענקשאַפט פונעם איך האָט צו טאָן ניט נאָר מיט טאַטע־מאַמעס היים, נאָר אויך מיטן געמאַרק וואָס עס סימבאָ־ליזירן דרײַ טײַכן — ווײַסל, בוג און נאַרעוו (ז׳ 47). דאָס איז אַ קלאָרער, סינעקדאָכישער אופן זיך צו פאַררופן אויף יידן אין מיזרח־אייראָפּע, סײַ פאַרן חורבן, סײַ נאָכן חורבן. דווקא דער אײַנגעהאַלטענער טאָן פון שמריס פיגורן פאַרשטאַרקט דעם רושם פון דער פאַרטיליקונג. דער מהות און דער אויפריר פון דער פאַרטיליקונג ווערן ניט געמאָסטן לויטן צאָל קרבנות. מיט אַנדערע ווערטער, דער עמאָציאָנעלער אימפּאַקט פונעם פּשיטעקער פּאָגראָם, 1936, — דער רמז אויפן פּאָגראָם איז דער אַנטיטעז ׳ח״י יידן געטויטע׳, ז׳ 75 — אויף שמריס פּאָעזיע, איז אַזוי ווי דער אימ־פּאַקט פונעם מאַסנמאָרד וואָסערע יאָר שפּעטער. אַ סך מאָטיוון און אימאַזשן אין ליד וואָס פאַררופט זיך אויף פּשיטעק, זענען פאַראַן אויך אין אַנדערע לידער אינעם בוך. עפּל וואָס וואַקסן אין א״י זענען דער היפוך צו בלוט וואָס ווערט געגאָסן דאָרטן. די לבנה וואָס לײַכט רויט, איז דער סימבאָל פונעם בלוט (זען זז׳ 76, 75 און דעם טיטל פון ליד אין אַ נאַכט פון עפּל און ווינט, ז׳ 73 און אויך ז׳ 130). אָט אַ די מאָטיוון זענען אָבער ניט קיין אײַנזײַטיקער באַשטייטייל פון שמריס פּאָעזיע, נאָר אַ טייל פון אַ גאַנצן געוועב אינהאַלט — לשון.

זייער פונקציע איז ניט אײנפאַכיק. אין מײַן לבנה (זז׳ 57־58) איז דער עפּל אַ מעטאַפאָר פאַר דער לבנה, בשעת אין געשטאַלט (ז׳ 13), איז ער אַן עראָטישער סימבאָל פאַר דעם איכס צוציִונג צו אַ ניט־יידיש מיידל (זען אויך זז׳ 37, 125). די לבנה, וואָס איז אַ רויטע צי אַ געשאָב־טענע, אין די לידער ווו די קאָנאָטאַציע פון חורבן איז ניכּר (ז׳ 9, 69), ווערט אויך דערמאָנט אין אַנדערע קאָנטעקסטן. זי איז אַ מעטאַפאָר פאַר דער ווײַסער חלה וואָס דער איך האָט ניט געגעסן אין זײַן קינדהייט און פאַר די שיפן וואָס ברענגען אומלעגאַלע עולים אין לאַנד (זז׳ 41, 58). די לבנה איז אַ שבת־לבנה, די טרויעריקע כלה פונעם איך און דאָס געשטאַלט פון אַ בעטלער, אַ גייער (זז׳ 161, 58). גייערס באַווײַזן זיך אַ סך אין שמריס לידער, צוזאַמען מיט אַלוזיעס צו די טײַכן פון בבל און צו דער ווײַסל. עס ווערן אויך דערמאָנט די תּחינות וואָס די באָבע פלעגט פּרעפּלען. דעריבער איז עס קיין חידוש נישט וואָס דער איך — וואָס

רופט זיך אָן גייער — פֿאַרגלײַכט זײַנע לידער צו שׂרה בת־טובֿימס תּחינות (זען, זז׳ 38־39, 62). דער גייער איז דורכגעדרונגען מיט בענקשאַפֿט און קוקט אויס נאָך דערהויבנקייט. צוזאַמען מיט אַ די אימאַזשן קומען צו נאַטור־אימאַזשן, ווי קאַלירן זענען אַ וואָגיקער באַשייטייל. (זען למשל ווי דער איך וואַרט אויף אַן אומבאַקאַנטן גייער, זז׳ 125־126 און ווו די גייסט. ז׳ 107. (אַ געענדערטער נוסח פֿון מיט דעם וואַנדערער, וואָס איז געווען געדרוקט אין אונדזערס). דאָס גיין איז פֿאַרבונדן מיט בלוט און ווייטיק (זז׳ 37, 72, 107) און מיט פֿיגורן וועגן טרויער געהאַלטן אין לאָגלען און טאָרבעס (אַ לאָגל טרויער, טרערן פֿון איין לאָגל, אַ טאָרבע געוויין, דאָרטן און ז׳ 85).

אַן אַלטער מאַרק, בעלי־חיים, אַן אַלטער ברונעם, אַ וואַסער־טרעגער, אַ זקן אַ בלינדער, זענען וויכטיקע מאָטיוון אין שמריס שאַפֿן. זיי באַווײַזן זיך, ווי געזאָגט, אַלע אין איינעם אָדער אין אַ טיילווײַזן צונויפֿשטעל, און סימבאָליזירן דעם חורבן אָדער דעם איכס צובונד צו דער היים פֿון פֿאַר דער פֿאַרטיליקונג. אַן אײַנדרוקספֿולע דוגמא פֿונעם צונויפֿשטעל פֿון כּמעט אַלע פֿריִער דערמאָנטע מאָטיוון, בײַנאַנד מיט אַן אַלוזיע אויף תּהילים קל״ז, איז פֿאַראַן אין אויפֿן שוועל פֿון אַלטן מאַרק (זז׳ 8־9) די אַלוזיע אויף תּהילים קל״ז, באַווײַזט זיך אָפֿט אין שמריס שאַפֿן, אָבער ניט אין סקאַרבאָווע צונויפֿשטעלן (אין אָט דעם פֿאַל ווערט דערמאָנט די ווערבע. זען אויך ז׳ 81). דאָס געשטאַלט פֿונעם וואַסער־טרעגער שפּיגלט אָפּ די אימה פֿאַר דער 'שׂריפֿה אין אַלטן וואַלד' אָדער דעם פֿולשטענדיקן קורבן: די קאַראַמיסל איז צעבראָכן, דער וואַסער־טרעגער איז מער ניטאָ.

זיך מערקן אַז פּונקט ווי א. לעוו (אויבן ז׳ 304) פֿאַררופֿט זיך אויך שמרי אויף קולבאַקן (קולבאַקס פֿעטער חיים, ז׳ 53. זען אויך זז׳ 50־51). אויב מען נעמט אין באַטראַכט אַז דער גייער און דער אַלטער מאַרק פֿאַרנעמען אַ צענטראַל אָרט אין פּרצעס בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק,[87] אויב מען האָט אין זינען אַז שמרי דערמאָנט לייוויקן בפּירוש אין דער פּאָעמע לייזער ציפּרעס (זאַמלביכער, 4, 1939, ז׳ 11); אויב מען געדענקט אַז שמרי באַניצט זיך כּסדר מיט דעמער, דעמערונג (זז׳ 21, 23; 46), אַ צענטראַלער מאָטיוו אין מאַנגערס שאַפֿן; אויב מען געדענקט דעם צלם אין שײַכות מיטן חורבן (זז׳ 8, 49), אַ מאָטיוו חשובֿ ביז גאָר אין אורי־צבֿי גרינבערגס עקספּרעסיאָניסטישער ייִדיש־פּאָעזיע, מוז מען זיך איבערצײַגן, בלי שום ספֿק, אַז די מאָדערנע ייִדיש־ליטע־

ראטור האט געהאט אַ מכריעדיקע השפעה אויף יידיש־ליטעראטור אין א״י ביז 1948.

דער מאָטיוו פון בלינדן אין שמריס שאַפן איז דערמאָנט געוואָרן פריִער. אין אויפן שוועל פון אַלטן מאַרק ווערט ער אָנגערופן סגי־נהור און סימבאָליזירט דעם בראָך פונעם פאָלק. ס׳איז אָבער ניטאָ קיין שײַכות צו דעם סגי־נהור פון תלמוד (מגילה כ״ב, ב), וואָס גייט אין מיטן נאַכט מיט אַ שטורקאַץ אין האַנט. אין אַנדערע ערטער דערקענען (זז׳ 127, 129, 138), באַווײַזן זיך יאָ די דרײַ עיקרדיקע באַשטייטיילן פון דער תלמודישער אגדה: אַ בלינדער, נאַכט און פײַער. בײַ שמרין איז דאָס ניט קיין מעכאַנישע קאָפּיע פונעם מקור, נײַערט אַ רײַכער, פּאָעטישער ארויסזאָג. אַ בלינדער איז אויך פאַראַן אין דעם וואָגיקן ליד אַ דלאַט פון צפתער בערג (זז׳ 158—164). דאָס ליד שפּיגלט אָפּ, אָבער אַ מאָל, דעם איכס ווידעראַנאַנד צווישן דאָגעט און דאָרטן. זיך מערקן אַז בעת צפת ווערט בפירוש דערמאָנט, איז ירושלים אינעם ליד אַ מעטאָנימיע (אין דער ווײַסער שטאָט, ז׳ 85) עס איז פריִער אָנגעוויזן געוואָרן אַז בעלי־חיים פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין שמריס שאַפן. דאָס ציגעלע ווערט פאַרבונדן מיטן איכס קינדהייט אין אַ ליד פון בענקשאַפט און שרעק פאַרן גורל דאָרטן. פון דעם נעמט זיך דאָס טוליען זיך צו די לידער וואָס די מאַמע האָט אים געזונגען, ציגעלע ניגון (זז׳ 77, 73). דאָס ציגעלע וויינט אין אַ ליד ווו די היים פונעם איך ווערט צעשטערט. די גאָלדענע פּאַווע אַנטרינט, טויבן קלאַפּן אָן אויף שויבן און פון נײַן ברידער איז בלויז פאַרבליבן איינער. שמריס נטיה צום פאָקסליד אָדער כמו־פאָלקסליד, וואַרפט זיך דאָ באַזונדערש אין די אויגן. ער רעדט וועגן ראָזשינקעס מיט מאַנדלען, וועגן דער גאָלדענער פּאַווע. נײַערט די חורבן־קאָנאָטאַציע קערט אָפּ אָט די מאָטיוון צו אַן אַנדער געגבול פון באַטײַטן.[88] דער ציגעלע־מאָטיוו, אין אַ חורבן־קאָנאָטאַציע, באַווײַזט זיך צום בולטסטן אין די לידער ליד פון בענקשאַפט און געוויין און ס׳וועט זײַן אַ מאָל. אינעם ערשטן ליד געפינט מען עטלעכע פון די אויבן דערמאָנטע מאָטיוון (דער אַלטער מאַרק, דער וואַסער־טרעגער, בלינדקייט) און ציג און וויג גראַמען זיך (זז׳ 50־51). אינעם אַנדערן איז דאָ אַ מעטאָנימישע אַלוזיע אויף יעקב און עשיון, וואָס בעטן זיך אויסלעבן ווי ברידער און טענהן פאַרן טאַטן, מען זאָל דער געקוילעטער ציג אומקערן די בלויע אויגן (ז׳ 99 אַנדערע אַלוזיעס איבער יעקב אבינו זען זז׳ 23, 69, 137).

שאַף סימבאָליזירן ביַי שמרין דעם איכס אבות און זייער אמונה־שלמה (זז' 40, 71) און אויך די פּאַרטיליקונג פון ייִדן. דאָס איז ניכּר אינעם ליד באַלאַדע, וואָס שפּיגלט אָפּ, נאָך אַ מאָל, ווי אַזוי שמרי באַניצט פאַרשפּרייטע מאָטיוון אין ייִדיש. דאָס דאָזיקע ליד (זז' 54־55) באַוועגט זיך צווישן סינעקדאָכע און מעטאַפאָר, פּאַראַלעליזם און אָקסי־מאָראָן, צווישן דעם פּאַסטעך וואָס זיַין איינציק שעפעלע איז אים פאַר־לאָרן געגאַנגען און איין ייִד, דער איינציקער שריד־ופליט פון אַ שטאָט וואָס איז אַצינד אַש און ביינער, וואָס 'שוויַיגט צו אדוני'.[89] (זען דעם מאָטיוו פון שעפעלע, מיט אַן אַנדער באַטיַיט, ניגון, ז' 150. וועגן ניגון אין שמריס שאַפן זען זז' 71, 151, 73, 77).

דאָס קעמל איז אויך אַ טייל פונעם פיגוראַטיוון לשון אין שמריס פּאָעמע לייזער ציפּרעס: ל"ו צדיקי הדור זענען די 'קעמלען פון דור'.[90] אין לייזער ציפּרעס געפינט מען אַ סך באַשטייטיילן פון שמריס פּאָעזיע, ניַיערט דאָ איז די שפּראַך ווינציקער פיגוראַטיוו. דאָ איז אויך פאַראַן אַ נטיה זיך צו באַציִען צו אַקטועלע פּאַסירונגען: דער בירגערקריג אין שפּאַניע, דאָס אונטערדריקן דעם ווינער בונט, דאָס אויסגראָבן אַ ברונעם אין עין־שמר (שמריס קיבוץ. זען, למשל, זז' 28, 32 און וויַיטער. וועגן אַנדערע אַקטועלע פּאַררופן זען זז' 92־96, 106, 119). דאָס שטרעבן צו דערהויבנקייט, אַ צענטראַלער ענין אין לייזער ציפּרעס, באַוויַיזט זיך אויך אין אין טויער פון טאָג, אין שפּראַכפיגורן ווו מאָרגנשטערן, ליכט, חלום, ביימער און קאָלירן ווערן אָפּט דערמאָנט. (זען זז' 83, 85, 98, 157, 133—134, 139, 148, 154).

שמריס גראַמען זענען ניט רעגולער און על־פּי־רוב דיאַלעקטיש: וויַיסער — הייסער; דיַינע — ווײנען; פּיַין — אַליין; שניי — דריַי; וויַין — געוויין; פינגער־הונגער; געסלעך־פאַרגעס מיך; מערב־נאַרעוו; שלאָפן — חלפים; פּנים — לבנה; נאָמען־צלמים; קברים — אָרעם. (זז' 73, 71, 31, 40־42, 44, 9, 47־49).

אין די פּעריאָדישאַ אויסגאָבן פון אָפּצוויַיג זענען געווען געדרוקט לידער פון פאַרשיידענע מחברים. פּרטים וועגן די לידער ווערן געבראַכט אין דער ביבליאָגראַפיע. וויַיטער די רשימה פון די מחברים: א. אנקער; ז. אָפּעל; פּ. בן־אביב; י. בערגער; ג. ברוידע; י. גרינבערג; אַ. גוזשאַנס־קי; הערצל; מ. וועקסלער; מ. זאַק; מ. זילבער; מ. זאַקטשעוויץ; צ. חיַיקעס; ג. חודס; לאה; מ. ליפשיץ; אַ ליוסין; מ. מ. מואבנעזר; פּ.

מאַיעווסקי; מ. מרגליות; י. נײַפעלד; עליאש; פּ. פּיטערמאַן; י. פּאַלק; י. פּאַקל; א. פדרהר; ב. צוקער; א. קליר; י. קעניגשטיין; ר. קראַמפּף; ז. שטאַלצער; ל. שאַפּענפּעלד; ל. שוואַלב; שפּירטאַק.[91]

אויך אברהם סוצקעווער האָט געדרוקט זײַנע ערשטע לידער אין לאַנד אין נײַוועלט: אויפן וועג צום כּותל־המערבי, ווי וואַקס אַנטקעגן פײַער, אָפּגלאַנץ פון וואַרשע (6.2.48; 23.3.48; 23.4.48). די דאָזיקע לידער זענען אַ טייל פון די סימנים (אויבן, ז׳ 252) וואָס ווײַזן אָן אויף דער ענדערונג אינעם מהות און פּאַרנעם פון ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י פון 1948 אָן. סוצקעווערס שאַפן און ייִדיש־ליטעראַטור נאָכן אויפקום פון מדינת־ישׂראל זענען אַן ענין פאַר באַזונדערע פאַרשאַרבעטן.

4. ייִדיש־פּאָעזיע אין א״י מחוצן אָפּצווייג

אַ ריי מחברים ניט פאַרבונדן מיטן אָפּצווײַג האָבן געדרוקט לידער אין א״י פון 1928 ביז 1948. תרצ״ב און תרצ״ד האָט אַלטער אַפּטער (אלתר אַפּטער אויף דער הילע), אַרויסגעגעבן עטלעכע העפטלעך גראַמען אין ייִדיש. די טיטלען פון די העפטלעך, גרמנישע אינקוויזיציאָן, דער הערביטער בעטראַג, ערציילונג פון דיא אוקריינישע פּאָגראָמען,[92] דער־ווײַזן אַז אַפּטערס אויסלייג איז אויסנעמיק אויך פאַר דעם ווי ייִוואָ האָט באַשטימט אויסלייג־כּללים אין ייִדיש. אויך בײַם שרײַבן זײַן נאָמען איז אַפּטער ניט געווען אויסגעהאַלטן. אין דער הערביטער בעטראַג שטייט אויף דער הילע: ׳מאת המשורר הזקן יהושיע שלום הנקרא אלתר אַפּטר׳, בשעת אין גרמנישע אינקוויזיציאָן שטייט ׳אלתר אפּטר׳. דער אויסלייג פונעם מחבר איז גורם דעם לייענער גרויסע שוועריקייטן. צו מאָל פאָדערט זיך דעשיפרירן וואָס אַ וואָרט מיינט. אַזוי אַ שטייגער, אין הרבייטער...״, ז׳ 13, שטייט: ׳אונזער כּעס איז אנגייער=אומגעהײַער. אַפּטער באַציט זיך צו זײַנע חיבורים ווי צו גראַמען: ׳מיינע רייד זענ׳ן גרמין אָבער ניט קיין לידער׳ (אָנהייב גרמנישע אינקוויזיציאָן). אַפּטערס העפטלעך זענען אינטערעסאַנט פאַר דער געשיכטע פון ייִדיש־גראַם און אין אַ געוויסער מאָס פאַר דער געשיכטע פון אַ זשאַנער וואָס די פאָרשונג רופט אָן היסטאָרישע לידער.[93] אַזוי אַ שטייגער שרײַבט אַפּטער וועגן די רדיפות קעגן ייִדן אין דײַטשלאַנד און די עליה פון דײַטשישע ייִדן. ער האָפט אַז זיי וועלן זיך גוט אײַנאָרדענען אין לאַנד, און קריטיקירט דאָס באַרײַסן זיי מיט דירה־געלט. אין ערציילונג פון די אוקריינישע פּאָגראָמען, שרײַבט

אַפּטער וועגן די פּאַגראַמען נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה. דאָס דריטע העפטל, טראָגט אַן אַנדער כאַראַקטער. דער מחבר טרעט אַרויס קעגן דער שווערער באַציִונג צו אַרבעטער אין לאַנד. גלײַכצײַטיק טאַדלט ער אַרבעטער וואָס זענען מחלל־שבת. (זז׳ 16־20). אַלע העפטן פּאַרמאָגן כמעט ניט קיין סוזשעט און זענען זייער כאַאָטיש. אַפּטער שרײַבט פיר שורותדיקע סטראָפן, וואָס גראַמען זיך אאאא. די גראַמען זענען על־פּי־רוב ווײַבלעכע. דאָס גראַמען אאאא דיקטירט די קאָנסטרוקציע פון די סטראָפעס און נייט אָפּצוזוכן, כסדר, אַ פּאַסיקן גראַם. פון דעם נעמט זיך אַז אַ סך סטראָפעס ווערן צונויפגעשטעלט בלויז אויפן סמך פון איין יידיש־קאָמפּאָנענט. אַזוי לדוגמא אין ערציילונג, ז׳ 21, זענען אַלע גראַמען אין דער צווייטער סטראָפע, פון סלאַווישן קאָמפּאָנענט. די פּאַרלעצטע סטראָפע דאַרטן און די ערשטע אויף ז׳ 22 — פון העברעיִשן קאָמפּאָנענט. אַפּטער ניצט העברעיִשע ווערטער וואָס זענען ניט אַרײַן אין יידיש: חלונות, מחט, נרתיק, גפרורין (זען הרביטער, ז׳ 8; ערציילונג, זז׳ 9, 11, 13).

בײַ אַפּטערן זענען אויך פאַראַן טאָפּל־שפּראַכיקע סטראָפעס (למשל ערציילונג, ז׳ 9, פּאַרלעצטע סטראָפע). תרצ״ב האָט אַפּטער אַרויסגעגעבן אַ טאָפּל־שפּראַכיק העפטל, גרם המעלות, איבער מגילת־אסתר. דאָס העפטל איז פאַרשריבן אינעם קאַטאַלאָג פון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים, אָבער איז ניט בנימצא. אויף דער הילע פון גרמנישע אינקוויזיציאָן ווערט דערמאָנט נאָך אַ העפטל, עושר בשביל יושר. דער מחבר שטאַמט פון פּאָדאָליע און זײַנע גראַמען זענען דיאַלעקטיש. ער היט אָפּ אײַנגעפונדעוועטע שפּראַך־טראַדיציעס. אַזוי למשל שרײַבט ער משוגע מעטערע=מיטערע (הרבייטער בעטראַג ז׳ 9; ערציילונג... ז׳ 6), וואָס אַפילו סטוטשקאָוו האָט עס ניט פאַרשריבן.[94]

תרצ״ג, איז אין ירושלים אַרויס יהושע אנקורים געזאַנגען און קלאָגן. די גראַמען אינעם בוך זענען אינטערעסאַנט. אנקורי שרײַבט התלהבותדיקע לידער איבער א״י, לידער צום אָנדענק פון זײַנע פאַרשטאָרבענע עלטערן, געלעגנהייט־לידער (חתונות וכדומה), נאַטורלידער, קריטיק איבער ווײַבער וואָס פּוצן זיך און דאָס גלײַכן. זײַנע גראַמען זענען צפונדיקע: פרישע — זיסע; שלייער — טויער; מיידל — מודה; אַ בית־עולם — חוה־ביילען (זז׳ 11, 9, 123, 108). ווען עס פּאָדערט זיך צום גראַם, באַניצט ער אויך אַנדערע יידיש־דיאַלעקטן: ווייניק־תענוג; וויין — שיין (זז׳ 90, 100). אַ ווײַזגעבונג וואָס וועט ווײַטער דערמאָנט ווערן אין

שײַכות מיטן אויסלייג פון א. ל. בריסק און ר׳ בן־ציון אלפס, איז אויך פאַראַן בײַ אנקורין. ער שרײַבט ווערטער פון סעמיטישן קאָמפּאָנענט אין יידיש, לויט זייער פאָנעטישן ווערט: אַברעמיל דער קרעמער; צווייאָקעס=צבועקעס; אויף צעלאָכעס; משמועס=משמעות (זז׳ 36, 72, 95, 113).[95]

1948 האָט דב אבנר אַרויסגעגעבן דאָס בוך ארץ־ישׂראל רעפלעקסן און אנטיפא לידער. 2 ביכער אין איין באַנד. ווײַטערדיקע גראַמען שפּיגלען אָפּ אבנרס שרײַבן:

ליבע ברידער, חלוצים בראַווע
מיר זײַנען מיט אײַך שטאָלץ
די פרעמדע וועלט קוקט טשיקאַווע
ווי אַזוי איר שנײַדט קלעצער האָלץ (ז׳ 19)[96]

1928 האָט א. האַנטשאַראָוו — עס איז ניט אויסגעשלאָסן אַז דאָס איז אַ פּסעוודאָנים — אַרויסגעגעבן דאָס העפטל צעהן יאהר באַלשעוויזם. עס נעמט אַרײַן צוויי לידער פונעם זשאַנער וואָס רעאַגירט אויף אַקטועלע געשעענישן. אינעם ערשטן ליד, צעהן יאהר באַלשעוויזם (זז׳ 1־9), גרײַפט דער מחבר אָן דעם ראַטן־פאַרבאַנד. אינעם צווייטן ליד, צו די בחירות אין באַריסאַווקע, מיינט ער, משמעות, די וואַלן צום תּל־אָביבער שטאָט־ראַט, וואָס זענען פאָרגעקומען אין זעלבן יאָר. האַנטשאַראַוו, וואָס איז מן־הסתּם אָנגעקומען אין לאַנד מיט דער ׳פּוילישער׳, דער פערטער עליה, קריטיקירט זייער שאַרף די פּאָליטישע שטרעמונגען אין לאַנד. ער טרעט אויך אַרויס קעגן דער באַציִונג צו דער ׳בעל־הבית־ישער׳ עליה. ער אַטאַקירט סולל־בונה — די הסתדרות בוי־אונטערנעמונג — אירע דעפיציטן און דעם אופן ווי עס לעבן אירע אָנגעשטעלטע (ז׳ 13). ער שטראָפט דעם געזעלשאַפטלעכן מצב אין לאַנד, צביעות, פּראָטעקציאָניזם, שווינדל מיט קהלשע געלטער, דאָס מבזה זײַן נויטבאַדערפטיקע מענטשן. צום סוף ווענדט זיך האַנטשאַראַוו צום מחבר פון דאָס לעצטע וואָרט — ער דערמאָנט ניט ביאַליקס נאָמען — ער זאָל טאַדלען די מעשׂים וואָס ווערן באַשריבן אינעם ליד.

1932 איז אַרויס ה. ווינאָגראַדס פּאָעמע ערשטע טריט. דאָס דרוקאָרט ווערט אָנגעשריבן יערושאלאים. אַזאַ אויסלייג איז ניט דאָס זעלביקע ווי דער אויסלייג בײַ אלפס, בריסק און אנקורין. ווינאָגראַד באַניצט צילוויסיק דעם סאָוועטישן אויסלייג. (שויכעט, כאַלעף, רעבי, ז׳ 6).

אָט דער אויסלייג, דאָס ווידמען די פּאָעמע דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט אין זײַן געבוירן-שטעטל און זײַן קריטיקירן דעם פּאַנאַטיזם פון טאַטן און פון דער ייִדישער רעליגיע, לאָזן ניט צו קיין ספק אַז ווינאָגראַד איז געווען נאָענט צום קאָמוניזם. ער ניצט אַ סך עליפּס ('אינעם גאַסל שטייט אַ הײַזל — הײַזל אײַנגעבויגן; הײַזל געהויקערט — דעכל פון שינדל. זז' 3, 6). דער סוף פון דער פּאָעמע ווײַזט אויף באַשרײַבערישער פעיִקייט, וואָס שייך די יסורים בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה און בשעת די פּאָגראָמען וואָס זענען פאָרגעקומען נאָכן קריג.

עס איז קיין ספק ניט אַז חנה ליפשיץ, וואָס האָט 1942 געדרוקט אַ העפט לידער אין ירושלים, קלערנדיק, איז אויך געווען פאַרבונדן מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אין דער העפט, וואָס האָט ניט קיין פּאַגינאַציע, זענען אַרײַן 11 לידער, דאָס רוב סאָציאַלע, און לידער וואָס אידענטיפיצירן זיך מיטן ראַטן-פאַרבאַנד. עטלעכע פון זיי זענען אָנגע־שריבן געוואָרן אין טורמע, ווו די מחברטע איז משמעות געווען אַ פּאָלי־טישע (זען אונטער דיקע ווענט, מעדאַלעלע). דאָס ליד אַ שילינג, דער־ווײַזט אַז קלערנדיק איז אָנגעשריבן געוואָרן אין לאַנד.

1943 האָט יוסף נוימאַן אַרויסגעגעבן אין תּל-אָביב אַ העפטל מיטן נאָמען 4 ליעדער. דאָס העפטל האַלט פיר בלעטער גראַמען וועגן מחברס אָנקומען אין לאַנד, זײַן לעבן אין שטאָט און זײַן בענקשאַפט נאָכן גליל.

תש"ג האָט ב. נתנאל — פּסעוודאָנים פון נתנאל בעליצקי — בהירי — אַרויסגעגעבן אין ירושלים אַ העפטל לידער, פאַר נאָענטסטע. עס גייען דאָרטן אַרײַן לידער פון פאַרשיידענע זשאַנערן: ליִרישע, סאָציאַלע, גע־לעגנהייט-לידער (דאָס לעשן אַ שׂריפה אין באַלפור-וואַלד, זז' 15־18). אין פאַר נאָענטסטע זענען אויך פאַראַן לידער איבערן חורבן און איבערן קאַמף קעגן שונא (זז' 20־28).

ל. פּאַפּיק האָט אַרויסגעגעבן אין לאַנד ליכט און שאָטן (1937) און פּאַר באַגין (1939). אויפן שער-בלאַט פון פּאַר באַגין, שטייט: 'פאַרלאַג צוויט, בערעסטעטשקאָ'. אויף ז' 77 האָט פּאַפּיק צוגעגעבן אַ שלוסוואָרט (נאָוועמ־בער 1939), כּדי צו דערקלערן פאַר וואָס האָט ער פאַרשריבן אַ פאַרלאַג וואָס עקסיסטירט ניט מער און וואָס איר רעדאַקטאָר איז משמעות פּאַרטיי־ליקט געוואָרן.[97] אַ טייל פון פּאַפּיקס לידער זענען פּראָלעטאַרישע, אַ טייל-ליִרישע. אַנדערע רעאַגירן אויף אַקטועלע פּאַסירונגען אין די 30ער יאָרן. פּאַפּיק שרײַבט וועגן שאַסייען וואָס מען פּלאַסטערט, שווערע אַר־

בעטסלאָזיקייט אין לאַנד, איבער שומרים. די לידער איבער שמירה דער־מעגלעכן באַשרײַבן נאַטור און לאַנדשאַפט. פּאַפּיק האָט לידער איבער יידישע פּליטים, איבערן אַראַבישן בונט אין לאַנד, איבער דער מפּלה פון דער שפּאַנישער רעפּובליק (פּאַר באַגין, זז׳ 6־7, 16־17, 19, 24־27, 35־37). די פּאָעמע דער ייִד אויפן קרייץ איז אויסנעמיק אין פּאַפּיקס לידער. זי איז געשריבן אין ווײַסע פערזן און אַקטואַליזירט ישוס קריי־צונג, וואָס איז מרמז, סינעקדאָכיש, אויף די רדיפות קעגן ייִדן. (זז׳ 43־54).

אין ליכט און שאָטן רעדט פּאַפּיק אַרום דעם מהות פון זײַן פּאָעזיע (זז׳ 3־4, 21־22) און דערמאָנט היסטאָרישע געשטאַלטן.

אויך בײַ פּאַפּיקן באַווײַזט זיך דער קעמל־מאָטיוו. (זז׳ 7, 23). אין די לידער וועגן שאָסייען זענען דאָ ווערטער פון גערעדטן העברעיִש. דאָס זאָגט עדות — אַזוי ווי בײַ אַנדערע ייִדיש־פּאָעטן אין לאַנד אין יענער צײַט — אַז דער מחבר שטרעבט אײַנפונדעווען זיך אין א״י און אַרויסשטעלן די באַזונדערקייט פון ייִדיש־פּאָעזיע אין א״י. (זען, פּאַר באַגין, זז׳ 6־8) פּאַפּיקס גראַמען זענען דיאַלעקטיש: בלינדן — ווענדן; דערקוויקונג — גליקן; רוען — גליהען (ליכט און שאָטן), זומער — שטילער; תּמיד=[טימעד?] — זומער; נײַ — ווײ (פּאַר באַגין, זז׳ 60, 75); ווייך — טײַך; ווײַט — גרייט; פּאַראַן — זײַן — מאַן (ליכט און שאָטן, זז׳ 23־24).

ווי פריִער געזאָגט (ז׳ 294), האָט ז׳ סעגאַלאָוויטש געדרוקט אין אויס־לאַנד לידער וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין לאַנד: עס רעדט זיך וועגן די ביכער אַ בוים פון פּוילן (בוענאָס־אײַרעס, 1945); דאָרטן (ניו־יאָרק 1946); איצטער (דאָרטן, 1948). אַ טייל שאַפונגען וואָס זענען אַרײַן אין אַ בוים פון פּוילן (אַ בוים פון פּוילן, דאָרטן, טרעבלינקע) זענען אַרײַן אויך אין דאָרטן. אין אַ סך פּרטים זענען די דרײַ פּאָעזיע־זאַמלונ־גען פּאַראַלעל צו סעגאַלאָוויטשעס באַטראַכטונגען און באַשרײַבן אין זײַנע זכרונות פּאַרברענטע טריט און מײַנע זיבן יאָר אין תּל־אָביב (אויבן זז׳ 294—295). דאָס וואַרפט זיך באַזונדערס אין די אויגן אין דער פּאָעמע אַ בוים פון פּוילן, וווּ סעגאַלאָוויטש באַשרײַבט זײַן וואַנדערן קיין א״י ווי אַ פּליט און אין איצטער. סעגאַלאָוויטשעס צפונדיקע גראַמען. על־פּי־רוב אין אַן א״ב צונויפשטעל, זענען פּאַרסירטע. ווײַטערדיקע דוגמא — איינע פון אַ סך — איז כאַראַקטעריסטיש:

גערגרינט האָט אַ שלאַנקע בעריאָזע...
אַ ווײַסע אַ שווײַגיקע פּאָווע
האָט שיינקייט געוואָרפן אַן פּאָזע.
(אַ בוים פון פוילן, ז׳ 7)

פּראָזאַישקייט איז דער בולטסטער שטריך פון די דרײַ ביכער. אָט די פּראָזאַישקייט איז נישט קיין פּועל־יוצא פון דער ליטעראַרישער אויספורעמונג פון די לידער. די דאָזיקע פּאָעזיע, סעגאַלאָוויטשעס, איז ד׳ערעיקרשט אַן אומבאַהאָלפענער פּראָטעסט קעגן דער פּאַרטיליקונג פון פּאָלק. זי דריקט אויך אויס סעגאַלאָוויטשעס שולדגעפיל, הלמאַי איז ער געבליבן לעבן, פּאַרפרעמדט און אויסגעוואָרצלט, בעת זײַנע ליבסטע האָט מען דערמאָרדעט.

ער באַשרײַבט, אָבער אַ מאָל און ווידער אַ מאָל, דאָס יידישע לעבן אין שטעט און שטעטלעך אין פוילן און אין ליטע; זײַנע באַציִונגען מיט יידן פון אַ גאַנץ יאָר; זײַנע באַטראַכטונגען איבער מענטשהייט און איבער דער צוקונפט פון קולטור און קונסט. דאָס איבערחזרן דעם ביטערן אמת, אַז מען האָט דאָס פאָלק פּאַרטיליקט און דאָס באַשרײַבן די אופנים ווי אַזוי מען האָט יידן פּאַרפּײַניקט און דערמאָרדעט, איז ניט אין שטאַנד צו דערהייבן אָט די פּאָעזיע. בײַשפּילן פון אויבן דערמאָנטן קען מען געפינען אין אַ בוים פון פוילן, זז׳ 24־25, 31, 59, 61, 64־65, 74־75; דאָרטן, זז׳ 78־79, 138, 140, 145—146 און איצטער, באַזונדערש די פּאָעמעס איצטער און בײַם ברונעם.

אויך בײַ סעגאַלאָוויטשן איז פאַראַן אַ פאַרשפּרייטער מאָטיוו אין דער חורבן־פּאָעזיע: תרעומת קעגן אייבערשטן (זען למשל, איצטער, ז׳ 29; אַ בוים פון פוילן, ז׳ 163; דאָרטן, ז׳ 105). ווען סעגאַלאָוויטש איז מקצר, ווי אין דער פּאָעמע אַש (דאָרטן, זז׳ 117—126), אָדער ווען ער דריקט אויס שולדגעפיל, זענען די לידער טיפער אין פאַרגלײַך מיט די אַנדערע שאַפונגען וואָס זענען אַרײַן אין די דרײַ דערמאָנטע ביכער. (זען: ווי ווײַט עס איז, איצטער, סטעפּי, דאָרטן, זז׳ 1949, 151, 143).

די לאַנגע פּאָעמעס ווי אַ בוים פון פוילן, איצטער, נישטאָ, טרעבלינקע, זענען געבויט אויף אַ כסדרדיקן איבערגאַנג פון דער רויִקער איצטיקייט אין ת״א, צו דער שווידערלעכער וואָר — דאָרטן. אַחוץ דער פאַרשטאַר־קונג וואָס איז צו דערוואַרטן פון אַזאַ סתירהדיקן פּאַראַלעליזם, מאַכט דער צײַט־צוריקקער מעגלעך צו באַשרײַבן יידן אין מיזרח־אייראָפּע,

פאַרן חורבן. פון דעם נעמט זיך, צווישן אַנדערן, אַ סטראָפע אין אַ בוים פון פוילן וואָס איז געהייליקט דעם יידישן לשון און אויך אַ ליד איבער יידיש אין **איצטער** (ז׳ 225).

אין **דאָרטן** (זז׳ 80־81), פאַררופט זיך סעגאַלאָוויטש אויף היסטאָ־רישע לידער (פ״גל איובז ז׳ 322) וועגן ענגלאַנדס מלחמה קעגן די בורן; די פּראָצעסן פון סאַקאָ און וואַנצעטי, ביילים, דרייפוס, דעם אומגליק מיט דער שיף טיטאַניק. די לידער האָט סעגאַלאָוויטש געהערט ביי יידישע גאַסן־זינגערס אין וואַרשעווער הויפן.

אין די דריי זאַמלונגען זענען ניטאָ קיין העברעיִשע ווערטער וואָס זענען ניט אַריין אין יידיש, אַחוץ אין איין פאַל. אין **אַ בוים פון פוילן**, ז׳ 30, האָט דער פּאָעט געשריבן: ׳פון וועג, פון די פּוילישע קווישן׳, און געגראַמט מיט קישן. עס איז קלאָר אַז געמיינט איז דאָ לשון רבים פון כביש (שאָסיי). קווישן איז אַן אַנאַלאָגיע פון לשון־רבים אין איינט־ראַפיקע ווערטער פונעם סעמיטישן קאָמפּאָנענט אין יידיש, ווי אַ שטייגער ברית־בריתן, גט־גטן וכדומה. אין **דאָרטן**, ז׳ 14, שטייט געשרי־בן קבישן.

פונקט אַזוי ווי העברעיִשע בעלעטריסטן אין ארץ־ישראל האָבן געדרוקט יידיש־כתבים בלויז אין אויסלאַנד, האָט אורי־צבי גרינבערג געדרוקט, סוף צוואַנציקער יאָרן, פאַר חו״ל, יידיש־לידער וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין לאַנד. געמיינט זענען די לידער וואָס זענען אַרויס אין וואַרשעווער **הײַנט** און אין **קפאַ״י ידיעות**, אַ יידיש־ביולעטין פון דער הסתדרות, וואָס מען האָט פאַרשפּרייט בלויז אין אויסלאַנד.[98]

ווי פריִער דערמאָנט (קאַפּיטל 3), איז נישט דאָ קיין פאַרגלייך צווישן טאָפּל־שפּראַכיקע שרייבערס אין א״י, צו אורי־צבי גרינבערגס באַציִונג צו יידיש אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן.[99]

אורי־צבי גרינבערגס יידיש־שאַפן איז אַ טעמע פאַר אַ ספּעציעלער מאָנאָגראַפיע. ווײַטערדיקער אַנאַליז באַרירט נאָר עטלעכע פּרטים אין די אויבן דערמאָנטע לידער. ווען איך האָב אָפּגעפונען די לידער געדרוקט אין **קפאַ״י ידיעות**, האָב איך דעם פּאָעט געפרעגט וועלכע פון די פינף ווערק האָט ער אָנגעשריבן אויף יידיש אין אָריגינאַל, ווייל אין געזאַנג פון בונטאָרן האָט מען פאַרצייכנט, אַז דאָס איז אַן איבערזעצונג פונעם מחבר. כ״ח בניסן תשל״א (1971), האָט אורי־צבי גרינבערג געענט־פערט: ׳באשר לשירים **בקפאַ״י ידיעות**: אין לעיני פרקי השירים הנ״ל.

לכן איני יודע מה להשיב. אינני זוכר כעת מה תרגום, מה לא תרגום (׳בנוגע די לידער אין קפּא״ר ידיעות. איך האָב זיי ניט ביי זיך, ווייס איך ניט וואָס צו ענטפערן. איך געדענק ניט וואָס איז איבערגעזעצט און וואָס ניט׳). פון גרינבערגס עדותשאַפט קען מען דרינגען, אַז די אַנדערע פיר לידער אין קפּא״ר ידיעות און איין ליד אין היינט, האָט דער פּאָעט אָנגעשריבן אויף ייִדיש אין אָריגינאַל. די דאָזיקע לידער האָבן ניט קיין פּאַראַלעלן העברעיִשן נוסח. וואָס שייך די צוויי לידער וואָס האָבן אַ טאָפּל־שפּראַכיקן נוסח, איז דער העברעיִשער טעקסט — הימנון היהודים בעולם און שירת המורדים[100] — אָנגעשריבן געוואָרן פאַר הימען פון די ייִדן אין דער וועלט און געזאַנג פון בונטאַרן.

די דעפיניציע איבערזעצונג פאַרן ייִדישן טעקסט פון הימנון היהודים בעולם און שירת המורדים איז ניט קיין באַפרידיקנדיקע. עס רעדט זיך דאָ וועגן אַ טאָפּל־שפּראַכיקער פּאָעט, וואָס טראָגט אַליין אַריבער די לידער פון שפּראַך צו שפּראַך. אַזאַ עובדא — גרינבערג איז אַ רינג אין אַן אָנגעזועענער קייט פון טאָפּל־שפּראַכיקע מחברים — קען מען ניט אָנרופן איבערזעצונג. דאָ האָבן מיר צוויי נוסחאות פון איין שאַפונג, אַ שאַפונג וואָס פאַרלאַנגט אַן אַרומנעמיקן אַנאַליז, כּדי אַרויסצווייַזן די באַזונדערקייטן און ענלעכקייטן פון די טעקסטן און די קינסטלערישע באַשיידן וואָס דער מהות פון העברעיִש און ייִדיש צווינגט אַרויף אויפן שרייַבער. מער פאַר אַלץ רעדט זיך דאָ וועגן דער אומבאַגרענעצטער פרייַקייט פונעם מחבר לגבי זייַן שאַפונג. אויפן סמך פון אָט אָ דער פרייַקייט גיט דער מחבר צו, אָדער מעקט אויס, געוויסע טיילן אינעם ערשטיקן נוסח. עס טרעפט זיך אויך, אַז ער פירט אַרייַן ווייַטגרייכיקע שינויים אינעם ערשטיקן טעקסט. גרינבערגס טאָפּל־שפּראַכיקע לידער וואָס ווערן דאָ דערמאָנט, זענען ניט אַזוי לאַנג ווי עיר ההריגה — אין שחיטה שטאָט (ביאַליק האָט אין ייִדיש צוגעגעבן גאַנצענע סטראָפעס וואָס זענען ניט פאַראַן אין העברעיִש). אָבער אויך ביי גרינבערגן זענען דאָ ענדערונגען אין די נוסחאות. דאָס וואַרפט זיך באַזונדערש אין די אויגן אין געזאַנג פון בונטאַרן. דער פּאָעט האָט צוגעגעבן צו גאָטס התגלות, נאָך אַ לעבעדיקן שטריך: אַ לייבן־געבריל באַגלייט גאָטס אַנטפּלעקונג.

דער פּאָעט האָט אַרייַנגעשריבן נייַע שורות, ווו ער פאַרגלייַכט יציאת־אייראָפּע צו יציאת־מצרים און קריעת ים־סוף. די שווערד וואָס

שטעקט אין דדודס־הויז האָרץ, איז ניט סתּם אַ שווערד, נאָר טיטוסעס שווערד. צו דער העברעיִשער שורה איבער דעם היסטאָרישן מידבר, האָט דער פּאָעט צוגעגעבן אין ייִדיש אַ שורה וועגן דעם גאָט פון די טויטע און די גײַסטער, וואָס שפּרײַזן אַרום איבערן מידבר. גרינבערג האָט שטאַרק געענדערט די לעצטע סטראָפע. אין ייִדיש דערמאָנט ער שמעון בר־גיוראָן און שטרײַכט אונטער אַז דאָס געזאַנג פון בונטאַרן איז זייער נייטיק פאַר א״י. גרינבערגס פאַרשטעלן זײַן פּאָעטיק אין געזאַנג פון בונטאַרן איז אַנדערש ווי אין שירת המורדים. (זען: געזאַמלטע ווערק, ז׳ 493—494, צווייטע סטראָפע, פערטער פערז; פערטע סטראָפע, פערזן 3־4, 8, 10; פינפטע סטראָפע, פערזן 5־6; פאַרלעצטע סטראָפע, פערז 6 און לעצטע סטראָפע). די פרײַער דערמאָנטע ווײַזגעבונג איז ניט דאָס זעלבע ווי אַ צווייטע עובֿדה, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן איןביידע לידער. מחמת דער פּאָעט זוכט אַ פּאַסיקן אויסדרוק פאַר זײַן פּאָעטישער שפּראַך, אַ שפּראַך פול מיט אַליטעראַציע, אינערלעכן גראַם, אַנאַפאָר, קלאַנג איבערחזרונגען, אַ פּאָעטישע שפּראַך ווו עס הערשט אַמפּיבראַך, טרעפט זיך אַז ער פאַרברייטערט דעם ייִדיש־טעקסט, מכלומר־שט אָן אַ פאַרוואָס. ווײַטערדיקער בײַשפּיל איז באַזונדערש אינטערעסאַנט. אין שירת המורדים שרײַבט גרינבערג ׳מני נחל מצרים עד סוריה...׳ בעת אין געזאַנג פון בונטאַרן שטייט: ׳פונם נילוס, דער טײַך פון מצרים, ביז סוריא דאָס לאַנד פון לבנון׳. ׳דער טײַך פון מצרים׳ און ׳דאָס לאַנד פון לבנון׳ זענען, אין פלוג, סתּם צוגאָבן. בײַ אַן אַנדער שטאַפּל אין דער געשיכטע פון דער טאָפּל־שפּראַכיקער העברעיִש־ייִדיש־ליטעראַטור וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז די צוגאָבן נעמען זיך דערפון וואָס די העברעיִשע און ייִדישע לידער זענען געווענדט צו צוויי פאַרשיידענע מינים לייענער. אַזאַ דערקלערונג איז ניט חל אויף אַ פּאָעט פון גרינבערגס מדרגה. דאָס זענען לידער וואָס ווענדן זיך צו ראַפינירטע לייענערס, וואָס מוזן זיך פאַרמעסטן מיטן כּלומרשט פּראָזאַישן אײַנהיל פון די לידער, כּדי אויפצודעקן ׳אַ טעקסטגעוועב דורכגעדרונגען מיט פּאָעטישער שפּראַך ביזן מאַרך פון די ביינער׳ (זען: הרושובסקי, ריתמוס הרחבות, ז׳ 57). אויב מען מעג משער זײַן וואָס פאַר אַ לייענער גרינבערג האָט געהאַט אין זינען מיט זײַנע ארץ־ישׂראלדיקע לידער פון סוף צוואַנציקער יאָרן, איז דאָס זײַן אַנגעזעענער קאָלעגע פּרץ מאַרקיש. אַ פּרטימדיקער אַנאַליז פון די צוגאָבן ׳דער טײַך פון מצרים׳ און ׳דאָס לאַנד פון לבנון׳

וועט דערוויַיזן, אַז ביידע אָפּאָזיציעס זענען אַמפּיבראַכן מיט אַ גליַיכער צאָל טראָפּן. זיי באַגלייטן סובסטאַנטיוון וואָס זענען אויך אַמפּיבראַכן. פֿאַר יעדן סובסטאַנטיוו קומט אַ פּרעפּאָזיציע. ביַי ביידע אָפּאָזיציעס זענען פֿאַראַן אַן אַרטיקל און אַ פּרעפּאָזיציע. בעת די פּרעפּאָזיציעס זענען אידענטיש — פֿון — זענען די אַרטיקלען אַנדערש. דאָס נעמט זיך דערפֿון וואָס איין מאָל רעדט זיך דאָרטן וועגן מענלעכן מין און דאָס צווייטע וועגן דריטן מין (דער טיַיך — דאָס לאַנד). אָט אַ די מאָרפֿאָלאָגישע באַזונדערקייט מאַכט מיגלעך אויסצוניצן אַ ריטמישן עלעמענט וואָס אורי־צבֿי גרינבערג איז אויף דעם אַ מאַדים: אַליטעראַציע. און אַליטעראַציע איז טאַקע אויך פֿאַראַן אין 'לאַנד פֿון לבֿנון'. דערצו דאַרף מען געדענקען אַז דאָס וואָרט וואָס שליסט די שורה איבערן וואָרט לבֿנון פֿאַרמאָגט אויך די קלאַנגען ל,ן: לייבן. זיך מערקן אויך, אַז דער צונויפֿשטעל נילוס — לבֿנון באַוויַיזט זיך, ווידער אַ מאָל ווי אַן אַמפּיבראַך, אין א. צ. גרינבערגס ליד אונדזערע קינדער.

אַליטעראַציע, אינערלעכער גראַם, אַנאַפֿאָר, קלאַנג איבערחזרונגען, אַ לערך רעגולערער מעטער, אָט די אַלע פֿריִער דערמאָנטע יסודות ווירקן כּדי צו שאַפֿן דעם אויפֿריַיסנדיקן, שטראָמענדיקן טאָן פֿון גרינבערגס עקספּרעסיאָניסטישער פּאָעזיע, דאָס וואָס הרושובסקי רופֿט אָן 'ריתמוס הרחבות' (גרינבערג רעדט וועגן 'ריטמוס' אין דער שבֿט חלוצים). ניט דאָ איז דאָס אָרט אויף אַ פּרטימדיקן אַנאַליז פֿון די ריטמישע עלעמענטן אין אורי־צבֿי גרינבערגס ארץ־ישׂראלדיקן ציקל ייִדיש־לידער, אַזוי ווי דאָ איז ניט דאָס אָרט זיך אָפּצושטעלן אויף מאָטיוון און אימאַזשן וואָס מען טרעפֿט אָן אין די לידער, לדוגמא: גאָלד, דינאַמיט, פֿעלזן, מידבר, אייראָפּע, קאָמפּאַניעס ייִנגלעך און מיידלעך, מלכות בית־דוד).

ס'איז כּמעט ניט פֿאַראַן אַ ליד אינעם ציקל ווו עס זאָלן ניט דערמאָנט ווערן די ייִדישע מאַמעס. מערקווערדיק אַז אַ בריוו פֿון דער מאַמען, ווו די מאַמע איז דער דרייפּונקט פֿונעם ליד, איז אויסנעמיק צווישן אַלע לידער פֿונעם ציקל. בשעת זעקס לידער האָבן אַן איך — סיַי אַן איך אַ יחיד, סיַי אַ קאָלעקטיוון איך (מיר, אונדז) — איז דווקא אינעם אייניציקן ליִרישן ליד, כּלומרשט ניט פֿאַראַן קיין איך. כּלומרשט, וויַיל אין ייִדיש איז דער אַרטיקל אויך אַ פּאָסעסיוו. אַ בריוו פֿון דער מאַמען איז דאָך אויך אַ בריוו פֿון מיַין מאַמען. מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז כאָטש דער זון ווערט דערמאָנט אינעם ליד אין אָביעקטיווער דריטער פּערזאָן, ער,

איז דער רושם פונעם ליד סוביעקטיוו ביז גאָר. דער סטיליזירטער בריוו פון דער מאַמען, וואָס איז אַרײַנגעפּלאָכטן אינעם ליד, איז אַ מוסטער פון אורי־צבי גרינבערגס ריטמישע אויפטועו. אין די ערשטע זעקס שורות פון דער מאַמעס בריוו, וואָס זענען אַ מין סטראָפע פאַר זיך, ענדיקן זיך שורות 1, 3, 5 מיט איינטייליקע אָדער צווייטייליקע צונויפשטעלן, וואָס האַלטן דעם זעלבן צאָל טראָפן און ווערן פאַרבונדן מיטן בינדוואָרט און: 'דחקות און עלנט' 'פיל געשעצטער און איינציקער זון', 'זייער און זייער'. דאָס ליד איז פול מיט אַן אַנאַפאָרישן 'און' און מיט קלאַנגען וואָס חזרן זיך איבער, בפרט ט, ש, צ, ל. אורי־צבי גרינבערגס מקפּיד זײַן אויפן פּאָעטישן לשון, פאָדערט נאָך אַ באַמערק. אין דער מאַמעס בריוו איז דער טרויער אין שטוב אָנטראָפּאָמאָרפאַזירט מיט דער הילף פון חפצים: 'און די כּלים אין שטוב זענען טרויעריק זייער און זייער'. אינעם ענטפער וואָס דער ער גרייט זיך אַרויסצושיקן, זענען פאַראַן פיר ציטאַטן פון דער מאַמעס בריוו. די צוויי לעצטע, זענען ווערטלעכע ציטאַטן, בשעת די ערשטע צוויי זענען כּלומרשטיקע ציטאַטן. 'די כּלים אין שטוב' ווערט ציטירט אין דער ערשטער סטראָפע 'דער שטוב און די כּלים'. די באַשטייטיילן פונעם ערשטן צונויפשטעל זענען ניט גלײַכוועריק אין זייער סינטאַקטישער פונקציע. דערקעגן זענען אינעם צווייטן צונויפשטעל פאַראַן צוויי גלײַכווערטיקע איינסן וואָס שאַפן אַ באַלאַנס און דערגאַנצן איינעם דעם צווייטן, סײַ קלאַנגיק — די אַליטעראַציע דע־די און דאָס איבערחזרן דעם קלאַנג ו— סײַ וואָס שייך דעם מעטער.

5. יידישע דראַמאַטישע שריפטן אין א״י ביז 1948

די דראַמאַטישע שריפטן אין יידיש ביז 1948 זענען ווינציק ביז גאָר. מיר זענען באַקאַנט פיר אַזעלכע כּתבים.

יעקב שטאָל האָט געדרוקט אין דרײַ, זז' 1־8, דעם איינאַקטער אין טאָג פון וואָלשערן און אין ארץ־ישׂראל שריפטן, זז' 37־45, דעם צווייטן אַקט פון דער פּלייטן שפּילער. סײַ פאָרמעל, סײַ טעמאַטיש, סײַ סוזשעטיש, זענעןביידע שאַפונגען ענלעך. ביידע האָבן צו טאָן מיט בלוט־נקמה, מחמת ראָמאַנטישע סיבות. אין ביידע פאַלן איז ניט פאַראַן קיין פּרווו צו געשטאַלטיקן די פּאַרשוינען. דער דראַמאַטישער קלימאַקס איז פירגעשטעלט פון פאָרויס. מחמת דעם איז די דראַמאַטישע שפּאַנונג אין די ווערק זייער באַגרענעצט. אין ביידע פאַלן זענען פאַרמישט טעכטער

פון שייכן. אין פליטן שפּילער, פּרוווט איינע פון זיי וואָרענען דעם אָנפירער פון די פאַסטעכער וועגן איר פּאָטערס נקמה. אינעם איינאַקטער פאַרטיידיקט די העלדין איר געליבטן. דאָ איז פאַראַן אַ טעות־מאָטיוו וואָס וואָלט קענען ברענגען צו אַ גינציקן קער אין דער דראַמאַטישער אַנטוויקלונג: דער שייך וויל ניט חתונה מאַכן די טאָכטער פאַר איר אויסדערוויילטן, ווײַל ער מיינט אַז ער געהערט צו אַ פרעמדן שבט.

עס ווײַזט זיך אויס אַז דאָס איז אַ טעות. אָבער עס איז שוין צו שפּעט — די געליבטע באַגיין אַליינמאָרד.

מ. וו. קאַכמאַן, וואָס האָט אָנטייל גענומען אין די העפטן די בריק, האָט אַפּריל 1939 אַרויסגעגעבן דירה־געלט. אַ טראַגעדיע אין איין אַקט. דער איינאַקטער האָט אַ סאָציאַלע טעמאַטיק: אַ משפּחה פון דרײַ פאַר־שוינען לעבט אין שווערן דחקות אין תּל־אָביב. דער טאַטע, אַן אַרבעטס־לאָזער פידלער, גייט פאַרקויפן דעם פידל כּדי אײַנשאַפן זיך אַ ביסל געלט. זײַן זון איז קראַנק און די משפּחה איז שולדיק אַ סך חדשים דירה־געלט. דער בעל־הבית איז גרייט מוותּר צו זײַן אויפן חוב, אויב דעם פידלערס ווײַב וועט זיך אים איבערגעבן. אין איר פאַרצווייפלונג איז די פרוי מסכּים. דער פידלער, וואָס קערט זיך אַהיים נאָכן פאַרקויפן דעם פידל, ווערט געוווירו וואָס אין הויז איז געשען.

תּרצ״ח האָט משה קאָזלאָווסקי אַרויסגעגעבן אין תּל־אָביב נתן דער משומד; אַ דראַמע אין 3 אַקטן. אויף דער הילע שטייט: 'המהדורה השניה בעברית תופיע בקרוב' (די צווייטע אויסגאַבע, אויף העברעיִש, וועט אין גיכן דערשײַנען). עס ווערט דאָרטן צוגעגעבן אַז דעם ייִדיש־נוסח האָט מען געדרוקט פאַר חו״ל.[101]

נתן דער משומד איז אַ מעלאָדראַמע מיט סטערעאָטיפּישע פאַרשוינען און זייער לאַנגע דיאַלאָגן. די מעלאָדראַמע קומט פאָר 1908, אין אַ ליטוויש שטעטל. נתן, דער בן־הרב, פאַרליבט זיך אין אַן אַריסטאָקראַטיש קריסטלעך מיידל און איז גרייט זיך צו שמדן. דער רב שטאַרבט פון אַפּאָפּלעקסיע ווען ער טרעפט דעם גלח אין שטוב, רעדנדיק מיט נתנען. שפּעטער ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער גלח איז נתנס טאַטע. נתן ראַנגלט זיך איבער תּשובה טאָן. דעם רבס גײַסט באַווײַזט זיך בײַ נאַכט און דער לײַדנדיקער נתן שטאַרבט אַוועק.

פאַרסך־הכלענדיק קען מען באַמערקן אַז ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י ביז 1948 איז אַ מער פאַרוויקלטע ווײַזגעבונג ווי מען האָט זיך ביז

אצינד פאַרגעשטעלט. איר אָנהייב פאַלט ניט צונויף מיטן פאַרלייגן דעם אָפּצווייַג, 1928. פאַר דעם האָט מען אויך געשריבן מאָדערנע ייִדיש־ליטעראַטור אין לאַנד. זיך מערקן אַז אין דער ייִדיש־פּרעסע פון אַלטן יישוב קען מען געפינען עטלעכע אָנזאָגן פון מאָדערנער ייִדיש־ליטעראַטור אין לאַנד.

מען דאַרף אויך האָבן אין זינען אַז זינט די 70ער יאָרן פון 19טן י"ה האָט מען אין אַלטן יישוב אַרויסגעגעבן רעליגיעזע ליטעראַטור אין ייִדיש (זען די הוספה צו אָט אַ דעם קאַפּיטל).

אַ טייל פון ראובנים וואָגיקע בעלעטריסטישע שאַפונגען זענען ייִדיש־ליטעראַטור איבערגעזעצט אויף העברעיִש דורך אַנדערע מחברים. ראובנים שאַפן איז זייער באַלערנדיק פאַר דער פאַרשונג פון דער טאָפּל־שפּראַכיקער ליטעראַטור. ביז 1928 איז ייִדיש־ליטעראַטור אין לאַנד — אַחוץ ראובנים אונטערן וואַנט און בערג און וויסטע — אַרויס בלויז אין העברעיִשער איבערזעצונג. סטיליסטיש, שטייַגן סטאַווסקי — סתוי און איזבאַן אַ סך אַריבער ראובנין. פון דער צווייטער זייַט, האָט קיין שום ייִדיש־בעלעטריסט אין לאַנד ביז 1948 ניט אַנטוויקלט אַזאַ סוזשעטישן כוח, אַזאַ צונויפשטעל צייַט — סיבה, אַזאַ אכזריותדיקע איראָניע און אַזאַ פאַרוויקלטע קאָנסטרוקציע, ווי ראובני האָט דאָס אויפגעטאָן אין עטלעכע פון זייַנע דערציילונגען.

בעת די טעמאַטיק פון דער ייִדיש־בעלעטריסטיק אין לאַנד נאָך 1928 איז געווען על־פּי־רוב ארץ־ישׂראלדיק און ייִדיש, איז אין סטאַווסקיס — סתויס ארץ־ישׂראלדיקע שאַפונגען געדרוקט אין בוכפאָרעם, ניטאָ קיין איין ארץ־ישׂראלדיקע ייִדישע דערציילונג.

אין איזבאַנס קורצע דערציילונגען געפינט מען די ברייטסטע גאַלעריע ייִדן פון אַלע שיכטן און עדות אין לאַנד אין יענער צייַט.

דאָס רוב אַנדערע ייִדיש־בעלעטריסקטיק אין לאַנד ביז 1948 איז צוגעבונדן צו דער ארץ־ישׂראלדיקערווירקלעכקייט. זי איז געבויט מערסטנס אויף אַן אַנעקדאָטישן קערן, פאַרמעסט זיך ניט מיט קיין פאַרוויקלטע סוזשעטן און פאַרטיפט זיך ניט אין דער געשטאַלטיקונג פון די העלדן. ל. חיין־שמעוני, איינער פון די אַקטיווסטע בעלעטריסטן אינעם אָפּצווייַג, האָט אין די ביכער געדרוקט נאָך 1948, ניט אַרייַנגענומען קיין איין ווערק וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין דער ייִדיש־פּרעסע אין לאַנד פאַרן אויפקום פון מדינת־ישׂראל.

מחברים ניט פאַרבונדענע מיטן אָפּצווייַג האָבן געדרוקט פּראָזע אין יידיש ביז 1948, על־פּי־רוב זכרונות. יואל מאַסטבוימס יידיש־בעלעטריסטיק איז אין יענער צייַט אַרויס אין לאַנד בלויז אין העברעישער איבערזעצונג. אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ווערט פּאָעזיע דער פּאַרשפּרייטסטער זשאַנער אין דער יידיש־ליטעראַטור. אַ ריי פּאָעטן הייבן אָן זייער ליטעראַרישער טעטיקייט אין לאַנד, סייַ מיט ביכער, סייַ אין די ליטעראַרישע אויסגאַבן פונעם אָפּצווייַג.

די שרייַבער אינעם אָפּצווייַג האָבן מיט זיך ניט פאַרגעשטעלט קיין שטרעמונגען אָדער ליטעראַרישע שולן. כאָטש עס זענען געווען חילוקי־דעות צווישן די אַרויסגעבערס פון די פאַרשיידענע העפטן פאַר יידיש־ליטעראַטור אין לאַנד[102] — אַ פולע רשימה פון זיי ווערט געבראַכט אין דער ביבליאָגראַפישער הוספה — האָבן די דאָזיקע העפטן געדרוקט כּמעט אַלע יידיש־שרייַבער אין לאַנד ביז 1948.

בלי־ספק האָט דער אָפּצווייַג געהאַט גרויסע שוועריקייטן בייַצו־שטיין. ׳קיינער האָט אונדז ניט געצערטלט, קיינער האָט אונדז ניט גע־מוטיקט. קיינער, קיינער, קיינער׳ (י. צ. שאַרגעל, פון אָנהייבן אָן, ז׳ 14).

גלייַכצייַטיק דאַרף מען באַמערקן, אַז ביז 1948 זענען די רעדאַקטאָרן געווען ליבעראַל ביז גאָר מיט יידיש־כתבים. מען מעג פעסטשטעלן, אַז אין יענער צייַט האָט מען אין דער פּרעסע פון אָפּצווייַג אָפּגעדרוקט יידיש־שאַפונגען, ווי ס׳זאָל ניט זיין זייער ליטעראַרישע ווערט.

די פּאָעזיע פונעם אָפּצווייַג האָט זיך שטאַרק אידענטיפיצירט מיטן אַרבעטנדיקן א״י און מיט די געשעענישן וואָס דאָס לאַנד האָט איבער־געלעבט אין די דרייַסיקער יאָרן. זי האָט באַשריבן, דעקלאַראַטיוו און דירעקט, דעם איצט און דעם דאָ. אויך אינעם רוב לירישער פּאָעזיע פונעם אָפּצווייַג איז פאַראַן אַ טאָן פון דירעקטן אַרויסזאָג. מיטן אויס־בראָך פון דער מלחמה ווערט דער חורבן כּמעט די אויסשליסיקע טעמע פון יידיש־פּאָעזיע אין לאַנד. די ליטעראַטור פון אָפּצווייַג איז געווען בעיקר אונטער דער השפּעה פון דער מאָדערנער יידיש־ליטעראַטור. משה קול־באַק, ה. לייוויק, מ. בראָדערזאָן, י. ל. פּרץ, ביאַליקס אונטער די גרינינקע ביימעלעך ווערן דערמאָנט, בפירוש אָדער מיט אַלוזיעס.

פאַראַן אויך אַ קעגנאַנאַנדיקע אינערלעכע השפּעה צווישן די פּאָעטן אינעם אָפּצווייַג. די ענלעכקייט אין די נעמען פון די לידער־זאַמלונגען אין די דרייַסיקער יאָרן וואַרפט זיך אין די אויגן: אין דער אויפגעמאַכטער

טיר, אין דײַן טיר, צווישן בלוי און ים, אונטער בלויע הימלען, אין בלויען ליכט. לעוו דערמאָנט פּאַפּיערניקאָוון בפּירוש.

אריה שמריס שאַפן איז דער בולטסטער פּאָעטישער דערגרייך פונעם אָפּצווײַג.

להיפוך צו דער נטיה אין דער מאָדערנער ייִדיש־ליטעראַטור, אַז די גראַמען זאָלן זײַן פאַרשטענדלעך אויף אַלע ייִדיש־דיאַלעקטן, האָבן די פּאָעטן פון אָפּצווײַג געגראַמט דיאַלעקטיש אָדער כּמו־דיאַלעקטיש. זיי גראַמען דיאַלעקטיש, למשל: אײַך — לאַך, שטראַל — מײַל, פּאַראַן — זײַן — מאַן (זז׳ 309, 312, 326). זיי גראַמען כּמו־דיאַלעקטיש, ווען אין אַלע באַשטייטיילן פונעם גראַם באַווײַזט זיך דער דיפטאָנג יי. דאָס ווײַזט אָן אויף אַ ווענד צו דעם אינטערדיאַלעקטישן גראַם. געמיינט זענען דאָ פּאָעטן וואָס אויף זייער דיאַלעקט ווערט דער דיפטאָנג ״יי״ ארויסגערעדט Ay. די פּאָעטן היטן אָפּ למשל: בלייך = בלײַך, געוויין = געווײַן. אַזעלכע ווערטער גראַמען זיי מיט טײַך, פּײַן, ווײַן, פײַן (זז׳ 305, 321). דער דיפטאָנג ״ײַ״ ווערט אין די דרום־דיאַלעקטן אַרויסגערעדט ווי אַ קורצע אָדער אַ לאַנגע אַ: טאַך, פּאַן, וואַן, פאַן וכדומה. בלי־ספק ווערן אין אַט די פאַלן טײַך, פּײַן, ווײַן אַרויסגערעדט ווי אין די צפונדיקע דיאַלעקטן. נאָר אויף אַזאַ אופן קען מען גראַמען בלייך־טײַך; פּײַן־אַליין וכדומה. מיט דער צײַט זענען די פּאָעטן פון אָפּצווײַג — באַזונדערש אריה שמרי — אַריבער אויף אינטערדיאַלעקטישע גראַמען.

להיפוך צו ראובנין און סטאַווסקי־סתוין, זענען זייער ווייניק אַנגע־העריקע צו דעם אָפּצווײַג געוואָרן טאָפּל־שפּראַכיקע שרײַבערס, אָדער איינשפּראַכיקע העברעיִשע שרײַבערס (קאָווע, שענהויט־שנהוד, בלײַ־ציפּורי, קליר, הייבלום).

אין דער אַרומגערעדטער תּקופה זענען ניטאָ קיין שפּורן פון אינסטי־טוציאָנירטע פאַרבינדונגען צווישן דעם אָפּצווײַג און דעם פאַראיין פון העברעיִשע שרײַבערס אין לאַנד. אין די ערשטע יאָרן נאָכן גרינדן דעם אָפּצווײַג, האָט מען געטענהט אַז די העברעיִשע ליטעראַטור קען זיך ניט פאַרמעסטן מיט דער ארץ־ישׂראלדיקער טעמאַטיק. ייִדיש־ליטעראַטור אין לאַנד וועט עס יאָ קענען.[103] פון דער צווייטער זײַט, האָט דער רוב מנין ורוב בנין העברעיִשע מחברים איגנאָרירט ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י.

ייִדישע און העברעיִשע פּאָעזיע אין א״י האָבן אַ סך בשותּפותדיקע

מאָטיוון: בעלי־חיים, געוויקסן, די לאַנדשאַפט פון לאַנד און דאָס גלײַכן. די אַנטוויקלונג פון אָט אָ די מאָטיוון און די עסטעטישע דערגרייכן אין שײַכות מיט זיי, זענען אַן ענין פאַר אַ באַזונדערער פאַרשאַרבעט.

מ׳דאַרף באַטאָנען אַז מ׳האָט, רעלאַטיוו, איבערגעזעצט מער שאַפונגען פונעם אָפּצווײַג אין לאַנד אויף העברעיִש, ווי מען האָט איבערגעזעצט העברעיִשע ליטעראַטור אויף ייִדיש.[104]

אויך אין אָט אָ דער תּקופֿה זענען פאַראַן העברעיִשע מחברים וואָס האָבן געדרוקט ייִדיש בלויז אין חו״ל, למשל: י. ד. בערקאָוויטש, מ. בן־הלל הכּהן, א. אבן־זהב, אורי־צבי גרינבערג. די לידער וואָס אורי־צבי גרינבערג האָט אָנגעשריבן, סוף צוואַנציקער יאָרן, דערווײַזן אַז מע מוז אונטערשיידן צווישן דער אידעאָלאָגישער באַציִונג פון טאָפּל־שפּראַכיקע שרײַבערס צום סטאַטוס פון ייִדיש אין א״י און זייער ייִדיש־שאַפן. אורי־צבי גרינבערגס וואָגיקע לידער באַווײַזן, בלתּי־ספק, אַז די איינציקע מאָס וואָס איז חל אויפן אָפּצווײַג איז אַן עסטעטיש ליטעראַרישע מאָס און ניט די גרייטקייט צו אַנטוויקלען ייִדיש און ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י.

צווישן יאָ און ניין פאַרנעמט זיך מיט ייִדיש־ליטעראַטור אין לאַנד אין אַ באַשטימטן צײַטאָפּשניט. דאָס רוב ביכער פון די מחברים דאָ דערמאָנט, זענען אַרויס נאָך 1948. אַ פֿולדיקער אַנאַליז פון זייער שאַפן איז מיגלעך בלויז אויפן סמך פון אַלע כּתבים זייערע.

ייִדיש־ליטעראַטור אין א״י ביז 1948 איז אַ טייל פון אַ גאַנצקייט: ייִדיש־ליטעראַטור אין 20סטן י״ה. ייִדיש־ליטעראַטור אין לאַנד האָט זיך אַנטוויקלט, בעת ליטעראַטור אויף מאַמע־לשון האָט דערגרייכט איר ראַפינירסטע מדרגה. האָבנדיק אָט אָ דעם פּרט אין זינען, קען מען באַנעמען, אויף ווי ווײַט עס זענען געווען באַשיידן דער פאַרנעם און די אויפטועון פונעם אָפּצווײַג.

הערות צו קאַפּיטל זיבן

1. זען פון אָנהייב אָן, תּל־אביב, תּשל״ז, ז׳ 5.
2. זען דעם אַרטיקל דערמאָנט אויף ז׳ 69, הערה 3.
3. תּלוש — איסר מאַסעלעוויטש — האָט געלעבט אין א״י פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער האָט דעמאָלט געשריבן רוסיש. זײַן ערשט ווערק געדרוקט אויף ייִדיש איז, משמעות, די נאָוועלע אַ פּרעמדע (די צוקונפט 1920). אין בוכפאַרעם איז די נאָוועלע אַרויס מיטן טיטל דער ים רוישט, אין אַ בוך מיטן

זעלבן נאָמען, (נ״י 1921). אין דעם סיפּור, וואָס קומט פאַר בעת דער צווייטער עליה, איז פאַראַן אַ געשטאַלט, דער שרײַבער בנימין כּאַיניס, וואָס דערמאָנט אָן י. ח. ברענער. אין דער געשטאַלט פון דער יונגער תּימנקע, וואָס ווערט אַ ייִדיש־אַקטריסע, איז דער רמז אויף ליזאַ ווארשׂ קלאָר. מאָל־קאַווס אכסניה, וואָס ווערט דערמאָנט אין עגנונס תּמול שלשום, איז אויך פאַראַן בײַ תּלושן. אין תּלושס בוך איז דאָ נאָך אַ גאַנצע און עטלעכע סקיצן מיט ארץ־ישׂראלדיקער טעמאַטיק. איבער תּלושן זען רייזען, 4, זז׳ 891—896 ; לעקסיקאָן, 8, זז׳ 804—805 און מכּאן ומקרוב, ז׳ [27].

ווײַנפּערס ביכער מיט ארץ־ישׂראלדיקן פּאָן : פון אונדזער לאַנד (1920) ; ראַטמיאַ (1921) ; מיטן ייִדישן לעגיאָן, 1942 ; אויף די זאַמדן פון יהודה, 1946. יהואש האָט, 1917, אַרויסגעגעבן פון ניו־יאָרק ביז רחובות און צוריק. דאָס זענען זכרונות פונעם אַנדערטהאַלבן יאָר וואָס יהואש איז געווען אין לאַנד, 1914־1915. די זכרונות, פול מיט חן און אײַנגעהאַלטענעם טרויער האָט ברענער קריטיקירט זייער שאַרף (זען כּל כּתבי י. ח. ברנר, זז׳ 406־407). אפרים אויערבאַכס קאַראַוואַנען איז אַרויס 1918. פון די אויבן־דערמאָנטע שרײַבער האָט בלויז ווײַנפּער געדרוקט איין ליד אויף ייִדיש אין לאַנד. (זען דאָס יידישע אַרבעטער וואָרט, 1919, ז׳ ג׳).

ווי פריער געזאָגט (ז׳ 121) האָט דוד האָפּשטיין געלעבט אין לאַנד בערך אַ יאָר צײַט. ער האָט דאָ גאָרנישט געדרוקט אין ייִדיש. וועגן האָפּשטיינס ווערק, וואָס ח. שמערוק האָט פּובליקירט צום ערשטן מאָל (זען ז׳ 138, הערה 6) האָט דער אַרויסגעבער ריכטיק באַטאָנט, אַז מען דאַרף זיי אויספאָרשן צוזאַמען מיט אַלע דראַמאַטישע כּתבים וואָס האָפּשטיין האָט געשאַפן.

ב. רעסלער האָט 1927 אַרויסגעגעבן דעם ראָמאַן אויף אַלטער ערד. שפּעטער (פּאַריז, 1935) האָט ה. אַיאַלטי, וואָס האָט געוווינט אין לאַנד פון 1929—1934, אַרויסגעגעבן דעם ראָמאַן בום און קייטן.

4. ווײַנפּערס זכרונות אילוסטרירן די מאָטיוון פון אַ ייִדיש־שרײַבער זיך ניט צו באַזעצן אין לאַנד. ווײַנפּער, וואָס האָט גאָרניט געוווּסט וועגן דער פּאָלעמיק איבער ייִדיש אין לאַנד, ווען ער איז געווען אַ לעגיאָנער (1919), לויבט די באַציִונג פון די העברעיִשע שרײַבערס צו אים. ער גיט צו אַז אין ניו־יאָרק האָט ער ניט זוכה געווען צו אַזאַ באַציִונג. ווײַנפּער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה צו בלײַבן אין א״י. לסוף האָט ער באַשלאָסן זיך אומקערן קיין אַמעריקע, מחמת ער האָט געדרונגען אַז ער וועט קיין מאָל ניט זײַן אין שטאַנד צו שרײַבן ליטעראַטור אויף העברעיִש. עס האָט אויף אים געווירקט אויך דער פּאַל מיט סטאַווסקי־סתוי. על־פּי ווײַנפּער, האָט זיך סטאַווסקיס קינסטלערישע אַנטוויקלונג אָפּגעשטעלט, מחמת די שוועריקייטן וואָס סטאַווסקי האָט געהאַט בעתן אַריבערגייען פון ייִדיש אויף העברעיִש. זען : מיטן ייִדישן לעגיאָן, זז׳ 174—177 ; 198 ; 297־298.

5. זען : רייזען, 4, זז׳ 78—80 און די ביבליאָגראַפישע פּאָזיציע וואָס ראובני האָט אַרײַנגעשיקט, 1951, צום פאַרבאַנד פון העברעיִשע שרײַבערס. די פּאָזיציע איז דאָ אין גנזים־אינסטיטוט, תּל־אביב. אַ האַרציקן דאַנק דער גנזים־פאַרוואַלטונג, פאַר דער דערלויבעניש איבערצוקוקן ראובנים פּאָזיציע.

6. ווײַנפּערס לידער האָט מען געדרוקט אין הפּועל הצעיר, תּמוז תּרע״ט, ז׳ 9

און האזרח, 2, זז' 97־98. אין ביידע פאַלן האָט מען באַמערקט, אַז די לידער האָט מען איבערגעזעצט פון ייִדיש. יהואשס אַ ליד איז אַרויס אין מולדת, ו (תרע"ד), עמ' 133—134. זען זייַנס אַ ליד און אריה יפהס (לעאָ קעניג) בעלעטריסטיק, אין הפועל הצעיר, לויט מפתח להפועל הצעיר. וועגן לעאָ קעניגן זען דב סדנס מאמר (ווייַטער, הערה 39), ז' 134.

7. זען ראַבינאָוויטשעס נאָטיץ אין הדור, 1904, נומ' כ"ח, זז' 28—[32]. ביאַליקס ענטפער, דאָרטן, נומ' ל', זז' 28—30 (איבערגעדרוקט אין כתבים גנוזים של... ביאַליק, זז' 312—314). אַ האַרציקן דאַנק פּראָפעסאָר ש. ווערסעס, וואָס האָט מיר דערמאָנט דעם דאָזיקן ענין. זען בערדיטשעווסקיס אַרויסזאָג, טשטוט גבולין, נתיבות, תרע"ג, זז' 310—312.

8. זען ראַבינאָוויטשעס קריטיק אויף סטאָווסקין אויבן, ז' 139, הערה 8. בערדי־טשעווסקי האָט זיך באַקלאָגט פאַר ברענערן, הלמאי מ'האָט געדרוקט ראובֿניס פּוחות אין רביבים ג—ד, תרע"ג (דאָרטן, ז' 47 ווערט דערמאָנט אַז דאָס איז איז אַן איבערזעצונג). זען: ברדיצ'בסקי — ברנר חליפת אגרות, ת"א, 1962, זז' 98־99.

9. בן־יהודה האָט געפאָדערט די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק זאָל ניט אַנטלייַען ייִדיש־ביכער, כּדי אויסצומייַדן אַז ייִדיש זאָל זיך פאַרשפּרייטן אין א"י. רפאלי האָט פירגעלייגט מען זאָל אַזעלכע ביכער אַנטלייַען בלויז וויסנשאַפט־לערס. זען: פנקס הפּרוטוקולים של ישיבות בית הספרים..., 7973 °4, [802] 1, זיצונג 12. אַ האַרציקן דאַנק יוחאי גואלן פאַרן אָנווייַזן מיר אויף דעם דאָקומענט. רפאליס פאַרנאָמען ווערט ניט דערמאָנט אינעם פּראָטאָקאָל. מש־מעות, דאָס איז שמואל רפאלי. רפאלי, איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער ארץ־ישׂראל־ייִד (ירושלים, 1890) האָט דעמאָלט פאַרטיידיקט דעם געדאַנק פון אַ ייִדיש־צייַטונג אין א"י און פּאָלעמיזירט איבער דעם מיט א. צעדערבוים. (זען אין מייַן אַרטיקל דערמאָנט אויבן, ז' 69, הערה 3).

10. אין די צוואַנציקער יאָרן האָט ראובֿני זיך שטאַרק באַמיט אַרויסצוגעבן זייַנע ייִדיש־כּתבֿים אין בוכפאָרעם. זען זייַן בריוו צו א. וואַסער (3טן אויגוסט 1927) און די בריוו פון זלמן רייזען און קולטור־ליגע צו אים (י"ד טבֿת און כ"ג ניסן תרפ"ג; 12/7/27). זען אויך ווייַטער, הערה 30. די בריוו געפינען זיך אין גנזים־אינסטיטוט, ת"א. דער ערשטער אויסגאַב פון ראובֿניס דער־ציילונגען אין העברעיִשן לבוש איז אַרויס אין תרפ"ח און 1951. דער צווייטער — תשכ"ז.

11. זען מייַן מאמר, סיפורת עברית מקורית או תרגום מיידיש? דער פּיאָנער — החלוץ; אין וואָגן — בעגלה לאהרן ראובני. תרביץ, נ"ב, (תשמ"ג), זז' 623—637.

12. זען דעם העברעיִשן אָריגינאַל: כּל כּתבי ברנר, ג, ז' 422.

13. זען דעם בריוו פון כ"ד חשון תרע"ט, ווו ראובֿני לייגט פאָר ש. בן־ציונען ער זאָל דרוקן בראשית המבוכה. וועגן בן־ציונען זען קרסל, א', זז' 243־244. וועגן טעמקינען זען, דאָרטן, 2, ז' 26.

14. כ"א בסיון תרפ"ג, האָט ראובֿני אַרייַנגעשיקט א. ליעסינען אַ דערציילונג און אים געבעטן זי אָפּדרוקן אין די צוקונפט, וואָס גיכער. ראובֿני דערקלערט דאָרטן אַז ער גרייט זיך איבערצוזעצן די דערציילונג אויף העברעיִש און אַרויסגעבן זי אין צוויי חדשים אַרום. ליעסין האָט די דערציילונג ניט פּובליקירט. ער האָט

אויך ניט אָפּגעדרוקט אין דולהויז, וואָס איז פריִער אַרויס אין העברעיִשער איבערזעצונג. (זען : כּל כּתבי ברנר, ג, ז׳ 400). עס לייגט זיך אויפן שׂכל, אַז ליעסין האָט ניט איבערגעדרוקט אין די צוקונפט קיין פריער פּובליקירטע זאַכן אין אַנדערע זשורנאַלן, סײַ אין ייִדישן אָריגינאַל, סײַ אין איבערזעצונג.

15. אין אונטערן וואָגט ווערט ניט דערמאָנט ווו און ווען איז דאָס ביכל געדרוקט געוואָרן. פון אַ מודעה בײַם סוף, איז קלאָר אַז אונטערן וואָגט איז אַרויס סוף 1913 אין ירושלים. אונטערן וואָגט האָט מען פּובליקירט אין לעצטן נומער דאָס לאַנד, וואָס איז אַרויס אָנהייב 1914. זען דעם אַרטיקל דערמאָנט אויבן ז׳ 69, הערה 3, ז׳ 88.

16. זען : כּל כּתבי ברנר, ב, ז׳ 339־340.

17. איבער ייִדיש־פאַרלעגערײַ אין ראַטן־פאַרבאַנד — און אין קיעוו בפרט — ביז 1921, זען : ח. שמרוק, פּרסומים יהודיים בברית המועצות, זז׳ ע׳—ע״ג. הינטערן שער־בלאַט פון קויכעס שטייט : ׳צוגעגרייט דורכן פאַרלאַג קולטור ליגע׳. מען מעג משער זײַן אַז נ. מײַזיל, פאַרוואַלטער פון קולטור־ליגע, האָט צוגעגרייט דאָס בוך צום דרוק.

18. דאָס ווערט איבערגעגעבן אין אַ כּמעט ניט מיגלעכן ייִדיש־זאַץ : ׳ס׳איז געווען קאַלט און הונגעריק׳. (ז׳ 59) ניט געקוקט אויף דעם איז דער אײַנדרוק פונעם זאַץ אויפן לייענער זייער שטאַרק.

19. פּראָפ. שמערוק האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס גלײַכוואָרט איז געווען זייער פאַרשפּרייט אין ראַטן־פאַרבאַנד, פון זינט אָנהייב רעוואָלוציע ביז סטאַלינס טשיסטקעס, כּדי צו באַרעכטיקן דעם רעזשים. איך האָב געהערט ייִדישע קאָמוניסטן באַניצן דאָס גלײַכוואָרט, נאָך 1956, אין שײַכות מיט די דער־הרגעטע ייִדיש־שרײַבער אין סאָוועטן־רוסלאַנד.

20. קאַרבעל איז אַנדערש מיט דעם וואָס ער דריקט אויס זײַן פּראָטעסט, בדיעבד. אויך דאָ גיט זיך דער ייִדישער העלד אָן פאַר אַ ניט־ייִד.

21. דעם 27סטן יוני 1932, האָבן אהרן צײַטלין און יצחק באַשעוויס פאַרבעטן ראובנין זיך באַטייליקן אין גלאָבוס. ראובני האָט דאָרטן גאָרניט אַרויס־געגעבן .דער בריוו איז פאַראַן אין גנזים־אינסטיטוט.

22. פאַרוויסטונגען איז קיין מאָל ניט אַרויס אין בוכפאָרעם. ירושלים און שאָטן פון שווערד איז אַרויס אין נ״י, 1963. שמות איז אַרויס עטלעכע מאָל פון זינט די דרײַסיקער יאָרן.

23. זען : ליטעראַרישע בלעטער, 1929, ז׳ 585. פ״גל דאָרטן, ז׳ 597. וועגן מאָסן־אַרעסט זען ז׳ 566. די היסטאָרישע סך־הכּלען איבער יענער תּקופה דערמאָנען ניט דעם אַרעסט. בלי־ספק אַז אין וואָגן פאַררופט זיך אויף אַן אמתער געשעעניש.

24. די פּלעצער אין קליינאַזיע וואָס ווערן דערמאָנט אויף ז׳ 585, זענען אויך ניט אויסגעטראַכטע.

25. זען דאָרטן, זז׳ 585־586. די אַסאָציאַציע מיט Judenrein איז אומפאַר־מײַדלעך.

26. ראובניס אַנדערע דערציילונגען אין ייִדיש, געדרוקט אין דער פּרעסע זענען : דער פּיאָנער, אידישער קעמפער, צווייטע העלפט נאָוועמבער 1910, נומ׳ 34־35. (זען דעם אָפּשניט פון דער צײַטונג, אָן אַ דאַטע, אין בן־צבי־אַרכיוו, ירושלים, טעקע 3/5/26/1). די ערשטע באַרירונג, דאָס נײַע לאַנד, 1, 1911, נומ׳ 12,

זז׳ 5—10 ; **אין תמוז**, **די יידישע וועלט**, 1928, נומ׳ 5 ; ווי **דאָס מזל פון קאַפּיטאַן לעזלי וואהר האָט זיך פון אים אָפּגעקערט**, **דאָרטן**, נומ׳ 7.

27. אין נילי סדנס דיסערטאַציע, **מגמות דקדנטיות בסיפורת המהגרים בשנות ה־20** באַ״י, אב תשל״ו, זז׳ 443—446 איז דאָ אַ ביבליאָגראַפישע הוספה. זי שרייבט וועגן ראובנין אויף זז׳ 156—320. צו דער הוספה דאַרף מען צוגעבן יעל בן־צביס מאַגיסטער־אַרבעט עיון ב׳עד ירושלים׳ לא. ראובני, אָנגעפירט פון פּראָפ׳ ג. שקד.

28. עטלעכע קאַפּיטלען פֿײַן זענען געווען געדרוקט אין ניו־יאָרקער **די צײַט**, צווישן 29טן אויגוסט 1921 און אָקטאָבער 1921. אַז קמחי האָט איבערגעזעצט פֿײַן, האָט ראובני איבערגעגעבן ברענערן אין אַ בריוו, ד באייר תרע״ט (דער בריוו איז פֿאַראַן אין גנזים־אינסטיטוט). פּ״גל, **למרחב**, 14טן מאַרץ 1969. **עצבון** האָט מען אָנגעהויבן צו דרוקן אין **המשכים**, אין **העולם**, 10טן מײַ 1929. אין בוכפאָרעם איז עס אַרויס תר״ץ. וועגן דב קמחין זען : קרסל, ב, זז׳ 774—776.

29. זען די ביאָ־ביבליאָגראַפישע פּאָזיציע דערמאָנט אויף הערה 5.

30. זען אין גנזים־אינסטיטוט די בריוו צו נ. סלושץ (ח׳ באב תרפ״ב), און פון ז. רייזען (י״ד טבת תרפ״ג), נ. מײַזיל (3טן נאָוועמבער 1925) און ה״ד נאָמבערג (אָן אַ דאַטע).

31. אין אַן אינטערוויו מיט א. בן־עזר, **למרחב**, 9טן 1969, האָט ראובני יאָ דערמאָנט דעם דאָזיקן פּרט.

32. זען : **אַנהייב**, ז׳ 40.

33. דער בריוו איז דאָ אין גנזים־אינסטיטוט. פ״גל **הארץ** 26סטן דעצעמבער 1969.

34. די געשטאַלט פון שוואַרצן כאַדוש (**שמות**, זז׳ 23־24) איז פֿאַראַן אין **נעכט**, **די צוקונפט** 24 (1919), ז׳ 52. דער אַליינמאַרד פון אַ סאָלדאַט אין **נעכט** דערמאָנט אַן פונקס אַליינמאַרד אין **שמות**. אין **נעכט** איז די שפּאַציר וואָס דערמאָנט דעם שפּאַציר פון ציפעראָוויטש און מאַניאַ אין **בראשית המבוכה**. דאָס לעצטע יידיש־ליד וואָס ראובני האָט געדרוקט, איז אַרויס אין **ליטעראַרישע בלעטער**, 1929, ז׳ 938.

35. אויף ווי ווײַט מיר איז באַקאַנט האָט סטאַווסקי גאָרנישט ניט געדרוקט אין יידיש צווישן 1933 — 1948.
צווישן סטאַווסקי און ראובנין איז דאָ אַ צד השווה : ביידע זענען זיי מיט דער צײַט געוואָרן העברעיִשע שרײַבערס ; סטאַווסקי האָט זיך אַזוי ווי ראובני אָפּגעגעבן מיט העברעיִשע שפּראַך־פּראָבלעמען און שפּראַך־פאַרבע־סערונגען און איז אויך געווען קעגן אַן אָפּצווײַג יידיש־ליטעראַטור אין א״י. זען : א. בלײַ, **ליטעראַרישע בלעטער**, 1929, זז׳ 138־139 און ד.[ניאל] ל. [ייבל], דרײַ, ת״א, 1931.

36. דער מחבר האָט על־פּי־רוב פאַרשריבן ווען און ווו ער האָט אָנגעשריבן די דערציילונגען. עטלעכע כתבים וואָס האָבן געזאָלט אַרײַן אינעם פערטן באַנד, צווישן זיי פּראָזע איבער יידן אין א״י, זען **די צוקונפט** 1914 (19), זז׳ 228—231; 419—422 ; 496—499 ; **דאָרטן**, 1926 (31) זז׳ 550—552. וועגן סטאַווסקי־סתוי זען : **רייזען**, 2, זז׳ 617—620 ; **לעקסיקאָן** 6, ז׳ 370—375 ; **קרסל**, ב, ז׳ 538 ; י. פאַט, **שמועסן מיט שרײַבער אין א״י**, זז׳ 144—156.

37. זען אַ מין פּאַרסך־הכלענדיקן באַמערק וועגן דעם אין שלום־עליכמס דרײַ אַלמנות, פּאַרוועטס־אויסגאַב, ב׳ 4, ז׳ 200.

38. מען דאַרף אויך האָבן אין זינען פּרצעס קאָנטאַניסט אין ס׳איז גוט אין פּאַלקסטימלעכע געשיכטן.

39. זען מולדת א (תרע״א); ב (תרע״ב); ד (תרע״ג); ו (תרע״ד). אויף ד, ז׳ 390 און ו, 334 ווערט דערמאָנט אַז דאָס זענען איבערגעזעצטע דערציילונגען. ברכות, וואָס איז אויך געווען אַ זעלנער אין ייִדישן לעגיאָן, האָט זײַנע לעצטע יאָרן געלעבט אין ירושלים, וווּ ער איז ניפטר געוואָרן — 1978. זען וועגן אים רייזען, 1, זז׳ 440־441; לעקסיקאָן 1 זז׳ 478־479.
אויפן שער־בלאַט פון אונטערן שאָטן פון חרמון ווערן ניט דערמאָנט ניט קיין אָרט און ניט קיין יאָר. פון זז׳ [4, 3] דרינגט מען אַז דאָס איז אַרויס אין נ״י אַרום 1918.
1937 האָט ברכות אַרויסגעגעבן אין וואַרשע נאָך אַ בוך מיט ארץ־ישׂראלדיקער טעמאַטיק: דער ירדן רוישט. איבערן בוך אין אַ העברעיִשער איבערזעצונג, הירדן סואן, האָט געשריבן דב סדן אין ארחות ושבילים, ג, זז׳ 133—140.

40. וועגן דער דערציילונג זען כתבי ברנר, ב, ז׳ 153.

41. לעולם האָט מען דאָס ביכל אָפּגעדרוקט אין אחדות־דרוקערײַ, ת״א. רייזען טענהט אַז מען האָט מיט קאַמזונען אָפּגעמאַכט אַז דאָס ביכל וועט מען פאַרשפּרייטן בלויז אין חו״ל. וועגן קאַמזונען זען: רייזען, 3, זז׳ 448־447; לעקסיקאָן, 8, ז׳ 59 ; קרמל, 2, ז׳ 774. דוד האָפּשטיין האָט אָנגעשריבן די הקדמה צו פון ספר רזיאל המלאך.
עטלעכע לידער קאַמזונס זענען אַרויס אין די צוקונפט, 31 (1926), זז׳ 474, 546־547; 32 (1927), זז׳ 234־235; 33 (1928), ז׳ 664; 35 (1930) זז׳ 133, 628.

42. איזבאַנס בריוו געפינט זיך אין דער נאַציאָנאַלער און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים, 1269 °4, טעקע 3. וועגן איזבאַנען זען לעקסיקאָן, 1, זז׳ 52־53 און מכאן ומקרוב, ז׳ 95. זען טאַבאַטשניקס אַרויסזאָג, די צוקונפט, 1929 זז׳ 214־215. פ״גל ד. לייבל, ווײַטער, תל־אביב 1935, ז׳ 89.

43. קאָלעגעס אין לאַנד, האָבן אָנגעוויזן אויף אָפּאַטאַשוס השפּעה אויף איזבאַנען זען למשל, אין שאַרגעלס בוך, אויבן, הערה 1, ז׳ 30. עס פאָדערט זיך אויך אויספאָרשן שלום אַשס השפּעה אויף איזבאַנען.

44. וועגן ריוועסן זען לעקסיקאָן, 8, ז׳ 445.

45. ריוועס האָט אַ דערציילונג, תאווה (בלעטער צום אָנדענק פון ל. מלאך, זז׳ 40—45), וווּ אַ יונגער יפוער אַראַבער ווערט צוגעצויגן צום פרײַען שטייגער־לעבן פון ייִדן אין תל־אביב.

46. 1929 ווערט פאַרצייכנט ווי דאָס יאָר ווען די נאָוועלע איז אָנגעשריבן געוואָרן. לעולם איז עס דאָס יאָר ווען מען האָט זי אָנגעהויבן דרוקן. אין איינס, זז׳ 30—34, האָט ריוועס אַרויסגעגעבן אַ פראַגמענט וואָס הייסט אויך איבערפלאַנץ־דער פראַגמענט איז אַרײַן, מיט קליינע ענדערונגען, אינעם בוך, זז׳ 130—132.

47. זען: צי איז דאָס אונדזער געזאַנג? חיפה, 1932, זז׳ 14—16. זען י. צ. שאַר־געלס ענטפער, דאָרטן, זז׳ 17—19, פ״גל מיט שמעוניס די שטים פון ניו־יאָרק, נײַע שטאַמען, זז׳ 14־15. וועגן חיין־שמעוניס ייִדישיזם, זען אויבן, קאַפּיטלען 5 און 6.

48. אַנדערע שאַפונגען שמעוניס ביז 1948 זען: אַנהייב, זז׳ 10—18; מאַי, זז׳

15—17 ; בלעטער צום אַנדענק פון ל. מלאך, זז׳ 50—53 ; שטאַמען, 1939, זז׳ 10—12 ; נײַוועלט 11.3.38 ; 19.4.40 ; 23.8.40 ; 17.6.41 ; 25.7.41 ; 22.12.44 ; 15.6.45 ; 18.1.46 ; 12.4.46 ; 13.12.46 ; 24.1.47 ; 24.4.47 ; 16.5.47 ; 21.6.47 ; 28.6.47 ; 1.8.47 ; 17.10.47 ; 13.2.48 ; 5.3.48 ; 26.3.48 ; 9.4.48.

49. אַנדערע סקיצן קאַוועס זען: **אָקטאָבער** זז׳ 14—17 ; **דרײַ** זז׳ 15—18 ; **חיפה**, זז׳ 7—9 ; **נײַוועלט** 8.2.35. וועגן קאַוועס זען: קרסל, ב, 736־737.

50. אַנדערע סקיצן הייבלומס ביז 1948 זען: **נײַוועלט** 10.7.36 ; 22.7.41 ; 21.12.45 ; ווײַטער, זז׳ 44—48 (דאָרטן שטייט, על־פּי־טעות מ. הייבלום) ; **בלעטער צום אַנדענק פון ל. מלאך** (זז׳ 46—50, וועגן בשותפותדיקן גורל פון אַ ייִדישן שוסטער און זײַן אַראַבישער לערניונג בעתן יפוער פּאָגראָם) און **מערץ שטאַמען** 1943, זז׳ 3—5). וועגן הייבלומען זען: **מכאן ומקרוב**, ז׳ [211] קרסל, א, ז׳ 597 ; **לעקסיקאָן**, 3, זז׳ 121־122.

51. וועגן בלײַ־צפּורי — אין מיר אברהם יעל — זען לעקסיקאָן, 1, זז׳ 229־330. ער איז ניפטר געוואָרן אין תל־אביב, תשל״ה. זײַן בעלעטריסטיק איבער אַראַבישער טעמאַטיק, צוזאַמען מיט מיניאַטורן (יוני, זז׳ 6—9) איז אַרײַן אין זײַן בוך **אַראַבעסקן**, ת״א, 1967. נאָך פּראָזע בלײַ־ציפּוריס, זען: **דרײַ** זז׳ 23—26.

52. וועגן ד. טווערדאָווסקין זען **לעקסיקאָן**, 4, זז׳ 38־39 ; וועגן י. צ. שאַרגעל, ווײַטער, הערה 72 ; וועגן א. קליר, וואָס איז ניפטר געוואָרן תשכ״ח, זען **לעקסיקאָן**, 8 זז׳ 53־54 ; קרסל ב, זז׳ 767־768 ; וועגן כיסדער, **א״י שריפטן**, ז׳ 217. ניט אויסגעשלאָסן אַז פּײַוול אײַזען און ש. אײַזען, ווייטער, ז׳ 313, זענען היינו הך. י. צ. שאַרגעל האָט מיר איבערגעגעבן אַז ל. שאָפּענפעלד, אַ חבר אין קיבוץ דן, האָט געענדערט זײַן נאָמען אויף שדמי.

53. וועגן פּאַטאַש און פּאַפּיערניקאָוו זען ווײַטער, הערות 69 און 75. וועגן ד. זאַקאַליק, לעקסיקאָן 3, ז׳ 562 ; וועגן י. גרינבערג, **מכאן ומקרוב**, ז׳ [177] ; וועגן א. שרפי דאָרטן, ז׳ 315 און לעקסיקאָן, 8, זז׳ 803־804 ; וועגן פרידאַ זרובבל, לעקסיקאָן, 3, ז׳ 673 ; וועגן י. חריף זען דעם נעקראָלאָג אין **פּאַלקסבלאַט**, פעברואַר 1980, ז׳ 20.

54. עס איז קיין ספק ניט אַז דאָס איז וואַרשע אָנהייב צווייטער וועלט־מלחמה. צאַנין האָט געדרוקט אין **נײַוועלט** אַ נאָטיץ איבער דער אָקופּירטער וואַרשע (22.3.40). וועגן צאַנינען זען: **לעקסיקאָן**, 7, זז׳ 532—534.

55. זען: **אין שאָטן פון האַקנקרײַץ**, ז׳ 5. וועגן טשערנזאָן, וואָס האָט זיך באַזעצט אין אויסטראַליע, זען, **לעקסיקאָן**, 4, זז׳ 147־148.

56. אַנדערע פּראָזע פּאַפּיערניקאָווס זען **דאָרטן** 15.3.46 ; 26.7.46 ; 16.8.46 ; 30.8.46 ; 7.2.47 ; 9.5.47 ; 18.6.47.

57. **די שפּראַך פון אַ באַכטשיסערײַער שוחט**, **ייִדישע שפּראַך**, 3 (1943), זז׳ 32—34. מאַרק האָט אונטערגעשריבן מ. רעכטמאַן.

58. זען דוגמאות פונעם מין אין סובסטאַנטיוון בײַ פרידן, זז׳ 30, 15־16, 99, 76: אָפּן נאָז ; בײַם באַן ; מיטן באַן ; אויף יענעם זײַט דאָרף ; מיטן האַנט צו דערלאַנגען. וועגן פרידן זען **לעקסיקאָן**, 7, ז׳ 464.

59. דאָס בוך איז נאָך אַ דאָקומענט פון ירושלימער ייִדיש. בײַ פרידמאַנען זענען ניט פאַראַן קיין ווײַבלעכער דאַטיוו און קיין דריטער מין (דער ייִנגעלע, אַ יונגער קינד ז׳ 264). פרידמאַן באַניצט דעם אַרטיקל מיטן וואָרט געלט, ווי עס

פירט זיך אין צפון־ייִדיש ; און מיט די געלט פלעגט דאָס איטליכער איינ־צאָלן זיינע דירה־געלט. (זען ז' 285 ; וועגן געלט אין צפון־ייִדיש זען : H. I. Herzog, The Yiddish Language in Northern Poland..., ז' 103.

60. דאָס צייגעניש פון די הויפּט־רבנים אין ת"א וואָס האָבן מגייר געווען האַרנ־זאַנען איז אינטערעסאַנט. אַ געזעלשאַפט וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אומ־קערן משומדים צום ייִדישן פאָלק האָט געזאָלט אַרויסגעבן די זכרונות. שפּע־טער האָט זיך האַרנזאַן געווענדט צו בלײַ־ציפורין, וועלכער האָט, פאַרן אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד, צוגעשיקט האַרנזאַנען צו אַ 'ירושלימער שרײַ־בער'. דער שרײַבער האָט אים אָפּגענאַרט און דאָס בוך איז אַרויס ניט רע־דאַגירטערהייט. האַרנזאַן גיט איבער, אַז ער האָט ארץ־ישראלדיקע דער־ציילונגען און לייגט זיי פאַר די ייִדישע צײַטונגען. היות ווי אין די זכרונות איז ניטאָ קיין הומאָר, קען מען ניט אָננעמען אַז די ווענדונג פאַר אַ ליטע־ראַרישן פאַרטל.

61. איך האָב ניט געפונען קיין ביאָגראַפישע פּרטים איבער גאָרדאָנען. עטלעכע בריוו זײַנע געפינען זיך אין דב סדנס אַרכיוו, נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק, ירושלים.

62. מאַסטבוים האָט באַזוכט וואַרשע ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויס־געבראָכן. זען וועגן אים, לעקסיקאָן, 5, זז' 464—467.

63. וועגן רחל פײַגנבערג־אמרי זען, לעקסיקאָן, 7, זז' 343—345 ; וועגן י"מ ניימאַן זען דאַרטן, 6, זז' 222—226.

64. סעגאַלאָוויטש דאָרטן, ז' 66, באַמערקט אַז ער האָט ניט געוואָלט האַלטן רעפעראַטן אין ייִדיש אין לאַנד אָדער ענטפערן אויף אַרטיקלען קעגן אים, ווײַל ער האָט ניט געוואָלט אָנרירן די שפּראַכן־פּראַגע בעתן חורבן. ער האָט געהאַלטן אַז די ארץ־ישראלדיקע קינדער זענען אַ לעבעדיקע ראיה, אַז העברעיִש איז די שפּראַך פון ייִדן אין לאַנד. פ"גל מיט דב סדנס אַרטיקל, אויבן, ז' 233. וועגן סעגאַלאָוויטשן זען : לעקסיקאָן, 6, זז' 481—484.

65. 1951 איז אין בוענאָס־אײַרעס אַרויס סעגאַלאָוויטשעס ראָמאַן דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן. דאָס ווערק האָט דער מחבר אָנגעשריבן אין פּוילן. ער האָט עס איבערגעאַרבעט דערעיקרשט נאָך זײַן אָנקומען קיין אַמעריקע.

67. הכהן — וואָס האָט פאַרויסגעזען זײַן פּטירה אין דער ווידמונג — רופט אָן זײַן בוך 'ביכל', אַ וואָרט מיט אַ מער פאַרוויקלטן באַטײַט ווי דאָס נייטראַלע בוך. וועגן מ. בן־הלל הכהן זען : קרסל, ב, זז' 123־124 און לעקסיקאָן, 4, זז' 328—330.

68. זען אַ מוסטער פון פאַפּירניקאָוס לידער איבער ירושלים, גאָלדענע זאַמדן, זז' 45—54.

69. אַנדערע לידער פאַפּירניקאָווס זען : נײַוועלט, 17.5.45 ; 28.6.46 ; 13.9.46 ; 16.10.46 ; 8.11.46 ; 24.1.47 ; 30.4.47.

איבער פאַפּירניקאָוון זען : לעקסיקאָן 7, זז' 105—107 ; י. פּאַט, (אויבן, הערה 36), זז' 200—210 ; דב סדן, אבני מפתן, א, זז' 232—236.

70. דאָס האָבן שוין באַמערקט אין די דרײַסיקער יאָרן דניאל לייבל (נײַוועלט, 22.3.35) און י. צ. שאַרגעל (שטאַמען 1939, זז' 23־24).

71. זען לעוויס אַנדערע לידער אין דער ייִדיש פּרעסע אין א"י : נײַוועלט, 21.12.36 ; 12.2.37 ; 9.4.37 ; 8.7.38 ; 17.3.39 ; 16.6.39 ; 20.10.39 ; 29.12.39 ; 23.2.40 ;

5.4.40 ; 9.8.40 ; 4.4.41 ; 26.12.41 ; 16.3.45 ; 15.6.45. **בלעטער צום אָנדענק פֿון ל. מלאך**, ז׳ 21 ; **אונדזערס**, זז׳ 15־16. **פֿעברואַר שטאַמען** (1943), ז׳ 3. וועגן לעוון זען : **לעקסיקאָן**, 5, זז׳ 242—244.

72. שאַרגעלס ייִדיש איז צענטראַל דרום־ייִדיש. ער איז געבוירן געוואָרן אין כעלם, 1905. 1926 איז ער עולה געווען קיין א״י. זען : **לעקסיקאָן**, 8 זז׳ 555־556.

73. נאָך דער מלחמה האָט שאַרגעל געדרוקט צוויי סאָציאַלע לידער אין **נײַוועלט** (9.1.48 ; 7.5.48). אַנדערע לידער זײַנע אין די פֿעריאָדישע אויסגאַבן פֿון אָפּ־צווײַג זען : **דאָרטן**, 6.5.38 ; 11.8.39 ; 17.6.41 ; 22.7.41 ; **נײַע שטאַמען**, ז׳ 13 ; **נאָוועמבער שטאַמען**, ז׳ 6 ; **אָקטאָבער** (1931), ז׳ 5.

74. לייוויק, וואָס איז דעמאָלט געווען צו גאַסט אין לאַנד, ווערט דערמאָנט מיט אַן אַלוזיע צו זײַן בוך **אַבעלאַר און העלאָיז**, (וואַרשע 1936). אַנדערע לידער הלל שאַרגעלס ביז 1948 זען : **נײַוועלט**, 16.11.34 ; 27.6.41 ; 31.8.41 ; 5.12.41 ; **נאָוועמבער שטאַמען**, ז׳ 5 ; **העפֿטן** (1946), ז׳ 3. וועגן ה. שאַרגעלן זען : **לעקסיקאָן**, 8, זז׳ 554־555. ער איז ניפֿטר געוואָרן, 1983.

75. זען אויך **דאָרטן**, 17.4.36, 14.10.38 און **א״י שריפֿטן**, זז׳ 9־10. וועגן ריקודה פּאָטאַש, וואָס האָט אָנגעהויבן איר ליטעראַרישע טעטיקייט אין פּוילן, זען **לעקסיקאָן**, 7, זז׳ 76־77. וועגן איר פּראָזע זען אויבן, ז׳ 289.

76. זען אימאַזשן פֿון מעוועס און קעמלען, **פֿעברואַר שטאַמען**, 1943 ; **נײַוועלט** 12.12.34 זען אַנדערע לידער אירע ביז 1948 : **נײַוועלט**, 28.10.38 ; 14.7.39 ; 19.4.40 ; 31.8.41 ; **די בריק**, 2, זז׳ 9־10.

77. וועגן ל. וואַסערמאַנס אַרויספֿאָרן קיין ראַטן־פֿאַרבאַנד, זען : **אָקטאָבער**, 1931 ז׳ [2]. איר פֿאַרבינדונג מיטן אָפּצווײַג איז געווען דורך בלײַ־ציפּורי, וואָס האָט אַרויסגעגעבן איר בוך. די פּרטים וועגן ליובאַ וואַסערמאַן אין **לעקסיקאָן** 3, זז׳ 294־295 זענען ניט פּינקטלעך. זי איז ניפֿטר געוואָרן 1975. זען : **סאָוועטיש היימלאַנד**, 1977, 9, ז׳ [191].

78. זען וועגן שענהויט־שנהוד, וואָס איז נפֿטר געוואָרן סוף 1984, **לעקסיקאָן**, 8 זז׳ 748—749 ; קרסל, ב, ז׳ 954.

79. אַנדערע לידער זײַנע ביז 1948 זען : **נײַוועלט**, 26.1.40 ; 22.3.40 ; 21.5.40 ; 26.7.40 ; 5.5.44 ; 16.6.44 ; 12.5.45 ; 5.4.46 ; 10.4.47 ; 2.1.48. **אונדזערס**, ז׳ 19 ; די בריק, 2, ז׳ 16. אין **לעקסיקאָן** ווערט דערמאָנט שענהויט־שענהודס ׳געוויין אויפֿן כנרת׳, באַלאַדע, 12 זז׳ 1940. איך האָב די באַלאַדע ניט געזען.

80. זען בראַדערזאָנס ליד צו די שטערן. ווי באַקאַנט האָט די וואַרשעווער גרופּע כאַליאַסטרע גענומען איר צונאָמען פֿון דער ערשטער שורה אין צו די שטערן.

וועגן בילעצקין זען : **לעקסיקאָן** 1 זז׳ 293־294 ; קרסל, א, ז׳ 229.

81. וועגן מ. פֿאַקנטרעגער זען, **לעקסיקאָן**, 7, ז׳ 110.

82. וועגן סטעמפּלען זען אין שאַרגעלס בוך (אויבן הערה 1, זז׳ 34—38). אַנדערע לידער סטעמפּעלס זען : יוני, ז׳ 15 ; **נײַוועלט**, 27.8.37.

83. זען : **נײַוועלט**, 18.2.44 ; 15.11.44 ; 1.12.44 ; 9.11.45 ; **די בריק**, 2, ז׳ 17. אַנדערע לידער מאַניקס ביז 1948 זען : **נײַוועלט** 21.5.37 ; 23.12.38 ; 17.11.39 ; 31.1.40 ; 14.3.41 ; 1.5.41 ; 8.8.41 ; 23.1.42 ; 6.4.45 ; 10.5.46 ; 29.8.47. וועגן מאַניקן זען : לעקסיקאָן, 5, ז׳ 458־459. און שאַרגעל (אויבן, הערה 1, זז׳ 92—97).

84. דאָס קעמל איז געווען דער סימבאָל פון חברה־טראַסק, און דאָס ליד שאַני, (טראַג מיך), איר ליד. שטאָל דערמאָנט טאַקע שאַני אינעם מאַניפעסט. וועגן טראַסק און דעם מחבר פון שאַני, מ. זמירי, זען די אינטערעסאַנטע נאָטיץ חברה־טראַסק, איינס, זז׳ 59—61.

85. וועגן אַזאַ פּאָעמע האָט מיר איבערגעגעבן שטאָלס אלמנה, פרוי רבקה כצנלסון. אויך אריה שמרי (זען לייזער ציפּרעס, אַ״י שריפטן, ז׳ 5; אין טויער פון טאָג, ז׳ 59 דערמאָנט כנען פאַרבונדן מיט אַ נייעם אָנהייב אין א״י. כידוע ווערט אין ספר בראשית אַ סך מאָל דערמאָנט ארץ כנען.

86. אַנדערע לידער שטאָלס זען: פּיר, זז׳ 3־4; שטאָמען, ז׳ 6; נייע שטאָמען, זז׳ 8־9; אונדזערס זז׳ 4—7 און די פּאָעמע יריד, ווייטער זז׳ 6—23. שטאָל, אַ געבוירטיקער פון בריסק דליטא, האָט זיין קינדהייט פאַרבראַכט אין וואַרשע. זיין יידיש איז, דיאַלעקטיש, געשמאַלצן. וועגן שטאָלן זען תדהר, 10, ז׳ 3611 און לעקסיקאָן, 8, זז׳ 605־606.

87. וועגן ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק זען ח׳ שמערוקס בוך, פּרצעס ייִאוש־וויזיע, נ״י 1971.

86. זען: לידער ווייַנען ז׳ 46. וועגן דעם ציגל־מאָטיוו אין יידיש זען: ח. שמערוק אין The Field of Yiddish, 1, 1954, און דב סדן, צמוקים ושקדים, מחניים נ״ג (תשכ״א), זז׳ 124—130. אין שמריס פּאָעזיע איז די גאָלדענע פּאַווע תמיד אַ סימבאָל פון פּאָעזיע (זען אין זיין בוך, ז׳ 51). יידיש־פאָלקס־לידער איבער דער גאָלדענער פּאַווע און די צען ברידער זען אין גינזבורג־מאַרעקס זאַמלונג, זז׳ 215—217; 102—104.

89. דאָס ליד באַגרונטיקט זיך אויפן טאָפּלשפּראַכיקן — יידיש־אוקראַיניש־ליד אַ פּאַסטעכל. זען: פאָלקסלידער פון מ. קיפּנים און ז. זעליגפעלדס, וואַרשע, אָן אַ דאַטע, זז׳ [129]־130.

90. אַ טייל פון דער פּאָעמע איז געווען געדרוקט אין אַ״י שריפטן, זז׳ 5—8. די גאַנצע פּאָעמע איז אַרויס אין זאַמלביכער, 4, 1939, זז׳ 5—40. אין בוכפאָרעם איז זי אַריין אין שמריס געזאַנגען פון שייער, ת״א תש״ל, זז׳ 11—46. פאַר דעם, איז די פּאָעמע אַרויס אין בוכפאָרעם, אויף העברעיש (תרצ״ט).
א. שלאָנסקי האָט די פּאָעמע איבערגעזעצט. וועגן קעמל זען זאַמלביכער, דאָרטן, זז׳ 5, 8, 13 און נאָך.

91. וועגן דעם רוב אויבן דערמאָנטע מחברים זענען ניט פאַראַן קיין פּאָזיציעס אינעם לעקסיקאָן. עס זענען יאָ דאָ פּרטים איבער ברוידע, 1, זז׳ 449־450; פּ. מאַיעווסקי, 5, זז׳ 410־441; מ. ליפשיץ, 5, זז׳ 220—222. זען שטאָלס נעקראָלאָג איבער ליפשיצן, אונדזערס, ז׳ 37; וועגן קליר און גרינבערגן, זען אויבן, הערות 52־53; וועגן י. פאַלק, זען מכאן ומקרוב, ז׳ [155] און דב סדן, ארחות ושבילים, ג, זז׳ 141—150. וועגן פּ. בן־אביב און מ. זאַק זען אַ״י שריפטן, ז׳ 217. וועגן מ. וועקסלער ווערט געזאָגט אין חיפה, ז׳ 14, אַז ער האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, 1930. זען אויך י. צ. שאַרגעל, (אויבן, הערה 1, זז׳ 11־12).

92. גרמנישע אינקוויזיציאָן איז אַרויס אין ת״א, תרצ״ד. די אַנדערע צווי העפט־לעך אין פאַרלאַג שיש, ירושלים תרצ״ב. די דאַטע פון הרבייטער... איז אָן השערה. וועגן שיש (שלום ישראל שיריזלי) און יידיש, זען מיין אַרטיקל אויבן, ז׳ 69, הערה 3) זז׳ 84־85.

93. זען: ח. שמרוק, ספרות יידיש: פרקים לתולדותיה, זז׳ 64—71.

94. פ״גל מיטן צוגויפשטעל משוגע־מטורף, וואָס אבראַם באַניצט כסדר אין באַ־שעוויסעס פאַמיליע מושקאַט. וועגן משוגע־מיטערע זען: דב סדן, אבני שפה, זז׳ 318־319. סדן האָט מיר דערקלערט, אַז היינט האַלט ער אַז משוגע מיטערע האָט זיך טאַקע אַנטוויקלט פון משוגע־מטורף. וועגן פּאַדאַליער יידיש זען: א. וויינרייך, יידישע שפּראַך, 13, זז׳ 121—131. וועגן אַפּטערן זען: ע. להד, גראַמען וועגן דער דריטער עליה, חיפה 4 (1967), ז׳ 194.

95. איך האָב ניט געפונען קיין פּרטים איבער אַנקורין. דב סדן האָט מיר איבער־געגעבן, אַז אַנקורי האָט אויך געשריבן אויף העברעיש און אויף רוסיש.

96. וועגן אבנרן זען לעקסיקאָן, 1, זז׳ 7־8.

97. וועגן ד. פוכאַלגיק, רעדאַקטאָר פון צוויט און זיינע באַציונגען מיט פּאַפּיק און שענהויט־שנהודן זען: דב סדן, אבני מפתן, ב, זז׳ 304—321. וועגן פּאַפּיקן זען לעקסיקאָן, 7, ז׳ 108.

98. די לידער זענען אַריין אין אורי־צבי גרינבערגס געזאַמלטע ווערק, ירושלים, תשל״ט, זז׳ 481—494. זען ביבליאָגראַפישע פּרטים איבער די לידער, דאָרטן, זז׳ 628־629, און אין מיין אַרטיקל (אויבן ז׳ 69, הערה 3), ז׳ 90.

99. וועגן א. צ. גרינבערגס שאַפן אין יידיש אין ארץ־ישראל און פּוילן, סוף צוואַנציקער יאָרן און אין די דרייסיקער יאָרן זען: ח. שמרוק, יצירתו של אורי־צבי־גרינבערג ביידיש בארץ ישראל ובפולין בסוף שנות העשרים וה־שלושים, הספרות, 29 (1979), זז׳ 82—92.

100. זען: הגברות העולה, זז׳ כ״ד, י״ח.

101. אין נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים איז ניטאָ קיין העברעישער נוסח. איך האָב ניט געפונען קיין פּרטים וועגן קאָזלאָווסקין. מעגלעך אַז ער איז דער מחבר פון מפרוסקורוב לארץ ישראל. תירגם אליעזר זגיל. רומן היסטורי מציאותי ומענין. ת״א, תרצ״ט.

102. זען למשל די קריטיק קעגן דער ליטעראַרישער הוספה פון נייוועלט, יונגע שטאַמען, 1936, ז׳ 20 און י. צ. שאַרגעלס נאָטיץ הפקרות וועמענס ?, פעברואַר שטאַמען, 1943, זז׳ 5־6. פ״גל אויבן, ז׳ 283.

103. זען דניאל לייבלס פאָרוואָרט צו פּאַפּיערניקאָווס ערשטע צוויי ביכער און צו סטעמפּעלס אויף דער שוועל פון ליכטיקן טאָג (אויבן ז׳ 312). זען אויך זיין נאָטיץ אין דריי (ערשטע זייט נאָך דער הילע) און א. ריוועסעס נאָטיץ מכה היגע א״י טעמאַטיק, נייוועלט, 22.11.35.

104. אויף יידיש האָט מען איבערגעזעצט א. פענס נגד (א״י שריפטן, זז׳ 3628. יידיש: ד. ב. מאַלקין); דריי לידער פון טשערניכאָווסקי, פען און א. ברוי־דעסן (נייוועלט, 22.7.41. יידיש: י. פּאַפּיערניקאָוו); לידער פון פיכמאַן, אַלטערמאַן און ד. רוקחן (אונדזערס, זז׳ 28—30 יידיש: א. שמרי).
אויף העברעיש האָט אַ געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט מיט דב שטאָק (סדן) און א. לעווינסאָנען בראש, אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער פון י. פּאַפּיערניקאָוו, מן הטנא (תש״ב). אריה שמריס לייזער ציפּרעס איז אַרויס תרצ״ט. העברעיש: א. שלאָנסקי. לידער פון פּאַפּיערניקאָוו און י. פאַלקן זענען אַרויס אין דבר, 26.2.35; 10.7.36. העברעיש: דב שטאָק (סדן).

הוספה:

יידיש־ליטעראַטור אינעם אַלטן יישוב

דער סימן־מובהק פון דער ראָלע פון יידיש אינעם אַלטן יישוב איז די דיספראָפּאָרציע צווישן דעם אָרט וואָס יידיש האָט פאַרנומען ווי אַן אינסטרומענט פאַר בעל־פה־פאַרבינדונג און דאָס אָרט פון יידיש ווי אַ ליטעראַטור־שפּראַך. בשעת יידיש איז געווען כּמעט אויסשליסיק די גערעדטע שפּראַך פון אשכּנזים אינעם אַלטן יישוב, האָט מען יידיש כּמעט ווי ניט געפונען אין בוכפאָרעם. ש. הלוויס בוך **ספרי ירושלים הראשונים**, דערוויַיזט דאָס אָן ספק. דאָס ביסל דידאַקטישע ליטעראַטור וואָס איז אַרויס אינעם אַלטן יישוב ביז 1948, פּאַסט זיך צו, אין איר אינהאַלט און פאָרעם, צו דער אַלטער יידיש־ליטעראַטור. אינעם אַלטן יישוב זענען אויך אַרויס עטלעכע דרוקזאַכן וואָס די דעפיניציע אַלטיידיש־ליטעראַטור איז אויף זיי ניט חל.

דעם ערשטן סאָרט ליטעראַטור האָט אַרומגערעדט מ. קאָסאָווער אין זיַין מאמר צו דער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור אין ארץ־ישראל (ווייַטער, 1935, זז' 57־68). צו די איינסן וואָס קאָסאָווער האָט דאָרטן דערמאָנט דאַרף מען צוגעבן.

I. תחינות און תפילות

א) תחינות למדר תקון שלשה משמורות...' ירושלים, תרל"ג, כ"ה בל', 1 ז'.

ב) תחינות כּותל־המערבי. [14] זז'. דער קונטרס איז ניט דאַטירט. היות ווי ער איז אַרויס אין דער דרוקעריַי פון גאָשציני און די ברידער גאַגין = אג"ן [אחים גאגין], דאַרף מען דרינגען אַז מען האָט דעם קונטרס געדרוקט צווישן תרל"ו און תרמ"א (די יאָרן ווען גאָשציני און די ברידער גאַגין האָבן געהאַלטן שותפות).

ג) תחינות ובקשות על כל המקומות הקדושים. ירושלים תרמ"ד. ט"ז בל'. איז אַרויס אין דער דרוקעריַי צוקערמאַן און איז געווען איבערגעדרוקט תרנ"א.

ד) ספר שער דמעה פון שמואל בן יהושע זעליג. איבער די אויסגאַבן ביז תר״ן זען אין ש. הלויס בוך. דאָס ספר האָט מען איבערגעדרוקט תרנ״ב, תרנ״ח, תרפ״ד, תרצ״ד.

ה) תפילה אצל הכותל־המערבי. ירושלים תרנ״ה. 8 זז׳.

ו) תחינות ובקשות יעלזו חסידים...׳ [ירושלים] תרס״ב, ט״ז בל׳.

ז) תחינות צרור החיים. ירושלים תרס״ח. 5 בל׳. עס איז געוווּנטשן אַז די אויבן דערמאָנטע תחינות זאָל מען אַרומרעדן אין אַ מאָנאָגראַפיע וועגן דער תחינות־ליטעראַטור. מען מעג משער זײַן, מיט אַ גרויסער מאָס זיכערקייט, אַז דאָס זענען סטערעאָטיפּישע אָפּדרוקן, צילגעווענדט אויך, און אפשר בעיקר, פאַר אויסלאַנד. עס לייגט זיך אויפן שׂכל, אַז דאָס דרוקן די תחינות אין ירושלים האָט געזאָלט זיי באַשענקען מיטן פּרעסטיזש פון דער שטאָט.

II. מוסר־ און סגולות־ספרים

א) פײַנשטיין, טויבע פעסל: ספר זכרון אליהו. ירושלים תרנ״ה, ל״ד בל׳. די מחברטע האָט דעם מוסר־ספר אָנגעשריבן פאַר אירע קינדער אין חו״ל. דאָס ספר איז געהייליקט פײַנשטיינס פאָטער, ר׳ אליהו הכהן.

ב) קירנעס, יחיאל מיכל. ספר רפואות וסגולות. ירושלים תרע״ד, 1 בל׳ און 50 זז׳.

ג) הכהן, חיים בן אברהם. ספר עץ החיים וענפיו. ירושלים, תרס״ח. נעמט אַרײַן מעשה ויכוח דער רוכל מיט דער יצר הרע און דער רוכל מימי קדם.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז 1928 זענען אינעם אַלטן ייִשוב אַרויס נאָך ווינציקער ייִדיש־חיבורים. מיר זענען באַקאַנט:

א) ספר שועת הארי פון הרב אריה לייב ליפשיץ, ירושלים תרפ״ו.[1] פונעם שער־בלאַט איז קלאָר אַז דאָס ספר איז איבערגעזעצט פון לשון־קודש: ׳באַזעצט אין ז׳ארגאָן שפּראַכע כדי אַס זאַללין קאָנען לעזין זכרים פראַסטע מענער עט נקבות פרוין עט מיידלעך יודישע...׳ משמעות איז דאָס ספר אָנגעשריבן געוואָרן אין פּוילן. ווען דער רב איז עולה געווען, האָט מען די ייִדישע איבערזעצונג אַרויסגעגעבן אין לאַנד, כדי אַרויסצוהעלפן דעם מחבר מיט חיונה.

ב) מעשה החיים במעשה אלפס. עכט אידעשער ראָמאַן גיבויט

אויף דברי חז"ל משיא בתו לת"ח והעושה פרגמטיא עם ת"ח. מאת חיים הכהן איש הורביטץ. ירושלים, מ"א תרפ"ד.

ג) אייר תרפ"ה האָט דער מחבר אַרויסגעגעבן ספר ענף חיים... תורה ומוסר ומצות איינגיוויקילט אין מעשה דער רוכל אין מעשה סוחר כמעשה אלפס. דאָס דאָזיקע קעפּל כאַראַקטעריזירט דעם מהות פון הורוויצעס חיבורים. דאָס איז מוסר־ליטעראַטור איינגעוויקלט אין אַ באַגרענעצטן סוזשעט, מיט סטערעאָטיפּישע געשטאַלטן. איר ציל איז פּרוּוון אויסצומיידן אַז די מאָדערנע דערציִונג זאָל אַראָפּפירן פון וועג כשרע ייִדישע טעכטער.

אב תרפ"ה האָט הורוויץ אַרויסגעגעבן אַ צווייטן חלק פון ספר ענף חיים, מיט לייכטע ענדערונגען אינעם שער־בלאַט. ער האָט דאָרטן אַריינגענומען דעם עכט אידעשער ראָמאַן, דערמאָנט אויף ב), אויסמעקנדיק פונעם קעפּל 'כמעשה אלפס'. אויף י, ז' א, שרייבט הורוויץ בפירוש אַז ער גייט אין די שפּורן פון מעשה אלפס.

דאָס דערווייַזט די השפעה וואָס עס האָבן געהאַט רב בן־ציון אלפסעס מעשיות. שפּעטער צו (ביז תשרי [תרפ"ו]) האָט מען דעם ספר צוגעגעבן נאָך דריי טיילן. אינעם זעקסטן חלק זענען אויך אַריין צוויי דרשות אויף העברעיִש. חשון תרפ"ו איז צוגעגעבן געוואָרן נאָך אַ טייל: ...מעשה העגל כמעשה אלפס. די הקדמה איז אין ייִדיש. דער טעקסט גופא, אויף העברעיִש. דעם געמיש פון קעפּלעך און אונטערקעפּלעך האָבן די אַרויסגעבערס געפּרוווט בייקומען מיט אַ קלעפּצעטל אויפן טאָוול פונעם בוך. די צאָל טיילן דאָרטן דערמאָנט, שטימט ניט מיט די טיילן וואָס עס זענען פאַקטיש פאַראַן: 'אצר חיים שמונה חלקים מחירו חמשה עשר ג"מ [גרוש מצרים]' (אצר ספרי חיים. אכט טיילן. פּרייז: 15 ג"מ [מצרישע גראָשן].

אין לעקסיקאָן פון דער נייער ייִדישער ליטעראַטור ווערט דערמאָנט בלויז דער אויסגאַב פון תרפ"ד. עס ווערט דאָרטן געזאָגט אַז הורוויץ איז געבוירן געוואָרן אין ירושלים, ווו ער האָט אָנגעפירט מיט אַ ישיבה. ביידע פּרטים זענען טעותדיק. פונעם ספר ענף חיים, אייר — אב תרפ"ה, דערוויסט מען זיך אַז חיים בן אברהם הכהן וואָס האָט אָנגעשריבן דעם ספר עץ החיים וענפיו — אויבן, ז' 349 — און חיים הכהן הורוויץ זענען היינו הך (זען בל' כ"ד, א. הורוויטץ האָט על־פּי־טעות פאַרשריבן תרס"ד). פון ז' ב, דערוויסט מען זיך אַז הורוויץ וווינט 35 יאָר אין באַכמוט (יעקאַ־

טערינאָסלאַווער גובערניע). פון די ביאָגראַפישע פּרטים דערמאָנט אינעם ביכל, איז קלאָר אַז הורוויץ האָט געשטאַמט פון דער ליטע. ער איז צוויי מאָל געווען צו גאַסט אין ירושלים. דאָס ביכל האָט ער אָנגעשריבן אין אויסלאַנד. עס איז ניט אויסגעשלאָסן אַז אויף דער עלטער האָט זיך חיים הכהן הורוויץ באַזעצט אין א״י.[2]

הורוויצעס חיבורים דערוויַיזן צוויי וויכטיקע פּרטים אין שײַכות מיט ייִדיש־ליטעראַטור אָפּגעדרוקט אינעם אַלטן ייִשוב ביז 1928. א) חיים־דוד שפּיצערס תּכשיטי נשים (ירושלים תרע״ג) און אַן איבערדרוק פון רבקה ליפּא אַניקשטערס קונטרס זכר עולם (ירושלים, תרע״ה) זענען די איינציקע ייִדיש־חיבורים אַרויסגעגעבן אינעם אַלטן ייִשוב וואָס זענען אָנגעשריבן געוואָרן אין לאַנד (זען קאָסאָווערס אַרטיקל, אויבן, ז׳ 348).

ב) די ביאָגראַפישע ידיעה וועגן די מחברים איז נישטיק און צו מאָל טעותדיק (הורוויצעס פאַל איז אַ ראיה דערפון). דעריבער איז אַ פראַגע פאַר זיך, צי די פרויען וואָס קאָסאָווער דערמאָנט — רבקה־ליפּא אַניקשטער און רייצה בת מרדכי חן־טוב — און אויך טויבע־פּעסל פּייַנשטיין (אויבן, ז׳ 349), האָבן אַליין אָנגעשריבן דעם ייִדיש־נוסח פון זייערע טאָפּל־שפּראַכיקע ביכער, צי אַנדערע האָבן דאָס אָנגעשריבן אין זייער נאָמען.

עס לייגט זיך אויפן שׂכל, אַז מיטן אַרויסגעבן ייִדיש־כּתבים אינעם אַלטן ייִשוב האָט מען אין זינען געהאַט לייענערס סײַ אין לאַנד, סײַ אין חו״ל. עס איז ניט אויסגעשלאָסן אַז דער הויפּטמיין איז געווען פונאַנדערצושפּרייטן די אויסגאַבן אין אויסלאַנד. דאָס וואַרפט זיך אין די אויגן לגבי ספר שועת הארי און קונטרס זכר עולם.[3] אַ מערקווערדיקע פראַגע איז פאַר וועמען עס זענען געווען באַשטימט ר׳ חיים הכּהנס כּתבים. אין דער הקדמה צו מעשׂה החיים... ירושלים, תרפ״ד, ווערט געזאָגט אַז דאָס ביכל רעאַגירט אויפן פרעמדן שטייגער לעבן וואָס די נײַע אימיג־ראַציע האָט אַרײַנגעבראַכט אין לאַנד. אַזאַ שטייגער לעבן קען פרײַער פאַר אַלץ האָבן אַ שלעכטע השפּעה אויף אָרטאָדאָקסישע מיידלעך. עס איז אַ גרויסער ספק צי הורוויץ איז דער מחבר פון אָט אַ דער הקדמה. דערקעגן, די דערקלערונג וואָס איז פאַראַן אין אוצר ספרי חיים האָט אַ טראַדיציע פון הונדערטער יאָרן אין דער ייִדיש־ליטעראַטור. עס ווערט דאָרטן געזאָגט, אַז דאָס ביכל גייט אַרויס אין ייִדיש, כּדי פּראָסטע מענער, ווײַבער און קינדער זאָלן פאַרשטיין די חכמה פון דער תּורה און אויפהערן

צו לייענען ׳נאַרישע ביכלעך׳.[4] נאַרישע ביכלעך מיינט, אָן ספק, מאָדערנע ייִדיש־ליטעראַטור, מיט אַנדערע ווערטער. אצר ספרי חיים איז געווען באַשטימט פאַר שלומי אמוני ישראל וואָס זייער הויפּט לייענשפּראַך איז געווען ייִדיש.

ר׳ בן־ציון אלפס, וואָס זײַנע מעשׂיות האָבן אינספּירירט ר׳ חיים־הכּהן הורוויץ, האָט תרצ״א אַרויסגעגעבן אין ירושלים דרײַ העפטן: הדר זקנים, ודע מה שתשיב, לשמוע בלימודים. דער גרעסטער טייל פון זיי איז געשריבן אויף ייִדיש.

הדר זקנים און דע מה שתשיב פאַרמאָגן קלאָרע שטריכן פון בעל־פּה־דרשות. אין הדר זקנים דרשנט ר׳ בן־ציון אלפס פאַר די אײַנוווינערס פונעם פּאַראייניקטן מושב־זקנים אין ירושלים און תּל־אָביב, איבער הכּרת־טובה (דאַנקבאַרקייט). אויך די זכרונות אין דער העפט (זז׳ 25־64) האָט דער מחבר פריִער דערציילט בעל־פּה (זען לדוגמא, ז׳ 38).

הדר זקנים מאַכט דעם אײַנדרוק אַז אלפס האָט געוויינטלעך געלייענט די פּרעסע און אויך ביכער איבער פּאָפּולערער וויסנשאַפט. אַזוי למשל, שרײַבט ער אויף ז׳ 31 וועגן די כעמישע עלעמענטן אינעם מענטשנס קערפּער. אויף ז׳ 14 רעדט ער וועגן ׳הויכע ספערן׳ (געמיינט אַנפּירנדיקע קרײַזן).

אלפס שרײַבט וועגן אַקטועלע פראַגעס סײַ אין הדר זקנים, סײַ אין דע מה שתשיב. אין די דאָזיקע העפטן באַניצט ער ניט די דידאַקטיש־דערציילערישע רעם וואָס ער האָט געשאַפן ווי אַ קעגנוואָג צו דער מאָדערנער ייִדיש־ליטעראַטור. מע קען אַ סך אָפּלערנען וועגן אַלפסעס דידאַקטיש־ליטעראַרישן צוגאַנג, ווען מען פאַרגלײַכט די וואָרע פּאַסירונגען וואָס ער ברענגט אין הדר זקנים, ז׳ 40, מיט זייער בעלעטריסטישן פונאַנדערבוי אין דער דערציילונג וואָס ער דערמאָנט דאָרטן. איינע פון די אַקטועלע פראַגעס וואָס אלפס רעדט אַרום אין די זכרונות אין הדר זקנים איז צניעות אין דער באַקליידונג פון ייִדישע טעכטער אין א״י. אלפס שרײַבט וועגן דעם אויף העברעיִש. מען קען פון דעם דרינגען, אַז ער האָט געהאַלטן אַז הדר זקנים וועט משפּיע זײַן אויף יונגוואַרג וואָס קען ניט קיין ייִדיש. אלפס טענהט (זז׳ 52־53), אַז די תרפ״ט פּאָגראָמען זענען פאָרגעקומען ווײַל ייִדישע טעכטער האָבן פּורץ־גדר געווען מיט זייערע קליידער. דער ענין צניעות, וואָס פאַרנעמט אַ פערטל לערך פון הדר זקנים, ווערט אויך דערמאָנט אינעם אַרײַנפיר צו

ודע מה שתשיב. אינעם אַרײַנפיר, געשריבן אויף העברעיִש, טרעט אלפס אַרויס קעגן אַ ייִדישער מדינה. (ז' 4).

אין אַלע דרײַ העפטן הייבט דער מחבר אויף נאָך אַן אַקטועלן ענין: די שפּראַכן־פּראַגע. אלפסעס צוגאַנג צו ייִדיש איז פּראַקטיש־אינסטרו־מענטאַל. העברעיִש וועט זײַן די שפּראַך פון קיבוץ־גלויות, אָבער מען דאַרף ניט טראָגן קיין שינאה צו דער שפּראַך וואָס עס רעדן לעת־עתה מיליאָנען ייִדן (ודע מה שתשיב, ז' 4); לשמוע בלמודים ז' [2]. אלפס האָט געהאַלטן אַז ייִדיש איז אַ פּאַנצער קעגן אַסימילאַציע. ער האָט געטענהט, קעגן די וועלטלעכע ייִדישיסטן, אַז די סכּנה לויערט ניט פון דער אַסימילאַציע אויף פרעמדע לשונות. די הויפּט־סכּנה שטעקט אין אינערלעכער אַסימילאַציע. אויב דער יונגער דור וועט ניט קענען קיין ייִדיש, וועט ער זיך אָפּרײַסן פון זײַנע עלטערן און אַסימילירן זיך אין דער אויבאויפיקער קולטור וואָס ווערט געשאַפן אויף העברעיִש. (הדר זקנים, ז' 5, ודע מה שתשיב, ז' 4).

אלפס האָט אויסגעפורעמט סײַ ודע מה שתשיב סײַ לשמוע בלמודים ווי אַ דיאַלאָג. אין ודע מה שתשיב איז פאַראַן אַ רעם אין אַ רעם. אלפס דערמאָנט דעם וויכּוח וואָס ער האָט געפירט מיט מיסיאָנערן אין ווילנע. אויך דאָ וואַרפט זיך אין די אויגן אַז די למדנישע הערות און דערקלע־רונגען זענען אָנגעשריבן אויף לשון־קודש.[5]

אין לשמוע בלמודים איז דער דיאַלאָג אַ כּלומרשטיקער. לעולם איז עס אַ פּאָרטל כּדי צו שאַפן אַ מעגלעכקייט פאַר פּראַגעס און ענטפערס איבער ייִדישקייט. די פּראַגעס שטעלט שושנהלע יודנפרײַנד און ענטפערן ענטפערט איר מאַמע. ניט געקוקט אויף אָט אָ דער רעם, קערט זיך אלפס אום צו זײַנע זכרונות און דערציילט וועגן דעם בית־מדרש ווו ער פלעגט דאַוונען אין ווילנע און די דרשות וואָס ער פלעגט דאָרטן האַלטן. (זען ז' 57).

אין ר' בן־ציון אלפסעס העפטן איז פאַראַן אַ ווײַזגעבונג וואָס מען געפינט אויך בײַ א. ל. בריסק (פ"גל ווײַטער, ז' 355, און זען אויבן ז' 324): ווערטער פונעם לשון־קודש־קאָמפּאָנענט ווערן אויסגעלייגט לויט זייער פאָנעטישער ווערט. אַזוי לדוגמא אָפּשמאַדן (ודע מה שתשיב, ז' 6), דאַרשינען (=דרשנען, הדר זקנים, ז' 35).

פון זינט תרפ"ז זענען אַרויס אין ירושלים אַ צאָל קונטרסים און ספרים. אַ טייל פון זיי זענען איבערגעזעצט פון העברעיִש. אַ טייל

זענען אָנגעשריבן געוואָרן אין חו״ל, אין פאַרשיידענע צײַטן. אין געוויסע פאַלן איז אָנספּקדיק אַז די קונטרסים האָט מען צונויפגעשטעלט אין אויסלאַנד. געדרוקט האָט מען זיי אין ירושלים, כּדי אונטערצושטיצן צדקה־אַנשטאַלטן אין שטאָט אָדער פּריוואַטע מענטשן.[8] די קונטרסים און ספרים וואָס זענען מיר באַקאַנט גיבן זיך בעיקר אָפּ מיט דינים און מינהגים, דרוש, האַגיאָגראַפיע און פּאָפּולערע וויסנשאַפט.

ווײַטער איז אַ רשימה אויסגאַבן: אליהו לנדאס תולדות הגר״א, תרפ״ח; נתן־נטע אריה וויטקינס ספר ירושת עולמים, תרצ״ח; יהושע־אַלטער ווילדמאַנס ספר ואמרו אמן, תרפ״ז־תרפ״ט. ווילדמאַן האָט איבער־געזעצט ספר החסידים הראשונים, קצור ספר חסידים וספר חסידים תנינא, תר״ץ; דוד־אהרן ווישנעוויצעס ספר פנינים, תר״ץ; אריה הלוי ניסנ־באומס וויסנשאַפטלעכע ווערק אין צוויי טהייל, תרפ״ז־תרפ״ח (דער ערשטער טייל פאַרנעמט זיך מיט דער עוואָלוציע־טעאָריע. דער צווייטער טייל האַלט אַז דער ערדקײַלעך שטייט אויף אַן אָרט); יחיאל יצחק סאָזענזאָנס ספר התקוה. תרפ״—?, מאכל כשר (צווייִשפּראַכיק), תרצ״ו און סגולה לחיים ארוכים [194?—]; מנחם ראַבינאָוויטשעס ספר נחפשה דרכינו ונשובה, תרצ״ב.[9]

ווי אויבן דערמאָנט, זענען אינעם אַלטן יִשוב אַרויס עטלעכע דרוק־זאַכן וואָס דער באַגריף אַלטיִדיש־ליטעראַטור פּאַסט ניט צו זיי. אין דער יִדיש־פּרעסע דאָרטן האָט מען געדרוקט אַ ריי פעליעטאָנען, גראַמען און איבעראַרבעטונגען, וואָס זאָגן אָן אויף ליטעראַרישער טעטיקייט, ניט לויטן מוסטער פון דער אַלטער יִדיש־ליטעראַטור.[10]

די יִדיש־קונטרסים וואָס אשר־לייב בריסק האָט אַרויסגעגעבן אין ירושלים, גלײַך ווערטלעך (תרס״ט) און פלוידער זאַק (אלול תרע״ד), שטימען אויך ניט מיטן באַגריף אַלטיִדיש־ליטעראַטור. בריסק, אַ ירו־שלמי, אַ געוועזענער ישיבה־בחור, אַ קאָרעקטאָר פון פאַך, האָט זיך דער עיקר אָפּגעגעבן מיט פאַרשן די שריפטן אויף די ירושלימער מצבות (חלקת מחוקק) און מיט צונויפזאַמלען הסכמות, הקדמות און שער־בלעטער פון אַלטע ספרים (דברי קהלת). אַט דער ירושלימער משכּיל[11] האָט אויך געשריבן העברעיִשע גלײַכווערטלעך (משלי).

זײַנע גלײַכווערטלעך און אַפאָריזמען אין יִדיש האָט בריסק אַרויס־געגעבן, ווי ער זאָגט עדות אין די הקדמות צו די ביכלעך, בלויז פון פּרנסה וועגן. בריסקס עדותשאַפט איז ניט קיין ליטעראַרישע קאָנווענציע,

פּונקט אַזוי ווי עס איז ניט קיין קאַנווענציע די געגראַמטע הקדמה וואָס בריסק האָט אָנגעשריבן פאַר פּלוידער זאַק. אין דער הקדמה פּאַרענט־פערט זיך דער מחבר הלמאי ער גיט אַרויס אַ יידיש ביכל נאָך דעם שפּראַכנקאַמף קעגן 'עזרה' (זען אויבן, ז' 144) בריסקס גלײַכוווערטער און אַפאָריזמען שפּיגלען אָפּ די שפּראַך־קאַלאַמבורן און די חריפות פון אַ געוועזענעם ירושלימער ישיבה־בחור. גלײַכצײַטיק איז אין זיי פאַראַן אַ ביז גאָר שאַרפע סאָציאַל־עקאָנאָמישע קריטיק, דערעיקרשט קעגן משולחים (זען גלײַך ווערטלעך, בפרט דעם האַרבן סך־הכל, זז' 30—[32]). בריסק ווײַזט אויך אַרויס אַ קריטישע באַציונג צו חסידות (זען, פּלוידער זאַק, ז' 19).

די קונטרסים זענען אַ באַגלייבטער דאָקומענט פון ירושלימער יידיש. דער בולטסטער גראַמאַטיקאַלישער שטריך פון אָט דעם יידיש איז וואָס ער פאַרמאָגט ניט קיין ווײַבלעכן דאַטיוו (פּ״גל אויבן, ז' 343, הערה 59).

אַ מערקווערדיקע ווײַזגעבונג אין בריסקס חיבורים איז, וואָס ער לייגט אויס די ווערטער פונעם סעמיטישן קאָמפּאָנענט לויט זייער פאָנע־טישן ווערט. אַזוי אַ שטייגער, מלאָווע מאַלכאַלע, חאַסידים, יאָם כּיפּער, בעזן [בית־דין] (פּלוידער זאַק, זז' 15, 16, 18) און ווײַטערדיקע גראַמען אין גלײַך ווערטלעך, ז' י״ד

'אַ ריך אין דיין טאַטון!!

דעם טייטון, דעם גישמאַטון! (פּ״גל אויבן, ז' 353).

בריסק, פון די ביז גאָר געציילטע ארץ־ישראל־געבירטיקע וואָס האָבן געדרוקט אויף יידיש אין לאַנד, האָט תרע״ב אַרויסגעגעבן אַ טאָפּל־שפּראַכיקן קונטרס: מטעמים... השתי השפות המתאימות לפתגמים בעברית וזשאַרגאָן. דער קונטרס איז פאַרשריבן אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים, אָבער איז ניט בנימצא.

לסוף דאַרף מען דערמאָנען, אַז אין די צוואַנציקער יאָרן פונעם י״ה האָט מען אָפּגעדרוקט, משמעות אין ירושלים, פיר פלוגבלעטער מיט יידיש־לידער. עס מאַכט דעם אײַנדרוק, אַז דאָס זענען לידער וואָס מען האָט געזונגען אין יידיש־טעאַטער אין אַמעריקע און מיזרח־אייראָפּע. אַלע פלוגבלעטער האָבן אַ מין הילע וווּ עס שטייט געשריבן דער נאָמען פון אַרויסגעבער און פון איבערזעצער, אהרן־דוד ווײַספּיש. עס ווערט אויך אָנגעגעבן דער נאָמען פונעם דרוקער: 'דפוס ב. ראָטנשטיין'. די פיר לידער זענען אברהמעלע מײַן זונעניו (דער אייבערשטער זאָגט צו

דעם ייִדישן פאָלק אַז ער וועט אים אומקערן קיין א״י) ; איך בענק נאָר מײַן שטעטעלע ; עס איז שוין פֿאַרפאַלן (אַ געזעגן־ליד) און טשיקען (וועגן יונגע פרויען).

דאָס טאָפּל־שפּראַכיקע ליד טשיקען, אַ ליד מיט קלאָרע סעקסועלע אָנצוהערענישן, שטעלט אַרויס עטלעכע פֿראַגעס. וועמען האָט אין זינען געהאַט ר׳ אהרן־דוד ווײַספּיש, אַ געבירטיקער פון ירושלים, אַ שכן אין מאה־שערים[12] בײַם פֿאַרשפּרייטן די פֿלוגבלעטער ? ווו האָט ער זיי פֿאַרשפּרייט ? צי האָט ער אַרויסגעגעבן אַנדערע פלוגבלעטער ?

אויף דער פּאָזיציע ווײַספּיש אין תּדהרס ענציקלאָפּעדיע ווערט דער־מאָנט אַז ווײַספּיש, האָט ׳איבערגעזעצט דעם פּאָעט ווילִיאַם שוואַרץ אויף ייִדיש׳. ווער איז וו. שוואַרץ האָב איך ניט געקענט געוויר ווערן. אין איינעם פון די פלוגבלעטער ווערט שוואַרץ דערמאָנט ווי אַן אַרויסגע־געבער. די אַנדערע דרײַ אַרויסגעבערס ווערן אויך פֿאַרשריבן : מרים גאָלדשטיין, אברהם ראָטשטיין און אננא האָפּמאַן. נאָך אַ פֿראַגע איז, צי די נעמען פון די אַרויסגעבערס ווײַזן אָן אויף רודפי־כּבוד, אָדער דאָס זענען אויסגעטראַכטע נעמען.

ווי געזאָגט, ווערט ווײַספּיש אָנגערופן אין די פלוגבלעטער ׳איבער־זעצער׳. לויט מײַן מיינונג מיינט דאָ ניט איבערזעצן אַריבערפירן פון שפּראַך צו שפּראַך, נאָר איבערשרײַבן, קאָפּירן.

הערות צו דער הוספה

1. דאָס ספר איז פּאַקטיש אַרויס תרפ״ז (זען די הסכמות). וועגן הרב ליפּשיץ זען : אנציקלופדיה לתולדות חכמי ארץ ישראל, ז׳ רי״ב.
2. זען : אוצר ספרי חיים..., זז׳ 99־100 און בל׳ כ״ד, א, י״ג, א, י״ד, א, א. הורוויצעס ייִדיש איז צפון־ייִדיש. עטלעכע אונטערקעפּלעך אילוסטרירן דאָס : ׳דעם רוכלס ווידוי פאַרעז סיסען׳ = [שיסן], בל׳ כ״ג, ב ; ׳דער יצה״ר׳ס גזלניסע אויגען, בל׳ כ״ו, ב ; גיסלאַסין שלום מיט דעם יצה״ר, בל׳ ל״ב, א.
3. דער שטאַנד פון ייִדיש־ליטעראַטור און ייִדיש־פּרעסע אינעם אַלטן יישוב איז געווען זייער ענלעך. זען דעם אַרטיקל דערמאָנט אויבן, ז׳ 69, הערה 3.
4. זען : בל׳ ט, א. פ״גל ח. שמערוק, ספרות יידיש, פרקים לתולדותיה, תשל״ח, ז׳ 37.
5. דאָס רוב ווערק זײַנע האָט ר׳ בן־ציון אלפס אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן אין חו״ל. וועגן זײַן שאַפן זען שפרה זיוס מאַגיסטער־אַרבעט ר׳ בן־ציון אלפס ומפעלו, ירושלים תש״ם, אָנגעפירט פון ד״ר ח. טורניאַנסקי.

6. ווי אַ תנא־דמסייע פאַרן באַניצן זיך מיט ייִדיש דערמאָנט אלפס די משנה אלו נאמרין (סוטה ז, א). ער גיט צו אַז דער רמב״ם, יהודה הלוי און רב סעדיה גאון האָבן געשריבן אויף שפּראַכן וואָס דאָס פאָלק פאַרשטייט. פ״גל מיט דער אַרגומענטאַציע פון 'אַ בית־מדרשניק', וואָס ווערט געבראַכט אין מײַן אַרטיקל אויבן, (ז' 69, הערה 3), ז' 78. אין לשמוע בלימודים, ז' 96, איז דאָ נאָך אַן אַקטועלן ענין. שלמהלע יודנפרײַנד דערזעט שלומי אמוני ישראל בעטנדיק זיך בײַ ייִדן זיי זאָלן ניט מחלל שבת זײַן מיט פוסבאָל.

7. אלפס האָט אין דער העפט אַרײַנגענומען — ניט אינעם טעקסט פון ודע מה שתשיב גופא — ציטאַטן פון י. קלויזנערס בוך ישו הנוצרי. דער לעצטער טייל פון לשמוע בלמודים, ווו אַ זון שטעלט דעם טאַטן פראַגעס איבער ייִדישקייט, איז כמעט אין גאַנצן אויף לשון־קודש.

8. זען יצחק גאָטבלאָטס ספר זרע יצחק, ירושלים תרצ״ב און נחום פינקלשטיינס משיבת נפש (אַן איבערזעצונג פון אדון עולם, אשת חייל און עטלעכע פיוטים), דאָרטן, תרפ״ט.

ווענן יהושע אַלטער ווילדמאַן זען: אנציקלופדיה לתולדות חכמי א״י, ב, זז' ל״ו־ל״ז.

עס איז אינטערעסאַנט פאַר דער קולטור־געשיכטע פון ירושלים, וואָס רב נחמנס מעשיות האָט מען איבערגעדרוקט אין שטאָט, באַזונדערס אין די דרײַסיקער יאָרן. מעשה בטחון איז אַרויס ת״ש (עס אַזי אויך פאַראַן אַ דרוק פון תרס״ד) מעשה חכם ותם איז אַרויס תרצ״ה און ספורי המעשיות (ניט אין גאַנצן) תרצ״ט־ת״ש.

10. זען דעם אַרטיקל דערמאָנט אויבן, (ז' 69, הערה 3), זז' 78, 86־87.

11. זען ווענן אים קרסל, א, זז' 353־354 און לעקסיקאָן, 1, ז' 477.

12. ווענן ווײַספּישן זען, תדהר, ט״ז, זז' 4936־4937. ווײַספּיש האָט ניט געהערט צו די עקסטרעם־אָרטאָדאָקסישע קרײַזן אין מאה־שערים. אין זײַן ביכערקראָם האָט מען אויך פאַרקויפט בילעטן פאַר טעאַטער־פאָרשטעלונגען אין שטאָט און געשפּילט פּליטעס מיט חזנות און ייִדיש־לידער. ווענן ווײַספּישן האָבן מיר איבערגעגעבן פרטים פראָפ. חנא שמערוק און יפה ראָזענבערג, וואָס איז געבוירן געוואָרן איז מאה־שערים.

אַ וואָרט צום סוף

אויפן סמך פון די מקורים וואָס ווערן געבראַכט אינעם בוך, ווערט קלאָר אַז צווישן 1928—1948 האָט מען פאַרמישט ייִדיש־ליטעראַטור אין לאַנד מיט פּאָליטיש־אידעאָלאָגישע פּראָבלעמען. שײַנע ליטעראַטור פאָדערט אָבער מען זאָל צו איר צוגיין מיט עסטעטיש־ליטעראַרישע וואָגאון־ מאָסן.

די פּאָלעמיק איבערן שטאַנד פון ייִדיש אין א״י איז דער המשך פון דער שפּראַכן־פראַגע אין אויסלאַנד.

דער הויפּט־וויכוח איבערן עפנטלעכן סטאַטוס פון ייִדיש אין לאַנד, האָט זיך געצויגן, מיט איבעררײַסן, פון סוף 1918 ביז 1925. ביז 1918 האָט די פראַגע ארויסגערופן ווייניק אָפּקלאַנגען אין לאַנד. ניט געקוקט אויף דעם, האָט מען ביז 1914 באַשטימט מכריעדיקע פאַקטן אין שײַכות מיט ייִדיש ווי אַ קולטורשפּראַך אין לאַנד. אַ יאָר פאַר דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט די אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד אָנגענומען אַ קלאָרן אײַנשטעל צו דער פראַגע. דער וויכוח איבער דער אָנפאַנג אילוסטרירט אַ ווײַזגעבונג וואָס חזרט זיך איבער ביז סוף צוואַנציקער יאָרן. דער שטאַנד פון ייִדיש אין א״י האָט געדינט ווי אַ פּתחון־פּה פאַר פּאָליטישע אָדער פּערזענלעכע אַטאַקעס קעגן פולשטענדיקע אָנהאַלטערס פונעם אויסשליסיקן מעמד פון העברעיִש אין לאַנד. זשיטלאָווסקיס אַרגומענטאַציע, 1914, שפּיגלט אָפּ די סכעמאַטישקייט און אײנזײַטיקייט וואָס עס האָבן אַרויסגעוויזן ביידע עקסטרעמען אין דער שפּראַכן־מחלוקה. עס איז קיין ספק ניט, אַז אַלע בני־פּלוגתא האָבן ווויל געוווסט, אַז ייִדן זענען כּמעט תּמיד געווען אַ פּילשפּראַכיק פאָלק. דער רוב מנין ורוב בנין פון די דיספּוטאַנטן האָט זיך וועגן דעם געמאַכט כּלא־ידע און געשאַפן די אילוזיע אַז אויסשליסיקע ייִדישע אײנשפּראַכיקייט איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. דער פּרעמדשפּראַכיקער עושה פון אַ סך אַנטייל־נעמערס אין דער לאַנגער פּאָלעמיק, האָט סותר געווען זייער פּראָקלאַמירטן אײנשפּראַכיקן אומר.

די בני־פּלוגתא האָבן געוווסט די אַרגומענטן פון זייערע קעגנערס

און געהאַט מיט זיי אַ פֿאַרבינדונג. כּלפּי חוץ אָבער, זענען זייערע אַרויסזאָגן געווען אַזוי האַרב, אַז זיי האָבן אין דער ייִדישער עפֿנט־לעכקייט געשאַפֿן דעם אײַנדרוק, אַז מחמת דער שפּראַכן־פֿראַגע איז אַ שפּאַלטונג אינעם ייִדישן פֿאָלק ניט אויסצומײַדן.

די פּאָלעמיק וואָס האָט זיך אָנגעהויבן סוף 1918, איז די לענגסטע און וואַגיקסטע פּאָלעמיק איבערן שטאַנד פֿון ייִדיש אין א״י. אַט אַ דער וויכּוח דערווײַזט, אַז עס איז ניט ריכטיק פֿאַרצושטעלן דעם שפּראַכן־ווידעראַנאַנד ווי אַ וויכּוח צווישן ציוניסטן און אַנטיציוניסטן. די פּאָלעמיק איז פֿאָרגעקומען אינעם ציוניסטישן לאַגער גופֿא. עס זענען ניט פֿאַראַן קיין שפּורן פֿון וויכּוחים מיטן בונד און די קאָמוניסטן איבערן סטאַטוס פֿון ייִדיש אין א״י.

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט פֿאַרוואַנדלט דעם ענין ייִדיש אין א״י אין אַן עפֿנטלעכער פֿראַגע וואָס האָט זי באַשעפֿטיקט אין משך פֿון צענדליקער יאָרן. די מי און די ענערגיע וואָס די ציוניסטישע אַרבע־טער־באַוועגונג האָט אַרײַנגעטאָן אין אויפֿלעבן העברעיִש, האָבן מכריעדיק משפּיע געווען אײַנצוואָרצלען העברעיִש אין לאַנד. זאב זשאַבאָטינסקי האָט עס שוין באַמערקט, 1928. דאָס מיינט ניט אַז אויפֿלעבן העברעיִש איז געווען אַן אייניזײַטיקער אויפֿטו. דער העברעיִשער חינוך, די העב־רעיִשע פּרעסע, די העברעיִשע שרײַבערס, דער העברעיִשער טעאַטער, זענען אויך געווען וויכטיקע פֿאַקטאָרן אין אַט אַ דעם פּראָצעס. די אָביעקטיווע באַדערפֿטיקייט אין אַ בשותּפֿותדיקער שפּראַך פֿאַר אַלע ייִדן אין א״י, האָט אויך בײַגעטראָגן אַז העברעיִש זאָל זיך אײַנפֿונדעווען אין לאַנד.

די קולטורעלע און פּאָליטישע עליט פֿונעם ייִשוב האָט מורא געהאַט אַז די ייִדישע לעגיאָנערן זענען אַן אָנזאָג פֿון אַ ייִדישיסטישן געוויסער, וואָס זאָל פֿאַרשווענקען העברעיִש פֿון א״י. אַזאַ חשש האָט זיך אַרויס־געוויזן אין לאַנד יעדעס מאָל וואָס מען האָט זיך געריכט אויף אַ גרויסן שטראָם אימיגראַציע פֿון מיזרח־אייראָפּע. דער ׳שפּראַכנצענז׳ און די פֿאָדערונג אַז העברעיִש און ייִדיש זאָלן האָבן גלײַכע רעכט אין א״י, האָבן אויפֿגעהאַלטן די פּאָלעמיק אַ לאַנגע צײַט. די אָנהענגערס פֿון גלײַכע רעכט פֿאַר ייִדיש אין א״י האָבן, זיצנדיק אין אויסלאַנד, געבויט פּלענער איבערן געווונטשענעם סטאַטוס פֿון ייִדיש אין לאַנד. די דאָזיקע פּלענער זענען אין די צוואַנציקער יאָרן אײַנגעשרומפּן געוואָרן צו אַ פֿאָדערונג אַז ייִדיש זאָל זײַן אַ לימוד אין די ייִדישע שולן אין לאַנד.

די העברעיִסטן אין א״י האָבן געווירקט פאַר זייער אידעאַל אָן פּשרות. זיי האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין פאַרשטענדעניש צו דער פראַגע פון אויטאָנאָמע רעכט פאַר נאַציאָנאַלע מיעוטים אין מיזרח־אייראָפּע, אַ פראַגע וואָס איז דאָרטן געווען זייער וויכטיק פאַר פּועלי־ציון.

שפּראַך־לאָיאַליטעט איז אַ ביז גאָר פּיליקער ענין, מחמת שפּראַך איז אַן אָביעקט פון נאַציאָנאַלער, פּאָליטישער און קולטורעלער אידענ־טיפיקאַציע. אָט אַ די אידענטיפיקאַציע איז ערשטיק־ברויזנדיק און דער־גייט ביז שפיכת־דמים.

אויפלעבן דאָס לאַנד און די העברעיִשע שפּראַך זענען געווען די סאַמע דערהויבנסטע אידעאַלן פון ארץ־ישראלדיקן ציוניזם. העברעיִש האָט מען פאַרבונדן מיט די וויכטיקסטע פראַגעס פונעם ייִדישן קיום, ווי אַ שטייגער די שטרעבונג צו אַ ווײַטגרייכיקן שינוי אין די מידות פונעם ייִדישן פאָלק, זײַן עקאָנאָמיק און קולטור. מיט אַנדערע ווערטער, העברעיִש איז געווען אַ עיקר־ווערט, וואָס פאַראייניקט, סטימולירט און טיילט אויס. לטובת העברעיִש איז מען אַרויס קעמפן און ווידערשפּעניקן. די פאַרוויקלטע קעגנאַנאַנדיקע באַציִונגען א״י — גלות, שפּיגלען זיך אָפּ, קלאָר און שאַרף, אינעם ווידעראַנאַנד אַרום ייִדיש אין א״י.

אחדות־העבודה האָט איר שטרײַט פאַר דער העגעמאָניע איבער פּועלי־ציון געפירט, דערעיקרשט, דורך דער שפּראַכן־פראַגע אין לאַנד און אין אויסלאַנד. לעולם איז די פּאָלעמיק געווען די דרויסנדיקע, ברויזנדיקע אַרענע פון אַ מחלוקה צווישן צוויי סתירהדיקע באַנעמען אין דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג. פון איין זײַט, דער קאָנסטרוקטיוויסטישער פּאַלעסטינאָ־צענטריזם. פון דער אַנדערער, דער ראַדיקאַלער סאָציאַליזם פונעם רוב פּועלי־ציון־פּאַרטייען אין אויסלאַנד. אַ פראָנטאַלער צוזאַ־מענשטויס פון אָט די באַנעמען, האָט געקענט ברענגען צו אַ שפּאַלטונג, וואָס קיינער איז אין איר ניט געווען פאַראינטערעסירט. פּאַראַדאָקסאַליש האָט די שפּראַכן־פראַגע געדינט ווי אַ טאַרמאָז. קיינעם איז ניט געקומען אויפן געדאַנק צו צעשפּאַלטן די פּועלי־ציון־באַוועגונג מחמת אָט אַ דעם ענין.

פון זינט אחדות־העבודה האָט געקראָגן די אייבערהאַנט אינעם אַל־וועלטלעכן פאַרבאַנד פון פּועלי־ציון, איז די שפּראַכן־פראַגע אַראָפּ פון סדר־היום. מ׳דאַרף באַטאָנען, אַז רעכטע פּועלי־ציון האָבן געשטיצט ייִדיש אין מיזרח־אייראָפּע ניט בלויז צוליב אידעאָלאָגישע טעמים. זיי

האָבן זיך אויך געגייטיקט אין ייִדיש, כּדי צו פֿאַרמעסטן זיך מיטן בונד און מיט די קאָמוניסטן איבער דער השפּעה אויף דער ייִדישער גאַס.

זינט דער צווייטער העלפֿט צוואַנציקער יאָרן, איז די פֿראַגע פֿון ייִדיש אין לאַנד געווען אַ באַשטייטייל אינעם אָפּאָזיציאָנעלן קאַמף פֿון אַ קליינער פּאַרטיי, געגניער געזאָגט, פֿונעם ׳פּוילישן׳ פֿליגל ביי לינקע פּועלי־ציון. פּרינציפּיעל האָט זיך דער ׳פּוילישער׳ פֿליגל פֿון לינקע פּועלי־ציון באַגאַנגען צו ייִדיש אין לאַנד ניט אַנדערש ווי מפּ״ס האָט עס געטאָן אָנהייב צוואַנציקער יאָרן.

לטובת ייִדיש אין א״י האָבן ציוניסטן און אַנטי־ציוניסטן געזאַמלט געלטער אין אויסלאַנד אין די דרייסיקער יאָרן, כּדי איינצואָרדענען אַ ייִדיש־דרוקעריי אין לאַנד. די דרוקעריי — ליגאַ — האָט געהערט צו לינקע פּועלי־ציון אין א״י. אין ׳ליגאַ׳ האָט מען בעיקר געדרוקט פּאַרטייִשע אויסגאַבן אין העברעיִש און אויך אין ייִדיש.

לינקע פּועלי־ציון האָבן אין די צוואַנציקער יאָרן אַרויסגעגעבן ווינציקער מאַטעריאַלן אין ייִדיש ווי די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין א״י. עס דאַרף אויך געזאָגט ווערן אַז די פּאָליטישע אויסגאַבן אויף ייִדיש אין לאַנד האָט מען פּובליקירט ניט צוליב ייִדישיזם, נאָר צוליב פּראָפּאַגאַנ־דיסטישע צוועקן. ניט געקוקט אויפֿן אויבן געזאָגטן, דאַרף מען פֿאַרגעדענקען צוויי וויכטיקע פּרטים: א) אַ טייל מיטגלידער פֿון ׳פּוילישן׳ פֿליגל זענען געווען פּרינציפּיעלע ייִדישיסטן. זייערע אויפֿטוען זענען געווען זייער באַגרענעצט און אָן אַ המשך. ב) אין א״י איז געווען אַן עולם — דער פֿאַרנעם זייַנעם איז ניט שייך — פֿאַראינטערעסירט אין אַנטוויקלען ייִדיש ווי אַ קולטור־שפּראַך אין לאַנד.

די טעטיקייט פֿון לינקע פּועלי־ציון און גדוד מגני השפה האָט געבראַכט צו אַ קעגנאַנאַנדיקער השפּעה צווישן ביידע אָרגאַניזאַציעס. זייער שפּאַנונג האָט געשאַפֿן דעם איינדרוק, אַז העברעיִש ווערט איינגע־וואָרצלט אין א״י מיט גוואַלד־מעשׂים און אַז ווען ניט אָט אַ די מעשׂים וואָלט ייִדיש געהאַט די איבערהאַנט אין לאַנד.

אין די וויכּוחים איבער ייִדיש אין א״י איז אויך געווען אַ סאָציאַל־קולטורעלע אָנגעצויגנקייט צווישן ייִדישיסטן און העברעיִסטן. דעם אָנפֿאַל פֿונעם גדוד און בית״ר אויפֿן קלוב פֿון לינקע פּועלי־ציון — שמחת־תורה תרפּ״ט — האָט מען אויסגעטייַטשט ווי אַן אָנגרייַף אויף דער גאַנצער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד. דער אינצידענט האָט

גורם געווען אַ שווערע שפּאַנונג צווישן דער אַרבעטער־באַוועגונג און די רעוויזיאָניסטן, כּמעט פינף יאָר פאַר דעם ווי חיים אַרלאָזאָראָוו איז דער־הרגעט געוואָרן.

די גוואַלד־מעשׂים קעגן קיאָסקן וואָס האָבן פאַרקויפט נייַעס קעגן די פאַרשפּרייטער פון פּראָקאָמוניסטישע פלוגבלעטער אויף דייַטש, זענען פּרינציפּיעל ניט געווען אַנדערש ווי פיזישע אַנטי־יידיש אָנגרייַפן אין לאַנד, אין די צוואַנציקער און דרייַסיקער יאָרן. די אייג־טייַטשיקע וואָרענונג מצד דער אַרבעטער־באַוועגונג נאָכן אויפרייַסן די דרוקערייַ ,ליגאַ', האָט משמעות געמאַכט אַ סוף צו די אָנפאַלן.

די גוואַלד־מעשׂים קעגן יידיש אין א״י האָבן ניט געהאַט די פאַטאַלע פעולה וואָס עס האָבן שפּראַכקאַמפן ווו עס זענען פאַרמישט עטנישע און רעליגיעזע יסודות.

עס איז אָנגענומען, אַז די דרייַסיקער און פערציקער יאָרן זענען געווען זייער וויכטיק אין דער געשיכטע פון יידיש אין א״י. לעולם שטייט זייער חשיבות אין פאַרקערטער פּראָפּאָרציע צו זייער אַרייַנדרינגען אינעם באַוווסטזייַן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. די נאָכווייעניש פון די דרייַסיקער און פערציקער יאָרן זענען קענטיק ביז הייַנטיקן טאָג. דאָס נעמט זיך דערפון וואָס דער זכר פון יענע יאָרן איז ניט אָפּגע־ווישט. די פאַר יאָר וואָס די ליגע פאַר רעכט פון יידיש אין א״י איז געווען אַקטיוו אין אויסלאַנד, אין די דרייַסיקער יאָרן, האָבן פאַרשטאַרקט דעם רושם פון יענער צייַט. אַ סך מיטגלידער אין דער ליגע זענען ניט געווען קיין ציוניסטן. אַ טייל זענען געווען אַנטי־ציוניסטן. כאָטש קיינער האָט עס ניט דערמאָנט בפירוש, לייגט זיך אויפן שׂכל אַז די ליגע־חברים האָבן געהאָפט אַז א״י וועט קענען פאַרזיכערן דעם ווייַטער דיקן קיום פון יידישע שפּראַכן.

די וואַגיקסטע פּאָלעמיק איבער יידיש ווי אַ קולטורשפּראַך אין א״י איז פאָרגעקומען נאָך דעם ווי מען האָט פירגעלייגט אַ יידיש־קאַטעדרע אין ירושלים, סוף 1927. ווי אַלע ווידערנאַנאַדן מכּוח יידיש אין א״י איז אויך די מחלוקה געווען זייער קורץ און זייער אינטענסיוו. אָט אַ דער פאַקט פאָדערט שטאַרק מקפּיד צו זייַן אויף דער כראָנאָלאָגישער רעם פון די וויכּוחים. דאָס איז אַ תּנאַי אין פאָרויס, כּדי צו פאַרשטיין די לאַטענטקייט פון דער שפּראַכן־פראַגע אין א״י און דעם אופן ווי אַזוי די פּאָלעמיקעס פלעגן זיך צעפלאַקערן, פאַרלויפן און אויסלאָזן. נאָך צוויי

בולטע שטריכן פון די ווידעראַנאַנדן זענען פאַראַן אינעם פאַל פון דער קאַטעדרע. א) דאָס באַניצן עקסטרעמע אַנאַלאָגיעס, וואָס ווערן אַרויס־געזאָגט מיט האַרבע אימאָזשן גענומען פון די אַלטע מקורים. ב) די פּלוגתּא ווערט אַריבערגעפירט העט ווײַט פונעם עצם ענין. דאָס מאָל האָט מען זיך געראַנגלט איבער אַקאַדעמישער פּרײַקייט, איבערן מהות פון ייִדישער קולטור און ייִדישן נאַציאָנאַליזם.

די פּני פון דער ייִדישער אינטעליגענץ האָבן אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג וועגן דער קאַטעדרע. דער וויכּוח גופא איז פאַרגעקומען בלויז צווישן פּרינציפּיעלע העברעיִסטן. ביזן סוף צוואַנציקער יאָרן זענען די העברעיִסטן אין לאַנד געווען אַרײַנגעטאָן אין דער פראַגע פון ייִדיש אין א״י כּפל־כּפליים ווי די ייִדישיסטן אין חו״ל. דער שטאַנד פון העברעיִש אין ראָטן־פאַרבאַנד אין יענער צײַט, האָט פאַרשאַרפט דעם אײַנשטעל צו ייִדיש אין לאַנד.

בעתן וויכּוח איבער דער קאַטעדרע האָט מען ביאַליקן אָנגעגרײַפט פּערזענלעך. דאָס איז געווען אַ דירעקטער המשך פון דער קאַמפּאַניע וואָס כּתובים האָט געפירט קעגן פאָעט. פון אָט אַ דער קאַמפּאַניע קאָן מען אַ סך אָפּלערנען וועגן אורי־צבי גרינבערגס אײַנשטעל צו ייִדיש נאָך זײַן באַזעצן זיך אין לאַנד.

ביז 1948 איז ניט געווען קיין איין פאַרשטייער פון דער פּאָליטישער און קולטורעלער ייִדישער עליט אין א״י וואָס זאָל אונטערשטיצן דאָס אַנטוויקלען פון ייִדיש ווי אַ קולטורשפּראַך אין לאַנד. די דאָזיקע עליט האָט אײַנגעוואָרצלט העברעיִש ווי די אויסשליסיקע שפּראַך פונעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן אין א״י. זי האָט אויך פאַרוואַנדלט העברעיִש אינעם כּמעט אויסשליסיקן לשון פון קולטור און דערציִונג אין לאַנד. ניט געקוקט אויף דעם, איז ייִדיש געווען זייער פאַרשפּרייט ווי אַ טאָג־טעגלעכע קאָמוניקיר־שפּראַך פון יחידים. די השפּעה פון ייִדיש אויפן גערעדטן העברעיִש איז געווען זייער גרויס. אַ צולאָג־פּאַראַדאָקס אינעם שפּראַכנ־קאַמף באַשטייט אין דעם, וואָס נאָכן אויפקום פון מדינת־ישׂראל האָט מען אָפּט מאָל אידענטיפיצירט די עליט וואָס האָט אַרײַנגעוואָרצלט העב־רעיִש — דווקא מיט ייִדיש. ייִדיש, וואָס איז אין נאָענטן עבר געשטאַ־נען אין מיטלפּונקט פון אַ פּאָליטיש, קולטורעל־נאַציאָנאַלן וויכּוח, ווערט איצט פאַרוואַנדלט אין אַן אומפאַרמיטלטן אָביעקט און סימבאָל צו וועלכן ניט־אשכּנזישע ייִדן ווענדן סאָציאַל־קיבוצישע געפילן פון דיסקרימינאַציע.

וואָס מער עס אַנטוויקלט זיך דאָס באַוווסטזײַן פֿונעם חורבן, אַלץ מער איז קענטיק די ענדערונג אינעם אײַנשטעל צו ייִדיש אין לאַנד. דאָס געשעט ניט צווישן יאָ און ניין. אויך נאָכן אויפֿקום פֿון דער מדינה איז דער דאָזיקער אײַנשטעל פּאַרוויקלט און ווידעראַנאַנדיק. ניט געקוקט דערויף, זענען געוויסע שריט אַ סימן אַז עס קומט פֿאָר אין לאַנד אַ שינוי אינעם צוגאַנג צו ייִדיש. יאַנואַר 1949 הייבט די הסתדרות אָן אַרויסצוגעבן די גאָלדענע קייט און סוף 1951 הייבן זיך אָן ייִדיש־לימודים אין העברעיִשן אוניווערסיטעט.

זיך מערקן, אַז דער גרויסער שטראָם נײַע עולים, נאָך 1948, האָט געשאַפֿן קאָמוניקיר־ און קולטור־באַדערפֿטיקייטן, סײַ אויף פֿרעמדע שפּראַכן, סײַ אויף ייִדישע לשונות. די דאָזיקע באַדערפֿטיקייטן האָבן באַפֿרידיקט ניט נאָר פּריוואַטע אונטערנעמערס, נאָר אויך די רעגירונג. אין אָט אָ דעם פּראָצעס איז ייִדיש ניט געווען קיין אויסנעם.

ביבליאָגראַפֿיע

די ווײַטערדיקע רשימה איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן לויט די אָנווײַזונגען פֿון דער ישׂראלדיקער וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע, הכנת כתבי־יד והתקנתם לדפוס, ירושלים, תשכ״ח. די רשימה נעמט אַרײַן בלויז די דרוקזאַכן וואָס ווערן דערמאָנט אינעם בוך.

אַרכיוון און קאַטאַלאָגן

ארכיון האוניברסיטה העברית, ירושלים. טעקע 14/3.

ארכיון מפלגת העבודה, צופית.
אַרכיוו פֿון אַלוועלטלעכן פֿאַרבאַנד פֿון פּועלי־ציון פּ/8 ; לאָקער־אַרכיוו (ניט־גאַנץ)

ארכיון העבודה, תל־אביב.
אחדות־העבודה־אַרכיוו 404/IV
קאַפּלאַנסקי־אַרכיוו 104/IV
קפּא״י אַרכיוו 202/IV/30
מפּ״ס 408/IV
פּראָטאָקאָל פֿון דער 13טער קאָנפֿערענץ פֿון פּוע״צ אין א״י, נוסחאות א און ב 403/28/IV

הארכיון הציוני המרכזי, ירושלים

אוסישקין־אַרכיוו °A24
פּראָטאָקאָל פֿון דער צווייטער קאָנסטיטואַנטע, טעקע 8763 J/1
פּראָטאָקאָל פֿון דער דריטער קאָנסטיטואַנטע, טעקע 8766 J/1

ארכיון החברה ההיסטורית הישראלית, ירושלים, י. ל. מאַגנעס־אַרכיוו (ניט־גאַנץ)

בית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי, ירושלים. מחלקת כתבי־יד וארכיונים

ש. ה. בערגמאַן־אַרכיוו, 1501 °4
י. ל. מאַגנעס־אַרכיוו (ניט־גאַנץ)
י. נ. עפּשטיין־אַרכיוו, 1453 °4
י. קלויזנער־אַרכיוו, 1086 °4
ל. קעניג־אַרכיוו, 1269 °4
ייִדיש־קאַטאַלאָג

מכון גנזים, תל־אביב.
ראובני־אַרכיוו (ניט גאַנץ)

המכון ליהדות זמננו, ירושלים.
המדור לתעוד בעל־פה פועלי־ציון שמאל, טעקע 89

אריה לייב פּילאָווסקי

צײַטשריפטן

די ווײַטערדיקע רשימה נעמט אַרום די וויכטיקסטע צײַטשריפטן וואָס זענען געניצט געוואָרן בעתן צוגרייטן דאָס בוך. ביבליאָגראַפישע פּרטים וועגן זיי ווערן דערמאָנט אינעם ווערק גופא. די העפטן פון גדוד מגני השפה און די פּעריאָדישע אויסגאַבן פון ייִדיש־ליטעראַטור אין ארץ־ישׂראל, ווערן געבראַכט באַזונדער, לויט זייער כראָנאָלאָגישן סדר.

האחדות, ירושלים.

האדמה, רעדאַקטאָר: י״ח ברענער

הארץ, תל־אָביב

די גאָלדענע קייט, תל־אָביב

דאר היום, ירושלים.

דבר, תל־אָביב.

הדים, רעדאַקטאָרן: א. באַראַש און י. ראַבינאָוויטש

הײַנט, וואַרשע.

טאָג, ניו־יאָרק

יידישער קעמפער, ניו־יאָרק (אַרויס אויך א״ט צײַט און אַרבעטער קעמפער)

כתובים, תל־אביב, רעדאַקטאָרן: א. שטיינמאַן און א. שלאָנסקי

ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע

מאָמענט, וואַרשע

המחר, רעדאַקטאָר: א. המאירי

נײַוועלט, תל־אָביב

סדן, ירושלים—תל־אָביב. רעדאַקטאָר: אורי צבי גרינבערג (איז כולל סדנא דארעא)

פאָלקסצײַטונג, וואַרשע.

הפועל הצעיר, תל״אביב

פּראָלעטאַרישער געדאַנק, ניו־יאָרק

די צוקונפט, ניו־יאָרק

קונטרס, תל־אָביב

קפא״י ידיעות

העפטן פון גדוד מגני השפה

הגדוד, א־ה תרפ״ד־ה

לעם, ט׳ באלול תרפ״ו

במה לעם, י״ח באלול תרפ״ו

נר חנוכה, כ״ו כסלו תרפ״ז

לעברי, י״ח בניסן תרפ״ז

השפה, ח׳ באייר תרפ״ז

לשוננו, כ״ח בתמוז תרפ״ז

גדודנו, י״ג במרחשון תרפ״ח

הגדוד, ט״ו בניסן תרפ״ט

פּעריאָדישע אויסגאַבן פון ייִדיש ליטעראַטור אין ארץ־ישׂראל, 1948—1928

איינס, תל־אָביב, אַפּריל 1929

אָנהייב, ירושלים, אויגוסט 1928

צוויי, תל־אָביב, יולי 1929

צווישן צוויי און דרייַ, דעצעמבער 1929
מאַי, תּל־אָביב, מייַ 1931
יוני, תּל־אָביב, יוני 1931
דרייַ, תּל־אָביב, סעפּטעמבער 1931
אָקטאָבער, תּל־אָביב, אָקטאָבער 1931
חיפה, חיפה פעברואַר 1932
מיר, תּל־אָביב, מאַרץ 1932
פּיר, תּל־אָביב, סעפּטעמבער 1935
ווייַטער, תּל־אָביב, 1935
בלעטער צום אָנדענק פון ל. מלאך, תּל־אָביב, אויגוסט 1936
שטאַמען, תּל־אָביב, מאַרץ 1936
יונגע שטאַמען, תּל־אביב, יוני 1936
אונדזערע שטאַמען, תּל־אָביב, יאַנואַר 1937
ארץ ישראל שריפטן תּל־אָביב, 1937
נייַע שטאַמען, מייַ 1938
שטאַמען, תּל־אָביב, סעפּטעמבער 1939
אונדזערס, תּל־אָביב, פרילינג 1940
נאָוועמבער שטאַמען, תּל־אָביב, נאָוועמבער 1942
פעברואַר שטאַמען, תּל־אָביב, פעברואַר 1943
מערץ שטאַמען, תּל־אָביב, מאַרץ 1943
די בריק, דעצעמבער 1944, מייַ, 1945
די העפטן, חיפה, יולי 1946

ביכער, אַרטיקלען און נאָטיצן

א. ב., 'אַ שמועס מיט אורי צבי גרינבערג', ליטעראַרישע בלעטער, 10 (1933), 8.
א"ת מ־נה, 'דרכי עבודתנו'. אונדזער אמת, יפו, 1919, זז' 1—5 העברעיִשער אָפּטייל.
„האבן והכתונת", כּתובים, 8 נאָוועמבער 1928.
אהרונוביץ יוסף, 'מאורעות ומעשים'. הפועל הצעיר, ג', (תר"ע). נומ' 20־21, זז' 21־22.
(תמידי), 'לעניני השעה'. מלחמת העברית. הפועל הצעיר, ג' (תר"ע), נומ' 22, זז' 4־5.
'טענות ישנות'. הפועל הצעיר, ז' (תרע"ד), נומ' 38, זז' 3־4 ; נומ' 39־40, ז' 9.
'דברים ברורים'. הפועל הצעיר, י"ג, (תר"פ), נומ' 10, זז' 5־6.
'תשובה על שאלה'. הפועל הצעיר, י"ג (תר"פ), נומ' 18, זז' 12־13.
אוהב רנה, 'זכרונות' מהעבר ומההווה. הפועל הצעיר, ב', (תרס"ט), נומ' 23־24, זז' 20—22.
אויערבאַך, אפרים, 'דרייַ יאָר נייַוועלט, 11 פעברואַר 1938.
'אויפרוף', ייִדישער קעמפער, 21 במאַרץ 1919, ז' 2.
אונגער, מנשה, 'ביבליאָגראַפיע פון דער ייִדישער פּרעסע אין ארץ ישראל'. אין זאַמלבוך לכּבוד דעם צוויי הונדערט און פופציקסטן יובל פון דער ייִדישער פּרעסע 1686—1936, ניו־יאָרק, 1937, זז' 136—174.
'אותיות בשביה'. הד כתובים, י' באלול תרפ"ו, ז' 1.

אזרח ירושלים. הפועל הצעיר, ב (תרס״ט), נומ' 23־24, זז' 18—20.
אחד הפקידים, 'השפה בועד הצירים'. קונטרס ח' (תרע״ט), זז' 26־27.
אחימאיר, אב״א, 'מפנקסו של פשיסטן', דאר היום, 14טן און 28טן באָקטאָבער 1928 ; 4טן, 19טן און 23סטן נאָוועמבער 1928.
איגר י., 'רעש שוא', דאר היום, כ״ז כסלו תרפ״ח.
אל החוף, צום ברעג, 1918.
אָסטראָווסקי, ברוך, 'אַ בריוו אין רעדאַקציע'. יידישער קעמפער, 11טן אַפּריל 1919, ז' 6.
אַפּאַטאָשו, י. צווישן ימען און לענדער, נ״י, 1937.
אשור, ז., 'דער אָנפאַנג'. עתון הפועלים הראשון בארץ ישראל. אסופות, 4, (תשי״ד), זז' 57—65.
'באַריכט פון לעגיאָנערן און אַרבעטער קאָמיסיע'. יידישער קעמפער, 6טן יוני 1919, ז' 2.
ביאַלאָסטאָצקי, י״ב, 'די פּועלי ציון קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער'. 8טן יוני 1921, ז' 8.
ביאליק חיים נחמן, 'חצי תשובה'. הארץ, 6טן מיי 1927, ז' 2.
אגרות ח״נ ביאליק. ת״א, תרצ״ה—תרצ״ט.
'דברים שבעל פה. על הקתידרה ליידיש'. דבר, 22טן יולי 1935.
דברים שבעל פה, א־ב תל־אביב תרצ״ה.
'במדור העברית'. הד כתובים, י. באלול תרפ״ו, ז' 1.
בן־אב״י, איתמר, 'מלחמת האחים בתל־אביב', דאר היום 9טן באָקטאָבער 1928.
בנארי, נ., 'אחריות למפעל'. קונטרס, של״ה, י' באייר תרפ״ח, זז' 15—17.
בן־גוריון, דוד, 'הסולל נתיב חדש'. הפועל הצעיר, נ' (תשי״ז), נר' 39, ז' 7.
איגרות. כרך א', תרס״ד—תר״פ 1904—1919. ערך י. ארז. תל־אביב, 1971.
בן־יהודה, אליעזר, 'הפרצה הראשונה'. האור, א', (תר״ע), ז' 1.
'הסכנה הז'רגונית'. האור, ל״ב (תרע״ד), נר' ז' ז' 6.
בן־ישי א״ז, 'מלחמה בטחנות רוח'. הארץ, 17טן מיי 1927.
בן־צבי, יעל, עיון ב'עד ירושלים' לא' ראובני. מ.א. אַרבעט, תל־אביב 1976.
בן־צבי, יצחק, 'אַ בריוו פון חבר י. בן־צבי'. יידישער קעמפער, 11טן ביולי 1919, ז' 5.
'בריוו פון ארץ ישראל'. יידישער קעמפער, 18 ביולי 1919, ז' 1.
'אַ בריוו פון חבר י. בן־צבי'. יידישער קעמפער, 14טן נאָוועמבער 1919, ז' 3.
'מן הפרוד אל האחוד'. קונטרס, קל״ד, בתשרי תרפ״ו, זז' 6־7.
'מועצת הברית פועלי ציון', קונטרס שט״ז, י״ד בתשרי תרפ״ח, זז' 14־15.
'פועלי ציון' בעליה השניה. (תל־אביב), תשי״א — 1950, 269 זז'.
ברדיצ'בסקי, מ״י, 'טשטוט גבולין'. נתיבות, תרע״ג, זז' 310—312.
'ברור דברים'. כתובים, ל״ז, כ״ג באייר, תרפ״ז, ז' 4.
ברוידס, אברהם, פגישות ודברים. תל־אביב, 1976.
'בריוו פון לעגיאָנערן', יידישער קעמפער, 13טן ביוני 1919, ז' 3.
'בריוו פון לעגיאָנערן־חברים'. יידישער קעמפער, 12טן בדעצעמבער 1919, זז' 2, 6.
ברנר חיים יוסף, כתבי ברנר, ב־ג.
ברש, אשר. 'אחר המסיבה', כתובים ל״ד־ה, ט' באייר, תרפ״ז. ז' 1.
גאָלדבערג, א., פון טאָג, הײַנט, 24טן נאָוועמבער 1927.
גאָלדבערג, בן־ציון, 'הוראָ פאַרן גדוד', טאָג, 10טן יאַנואַר 1928.

גוברין, נ., אין ׳שי לספרות׳, ת״א, תשל״ג. ז׳ 77.
גולומב, אליהו, ׳לאחר ועידת פועלי ציון׳, קונטרס קמ״ב, כ״ו באלול תרפ״ג, זז׳ 3—7.
׳בין בני בריתנו׳, קונטרס, ק״צ, כ״ו בתשרי תרפ״ה, זז׳ 12—14.
׳תשובה׳, קונטרס קצ״ט, כ״ט בכסלו תרפ״ה, זז׳ 11—15.
׳בועידת פועלי ציון׳, קונטרס רכ״ט, א׳ באלול תרפ״ה, זז׳ 6—8; ר״ל, זז׳ 11—27.
לאחר האחוד, קונטרס רל״ו, כ״ח בתשרי תרפ״ו, זז׳ 6־7.
(א. בן־נפתלי), הערה להערות, קונטרס של״ה, י׳ באייר תרפ״ח.
גורני, י., אחדות העבודה 1919—1930: היסודות הרעיוניים והשיטה המדינית. תל־אביב, 1973.
גינגאָלד, פ., אַ בריוו אין רעדאַקציע׳. ייִדישער קעמפער, 20סטן פעברואַר 1920.
גלבוע, יהושע א, לשון עומדת על נפשה, ת״א, תשל״ז.
הגלילי, א. ׳אונדזערע קולטור פראַגן אין ארץ ישראל׳. דאָס יידישע אַרבעטער וואָרט, 1919, זז׳ י״א—י״ג.
׳אַ בריוו אין רעדאַקציע. די צײַט, 20טן אַפּריל 1921, זז׳ 5־6.
גליקסון, משה, ׳על הענין׳. הארץ, 17טן מײַ 1927.
עדיטאָריאַל. הארץ, 7טן נאָוועמבער 1928.
עדיטאָריאַל. הארץ, 1טן יאַנואַר 1928.
געלמאַן, י., ׳די נײַע ליקווידאַציע׳. נײַער ייִדישער אַרבעטער (לעמבערג), 1טן אָקטאָבער 1925.
גרינבערג, ח., ׳אַרום דער ייִדישער קאַטעדרע׳, פאָרן פאָלק, 28טן דעצעמבער 1927, זז׳ 3־4.
׳פּראָטעסטאַמאַניע׳, ייִדישער קעמפער, 25סטן יאַנואַר 1935, ז׳ 3.
גרינבערג, אורי צבי, ׳פינה ליידיש או מחתרת׳. דבר, 24 בנובמבר 1925.
׳ליטעראַרישע בלעטער וואַרשע׳, סדן, תמוז תרפ״ה, זז׳ כ״א—כ״ד.
׳ממגלת הימים ההם. חמשת בודדים ספרותיים׳. דבר, י״ח באייר תרפ״ז.
כלפי תשעים ותשעה, ת״א, תרפ״ח.
דין וחשבון לועידה השלישית של ההסתדרות, תל־אביב, תרפ״ז.
׳דין וחשבון של מועצת פועלי ציון בסוכות תרע״א׳. האחדות, ב׳, תרע״א, נומ׳ 2־3, זז׳ 27—31.
דינור, בן־ציון, ׳ביאַליק במועצת מפיצי השכלה׳. כנסת, א׳ (תרצ״ו), זז׳ 116—122.
׳דערקלערונג פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן (פּוע״צ) פּראָפּאַגאַנדע קאָמיטעט׳. ייִדיש — סאָציאַליסטישע זאַמלביכער, 1 (1919), זז׳ 3—7.
דרויאנוב, א., ׳בתקופת הליקוידציה׳, הארץ 6טן מײַ 1927, ז׳ 2.
׳החלטות הועידה הששית של ברית פוע״צ׳. קונטרס ק״מ, י״ב באלול תרפ״ג, זז׳ 12—15.
׳החלטות ועידת פועלי ציון׳. קונטרס רל״ב. כ״ב באלול תרפ״ה, זז׳ 17—23.
׳החלטות מועצת שטוקהולם׳. קונטרס י״ט, (תר״פ), זז׳ 13—15.
היגער, א., ׳צו דער דערעפענונג פונעם ייִדישן אַרבעטער קלוב אין יפו׳. דאָס ייִדישע אַרבעטער וואָרט, 1919, ז׳ י״ד.
הירשביין, פּרץ, ׳אונדזער צעשפּאָלטענע צונג׳. טאָג, 20סטן נאָוועמבער 1927.
המליץ, א., ׳לשאלות הועידה העולמית׳. קונטרס רכ״ג. י״ז בתמוז תרפ״ה, זז׳ 28—30.
הרושובסקי, בנימין, ריתמוס הרחבות, תל־אביב, 1978.
וואָלינער, א., ׳איז עס אמת?׳ די צײַט, 13טן אַפּריל 1921, ז׳ 4.

'הייליקער פּאַנאַטיזם'. די צײַט, 19טן אַפּריל 1921, ז' 4.
'פריי איך זיך אין חלום', יידישער אַרבעטער 3 (1925), נומ' 7, זז' 10־11.
ווײַנפּער, זישע, מיטן יידישן לעגיאָן. ניו־יאָרק, 1942.
ולדשטיין, א"ש, 'מכתב לחברים בחו"ל', קונטרס ה' (תרע"ט), זז' 55—57; ו' (תרע"ט), זז' 45—47.
'צו דער שפּראַכן פראַגע', יידישער קעמפער, 11טן, 18טן יולי 1919, זז' 5, 3.
'הועידה הכללית של פועלי ארץ ישראל'. (רעדאַקציע און הערות י. סלוצקי). אסופות, סדרה חדשה, 1 (תשל"א), זז' 5—80.
'הועידה הראשונה של פועלי ציון בארגנטינה'. קונטרס כ"ב (תר"פ), זז' 14—16.
הועידה הרביעית של אחדות העבודה. תל־אביב, תרפ"ו.
זאַר, יהודה, 'לינקיזם אויף דער און אויף יענער זײַט ים', די צײַט, 17טן נאָוועמבער 1920, ז' 4.
ז'בוטינסקי זאב, 'הלשון והנימוס', חדשות הארץ, כ"ו באלול תרע"ט.
עדיטאָריאַל, דאר היום, 3טן אַפּריל 1929.
'להגנת שפתנו', דאר היום, 22סטן אַפּריל 1929.
זילבערצווײַג, ז., 'יידיש טעאַטער אין פּאַלעסטינע'. יידיש טעאַטער (1927), נומ' 3—4, זז' 313—318.
זכאי, ד., 'קצרות', דבר, 10טן יאַנואַר 1928, ז' 2.
זרובבל יעקב, 'פעולתנו התרבותית'. האחדות, ב' (תרע"א), נומ' 2־3, זז' 13־14.
'אספת מחאה ביפו', האחדות ה', (תרע"ד), נר' 38־39, זז' 51־52.
'חיים ז'יטלובסקי'. האחדות ה', נומ' 26, זז' 25־26.
'מעניגא דיומא'. האחדות, ה', נומ' 32, זז' 5—11.
עדיטאָריאַל, נײַיוועלט, 16טן נאָוועמבער 1934.
'קעגן פּאַלשעווען קולטור פּאַספּאָרטן', נײַיוועלט, 24סטן יוני 1938.
זשיטלאָווסקי, חיים, 'לשאלות הישוב', האחדות, ה' (תרע"ד), נומ' 38־39, זז' "בריוו אין רעדאַקציע'. יידישער קעמפער, 11טן אַפּריל 1919.
'קאָלאָניזאַציע און קולטור טעטיקייט אין ארץ ישראל'. די צײַט, 10טן אַפּריל 1921, ז' 7.
'דער קרן היסוד און דער העבראַיזם'. די צײַט, 21סטן אַפּריל 1921, ז' 5־6.
'די שפּראַכן פראַגע אויף דער קומענדער קאָנוועגשאָן'. די צײַט, 12טן יוני 1921, ז' 7; 16טן יוני 1921, ז' 4.
'ד"ר מאַגנעסעס בריוו צום פאָרווערטס', די צײַט, 10טן דעצעמבער 1921, ז' 5.
[חיין־שמעוני ל־ל. ליטוואַק,] 'אונדזערע קולטור־פּראָבלעמען'. אָנהייב, זז' 26—29.
'צי איז דאָס אונדזער געזאַנג'? 'חיפה', זז' 14—16.
חשין, אלכסנדר, 'למה רגשו?' האחדות ה' (תרע"ד), נומ' 37, זז' 1—5.
'תחיה של מעלה ותחיה של מטה'. האחדות, ה' (תרע"ד), נר' 40־41, זז' 3—13.
טבנקין, יצחק, 'תנועתנו בחוץ לארץ', קונטרס, רצ"ט ובניסן תרפ"ז, זז' 10־11.
טברסקי, נ., 'אספה לאומית'. הפועל הצעיר י"ב (תרע"ט), נומ' 1, זז' 2־3.
'שווי זכויות'. הפועל הצעיר, י"ב (תרע"ט), נומ' 3־4, זז' 4־5.
טובנפליגל, א[ליעזר שטיינמאַן?], 'תרבותנו בגולה', דברי כתובים, ג' באלול תרפ"ו, ז' 3.
טורקניץ, אהרון (נץ), "בנין וסתירה'. הפועל הצעיר, א', חשון תרס"ח (1907), זז' 4־5.

(אבי ברק), ׳הערות קטנות למעשים גדולים׳. הפועל הצעיר, א׳, טבת תרס״ח, זז׳ 14־15.

טלפיר, ג., ׳ראשית המודרניזם בארץ׳. גזית. כ״א (כסלו־אדר תשכ״ד), זז׳ 1—38; כ״ב (ניסן־תמוז תשכ״ד), זז׳ 1—26.

טמן, ׳פתח תקוה׳. הפועל הצעיר, א׳, אדר שני תרס״ח, זז׳ 11־12.

׳אַ טרויעריקער אָנהויב׳. יידישער קעמפּער, 21סטן מאַרץ 1919, ז׳ 1.

י., ׳קתידרה לאידיש במכללה הלאומית׳, דאר היום, כ׳ בחשון תרפ״ח.

׳ועוד על הקתידרה לאידיש׳, דאר היום, כ״ב בחשון תרפ״ח.

י. ח. ר.[בניצקי], ׳על „מלחמת מצווה״׳. הארץ, ט״ז אייר תרפ״ז.

י. [עקב] מ־ל [מייזיל], ׳אורי צבי גרינבערג און אורי צבי גרינברג׳, ליטעראַרישע בלעטער 1 (1924/25), נר׳ 48, ז׳ 7.

לאַקער, בערל, ׳צו אונדזער שפּראַכן פּראַגע אין ארץ ישראל׳. אונדזער געדאַנק, ברלין 1920, זז׳ 91—111.

לוקר, ב. וקפלנסקי, שלמה, ׳גלוי דעת׳. קונטרס קנ״ד, כ׳ בטבת תרפ״ד, זז׳ 13—15.

׳״אחדות העבודה״ ופועלי ציון׳. קונטרס קס״ו, כ״ב באדר ב׳, תרפ״ד, זז׳ 4—8.

׳הכצעקתה?׳, קונטרס שמ״א, ד׳ באייר תרפ״ח, עמ׳ 5—7; שמ״ב עמ׳ 9—12.

ליגע פאַר רעכט פון יידיש אין ארץ ישראל. יידיש אין ארץ ישראל. רעדעס, פאַקטן, דאָקומענטן. ניו־יאָרק, 1936.

קאָנפערענץ זשורנאַל, ניו־יאָרק, 1937.

[לייבל, ד.], נאָכן שרעק, אַרבעטער פּירער, 21סטן יאַנואַר 1928, זז׳ 21—26; ׳אונדזער אָנהייב׳, אָנהייב, זז׳ 1—3.

׳פון פאָלק צו שבט אָדער פאַרקערט?׳, מאַי, 1931, זז׳ 3—4.

׳באַמערקונגען׳, ווייטער, זז׳ 88—90.

ליפשיץ, מענדל, ׳וועגן דער שפּראַכן פּראַגע׳. יידישער קעמפּער, 8טן אויגוסט 1919, ז׳ 2.

למדן, יצחק, ׳כלפי הטשטוש׳, כתובים ל״ד־ה, ט׳ באייר תרפ״ז, זז׳ 18.

לעוו, ש., ׳זייט פאַרזיכטיק׳. יידישער קעמפּער, 8טן אויגוסט 1919, זז׳ 2.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ניו־יאָרק. 1—8.

לקר, ו. (ג״ז ישראלי), מפ״ס־פ.ק.פ.־מק״י, קורות המפלגה הקומוניסטית בישראל. תל־אביב, תשי״ג, זז׳ 15—20.

מאיר, ברוך, ׳מועידת פועלי ציון בוינה׳. קונטרס, תר״פ, מ״ט, זז׳ 1—11; נ׳, זז׳ 14—31; נ״א, זז׳ 14—21; נ״ג, זז׳ 6—10.

מאירזון, יעקב, ׳צו דער דעלעגאַטן פאַרזאַמלונג׳. אונדזער אמת, 1920, זז׳ 3—8.

נאָך דער 5טער פּוע״צ וועלט קאָנפערענץ, ווין, 1920.

המאירי, אביגדור, ׳בארות הפיגסוסים׳, המחר, ב׳ בסיון תרפ״ז, זז׳ 15—17.

ביאליק על אתר. תל־אביב, 1962.

מאַרעווסקי אברהם, ׳אַ דאַנק פאַרן קאַמפּאַט׳. ׳נייוועלט׳, 8טן יולי 1938.

מארק, יודל (מ׳ רעצטמאַן) ׳די שפּראַך פון אַ באַכטשיסעראַייער שוחט׳, יידישע שפּראַך (1943/3), זז׳ 32—43.

מגנס, י״ל, ׳השפה היהודית באוניברסיטה העברית׳. הצפירה, 27סטן דעצעמבער 1927.

מהאָסיפה הכללית. יפו, 1919.

׳מהחלטות ועידת האחוד׳, קונטרס רל״ב, כ״ב באלול תרפ״ה, זז׳ 23־24.

'מהחלטות המועצה של "אחדות העבודה', קונטרס קכ"ו, כ"ה באייר תרפ"ג, זז' 4־5.
יאַרבלום, מאַרק, 'וועגן דער אחדות העבודה'. יידישער קעמפּער, 21סטן נאָוועמבער 1919, זז' 4, 6.
יבנאלי, ש., 'הנחלת הלשון לעם'. אחדות העבודה, יפו תרע"ט, זז' 23—43.
'אב דבר ותולדתו'. קונטרס, מ"ד (תר"פ), זז' 17—21.
יהואש, פון ניו־יאָרק ביז רחובות און צוריק, ניו־יאָרק, 1917.
יהודאי, מ., 'הקתידרה ומבשריה!' הגדוד, ירושלים, תרפ"ט, עמ' 3.
יהודה, ז., 'די "אחדות העבודה" און די פּועלי ציון' יידיש־סאָציאַליסטישע זאַמל־ביכער, 1919, זז' 34—43.
'ריכטונגען אין דער אַמעריקאַנער פּועלי ציון פּאַרטיי'. יידיש־סאָציאַליסטישע מאָנאַטשריפט, 1 (1920), נר' 2, זז' 3—8.
'א פּועלי ציון פּאַרטיי אין ארץ־ישראל'. 6טן פעברואַר 1920, ז' 5.
יהלומי, ש., 'יעקב מאירזון ודרך תשובתו'. דבר, 24סטן דעצעמבער 1956, ז' 5; 4טן און 11טן יאַנואַר 1957 ז' 5.
ילקוט "האחדות", (תל־אביב, 1962), זז' 573—604.
כאַזאַנאָוויטש, לעאָ, ארכיוו פונעם יידישן סאָציאַליסט, בערלין, 1921, זז' 6—8.
הכהן, ד., 'על הפרק', קונטרס קס"ח, י"ד בניסן תרפ"ד, זז' 7—10.
כצנלסון, ברל, אגרות ברל כצנלסון תר"ס—תרע"ד, תרע"ט—תרפ"ב; תרפ"ב—תרצ"א. תל־אביב, 1961, 1970, תשל"ד.
'אחדות העבודה'. אחדות העבודה, יפו, תרע"ט, זז' 1—22.
'אמר הקונטרס' קונטרס ה' (תרע"ט), זז' 28—30.
'טענות אַנטקעגן ארץ ישראל'. די צייט, 18טן דעצעמבער 1921, ז' 7.
'וי' אַזוי מען פעלשט ידיעות וועגן ארץ ישראל', די צייט, 25סטן דעצעמבער 1921, ז' 7.
'עמדתנו בברית פועלי ציון'. קונטרס קצ"ח, כ"ב בכסלו תרפ"ה, זז' 18—29.
קתידרת המריבה, דבר, 11טן יאַנואַר 1928, ז' 2.
'הלנו או לצרינו ?', דבר, 16טן אַפּריל 1928.
עדיטאָריאַל, דבר, 8טן אָקטאָבער 1928.
כצנלסון, קלמן, 'מאורעות שמחת תורה', דאר היום, 9טן נאָוועמבער 1928.
משבר העברית המודרנית, ת"א, 1960.
כצנלסון, רחל, 'נדודי לשון'. בעבודה, יפו, תרע"ח, זז' 68—78.
'כראָניק'. דאָס יידישע אַרבעטער וואָרט, 1919, זז' 15—17.
'די לאַגע אין פּאַלעסטינע'. פון חבר א. אַראָנאָווס אַ בריוו. יידיש־סאָציאַליסטישע זאַמלביכער, 1919, זז' 91—93.
הלוי, שושנה, הספרים העבריים שנדפסו בירושלים, תר"א—תרנ"א, ירושלים, תשל"ו.
לוינסון, אברהם, התנועה העברית בגולה. וואַרשע, תרצ"ה.
מועידות האחוד. אחדות העבודה, תרע"ט, זז' 90—125.
'מועצת אחדות העבודה', קונטרס קל"ו, ז' באב תרפ"ג, זז' 10־11.
מירון, דן, 'הטרילוגיה הירושלמית של אהרן ראובני', ירושלים, שנתון לדברי ספרות, ג־ד, זז' 139—196.
מישקינסקי, משה, 'מקורותיה הרעיוניים של תנועת הפועלים היהודית ברוסיה בראשיתה'. ציון, ל"א (תשכ"ו), תרע"ט א־ב זז' 87—115.

מכאן ומקרוב. אנתולוגיה של ספורי יידיש בארץ ישראל. תל־אביב, תשכ״ז.
מקרי, ׳על „האחוד״׳, הפועל הצעיר, י״ב (תרע״ט), נומ׳ 2 זז׳ 3־4.
מרגלית, אלקנה, אנטומיה של שמאל; פועלי ציון שמאל בארץ־ישראל 1919—1946, תל־אביב, תשל״ו.
נאָווערשטערן, אברהם, ׳שלום עליכם און זיין שטעלונג צו דער שפּראַכן פּראָגע׳, די גאָלדענע קייט, 74 (1971), זז׳ 171—183.
נאַטאַנסאָן, וו., ׳דער אויפטו פון דער צוועלפטער קאָנווענשאָן פון אונדזער פּאַרטיי׳. יידישער קעמפּער, 23סטן יולי 1920, ז׳ 2.
ניגער, שמואל, ׳אידיש, לאַדינאָ און נאָך אַנדערע דיאַלעקטן׳. טאָג, 14טן יאַנואַר 1928.
נייוועלט, צי ווערט יידיש אין ארץ־ישראל גערודפט? תל־אביב, מאַרץ 1935. 1935.
ניר, נחום (נ׳ בראַדער), ׳וועגן אונדזער פּאַלעסטינע אַרבעט׳. אונדזער אמת, 1919, זז׳ 8—12.
׳האַרץ יידישיזם׳, איינס, זז׳ 61—63.
וואַנדערונגען. תל־אביב 1966, זז׳ 36—182.
סדן, דב, אבני בדק, תל־אביב, תשכ״ב.
אבני גדר, תל־אביב 1970.
אבני מפתן, 1—3, תל־אביב, תשכ״ב—תשל״ב.
ארחות ושבילים, תל־אביב, תשל״ט.
׳בענין אידיש׳, דבר, ו׳ באדר ב׳ תרצ״ה, זז׳ 2־3.
׳דברים על ב. כצנלסון. אין: האישיות ודורה, ירושלים תשכ״ד, זז׳ 169—180.
׳צמוקים ושקדים׳, מחניים נ״ג (תשכ״א), זז׳ 124—130.
סדן, נ., מגמות דקדנטיות בספורת המהגרים בא״י, עבודה לשם קבלת תואר דוקטור, בר־אילן, תשל״ו, זז׳ 156—302; 443—446.
סופר סתם, „קתידרא לאידיש׳, דאר היום, 6טן יאַנואַר 1928, ז׳ 4.
סוצקעווער, אברהם, ׳דער יידישפריינד׳, די גאָלדענע קייט 33 (1959), זז׳ 22—27.
סירקין, נחמן, ׳אַ בריוו פון ח׳ דר. נ. סירקין׳. יידישער קעמפּער, 23סטן יאַנואַר, 1920, ז׳ 1.
׳די וואַלן צו דער אספת הנבחרים אין ארץ ישראל׳. די צייט, 17טן אָקטאָבער 1920, ז׳ 4.
׳פון וואָך צו וואָך׳. די צייט, 16טן אַפּריל 1921, ז׳ 4.
סלוצקי, י., ׳מ.פ.ס.ע. בועידת היסוד של ״ההסתדרות״׳. אסופות, סדרה חדשה, 1 (תשל״א), זז׳ 133—162.
סמאָליאַר, ב. ׳דער יידישער פּאַקולטעט אין דעם העברעישן אוניווערזיטעט, דאָס יידישע וואָרט, וויניפּעג, 15טן נאָוועמבער 1927.
ענטין, יואל, ׳אונדזער פּאַרטיי ראַט׳, יידישער קעמפּער, 19טן סעפּטעמבער 1919, ז׳ 1.
עפּשטיין ש., ׳די נייע רעטער פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור׳. פּרייהייט, 27סטן נאָוועמבער 1927, ז׳ 6.
ענרסט, ש., ׳דער ערשטער פּרווו פון יידישן טעאַטער אין א״י. אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע, ווילנע, תר״ץ, זז׳ 439־440.
ערענרייך, ח., ׳צו דער קומענדער וועלט־קאָנפערענץ, יידישער אַרבעטער (נ״י), 10טן יולי 1925, ז׳ 3.

פאַט, יעקב, שמועסן מיט שרײַבער אין א״י, ניו־יאָרק, 1960.
'אַ פאַרשוויגענע קאָנפערענץ'. אונדזער אמת, זז' 29—31.
'פון אונדזערע אויסלענדישע פּאַרטייען', יידיש־סאָציאַליסטישע מאָנאַטשריפט, 1 (1920), נומ' 4־5, הינטערן שער־בלאַט.
'פון אונדזערע אויסלענדישע פּאַרטייען', פּאַלעסטינע. יידיש־סאָציאַליסטישע מאָנאַטשריפט, 1 (1920), נומ' 3, זז' 27־28.
פײַגנבערג, רחל, 'בירור'. דבר, 27טן פעברואַר 1935.
פײַנמאַן חיים, 'די פּאַראײניקטע אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל'. יידישער קעמפער, 2טן מײַ 1919, ז. 4.
'וואָס דער פּאַרטיי ראַט האָט אויפגעטאָן'. יידישער קעמפער, ז' 5.
פיכמן, יעקב, 'כלפי המפגינים'. כתובים, ל״ז, ט״ז באייר תרפ״ז, ז' 1.
פילובסקי, אריה ל' 'עיתונות יידיש בארץ־ישראל מתחילתה ועד הופעת נײַוועלט' (1934), קתידרה, 10, תשל״ט, זז' 72—101.
פילובסקי, ורדה, נחמן סירקין הגותו הלאומית והחברתית ופעילותו הציבורית־מדינית מראשית דרכו עד הקונגרס הציוני השני (1868—1898). חיבור לשם קבלת תואר דוקטור, ירושלים, תשל״ד.
פ. [ינסקי], ד. [וד], 'יונקעריזם אין ארץ־ישראל', יידישער קעמפער, 21סטן מאַרץ 1919, ז' 1.
פרידמן, ד״א, 'פרץ בחומת השתיקה'. כתובים ל״ב, ז' 2.
פריזאַנט, ה., 'אַ בריוו אין רעדאַקציע' יידישער קעמפער, 14טן נאָוועמבער 1919, ז' 6.
צביון (ב״צ האָפמאַן), מײַן רײַזע אין ארץ ישראל, וואַרשע, 1923.
'צו אונדזערע לעזער'. דאָס יידישע אַרבעטער וואָרט, 1919, זז' 1־3.
'די צוועלפטע פועלי ציון קאָנווענשאָן'. יידישער קעמפער, 23טן יולי 1920, זז' 3־4.
צמרת, ש., בוקר תמיד, תל־אביב, תשכ״ו.
קאַסאָווער, מרדכי, 'מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור אין ארץ ישראל'. ווײַטער, תל־אביב 1935, זז' 64—67.
'מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון קאַמף קעגן יידיש אין ארץ ישראל'. ארץ־ישראל שריפטן, תל־אביב 1937, זז' 139—164.
קאַציזנע, אַלטער, 'אַן אָפענער בריוו צו אורי צבי גרינבערג אין ארץ ישראל'. ליטעראַרישע בלעטער 1926/5, נומ' 87, זז' 15־16.
קויש, נתן, 'נאָך אַ מאָל וועגן לעגיאָנערן'. יידיש סאָציאַליסטישע־מאָנאַטשריפט, 1 (1920), נומ' 1, זז' 23—27.
קולר, א״מ, 'איזוהי הדרך'. קונטרס כ״ח (תר״פ), זז' 20—23.
קושניר (שניר), מרדכי, 'הגיגים'. האדמה י־י״א, תר״פ, זז' 446־453.
קלויזנר, יוסף, 'בשעת חירום, מכתב למערכת'. כתובים ל״ז, כ״ג באייר תרפ״ז, ז' 1.
'ברור'. כתובים, י״ג באדר תרפ״ח.
'בפעם המאה ואחת, לשאלת הקולנוע הז'רגוני'. דאר היום, 17טן סעפּטעמבער 1930.
קמנצקי, מ., 'שאלה שלא במקומה ולא בזמנה'. קונטרס כ״ו (תר״פ), זז' 28־29.
קעניג, לעאָ, 'קענען זיך יידיש און העברעיש אַסימילירן ?' אונדזער וועג, (לאָנדאָן), 16טן מײַ 1919.

קפלנסקי, שלמה, 'מכתב גלוי לועד הפועל של "אחדות העבודה" ,יפו', קונטרס קצ"ט, כ"ט בכסלו תרפ"ה זז' 8—11.
'מאורעות והערות' קונטרס, של"ה, י' באייר תרפ"ח, זז' 11—13.
קרסל, ג., 'הפועל הצעיר'. אסופות 4 (תשי"ד) זז' 44—65.
'אַ היסטאָרישע פּאָלעמיק וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור' די גאָלדענע קייט, 20, (1954), זז' 339—355.
'מתיתיהו מיזעס און די פּאָלעמיק וועגן ייִדיש'. די גאָלדענע קייט, 28, (1957), זז' 143—164.
לכסיקון הספרות העברית' א־ב, מרחביה, תשכ"ה—תשכ"ז.
ראובני, אהרן (נ' ינשוף), 'מכתבים מיפו'. האחדות, ה' (תרע"ד), גר' 37, זז' 24—26.
רבינוביץ, יעקב, 'פרובינציות', הדים ג, חוב' (תרפ"ה), זז' 85־86.
'לאט לכמ' כתובים (חיי כתובים), ז' בתשרי תרפ"ז, ז' 2.
'דברים גלויים', כתובים ל"ד־ה, ט' באייר תרפ"ז, זז' 1־2.
ריוועס, א., 'מכה היגע א"י טעמאַטיק', 'נײַוועלט', 2טן נאָוועמבער 1935.
רבינזון, מ. [מהפך פשטא] תגים. דאר היום, כ' בחשון תרפ"ח.
ריטוב, י. פרקים בתולדות „צעירי־ציון", צ. ס., תל־אביב, תשכ"ה.
רייזען, זלמן, לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור פּרעסע און פילאָלאָגיע, א—ד, ווילנע, תרפ"ט—תר"ץ.
רינות, מ., פעולתה של 'חברת העזרה ליהודי גרמניה' בחינוך בארץ ישראל (1901—1918). עבודה לשם קבלת התואר דוקטור לפילוסופיה של האוניברסיטה העברית. (ירושלים) תשכ"ט, זז' 271—325.
רמז, דוד, 'לגלוי הדעת', קונטרס, קנ"ד, כי בטבת תרפ"ד, זז' 15—18.
'רעזאָלוציעס פון דער צוועלפטער קאָנווענשן'. ייִדישער קעמפער, 9טער יולי 1920, ז' 4.
ש. ר., 'בירור נוסף'. קונטרס של"ו, כ"א אייר תרפ"ח, זז' 10־11.
ש. ש., 'מכתב מפתח תקוה'. אונדזער אמת, 1920, זז' 5־6 (העברעיִשן טייל).
שומרוני, א., 'בריוו צו אַ פרײַנד'. דאָס ייִדישע אַרבעטער וואָרט, 1919 זז' 1—3.
שטיינבוים, י., 'אַ בריוו אין רעדאַקציע'. ייִדישער קעמפער, 19טן דעצעמבער 1919, ז' 6.
'אַ בריוו אין רעדאַקציע'. ייִדישער קעמפער, 1טן אויגוסט 1919, ז' 2.
שאַרגעל, יעקב צבי, פון אַנהייב אָן, תל־אביב, תשל"ז.
שטיינזאַלץ, יעקב, 'צו דער קומענדער וועלט קאָנפערענץ'. ייִדישער אַרבעטער (נ"י), 24סטן יולי 1925, ז' 3.
שטיינמן, אליעזר, 'מלואים'. כתובים, ל"ד־ה, ז' 1.
שיפמן מ., 'מכתב למערכת'. הפועל הצעיר, י"ב (תרע"ט), גר' ח־ט, ז' 27.
שלונסקי, אברהם, 'על השלום', כתובים ל"ד־ה ט' באייר תרפ"ז, ז' 1.
'ממה נפשך', כתובים ד בשבט תרפ"ח, ז' 4.
שמוש, אמנון, [מכתב] דבר, 27סטן יוני 1973.
שמערוק, חנא, 'וועגן עטלעכע פרינציפּן פון מ' לעפינס משלי איבערזעצונג', ייִדישע שפּראַך, כ"ד (1964), זז' 33־34.
'דוד האָפּשטיינס מגילת אסתר'. די גאָלדענע קייט 87 (1975), זז' 143—147.
ספרות יידיש. פרקים לתולדותיה, תל־אביב, תשל"ט.
'יצירתו של אורי צבי גרינברג ביידיש בארץ ישראל ובפולין בסוף שנות העשרים והשלושים'. הספרות, 29 (1979) זז' 82—92.

שפּיזמן, ל., 'תשובה'. קונטרס, כ' סיון תשפ"ח, זז' 22—25.
שפּירא, י., 'מזרח גליציה והועידה העולמית השביעית', קונטרס רכ"ה, ג' באב תרפ"ה, זז' 14—20 ; רכ"ז, זז' 14־15.
שפּרינצק, יוסף, אגרות יוסף שפּרינצק ערך י. שפּירא. כרך א' תר"ע—תרפ"ט (1910—1929). תל־אביב, תשכ"ה.
'מתוך התסיסה'. הפּועל הצעיר, י"ב (תרע"ט), נר' 2, זז' 6־7.
Goldsmith, Emanuel S., Architects of Yiddishism at the beginning of the Twentieth Century. Rutherford, 1976.

די ווערק אַרומגערעדט אין קאַפּיטל זיבן, שטעלן מיט זיך פֿאַר זייער אַ לאַנגע רשימה. פּרטים איבער די ווערק און די מחברים וועט מען געפֿינען לויטן אינהאַלט און זוכצעטל פֿון נעמען.

מחברים פֿון די לידער וואָס ווערן ניט אַרומגערעדט אינעם בוך

אַנקער, א. : 'אונדזערע שטאַמען', ז' 21.
אַפּעל, ז. : 'נײַוועלט' 28.3.21 ; 23.5.41 ; 5.12.41.
בן־אריה, פּ. : 'נײַוועלט', 30.11.34 ; 22.5.36 ; 26.2.37 ; 4.6.37
'א"י שריפֿטן', זז' 16־17.
בערגער, י. : 'נײַוועלט", 9.6.44.
בראָדע, ג. : שטאַמען, 1939, ז' 19.
גוזשאַנסקי, א. : מערץ שטאַמען, ז' 7.
גרינבערג, י. : 'נײַוועלט' 28.10.38 ; 9.5.40 ; 31.8.41 ; 24.3.44 ; 3.11.44 ;
26.12.45 ; 5.7.46 ; 'די בריק' 2, ז' 1.
הרצל, נײַוועלט', 14.6.40.
וועקסלער, מ., 'אָנהייב', ז' 19 ; 'צווי', זז' 1־2 ; 'דרײַ', ז' 22 ; 'מיר', זז' 19־20 ;
'נײַוועלט', 26.11.37 ; 31.12.37 ; 8.4.38 ; 21.4.38 ; 22.7.38 ; 9.12.38 ;
22.7.41 ; 31.8.41.
זאַק, מ., א"י שריפֿטן, זז' 12־13 ; 'נײַוועלט', 12.3.37 ; 21.5.37 ; 21.1.38 ; 11.8.39 ;
9.1.42.
זשאַדקעוויטש, מ., 'נײַע שטאַמען', ז' 17 ; 'שטאַמען', 1939, ז' 20.
זילבער, מ., 'נײַוועלט 3.11.44.
כײַקעס, צ., מיר, זז' 9־10, 28.
לאה, 'נײַוועלט', 19.7.40, 7.3.41.
ליוסין, א. : 'ווײַטער', זז' 50־51.
ליפּשיץ, מ., 'יונגע שטאַמען', ז' 12.
מ. פּ., נײַוועלט, 5.9.47.
מואבנעזר, מ"מ, אָקטאָבער, ז' 13.
מרגלית, מ., נײַוועלט, 19.7.35 ; 9.1.40 ; 12.7.40 ; 2.8.40 ; 5.10.41.
נייפעלד, י., צווי, ז' 26 ; נײַוועלט, 20.1.39 ; שטאַמען, 1939, ז' 19 ;
אונדזערס, ז' 19.
עליאַש, נײַוועלט, 6.9.40 ; 14.2.41.
פּדרהר, א., אונדזערע שטאַמען, ז' 18.
פּיטערמאַן, פּ., נײַוועלט, 15.11.44 ; 21.12.45.
פֿאַלק, י., נײַוועלט, 25.4.47.

פּאַקל, י., נײַיוועלט, 27.9.40.
צוקער, ב., בלעטער צום אָנדענק פון ל. מלאך, זז׳ 5־6.
קליר, א., נײַע שטאַמען, ז׳ 16 ; נײַיוועלט, 23.12.38 ; 20.1.39 ; 16.1.42.
קעניגשטיין, י., מיר, זז׳ 22.
קראַמף, ר., אונדזערס, זז׳ 13־14.
שוואַלב, ל., יונגע שטאַמען, ז׳ 14.
שאַפּענפעלד, ל., נײַיוועלט, 17.9.37 ; 11.3.38 ; 8.4.38 ; 3.11.39 ; 22.11.40.
שטאָלצער, ז., פעברואַר שטאַמען, 1943.
שפּירטאַק, נײַיוועלט, 21.6.40.
שרפּי, א., נאָוועמבער שטאַמען, 1942.

זוכצעטל

א

אבינרי (יצחק) 173
אבן־זהב, א. 295—296, 337
אבנר, דב 324
אברונין, (אברהם) 197
אַהרנאָוויטש, יוסף 18, 19, 20—22, 24, 51, 206, 236
אויערבאַך, אפרים 222, 230, 235, 237, 243, 244, 253
אוליאַנאָווער, מרים 289
אונגער, מנשה 216
אוסישקין, מנחם 83, 124, 143—144, 145, 146, 147, 154, 155, 156, 161, 164, 166, 171, 178, 179, 180, 181
אחד־העם 25—26
אחימאיר, אבא 207—210, 212
איגנאַטאָוו, ד. 230
איזבאַן, שמואל 211, 268, 276—280, 334
אייזמאַן 58, 59—60
אייזן, שמחה — זען: שטאָל, יעקב
אייזען, פייוול 288
אימבער, ש. 289
אַלטמאַן, אירווינג 143
אליצדק, ברוך 210, 211
אַלעקסאַנדער 193
אלפס, בן־ציון 324, 350, 352—353
אַניקשטער, רבקה ליפא 351
אנכי, ז״י 20
אַן־סקי 132
אנקורי, יהושע 323—325
אַנקער, א. 231
אַסטראָווסקי, ברוך 32, 33, 45
אסף, ש. 151, 162, 164
אַפּאַטאָשו, יוסף 128, 215, 230, 236
אַפּטער, אַלטער 322—323
אַפּעל, ז. 321
אַראָנאָוו, א. 56—57
אַרלאָוו, 66
אַרלאָזאַראָוו, חיים 207, 362
אַש, שלום 119, 122—123, 124, 125, 126, 127, 130, 135, 137, 146, 154, 211, 214

ב

באַגדאַנאָווסקי־שלי, מ. 113, 122
באַלאַבאַן, (מאיר שמואל) 181
באַנעט, ד. צ. 146, 147
בובער, (מאַרטין) 129, 149, 177, 179, 181
בוגראַשאָוו, חיים 17, 130, 194
בודיש, מ. י. 45
בוסעל, חיותה 202
בורלאַ, יהודה 240
ביאַלאָסטאָצקי, י. ב. 45, 229, 230, 235, 237
ביאַליק, חיים נחמן 119—137, 144—145, 146, 147, 164, 165, 166, 167, 168, 172, 173, 174, 175, 177, 178, 181, 210, 211, 215, 217, 233, 290, 301, 304, 329, 335, 363
ביילינסאַן, משה 205
בילעצקי, י. ח. 309—311
בימקאַ, פישל 206
בירנבוים, שלמה 132, 159, 178
בלאָושטיין, י. 197
בלומענפעלד־בלאַך, א. 34, 89—90, 99, 100
בליי־ציפורי, אברהם 211, 220, 285, 287—28, 288, 336
בן־אב״י, איתמר 208

בן־אביב, פּ. 321
בנארי, נ. 111
בן־גוריון דוד 22, 35, 36, 40, 41, 42—43, 53—54, 55, 93, 106, 107, 204, 235, 243, 244
בן־יהודה, אליעזר 13, 20, 21, 174, 256
בנימין, ר' 128
בן־ישי, א. ז. 129
בן־צבי, יצחק 14, 15, 35, 40, 41, 42—43, 48, 85, 88, 89—90, 91, 93, 100
בן־ציון, ש. 20, 34
בעליצקי, נתנאל 325
בעל־מחשבות 132
בענטוויטש, נאָרמאַן 147—153, 157
בערגעלסאָן, (דוד) 121
בערגמאַן, ש. ה. 147, 164, 165, 166, 176
בערגנער, י. 321
בערדיטשעווסקי, מ. י. 126, 255—256
בערלין, אליהו 34
בערקאָוויטש, י. ד. 295, 337
בראָדערזאָן, משה 310, 336
בראָון, מ. 32
ברוידע, ג. 321
ברוך, י. ל. 129
ברײַנין, ראובן 120, 142, 158
בריסק אשר־לייב 324, 353, 354—355
ברכות, ז. 252, 273—275
ברענער, י״ח 20, 168, 174, 255, 256, 257, 266, 267
ברש, אשר 124—125, 135, 215
בר־שלום, ש. ב. 236

ג

גאַגין (דרוקערײַ) 348
גאָטלאָבער 169
גאָלאָמב, אליהו 86—88, 94—95, 97—98, 105, 111
גאָלדבערג, א. 155
גאָלדפאַדען, 21, 169
גאָלדשטיין, יהודה 132
גאָלדשטיין, מרים 356
גאָלדשטיין, פּנחס־בער 291
גאָרדאָן, א. ד. 126
גאָרדאָן, י״ל — זען: יל״ג
גאָרדאָן, פּסח 293
גאָרקי 268
גאָשציני (דרוקערײַ) 348
גוזשאָנסקי, א. 289, 321
גולאַק אַ. 151, 162, 164
גור־גראָזאָווסקי, יהודה 196
גינגאָלד, פּ. 54
גינצבערג, ש. 152
גלאַטשטיין, יעקב 230
גליקסאָן, משה 129, 146, 160—161, 197, 209
גנעסין, מ. 20
געלמאַן, י. 107—108
גראַדע, (חיים) 310
גראָס, נפתלי 215
גרינבערג, אורי־צבי 123, 127, 130, 131, 132, 133—135, 156—157, 170, 206, 254, 319, 328—332, 337, 363
גרינבערג, חיים 231
גרינבערג, י. 289, 321

ד

דור־באָגען, גרשון 65
דובנאָוו, (שמעון) 132, 181
דײַכעס 120
דיק, (אײַזיק מאיר) 169
דעמבלין, ב. 237

ה

האָז, דב 87
האַלפּערין,' מ. 241
האַנטשאַראָוו, א. 324
האָפמאַן, אַננאַ 356
האָפשטיין, דוד 121, 122
האָראָוויץ, בער 289
האָרנזאָן, דוד 292

הגלילי, א. 57, 66, 67, 230
הורוויץ, חיים הכהן 349—352
היגער, א. (פסעוודאָנים) 57
הייבלום, י. 285, 286—287, 289, 336
היינע, (היינריך) 268, 290
הירשביין, פרץ 119, 123, 124, 125, 130, 135, 137, 146, 154, 156, 230
הלוי, ש. 164
המאירי, אביגדור 127, 128, 130, 220
הערץ, הרב 175
הערצל 321
הר־זהב, צבי 197

וו

וואַלדשטיין, א. ש. 47, 48, 52
וואַלינער, א. 65—66, 67, 235, 237
וואַסערמאַן, ליובאַ 308
וואַרבורג, פעליקס מ. 176
וויטקין, נתן־נטע אריה 354
ווייַנפער, זישע 31, 228, 230, 253
ווייַספיש, אהרן־דוד 355—356
ווייַסענבערג, י. מ. 290
ווילדמאַן, אַלטער 354
ווינאַגראַד, ה. 324—325
ווישנעוויצער, דוד־אהרן 354
וועקסלער, מ. 321
וועשער 193, 201

ז

זאַק, מ. 321
זאַקאַליק, ג׳. 289
זאַקטשעוויץ, מ. 321
זאַר, יצחק 56
זילבער, מ. 321
זיסקינד־ראַבינאָוויטש, אלכסנדר 197
זינגער, י. י. 128, 133
זינגער, מ. 64
זכאי, דוד 170, 219, 242
זעליג, שמואל בן יהושע 349
זרובבל, יעקב 22, 23, 192, 194, 204, 207, 209, 227, 231, 234, 235, 239, 243, 244
זרובבל, פרידע 289
זשאַבאָטינסקי, זאב 207, 218, 228, 235, 359
זשיטלאָווסקי, חיים 16, 17, 19, 22, 23, 25—30, 35, 44, 45, 55, 67—68, 84, 132, 156, 204, 238, 358

ח

חודס, ג. 321
חיין־שמעוני, ל. 203, 214, 232, 239—240, 243, 283—285, 289, 303, 334
חייַקעס, צ. 321
חן־טוב, רייצה בת מרדכי 351
חריף, יוסף 289, 290

ט

טאַבאַטשניק, א. 276, 312
טאַבענקין, יצחק 64, 93, 107, 242, 244
טאַן, (יהושע) 180
טאַרטאַקאָווער, (אריה) 109
טביוב, (ישראל־חיים) 171
טובנפליגל, א. 120
טווערסקי, ב׳. 33, 37—38, 39, 51
טוראָוו, נ. 34—36
טורגעניעוו 268
טורקעניעץ, אהרן 14
טעמקין, מ. 257
טריוואַקס, א. י. 217
טשאַרני, ד. 243
טשערנזאָן־שאַיוק, ג. 290
טשערניכאָווסקי, (שאול) 121

י

יאַפע, יודאַ 228
יבנאלי, ש. 41, 51, 52
יהואש 122, 253

יהודאי, מ. 180
יוריס 100
ייִדעלסאָן, ישראל 204
יל״ג 122, 123
יעלין, דוד 145, 146, 151, 162, 164, 178, 180
יפה, ד״ר 34
יצחקי 200
יציב, י. 81, 206

כּ

הכּהן, מרדכי בין־הלל 296—297, 337
כּצנעלסאָן, בערל 33, 38, 47, 49, 52, 54, 62, 64, 67, 68, 69, 82, 83, 84, 85, 86—87, 88, 89, 92—93, 95, 98, 99, 100, 101, 102, 109, 110, 111, 113, 123, 130, 164, 167, 168—170, 171, 205—206, 210, 211, 231, 233
כּצנעלסאָן, קלמן 210

כ

כאַשין, אַלעקסאַנדער 23—25, 27, 29—30, 121, 233, 255
כיסדער, דוד 288

ל

לאה 321
לאַנדוי, זישע 133
לאַפּין, ב. 237
לאַקער, בערל 61—63, 64, 68, 79, 82, 90—93, 99—100, 101—102, 108, 112
לוי, הרב 178
לודויפּאַל 34
לוריא, יוסף 20
ליוסין, אַ. 321
ליטוואַק, ל. 216, 217
לייבל, דניאל 202, 207, 211, 216, 232, 237—238
לייוויק, ה. 128, 230, 234, 237, 239, 243, 307, 319, 335
ליליאַן, ר. ז. 237
ליפשיץ, אריה לייב 349
ליפשיץ, חנה 325
ליפשיץ, מ. 321
למדן, (יצחק) 125, 126, 135
לנדאַ, אליהו 354
לעוו, אברהם 243, 302—304, 319, 336
לעווין, י. 45
לעווין, שמריה 167
243
לעיעלעס, אהרן 228, 229, 230, 237,
לעפין, (מענדל) 169

מ

מאַגנעס, יהודה־לייב 67, 141, 142—143, 144—145, 146, 147—148, 152—157, 159, 160, 161, 162, 163, 164, 166, 167, 172, 175, 176, 177, 178, 181
מאַהלער, רפאל 200
מאַיעווסקי, פּ. 322
מאיר, גאָלדע 245
מאיר, א. ל. 146, 147
מאירזאָן, יעקב 58—59, 65
מאַלאַדאַווסקי, ק. 243
מאַן, יעקב 143, 146, 147, 151, 162
מאַניק־לעדערמאַן, יהושע 294, 335
מאַסטבוים, יואל 294, 335
מאַרגאַשעס 158
מאַרעווסקי, אברהם 238—239
מאַרק, יודל 291
מואבנעזר, מ. מ. 321
מאַרקיש, פּרץ 128, 132, 330
מזא״ה 178
מטמון־כהן, ד״ר 66
מיזעס, מ. 178
מייַזעל, ג. 258
מייַזעל, יעקב 132—133
מלכּין, דב־בער 87, 105
מענדעלע (מוכר־ספרים) 123, 124, 289
מערמינסקי 93

מרגליות, מ. 322
מרגלית, א. 200, 2033

נ

נאַדיר, משה 119, 310
נאַמבערג, ה״ד 127
נוימאַן, יוסף 325
ניגער, שמואל 233, 237
ניימאַן, מ. 294
נייפעלד, י. 322
ניסנבאום, אריה הלוי 354
ניסענזאָן, א. 237
ניר, נחום 49—50, 200, 201, 217, 230—231, 232, 237—238, 244

ס

סאָנענזאָן, יחיאל יצחק 354
סאַמועל, הערבערט 199
סגל, מ. צ. 151, 162, 164, 166
סדן, דב 181, 233, 234, 236, 241
סוצקעווער, אברהם 246
סוקעניק, ד״ר 146
סטאַווסקי, מ. 252, 256, 262, 269—273, 334, 336
סטעמפעל, מנחם 211, 312
סילמאַן, ק. 153
סירקין, נחמן 54, 56, 66, 82, 84—85
סלוצקי, י. 56—57
סמאָליאַר, באָריס 155—156
סעגאַלאָוויטש, זוסמאַן 233, 294—295, 326—328

ע

עגנון, ש״י 128
עליאַש 322
עלסבערג, ס. 45
עפשטיין, י. נ. 143, 145, 146, 147, 151, 154, 162, 164
עפשטיין, שכנא 157, 158, 159
ערליך, א. 288
ערנרייך, ה. 103
ערעם, משה 200, 201, 217, 237, 238, 244

פּ

פּאַט, יעקב 219
פּאַטאַש, ריקודה 289, 307—308
פּאַפּיערניקאָוו, יוסף 211, 216, 229, 289, 290, 297—302, 303, 336
פּאַפּיק, ל. 325—326
פּאַקנטרעגער, מאיר 311—312
פּינסקי, דוד 44, 142, 231
פּיעטרושקאַ, שמחה 154, 155, 217, 219
פּעמון 121
פּערלעס, פעליקס 177, 179
פּרץ, י״ל 122, 126, 132, 209, 272, 284, 289, 290, 310, 335

פ

פאַלק, יוסף 289, 290, 322
פאַקל, י. 322
פדרהר, א. 322
פוזמק, משה לייבל 201
פיטערמאַן, פּ. 322
פייגענבערג, רחל 232
פיינמאַן, ח. 32, 46, 49
פיינשטיין, טויבע פעסל 349
פיכמאַן, יעקב 123, 127, 128
פינקלשטיין, ח. מ. 288
פריד, צבי 292
פרידמאַן, א. מ. 144
פרידמאַן, אליהו־צבי 150, 156
פרידמאַן, ד״א 122
פריימאַן 180

צ

צאַנין, מ. 241, 289, 290
צוויג, אַרנאָלד 241
צוקער, ב. 322
צוקערמאַן (דרוקערײַ) 348
צוקערמאַן, ברוך 231
ציזלינג, אהרן 243
צייטלין, אהרן 215
צמח, ש. 132

ק

קאַבאַק, א. 20
קאַבלאַנאָוו, א. 216
קאָווע, אהרן 285—286, 336
קאָזלאָווסקי, משה 333
קאַכמאַן, מ. ו. 333
קאָלער, א. מ. 51, 52
קאַמזון, י ד. 275
קאַמענעצקי, ח. 51
קאַנטאָראָוויטש, מ. 45, 49
קאַסאָווער, מ׳, 15, 16, 17, 348
קאַפּלאַנסקי, ש. 79, 88—91, 93, 95—98, 100, 101, 106, 109, 110—111, 112—113
קאַציזנע, אַלטער 133—135
קאַראַלניק, א. 235
קאַרטשאַק, רוזשקאַ 243
קאַרן, יצחק 6
קויש, נתן 41, 48, 55
קולבאַק, משה 304, 319, 335
קוק, א״י 241
קושניר, מרדכי 40—41
קירנעס, יחיאל מיכל 349
קלויזנער, יוסף 136, 143—144, 145, 146, 147, 151, 152, 153—154, 157, 162, 164, 166, 167, 171, 172, 173, 174, 175, 177, 178, 179, 180, 197, 210, 213—214
קליר, אליעזר 288, 290, 322, 336
קלעצקין, באָריס 120—121, 123
קמחי, דב 128, 266
קעניג, לעאָ 726
קעניגשטיין, י. 322
קצנעלסאָן, יצחק 289
קראַל, צבי 214
קראַמפּף, ר. 322
קרעפּליאַק, י. 243

ר

ראַבאַן, ישראל 289
ראַבינאָוויטש, יעקב 121—122, 126, 127, 128, 132, 135, 137, 255—256, 269
ראַבינאָוויטש, מנחם 354
ראובני, א. 252, 253, 255—269, 334, 336
ראַוויטש, מלך 215
ראַוניצקי, י.׳ ח. ר. 130
ראָזענפעלד, ש. 174—175
ראָטשטיין, אברהם 356
רבינזאָן, מרדכי 150, 208
רובינליכט, י. 137
רופין, א. 151, 164
רוקח, ישראל 214, 229
רחל (די דיכטערין) 266
ריוועס, אברהם 280—283, 289
רייזען, אברהם 228
רײַס, אַנשל 82—83, 85, 86, 88, 109
רמז, דוד 43, 90—91, 93, 238
רעוועלסקי, י. 173
רעסלער 253
רפאלי 256

ש

שאַפּיראָ, דוד 141, 157, 160, 166, 172, 176, 177, 181
שאַפּיראָ, י. 103
שאַפּיראָ, ל. 230
שאַפּנפעלד, ל. 322
שאַצקי, יעקב 229, 234, 235
שאַרגעל, הלל 306—307
שאַרגעל, יעקב־צבי 211, 252, 288, 304—306, 335
שוואַבע, מ. 148, 152, 164, 166, 172
שוואַלב, ל. 322
שוואַרץ מאָריס 238
שוואַרצמאַן, אשר 310
שוויַיגער, י. 88, 93
שומרוני, א. 57
שור, משה 177, 178, 179—180
שורר, (חיים) 111, 112
שז״ר, (זלמן) 100, 231
שטאַל, יעקב (פּסעוודאָנים) 313—316, 332—333
שטאַלצער, ז. 322
שטיינבוים, י. 45

שטיינמאַן, אליעזר 119, 122, 123, 127, 135—136, 137, 154, 219, 295
שילער, (שלמה) 34
שיפער 181
שלאַנסקי, אברהם 119, 123, 125, 127, 135—136, 137, 154, 174, 209, 212, 219
שלום, גרשם 146, 147, 151, 164, 166—167
שלום־עליכם 271, 289, 293
שמוש, אמנון 245
שמיד, ד״ר 42
שמערוק, חנא 181
שמרי, אריה 316—321, 336
שניאור, ז. 121, 290
שענהויט־שנהוד, שלמה 308—309, 336
שערמאַן, בצלאל 228, 229
שפיגלמאַן־יציב, י. — זען : יציב, י.
שפיזמאַן, ל. 111
שפיצער, חיים דוד 351
שפירטאַק 322
שפרינצאַק, יוסף 34, 35, 38—39, 41, 65, 246
שרפי, א. 289

ת

תלוש, 253, 255